STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00365

NAYE TSAYTN

David Flinker

Permanent preservation of this book was made possible by
Seymour D. & Barbara K. Wolf
in memory of
their parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פלינקער

נייע צייטן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

120

רעדאַקטאָר:

מארק טורקאָוו

פארלאגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

דוד פלינקער

נייע צייטן

ראָמאַן
פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פוילן

בוך איינס

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בועגאָס־איירעס, 1957 — תשי״ז

אינהאַלט

זייט

ערשטער טייל:

ווי גנבים אין וואַלד — 7
אין „שטאָב" פון מאַיאָר קעמפּקע — 21
דער „פּאַן" העכט — 26
פון „יענער וועלט" — 29
אַמאָליקע צייטן — 53
פאַרנאַכט אויף די נאַלעווקעס — 78
דער קליינער זעליקל רעדט תכלית מיט זיין בן־יחיד — 88
פיניע — 98
אַ שאָטן מאָנט זיין רעכט — 131
די ערשטע ליבע פון אַ שטיבל־בחור — 149
אויפגעקומענע גבירים — 173
ביי מלכהלע דער גרושה — 215
אין דערוואַרטונג — 233
מאַניע פון דער פּאַנסקע גאַס — 236
ר' לייבוש גרינגלאַס האָט טענות צו די היינטיקע קינדער — 250
די קאַלטע בלום — 265
דער לעצטער טיש ביי ר' לוין — 301
רעגינקע — 328
פיניע קומט צוריק — 359

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

ווי גנבים אין וואַלד

— מאַמע אין הימל ווי דערלעבט מען שוין צו זיין אין שטוב! — ריזעלע די שפּיליטערין האָט אין דער פינצטערער טיפער אויפן שטערן אַראָפּגערוקט איר העל בלאָנד אויסגעקראַכן שייטל, ווי אַ סגולה קעגן אַלע בייזע מזיקים, וואָס לאָקערן דאָ ביינאַכט אין וואַלד פון יעדן בוים אַפּער.

איר איינגעדאַרט לייב איז געווען אַרומגעוויקלט מיט גאַנצע שיכטן פון שאַרכענדיקן זיידנצייג, מיט שטיקער פיינעם גלעטנדיקן סאַמעט און מיט שווערן בילעצער טוך.

די משא איז געווען צו שווער פאַר איר אויסגעדאַרטן גוף, און זי האָט קוים געשלעפּט אירע מידע פיס איבער דעם ווייכן און טיפן וואַלד־מאָך.

פאַר מידקייט וואָלט ריזעלע געפאַלן אויפן מאָך שוין לאַנג, אָבער די שרעק האָט זי מיט גוואַלד געהאַלטן אויף די פיס און זי ווייטער גע־טריבן.

זי האָט מורא געהאַט פאַר דער פינצטערניש פון דער נאַכט, און פאַרן וואַלד, און פאַר דער דראָענדיקער שטילקייט, און פאַר די שדים און נישט־גוטע, וואָס באַהאַלטן זיך אויס צווישן די ביימער; און נאָך מער פאַר אַלעם האָט זי זיך געשראָקן נישט אָפּצושטיין פון די אַנדערע און בלייבן אַליין, אויג אויף אויג מיט דער חשכות.

איר האַנט האָט נישט דרייסט אָנגעכאַפּט איר שכן בערל קרעמער ביים אַרבל און שווער סאָפּענדיק האָט זי זיך צום צענטן מאָל געשווירן:

— ווי כ׳בין אַ יידיש קינד, מער גיי איך נישט... נאָר דאָס איינע מאָל העלף מיר, גאָטעניו!...

בערל קרעמער האָט אַראָפּגעשאָקלט פון זיך דער יידענעס פאַר־שוויצטע פון שרעק האַנט און צו זיך בייז אַ מורמל געטאָן:

— נאָר זי האַלט זיך אין איין שווערן... יעדעס מאָל שווערט זי און צומאָרגנס פאַרגעסט זי... אַזאַ אשה!...

בערל קרעמער האָט געזונג געהאַט זיין אייגענע שרעק. ער האָט קוים

געפּטעמט פּאַר פּחד. די שרעק איז געקראָכן ווי מוראשקעס איבער זיין לייב, האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום זיינע הענט און פיס, האָט אים גע־שטאָכן אין די אויגן און ברייט צעעפנט דאָס מויל.

ער האָט אָבער געוווּסט בערל קרעמער, אַז מ׳טאָר זיך נישט שרעקן, אַז אַלע צרות קומען אַרויס, ווען מען שרעקט זיך, האָט ער מיט קלאַפּנ־דיקע ציין צו זיך געמורמלט:

— נישטאָ זיך פאַרוואָס צו שרעקן, בערל... נישטאָ פאַרוואָס...

זיין איינרעדן זיך אַליין האָט אים אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. בערל קרעמער איז ביי זיך געוועזן זיכער, אַז שולדיק אין זיין שרעק איז זי, רייזעלע, די שפּיליטערין. אַזאַ אָנשיקעניש, אַזאַ... טשעפּעט זיך צו און רק זי שווערט. שווערט ביי איר, און ביי אירע קינדערס לעבן און געזונט... אַ נאַרישע יידענע... ווּעמען וויל זי אָפּנאַרן מיט אירע שבועות? אפשר דעם רבונו של עולם? צי גאָר דעם יעקע נאַר?

בערל קרעמער קלערט וועגן דעם וועמען וויל רייזעלע אָפּנאַרן, כדי אַזוי אַרום ווייניקער צו טראַכטן וועגן זיין אייגענער שרעק. ער וויל זיין מורא איינשלעפערן, פאַרוויגן, פאַריידן די ציינער באַדאַי מיט די שבו־עות פון אַ נאַרישער יידענע, אַבי די צייט זאָל אַריבער און מ׳זאָל בשלום איבערקומען.

נאָר די שרעק לאָזט זיך נישט איבערקליגלען פון בערל קרעמער. זי לאָזט זיך נישט פאַררעדן די ציינער.

— ווו ביסטו? — רוימט זי אים איין אין אויער — דו הערסט דאָך צומאָל נישט די טריט פון די אַנדערע. אפשר ביסטו געבליבן אַליין?

בערל קרעמער וואָלט שוין איצט געוואָלט פילן אויף זיין אַרבל די האַנט פון רייזעלע דער שפּיליטערין. אַ יידענע טאַקע, אָבער פאָרט בע־סער ווי איינער אַליין ביינאַכט אין וואַלד.

בערל קרעמער בלייבט שטיין, די פיס זענען אים פאַרגליווערט גע־וואָרן פון שרעק, ער וויל זיך אָבער צו זיך אַליין נישט מודה זיין, אַז ער קאָן אויס מורא מער נישט רירן מיט זיינע פיס. ער פילט, אַז טאָמער איז ער זיך דערצו מודה, איז ער אַ פאַרפאַלענער און וועט זיך שוין מער פאַר פחד נישט קאָנען רירן פון אָרט. רעדט ער צו זיך:

— מאַלע וואָס קאָן מען טאָן, מ׳קאָן דאָך אַ יידענע נישט לאָזן איי־נע אַליין אין וואַלד...

ער דערפילט מער ווי ער דערהערט ווידער רייזעלעס שווער סאפען נעבן זיך. עס ווערט אים לייכטער וואָס ער איז פאָרט נישט אַליין. ער וויל זיך אָבער איבערצייגן, אַז ער האָט נישט קיין טעות. ער וויל דער־הערן איר שטים, כדי צו וויסן, אַז נעבן אים סאפעט כאָטש אַ מענטש און נישט גאָט באַהיט אַ נישט־גוטער...

בערל קרעמער הוסט שטיל אָפּ און זאָגט:

— האַ? וואָס זאָגט איר רייזעלע? איז עס אַ פּרנסה פאַר אַ ייד? אַרומשלעפּן זיך אַזוי...

אויף אַלע יידישע שונאים געזאָגט אַזעלכע פּרנסות — קרעכצט רייזעלע — און ווי מיינט איר, ס'איז נאָך ווייט?

—יאָך זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס — ציט בערל קרע־מער איין זיין איינגעהויקערטע פּלייצע.

בערל קרעמער דערמאנט זיך מיטאַמאָל, אַז ער רעדט כסדר מיט אַן אשה. אַוודאי ליגן אים נישט אין זינען   אַ ז ו י נ ע   זאַכן. פונדעסטוועגן איבעריקע רייד מיט אַ יידענע איז פאָרט נישט געזונט. און דערצו נאָך אין אַזאַ צייט, ווען מען דאַרף האָבן רחמים. גלייכער אַ קאַפּיטל תהילים. ער פּרוווט זאָגן אויסנווייניק עטלעכע פּסוקים תהילים און ער דערמאָנט זיך, אַז ערגעץ דאָ נעבן אים גייען אויך די בראַסלאַווער חסידים, וועמענס פּנימער זענען געווען אַזעלכע רואיקע, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געוווּסט דעם טעם פון שרעק. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס ער האָט זיי אין וועג פאַר־לוירן פון אויג. צו פילן זיי נעבן זיך וואָלט זיך גאָר אַנדערש געגאַנגען. פונדעסטוועגן ווערט אים אויך איצט לייכטער אויפן האַרץ. זיי מוזן דאָך פאָרט זיין ערגעץ דאָ נעבן אים. ער זעט זיי נישט, ווייל עס איז פינצטער, אָבער זיי זענען דאָ... אַזוינע יידן, אַזוינע יידן... שטעלן זיך איין דאָס לעבן פאַר יידישקייט און מאַכן זיך גאָרנישט דערפון. אין זייער זכות וועט אויך ער, בערל קרעמער, געהאָלפן ווערן.

בערל קרעמער וויל איצט געפונען אַ זכות אויף זיך. עס באַפאַלט אים אַ רחמנות אויף זיך אַליין. מ'שטיינסגעזאָגט אויף וואָס פּטרט ער די יאָרן? וואָס וועט ער זאָגן ווען מ'וועט אַמאָל עפענען דאָס בוך דאָרט אויבן אין הימל, און מ'וועט זען ווי ער האָט נעבעך פאַרטאַכלעוועט די פאָר יאָרן זיינע...

די שרעק פון וואַלד פאַראייניקט זיך מיט דער שרעק פאַרן הימל

און בערל קרעמער ווייסט שוין נישט, צי ער קאָן געפינען פאַר זיך עפּעס אַ זכות. ער דערמאָנט זיך אָן די קינדער אין שטוב, וועלכע וואַרטן אויף אים מיט שרעק, אָבער זיי פאַרשטייען שוין וווהין ער גייט און זיי בעטן אים שטענדיק ער זאָל שנעל צוריקקומען. די קינדער גיבן בערל קרעמער צוריק די פאַרלוירענע זעלבסטזיכערקייט. וואָס הייסט פאַרטאַכלעווען דאָס לעבן? און אין חדר אַריין ווער שיקט די קינדער? און מיט אַ שטיקל ברויט ווער פאַרזאָרגט זיי? און דירה־געלט ווער באַצאָלט?

און מיטאַמאָל פאַלט בערל קרעמערן איין, אַז עס איז אפשר גאָר־נישט אַזאַ יושרדיקער סדר אויף דער וועלט? פאַרוואָס זאָל ער זיך איצט מוזן אַרומשלעפּן איבער די וועלדער און אַפילו קיין צייט נישט האָבן רעכט אָפּצודאַוונען, און ער, דער דייטש קעמפּקע, זאָל פרעסן און זויפן און ווערן רייך פון יידישער פּראַצע? ווו איז יושר?

בערל קרעמערס מחשבות ווערן מיטאַמאָל איבערגעריסן פון אַ קוויטשענדיקן פרויען־אויסגעשריי:

— יאַנעק! טראָג זיך אָפּ מיט די הענט! — כיכיקעט היינטער זיי אַ שיקסע.

— קוק זי נאָר אָן, די צנועה — דערשרעקט זיך נישט יאַנעק — האָסט נאָך עפּעס צו פאַרלירן, זאָשקע?...

דאָס מאָל כיכיקען שוין און לאַכן הויך אין דער פינצטער קולות פון שקצים און שיקסעס צוזאַמען.

— אַ כוח פון גויישן יצר־הרע! — ציט בערל קרעמער מיט די פּלייצעס — ווייסט צומאָל נישט פון שרעק...

— אַ בראָך איז צו מיר, אַז יאָך גיי מיט אַזוינע... — רוקט זיך רייזעלע נענטער־צו צו בערל קרעמער — יאָך בין מנדר אויף ר׳ מאיר בעל הנס...

בערל קרעמער טראַכט, אַז אַמאָל מעג מען אויך אָן אשה האַרכן. בלי נדר, אַזוי ווי ער קומט אַריין בשלום צו זיך אין שטוב, וואַרפט ער אַריין אַכצן גראָשן אין דער בלאָער פּושקע. ר׳ מאיר בעל הנס וועט רחמנות האָבן. און ער רעדט שוין אַ צוגעלאָזענער צו רייזעלע דער שפּי־ליטעריין און געדענקט נישט, אַז ערשט מיט אַ מינוט פריער האָט ער דאָס זעלבע צו איר געזאָגט. און אפשר געדענקט ער יאָ, אַז דער עיקר זענען נישט די ווערטער, נאָר צו הערן נעבן זיך כאָטש אַ יידיש קול.

רעדט ער שטיל צו רײזעלען:

— נו, אַדרבה, זאָגט, איז עס אַ פּרנסה פאַר ײדן?

רײזעלע װיל װידעראַמאָל אױסלאָזן איר ביטער האַרץ צו אַלע ײדי־שע שונאימס קעפּ, אָבער דער בלינדער סטעפּאַן מאַכט זי שטיל.

דער בלינדער סטעפּאַן שרײַט נישט, ער רעדט שטיל, אָבער זײַן הײזעריקלעכער קול מאַכט אַלע שטום.

— שטיל צו אַלדי רוחות!

די שטילקײט אין װאַלד איז געװאָרן נאָך שװערער און דראָענדי־קער װי פריער. עס דאַכט זיך, אַז אַפילו דער װאַלד האָט דרך־ארץ פאַר דעם בלינדן סטעפּאַן, װער שמועסט די שמוגלערס. זײ װײסן גוט אַז מען שנײַדט שלעכט אָפּ, װען מען הערט זיך נישט צו צו די באַפעלן פון בלינדן סטעפּאַן.

בלינדער סטעפּאַן רופט מען אים סך־הכל עטלעכע יאָר. אָבער דער נאָמען איז גוט באַקאַנט אויף דער גאַנצער גרענעץ.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען אים גערופן דער הויכער סטעפּאַן. ער האָט דעמאָלט נאָך געזען אויף בײדע אויגן. בעת אַ קריגערײַ אין שענק האָבן אים װוילע יונגען אויסגעזעצט אײן אויג, אַ צעבלוטיקטן האָט מען אים אַװעקגעפירט אין שפּיטאָל און די פּאָליצײ־לײַט האָבן געװאָלט װיסן װער עס האָט אים אַזוי צעממיתט.

— נישט אײַער עסק! — האָט ער געענטפערט — איך װעל מיר שוין אַלײן מײַן שטעטל באַשטײן.

און ער האָט געהאַלטן װאָרט, דער בלינדער סטעפּאַן. חברה שמוג־לערס האָבן נאָר שטיל זיך געשושקעט װי אַזוי ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט זײַנע שונאים. מיט אײן אויג האָט ער נאָך מער װי פריער אָנגע־װאָרפן אַ שרעק אויף אַלע שמוגלער און גרענעץ־שװאַרצער.

אַפילו די פּאָנישע גרענעץ־היטער האָבן אויסגעמיטן דעם בלינדן סטעפּאַן און װען ער האָט געפירט איבער דער גרענעץ אַ פּאַרטיע, האָבן זײ, דעם צאַרס זעלנער, זיך געמאַכט נישט זען און נישט הערן.

— דער בלינדער סטעפּאַן זעט מיט אײן אויג בעסער װי אַ גאַנצער באַטאַליאָן — האָבן זיך זײַנע פרײַנד גערימט.

װען אָבער עס זענען געקומען די יעקעס און האָבן צעשניטן דאָס

פוילאַנדלאַנד אויף אַזוי פיל נייע און משונהדיקע גרענעצן, האָבן זיך אויך פאַר דעם בלינדן סטעפאַן אָנגערוקט שווערע צייטן.

ער האָט ווייטער געפירט איבער דער גרענעץ, און האָט נאָך מער וואָס אַן אמת פאַרדינגט, ווי אין די פאַנישע צייטן. די פאַרדינסטן האָבן אָבער מער נישט געהאַט דעם אַמאָליקן טעם. ער האָט אין זיינע גרויסע פויסטן צעקנייטשט מיט כעס גאַנצע גאַרשטן יעקיש געלט־פּאַפּיר, און ער האָט דאָס געלט מיט פאַראַכטונג צוגעוואָרפן דעם שענקער, ווי ער וואָלט ווי אַמשנעלסטן געוואָלט פטור ווערן פון דער „שייסע".

ניין, געלט איז פאַר דעם בלינדן סטעפאַן נישט געווען דאָס וויכ־טיקסטע. דאָס געלט האָט ער נאָר באַדאַרפט האָבן פאַר דעם שענקער און צו באַרימען זיך פאַר זיינע פריינד און צו באַצויבערן די פלאַקסנהאָריקע שיקסעס. מער ווי מיט זיינע פאַרדינסטן איז דער בלינדער סטעפאַן גע־ווען שטאָלץ אויף זיין מאַכט.

— איך שוואַרץ נישט קיין גרענעץ — האָט ער אין די פאַנישע צייטן מיט ברייטקייט דערציילט אין שענק — איך שפּאַציר זיך בלויז דורך און לאָמיך זען, אַז עמיצער זאָל מיר פאַרשטעלן דעם וועג.

די פאַניעס האָבן מורא געהאַט צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן בלינדן סטעפאַן. יעקע נאָר אָבער האָט צומאָל נישט געהאַט קיין שכל מורא צו האָבן פאַר דעם כעס פון בלינדן סטעפאַן.

און איינמאָל איז דאָס גאַנצע שטעטל אויפגעציטערט געוואָרן זעענ־דיק, ווי צוויי דייטשן פירן איבער דער גאַס דעם בלינדן סטעפאַן.

און אַלע האָבן אויך געזען, ווי דער קליינער גראָבבייכיקער מאַיאָר פריץ קעמפּקע, איז אין מיטן גאַס צוגעגאַנגען צו דעם הויכן בלינדן סטע־פאַן. ער האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, דער מאַיאָר קעמפּקע, און מיט זיינע פעטע און פוכקע הענטלעך אויסגעפּלאַסקעט דאָס ברויך־ביינערדיקע פנים פון בלינדן סטעפאַן.

יידן און גויים האָבן אָוועקגעדרייט די קעפּ. זיי האָבן מורא געהאַט צו זען דעם בלינדן סטעפאַנס חרפּה.

גוטע פריינד האָבן שפּעטער אויסגעקויפט דעם בלינדן סטעפאַן פון מאַיאָר קעמפּקעס פוכקע הענטלעך. די פעטש אָבער האָט מען פון סטע־פאַנס פנים נישט געקאָנט אָפּווישן. עטלעכע טעג האָט מען אים נישט גע־זען אין שטאָט. האָבן מענטשן געמיינט, אַז פאַר חרפּה האָט ער זיך אַ

מעשה אַנגעטאָן, דאָס איז אָבער נישט געווען ריכטיק. זיינע פריינד האָבן אים אַזוי אָנגעזויפן, אַז ער האָט פאַרגעסן זיך אויפצוהענגען. און, ווען ער האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער שוין נישט געטראַכט פון הענגען זיך. ער האָט געברענט אינגאַנצן פון נקמה.

ער איז צוריקגעקומען אין שטעטל און האָט זיך ווייטער גענומען צו זיין אַרבעט. נאָר דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן פאַרכמורעט און אין די אויגן האָט פון צייט צו צייט אויפגעבליצט אַן אומהיימלעך פייערל.

אין די פינצטערע נעכט האָט דער בלינדער סטעפּאַן געפירט „פּאַר־טיעס" איבער דער גרענעץ. נאָך דער אַרבעט איז ער גלייך אַוועק אין שענק, האָט זיך אָנגעשיכורט, האָט געשליידערט בראָנפן־גלעזער אויפן דיל און געשריען:

— די פגירה וועסטו ביי מיר איינעמען, דו יעקע!...

מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן איז דער בלינדער סטעפּאַן געשטאַנען אין מיטן שענק און מיט ביידע פויסטן זיך געזעצט אין האַרץ אַריין:

— דיר אויף צופיקעניש וועל איך ווייטער פירן, און דיינע בעבעכעס וועל איך אויך דיר אַרויסלאָזן, יעקע!...

דאָס וואָרט יעקע האָט דער בלינדער סטעפּאַן זיך אויסגעלערנט ביי די יידן, נאָר אַרויסגעזאָגט האָט ער דאָס וואָרט מיט אַזאַ רוצחישן גלאַנץ אין די אויגן, אַז דער שענקער האָט אַ בלייכער פאַרהאַקט די לאָדנס פון זיין שענק, און האָט זיך דערמיט אַליין נישט באַרואיקט, נאָר ער האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די ווידערשפּעניקע רייד קעגן דעם מוראדיקן מאַיאָר קעמפקע.

וואָרעם מאַיאָר קעמפקע איז געווען דער הערשער און, אַ חוץ דעם בלינדן סטעפּאַן, האָט קיינער נישט געוואַגט צו פאַרלייקענען צי גאָר באַ־שטרייטן זיין הערשאַפט. ער האָט געהערשט איבער דעם גוף, פאַרמעגן און אַפילו נשמה פון יעדן איינוווינער פון שטעטל.

ווי אַזוי מאַיאָר קעמפקע האָט באַוויזן אַזוי שטאַרק צו פאַרפעסטיקן זיין אומבאַשטרייטבאַרע הערשאַפט, האָט מען זיך אין שטעטל קיין רעכנ־שאַפט נישט אָפּגעגעבן. ס'ערשטע מאָל ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס, אויף זיינע וואַקלדיקע פיסלעך, איינגעפּרעסט זיין גראָבן בויך אין אַ מונדיר פון אַ דייטשן מאַיאָר, האָט ער אויסגעזען ווי אַ גוטער צו־געלאָזטער פעטער.

ער האָט געשמייכלט צו יעדן יידישן קרעמער, האָט געפּרוווט זיך פונאַנדערשמועסן מיט די פּויערטעס, וואָס זענען געקומען אויפן מאַרק מיט קוישלעך אייער און הינער, און האָט אַפילו די חדר־יינגלעך אויף דער גאַס דער ערשטער באַגריסט מיט זיין „גוט מאָרגן".

ער האָט ליב געהאַט זיך אָפּצושטעלן פאַר יעדער קראָם און דער קרעמער האָט זיך געריבן די אויגן פון שטוינען, צוהערנדיק זיך ווי דער הער מאַיאָר פרעגט זיך אויס אויף זיין ווייב און קינדער, און אויף זיין מסחר, און וויל אַפילו וויסן וויפל סחורה ער האָט אויף לאַגער און וויפל ער לייזט אַ טאָג.

— אַ לודזקע מענטשל, דער יעקע — האָבן יידן נאָך אַזאַ שמועס צו זיך געשמייכלט — ס'איז אַ מחיה מיט אים אַ רייד צו טאָן.

רייזעלע די שפּיליטערין האָט די ערשטע זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און זי האָט איינמאָל נאָך אַזאַ שמועס געזאָגט צו דעם מאַיאָר אויף דעם בעסטן דייטש וואָס זי האָט געקענט:

— אפשר וועלן זי, הער מאַיאָר, מוחל זיין און פאַרזוכן מיינע געפילטע פיש לכבוד שבת?

פאַר איר דרייסטקייט האָט רייזעלע זיך שטאַרק פאַרוויטלט, טאָמער וועט דער הער מאַיאָר זיך גאָר באַליידיקן פון אַן איינלאַדונג פון עפּעס אַ יידענע.

דער הער מאַיאָר האָט זיך אָבער נישט באַליידיקט. פאַרקערט, ער האָט גאָר פריינדלעך געשמייכלט צו רייזעלען און איז טאַקע אויך געקומען און געגעסן אירע געפילטע פיש.

פון דעמאָלט אָן האָבן שוין אויך אַנדערע יידן גענומען פאַרבעטן צו זיך דעם הער מאַיאָר און ער איז אויך צו זיי געקומען, האָט געסמאַקעוועט די יידישע פיש, האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן פון די געבראָטענע פּופּיקעס און האָט טאַקע געמאַכט די ריכטיקע כוסה אויך.

אַ באַזונדערס אָפּטער גאַסט איז ער געוואָרן אין די יידישע שטיבער, ווו עס האָבן זיך געפונען יונגע ווייבלעך און מיידלעך. זיינע פּוכקע פּעטע הענטלעך האָבן דעמאָלט נישט געקאָנט איינזיצן און זיי האָבן זיך כסדר געריסן צו די ווייבלעכס באַקן, צו זייערע אָרעמס, און דערביי האָבן זיינע קליינע גראָלעכע אייגלעך עפּעס אַזוי געגלאַנצט, ווי זיי וואָלטן געוועזן

איינגעשמירט מיט געגנדזענעם שמאַלץ וואָס יידישע באַלעבאָסטעס גרייטן צו אויף פסח.

די יונגע ווייבלעך האָבן זיך אַוועקגערוקט דערשראָקענע; די מיידלעך האָבן זיך געררויטלט פון די קאָמפּלימענטן וואָס זיי האָבן נישט אַזוי פאַרשטאַנען ווי גיכער אַרויסגעפילט, און די יידן האָבן צו זיך גערעדט:

— עישו בלייבט פאָרט עישו...

אַוודאי האָבן די גויים מקנא געווען די יידן. זיי, די גויים, זענען געווען שוין גאָר געהרגעט אויף מאַיאָר קעמפּפּקעס לשון. פון דעסטוועגן קאָן מען נישט זאָגן, אַז דער מאַיאָר קעמפּפקע האָט פאַרשעמט די גויים.

אַביסל שפּעטער האָט ער אויך צו די גויישע שטיבער געטראָפן. ער האָט זיך אויסגעפרעגט אויף זייערע קעלבער און הינער און אייער, און אויף דעם קאָרן און דעם ווייץ. די גויים האָבן זיך גענומען צו הילף אַ יידישן שכן, כדי דער „פאַן מאַיאָר" זאָל וויסן, אַז זיי זענען נישט אַבי וועד, אַז זיי זענען פיינע גאַספּאַדאַזשעס און זיי האָבן זיך נישט צו שעמען מיט זייערע הינער און קי און פעלדער.

דער גוטער יעקע האָט אַלץ אויסגעהערט, האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט זאָגן „דזיען דאָברי" (גוט־מאָרגן), האָט געשמייכלט צו די עלטערע גויעס, האָט געקניפּט די הינטנס פון די צערויטלטע יונגע שיקסעס און האָט זיי, די יונגע שיקסעס, אַפילו געבעטן קומען צו זיך אויפרוימען זיין שטוב.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אויף דער וואַנט פון מאַיאָר קעמפּפקעס הויז איז געוואָרן צוגעקלעפּט אַ לענגלעך פּאַפּיר מיט גרויסע שוואַרצע דייטשע בוכשטאַבן.

אויף דעם „פּאַפּיר" זענען געווען אויסגערעכנט די אייער, און די הינער, און די קי, און די קעלבער, און די תבואות פון די פויערישע פעלדער, און דאָס אייזנוואַרג, און די בשמים־סחורות, און דאָס שניטוואַרג פון די יידישע קראָמען. און נאָך דעם דאָזיקן לאַנגן צעטל איז געזאָגט געוואָרן, אַז די אַלע זאַכן ווערן „באַשלאַגנאַממען".

פון טשיקאַוועס־וועגן האָבן יידן געלייענט דעם לאַנגן צעטל און, ווען זיי זענען צוגעקומען צו דעם משונהדיקן יעקישן וואָרט „באַשלאַגנאַממען", האָבן זיי געקנייטשט די שטערנס און נישט פאַרשטאַנען וואָס אייגנטלעך דער יעקע מיינט צו זאָגן מיט זיין יעקישן לשון.

מאַיאָר קעמפּקע האָט, זעט אויס, אויך פאַרשטאַנען, אַז די איינוווי־נער פון שטעטל וועלן קיין סך נישט וויסן פון דעם אויסגעהאַנגענעם פּאַ־פּיר אויף דער וואַנט. האָט ער נאָך אין דעם זעלבן טאָג געלאָזט רופן צו זיך די יידן און די גויים און זיי געלאָזט וואַרטן אַ צייט הינטער דער טיר.

נאָכן אָפּוואַרטן אַ שעה האָט ער זיי געלאָזט אַריין אין זיין שטוב. ער איז געלעגן ברייט צעלייגט אין זיין פאָטער־שטול און האָט צו זיי פאָטערלעך גערעדט:

— זייט וויסן, מיינע פריינד, אַז פון היינט אָן געהערן צו מיר די אייער און די הינער און די קעלבער און די קי און די מילך און די תבו־אות פון די שפּייכלער און די סחורות פון די קראָמען. אַלץ, אַלץ געהערט צו מיר, צו דעם מאַיאָר קעמפּקע, וואָס איך בין דער געטרייער דינער פון זיין מאַיעסטאַט, אונדזער אַלעמענס האַר און קיסר.

די גויים זענען געשטאַנען מיט צעעפנטע מיילער און אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען. דאָס מאָל אָבער האָבן אויך די יידן נישט בעסער פאַרשטאַ־נען די יעקישע רייד. משוגע־מטורף איז ער, זעט אויס, געוואָרן דער יעקע. וואָרעם אַ מענטש מיט אַ קלאָרן קאָפּ קאָן דאָך אַזעלכע רייד נישט ריידן. וואָס הייסט, אַז אונדזערע הינער און אונדזערע אייער און אונדזערע סחורות באַלאַנגען גאָר צו אים, צו דעם מאַיאָר קעמפּקע? ווי אַזוי? פאַר־וואָס? סאַרע משה מחותן איז ער מיט אונדזערע קראָמען?

די גויים האָבן זיך געקראַצט די פּאָטעליניצעס; די יידן זענען געווען דרייסטער. ערשט, וואָס האָט ער, דער יעקע, ביי זיי געגעסן געפילטע פיש, האָבן זיי טאָקע צו אים געזאָגט מיט גרויס דרך־ארץ:

— דער הער מאַיאָר מאַכט אַ שפּאַס... וואָס הייסט אונדזערע קראָ־מען...

מאַיאָר קעמפּקעס פּנים איז געוואָרן צונטער רויט. זיינע קליינע, גראָלעכע אייגלעך האָבן זיך רוצחיש צעצונדן:

— דאָנערוועטער! — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון פאָטער־שטול — איר שמוציקע יודען!...

און דעמאָלט זענען פאַר די צעשראָקענע איינוווינער פּלוצלונג אַרויסגעוואַקסן הויכע עוג מלך־הבשנדיקע זשאַנדאַרמען, און זיי האָבן גע־נומען טרייבן די מענטשן מיט משונהדיקע באַנומענע קולות:

— הערויס, שמוציגע יודען!... הערויס, פּאָלנישע שווייַנען!...

נישט אַזוי לייכט האָבן סיי די יידן, סיי די גויים זיך אונטערגעגעבן דעם מאַיאָר קעמפּקע. נישט אומעטום, האָבן זיי געטראַכט, איז יעקע פּלוצלונג משוגע געוואָרן און רעדט זיך איין, אַז אַלץ באַלאַנגט צו אים. זענען זיי זיך צעלאָפן איינער אויף רעכטס און איינער אויף לינקס. זיי האָבן געפּרוווט זיך אַריבערכאַפּן אין אַנדערע שטעטלעך, אפשר וועט מען דאָרט נישט וויסן פון דעם קעמפּקע־אַנשיקעניש. נישט לאַנג האָט געדויערט דאָס לויפן, איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי צוריקגעקומען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אומעטום איז דאָ דער זעלבער קעמפּקע. עס הייסט אומעטום האָט ער אַן אַנדערן נאָמען, נאָר אין דער אמתן איז ער דער זעלבער קעמפּקע מיט דעם זעלבן משוגעת, אַז אַלץ געהערט צו אים.

איז אַן אימה אַנגעפאַלן אויף די יידן און די גויים. זיי האָבן זיך געזען אַרומגערינגלט מיט הונדערטער טויזנטער קעמפּקעס פון אַלע זייטן און אויף יעדן טריט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ „גרענעץ" מיט הויכע זשאַנדאַרמען מיט ביקסן אין די הענט.

די יידן האָבן מתפלל געווען אין די שולן, און די גויים האָבן געבעטן להבדיל צו זייער יויזל, און, ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָבן אַלע איינגעזען באַשיימפּערלעך, אַז מאַיאָר קעמפּקע איז טאַקע דער הערשער און זיי האָבן שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר איז דער יעקע טאַקע גערעכט און צו אים געהערן טאַקע די געגנדן און די קי און דער קאָרן און דער ווייץ און דאָס אייזנוואַרג און דאָס שניטוואַרג און די אַנדערע סחורות, און בכלל אַלץ, וואָס זיי האָבן על פּי טעות געמיינט אַמאָל, אַז עס איז זייער אייגנטום.

מאַיאָר פריץ קעמפּקע האָט מיט יעדן טאָג אַלץ העכער געשריען „דאָנערוועטער", און וואָס העכער ער האָט געשריען, אַלץ מער האָבן די איינוווינער פון דעם שטעטל פונקט ווי די איינוווינער פון אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך, איינגעזען אַז יעקע האָט רעכט, אַז ער איז טאַקע דער אמתדיקער באַלעבאָס און אַז אַלע פעלדער און אַלע גערטנער און אַלע הייזער און אַלע קראָמען זענען טאַקע זיינע, דעם מאַיאָר קעמפּקעס אייגנטום, הייסט עס.

נאָר איין זאַך האָבן די געשרייען פון דעם מאַיאָר קעמפּקע נישט געקאָנט באַוויַיזן. זיי האָבן נישט געקאָנט זאָט מאַכן די הונגעריקע מאָגנס

נישט פון די יידן און נישט פון די גויים. האָבן סיי די ערשטע און סיי די אַנדערע גענומען גנבענען. זיי האָבן, וואָס אַן אמת, געגנבעט זייערע אייגענע הינער און אייער און ברויט און קי און שניט־סחורות. פון דעסט־וועגן האָבן זיי זיך געפילט ווי אמתדיקע גנבים. און ווי גנבים האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען ווערט די האַרבע שטראָפן וואָס דער מאַיאָר קעמפּקע האָט זיי נישט געקאַרגט.

פון צייט צו צייט איז זיי אויך געלונגען אויסצומיידן דעם מאַיאָר קעמפּקעס שטראָף און דעמאָלט האָבן זיי געלאַכט פון דעם נאַרישן יעקע, פונקט ווי גנבים לאַכן ווען זיי פּאַקן אַ יאָלד.

דער בלינדער סטעפּאַן האָט זיי געהאָלפן אין די גניבות. ער האָט זיי ביינאַכט געפירט איבער די גרענעצן און האָט זיי געלערנט ווי אַזוי אויס־צומיידן דעם יעקעס שטרענגע שומרים.

אַ קאַץ־און־מויז־שפּיל האָט זיך געפירט צווישן דעם מאַיאָר קעמפּ־קע און די איינוווינער פון שטעטל. ביידע האָבן געמיינט, אַז איינער נאַרט דעם אַנדערן און אין דער אמתן האָבן ביידע זיך געוואָלט נאַרן.

מאַיאָר קעמפּקע האָט מיט איין פאַרזשמורעט אויג געקוקט אויף די שמוגלער. אויך ער האָט באַגנבעט אַ קעמפּקע, וואָס איז געווען א י ־ ב ע ר אים און האָט א י ם געהיט, האָט ער געוואָלט די שמוגלערס כאַפּן ביי דער האַנט, כדי זיך מיט זיי צו טיילן.

רייזעלע די שפּיליטערין מיט איר אויסגעקראָכן בלאָנדן שייטל און בערל קרעמער מיטן שיטערן גראָלעכן בערדל שלעפּנדיק זיך ביינאַכט איבערן פינצטערן וואַלד האָבן אָבער נישט געקאָנט באַנעמען די אַלע פיינקייטן פון דעם קאַץ־און־מויז־שפּיל. זיי האָבן איינפאַך מורא גע־האַט און צאָן ביי צאָן האָט ביי זיי געקלאַפּט פאַר שרעק.

זיי האָבן זיך געפילט ווי פאַרברעכער, ווי אמתדיקע גנבים. זיי האָבן שוין נישט געדענקט, אַז עס איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען די דאָזיקע אַלע סחורות וואָס זיי גנבענען איצט, האָבן צו זיי באַלאַנגט. איצט האָבן זיי געוווּסט, אַז זיי טוען אַ פאַרברעך פאַר וועלכן עס קומט זיי מיט רעכט אַ שטראָף. יעדעס מאָל האָבן זיי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז מער טוען זיי שוין נישט אַזאַ זאַך. זיי האָבן זיך אַ נדר געטאָן נישט צו גיין מער אין וואַלד. נאָר יעדעס מאָל האָבן זיי דעם נדר געבראָכן. זיי האָבן זיך געפילט

זינדיק נישט בלויז פאַר דעם מאַיאָר קעמפּקע, נאָר אויך פאַר גאָט, און זיי האָבן זיך נאָך מער געשראָקן.

איין טרייסט האָבן זיי אָבער געהאַט. די טרייסט פון אַ מענטש, אַז ער איז נישט איינער אַליין אין אַ צרה. אין דער נאַכטיקער פינצטערניש פון וואַלד האָבן זיי נישט געקאָנט זען קיין מענטשנס פּנים. זיי האָבן אָבער נעבן זיך געפילט דעם אָטעם פון מענטשן. דערצו נאָך יידן. אַפילו די שקצים און שיקסעס וועלכע האָבן נאָר וואָס אַזוי פאַרשייט געכיכי־קעט, זענען זיי איצט געוואָרן נאָענט.

— רואיק! — האָט זיך דערהערט דעם בלינדן סטעפאַנס באַפעל — וואַרפט אַוועק די סיגאַרעטן!

אַלע האָבן איינגעצויגן דעם אָטעם. די קליינע פלעמעלעך פון די מאַכאָרקע־סיגאַרעטן זענען מיטאַמאָל אויסגעגאַנגען.

— איינער נאָכן אַנדערן אין טייך! — האָט דער בלינדער סטעפאַן באַפוילן. — נישט שטופּן זיך.

אין דער פינצטערניש האָט איינער דעם צווייטן נישט געזען. די גע־פאַר האָט אָבער אָנגעשפּיצט די חושים. יעדער האָט אינסטינקטיוו גע־פילט וואָס ער האָט צו טאָן, און ווו זיין אָרט איז.

די שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן. נישט אָפּט פירט דער בלינדער סטעפאַן איבערן טייך. זעט אויס, אַז היינט קאָן מען נישט אַנדערש.

שטיל און שאָרכלאָז האָבן מענטשלעכע געשטאַלטן זיך גערוקט אי־בער דעם שטילן בלאָלעכן וואַסער, וואָס האָט ביינאַכט באַקומען אַ סמאָ־לע־קאָליר.

רייזעלע האָט זיך גערוקט נאָך די אַנדערע. איר אָטעם איז נאָך שווע־רער געוואָרן. ס׳ערשטע מאָל ווי זי גייט איבערן טייך. דאָס וואַסער האָט זיך דורכגעריסן דורך איר לייב און עס האָט זיך איר געדאַכט ווי קאַלטע ווערעם קריכן איבער אירע גלידער.

זי האָט זיך איצט אַפילו שוין נישט געשראָקן פאַר דעם מאַיאָר קעמפּקע. אַ גרעסערע און טיפערע שרעק האָט זי באַהערשט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די אַלע מוראדיקע מעשיות וועגן שדים און נישט־גוטע וואָס קומען זיך ביינאַכט טובלען אין טייך. איר בליק איז געוואָרן פאַרנעפּלט און עס איז איר פאָרגעקומען, אַז זי זעט זיי טאַקע די שדים און רוחות פּלעסקען זיך אינעם וואַסער.

רייזעלע האָט געפילט, אַז די שרעק נעמט זי אַרום ווי מיט אַן אייזערנער קלעם, אַז איר האַרץ וועט אָט־אָט אין דער קלעם צעריסן ווערן. אַ געשריי האָט זיך געריסן פון איר אינגעווייד. זי האָט אָבער נאָך געדענקט, רייזעלע, אַז מען טאָר נישט שרייען. זי האָט דאָס געשריי אין זיך דערשטיקט. מיט די לעצטע כוחות צוריק אַריינגעשטופּט אין איר אינגעווייד דאָס געשריי, וואָס האָט זיך פון איר געריסן.

דאָס באַוווּסטזיין, אַז זי טאָר נישט שרייען איז געוואָרן פאַר רייזעלען אומדערטרעגלעך. עס האָט זי פּלוצלונג אַרומגענומען אַ ליידנשאַפטלעכער באַגער צו לאָזן הערן איר קול. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ווי נאָר זי וועט אַרויסוואַרפן פון זיך דאָס פאַרשטיקטע געשריי, וועט איר ווערן גוט און לייכט...

פּלוצלונג האָבן רייזעלעס הענט וואָס האָבן געטריבן פון זיך דאָס וואַסער, דערפילט ווי עפּעס ווייכעס קלעפּט זיך צו צו אירע פינגער. די פינגער אירע האָבן דאָס ווייכע אָנגעכאַפּט. ערשט שפּעטער האָט רייזעלע געזען אין האַנט אַ זעלנעריש היטל וואָס איז צו איר צוגעשווומען. אין וואַסער אָבער האָט רייזעלע גאָרנישט געזען פאַר שרעק. זי איז געווען זיכער, אַז זי האַלט אין האַנט אַ קליין ש ד ל און זי האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי עס האָט זיך פון איר האַלדז אַרויסגעריסן:

— שמע ישראל!...

זי האָט אינסטינקטיוו זיך אַ ריס געטאָן צו איר שכן בערל קרעמער.

בערל קרעמער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. ער האָט זיך אויסגעגליטשט אין וואַסער מיט אַ דערשראָקענעם אויסגעצויגענעם „אוי!".

איבערן הימל האָט באַלד פון צווייטן ברעג, ווי אַ לאַנגער ווייסער שלאַנג, זיך אויסגעצויגן אַ רעפלעקטאָר און עס האָט זיך דערהערט אַ קורצער און שטרענגער באַפעל:

— האַלט!

דער בלינדער סטעפּאַן אַליין האָט באַוויזן זיך אונטערצוטונקען אונטערן וואַסער און צו פאַרשווינדן. די גאַנצע מחנה שמוגלער איז אַריינגעפאַלן צו מאַיאָר קעמפּקע אין געפאַנגענשאַפט.

די יידן זענען געגאַנגען שווייגנדיקע און פאַרחושכטע און די גויים און גוייטעס האָבן מיט ביטערע קללות געשאָלטן די זשידעס, וואָס צוליב זיי קומען אַלע צרות.

קאַפּיטל צװײ

אין „שטאַב" פון מאַיאָר קעמפּקע

די דײטשע שומרים האָבן די אַרעסטירטע שמוגלער אַרײנגעפּירט אין אַ הילצערנעם באַראַק, װאָס דער מאַיאָר קעמפּקע האָט אױפגעשטעלט האַרט בײם ברעג פון טײכל און װאָס ער האָט גערופן „שטאַב".

דער באַראַק איז געװען אַ זײער לאַנגער און דעריבער האָט ער אױסגעזען שמאָלער װי ער איז געװען. אײן גרױסער קאַרביד־לאָמפּ האָט געהאָנגען אױפן סופיט אין דער מיט פון באַראַק און אין זײן שװאַכן ליכט האָבן די געכאַפּטע שמוגלער געהאַט צײט אָנצוקוקן אײנער דעם אַנדערן.

דער בלינדער סטעפּאַן פלעגט זײנע קליענטן צונױפנעמען בײנאַכט און אין דער פינצטער זיך מיט זײ פונאַנדערגײן. ערשט אין מאַיאָר קעמ־פּקעס געפאַנגענשאַפט האָבן זײ געהאַט די מעגלעכקײט צו דערקענען אײנער דעם אַנדערן. יונגע שיקסעס האָבן נישט געגלײבט זײערע אײגע־נע אױגן, אַז די שײנע באַלעבאַטים פון יידישע שטיבער, װו זײ זענען ערשט נישט לאַנג געװען דינסטן, שטײען נעבן זײ. די קלײנשטעטלדיקע װװילע יונגען האָבן זיך געריבן די אױגן פון שטױנען קוקנדיק אױף שלמה לערער. רײזעלע די שפּיליטערין האָט פאַרגעסן אין איר אײגענעם אומ־גליק, דערזעענדיק דאָס בלײכע פּנים פון שטאָט־נגידס טאָכטער. און בערל קרעמער האָט פאַרגעסן זײן אײגענע שרעק און געהאַט הנאה װאָס זײן קאָנקורענט און שונא דער קלײנער משהל שטײט איצט נעבן אים און ליגט אױך „אין פּעקל".

בײם סאַמע עק פון באַראַק איז געשטאַנען אַ קלײן הילצערן טישל, הינטער װעלכן עס איז געזעסן פאַרלײגט אײן פוס אױפן אַנדערן דער מאַיאָר קעמפּקע. ער האָט אַ שװײַגנדיקער געקוקט. רױכערנדיק זײן ציגאַר, אױף זײנע געפאַנגענע. מיט אַ געניט אױג האָט ער געװאַנדערט פון אײן פּנים צום אַנדערן. נײן, דער הײנטיקער פאַנג געפעלט אים נישט. אַ באַנדע שלעפּערס, אײנס בײ אײנס. אַזױנע לײט האָבן צומאָל נישט קײן שכל אײנצונײען אין זײערע קלײדער די קלײנע בלישטשע־דיקע צאַרישע גאָלדשטיקלעך צי די לאַנגע גרינלעכע אַמעריקאַנער דאָ־לאַרן, אָדער כאָטש אַ בריליאַנטל. נײן, זײ פאַלט צומאָל נישט אײן, אַז

ער, זייער האַר און באַפעלער, דער מאַיאָר קעמפּקע, וואָלט זייער גערן געהאַט אַזעלכע קלייניקייטן ביי זיי צו געפינען. אַזעלכע שנאָרערס!...

מאַיאָר קעמפּקעס אויגן קוקן מיט פאַראַכטונג אויף די דיקע, ווי אָנגעשוואָלענע, לייבער פון זיינע געפאַנגענע. ער ווייסט, אַז נישט פון זיינע קעסט זענען זיי אַלע מיטאַמאָל אַזוי פעט געוואָרן. ער ווייסט, אַז די גופים פון זיינע געפאַנגענע זענען אין דער אמתן איינגעדאַרטע און איינגעטריקנטע און אַז זיי זענען אַרומגעהאַנגען מיט דיקע שיכטן ברויט־לעך, פּוטער, פלייש, צי מיט שניטוואַרג און זיידנצייג.

מאַיאָר קעמפּקע קרימט אויס זיינע דיקע אָנגעשוואָלענע ליפּן. מוחל אַזעלכע מציאות! זיינע שטיבער זענען שוין פול מיט דער „שייסע״. און אויך זיין פרוי אין בערלין די ליבנדע געמאַלין גערטרוד. ווי זי שרייבט זיך אונטער אין די לאַנגע בריוו צו אים, האָט שוין דאָס אַלץ איבערגענוג. ער האָט טאַקע היינט ווידער דערהאַלטן פון איר אַ לאַנגן בריוו. זי האָט שוין גענוג, שרייבט זי, די פוטערס און די קעזן און די אַנדערע שייסע. זי וויל עפּעס אַנדערש, די ליבע פרוי געמאַלין. פינגערלעך, האָט זי גע־הערט, מיט גרויסע בלישטשענדיקע בריליאַנטן האָבן די דאָזיקע שמוציקע פּאָלנישע יודען און זייגערלעך גאָלדענע האָט יעדער פון זיי. צי ווייסט נישט פון דעם איר אַזוי הייס געליבטער געמאַל? אָדער אפשר באַהאַלט ער דאָס אַלץ פאַר עפּעס אַ פרוילין ערגעץ ווו? זיין אימער ליבנדע גער־טרוד איז דעריבער אומרואיק און זי טראַכט צו קומען צו אים מיט אַ באַזוך, אַבוואָל די שמוציקע יודען שרעקן זי. זי מוז אָבער, זאָגט זי, אויסגעפינען וואָס עס איז געשען מיט איר טייערן פריץ.

דעם מאַיאָר קעמפּקע איז נישט צו דער האַנט גראָד איצט אַ באַ־זוך פון זיין ליבער געמאַלין. גראָד אין די לעצטע טעג האָט ער אַריינגע־נומען צו זיך אין שטוב אַ פרוילין. ער גיט איר נישט, וואָס דער אמת, קיין רינגעלעך און קיין זייגערלעך, דאָס נישט. די ליבע פון אים, דעם מאַיאָר קעמפּקע, מיט זיין אויפגעשוואָלענעם ביר־בויך איז איבערגענוג פאַר אַזאַ פּאָלנישער ה... די ליבע גערטרוד וואָלט אָבער פון דעם נישט געוואָלט וויסן. פאַר איר געשריי האָט ער, דער מאַיאָר קעמפּקע, נישט ווייניק מורא. ער באַדויערט שוין איצט פאַרוואָס ער האָט איר נישט גע־שיקט טאַקע אַ פינגערל. ער טוט אַ שמייכל צו זיך. עס מאַכט נישט. ער האָט נישט ווייניק פון דעם אַלעם וואָס זיין ליבער געמאַלין ווילט זיך

אַזוי שטאַרק האָבן. ער האָט עס נאָר צו איר נישט געשיקט. ער באַהאַלט זיין „שאַץ" אויף נאָכן קריג. דעמאָלט וועט ער פּילייכט זאָגן זיין געמאַלין, אַז ער האָט שוין געגוג איר הייסע ליבע. ער וועט זיך אויסזוכן אַן אַנדערן שאַץ. דעם סוד באַהאַלט ער טיף ביי זיך, פּונקט ווי ער באַהאַלט זיין אוצר מיט די גאָלדשטיקלעך און פינגערלעך און זייגערלעך. אַ שאָד וואָס ער האָט כאָטש עפּעס איר נישט געשיקט.

— טאָמער וועל איך איצט עפּעס געפינען ביי זיי — קוקט ער אויף זיינע געפאַנגענע — וועל איך איר אומבאַדינגט שיקן, אַבי זי זאָל בלייבן זיצן אין שטוב...

ער ווייסט אָבער אַז דאַסמאָל וועט ער גראַד נישט געפינען דאָס, וואָס ער דאַרף. און עס קומט אים פאָר, אַז זיי האָבן אים אָפּגענאַרט, זיינע געפאַנגענע. יאָ, זיי די שלעפּערס, די שנאָרערס, האָבן באַדאַרפט וויסן וואָס ער, דער מאַיאָר קעמפּקע, דאַרף איצט האָבן. זיי זענען שולדיק. זיי האָבן באַדאַרפט וויסן וואָס ער, דער מאַיאָר קעמפּקע, זוכט. און אויב זיי וואָגן ווידערצושפּעניקן זיין ווילן, וועלן זיי פאָר דער חוצפּה באַצאָלן.

דער רויטער פעטער קאַרק פון מאַיאָר קעמפּקע ווערט נאָך רויטער. ער שטעלט זיך שווער אויף אויף זיינע דיקע קורצע פיסלעך. אַ ווייל שטייט ער אַ שווייגנדיקער. מיט ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צום טיש ווי אַן אָקס וואָס גרייט זיך צו וואַרפן אויף זיין קרבן.

ער רירט זיך נישט פון אָרט. זיין רעכטע האַנט הייבט זיך לאַנגזאַם אויף פון טיש און באַלד פאַלט זי צוריק מיט אַ האַסטיקן זעץ אויף דעם האַרטן ברעט. פון זיין מויל רייסן זיך הייזעריקלעך כאָרכלדיקע קולות.

ניין! מער וועט ער נישט דולדן אַזעלכע פאַרברעכנס! ער האָט גענוג געפּרוווט מיט גוטן. גענוג געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס געזעץ מיז מען שאַנעווען. ווען אָבער די „לויטע" לייגן נישט קיין אַכט אויף זיינע וואָרנונגען, וועט ער מיט זיי איצט אַנדערש האַנדלען!...

אַזוי האָט ער געשריען דער מאַיאָר קעמפּקע. זיין פעט אויסגעפּאַשעט פּנים איז געוואָרן צונטער רויט און זיינע גראָע וואַסערדיקע אייגלעך זענען געוואָרן אָנגעלאָפן מיט בלוט.

די מענטשן אין באַראַק זענען געשטאַנען צעטומלטע און בלייכע.

זיי האָבן אפילו נישט געפרווווט וועלן פאַרשטיין דעם יעקעס כאַרכלדיקע גוואַלדן. זיי האָבן אָבער געפילט אַז עס וועט הײנט זיין שווערער ווי שטענדיק.

רייזעלע די שפּיליטערין טוט זיך איצט שוין אויף אַן אמת אַ נדר. אַזוי זאָגט זי צו זיך אַליין, מער אַזעלכעס נישט צו טאָן. זי באַהאַלט איר קאָפּ מיטן אויסגעקראַכענעם בלאָנדן שייטל הינטער דער איינגעהויקערטער פּלייצע פון בערל קרעמער.

די כאַרכלדיקע גוואַלדן שטעלן זיך מיטאַמאָל אָפּ. פּאָר אַזעלכע שנאָרערס דאַרף מאַיאָר קעמפּקע זיך נישט צופיל רייסן דעם האַלדז.

די קליינע גראָע אייגעלעך לויפן שנעל און דורכדרינגלעך פון איין געפאַנגענעם צום אַנדערן. זיי פאַרהאַלטן זיך לענגער אַרום אַ קאָפּ מיט געדיכטע פלאַקסענע, כמעט ווייסע האָר.

מאַיאָר קעמפּקען דאַכט זיך, אַז ער האָט שוין דעם קאָפּ ערגעץ ווו געזען. אָה, יאָ! זי איז דאָך שוין אַמאָל געווען זיין געפאַנגענע. ער געדענקט אַפילו איר נאָמען: זאָשקע.

ער דערפילט דעם ריח פון פרישן שמעקעוודיקן גראָז. אַזאַ ריח האָט געהאַט איר לייב, ווען ער האָט מיט זיינע דיקע פעטע הענטלעך עס באַפרייט פון די שווערע שטיקער סחורות מיט וועלכע זי איז געווען אַרומגעוויקלט. מאַיאָר קעמפּקע באַלעקט זיינע דיקע ליפּן. יאָ, זי, זאָשקע, וועט שוין היינט מיט אים בלייבן.

זאָשקע דערפילט אויף זיך דעם יעקעס בליק. זי ווייסט שוין, אַז ער האָט זי דערקענט. אויף אירע פולע באַקן, וואָס האָבן דעם קאָליר פון פרישע ראָזע עפּל, שפּראַצט אַרויס אַ שמייכל.

דאָס טוך, מיט וועלכן זי איז געווען אַרומגעוויקלט, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר פּלייצע און איר יונגע ברוסט האָט חוצפּהדיק זיך געריסן אַפער פון איר צו ענגער בלוזע.

זי האָט פויל אויסגעצויגן איר לייב, פילנדיק ווי דעם יעקעס אויגן לויפן נאָך יעדע באַוועגונג פון אירע גלידער.

וויגנדיק זיך אויף אירע היפטן האָט זאָשקע זיך דערנעענטערט צום טישל הינטער וועלכן עס איז געשטאַנען מאַיאָר קעמפּקע.

— איך אייל זיך אין שטוב — האָט זי געזאָגט, אַרויסווייזנדיק צוויי שרענגעס ווייסע ציין.

מאיאָר קעמפּקע האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ באַנק אָן אַ זייט און כלומרשט שטרענג געענטפערט:

— מיט דיר דאַרף איך באַזונדער ריידן, זעץ זיך און וואַרט.

זאָשקע האָט זיך נישט געמאַכט פון קעמפּקעס שטרענגן טאָן. זי האָט צו זיך אַ פיל־זאָגנדיקן שמייכל געטאָן און זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק.

דער מאיאָר קעמפּקע האָט איצט וואָס שנעלער געוואָלט פּטור ווערן פון זיינע געפאַנגענע. ער האָט אומגעדולדיק געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט צו רייזעלען. וועלכע האָט גראָד געהאַלטן אין מיטן אָפּזאָגן אַן אָפּ־שפּרעכעניש, אַז דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב זאָל מאַכן בליגד אַלע יידישע שונאים.

שפּעטער האָט רייזעלע טאַקע אַלע אירע שכנטעס פאַרזיכערט, אַז דאָס אָפּשפּרעכעניש האָט זיי אַלעמען געראַטעוועט. נאָר ווען דער יעקע האָט צו איר אַ געשריי געטאָן: אַהער! — דעמאָלט האָט רייזעלע גע־פילט, אַז די קניען ברעכן זיך אונטער איר און אַז אָט־אָט און זי וועט, חלילה, אַוועקפאַלן אין מיטן דער שטוב.

זי אָבער דאָך דערגאַנגען צו דעם טישל און איז געבליבן שטיין פליסטערנדיק ווייטער דאָס אָפּשפּרעכעניש.

— נו, וויז שנעל וואָס דו האָסט! — איז דער מאיאָר קעמפּקע גע־וואָרן נאָך אומגעדולדיקער.

רייזעלע האָט אַליין נישט געוווסט — אַזוי האָט זי שפּעטער אין מאַרק דערציילט — פון וואַנען עס האָט זיך פּלוצלונג צו איר גענומען אַזאַ מענה־לשון. זי האָט גערעדט שנעל, וואָס אַמאָל שנעלער, זי האָט נישט געוווסט און נישט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט. זי האָט נאָר גע־וווסט, אַז זי מוז ריידן, פאַר קיין פּרייז טאָר זי זיך נישט אָפּשטעלן. זי האָט דעם יעקע דערציילט אַ לאַנגע און פאַרוויקלטע געשיכטע מיט אַ קראַנק קינד און מיט אַ דאָקטאָר, און מיט אַ קאַלטער און נאַסער שטוב, ווו עס טריפט פון די ווענט און מען ווערט געפרוירן.

אַ שטראָם פון ווערטער האָט זיך געגאָסן פון רייזעלעס מויל און זי האָט אַליין שוין נישט געהערשט איבער דעם שטראָם און נישט גע־וווסט ווי אַזוי אים אָפּצושטעלן.

— ס'מויל האַלטן! — האָט מאיאָר קעמפּקע מיט איין זעץ אין טיש

אָפּגעשטעלט דעם שטראָם, וואָס האָט זיך געגאָסן פון רייזעלעס מויל.

און דעמאָלט טאָקע איז געשען דער נס, ווי רייזעלע האָט שפּעטער דערציילט מיט אַ פרומער צאינה־ראינהדיקער שטימע טאָקע ווי עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים.

קאַפּיטל דריי

דער „פּאַן" העכט

רייזעלעס נס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס גראָד ווען דער יעקע האָט אויף איר אַ דונער געטאָן „ס'מויל האַלטן", איז פאַר דעם באַראַק פאַרפאָרן אַ ברישטקע געשפּאַנט אין צוויי גרויסע ברוינע קאַשטאַן פערד.

פון דער בריטשקע איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ יונגער הויכער יונג אָנגעטאָן אין אַ ברוינער לעדערנער קורטקע.

ער האָט האַסטיק אויפגעפּראַלט די טיר פון באַראַק, האָט זיך אַ ווייל אַרומגעקוקט און מיט זיינע הויכע „אָפיצירסקע" שטיוול גענומען שטעלן שנעלע ענערגישע טריט צו דעם טישל, הינטער וועלכן מאַיאָר קעמפּקע איז געשטאַנען.

די מענטשן אין באַראַק האָבן דערשטוינטע געקוקט אויף דעם פאַרשוין מיטן אַנטבלויזטן קאָפּ און לעדערנער קורטקע, וואָס גייט אַזוי חוצפּהדיק, ווי ער וואָלט פאַר זייער הערשער נישט געהאַט דעם מינדעסטן דרך־ארץ.

זיי זענען אָבער נאָך מער דערשטוינט געוואָרן, זעענדיק דעם פריינדלעכן שמייכל אויף קעמפּקעס אויסגעפּאַשעטן פּנים און זיין אויסגעשטרעקטע האַנט צו דעם פרעמדן.

— אַך, הער האַרט! — איז מאַיאָר קעמפּקע אים אַנטקעגנגעגאַנגען עטלעכע שריט, — אַן אומגעריכטער גאַסט!

רייזעלע די שפּיליטערין האָט געזען אַז דער יעקע האָט אין איר פאַרגעסן, האָט זי פאַרזיכטיק גענומען שטעלן טריט צוריק.

ערשט דעמאָלט האָבן די געפאַנגענע געהאַט צייט זיך בעסער איינצוקוקן אין דעם פּנים פון דעם גאַסט און אַ געמורמל איז צווישן זיי דורכגעלאָפן:

— דער פּאַן האַרט איז דאָ...

דער פאַן האַרט האָט נישט געהאַט קיין צייט אומצוקוקן זיך אויף די מענטשן אין באַראַק, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט האָפענונג און דערוואַרטונג.

אָפּגערוקט אין אַ ווינקל איז ער געשטאַנען מיטן מאַיאָר קעמפּקע און האָט צו אים עפּעס אַריינגעטענהט און יעדעס מאָל מיט אַ שמייכל צו אים געוויזן זיינע גרויסע געזונטע ציין, זאָגנדיק:

— לעבען און לעבען לאָססען! ריכטיג, הער מאַיאָר?

— יאַוואָל, הער האַרט — האָט קעמפּקע צו אים צוריקגעשמייכלט און דערביי מיט דער האַנט געוויזן אויף די געפאַנגענע.

— אַ שאָד די צייט אויף זיי! — האָט דער פאַן האַרט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — זאָל דער יעפרייטאָר הייַנט מאַכן אַ לעבן.

ביידע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ צופרידן זאַט געלעכטער.

— גוט, איך וועל באַלד זיין גרייט, הער האַרט.

מאַיאָר קעמפּקע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. זיין בליק איז געפאַלן אויף דער וואַרטנדיקער זאַשקע.

דער פאַן האַרט האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף זאַשקען און נאָך העכער געלאַכט:

— אַ פיינער ביסן, הער מאַיאָר, אָבער פאַרפאַלן: געשעפט איז וויכטיקער פון פאַרגעניגן.

— ריכטיק, הער האַרט — האָט מאַיאָר קעמפּקע געשמייכלט. — יעפרייטאָר האַנס נעמט זיך צו די לויטע; איך האָב נישט קיין צייט.

מאַיאָר קעמפּקע איז אַרויס דורך אַ זייטיק טירל. נאָר דער יעפרייטאָר האָט נישט באַוויזן צוצוגיין צו דעם קליינעם טישל.

דער יונג אין די הויכע שטיוול האָט עפּעס אַריינגעשטופּט אין יעפרייטאָרס האַנט, זאָגנדיק:

— זאָלן זיי גיין, עס איז מיין געבורטסטאָג היינט...

— יאַוואָל, הער האַרט — האָט דער יעפרייטאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר קאָנט אַלע גיין! — האָט דער יונג אַ וווּנק געטאָן צו אַלע אַנווייזנדיק אויף דער טיר.

די איבעראַשונג איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— שטופט זיך נישט — האָט דער יונג זיי באַרואיקט — יעקע וועט אייך קיין שלעכטס נישט טאָן.

מען האָט אים אָבער נישט געהערט און אַלע האָבן זיך נאָך מער גע־שטופט.

אָן אַ זייט פון אַלע איז געבליבן שטיין אַ פרוי אין אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל, מיט אַ שטרענגן אויסגעבלייכטן פּנים און אויף איר אָרעם האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַ יונג מיידל מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ האָר און מיט אויפגעריסענע ברוינע אויגן, וואָס האָבן דערשטוינטע געקוקט אַרום זיך.

— זאָרגט נישט — איז צו זיי צו דער יונג אין דער קורטקע — איר וועט...

ער האָט פּלוצלונג איבערגעריסן. זיינע אויגן האָבן מיטאַמאָל דער־שראָקענע גענומען קוקן אויף דער שווייגנדער פרוי אין שוואַרצן.

ער האָט קענטיק געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר האָט זיך אין דער לעצ־טער מינוט נישט געקאָנט אָנטשיידן.

ער האָט זיך אָפּגערוקט ווי ער וואָלט דערזען פאַר זיך אַ גייסט. זיי־נע אויגן זענען געהאָנגען אויף דעם שטרענגן פרויען־פּנים.

יאָ, זי איז עס. איצט ווייסט ער שוין אויף זיכער, אַז ער האָט נישט קיין טעות. זיין אומדרייסטקייט ווערט נאָך גרעסער.

די פרוי מיט דעם יונגן מיידל דערנענטערן זיך צו דער טיר. דער יונג אין דער קורטקע דערשרעקט זיך. ער וועט זיי באַלד פאַרלירן. זיי וועלן פאַרשווינדן אין דער נאַכטיקער פינצטערניש.

די דאָזיקע מורא מאַכט אים דרייסטער. ער דעריאָגט זיי האַרט ביי דער טיר. ער אָטעמט שווער, ווי ער וואָלט געלאָפן לאַנג און ער שטאַמלט מיט ייִנגלשער נישט־דרייסטקייט:

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם, אַנטשולדיקט... מאַדאַם בערטאַ, ריכ־טיק?... יאָ, יאָ, איך בין עס יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו... איר גע־דענקט מיך, מאַדאַם...

אַ בלייכער שמייכל באַווייזט זיך אין די מויל־ווינקלען פון דער פרוי אין שוואַרצן.

— יאַנקל... — ריידן אירע ליפּן קוים הערבאַר אַרויס.

— געוויס איך, יאַנקל... נאָך גוט, וואָס כ'האָב אייך גלייך דערקענט. מאַדאַם... נאָר איצט קאָנען מיר לאַנג נישט ריידן... גייט, מאַדאַם, אַריין

אין דריטן הויז, דאָ גלייך און זאָגט, אַז פּאַן האַרט האָט געהייסן... פֿאַר־טאָגס וועל איך צוקומען און פֿאָרן מיט אייך קיין וואַרשע...

ער פירט זיי פאַרזיכטיק אַרויס פון באַראַק. ווייזט זיי די ריכטונג פון דאָרף און חזרט איבער:

— גלייך אין דער דריטער הייזקע... זייט רואיק, מאַדאַם בערטאַ... זאָגט נאָר „פּאַן האַרט".

ער וואַרט נישט אויף קיין תשובה דער פּאַן האַרט. די נאַכט־פינצ־טערניש פאַרשלינגט אים צוזאַמען מיט די אַלע מענטשן וואָס האָבן ערשט נאָר־וואָס אָנגעפילט דעם באַראַק פון מאַיאָר קעמפקע.

פון דער ווייטנס דערטראָגט זיך דאָס הירזשען פון די צוויי קאַ־שטאַן פערד און עס הערט זיך זייער אומגעדולדיק קלאַפּן מיט די קאָ־פּיטעס.

— פיינע פערדלעך, הער מאַיאָר, ריכטיק?

— יאָ, פיינע פערד, הער האַרט, נאָר צי דאַרף מען פאָרן ווייט?

— נישט ווייט, הער מאַיאָר, נישט ווייט... די נאַכט איז נאָך גרויס, ריכטיק מאַיאָר?...

מאַיאָר קעמפקע קריכט שווער אַרויף אויף דער בריטשקע און באַלד דערהערט זיך אַ פריילעכער וויאָ.

קאַפּיטל פיר

פון „יענער וועלט"

בערטאַ האָט אָפּגעציילט דריי דאָרפישע הייזקעס. ביי דער דריטער הייזקע איז זי שטיין געבליבן צוזאַמען מיט דעם יונגן מיידל.

די הייזקע האָט אויסגעזעהן צו זיין פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. בער־טאַ האָט אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן אין דער טיר.

פון דער פינצטערער אינגעווייד פון דער כאַטע האָט זיך דערהערט אַ בייזע פאַרשלאָפענע פרויען־שטים:

— ווער איז?

— פון פּאַן האַרט — האָט בערטאַ שטיל אַריינגערעדט אין דער פינצטערער כאַטע.

— אָה, פון פּאַן האַרט, שוין, שוין — האָבן באַרוועסע פיס געגער־

מען טאַפּטשען. באַלד האָט אַ קליין פלעמל אויפגעלויכטן און די טיר פון דער הייזקע האָט זיך געעפנט.

אַ פּאָר שטרענגע אויגן פון אַן עלטערער פויערטע האָבן דורכדרינ־געגנד אַרומגענומען די פרעמדע.

— פאַן האַרט האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן דאָ קאָנען איבערנעכטיקן. ער וועט קומען פאַרטאָג.

— אַז דער פאַן האַרט הייסט — האָט די פויערטע שוין ברייט גע־עפנט די טיר פון איר כאַטע.

די פויערטע האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שטויב פון די צוויי בענקלעך וואָס זענען געשטאַנען ביי דער וואַנט און האָט זיי צוגערוקט צו די צוויי פרעמדע פרויען.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט. בערטאַ האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט. דאָס יונגע מיידל האָט צוגעמאַכט די אויגן און פאַר זיך אויסגעצויגן די פיס.

די פויערטע האָט זיך געפּאָרעט ביי דעם אייזערנעם קיכל און גע־זאָגט:

— איך וועל אָפּקאָכן עפּעס וואַרעמס...

— אַדאַנק ליבע פרוי, מיר זענען זייער מיד און ווען איר קאָנט אונדז מאַכן אַ געלעגער — האָט בערטאַ אָנגעוויזן אויף דעם איינגע־דרימלטן מיידל.

די פויערטע האָט אויסגעבעט די צוויי הויכע בעטן אָנגעפּילטע מיט פּערינעס.

— סאָניע — האָט בערטאַ צוגעפירט דאָס יונגע מיידל צו דעם בעט — מירן גיין שלאָפן.

סאָניע האָט נישט עפענענדיק די אויגן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פּערינעס.

בערטאַ האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם צווייטן בעט. די פויערטע האָט מיטן מויל אַ בלאָז געטאָן אויף דעם לענגלעך שמאָלן גלאָז פון לאָמפּ, און די שטוב איז ווידער איינגעהילט געוואָרן אין שטילער נאַכט.

בערטאַ ציט אויס די פיס הינטער דער שווערער פּערינע. ערשט איצט שפּירט זי די קעלט, וואָס צעגייט זיך איבער איר לייב. זי מאַכט צו די אויגן. שלאָפן, שלאָפן. נישט קלערן, נישט נאָכטראַכטן, נישט דער־

מאַנען זיך. אַזוי רעדט זי צו זיך. און זי ווייסט גלייכצייטיק, אַז דאָס ריידן איז אומזיסט. אויך אין דער אייביקער קאַלטער סיבירער נאַכט פון דער טייגע, ליגנדיק אויפן שמאָלן האַרטן מיט פאַרפוילטן שטרוי אָנגעפילטן בעטל, האָט זי נישט אויפגעהערט צו זיך צו ריידן:

— נישטאָ מער בערטאַ, נישטאָ. און זי איז קיינמאָל נישט געווען די דאָזיקע בערטאַ פון די וואַרשעווער גאַסן... עס איז דאָ בלויז אַ פאַרשיקטע אָרעמע אַרעסטאַנטין, וואָס טראָגט אויפן האַלדז אַ בלעכענעם נומער זיבן טויזנט דריי הונדערט און פופציק. דאָס איז אַלץ. אַ בלעכענער נומער. און אַ בלעכענער נומער האָט נישט קיין רעכט צו פילן און צו טראַכטן און צו דערמאָנען זיך...

וואָס מער אָבער זי האָט פון זיך געטריבן די געדאַנקען און זכרונות, אַלץ שטאַרקער האָבן זיי זיך צו איר צוגעקלעפּט, אַלץ עקשנותדיקער זענען זיי געוואָרן די דערינערונגען, און אַלץ קלאָרער זענען זיי געשטאַנען פאַר אירע אויגן.

זי האָט זיך געטוליעט אין אַלע אירע שמאַטעס, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט דאָס אויסזען פון קליידער, גרייטנדיק זיך אַרויסצוגיין פון איר שטיבל נאָך אַביסל וואַסער. נאָר געדאַכט האָט זיך איר, אַז זי שטייט איצט פאַר דעם גרויסן שפּיגל מיט דער גאָלדענער ראָם אין איר מאַמעס שטוב אין זשיכלין. דאָס האַרץ קלאַפּט ביי איר פון דערוואַרטונג און שרעק. דאָס וואַליזקעלע איז שוין פאַרפּאַקט, מיט דעם פאַרט זי קיין וואַרשע. וואָס דערוואַרט זי אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט? וועט זיך דאָרט עמיצער אומקוקן אויף דעם קליינשטעטלדיקן מיידל מיט די גלאַט־פאַרקעמטע בלאָנדע האָר?

זי זוכט אַן ענטפער אין דער מאַמעס גרויסן שפּיגל און פילט נישט ווי אירע גרינלעכע אויגן שמייכלען דערשראָקן צו זיך.

דאָס קליינשטעטלדיקע מיידל זיצט ביים טיש אין דער טונקעלער עס־שטוב מיטן ווענעצקע פענצטער אין איינעם פון די גרויסע טומלדיקע וואַרשעווער הייף. קרובים פאָרען זיך, אַ יתומה נעבעך, אָן אַ טאַטן. מען דאַרף זי באַזאָרגן, געפינען פאַר איר אַן אַרבעט און טאַקע טראַכטן וועגן אַ שידוך. דאָס קליינשטעטלדיקע מיידל שווייגט, אָבער אירע גרינלעכע אויגן לייענען אַראָפּ פון די קרובימס פּנימער זייער רחמנות, און חרפּה בריט איר לייב. איר מויל ווערט נאָך מער פאַרשלאָסן. און זי קאָן אַפילו

נישט דאַנקען, ווען די קרובים פירן זי אין אַ גרויסער טומלדיקער קראָם אויף אַ לאַנגער און שמאָלער גאַס און זאָגן צו איר שטיל:

— ער איז אַ ווייטער קרוב, דער עפשטיין... עס וועט דיר ביי אים גוט זיין.

דאָס קליינשטעטלדיקע מיידל איז צעטומלט. אירע גרינלעכע אויגן קוקן אַפער ווי פון אונטער אַ נעפל. פרעמדע מענטשן ריידן עפּעס צו איר. זי הערט אַפילו איר אייגענע שטים. נאָר דאַכטן דאַכט זיך איר, אַז עמיצער אַנדערש רעדט פאַר איר. זי זיצט ביי אַ קליין טישל פאַר אַ שמאָל פענצטערל. דאָ האָט מען זי אַוועקגעזעצט און אַזוי איז זי גע־בליבן זיצן.

מען לייגט אַן אויף איר טישל געלט, הויפנס געלט. זי האָט אין איר מאַמעס שטוב קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַזויפיל געלט אויף דער וועלט. אירע אויגן קוקן מיט שרעק אויף די הויפנס געלט. זי ווייסט נישט וואָס מיט דעם צו טאָן. זי וויל אַנטלויפן פון דעם טומל, פון די הענט, אַזויפיל האַריקע הענט, וואָס וואַרפן איר צו די הויפנס געלט. זי וויל אַוועק פון דעם אַלעם צוריק אין איר שטילן שטעטל צו איר מאַמען אין שטוב און ווידער שטיין פאַר דעם גרויסן שפּיגל מיט דער גאָלדענער ראָם און קאָנען רואיק טראַכטן. וועגן וואָס טראַכטן?

— פריילין בערטאַ... — הערט זי מיטאַמאָל נעבן זיך אַ נידעריקע טיפע שטים.

אַ יונגער מענטש עטוואָס גידעריקער פון מיטעלן וווּקס קוקט אויף איר פון זיינע ברילן אַפער. זיינע אויגן שמייכלען צו איר ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען וואָס עס קומט איצט מיט איר פאָר און ער רעדט:

— שרעקט אייך נישט. דעם ערשטן טאָג איז שטענדיק אַזוי... איך האָב דעם ערשטן טאָג אויך אַזוי געפילט...

— איך ווייס נישט... — שטאַמלט בערטאַ.

— און איר מיינט, אַז איך ווייס יאָ... — לאַכן צו איר זיינע אויגן — אַלע טומלען, טומלט מען זיך מיט... מען דאַרף זיך נאָר צוגעוווינען...

אַ שטיפערישער ווונק פון זיינע אויגן האָט אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף בערטאַס פּנים.

און מיט דעם זעלבן ווונק אין די אויגן האָט ער צוגעגעבן:

— איך בין גראָד נישט געווען, ווען איר זייגט געקומען. מיין נאָ־מען איז עפשטיין.

בערטאַס גרינלעכע אויגן האָבן פאַרשנדיק געקוקט אויף זיין פנים, וואָס האָט זיך נאָך ברייטער צעשמייכלט ווען ער האָט גערעדט:

— יאָ, יאָ, איך בין אייער באַלעבאָס און פאַר מיר דאַרף מען מורא האָבן, זייער מורא האָבן...

בערטאַס אויגן האָבן זיך צעשיינט. די צעטומלטקייט איז מיטאַמאָל פון איר אַוועק. אירע הענט זענען געוואָרן דרייסט און זיכער, צעלייגנ־דיק די קופּעס געלט אויף איר טיש.

בערטאַ האָט זיך אויפגעהערט צו שרעקן. דאָס קליינשטעטלדיקע מיידל האָט זיך מער נישט געפילט פאַרלוירן אין דעם גרויסשטאָטישן טומל.

מיט אים, עפּשטיינען, איז איר זעלטן אויסגעקומען צו ריידן. זי איז געזעסן יעדן טאָג פאַר איר טישל און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עפּשטיין זעט זי צומאָל נישט און ווען אַפילו ער רעדט צו איר אַמאָל אַרויס עטלעכע ווערטער, רעדט ער נישט צו איר נאָר צו דעם טישל, ווו זי, בערטאַ, זיצט צופעליק.

בערטאַ האָט שוין מיט געשיקטע פינגער געציילט דאָס געלט, אירע אויגן אָבער האָבן אין דעם טומל געזוכט אים, עפּשטיינען.

און ווען זי איז ביינאַכט געזעסן ביי אירע קרובים אין עס־שטיב האָט זי אים, עפּשטיינען, נישט אויפגעהערט צו זען.

זי איז געווען אַ שווייגנדיקע, און אין געשעפט ביי דער אַרבעט האָט זי זעלטן אָנטייל גענומען אין די געשפּרעכן פון די אָנגעשטעלטע. זי האָט נישט געקענט די מענטשן, וועגן וועלכע זיי ריידן און האָט גע־שוויגן. אירע אויערן אָבער האָבן זיך שטענדיק אָנגעשפּיצט, דערהערנדיק עפּשטיינס נאָמען.

און אַזוי פון אָפּגעהאַקטע שמועסן און איבערוואַרפן זיך פון די אָנ־געשטעלטע האָט בערטאַ זיך דערוווסט, אַז איר באַלעבאָס איז פאַרליבט אין דער שיינער לאַניא, דער טאָכטער פון גרויסן גזשיבאָווער גביר.

בערטאַס האַרץ האָט אויפגעצאַפּלט. אירע אויערן האָבן אויפגע־כאַפּט יעדעס וואָרט וועגן דער שיינער לאַניא און עפּשטיינען. און ביי־נאַכט, ליגנדיק אויף איר געלעגער, האָט בערטאַ לאַנג נישט געקענט

איינשלאָפן. אַמאָל האָט זי געזען ווי ער, עפּשטיין, נעמט אַרום לאַניאַן, שמייכלט צו איר, בייגט זיך צו צו איר און זוכט אירע ליפּן.

בערטאַ שמייכלט. מיטאַמאָל אָבער פילט זי אַז דאָס קושט עפּשטיין איר, בערטאַס מויל.

בערטאַ פילט אַ רויטקייט אויף אירע באַקן. זי איז בייז אויף זיך. זי וויל מער נישט טראַכטן וועגן זיי. וואָס גייט איר אָן עפּעס אַ גבירישע טאָכטער, וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען.

דאָס בייזערן זיך אויף זיך אַליין העלפט אָבער ווייניק און בערטאַ כאַפּט זיך וואָס אַמאָל אָפטער ביי דעם געדאַנק ווי עפּשטיין בייגט זיך אַראָפּ צו איר און זוכט אירע ליפּן.

און זי האָט זיך נישט געקאָנט העלפן וואָס אירע גרינלעכע אויגן האָבן זיך צעשמייכלט ווען זי האָט דערהערט פון די אָנגעשטעלטע, אַז די שיינע לאַניאַ איז אַוועק פון עפּשטיינען.

יאָ, זי איז געווען צופרידן וואָס ער וועט מער נישט קושן די שיינע לאַניאַ. אירע אויגן האָבן דעמאָלט געזוכט עפּשטיינען. ער איז געקומען אין געשעפט ווי שטענדיק, איז געווען רואיק, האָט גערעדט צו אַלע מיט דער זעלבער שטים ווי פריער, האָט געשמייכלט און אַפילו געלאַכט. בער־טאַס אויגן אָבער האָבן זיך נישט געלאָזט נאַרן. זיי האָבן געזען דאָס, וואָס אַנדערע האָבן נישט געוווסט. זיי האָבן אויפגעכאַפּט עפּשטיינס צע־טומלטן בליק, ווען ער האָט כלומרשט גערעדט וועגן געשעפט. זיי האָבן געזען דעם נערוועזן צוק אויף זיין פּנים. זיי האָבן באַמערקט, אַז ער הערט נישט אָפּט דאָס, וואָס מען רעדט צו אים.

און דעמאָלט האָט בערטאַ נישט געטראַכט מער וועגן דעם ווי גוט עס וואָלט געווען צו פילן אויף איר מויל עפּשטיינס קושן. אַן אַנדער גע־פיל האָט זי אַרומגענומען. אַ געפיל פון אַ מוטער צו אַן אָרעם הילפלאָז יינגל. זי האָט אים געוואָלט נעמען, דאָס יינגל, אין אירע אָרעמס, גלעטן זיין קאָפּ, קושן זיין פּנים און ריידן צו אים אַזוי ווי מען רעדט צו אַ קינד.

דאָס יינגל איז אָבער צו איר נישט געקומען. דאָס יינגל האָט טייל־מאָל געקוקט אויף איר און גערעדט צו איר און דאָך זי נ י ש ט געזען. בערטאַ איז געזעסן ביי איר טישל אין דניאל עפּשטיינס טומלדיקן געשעפט, האָט געציילט געלט, האָט גערעדט מיט קונדן, האָט געשמייכלט צו אַנדערע אָנגעשטעלטע. אירע אויגן אָבער האָבן געהאָנגען אויפן פּנים פון איר

אָרעם יינגל, ווי זי האָט איר באַלעבאָס עפּשטיינען געדרופן אין איר געדאַנק. זי האָט געזען, ווי ער טומלט זיך מיט זיינע גרויסע עסקים. זי האָט געהערט ווי זיינע אָנגעשטעלטע און סוחרים ריידן מיט התפעלות וועגן זיין גוטן קאָפּ און זי האָט אַפילו נישט וויסנדיק וואָס, געזאָגט אַז אַחוץ געלט מאַכן, טוט ער נאָך עפּעס אַזעלכעס, וואָס קיינער דאַרף נישט וויסן.

זי האָט אים, דאָס יינגל, באַוווּנדערט ווי אַ מאַמע באַוווּנדערט איר געראָטן קינד. זיין טומלען זיך האָט זי אָבער נישט געגאַרט. זי האָט געזען פאַרלוירנקייט און הילפלאָזיקייט אויף זיין צעשמייכלט פּנים און פון זיינע לאַכנדיקע אויגן האָט זי אַרויסגעלייענט טיפן טרויער.

און זי האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער גאַנצער טומל איז נישט מער ווי אַן אָנשטעל פון אַן אָרעם יינגל, וואָס שעמט זיך מיט זיין טרויער, וואָס וויל זיך פאַרגעסן און וויל פאַר זיך אַליין נישט אַרויסווייזן, אַז ער קאָן נישט פאַרגעסן אָן דעם מיידל וואָס האָט זיך פון אים אויסגעלאַכט און אים אַוועקגעוואָרפן.

בערטאַ האָט זיך אומרואיק געוואָרפן אונטער דער שווערער פּויערישער פּערענע אין דער פינצטערער כאַטע.

— וואָס איז מיט דיר היינט, בערטאַ? — האָט זי געטריבן פון זיך די דערינערונגען — האָסט פאַרגעסן, אַז דו ביסט שוין נישט דאָס קליינשטעטלדיקע מיידל וואָס האָט געקוקט אויף זיך אין איר מאַמעס גרויסן שפּיגל מיט דער גאָלדענער ראַם...

יאָ, זי ווייסט, דאָס מיידל פון זשיכלין איז שוין לאַנג געשטאָרבן. ווען דער באַגינען וועט אויפבלאָען, וועט זי צוריק אַוועק אין אייביקער רו. יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו האָט זי נאָר אויף אַ שעה לעבעדיק געמאַכט.

בערטאַן דאַכט זיך אַז זי הערט איצט ווידער זיין, עפּשטיינס, שטים נעבן זיך:

— האָט איר פילייכט היינט אַ פריייען אָוונט, פריילין בערטאַ?...

אַ פריידיקע ליכטיקייט איז אין איר האַרץ אויפגעגאַנגען. זי האָט פריער נישט געאַנט, אַז עס קאָן אַזאַ ליכט אַרויסשטראַלן פון איר איינגעווייד. וואָס רעדט ער דאָס נאַרישע יינגל? צי זי האָט צייט פאַר אים? נאַריש יינגל! אַלץ באַלאַנגט דאָך צו דיר, אַלץ!... און ער האָט אַלץ פון

איר גענומען און האָט אַפילו נישט געוווסט, אַז ער נעמט. וואָס האָט זי נישט געטאָן פאַר אים! דאָס קליינשטעטלדיקע זשיכלינער מיידל האָט פאַרגעסן צוליב אים איר שעמעוודיקייט און איז געוואָרן אַ גרויסשטאָטישע דאַמע. זי האָט אים, איר יינגל, נישט פאַרשטאַנען און זי האָט געוווסט, אַז אויך ער אַליין פאַרשטייט זיך נישט. וואָס וויל ער? רייך ווערן? רייך אַזוי ווי ר׳ לייזער דער פאַרשטאָרבענער קעניג פון גזשיבאָוו? ווייזן דער שיינער גבירישער טאָכטער, אַז ער דער משרת, וועלכן זי האָט אַוועקגעוואָרפן איז אויסגעוואַקסן העכער ווי דאָס מיוחסדיקע הויז אויפן גזשיבאָוו? און דערביי זיך אויסלאַכן פון זיין אייגענער גבירישקייט? העלפן וויקטאָרן און זיוקן און דעם לערער שטרויס וואָס ווילן צונעמען די פאַרמעגנס פון די גבירים און אויך זיין, עפשטיינס, פאַרמעגן און ווילן גאָר די משרתים מאַכן פאַר די מיוחסים אויפן גזשיבאָוו און אויף די נאַלעווקעס און אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע?

נייך, זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען. דאָס אָבער האָט איר נישט געאַרט. עס איז גענוג געווען, אַז ע ר וויל אַזוי, און געדאַכט האָט זיך איר, אַז ער טוט דאָס אַלץ צוליב דער שיינער גבירישער טאָכטער, וואָס האָט אים, דעם משרת פון איר זיידן, אַוועקגעוואָרפן.

בערטאַ האָט געעפנט איר סאַלאָן. ווי אַזוי מען מאַכט אַ סאַלאָן האָט זי איינטלעך נישט געוווסט. זי האָט וועגן דעם געלייענט נאָר אין די ביכער. פון די קנאה־בליקן אין די אויגן פון אירע נייע פריינדינס האָט זי אָבער געוווסט, אַז זי האָט זיך נישט געמאַכט צום נאַרן. דאָס שעמעוודיקייט פון אַמאָליקן זשיכלינער מיידל איז איר גראָד בייגעשטאַנען. די שעמעדיקייט האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערע דיסטינקציע, ווען זי האָט אויפגענומען אירע געסט.

זי האָט דאָס אַלץ געטאָן פאַר אים, פאַר דעם נאַרישן יינגל וואָס קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן אָן דער לאַניאַ. זי אַליין האָט זיך אָבער אָנגעהויבן ווילן מיט איר סאַלאָן. צוזאַמענגענומען אויף איין אָרט צאַרישע אָפיצירן, גזשיבאָווער יידישע סוחרים, די פריילעכע כאַליאַסטרע פון ריכטער און קינסטלער און צווישן זיי אַלע זאָלן זיך פראַנק און פריי אַרומדרייען די לייט, וואָס וואַרפן באַמבעס אויף דיזעלבע אָפיצירן און רייסן אויף באַנען — עס איז געווען אַ פריילעכער מאַסקאַראַד.

אַ מאַסקאַראַד דויערט נישט אייביק. דאָס האָט זי, בערטאַ, פאַר־

געסן אָדער געמאַכט זיך פֿאַרגעסן. איז געקומען די גבירישע טאָכטער און האָט איר דערמאָנט, אַז מאַסקאַראַדן ענדיקן זיך. זי איז געקומען נאָך אים, נאָך איר בערטאַס ייִנגל און ער האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט אויף צוריק; ער איז גלײַך מיט איר, מיט לאַניאַן אַוועק. זי האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז מען קאָן זײַן אַזוי גרויזאַם. גרויזאַם דווקא מיט גוטסקייט.

ער האָט זי נאָך געוואָלט פֿאַרזאָרגן, ווען ער איז צו יענער אַוועק. ער האָט אַפֿילו נישט געזען, אַז די גוטסקייט זײַנע איז גרויזאַמער ווי די אכזריות אַליין.

ערשט דעמאָלט איז געשטאָרבן דאָס זשיכלינער מיידל, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען פֿאַר איר מאַמעס שפּיגל מיט דער גרויסער גאָלדענער ראַם.

בערטאַ ליגט אונטער דער שווערער פּויערישער פּערענע און קוקט מיט אָפֿענע אויגן אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט. זי זעט זיך אין דער קליינער הייזקע, אין דער פֿאַרשטאָט פֿון וואַרשע. אַרום האָבן זיך געדרייט אירע צוויי קינדער. סאַמעק און די קליינע רעגינקע. זי האָט זיי געזען אַ גאַנצן טאָג, די קינדער אירע, און בײַנאַכט איז זי אַראָפּ צו זייערע געלעגערס צו קוקן אויף זיי. אָבער געזען האָט זי אויך אין זיי אים, עפּשטיינען. און זי האָט זיך געשעמט וואָס זי זעט נאָך אַלץ אים. זי האָט געברענט פֿון בושה וואָס זי קאָן נאָך אַלץ אים נישט אויפֿהערן צו זען. וויקטאָר איז געקומען אין איר הייזקע. זי האָט געזען באַגער אין זײַנע אויגן. ער האָט געברענגט מיט זיך די גלאָריע פֿון קאַמף. און זי האָט זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין קאַמף, געוואָלט אין דעם קאַמף פֿאַרגעסן עפּשטיינען, געוואָלט אים אין אירע אויגן צו מאַכן צום נאַרן מיט זײַן גוטסקייט צו אַלעם. און עס איז געווען אין איר אויך אַ באַהאַלטענער באַגער אויפֿצוגיין אין דעם קאַמף, פֿאַלן אַזוי, ווי עס זענען געפֿאַלן וויקטאָרס חברים.

זי האָט געפֿיבערט פֿון דעם באַגער און מיט איר פֿיבער האָט זי אָנגעשטעקט אַלע, אַפֿילו אים, יאַנקלען, ר׳ לויס שמייסער־ייִנג פֿון גזשיבאָוו.

עס דוכט זיך איר, אַז אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן אויף איר. אויגן טרויעריקע, וואָס פֿאַרשטייען אַלץ און זײַנען אַלץ מוחל. די אויגן פֿון ר׳ משהלע ראַפּשיצער.

דער שטורעם פון קריג האָט אים אַרויסגעריסן פון זיין שטעטל, האָט אים געמאַכט פאַר איר בערטאַס שכן, כדי ער זאָל ווערן דער קרבן פון איר קאַמף. בערטאַ געדענקט די נאַכט, ווען די רוסישע זשאַנדאַרמען האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער הייזקע און מיטגענומען מיט זיך ר׳ משהלע ראפשיצער. זי האָט זיך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט געמיינט, אַז ר׳ משהלע ראפשיצערס גורל לאָזט זי נישט צו רו, אַז צוליב אים איז זי געלאָפן צו זיין פראַקוראָר, דעם פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו, אַז זיין קרבן האָט זי געטריבן אין די וויסטעניש פון סיביר. איצט ווייסט זי אַז דאָס אַלץ איז געווען פאַלש, איז געווען זעלבסטאָפנאַרעריי. דאָס האָט ער, עפשטיין, זי געטריבן. דאָס האָט ער זי נישט געלאָזט צורו. אין די קאַלטע ענדלאָזע סיבירער נעכט האָט זי געהאַט צייט צו טראַכטן און צו פאַרשטיין און ערשט דאַרט, וויקלענדיק זיך ביינאַכט אין אירע שמאַטעס, וואָס זענען אַמאָל געווען קליידער, איז איר געלונגען זיך צו באַפרייען פון דעם יינגל אירן, ווי זי האָט דעמאָלט נאָך אין געדאַנק גערופן עפשטיינען.

אַ האַלב פאַרפרוירענע האָט מען זי אַריינגעבראַכט אין דעם ליימענעם שטיבל. זי איז געבליבן שטיין מיט וואַנזיניקע אויגן. זי איז געווען אַליין. די, וואָס האָבן זי געבראַכט, האָבן זי אַריינגעוואָרפן אין שטיבל, ווי מען וואַרפט אַריין אַ זאַק מיט שמאַטעס, אויף וועלכע עס לוינט זיך אַפילו נישט אומצוקוקן.

נישט געווען קיין בענקל, און נישט קיין טיש, און נישט קיין ברעט, ווו זיך אַוועקצולייגן.

בערטאַ האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. און אַזוי איז זי געבליבן ווען די שכנים זענען געקומען זי אָנקוקן.

מיט גלייכגילטיקע אויגן האָבן זיי געקוקט אויף דעם בינטל שמאַטעס, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד.

— נאָך איין לעבעדיקער מת — האָבן זיי געזאָגט גלייכגילטיק און זענען אַוועק.

בערטאַ איז געלעגן אויף דער ערד מיט אָפענע אויגן. זי האָט געזען ווי עמיצער בויגט זיך אָן איבער איר.

— מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט — האָט זי געהערט אַ הייזעריקלעכע שטים.

דער מענטש האָט זיך צעהוסט. ער האָט געהוסט לאַנג און שווער און געזאָגט: — איך בין אַ שכן, מײַן נאָמען איז איזאַק.

בערטאַ האָט געשוויגן. וואָס גייט איר אָן אַ שכן מיטן נאָמען איזאַק.

ער האָט קענטיק נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער און האָט ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל אַרײַנרופֿן סאָניען, פֿײַער צו מאַכן.

בערטאַ האָט פֿאַרמאַכט די אויגן. זי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זי לאָזן צו רו. זי ווייסט נישט ווי לאַנג זי איז אַזוי געלעגן. זי איז געקומען צו זיך ווען זי האָט דערפֿילט, אַז הענט הייבן זי אויף פֿון דער ערד און אַז עפּעס אַ וואַרעמקייט נעמט אַרום איר לײַב.

— אָט אַזוי, שפּאַרט זיך אָן אויף דער וואַנט — האָט זי געהערט איבער זיך אַ ייִנגע מיידלשע שטים.

בערטאַ האָט געעפֿנט די אויגן. זי האָט געזען סאָניאָס לאַכנדיק פּנים און לעבן איר — אַן אײַנגעבויגענעם מאַן מיט אַ געדיכט פֿאַרוואַקסע־נעם געזיכט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן בערטאַס באַקאַנטשאַפֿט מיט איזאַקן און זײַן טאָכטער סאָניע.

עס זענען געקומען לאַנגע טעג און נאָך לענגערע נעכט. אין די דאָ־זיקע טעג און נעכט האָט בערטאַ געלערנט, ווי מען דאַרף מיט די עלנ־בויגנס, מיט די נעגל פֿון די הענט און מיט די פֿיס זיך מאַכן אַ וועג צו אַ וואַסערדיקער, אָבער דערפֿאַר וואַרעמער זופּ, צו אַ בינטל שטרוי אָנצופֿילן דעם זאַק פֿאַרן געלעגער, און צו אַ פּאָר ברעטלעך אויף אַ בענקל.

בערטאַ איז שנעל געוואָרן מיד. עס זענען געווען טעג, ווען זי איז נישט אַרויס פֿון איר לײַמענעם שטיבל. יאָ, זי איז געווען מיד. און זי האָט נישט געפּרוווט באַקעמפֿן איר מידקייט. נאָך וואָס? איז נישט בע־סער. אַז דער סוף זאָל קומען וואָס שנעלער?

איר שכן איזאַק האָט געקוקט אויף איר פֿון זײַן געדיכטער באָרד אָפּער און געשפּעט:

— וואָס? די וואַרשעווער מאַדאַם איז באַוויליקט ברוגז צו זײַן... סיביר האָט נישט ליב קיין ברוגזע מאַדאַם...

דער שפּאָט האָט אָנגעצונדן בייזע פֿײַערלעך אין בערטאַס גרינלעכע

אויגן. זי האָט אים אַ וואָרט נישט געענטפערט, נאָר זי איז אַרויס פון דעם שטיבל נאָך דעם ביסל וואַרעמע זופּ.

און ער האָט איר נאָכגערופן:

— די וואַרשעווער מאַדאַם מעג וויסן, אַז עס וועט נאָך זיין ערגער...

בערטאַ האָט נאָר די ערשטע צייטן באַדאַרפט צו קעמפן פאַר דער זופּ. שפּעטער האָט סיביר זי אנערקענט פאַר אַן אייגענע און זי האָט שוין באַקומען איר חלק ווי די אַנדערע סיביריאַקעס. און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהייבן דאָס ערגסטע, וועגן וועלכן איזאַק האָט געוואָרנט די וואַרשע־ווער מאַדאַם. עס זענען געקומען טעג און נעכט, וואָס זענען געווען גלייך איינער צום אַנדערן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. טעג און נעכט איינגע־פרוירענע אין שטומער פאַרגליווערטקייט. טעג און נעכט, וואָס האָבן זיך געצויגן איינע נאָך די אַנדערע און יעדער האָט געוווּסט, אַז עס וועט גאָר־נישט געשען. בערטאַ האָט, ליגנדיק אויף איר ברעט ביינאַכט, פאַרויס שוין געוווּסט, אַז אַט באַלד וועט זי דערהערן געניי צו דער מינוט דאָס סקריפּען פון אַ טיר פון אַ שכנישער הייזקע, אָדער אַ הוסט פון איזאַקן. און זי האָט געוווּסט, אַז אַזוי וועט עס זיין יאָר נאָך יאָר. עס וועט זיך גאָרנישט ענדערן. עס וועט גאָרנישט געשען. און דעמאָלט האָט זי גע־בענקט נאָך די צייטן, ווען זי האָט מיט די נעגל געמוזט אַרויסרייסן פאַר זיך אַ טעפּל וואַרעמע זופּ. איצט קאָן זי שוין אַפילו נישט צופירן מיט די הענט.

זי פילט נאָר ווי זי פרירט איין. לאַנגזאַם ווערט זי פאַרגליווערט און זי האָט געוווּסט, אַז באַלד וועט די פאַרגליווערטקייט פון אַרום זי אַזוי אַריינגענעמען אין זיך, אַז זי וועט צומאָל נישט וויסן, אַז זי לעבט שוין נישט מער און איז געוואָרן איינס מיט דעם אייז, וואָס פרירט איין איר הייזקע.

בערטאַס גרינע שטילע אויגן זענען געוואָרן ווילד. זי האָט געוואָלט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט און שרייען, שרייען אָן אַ פאַרוואָס און פאַרוועו, שרייען, אַז אַלע זאָלן זיך צוזאַמענלויפן, אַבי אַרום איר זאָל עפּעס געשען.

אין די אָוונטן איז איזאַק מיט זיין טאָכטער געזעסן אין איר הייז־קע. ער האָט געזען דאָס ווילדע אויפבליצן אין אירע אויגן און ער האָט מיט אַ מידן קול צו איר געזאָגט:

— דאָס וועט אויך פאַריבער, וואַרשעווער מאַדאַם... אַזוי פאַרקנסט

סיביר מיט זיך יעדן געליבטן צי געליבטע... עס בלײבט פון דעם... — איזאַק האָט זיך פאַרהוסט און מער נישט גערעדט.

— וואָס בלײבט? — איז בערטאַס שטים געווען גלײכגילטיק.

— בײ מיר — האָט איזאַק אַ קרומען שמײכל געטאָן — זענען געבליבן סוכאַטעס; בײ אַנדערע וואַנזין, און גאָר בײ אַנדערע... — האָט איזאַק געקוקט פאַרשנדיק אויף בערטאַס פאַרשלאָסן געזיכט.

— פאַרוואָס דערזאָגט איר נישט, איזאַק? — האָט בערטאַ געפרעגט, נישט דערוואַרטנדיק נײעס צו דערהערן וואָס זי האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט.

— בײ אַנדערע בלײבט אײזערנער שטאָלענער ווילן, מאַדאַם. — האָט איזאַק זיך פאַרנײגט פאַר בערטאַן און צוגעגעבן מיט אַ פאַרלעגן איראָנישן שמײכל: — דאַכט זיך אַזוי האָבן געטאָן די עלעגאַנטע וואַרשעווער קאַוואַלירן...

בערטאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט די קאַוואַלירן מײנט ער, אי־זאַק, נאָר דעם קלאַנג וואַרשע וויל ער הערן. שוין באַלד צוואַנציק יאָר ווי ער זיצט דאָ אין דער הײזקע. און ער האַלט זיך נאָך אַלץ פאַר דעם וואַרשעווער ייִנגל און, ווען זי, בערטאַ, רעדט, דערצײלט, דאַכט זיך אים, אַז ער פילט די בעז־ריחות פון זאַקסישן גאָרטן. ער איז געקומען נישט אַלײן. אין זײן שטיבל הענגט אַ קלײן בילדל פון אַ יונגער פרוי. בערטאַ האָט, איבערטרעטנדיק די שוועל פון איזאַקס שטיבל צום ערשטן מאָל, זיך אײַנגעקוקט אין דעם בילדל. שווער געווען צו דערזען די געזיכטצוגן פון דער פרוי. דאָס בילד איז שוין געווען שוואַרץ. דערפאַר האָט מען גוט געזען דעם גרויסן הוט מיט דער שטרויס־פעדער, וואָס שטאַרצט אַרויס אין דער הויך.

איזאַק האָט באַמערקט בערטאַס בליק און מיט אַ פאַרלעגענעם שמײכל אַ זאָג געטאָן:

— אַזעלכע לעכערלעכע היט, האָט מען אַמאָל געטראָגן אין וואַר־שע, נישט וואָר?...

איזאַק האָט נישט גערעדט וועגן דער פרוי. פון אָפּגעהאַקטע ווער־טער פון אים, אָדער פון סאָניען, האָט זי געוווּסט, אַז די פרוי איז געווען זײן, איזאַקס, ווײב. זי האָט נישט געוואָלט אים לאָזן אַלײן. האָט זי נישט גערוט אַזוי לאַנג, ביז צאַרישע אָפיצירן האָבן איר נאָכגעגעבן און

האָבן איר דערלויבט צו קומען קיין סיביר צו איר מאַן. סאָניע איז דאָ אין דעם שטיבל געבוירן געוואָרן און דעמאָלט איז די מוטער אַוועק. אָט דאָ נישט ווייט האָט מען פאַר איר אַ קבר אויסגעגראָבן.

—זי איז ביי מיר אַ סיביריאַטשקע — האָט איזאַק אַ גלעט געטאָן זיין מיידלס גאָלדענעם קאָפּ — זי האָט אַפילו וואַרשע נישט געזען און איך האָב שוין פאַרגעסן, אַז איך זאָל איר קאָנען דערציילן וועגן איר מאַמעס שטאָט.

בערטאַ האָט אין זיין קול אַרויסגעהערט אַ שטום געבעט. האָט זי דערציילט וועגן דעם אייזערנעם מויער און וועגן די האַליעס...

— און די פישערקעס שטייען נאָך פאַר די פעסער — האָט איזאַק אַריינגעוואָרפן — און רופן: קומט מאַדאַמעשי, קומט?...

— יאָ, זיי שטייען נאָך, די פישערקעס — האָט בערטאַ נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן — און לעבן זיי שטייען די גרויסע הויכע יינגען און לאָזן פליען אין דער לופטן זייערע קאָלירטע באַלאָנען...

— אָ, סאָניע! — האָבן איזאַקס אויגן זיך צעשיינט — ווען דו וועסט זיין אַ גוט מיידל.

— וואָס, איך בין נישט גוט? — האָט סאָניע זיך געהנדלט צום פאָטער.

— האָסט היינט נישט געהערט מיין פראַנצויזישע לעקציע — האָט דער פאָטער געזאָגט.

— עס איז געווען אַזוי קאַלט... — האָט זיך פון סאָניעס מויל אַרויסגעריסן.

— כ׳ווייס, סאָניע, כ׳ווייס, דאָס איז דיין פאָטער אַזאַ אַלטער נאַר. וואָס קלאַפּט דיר אָן אַ קאָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטן...

— נישט קיין נאַרישקייטן, — זענען סאָניעס אויגן געווען פול מיט טרערן — דו ווייסט אַליין, ווי איך האָב ליב דיינע לעקציעס, נאָר היינט איז געווען אַזוי קאַלט און דו האָסט געהוסט...

סאָניע האָט זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף נישט ריידן וועגן פאָטערס הוסט, האָבן זיך אירע אויגן צעשיינט פון הינטער אירע טרערן אָפּער און זי האָט כלומרשט זאַרגלאָז און קינדיש געפּלאַפּלט:

— דערצייל, טאַטע, וועגן די באַלאָנען... איך האָב אַזוי ליב צו הערן...

און איזאַק האָט דערציילט און דעמאָלט האָט זיך סאָניען געדאַכט, אַז ער האָט פאַרגעסן אָן איר, בערטאַן, און אויך אָן זיין קליין טעכטערל, נאָר אַז ער דערציילט זיך אַליין אַ מעשהלע וועגן די באַלאָנען פאַרן אייזערנעם טויער. פון פאַרשידענע קאָלירן זענען זיי געווען, די באַלאָנען, רויטע און גרינע, בלאָע און געלע, און אויף אַ הויכן שטעקן אין דעם הויכן ייִנגס הענט האָבן זיי געפלאַטערט אין דער לופטן.

— איך בין דעמאָלט געווען אַזוי קליין, ווי דו, סאָניעטשקע, — האָט איזאַקס פאַרוואַקסן פּנים באַקומען אַ קינדישן אויסדרוק — איך בין געזעסן מיט נאָך אַנדערע ייִנגלעך אין חדר און זיך געשאָקלט איבער אַזעלכע גרויסע, גרויסע ביכער, סאָניעטשקע...

— האָסט געלערנט פראַנצויזיש... — האָט סאָניע באַקומען מיט־לייד צו איר פאָטער, דערמאָנענדיק זיך ווי שווער עס קומט איר אָן איינ־צוחזרן די פרעמדע ווערטער.

— ניין, סאָניעטשקע, — האָט איזאַקס פּנים אויפגעלויכטן פון דער ווייטער דערינערונג — נישט פראַנצויזיש האָב איך אין חדר געלערנט... די גרויסע ספרים האָבן געהייסן גמרות און זיי האָבן מיר אַנדערע מעשיות דערציילט...

— שיינע מעשיות? — האָט סאָניע געוואָלט וויסן.

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? — האָט איזאַק זיך פאַרטראַכט — הייַנט דאַכט זיך מיר, אַז זיי האָבן מיר אויך דערציילט וועגן באַלאָנען, וואָס רייסן זיך אין די הימלען. נאָר דעמאָלט, פאַרשטייסט, סאָניעטשקע, דע־מאָלט בין איך אַ קליין ייִנגל געווען. נאָך אפשר קלענער פאַר דיר, מיין טאָכטער, האָב איך ליב געהאַט צו קוקן דורכן פענצטער און איך האָב געזען די הויכע ייִנגען מיט די לאַנגע שטעקנס אין די הענט, אַרום וועלכע עס האָבן געפלאַטערט די באַלאָנען. איך האָב די אויגן נישט געקאָנט אָפּ־רייסן פון די באַלאָנען און ווען דער רבי האָט נישט געזען, האָב איך זיך שטילערהייט אַרויסגעגנבעט פון חדר און בין נאָכגעלאָפן די ייִנגען...

איזאַקס מידע אויגן האָבן זיך אַרומגעקוקט איבערן ליימענעם שטיבל, ווי ער וואָלט נאָך איצט געזוכט די באַלאָנען פון פאַרן אייזערנעם טויער.

סאָניעס פינגער האָבן געגלעט זיין האַריקע האַנט. דער גלעט האָט איזאַקן דערמאָנט, אַז זיין טאָכטער וואַרט אויפן סוף פון דער מעשה. ער

האָט אַ פאַרלעגענעם שמייכל געטאָן צו בערטאָן, ווי ער וואָלט זי ערשט דערזען, און געזאָגט:

— די מעשה איז אַ טרויעריקע, מיין קינד. איינער נאָכן אַנדערן האָבן די באַלאָנען זיך אָפּגעריסן פון שטעקן. זיי האָבן זיך געהייבן אין דער לופט, די באַלאָנען. זיי זענען געפלויגן וואָס אַמאָל העכער, און אין דער הייך זענען זיי נאָך שענער געווען, און זייערע קאָלירן זענען געווען אַזוי וווּנדערבאַר אין דער הייך. איך בין זיי נאָכגעלאָפן, האָב אויסגעשטרעקט די הענט צו זיי, און נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון די באַלאָנען, וואָס האָבן שוועבנדיקע אין די הימלען זיך מיט מיר געררייצט און איך האָב זיי קיינמאָל נישט געקאָנט דערגרייכן...

— שלעכטע, שלעכטע באַלאָנען... — האָט סאָניע געביילט איר פויסטלעך.

— אַזוי האָב איך אויך געטראַכט — האָט איזאַק געגלעט זיין טאָכטערס האָר — איך בין געווען בייז אויף די באַלאָנען און בין אַ פאַרוויינטער געקומען אַהיים. האָט די מאַמע מיר געקויפט אַ באַלאָן פון דעם הויכן יינג, האָב איך אים פעסט געהאַלטן אין דער האַנט, אַז ער זאָל מיר מער נישט אַנטלויפן און עס איז מיר געבליבן עפּעס אַ צערי־בענע מיאַזגע אין מיין צונויפגעקוועטשטער האַנט. איך האָב דעמאָלט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט, און איך האָב דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען מיין מאַמע, וואָס האָט צו מיר געזאָגט:

— באַלאָנען זענען שיין, ווען מען קוקט צו זיי אַרויף אין דער הייך...

— אַזוי ענדיקט זיך די מעשה? — איז סאָניע געווען אַנטוישט.

— יאָ, אַזוי ענדיקט זיך שטענדיק — האָט איזאַק גערעדט צו זיך אַליין — ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך זיך ווייטער געריסן צו די באַלאָנען. איך בין זיי נאָכגעלאָפן. איך האָב געהאַלטן אין איין אויס־שטרעקן די הענט צו זיי. איך האָב זיי מיט כלערליי שבועות באַשווירן. און טיילמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט־אָט און איך וועל זיי האָבן אין האַנט. אָבער שפּעטער האָב איך געזען, אַז זיי רייצן זיך מיט מיר ווידער פון הימל. איך בין מיד געוואָרן פון לויפן, אָבער איך האָב דאָס געיעג נאָך דעם באַלאָן נישט איבערגעריסן. איך בין געפאַלן און ווייטער געלאָפן ביז...

— ביז? — האָבן סאָניעס גרינלעכע אויגן געקוקט אויף דעם צע־אַקערטן, טיף פֿאַרוואָקסענעם פּנים.

— ביז איך בין געקומען אַהער... — האָט איזאַק קוים אַרויסגע־רעדט און זיך שטאַרק פֿאַרהוסט.

סאָניע האָט אים צוגעטראָגן אַ ליימענעם טעפּל וואַסער.

איזאַק האָט האַסטיק געטרונקען און פֿאַרלעגן געשמייכלט.

ער האָט אַ לענגערע ווײַל געשוויגן. אין זײַנע מידע אויגן האָבן זיך צעצונדן פֿײַערלעך, ווען ער האָט זײַן פּנים געווענדעט צו זײַן טאָכטער:

— איך וויל, סאָניטשקע, אַז דו זאָלסט געדענקען, אַז דײַן פֿאָטער באַדויערט נישט וואָס ער איז גאָכגעלאָפֿן די באַלאָנען. און וואָלט ער היינט נאָך געקאָנט, וואָלט ער עס ווידער געטאָן. איך האָב אַמאָל גע־מיינט, אַז איך וועל דיך נאָך פֿירן פֿאַרן אייזערנעם טויער און דיך לער־נען אַרויפֿקומען צום הימל ווו די באַלאָנען פֿלאַטערן. איצט ווייס איך נישט, צי איך וועל עס נאָך קאָנען טאָן. אפֿשר וועט דיר עמיצער אַנ־דערש ווײַזן די באַלאָנען...

ער האָט געקוקט אויף בערטאַן און אין זײַנע אויגן איז געווען אַזאַ געבעט, אַז בערטאַ האָט בלויז געקאָנט שטום צו אים צושאָקלען מיטן קאָפּ, אַז זי האָט פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל פֿון איר.

צומאָרגנס איז איזאַק מער נישט אַראָפּ פֿון זײַן האַרטן ברעטער־געלעגער.

סאָניע איז אַ פֿאַרווייַנטע אַרײַנגעלאָפֿן צו בערטאַן:

— דער פֿאָטער קרעכצט די גאַנצע צײַט.

ביידע זענען נישט אָפּגעטרעטן פֿון זײַן געלעגער. און ביידע האָבן געוווּסט, אַז זיי קאָנען אים נישט העלפֿן.

סאָניע האָט מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן געקוקט אויף איר פֿאָ־טערס געזיכט, וואָס איז געוואָרן געל און דורכזיכטיק. ביסלעכווייז האָבן אירע לאַנגע ווײַסע געגומען צופֿאַלן און פֿון איר האַלב צעעפֿנט מויל האָט זיך דערהערט אַ שטילער טיפֿער אָטעם.

— בערטאַ, — האָט דער קראַנקער אָנגענומען איר האַנט — וועט איר זי נישט לאָזן אַליין, די קליינע מײַנע...

— זײַט רויִק, איזאַק, — האָט בערטאַ געגלעט זײַנע ביינערדיקע פֿינגער.

— איך האָב געמיינט אַמאָל, אַז איך וועל זי נאָך פירן צום איי־זערנעם טויער...

— און ווייזן איר די באַלאָנען — האָט בערטאַ געפּרוווט אַרויסבאַ־קומען אַ שמייכל אויף איר פּנים.

— יאָ, די באַלאָנען, — האָט איזאַק גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט סאָניען איבערצוּוועקן — און יידן...

— יידן? — האָט בערטאַ שטיל איבערגעפרעגט אַ דערשטוינטע.

— יאָ, בערטאַ, יידן. — האָט איזאַק פאַרלעגן געשמייכלט — אַלע באַלאָנען זענען אין דעם ליימענעם שטיבל פאַרשווונדן און דעמאָלט האָב איך דאָ ווידער דערזען דעם יידישן באַלאָן פון פאַרן אייזערנעם טויער... איך בין אַן אַלטער ייד, אַן אַלטער קראַנקער ייד און עס דוכט זיך מיר, ווען איך האָב אַ טלית, אַן אַלטן צעריסענעם טלית, וואָלט מיר גרינ־גער געווען...

— עס איז דאָ אַ טלית געוועבט פון ליידן... — האָט זיך בערטאַ איבער אים איבערגעבויגן.

— אַ טלית פון ליידן — האָבן איזאַקס ליפּן געפּליסטערט — אָבער זי, סאָניעטשקע... איך ווייס נישט צי מיין אַלטע מאַמע לעבט נאָך אויף דער נאָוואָליפּיע... זי האָט זין און טעכטער... זיי וואָלטן זיך מיט איר געפרייט מיט מיין קינד...

— אויב איך וועל אַמאָל אַהין דערגיין — האָט בערטאַ געזאָגט — וועט סאָניע זיין מיט מיר.

איזאַק האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיינע פיבערדיקע פינגער האָבן געזוכט איר האַנט.

דער קראַנקער האָט שווער געאָטעמט, ליגנדיק אויף זיין האַרטן שטרוי־געלעגער. בערטאַ איז לעבן אים געזעסן. זי האָט געוווּסט אַז עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן. זי האָט אים נישט באַדויערט. דער טויט ליגט דאָ יעדן צוקאָפּנס און ער שרעקט שוין נישט מער. זי האָט רויִק געקוקט אויף די פאַרשלאָסענע אויגן פון דעם קראַנקן. די ביינער פון זיין פּנים, האָט זי געטראַכט, שטאַרן אַזוי קאָמיש אַרויס פון זיין צעוואַקסע־נער באָרד אַפער. ער האָט זעלטן גערעדט וועגן זיין אַמאָליקן לעבן. פון די אָפּגעהאַקטע רייד, וועלכע ער האָט פון צייט צו צייט געלאָזן פאַלן, האָט זי געוווּסט, אַז ער איז געווען איינער פון די קנאַימדיקע רעוואָלו־

ציאָנערן, וואָס די אָרעמע יידישע גאַס אין וואַרשע האָט אויסגעהאָדעוועט. ער האָט זיך געיאָגט נאָך די אין דער לופטן פלאַטערנדיקע באַלאָנען. ער האָט זיי נישט געקאָנט כאַפּן, זיי זענען פון אים אַנטלאָפן און געוווּנקען צו אים פון הימל.

באַדויערט ער, האָט בערטאַ געטראַכט, דאָס אומזיסטע יאָגעניש? אפשר דאַרף מען זיי דאַנקבאַר זיין, די באַלאָנען, וואָס זיי לאָזן זיך נישט כאַפּן? ער האָט איין מאָל, אַלס קינד, דעם באַלאָן געכאַפּט און אין זיין האַנט איז געבליבן אַ צעריבענע מיאַזגע. נאָר דאָ, אין דער ליימענער כאַטע, זעט מען זיי מער נישט, די פליענדיקע באַלאָנען. נאָר ווער ווייסט?... בערטאַ קוקט אויף דעם פנים פון קראַנקן, פון הינטער דער צעשויבערטער באָרד שפּראָצט אַרויס אַ דינער שמייכל אַרום זיינע ליפּן. זעט ער איצט ווידער מיט פאַרמאַכטע אויגן דעם פליענדיקן באַלאָן איבער זיין קאָפּ? איז איצט דער אַלטער צעריסענער טלית דער באַלאָן, נאָך וועלכן איזאַק מאַיסעיעוויטש יאָגט זיך איצט? אָן אַלטער קראַנקער ייד, ווייל ער צו־ריק אַהיים, אויף נאַוואָליפּיע, צו דער אַלטער מאַמע, ווו עס וואַרט אויף אים דער טלית. אַ גאַנץ לעבן איז ער אַנטלאָפן פון דער אַלטער היים. און איצט דוכט זיך אים, אַז נאָר דאָרט, פאַרן אייזערנעם טויער, פליען די באַלאָנען און ער וויל דורך זיין יונגער טאָכטער ווייטער זיך יאָגן נאָך דעם באַלאָן...

— איך וועל אים נישט אָפּנאַרן, איזאַק מאַיסעיעוויטשן — האָט בערטאַ אין האַרץ באַשלאָסן — איך וועל סאָניען ברענגען פאַרן אייזערנעם טויער און וועל זי פירן אויף נאַוואָליפּיע צו זיין אַלטער מאַמע...

ביז צו דעם מאָמענט האָט בערטאַ נישט געטראַכט וועגן איר אייגענער אַלטער היים. די היים האָט זי אויסגעשפּיגן פון זיך. עס איז דאָרט מער נישט געווען פאַר איר קיין אָרט. זי האָט מער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט דאָרט זיין. וואָס ווייטער פון דער היים, אַלץ רואיקער איז זי געוואָרן. נאָר איצט האָט אַן אומרו זי אַרומגענומען. זי האָט זיך דער־שראָקן פאַר זיך אַליין. זי האָט דאָך נישט געמיינט אים אָפּצונאַרן, אי־זאַק מאַיסעיעוויטשן, ווען זי האָט אים צוגעזאָגט צו ברענגען זיין טאָכטער צו דער באָבע אויף נאַוואָליפּיע. זי האָט עס דאָך אַזוי געמיינט. די ווערטער האָבן זיך פון איר אַליין אַרויסגערעדט. הייסט עס, אַז די אַלטע היים יאָגט זי נאָך. עס איז נישטאָ קיין אויסבאַהאַלטן זיך פון איר. אַפילו

דאָ, אין סיביר, טרעפט זי צו דיר, די אַלטע פאַרהאַסטע היים. אָבער צו וועמען ווילסטו צוריק? צו אים, צו דניאל עפשטיינען, וואָס האָט פאַר דיר געהאַט אַ גוטן שמייכל, ווי מען וואַרפט צו אַ נדבה אַן אַלטער בעט־לערין? אָדער אפשר ווילסטו צוריק ווערן אַ וואַרשעווער מאַדאַם, וואָס לעבט זיך אויס אין רכילות מיט אירע פילגווידערדיקע שכנטעס?

די טיר פון דער הייזקע האָט זיך שטיל געעפנט. סאָניע האָט מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אויף דעם שווער־אָטעמענדיקן פאָטער.

בערטאַ האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם מיידלס ציטערדיקן אַקסל: — ער איז איינגעשלאָפן. — האָט זי שטיל געזאָגט.

סאָניע האָט זיך אויף איר אָנגעשפאַרט און זי האָט דערפילט דעם ציטער פון איר ייִנג לייב.

בערטאַ האָט אויפגעשווידערט. וואָס טוט איצט איר סאַמעק? אויף וועמען שפּאַרט אַן איר קאָפּ די קליינע רעגינקע? ווי לאַנג האָט זי שוין נישט געהערט זייער רוף „מאַמע״, האַ? ווי לאַנג?

בערטאַ איז געבליבן שטיין אַן אָטעם. ווו איז סאַמעק? וואָס איז מיט דער קליינער רעגינקע? גאָט! זי הערט, יאָ, זי הערט זייער געוויין: מאַמע. ווו זענען זיי? ווי קומט מען צו זיי? בערטאַ האָט אויסגעשפּרייט די הענט, ווי זי וואָלט עפּעס וועלן אָנכאַפּן אַ זאַך, וואָס אַנטלויפט פון איר.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט סאָניע זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען.

— גאָרנישט, גאָרנישט... — האָט בערטאַ זיך געפּרוווט באַרויקן.

זי איז אַריין צו זיך אין שטיבל און, אין אָנטועכץ, זיך אַ וואָרף גע־טאָן אויפן געלעגער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיך געוואָרפן ווי אין פיבער. זי האָט איינ־געגראָבן איר מויל אין צעפוילטן שטרוי פון איר געלעגער, צו דערשטיקן איר געשריי. פון איר לייב אָבער האָט זיך געריסן אַ שטום געשריי פון אַ מאַמע נאָך אירע קינדער. זי האָט פון ווייטיק געביסן די פינגער פון אירע הענט. וואָס גייט ער איר אָן, עפּעס אַ ר׳ משהלע ראַפּשיצער? וואָס?... און וועמען אַרט עס צי ער לעבט, צי איז ער געשטאָרבן? און וואָס גייט איר אָן גערעכטיקייט און געריכטן און פּאַלקאָווניק קאָמאַראָוו מיט זיינע תליות? ניין, זי וויל מער נישט זיין גערעכט, און זי וויל

נישט האָבן קיין ריין געוויסן, זי וויל האַלטן סאַמעקן אין אירע אָרעמס און זי וויל גלעטן דעם קאָפּ פון איר רעגינקע. דאָס וויל זי, נאָר דאָס. זי קאָן זיך אַליין נישט פאַרשטיין. ווי האָט זי דאָס פריער נישט געוווּסט? וואָס האָט זיך מיט דיר געטאָן, בערטאַ? סאַראַ כישוף האָט דיר אָנגעטאָן עפּעס אַ קליינשטעטלדיקער רבל? וואָס איז דיר אָנ־געגאַנגען דער טרויעריקער בליק פון זיינע אויגן?

בערטאַ האָט מער נישט געטראַכט וועגן איר ליבע. זי האָט אַפילו מער נישט געדענקט דעם נאָמען פון דניאל עפּשטיין. אין דער שטילער סיבירער נאַכט האָט זיך געטראָגן דאָס שטומע געשריי פון אַ מוטער, וואָס מאָנט איר רעכט צו איר קינד.

איזאַק מאָיסעיעוויטש האָט ניט לאַנג באַלעסטיקט בערטאָן מיט זיין קרענק. ער איז אין איינער פון די לאַנגע סיבירער נעכט איינגעשלאָפן און צומאָרגנס ווי פאַרגעסן צוריק צו עפענען די אויגן. די פאַרפרוירענע סיבירער ערד האָט אַ גלייכגילטיקע אַריינגענומען אין זיך נאָך איין קרבן. סאָניע איז איבערגעגאַנגען וווינען צו בערטאָן אין שטיבל.

די טעג און נעכט האָבן זיך ווידער געצויגן מאָנאָטאָן לאַנגע, גלייכע ביז משוגעת, איינע צו די אַנדערע.

בערטאַ איז אויסערלעך געווען פונקט אַזוי רואיק, ווי פריער, נאָר אין איר אינגעווייד האָט געברויזט. טיילמאָל איז זי געשטאַנען שעהן פאַר איר הייזקע און איר בליק האָט זיך געריסן אין די ווייטקייטן.

סאָניע האָט זיך דעמאָלט געשראָקן פאַר בערטאָס בליק און האָט זי שטיל אַריינגעפירט אין דער הייזקע.

ביי דער אַרבעט האָט בערטאַ גענומען צונויפקלייבן אַלץ, וואָס איז איר געקומען אונטער דער האַנט און פאַרנאַכט האָט זי געברענגט אין שטיבל אַ זאַק מיט כלערליי שמאַטעס און אָפּפאַלעכץ.

— נאָך וואָס שלעפּסטו דאָס אַלץ? — האָט סאָניע געשטוינט.

— שאַ... — האָט בערטאַ אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף איר מויל — אויפן וועג קאָן אַלץ צונוץ קומען...

און ביינאַכט, ווען בערטאַ איז געלעגן אויף איר געלעגער, האָט זיך איר פיל מאָל אויסגעוויזן, אַז זי לויפט איבער דער סיבירער טייגע און שלעפּט מיט זיך סאָניען און אַז מען יאָגט זי נאָך און זי לויפט, לויפט, הערט נישט אויף צו לויפן...

זי האָט דעמאָלט געשריען פון שלאָף, גערופן נאָך הילף און זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן און געזען ווי סאָניע שטייט איבער איר אַ צע־שראָקענע און פרעגט:

— וואָס איז, בערטאַ?... וואָס האָסטו אַזוי געשריען?...

בערטאַ האָט זי אַריינגענומען צו זיך אויף דעם שמאָלן געלעגער און האָט איר אין אויער איינגערוימט וועגן דעם וועג וואָס שטייט זיי פאָר.

סאָניע איז געוואָרן מיטגעריסן פון דעם ווונדערלעכן וועג און מיט פאַרשלאָסענע אויגן געפרעגט:

— ווען גייען מיר?...

דאָס זעלבע האָט זיך אויך בערטאַ געפרעגט און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס איז איר באַלאַן, נאָר וועלכן זי וועט זיך שטענדיק יאָגן און קיינמאָל אים נישט דערגרייכן.

און מיטאַמאָל איז עס געשען. קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן ווי אַזוי עס איז געשען, און ווי אַזוי די גרויסע בשורה האָט דערגרייכט צו דער סיבירער טייגע. אַלע אָבער האָבן געוווסט, אַז אַזוי איז עס. רעוואָ־לוציע! נישטאָ מער דער צאַר! די אויסגעבענקטע און אויסגעחלומטע פרייהייט האָט, ווי ברענענדיקער ספּירט, שיכור געמאַכט די סיבירער קאַטאָרזשניקעס. זיי האָבן געוויינט ווי קינדער און זיי האָבן פאַר פרייד אַפילו געקושט די צאַרסקע זשאַנדאַרמען.

און דעמאָלט האָבן זיך גאַנצע דערפער פון דער סיבירער טייגע געלאָזט אין וועג. מען איז געפאָרן אויף שליטנס און אויף פורלעך, און מען איז געגאַנגען צופוס. מען איז געפאַלן אויפן וועג פון הונגער און קעלט, און די געבליבענע זענען ווייטער געגאַנגען.

בערטאַ איז מיטגעגאַנגען, נישט אַרויסלאָזנדיק פון איר האַנט סאָ־ניען. סאָניעס אויגן האָבן געגליט פון דער גרויסער פרייד, וואָס האָט אַלעמען אָנגעשטעקט. זי האָט מיטגעזונגען די רעוואָלוציאָנערע לידער, האָט געשלעפּט בערטאַן אויף די פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יעדן דאָרף און האָט צוזאַמען מיט אַלע מיטגעשריען ביז היי־זעריק ווערן: זאָל לעבן!...

בערטאַ איז געשטאַנען אין מיטן פריידיקן טומל אַ פרעמדע, גלייכ־גילטיקע און שטומע.

— דו פרייסט זיך גאַרנישט, בערטאַ? — האָבן סאָניעס אויגן שיי־נענדיק צו איר געלאַכט.

— געוויס פריי איך זיך, קינד, — האָבן בערטאַס אויגן געקוקט אין דערווייטן.

חדשים לאַנגע האָט געדויערט דער וועג. זיי האָבן נאָך לאַנגע וואָנ־דערנישן דערגרייכט אַ באַן־סטאַנציע. נישט אַזוי לייכט איז אָבער געווען זיך אַריינצובאַקומען אין אַ וואַגאָן. אַמאָל האָט מען גאַנצע נעכט געמוזט וואַרטן אין פראָסט ביז אַ טירל פון אַ באַן־וואַגאָן האָט זיך געעפנט. זי האָט טיילמאָל געפילט, אַז זי קאָן שוין נישט מער, אַז אָט־אָט און זי וועט פון מידקייט זיך אַוועקלייגן אין מיטן וועג און זיך מער נישט רירן פון אָרט.

דער אַלגעמיינער שטראָם האָט זי מיט זיך מיטגעריסן. יאָ, אָבער ווילאַנג וועט עס דויערן?... און ווו איז זי?... זי געדענקט, אַז זי דאַרף אויף עמיצן דאָ וואַרטן, נאָר זי קאָן זיך נישט דערמאָנען אויף וועמען. האָ?... וואָס?...

סאָניע שטייט איבער איר אַ לאַכנדיקע, אַן אויסגערוטע און טריי־סלט זי:

— ביסט אַ פּעפּערקע, בערטאַ, דער פּאַן האַרט האָט שוין אַנגע־קלאַפּט אין טיר...

— פּאַן האַרט? — פאַרשטייט נישט בערטאַ וואָס עפּעס אַ פּאַן האַרט וויל פון איר...

— דו שלאָפסט נאָך, בערטאַ — לאַכט סאָניע — האָסט פאַרגעסן, אַז דער פּאַן האַרט האָט אונדז געהייסן אַריינגיין צו אַ פּויערטע...

— יאַנקל שמייסער — באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף בערטאַס פּנים.

איצט דערמאָנט זי זיך שוין אַן אַלעם. יאָ, זי ווייסט שוין ווו זי איז. פאָרט דערגאַנגען. אַ פרייד גייט אויף אין איר האַרץ. זי איז דערגאַנגען. באַלד וועט זי זיין... ווו? צו וועמען וועט זי גיין? צו וועמען?

בערטאַ קריכט אַרויס פון הינטער דער שווערער פּויערישער פּערענע. זי מאַכט זיך גלייך לאַנגזאַם דאָס קלייד. איצט באַפאַלט זי אַ שרעק. צו וועמען איז זי געגאַנגען אַזוי פיל חדשים?

אויף נאָוואָליפּיע גאַס — רעדט זי צו זיך — ווווינט דאָך איזאַק מאָסיעיעוויטשעס אַלטע מאַמע. צו איר וועט זי גיין. ברענגען איר דאָס אייניקל. און טאָמער איז זי געשטאָרבן, די אַלטע? נו, איז וואָס? ער האָט

דאָך געהאַט ברידער און שוועסטער, זיי וועלן זיך אויך פרייען מיט סאָניען.

בערטאָ טראַכט וועגן סאָניען, ווייל זי האָט פאַר די אַנדערע מחשבות מורא. זי קאָן זיך אָבער נישט העלפן. איר ייִנגל סאַמעק און די קליינע רעגינקע שטייען פאַר די אויגן. אָ, ניין, כ'וועל זיי נישט דערקענען. זיי זעען דאָך היינט שוין אַנדערש אויס. אַזוי פיל צייט אַוועק. ווער איך זיי דערקענען? — באַפאַלט זי אַ שרעק, ווער ווייסט, אַ מאַמע זאָל נישט דערקענען אירע קינדער... ניין, דאָס איז אוממעגלעך. צווישן טויזנטער, צווישן צענער טויזנטער, וועל איך זיי דערקענען...

— און זיי מיך? — פאַלט צום ערשטן מאָל בערטאַן איין אַ ספק.

און מיטאַמאָל ווערט דער ספק אַ זיכערקייט. געוויס וועלן זיי זי נישט דערקענען, זיי האָבן שוין געוויס פאַרגעסן אָן דער מאַמע. און ווער ווייסט, אפשר וועלן זיי זיך גאָר פאַר איר דערשרעקן, ווי פאַר עמיצן וואָס קומט פון יענער וועלט... אָט דאַכט זיך איר, אַז אויך ער, יאַנקל שמייסער, האָט זיך פאַר איר דערשראָקן ווי ער וואָלט פּלוצלינג דערזען פאַר זיך אַ געשפּענסט.

די פויערטע האָט געעפנט די טיר און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ קאָכעדיקן טשייניק טיי, ברויט און פּוטער.

— עסט, — האָט זי געזאָגט, — דער פאַן האַרט איז שוין דאָ געוועזן און געזאָגט, אַז ער וועט באַלד צוריקקומען.

זי איז געבליבן שטיין, די פויערטע, און האָט געקוקט ווי די פרוי מיט איר מיידל עסן איילעוודיק און כאַפּנדיק דאָס פרישע שוואַרצע ברויט און בריען זיך די ליפּן פון דער הייסער קאָכעדיקער טיי.

די ווייסע געזונטע ציין פון מיידל האָבן זיך גיריק איינגעביסן אין דעם ברויט און דערביי האָבן אירע גרויסע אויגן געקוקט אויף דעם ברויט וואָס איז געבליבן אויפן טיש, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַלץ מיטאַמאָל איינשלינגען.

— און אויך זי, די עלטערע — די פויערטע האָט נישט געוווסט צי זי איז די מוטער אָדער אַן עלטערע שוועסטער פון דעם מיידל — שניידט אַזוי האַסטיק די פעניצער ברויט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז מ'וועט עס פון איר אַוועקכאַפּן.

די פויערטע האָט אָנגעגאָסן אַ צווייטן טשייניק טיי און אַוועקגעלייגט אויפן טיש נאָך אַ ברויטל.

— עסט, עסט — האָט זי ווידערהאָלט — פון אַזאַ לאַנגן וועג ווערט מען אויסגעהונגערט.

קאַפּיטל פינף

אַמאָליקע צייטן

אַ שווייגנדיקער איז פאַן יאַקוב האַרט געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר פון פויערישן שטיבל.

די קורצע ברוינע לעדערנע קורטקע, די ענג געפּאַסטע ברויגלעך גע־שטרייפטע „אַפּיצערסקע" הויזן, וואָס האָבן געשטעקט אין די הויכע גלאַנ־ציקע שטיוול, האָבן בולטער געמאַכט זיין חוצפּהדיק־יונגע מענערישקייט, וואָס האָט געשפּאַרט פון זיין לייב מיט אַרויספאָדערנדיקער דעראָבע־רישקייט. נאָר זיינע העל־בלאָע אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך מיט שטוי־נענדיקע קינדישע בליקן.

די אויגן האָבן נישט דרייסטע געהאנגען אויף סאָניעס ווייסע ציין, וואָס האָבן זיך איינגעביסן אין דעם ווייכן שוואַרצן ברויט און שפּעטער זיך איבערגעטראָגן אויף בערטאַס הענט, וואָס האָבן איילעווודיקע געשניטן די פּעניצער ברויט.

ער האָט מיט דער רעכטער האַנט אַ פיר געטאָן איבער זיינע אויגן און פון זיינע פינגער האָבן אַראָפּגעפינקלט גרויסע בלישטשענדיקע שטיינער.

סאָניע האָט געטאָן דעם לעצטן זופּ פון איר טעפּל, אירע אויגן האָבן זיך צעשמייכלט, קוקנדיק אויף די ברויט־ברעקלעך, וואָס האָבן זיך גע־וואַלגערט איבערן טיש. זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ הויך זאָרג־לאָז געלעכטער:

— מיר האָבן דאָ געמאַכט אַ חורבן, בערטאַ...

זי האָט אויפגעהייבן די אויגן, וועלכע האָבן זיך אַנגעשטויסן אויף דעם נישט דרייסטן בליק פון דעם פרעמדן מאַן אין דער קורטקע.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און געפרעגט:

— אפשר נאָך עפּעס אַריינברענגען?

— אַ דאַנק, — האָט בערטאַ געענטפערט, — מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ סעודה, ריכטיק, סאָניע...

ער האָט, ווי אַן עלעגאַנטער קאַוואַליר, דערלאַנגט בערטאַן דעם אָרעם, העלפנדיק איר אַרויפקריכן אויף דער הויכער העל־ברוינער בריטש־קע. און איידער ער האָט געהאַט צייט זיך אומצוקוקן, איז שוין סאַניע מיט איין שפרונג געווען לעבן בערטאַן.

— אַ מויד אַ ברען — איז יאַנקל איר נאָכגעשפרונגען און זיך גע־זעצט צווישן ביידע.

דער געזעס פון דער בריטשקע איז געווען אַ שמאָלער און דער ייִנג אין דער ברוינער קורטקע איז געזעסן ווי איינגעפרעסט צווישן צוויי פרויען־לייבער.

אַ לייכטע היץ האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין ברוינלעך רויט גלאָט ראַזירט פנים. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די לייצעס אין האַנט, האָט אַ סמאָטשקע געטאָן מיט די ליפּן ווי אין די אַמאָליקע גוטע באַלעגאָלישע צייטן:

— וויאָ!...

די פערדלעך האָבן זיך געלאָזט אין אַ פריילעכן גאַלאָפּ און דער פורמאַן האָט זיי אונטערגעטריבן מיט צעשיינטע אויגן.

— שיינע פערד, — האָט בערטאַ זיך אָפּגערופן.

— פייערדיקע קאַשטאַנעס, נישט וואָר? — האָט ער געוואָלט הערן אַ לויב אויף זיינע ליבלינגען...

— יאָ, פאַניע האַרט... — האָט בערטאַ צוגעגעבן.

— מאַדאַם בערטאַ — האָבן דעם ייִנגס אויגן געקוקט אויף איר פאַרשלאָסן פנים, קינדיש־פאַרלוירן.

בערטאַ האָט צו אים געוואָנדן אַ פרעגנדיקן בליק.

— יאַך מיין — האָט ער געשטאַמלט — אַז די מאַדאַם בערטאַ האָט נישט פאַרגעסן יאַנקלען, יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו...

— עס איז פאַר מיר, יאַנקל, אויך אַזוי לייכטער... — האָט בערטאַ צום ערשטן מאָל אַ שמייכל געטאָן.

יאַנקל האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אַן די צייטן ווען ער איז געזעסן, אין איר, בערטאַס, הייזקע, האָט אויסגעקערט דאָס קליינע גערטנדל מיט די פּאָר דאַרעביימלעך און זיך געפּאָרעט ביי די צוויי שקאַפעס פון זיין באַלעבאָס ר׳ לוי.

— יאָך בין קוים פון זיי פּטור געוואָרן, פון די צוויי שקאַפּעס — האָט ער געשמייכלט צו בערטאַן.

— פון וואָס? — האָט בערטאַ איבערגעפרעגט.

— מאַדאַם בערטאַ געדענקט נישט... — האָט יאַנקל געשטאַמלט — די צוויי פערד, וואָס זענען געשטאַנען אין אייער גערטנדל, ווען יאָך האָב זיך אויסבאַהאַלטן פון די פאַניעס...

— איך געדענק. — האָט בערטאַ בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

יאַנקל איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט געזאָגט דאָס וואָס ער האָט צו איר נישט געדאַרפט זאָגן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס און ווי אַזוי צו איר צו ריידן. זי רופט אים טאַקע יאַנקל און האָט אַפילו צו אים אַ שמייכל געטאָן, און ער דערקענט זי גוט, די מאַדאַם בערטאַ. זי האָט זיך כמעט נישט געענדערט, נאָר דאָס פּנים איז אַזוי אויסגעמאָגערט און דער בליק פון אירע אויגן איז אַזאַ שטרענגער און פרעמדער. דער דאָזיקער פרעמדער קאַלטער בליק צע־טומלט יאַנקלען און ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו איר צו ריידן.

און ריידן ווילט זיך אים גראָד שטאַרק. ער האָט אַזוי פיל איר צו דערציילן. ער, יאַנקל אַליין, פאַרשטייט דאָך אין דער אמתן נישט וואָס עס איז מיט אים פאָרגעקומען און עס דאַכט זיך אים, אַז ווען ער קאָן איר, דער מאַדאַם בערטאַ, דערציילן אַלץ, וואָלט אויך פאַר אים אַ סך פאַרהוילענע זאַכן קלאָר געוואָרן.

די בריטשקע טוט זיך אַ הוידע און אויף אַ מינוט בלייבט סאָניעס גאָלדענער קאָפּ ליגן אויף זיין לעדערנער קורטקע.

יאַנקלס נאָזלעכער צעפּעפּענען זיך און אָטעמען אין זיך אַריין די מיידלשע ריחות. ער פאַרגעסט אָן דעם וואָס ער האָט געוואָלט בערטאַן דערציילן. ווער איז זי, די מיידל? ווי קומט זי צו בערטאַן? זאָל ער פרעגן? ער האָט נישט די דרייסטקייט. בערטאַס פרעמדער בליק שרעקט אים. וואָס איז מיט איר געשען, ווען די פאַניעס האָבן זי אַ געשמידטע אין קייטן, ווי מען האָט זיך אין גאַס געשושקעט, אַרויסגעפירט פון וואַרשע? און איז זי טאַקע געווען אין סיביר, וואָס ליגט אַזש, ווי יעדער ווייסט, הינטער די הרי חושך?

יאַנקל קוקט אויף בערטאַס הענט. די הענט זענען רויטע, צעראַצטע, אויסגעהאָרעוועטע, ווי ביי יאַנקע, די וועשין. ער זעט הינטער אירע נעגל

שוואַרצע פלעקלעך. נישט ווילנדיק כאַפּט ער אַ נישט דרייסטן בליק אויף זײַן גרויסער האַנט מיט די מאַניקירטע נעגל, ביי וועלכע זוזאַנע די מאַניקירשע פּאַרעט זיך יעדן פרייטיק. יאַנקל פילט אַ לייכטן מיש אין קאָפּ. די מאַדאַם בערטאַ האָט שוואַרצע פלעקן הינטער אירע נעגל, און ער, יאַנקל שמייסער, וואַרט יעדן פרייטיק אויף דער מאַניקירשע זוזאַנע, פון דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. עפּעס שטימט אים נישט דער חשבון. און ער קאָן זי, בערטאַן, אַפילו נישט פרעגן, ווי דאָס אַלץ איז מעגלעך און האָט געקאָנט פּאַסירן.

בערטאַ זיצט אויף דער בריטשקע מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

יאַנקל וואָלט געוואָלט וויסן וועגן וואָס זי טראַכט איצט, בערטאַ. ווען ער ווייסט אירע טראַכטעגישן, דוכט זיך אים, וואָלט ער אויך געוווסט וואָס צו איר צו זאָגן. ער וואָלט איר דערציילט וועגן דניאל עפּשטיינען, מיט וועמען ער, יאַנקל שמייסער, טרעפט זיך אָפט אויף דער בערזע אויף דער קרולעוועסקע גאַס. דניאל עפּשטיין רופט אים דאָרט „פאָן האַרט" און אַרום שטייען און הערן דאָס צו אַזעלכע אַלטע גראָע פּאַנעס מיט גרויסע געדרייטע וואָנצעס און טוען צומאָל נישט אַ פינטל מיטן אויג.

נאָר ער, דניאל עפּשטיין, ווען קיינער זעט נישט, טוט צו אים אַמאָל אַ ווונק מיטן אויג און טוט אויף יידיש שטיל אַ פרעג:

— נו, יאַנקל, עס איז גוט צו זײַן אַ גביר?...

און יאַנקל לאַכט דעמאָלט, אַזוי, ווי ער האָט געלאַכט מיט די פורמאַנעס אויפן גזשיבאָוו, קוקט אויף די דינער אין די גרינע מונדירן וואָס לויפן אַהין און אַהער און זאָגט: — כאַפּט עס דער רוח...

זי, בערטאַ, וואָלט געלאַכט, טראַכט יאַנקל, ווען ער דערציילט איר דאָס. ער צעעפנט שוין ס׳מויל, נאָר ער דערשרעקט זיך און ווערט שטיל.

— פורמאַן יונגג, בלײַבט פורמאַן... — זידלט ער זיך אַליין — האָסט פאַרגעסן, אַז עפּשטיין איז פון איר אָוועק צו לאַניאַן...

ער, יאַנקל, האָט לאַניאַן נישט ליב. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר ער האָט זי נישט ליב. אויפן גזשיבאָוו צווישן די פורמאַנעס דראַפּעט מען אויס די אויגן פאַר צונעמען אַ פרעמדן מאַן.

און ווען זי, בערטאַ, פרעגט מיך, טראַכט יאַנקל, וואָלט איך געוווסט וואָס איר צו זאָגן זי זאָל טאָן...

און ער וואָלט איר איצט געזאָגט, אַז עס איז נאָך נישט צו שפּעט אויסצודראַפּען די אויגן.

נאָר ווער ווייסט, אפשר האָט זי שוין אויך אַן אַנדערן?...

יאַנקל דערמאָנט זיך אַן סאַמעקן און רעגינקע. זיי האָבן זיך מיט אים געשפּילט, ווען ער איז געווען ביי בערטאַן. ער האָט זיי געלערנט רייטן אויף די צוויי שקאַפּעס, וואָס זענען געשטאַנען אין גערטנדל, און טיילמאָל האָט ער, יאַנקל, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און זיי האָבן געריטן אויף זיין רוקן... ווילע קינדער... יאָ, ער זעט זיי איצט שוין נאָר זעלטן. אַמאָל אין גאַס דורכגיין און זיי דערקענען אים צומאָל נישט...

זאָל ער איר דערציילן וועגן זיי? ער האָט דאָך יענע וואָך געזען סאַמעקן גיין אין שול...

יאַנקל ווייסט, אַז זי, בערטאַ, וואָלט געוואָלט הערן פון זיין מויל וועגן סאַמעקן און רעגינקע, און דאָך קאָן ער נישט די צוויי ווערטער אַרויסברענגען פון זיין מויל.

ער ווייסט נישט וואָס עס האַלט אים צוריק, נאָר ער פילט בלויז, אַז מען דאַרף די מאַדאַם בערטאַ לאָזן אויסשווייגן.

ווי פיל יאָר איז שוין פון דעמאָלט אַריבער? — טראַכט יאַנקל — פון דער נאַכט, ווען ער און וויקטאָר זענען אַנטלאָפן אין פעלד אַריין, און די זשאַנדאַרמען האָבן פאַרנומען דעם רבי ר' משהלע ראַפּשיצער?...

ער, יאַנקל, טראַכט איצט שוין נישט וועגן ר' משהלע ראַפּשיצער. ער האָט איצט אַנדערע זאַכן אויפן קאָפּ.

— געשטאָרבן, פאַרגעסן. — ביי די באַלעגאָלעס אויפן שילעץ האָט יאַנקל שטענדיק געהערט, אַז מען טאָר נישט טראַכטן צופיל וועגן די טויטע, ווייל פון אַזאַ טראַכטעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. די טויטע קומען צו חלום און זיי זענען בייז וואָס מ'גיט זיי נישט קיין רו אין קבר.

איצט, אָבער, זיצנדיק לעבן בערטאַן אויף דער בריטשקע, קאָן זיך יאַנקל נישט העלפן, עס דוכט זיך אים, אַז ער הערט דעם אַלטן שמשס הייזעריקן רוף:

יאַנקל, אפשר וועסטו אַריבערלויפן אין געוועלבל, דער רבי דאַרף אַ גלאָז קאַווע...

און יאַנקל זעט, ווי ר' משהלע נעמט אין זיינע ווייסע דינע הענט

דאָס טעפּל קאַווע און עס דוכט זיך אים, אַז דעם רבינס אויגן קוקן אויף אים מיט אַזאַ טרויעריקן שטומען פאַרוואורף.

— רבי, — וויל זיך משהלע פאַרענטפערן — וואָס האָב איך געקאַנט טאָן... וויקטאָר און דניאל עפּשטיין, און ער, דער אַדוואָקאַט אַדאָלף בער מיט זיין ווייסער טשופּרינע, האָבן מיך געהייסן באַהאַלטן...

און עס דוכט זיך יאַנקלען, אַז דעם רבינס אויגן זענען געוואָרן נאָך טיפער און טרויעריקער און זיי זעען אים מער שוין נישט די אויגן. זיי קוקן איצט אויף איר, אויף בערטאַן, וואָס זיצט דאָ לעבן אים אויף דער בריטשקע, קוקן אויף אירע רויטע צעראַצטע הענט און דעם רבינס קאָפּ מיטן שטריימל שאָקלט זיך אַהין און צוריק, ווי אין אַ תפילה...

יאַנקל קוקט צעטומלט אויף בערטאַן. אירע אויגן זענען, ווי פריער, האַלב פאַרמאַכט, נאָר אירע ליפּן באַוועגן זיך שטיל.

יאַנקל וואָלט זיך געוואָלט צובויגן צו אירע ליפּן און אויפכאַפּן זייער שטיל פליסטערן.

ער טרייסלט זיך אָפּ אין שרעק. עס דאַכט זיך אים, אַז זי, בערטאַ, שמועסט זיך איצט דורך מיט ר׳ משהלען, דערציילט אים אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט דאָרט ערגיץ ווו, הינטער די הרי חושך, דערציילט אים, אַז אַלע האָבן זי געלאָזט אַליין, אַלע זענען פון איר אַנטלאָפן, איר אייגענער מאַן און וויקטאָר און אויך ער, יאַנקל שמייסער. און זי איז געבליבן איינע אַליין מיט אים, דעם פאַלקאָווניק קאַמאַראָוו...

יאַנקל וויל זיך פאַרענטפערן. ער האָט מורא געהאַט, יאַנקל, ער איז דאָך נישט מער ווי אַ באַלעגאָלע אויפן גזשיבאָוו, האָט ער מורא געהאַט פאַר די בייזע זשאַנדאַרמען און איז אַנטלאָפן...

אַזוי וויל ער ריידן, און עס דוכט זיך אים, אַז זי, בערטאַ און ר׳ משהלע, זעען אים שוין מער נישט. זיי ריידן נאָך שטילער און נאָך טרויעריקער און עס דוכט זיך יאַנקלען, אַז איצט ריידן זיי ביידע וועגן דעם קליינעם סאַמעק און דער פּיצינקער רעגינקע.

און יאַנקלען קומט פאָר, אַז ביידנס אויגן קוקן זיך זוכנדיקע אַרום. ביידע זוכן, פאַלט יאַנקלען איין, די קינדער. און ער וויל זיי זאָגן:

— איך האָב אַנומלט געזען סאַמעקן, אַ גרויסער בחור, קיין עין הרע...

אנשטאָט דעם, הערט ער זיך אַליין ריידן:

— מירן מיט דער בריטשקע פאָרן צו דער באַן־סטאַנציע און דאָרט איינשטייגן אין צוג קיין וואַרשע...

—יאָ, צו דער באַן־סטאַנציע... — זאָגט בערטאַ גלייכגילטיק און מעכאַניש.

— עס וועט זיין זייער שווער זיך אַריינצובאַקומען אין וואַגאָן? — הערט יאַנקל לעבן זיך אַ טיפע מעלאַדישע שטים.

יאַנקל קוקט אויף די ווייסע צעעפנטע ציין פון מיידל, אויף אירע פולע ליפּן, אויף אירע לייכט פאַררויטלטע פּון דער לופט באַקן און אויף אירע קלאָרע דורכזיכטיקע אויגן און צעשמייכלט זיך:

— פאַרוואָס שווער? — זאָגט ער — מ׳קויפט ביי דער קאַסע אַ בילעט און מ׳גייט אַריין אין וואַגאָן.

— הערסט, בערטאַ? — בייגט זיך סאָניע אַריבער צו בערטאַן — עס איז נישט שווער.

זי בייגט זיך אַריבער איבער יאַנקלען ריידנדיק צו בערטאַן און פון איר באַוועגונג דערפילט יאַנקל דורך זיין לעדערנער קורטקע דעם באַריר פון איר האַרטער יונגער ברוסט.

יאַנקל ציט איין דעם אָטעם און בלייבט זיצן אומבאַוועגלעך. נאָר סאָניע זיצט צוריק שוין אויף איר אָרט און יאַנקל הערט בערטאַס קול:

— אויף יענער זייט דאַרף מען אַמאָל וואַרטן טעג ביז וואַנען מען קריגט זיך אַריין אין אַ צוג...

— ביי יעקען איז אַנדערש... — איז יאַנקל צופרידן וואָס ער קאָן עפּעס נייעס דערציילן.

— יעקע? — קוקט דאָס מיידל מיט אירע דורכזיכטיקע קלאָרע אויגן אויף יאַנקלען.

— יאָ, יעקע — וויל יאַנקל האַלטן אויף זיך וואָס לענגער דעם מיידלס אויגן — אַזוי רופט מען זיי דאָ די דייטשן; כ׳ווייס נישט פאַר־וואָס...

— יעקע... — טוט סאָניע מיט איר צונג אַ פיר אויף אירע ליפּן ווי זי וואָלט וועלן מיטן מויל דערפילן דעם טעם פון דעם וואָרט — אַ ניי וואָרט אַזאַ...

יאָך ווייס אויך נישט, — וויל יאַנקל אָנהאַלטן דאָס געשפּרעך מיטן

מיידל — מען דאַרף קענען מיט זיי אומגיין מיט די יעקעס... פּאַר אַ פּרעס און אַ שיק...

יאַנקל טוט זיך אַ ביס אין צונג און בלייבט אין פאַרלעגנהייט אַנט־שוויגן: — פערד־יונג בלייבט פערד־יונג — זידלט ער זיך.

— איר האָט געוואָלט עפּעס זאָגן? — דערמאָנט אים סאָניע, אַז זי וויל הערן וועגן די מאָדנע מענטשן וואָס רופן זיך יעקעס.

יאַנקל שטאַמלט:

— וואָס ער איז, איז ער דער יעקע... יאָ... נאָר פון פּאָזשאַנדעק האַלט ער... באַצאָל אים אין דער קאַסע און ער זאָגט דיר „דאַנקע שען" און מאַכט נאָך אויף דאָס טירל פון וואַגאָן...

און ער גיט צו מיט דער זיכערקייט פון אַ ניי־אויפגעקומענעם גביר:

— צו אים, דעם יעקע, דאַרף מען האָבן געלט, אַ סך געלט...

פּאַר סאָניען איז געוועזן אַלץ, וואָס זי האָט געהערט, ניי. זי האָט צום ערשטן מאָל געהערט, אַז אַריינצובאַקומען זיך אין אַ צוג דאַרף מען האָבן אַ קאַסע און אַ בילעט. אויפן וועג וואָס זי האָט צוזאַמען מיט בערטאַן דורכגעמאַכט, האָט זי געוווסט, אַז מען דאַרף האָבן פלינקע פיס אַריינצושפּרינגען אין וואַגאָן, אַז ווען מען מוז דאַרף מען קאָנען אַרויפּ־דראַפּען זיך אויפן דאַך פון וואַגאָן, אַז מען דאַרף זיך קאָנען זידלען און שטויסן. זי האָט אויך געוווסט, אַז טאָמער אין דער ענגשאַפט און אין דער שטופּעניש קריכט עפּעס אַ יונג אַרונטער אונטערן קלייד מיט זיין האַנט, דאַרף מען אים מיט דער פויסט דערלאַנגען צווישן די אויגן און גלייך זיך פאַרשטעקן כדי נישט צו באַקומען אַנגעבראַכן די ביינער.

זי האָט אויך געוווסט פון סיביר, אַז אויב מ'וויל האָבן אַביסל זופּ יעדן טאָג און אַ ראַזעווע ברויט, מוז מען אַרבעטן פון דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט. דאָס אַלץ האָט סאָניע געוווסט. אָבער געלט? יאָ, זי געדענקט, אַז איר פאָטער איזאַק מאָיסעיעוויטש, האָט איר פיל דערציילט וועגן געלט. ער פלעג איר דערציילן אַז אין די גרויסע ווייטע שטעט זענען דאָ מענטשן וואָס טוען אַפילו נישט אַ ריר מיטן פינגער, אַנדערע אַרבעטן און האָרע־ווען אויף זיי, און זיי אַליין האַלטן אין איין זויפן און הולטאַיען, ווייל זיי האָבן געלט.

דאָס אַלץ האָט סאָניע געוווסט און זי האָט אויך געדענקט איר פאָ־טערס רייד, אַז אַלדאָס בייז נעמט זיך טאַקע פון דעם געלט... זי אַליין

האָט אָבער מיט געלט נישט געהאָט צו טאָן.ביים לויפן פון סיביר האָט זי אויך קיין סך וועגן דעם זיך נישט דערוווסט און ערשט דאָ הערט זי, אַז יעקעס האָבן ליב געלט.

סאָניע דערמאָנט זיך, אַז איר פאָטער האָט זיך שטענדיק שטאַרק צע־הוסט ווען ער האָט געגומען ריידן וועגן געלט. זיין פּנים פלעגט אין יע־נע מינוטן ווערן רויט און ער פלעגט צוטראָגן אַ טיכל צו זיין מויל און זי האָט שוין געוווסט אַז צומאָרגנס וועט דאָס טיכל זיין רויט, ווען זי וועט עס וואַשן.

און דעמאָלט האָט זיך איר געדאַכט, אַז צוליב דעם געלט איז איר פאָטער קראַנק און שפּייט מיט בלוט.

— איך וויל וועגן דעם נישט הערן — האָט זי זיך ביי איר פאָטער געבעטן, — איך האָב פיינט געלט...

איזאַק מאָיסעיעוויטש פלעגט דעמאָלט מיט זיין האַנט אַ פיר טאָן איבער אירע האָר און זאָגן טרויעריק:

— יאָ, ווען אַלע וואָלטן פיינט באַקומען דאָס געלט, וואָלט אַנדערש, גאָר אַנדערש געווען אויף דער וועלט...

סאָניע דערמאָנט זיך איצט אָן דעם אַלעם און זי דערפילט אין זיך אַ טיפן ברענענדיקן האַס צו דעם געלט, וואָס זי ווייסט נישט גענוי וואָס אַזוינס דאָס איז, נאָר זי ווייסט בלויז, אַז צוליב דעם האָט איר טאַטע געהוסט און געשפּיגן מיט בלוט.

— האָבן זיי, די יעקעס, ליב געלט? — ווערן אירע קלאָרע ליכטיק־בלאָע אויגן פאַרוואָלקנט.

זי דערפילט מיטאַמאָל אַ טיפן האַס צו די יעקעס, ווי דער מאַן אין דער לעדערנער קורטקע, וואָס זיצט נעבן איר, רופט זיי.

זי דערמאָנט זיך איצט אָן דעם דייטש מיט דעם גראָבן בויך, וואָס האָט נעכטן אין באַראַק אַזוי געגוואַלדעוועט אויף אַלע און געקלאַפּט אין טיש.

זי האָט נישט געוווסט סאָניע, וואָס ער וויל דער דייטש און פאַר־וואָס ער שרייט און פאָכעט מיט די הענט. זי האָט נאָר דערפילט, אַז זי האָט אים פיינט און אַז זי וואָלט זייער געוואָלט מיט איר פויסט אים דערלאַנגען אין זיין רויט פעט פּנים.

איצט פאַרשטייט זי פאַרוואָס זי האָט אים פיינט באַקומען. דאָס

איז ער דאָך פון די פאַרשוינען, וואָס האָבן איר פאָטער פאַרטריבן קיין סיביר, און צוליב וועמען ער איז געוואָרן קראַנק און געהוסט.

יאַנקל צעלאַכט זיך מיט אַ ברייט געלעכטער:

— כע־כע־כע — קוקט ער מיט לאַכנדיקע אויגן אויף סאָניען — אַוודאי האָבן זיי ליב געלט, ווי דען...

און ער גיט צו:

— און ווער האָט נישט ליב, ווער...

אַ מאָדנע מיידל, טראַכט יאַנקל, זעט אויס ווי אַ דערוואַקסענער מענטש און רעדט ווי אַ קינד. פרעגט אַזעלכע נאַרישע פראַגעס... ווער האָט נישט ליב געלט? און ווי קאָן מען אַזאַ טייערע זאַך ווי געלט נישט ליב האָבן? זיין אַלטע באבע, זיצנדיק מיטן קרבן־מנחה־סידור אויף די טרעפּ פון זייער הייזקע, פלעגט זאָגן צו אירע אייניקלעך מיט אַ זיפץ: — קינדערלעך, ווער ס׳האָט געלט האָט די וועלט... און זי האָט געוווּסט וואָס זי רעדט, די אַלטע באבע. און וואָס וואָלט ער יאַנקל געווען, ווען ער ווייסט נישט צו מאַכן די אמתדיקע מטבע? ער וואָלט געבליבן אַ שמייסער־יונג ווי ער איז געווען. ער וואָלט ווייטער געווען ר׳ לויס פּור־מאַן און וואָלט אָפּגעוואַרט זיינע דינסטן פאַרנאַכט ביי דער טיר זיי צו נעמען אין יידישן טעאַטער אויף מוראַנאָוו...

יאַנקל וואָלט וועלן דעם מיידל דאָ דערציילן וואָס אַלץ מ׳קאָן מאַכן, ווען מ׳האָט אין טאַש דאָס ביסל קלינגערס. און ער וואָלט געוואָלט, אַז זי, בערטאַ, זאָל אויך וויסן אַז ער איז שוין נישט דער יאַנקל פון אַמאָל.

ער דערמאָנט זיך די נאַכט ווען ער איז געלאָפן איבערן פעלד פון בערטאַס הייזקע אַרויס כדי נישט אַריינצופאַלן צו די זשאַנדאַרמען. שווע־רע טעג זענען דעמאָלט געווען פאַר יאַנקלען. וויקטאָר האָט אים געשיקט אין עפּעס אַ עק, אַ קליין שטעטל און געהייסן דאָרט איבערוואַרטן פּאַ־ניען... ס׳ביסל געלט וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך האָט מען אים אין שלאָף ערגעץ ווו צוגעלקחנט. איז ער געבליבן אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה קומענדיק אין שטעטל. ניסים וואָס די אַלטע דבורהלע האָט אויף אים רחמנות געהאַט און געגלייבט אים אויפן וואָרט, אַז ער וועט שפּע־טער אַלץ צוריקגעבן.

— יאָ, יאָ, — דערמאָנט ער זיך, — כ׳האָב שוין פאַרגעסן אַ צייט

אָן איר, דער אַלטער דבורהלע, מען דאַרף איר ווידער שיקן אַביסל געלט...

די יעקעס זענען באַלד געקומען, פאַרגעסט גלייך יאַנקל אָן דבורה־לען, און זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן מיט זייערע פּאַזשאַנדקעס. דבורהלעס שכנטע, די יונגע גרושה וואָס האָט זיך צו אים געשדכנט, האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— יאָך זאָג אײַנען יאַנקל, זי וואָלטן אויך געמעגט זיך אַריבער־כאַפּן קיין לאָדזש ברענגען אַביסל מאַנופאַקטור. אַלע ווערן דאָך נתעשר...

— אָבער די דייטשן... — האָט יאַנקל זיך געקווענקלט.

— נו, אַז זי יאַנקל האָבן מורא פאַר יעקע־נאַר, ווען זי שוין ס׳גאַנ־צע לעבן בלײַבן אַ קבצן — האָט די גרושה אַן אַנטוישטע זיך אָפּגעקערט פון דעם שלימזלדיקן יונג, וואָס האָט צו גאָרנישט קיין שכל און פאַר־שטייט צומאָל נישט איר אָנצוהערעניש, אַז ביינאַכט פאַרגעסט זי טייל־מאָל צוצוקייטלען די טיר פון איר שטיבל.

יאַנקל פאַרגעסט אָן בערטאָן און אָן סאָניען. ער קאָן נאָך נישט פאַרגעסן דאָס אָפּקערן זיך פון אים מיט דער פּלייצע פון דער גרושה, אַזאַ... ער איז נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַוועק קיין לאָדזש. די אַלטע דבורהלע האָט אים איר גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק דייטשע מאַרק, אָנגעטרויט. און ער האָט זיי גלייך געוויזן די שמוגלערס וואָס אַ חברהמאַן פון גזשיבאָוו קאָן...

פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַ גרענעץ־גייער. אַנדערע האָבן מורא געהאַט. די ציין האָבן ביי זיי געקלאַפּט פאַר שרעק. יאַנקל האָט פון זיי געלאַכט.

— וואָס האָט עטץ מורא? — האָט ער זיינע מיטגייער געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — יאָך האָב זיי אין דר׳ערד די יעקעס... יאָך האָב פאַר פאַניעס זשאַנדאַרמען נישט מורא געהאַט, וועל יאָך זיך דערשרעקן פאַר אַ נאַרישן יעקע!...

— וואָס האָסטו ביי די פאַניעס געשמוגלט? — האָבן זיינע נייע חברים געוואָלט וויסן.

— אַז מען ווייסט צופיל, טוט ווײ דער קאָפּ... — האָט יאַנקל זיך צעלאַכט.

— נישט ביי מאָטיען... — האָט יאַנקל צו זיך גערעדט אויפן לשון

פון די גזשיבאָוועד ווילע יונגען — נישט אייער באָבעס עסק, אַז יאָך האָב מיט וויקטאָרן געשמוגלט אונטער פּאַניעס נאָז רעוואָלווערן און אַנ־דערע כלים...

יאַנקל האָט געדענקט וויקטאָרס אָנזאָג, אַז וועגן „די זאַכן" רעדט מען נישט אַפילו מיט דער אייגענער מאַמע. וויקטאָר איז איצט נישטאָ. ער איז ווי אין וואַסער פאַרשוווּנדן. און די פּאַניעס זענען אויך מער נישטאָ. פונדעסטוועגן טראַכט יאַנקל אַז וועגן „די זאַכן" טאָר מען אויך איצט נישט ריידן, הגם נישט איין מאָל כאַפּט אים אָן אַ שטאַרקער חשק זיך צו באַרימען פאַר זיינע נייע באַקאַנטע.

ער באַגנוגנט זיך אָבער בלויז מיט אַן אָנצוהערעניש און זאָגט:

— ווען עטץ חברה וואָלט געוווּסט ווי יאָך האָב אָנגעפרייערט פּאַ־ניען, וואָלט עטץ זיך אויסגעלאַכט פון אַלע יעקעס...

באַרימערס האָבן צווישן דער חברה שמוגלערס נישט געפעלט. מיטן באַרימען זיך האָט מען געוואָלט פאַרטרייבן די אייגענע שרעק און שפּלות פאַרן יעקע. האָבן יאַנקלס מיטגייער אין אָנהייב צו אים געזאָגט:

— ביי יאָלדן וועסטו זיין אַן אָנשטעלער, נישט ביי אונדז...

ערשט אָבער, אַז זיי האָבן געזען אַז דער יונג האָט טאַקע נישט קיין מורא פאַרן טייוול און ער קאָן אויך, ווען מען דאַרף, דערלאַנגען אַ יעקע צווישן די ציין, אַז ער דערזעט די עלטער־באַבע פּאַ־ די אויגן, האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן יאַנקלען מיט גרויס דרך־ארץ.

האָט יעדער זיך צו אים געשאַרט אויפן וועג און געהאַלטן זיך אין זיין שכנות. און יונגע מיידלעך, פלאַקסן־האָריקע שיקסעס מיט קורצע פאַרריסענע נעזלעך און שוואַרץ־האָריקע יידישע טעכטער האָבן, ווי זו־מער־פייגעלעך צום פייער פון דעם לאָמפּ, אַרום אים געקרייזלט.

— פּאַניע יאַנקל... — האָבן מיידלשע שטימען צו אים געשושקעט

— מיר האָבן אַזוי מורא...

יאַנקלס פעסטע אָרעמס און קושן האָבן פאַרטריבן די שרעק פון די מיידלשע ציטערדיקע לייבער.

יאַנקלס רום איז גאָר שנעל דערגאַנגען צו די גרויסע שטיבער אָנ־געפּולטע מיט טונקל מאַסיווע מעבלשטיק פון די לאָדזשער פאַבריקאַנטן.

זיי האָבן נאָך געהאַט פיין פאַררונדיקטע בייכלעך און זיי האָבן נאָך גערעדט האַלב יידיש און האַלב דייטשמעריש וועגן זייערע גרויסע עסקים.

אין די אויגן אָבער איז שוין געלעגן פאַרלוירנקייט און נישט ביי איינעם האָט דער קצב און דער שפּייז־קרעמער שוין גענומען ריידן עזותדיקע רייד און פאָדערן געלט. פונוואַנען אָבער זאָל מען נעמען געלט? אַז יע־קע־נאַר האָט זיך איינגעשפּאַרט, לאָזט נישט אַרבעטן, האָט פאַרלאָשן די קוימענס פון די פאַבריקן און פון די איבערפולטע מיט שניטוואַרג סקלאַדן טאָר מען אַ בענדל נישט רירן...

— איך האָב פיל פון אינען געהערט, פאַניע האַרט — האָט יאַנקל צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זיך געהערט רופן פאַניע האַרט און גע־קוקט מיט שטוינענדיקע אויגן אויף דעם ייד מיטן רונדיקן בייכל און גלאַט פאַרקעמטן גראָען בערדל, וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט געווען אַ מחותן פון זיין אַמאָליקן גזשיבאָוער באַלעבאָס ר׳ לוי — איר פאַר־שטייט פאַניע האַרט...

יאַנקל האָט אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען. ער איז געזעסן אויף דער שפּיץ שטול, ווי ער איז אַמאָל געזעסן אויפן גזשיבאָוו, ווען דניאל עפּ־שטיין האָט אים צו זיך גערופן און ער האָט געקוקט אויף דער גלאָז טיי, צו וועלכער ער האָט זיך נישט, אויס דרך־ארץ, צוגערירט.

— טרינקט, טרינקט, פאַניע האַרט — האָט דער ייד מיטן רונדיקן בייכל געטאָן אַ זופּ פון זיין אייגענער גלאָז — איר פאַרשטייט, דער יעקע איז דאָך אינגאַנצן פאַרריקט...

פאַרוואָס יעקע איז פאַרריקט, האָט יאַנקל גענוי נישט געוווסט. אָבער אַז אַ ייד מיט אַזאַ שיין פאַרקעמט בערדל זאָגט „פאַרריקט״, מעג מען אים גלייבן.

האָט יאַנקל בלויז זייער ערנסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און גע־טראַכט, אַז וואָס ווייניקער ער וועט ריידן וועט אַלץ זיין געזינטער פאַר אים.

יאַנקלס שאָקל מיטן קאָפּ האָט דעם ייד מיטן פיין צוגעקעמטן בערדל צוגעגעבן קוראַזש און ער האָט שוין האַסטיקער גערעדט:

— די סקלאַדן זענען אָנגעשטאָפּט מיט סחורות... אַלע לאָדזשער גאַסן וואָלט מען מיט זיי געלאָזט אויסלייגן... און ער לאָזט נישט רירן אַ פאָדעם. געהערט אַזאַ מעשה, אַזאַ יעקע...

דער ייד איז שטיל געוואָרן, אַ קוק געטאָן אויף זיין ווייב, וואָס איז

געזעסןביים טיש און געקוקט אויף די רינגעלעך מיט וועלכע אירע פינ־גער זענען געווען באַלייגט.

— פאַרזוכט דאָס איינגעמאַכטס — האָט די יידענע אויסגעשטרעקט איר פעטע האַנט און צוגערוקט צו יאַנקלען אַ קליין קרישטאָלן טעלערל, אָנגעפּילט מיט אַ געדיכטער ברוינער פליסיקייט — פאַרזוכט, איך האָב עס אַליין געמאַכט.

יאַנקל האָט פאַרזיכטיק איינגעטונקען אַ לעפעלע אין דער געדיכ־טער פליסיקייט און דער ייד האָט גענומען ריידן שנעל ווי ער וואָלט זיך זייער געאיילט:

— איך האָב געהערט, אַז איר זייט אַ גרויסער בריה מיט די יעקעס. יאָ, אַלע זאָגן אַ משונהדיקער בריה. איז ווען איר זענט מסכים, און פאַרוואָס זאָלט איר נישט מסכים זיין? עס איז דאָך אַ גאָלדן גע־שעפט. איז בין איך גרייט אייך, פאַניע האַרט, צו געבן די שליסלען פון די סקלאַדן. מייַנער אַ מענטש וועט דאָרט זיין און טוט וואָס איר ווילט... נעמט אַרויס וואָס איר ווילט, פירט עס אַוועק וווהין איר ווילט, איר פאַרשטייט, פאַניע האַרט, סאַראַ גאָלדן געשעפט...

יאַנקל האָט געפּאַלדעוועט דעם שטערן. און דער ייד האָט געקוקט אויף אים אַן אומרואיקער:

— נו, וואָס זאָגט איר, פאַניע האַרט?...

— כ׳ווייס... — האָט יאַנקל נאָך נישט געוווסט וואָס צו זאָגן.

— בֿ׳פאַרשטיי, פאַניע האַרט, — האָט דער ייד קענטיק זיך דער־שראָקן פאַר יאַנקלס קווענקלען זיך — איר זענט אַ גוטער קויפמאַן, פאַ־ניע האַרט, און איר ווילט וויסן וואָס און ווען... נו, וועל איך עס מאַכן קורץ, אַזוי ווי מיר אין לאָדזש האָבן ליב. איר באַקומט אַ העלפט. איר הערט, פאַניע האַרט. וויפל איר פאַרקויפט און צו וואָס פאַר אַ פּרייז איר פאַרקויפט, באַקומט איר אַ העלפט. נו, געמאַכט? — האָט ער אויסגע־שטרעקט צו יאַנקלען די האַנט.

יאַנקל האָט די האַנט אָנגענומען.

— זאָל זיין מיט מזל! — האָט דער ייד מיטן פאַררונדיקטן בייכל זיך צעשמייכלט. — נאָר איין זאַך, פאַניע האַרט, טאָמער וואָס־ווען — איך ווייס פון גאָרנישט...

— וואָס הייסט? — האָט יאַנקל נישט פאַרשטאַנען.

— כ׳מיין טאָמער, חלילה, — האָט דער ייד געקוקט אויפן טיש — דער יעקע הייבט אָן צו וועלן וויסן, פרעגן, איז ווייס איך פון גאָרנישט... איך קען אייך נישט, איך האָב נישט מיט אייך גערעדט, איך האָב אייך קיין שליסלען צו מיינע סקלאַדן נישט געגעבן. הכלל, איך ווייס פון גאָר־נישט...

ערשט דעמאָלט האָט יאַנקל דערזען, אַז דער ייד מיטן בכבודיקן בייכל און מיטן פיין צוגעקעמטן גראָען בערדל טרייסלט זיך פאַר שרעק און די הענט פון זיין יידענע טרייסלען זיך ביים אָנגיסן איר מאַן אַ צווייט גלאָז טיי.

יאַנקל האָט פון דעם געדאַנק זיך דערפילט דרייסטער. ער האָט זיך שוין באַקוועמער צעזעצט אויף דער ווייכער שטול, האָט טועם געווען פון איינגעמאַכטס און געזאָגט דער באַלעבאָסטע, אַז עס האָט טעם גן־עדן.

— איז עס הייסט ווי מיר האָבן גערעדט, — איז דער ייד געווען אומרואיק — טאָמער חלילה וואָס־ווען וועט איר, פאַניע האַרט, זיי זאָגן, די יעקעס, אַז איך ווייס פון גאָרנישט.

— פאַרלאָזט אייך — האָט יאַנקל ברייטלעך גערעדט — איך האָב יעקען־נאַר ניין איילן אין דער אדמה און אייער נאָמען וועל איך נישט דערמאָנען... איך האָב מיר אַליין צוגעפּאַסט שליסלען צו אייערע סקלאַ־דעס, פאַניע זילבער...

— הם, הם, פאַניע האַרט... — האָט דער פאַבריקאַנט זילבער זיך איבערגעקוקט מיט זיין ווייב — אַזוי גייט עס נישט, פאַניע האַרט... ער איז טאַקע יעקע־נאַר, אָבער אַזאַ טיפּש איז ער פאָרט נישט ער זאָל גלייבן אין נאָכגעמאַכטע שליסלען, ריכטיק פאַניע האַרט...

יאַנקל האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער פאַבריקאַנט זילבער האָט געגלעט זיין בערדל און בנעימותדיק גערעדט:

— מען דאַרף טאָן מיט שכל, פאַניע האַרט... מ׳וועט אַריינגיין צו מיין אַדוואָקאַט און מאַכן אַ קאָנטראַקט, אַז איך פאַרקויף אייך די פאַ־בריק... יאָ, אַזוי וועט מען מאַכן. און דעמאָלט קאָן זיך דער יעקע אויפ־הענגען אויף אַ צוקער־שנור... כע־כע־כע, פאַניע האַרט... איר זעט, איך טרוי אייך אָן מיין גאַנץ פאַרמעגן...

אַזוי האָט ער נאָר געזאָגט, דער פאַבריקאַנט פון דער צעגליאַנע גאַס,

נאָר זיין אַדוואָקאַט האָט שוין געוווסט דעם קאָנטראַקט ווי אַזוי צו שרייבן, אַז ווען דער פאָן זילבער וועט ווערן, זאָל ער קאָנען דעם וואַרשעווער יונג הייסן זיך אָפּטראָגן צו אַלדי גוטע יאָר.

יאַנקל האָט זיך נישט געקאָנט אויף די אַדוואָקאַטישע דריידלעך. ער איז געוואָרן באַלעבאָס פון זילבערס פאַבריק אין לאָדזש. די פאַבריק איז, וואָס אַן אמת, געלעגן ווי אַ פגר און די מאַשינעס זענען געווען באַדעקט מיט שטויב און זשאַווער. דערפאַר האָט זיך אין די גרויסע סקלאַדעס געטאָן אויף טיש און אויף בענק. יאַנקל האָט געברענגט מיט זיך זיין חברה ווילע יונגען, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען איבער דער גרענעץ. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן אָן די שיקסעס און מיידלעך, וואָס האָבן אין זיינע אָרעמס פאַרגעסן זייער שרעק פאַרן יעקע. בייטאָג האָט מען געפּאַקט גרויסע און שווערע באַלעמס און ביינאַכט זײַנען צו דער פאַבריק צוגעפאָרן לאַסט־וועגענער און יאַנקל האָט זיי פונאַנדערגעשיקט קיין וואַרשע און קיין קאַטאָוויץ און קיין טשענסטאָכאָוו און קיין קראָקע און אַפילו צו די ליטוואַקעס אין ווילנע האָבן געטראָפן יאַנקלס פורן.

און דעמאָלט איז יאַנקל געפאַלן אויפן שכל, אַז אַפילו יעקע־נאַר האָט ליב אַ זייטיק פאַרדינסטל. ער איז געוואָרן פאַרבראַט מיטן מאַיאָר קעמפּקע און מיט אַנדערע יעקעס, און זיי האָבן באַזאָרגט יאַנקלס וועגענער מיט אַזעלכע פּאַפּירלעך, וואָס זענען געווען בעסער און זיכערער ווי אַ רבישע קמיע. און ווען מ'האָט געדאַרפט, איז מאַיאָר קעמפּקע מיט אים מיטגעפאָרן און ווי אַ געטרייער שומר אים געהיטן.

ביים מאַיאָר קעמפּקע האָט זיך יאַנקל אויסגעלערנט זאָגן „לעבען און לעבען לאַססען".

— דער יונג איז אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלט — האָט מען אויף דער בערזע גענומען קוקן אויף יאַנקלען מיט דרך־ארץ — אַז ער ווייסט אַליין נישט וואָס ער פאַרמאָגט.

יאַנקל האָט טאַקע נישט געוווסט וויפל ער פאַרמאָגט. ער האָט אויך נישט געוווסט וואָס מיטן געלט צו טאָן. האָט ער זיך געקויפט אַ ברי־טשקע און צוויי קאַשטאַן פערד און זיי, די פערד, האָבן אים דאָס גרעסטע פאַרגעניגן פאַרשאַפט. ער האָט געהאַלטן די לייצעס אין האַנט און ביי זיך געטראַכט, אַז אַפילו זיין אַמאָליקער באַלעבאָס, דער גרויסער גזשי־

באַוועך גביר און יחסן ר׳ לוי, האָט נישט געהאַט אַזעלכע קאַשטאַן פערד ווי ער, יאַנקל, האָט.

יאַנקל האָט פון גרויס צופרידנהייט אַ צי געטאָן די לייצעס. די פערד האָבן פאַרשטאַנען דעם באַפעל פון זייער באַלעבאָס און האָבן זיך געלאָזט אין אַ נאָך שטאַרקערן גאַלאָפּ.

די בריטשקע האָט זיך צעהוידעט. בערטאַ און סאָניע זענען אַרויפ־געפאַלן צו יאַנקלס זייטן. יאַנקל האָט זיך צעלאַכט. אַ מחיה אַזעלכע סוסים און דאָס מיידל דאָ פרעגט צי ער האָט ליב געלט? אַ נאַרישע פרע־געכץ אַזאַ... וואָס מיינט זי, די מויד, אַז אַזעלכע סוסים באַקומט מען בחינם?...

— נו, וואָס זאָגט איר צו די מזיקים?... פרעגט גאַרנישט, אַ פּאַר־מעגן האָבן זיי מיך געקאָסט...

ער האָט קוק געטאָן אויפן מיידל, וואָס איז נעבן אים געזעסן. ער האָט איר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין וואָס מ׳קאָן אַלץ מאַכן מיט געלט. האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין באַבעס זאָג און ווידערהאָלט:

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס. אַז מ׳האָט געלט, האָט מען די וועלט...

סאָניע האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און געקוקט אָן אַ זייט.

יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס מיידל איז אויף אים ברוגז און האָט אירע פּיס פון אים דערווייטערט. ער האָט זיך אויסגע־דרייט צו בערטאַן און געזאָגט:

— באַלד וועלן מיר זיין ביי דער באַן־סטאַנציע.

פאַר דער קליינער געלבלעכער געביידע פון דער באַן־סטאַנציע האָט יאַנקל פאַרהאַלטן די בריטשקע.

אַן אַלטער גוי האָט אים שוין אָפּגעוואַרט און יאַנקל האָט אים קורץ באַפוילן:

— נעם צו די פערד.

בערטאַ און סאָניע זענען אַראָפּ פון דער בריטשקע.

— זעצט אייך דאָ — האָט ער זיי צוגעפירט צו אַ באַנק, וואָס איז אַמאָל געווען אָפּגעמאָלן אויף גרין — כ׳וועל נאָר אַ לויף טאָן צו דער קאַסע.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך דערהערט דער לאַנ־גער קוויטשענדיקער פייף פון דעם אָנקומענדיקן צוג.

יאַנקל האָט זיך געפֿאָרעט. בערטאַ און סאָניע האָבן געשוויגן און יאַנקל האָט נישט געהאַט וואָס צו זיי צו ריידן, איז ער געווען צופֿרידן וואָס דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער קאָן זיי העלפֿן איינשטייגן אין וואַגאָן.

— אין אַ שעה וועט מען זיין אין וואַרשע — האָט יאַנקל געזאָגט ווען דער צוג האָט גערירט.

בערטאַ האָט זיך אויסגעדרייט פֿון פֿענצטער: — כ׳האָב דיר נאָך נישט געזאָגט אַ דאַנק, יאַנקל...

— וואָס, מאַדאַם... — האָט יאַנקל נישט געוווסט וואָס צו זאָגן.

— כ׳ווייס נישט וואָס מיר וואָלטן געטאָן ווען נישט דו, יאַנקל — האָט בערטאַ באַרירט זיין אָרעם.

— מאַדאַם בערטאַ... — האָט דער יונג געשטאַמלט.

— כ׳ווייס... — האָבן בערטאַס אויגן טרויעריק געקוקט אויף יאַנקלען — ביסט שטענדיק געווען אַ ווילער בחור..

יאַנקל האָט געפֿילט ווי אַ רויטקייט שלאָגט אַרויס אויף זיין פּנים. ער האָט געוואָלט עפּעס גוטעס זאָגן בערטאַן, נאָר ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי מען מאַכט עס.

— מאַכסט גוטע געשעפֿטן, יאַנקל? — האָט בערטאַ געקוקט מיט אַ שמייכל אויף יאַנקלס ברוינער קורטקע און זיינע הויכע גלאַנציקע שטיוול — איך וויל ביי דיר באָרגן געלט, וועסט האָבן יאַנקל?...

יאַנקל האָט דערפֿילט, אַז אין האַלדז שטיקט אים עפּעס:

— וואָס הייסט, צי כ׳וועל האָבן? — האָט ער געשטאַמלט — פֿאַר אייך, מאַדאַם, וואָס הייסט...

— און דו וועסט אונדז פֿירן אין אַ שטילן נישט טייערן האָטעל יאַנקל...

— פֿאַרוואָס מאַדאַם...

— אַזוי וויל איך יאַנקל, — האָט בערטאַ געקוקט אויף אירע רויטע אויסגעהאָרעוועטע הענט — און מיר דאַרפֿן קויפֿן קליידער און וועש... עס וועט קאָסטן נישט ווייניק יאַנקל, און עס וועט מוזן אַביסל דויערן ביז איך וועל באַקומען אַרבעט און דיר קאָנען צוריקגעבן...

יאַנקל האָט גענומען שלעפּן פֿון זיינע קעשענעס פּעק פּאַפּירענע דייטשע מאַרקן...

בערטאַ האָט געקוקט אויף די באַנקנאָטן און געזאָגט: — כ׳קען זיך נאָך נישט אויף דעם געלט...

— יעקישע מאַרקן — האָט יאַנקל צוזאַמענגעוויקלט די באַנקנאָטן אין איין פּאַק און דערלאַנגט בערטאַן.

— געלט מוז מען ציילן יאַנקל — האָט בערטאַ פונאַנדערגענומען דאָס פּעקל און גענומען ציילן.

זי האָט זיך יעדעס מאָל טועה געווען און אָנגעהויבן אויפדאָסניי. האָבן זיי אַלע דריי זיך פונאַנדערגעלאַכט און בערטאַ האָט דאָס געלט צוריקגעגעבן יאַנקלען זאָגנדיק:

— איך קען זיך נישט אויף דעם, צייל דו יאַנקל...

יאַנקל האָט, ווי די פורמאַנעס פון גזשיבאָוו, מיטן שפּייעכץ פון מויל נאָס געמאַכט דעם גראָבן פינגער און גענומען ציילן. בערטאַ און אַפילו סאָניע האָבן אויף אים רחמנות באַקומען און אים צוגעהאָלפן חשבונען...

— איז עס נישט צופיל? — האָט בערטאַ געפרעגט.

— ניין, ניין! — האָט יאַנקל האַסטיק גערעדט — די יעקישע מאַרקן זענען דאָך נישט מער ווי שייסע... קוים מ׳קריגט עפּעס פאַר זיי צו קויפן...

זיי האָבן גערעדט וועגן געלט, וועגן פרייז פון פּוטער און פלייש און וועגן דעם ווו מען קאָן קויפן אַ קלייד.

— הערזע האָט נאָך זיין געוועלב? — האָט בערטאַ געפרעגט.

— יאָ — האָט יאַנקל געזאָגט — נאָר היינט האָט זיך געעפנט אַ ניי געשעפט פון די ברידער יאַבלקאָווסקי... אַ גאַנץ הויז... מ׳זאָגט אַז אין בערלין איז נישטאָ קיין גרעסער וואַרן־הויז.

— ווען מיר גיין דאָרט צו די יאַבלקאָווסקיס. האַ־האַ, וואָס מיר דאַרפן אַלץ צו קויפן...

און בערטאַ האָט מיט אַ שרייבפּענדל אין האַנט גענומען אויסרע־כענען וואָס אַלץ זיי ביידע דאַרפן קויפן...

זיי האָבן זיך געשפּאַרט און געאַמפּערט איבער יעדער נייער זאַך צי מ׳דאַרף עס שוין האָבן אָדער ס׳קאָן נאָך וואַרטן.

בערטאַ האָט אין דעם אַמפּערן זיך מיט סאָניען אַריינגעלייגט אַזוי־פיל אייפער פון אַ מענטש וואָס אָדער ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט

פון קיין זארג, אדער ער וויל כאטש אויף א ווייל פארטרייבן פון זיך זיינע זארגן.

די באן האט זיך האסטיק אפגעשטעלט.

— ווארשע — האט יאנקל א זאג געטאן.

— שוין... — איז בערטא געבליבן שטיין און נישט געוווסט וואס ווייטער מיט זיך צו טאן.

יאנקל האט געהאלפןביידן אויסשטייגן פון וואגאן, האט זיך אריינגעזעצט מיט זיי אין א דראשקע און א זאג געטאן צו בערטאן:

— אפשר צופארן פריער צו די יאבלקאווסקיס...

— וואס, האסט מורא, יאנקל — האט בערטא צו אים א שמייכל געטאן — אז אזעלכע צוויי שלעפערקעס וועט מען נישט אריינלאזן אין האטעל...

— כ׳מיין... — האט יאנקל געשטאמלט נישט וויסנדיק וואס צו זאגן.

— גוט! — האט בערטא צוגעשטימט און ווענדנדיק זיך צו סאניען געזאגט: — וועסט זען, באלד וועסטו זיין אזוי שיין, ווי די אלע דא...

סאניע האט געווארפן ארום זיך א צעטומלטן בליק. עלעגאנט־געקליידטע פרויען האבן זיך געקושט מיט זייערע פריינד, וואס זענען געקומען זיי אפוואַרטן און זיי האבן אין הויכע שיכלעך פון כלערליי קאלירן געשטעלט אייליקע טריט צו דעם ארויסגאנג.

סאניע האט א קוק געטאן אויף איר פארשטויבט און פארלאטעט קלייד און דעמאלט האט זיך איר געדאכט, אז אלע קוקן אויף איר און לאכן פון איר.

— קום, קום סאניע, — האט זי בערטא אנגענומען ביים ארעם — וועסט באלד זיין שענער פאר זיי.

פאר דעם ווארן־הויז פון די ברידער יאבלקאווסקי אויף דער מאזאוויעצקא גאס, האט די דראזשקע זיך אפגעשטעלט און יאנקל האט פאר בערטאן און סאניען געעפנט די ברייטע דעמבענע טיר.

דאס אריינקומען פון צוויי פרויען אין פארשטויבטע און פארלאטעטע קליידער האט ארויסגערופן אויפזען אין עלעגאנטן געשעפט. אלעמענס אויגן האבן זיך מיטאמאל געווענדט צו דער ריכטונג פון דער טיר,

ווו בערטאַ און סאָניע זענען געבליבן שטיין און אין ערשטן מאָמענט נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן.

אַן עלעגאַנטער הער מיט גראָלעכע שלייפן און אַ שטרענג גלאַט־אויסראַזירט פּנים איז זיי מיט שנעלע ענערגישע טריט אַנטקעגנגעגאַנגען ווי ער וואָלט וועלן זיי פאַרשטעלן דעם וועג.

— אַנטשולדיקט... — האָט ער שטרענג צו זיי געזאָגט — דאָ איז נישט...

— זייט רואיק מיין הער — איז בערטאַ שוין געווען באַהערשט און גערעדט מיט אַ קאַלטן פּריציש טאָן — מיר זענען נישט געקומען נאָך אַ נדבה, מיר קומען פון יענער זייט און איר זעט וואָס מיר ברויכן...

— ביטע מיינע הערשאַפטן — איז דאָס שטרענגע פּנים פון עלעגאַנטן הער זיך צעגאַנגען אין אַ העפלעך אונטערטעניקן שמייכל — מיר וועלן אייך דינען...

און מיט אַ טיפן נייג האָט ער זיי געפירט אין די זייטיקע צימערן פון גרויסן וואַרן־הויז, באַגלייט פון די נייגעריקע בליקן פון די עלעגאַנטע פאַרקויפערינס און קונים.

יאַנקל האָט נישט געוווּסט וואָס ער דאַרף טאָן. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען עטלעכע טריט, נאָר דער עלעגאַנטער הער האָט אים מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף אַ זייטיקער טיר זאָגנדיק:

— איר וועט דאָרט קאָנען צוואַרטן מיין הער...

ער האָט זיך אויף יאַנקלען נישט אומגעקוקט און זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשאַנקען צו די צוויי פרויען, וואָס גייען אַנגעטאָן ווי שלעפּערקעס און האַלטן זיך ווי גראַנדאַמעס.

אין אַ קליינעם זאַל האָט ער זיך פאַרהאַלטן, אָנווייזנדיק אויף צוויי פאָטעלן, און פאַרנייגנדיק זיך טיף, געזאָגט:

— מאַכט אייך באַקוועם, ביטע, באַלד וועלן מיר אייך קאָנען דינען...

באַלד האָבן זיך באַוויזן די עלעגאַנטע פאַרקויפערינס און עס האָט אין דעם זאַל גענומען שאַרכען מיט זיידענע קליידער און העמדער מיט מאַנטלען, מיט הוטן פון כלערליי קאָלירן און מיט קליינע שיכלעך אויף הויכע שפּיציקע אָפּצאַסן.

סאָניע איז געשטאַנען אַ באַרוישטע פאַר די גרויסע שפּיגלען און געקוקט אויף זיך אַ צעטומלטע, ווען די פאַרקויפערינס האָבן מיט געני־

טע געשיקטע הענט געהאַלטן זי אין איין אויסטאָן און ווידער אָנטאָן.

בערטאַ האָט מיט אַ געניט אויג געגעבן קורצע און קלאָרע באַפעלן און די פּאַרקויפערינס האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— איר האָט אַזאַ גוטן געשמאַק מאַדאַם...

— נו, גענוג אויף היינט — האָט בערטאַ געזאָגט צו די פּאַרקויפע־רינס, בלייבנדיק שטיין פאַרן שפּיגל צוזאַמען מיט סאָניען.

ביידע זענען געווען אָנגעטאָן אין טונקל־גראָע קאָסטיומען, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס געקומען פון אַ קורצער אנגענעמער רייזע.

— נו, ווי געפעלסטו זיך? — האָט בערטאַ שטיל אַ זאָג געטאָן צו סאָניען.

— אָה... — האָט סאָניע נישט געפונען קיין ווערטער פאַר איר גליק.

— וווהין זאָלן מיר אָפּשיקן די זאַכן? — האָבן די פּאַרקויפערינס געוואָלט וויסן.

— אָפּשיקן? — האָט בערטאַ זיך אַ וויילע פאַרטראַכט — ניין, פּאַקט עס איין בעסער. איר האָט דאָ אויך וואַליזעס? יאָ, טאָ פּאַקט צוזאַמען, ביטע...

אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט די צעריסענע און שמוציקע קליידער אין וועלכע זיי זענען אָנגעקומען.

— ביטע, מאַכט פון דעם אַ באַזונדער פּעקל...

— געוויס... האָט די פּאַרקויפערין נישט געוווסט פאַרוואָס זי איז געוואָרן רויט צונויפנעמענדיק מיט די שפּיץ פינגער די שמאַטעס.

בערטאַ האָט גענומען אין האַנט דאָס פּאַקעטל מיט אירע אַלטע קליידער און די דינער האָבן אַרויסגעטראָגן די וואַליזעס מיט די אָנגע־קויפטע נייע זאַכן. יאַנקל איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ווען ער האָט דערזען זיי נעבן זיך:

— יאָך זאָל אַזוי לעבן... — ער האָט נישט דערזאָגט, דערמאַנענדיק זיך אַז ער איז שוין מער נישט צווישן די גזשיבאָווער באַלעגאָלעס.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דעם שטילן עלעגאַנטן האָטעל אויף דער יאַסנע גאַס, האָבן זיי שוין אויסגעזען ווי עלעגאַנטע דאַמעס, וואָס זענען געווינט, אַז די האָטעל־דינער זאָלן זיי גרייט זיין מיט אַלעם צו באַדינען.

— יאַנקל... — האָט בערטאַ אַראָפּנעמענדיק דעם הוט פֿאַרן שפּיגל געזאָגט — איך דאַנק דיר זײַער יאַנקל...

יאַנקל האָט זיך אויפֿגעשטעלט.

— איר דאַרפֿט זיך אויסרוען — האָט ער געזאָגט — און איך װעל גײן. כ׳װעל זיך מאָרגן אַרײַנכאַפּן...

ער האָט שוין געהאַלטן די האַנט אויף דער קליאַמקע, װען ער האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— מאַדאַם בערטאַ, אפֿשר זאָל איך...

ער האָט נישט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון דניאל עפּשטײן און נישט דערמאַנט סאַמעקן און רעגינקען. בערטאַ אָבער האָט געװוּסט װאָס ער מײנט און זי האָט אים געענטפֿערט:

— נײן, יאַנקל, מער קאָנסטו נישט טאָן. דאָס איבעריקע געהער שוין צו מיר.

זײ זענען געבליבן אַלײן.

בערטאַ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם טיפֿן פֿאָטעל, װאָס איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער. זי איז געבליבן זיצן מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן.

— ביסט מיד, בערטאַ? — האָט סאָניע אָנגערירט איר אָרעם.

— אַביסל, קינד — האָט בערטאַ נישט געעפֿנט די אויגן.

— זאָל איך אַלײן אויספּאַקן די זאַכן? — האָט זיך געפֿילט אַ טאָן פֿון אומגעדולד אין סאָניעס שטים.

— געװיס סאָניע, געװיס...

סאָניע האָט געעפֿנט די װאַליזעס און אירע הענט האָבן צערטלעך געגלעט די זײַדענע און סאַמעטענע קלײדער. זי האָט אויסגעגלײַכט די פֿאַלדן פֿון װײכע מיט שפּיצן באַפּוצטע זײַדענע העמדער.

זי האָט אַראָפּגעװאָרפֿן פֿון זיך דעם גראָען קאָסטיום און האָט גע־האַלטן אין אַרויפֿציִען זיך יעדעס מאָל אַן אַנדער קלײד.

זי האָט געקוקט אין שפּיגל און געלאַכט צו זיך און זיך אַלײן באַ־װוּנדערט.

— בערטאַ האָט האַלב געעפֿנט אירע אויגן און געקוקט אויף סאָניעס צעפֿלאַמט פּנים און אירע שײַנענדיקע פֿון פֿרײד אויגן.

— דער ערשטער באַלאַן דײַנער סאָניע — האָט זי געטראַכט — נאָר װי לאַנג װעט ער אָנהאַלטן...

דער געדאַנק איז בלויז שנעל דורכגעלאָפן און פאַרשוווּנדן. בערטאַ האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן. זי איז נישט געווען מיד. זי האָט נאָר געוואָלט רואיק טראַכטן. סאַמעק און רעגינקע. צוליב זיי האָט זי דאָך געהאַט כּוח דורכצומאַכן דעם וועג, און איצט האָט זי מורא פאַר דער באַגעגעניש מיט אירע אייגענע קינדער. איצט וויל זי אָפּשלעפּן דעם מאָמענט ווען זי וועט נעמען אים, סאַמעקן, אין די אָרעמס, ווען זי וועט קושן רעגינקעס קעפּל, וואָס איז שטענדיק געווען צעשויבערט.

בערטאַ פילט ווי אַ שווידער לויפט דורך איר לייב. זי ווייסט גאָרנישט צי רעגינקע וועט זיך לאָזן קושן פון אירע מאַמע, און צי סאַמעק וועט נישט קוקן אויף איר ווי אויף אַ פרעמדער פרוי, וואָס באַלעסטיקט אים מיט אירע לאַסקעס.

זי ווייסט אָבער, אַז זי מוז עס וויסן. יאָ, זי מוז. צוליב דעם איז זי געקומען אַהער. נאָר צוליב דעם.

בערטאַ קוקט זיך אַרום. ווו איז ער יאַנקל? ער איז נישטאָ, דערמאָנט זי זיך. זי אַליין האָט אים געהייסן גיין. ער האָט געוואַרט, ער האָט געוווּסט צוליב וואָס זי איז געקומען און ער האָט איר געוואָלט העלפן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט מיט אים ריידן וועגן דעם. עס זענען דאָ זאַכן, וואָס מ'קאָן נישט טאָן אַפילו ווען מ'וויל. עס איז פּונקט ווי זיך אויסטאָן נאַקעט פאַר די אויגן פון אַ פרעמדן מאַנסביל. בערטאַס מויל האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע. צי איז טאַקע אַזוי שווער זיך אויסצוטאָן נאַקעט פאַר די אויגן פון פרעמדע? זי דערמאָנט זיך די ערשטע נאַכט פון איר אָנקומען אין דער סיבירער טייגע. אַ האָרדע ווילד־פאַרוואָקסענע, שמוציקע, פאַרלויזטע און געפרוירענע האָט מען זיי אַלע, מענער און פרויען צוזאַמען, אַריינגעוואָרפן אין דער פאַררויכערטער באַניע (שוויץ־באָד). זי האָט דעמאָלט אַפילו נישט געטראַכט, אַז זי שטייט אַ נאַקעטע פאַר די אויגן פון אַלע. זי האָט נאָר געפילט אויף איר לייב דעם הייסן ברי פון קאָכיקן וואַסער.

און פונדעסטוועגן, טראַכט בערטאַ, האָט זי נישט געקאָנט ריידן מיט יאַנקלען וועגן סאַמעקן און רעגינקען. אַנטבלויזן די נשמה איז נאָך שווערער ווי אויסשטעלן פאַר פרעמדע אויגן די נאַקעטקייט פון אייגענעם לייב. גיין, דאָס מוז זי טאָן אַליין, און טאַקע שוין, אַ מינוט לענגער נישט וואַרטן, שפּעטער וועט איר אפשר פאַרפעלן כּוח.

בערטע שטעלט זיך אויף. זי קוקט אויף סאָניען אין איר נייעם קלייד און אירע אויגן זוכן איצט די בלאָנד־האָריקע רעגינקע.

— װעט זי נאָך אַמאָל גיין מיט רעגינקען צו די יאַבלקאָװסקיס? — טראַכט זי װעגן זיך װי װעגן אַ דריטער פּערזאָן.

אויפן טיש ליגט פּאַפּיר און אַ פּען און עס שטייט אַ טינטער.

בערטע זעצט זיך אַוועק. זי וווּנדערט זיך אַליין ווי לייכט עס קומען צו איר די נייטיקע ווערטער. טרוקן און קאַלט, ווי מען שרייבט צו אַ פרעמדן מענטשן, וואָס איז איר גלייכגילטיק און פרעמד, טיילט זי מיט איר געוועזענעם מאַן דניאל עפּשטיין וועגן איר קומען אין שטאָט, און העפלעך־פרעמד בעט זי אים צו ברענגען צו איר סאַמעקן און רעגינקען זונטיק צוועלף בייטאָג. די קינדער גייען געוויס נישט זונטיק אין שול, און זי אַנטשולדיקט זיך פאַר באַלעסטיקן אים.

בערטע לייגט אַריין דאָס בייגעלע פּאַפּיר אין קאָנווערט, זי שרייבט מיט גרויסע בוכשטאַבן דעם אַדרעס און עס פאַלט איר איין, אַז זי האָט נישט פאַרגעסן אַפילו דעם נומער פון דער גאַס ווו עפּשטיין האָט זיין געשעפט.

אויף בערטאַס קלונג קומט אַריין די האָטעל־דינערין.

— ביטע, — דערלאַנגט איר בערטאַ דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט — זייט אַזוי גוט און שיקט באַלד אָפּ דעם בריוו מיט דער פּאָסט.

— יאָ, מאַדאַם, — ענטפערט גלייכגילטיק די האָטעל־דינערין און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

ערשט דעמאָלט דערפילט אויף זיך בערטאַ סאָניעס צוואַרעמטע אויגן.

— סאָניע, — גייט זי צו צו איר — כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט ווי שיין דו ביסט... וועסט פאַרדרייען די קעפּ אַלע וואַרשעווער ייִנגלעך...

סאָניע לאַכט און וואַרפט אויף זיך אַרויף אַ ניי קלייד.

בערטאַ קוקט אויף איר מיט אַ שמייכל. זי דערמאָנט זיך ווי זי איז אַמאָל געשטאַנען פאַר איר מאַמעס שפּיגל מיט דער גאָלדענער ראַם און געקוקט אויף זיך אין דעם נייעם שבתדיקן קלייד.

— סאָניע — דערפילט ערשט בערטאַ אַ מידקייט אין אַלע אירע גלידער — ווייסט, סאָניע, מיר וועלן דאָ עפּעס אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפן, שלאָפן כאָטש ביז מאָרגן.

— שלאָפן? — איז סאָניע אַנטוישט. זי וואָלט וועלן אַרויס אין שטאָט, אַלע זאָלן באַוווּנדערן אירע נייע קליידער.

— יאָ, שלאָפן, קינד — זאָגט בערטאָ — מאָרגן מוזטו זיין שיין. מירן גיין צו דיין באַבע...

— זי קען דאָך מיך נישט... — פילט זיך אַ נישט זיכערקייט אין סאָניעס שטים.

— זי וועט זיך געוויס פרייען מיט אַזאַ שיין אייניקל — באַרויִקט איר בערטאָ — און דו וועסט באַקענען דיינע פעטערס און מומעס...

— איך ווייס נישט ווי אַזוי צו זיי צו ריידן — פילט זיך סאָניע פאַרלוירן.

— וועסט וויסן קינד — טוט איר בערטאָ אַ גלעט איבערן קאָפּ — זיי האָבן דאָך אַלע געקענט דיין טאַטן, סאָניע...

— דער טאַטע האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן די באַלאַנען אין וואַרשע — ווערן סאָניעס אויגן פאַרלאָפן מיט אַ נעפּל.

— יאָ, יאָ, דו סאָניע וועסט זיי זען די באַלאַנען פאַרן אייזערנעם טויער — טראַכט בערטאָ, אַז יעדער מענטש יאָגט זיך נאָך ז יי ן באַלאַן, וועלכן ער דערגרייכט קיינמאָל נישט.

קאַפּיטל זעקס

פאַרנאַכט אויף די נאַלעווקעס

ווען זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָט דער פאַרנאַכט ווי מיט אַ טונקעלער פּעלערינע פאַרדעקט די שטאָט.

בערטאָ האָט זיך אַרומגעקוקט.

— יאָ, — האָט זי אַ זאָג געטאָן — ביינאַכט איז וואַרשע אַזוי שיין... בעסער גיין צופוס. ביינאַכט איז וואַרשע אַזוי שיין...

פון דער שטילער יאַסנע־גאַס האָבן זיי זיך פאַרקערעוועט אָן אַ זייט.

אַ שטראָם ליכט האָט מיטאַמאָל אַ בלענד געטאָן סאָניען פאַר די אויגן.

— וואָס איז? — האָט סאָניע אָנגענומען בערטאָן ביים אָרעם, ווי זי וואָלט מורא געהאַט זי צו פאַרלירן.

— געדענקסט, סאָניע, — האָט בערטאָ זיך דערמאָנט אָן איר ליי־

מענער הייזקע אין דער סיבירער טייגע — דער טאַטע פלעגט דיר דער־צײלן ווי שיין עס איז די מאַרשאַלקאָווסקע גאַס?... דו ביסט איצט אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע...

אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן שאַרפע ריחות פון פּערפומען, אויסגעמישט מיט דעם בענזין־געשטאַנק פון די קליינע גראָע טאַקסיס און גרויסע שוואַרצע גלאַנצנדיקע לימוזינעס, וואָס האָבן זיך געגליטשט איינע נאָך די אַנדערע ווי מייזלעך איבער דעם גלאַטן אַספאַלט. דער ברייטער טראָטואַר איז געווען געדיכט באַזעצט פון אַ מענגע מענטשן, וואָס האָבן זיך שווער באַוועגט פאַראויס.

סאָניע איז געווען באַרוישט און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז די אַלע מענטשן, די פרויען און מענער, האָבן אַלע איין פּנים, איין צע־שמייכלט שיינענדיק פּנים. און נישט בלויז איין פּנים האָבן זיי, נאָר אויך איין לייב, וואָס גיט פון זיך אַרויס אַזעלכע שטאַרקע פאַרשיכורנדיקע ריחות.

אויפן טראָטואַר איז די מענטשן־מענגע געוואַקסן. פון אַלע זייטיקע געסלעך זענען זיי אָנגעקומען די יום־טובדיק אויסגעפּוצטע פרויען, וואָס האָבן אַלע אויסגעזען אַזוי יונג, ווי די זיקנה וואָלט אויף זיי נישט גע־האַט קיין שליטה. און די מענער, וואָס האָבן געפירט די פרויען אונטערן אָרעם, האָבן עס געטאָן מיט אַן אויסדרוק פון אַזאַ פייערלעכקייט אויף זייערע פּנימער, ווי די פּריסטער ביים דורכפירן אַ רעליגיעזן צערעמאָ־ניאַל אין זייער טעמפּל. אַ ים ליכט, וואָס האָט יעדע מינוט געטוישט זיינע קאָלירן און וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַלע הייזער און אַפילו פון זייערע דעכער, האָט צוגעגעבן אַ חנעוודיקע שפּילעוודיקייט צו דער פייערלעכקייט און האָט אָנגעזאָגט, אַז דער רעליגיעזער צערעמאָניאַל פון דער וואַרשעווער נאַכט וועט זיין אַ פריילעכער, אַ זאָרגלאָזער, אַ לאַכנדיקער, אַ צערעמאָניאַל פול מיט פרייד און לוסט.

מיטאַמאָל האָט די מענטשן־מענגע זיך אַ צי געטאָן צוריק, ווי עפּעס אַ וואַנט וואָלט איר פּלוצלונג פאַרשטעלט דעם וועג.

אין אַ גרויס שויפענצטער זענען געשטאַנען אַ מאַן און אַ פרוי. זיי זענען געשטאַנען האַרט צוגעפּרעסט איינער צום אַנדערן ווי זיי וואָלטן געווען איינס. דער מאַן האָט אַרומגענומען די טאַליע פון דער פרוי און

זי האָט געהאַלטן אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ צו זיין אָרעם, ביידע האָבן גע־לאַכט צו דער גאַס מיט האַלב־צעעפנטע פון גליק מיילער.

סאָניע האָט נישט געקענט אָפּרייסן איר בליק פון דעם גליקלעכן פּאָר און עס האָט גענומען עטלעכע מינוט ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי איז אַן עדות פונעם גליק פון אַ פּאָרל מאַנעקינס און נישט פון לעבע־דיקע מענטשן.

סאָניע האָט געזען ווי די פּנימער פון פרויען און מענער אַרום איר האָבן מיטאַמאָל באַקומען אַן אַנדערן אויסדרוק. די מענער האָבן אָפּגע־לאָזט די אָרעמס פון די פרויען, ווי זיי וואָלטן פאַרגעסן אַן דער עקזיס־טענץ פון זייערע רייצנדע באַגלייטערינס. און די פרויען האָבן מער נישט געדענקט, אַז זייערע דיסקרעט געפאַרבטע פּנימער דאַרפן האָבן דעם אויסדרוק פון אייביק־יונגע און אייביק־אומשולדיקע מלאכימלעך. אַלע־מענס אויגן האָבן געהאָנגען אויף דעם גליקלעכן פּאָרל פון הינטער דעם גרויסן שויפענצטער און זייערע אויגן זענען געווען פול מיט קנאה, גי־ריקייט, בענקשאַפט און האָפענונג.

— זעסט, סאָניע, — האָט בערטאַ איר אָנגעוויזן אויף די בלאָ־רוי־טע ליכט־בוכשטאָבן, וואָס באַווייזן זיך און פאַרשווינדן יעדעס מאָל אי־בער די קעפּ פון גליקלעכן פּאָרל — „זוך גליק״ — זאָגן זיי, די בוכ־שטאָבן...

— „זוך גליק״ — האָט סאָניע דערפילט אַ טרוקנקייט אין מויל.

בערטאַ האָט באַמערקט סאָניעס פאַרהיפּנאָטיזירטן בליק אויף דעם גליקלעכן פּאָרל און צו איר געזאָגט:

— אין דעם געוועלב פאַרקויפט מען לאָטעריע־צעטלען. מ׳קאָן אַמאָל געווינען אויף אַזאַ צעטל אַ סך געלט. און יעדנס חלום איז צו געווינען דאָס גרויסע געווינס, פאַרשטייסט סאָניע...

סאָניע האָט זיך דערמאָנט אַן יאַנקלען, וואָס האָט אַרויסגעצויגן פון זיינע קעשענעס פּעק מיט געלט און ער האָט גערעדט וועגן געלט מיט צופרידנקייט וואָס האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך. איצט זעט זי, אַז ער ער איז נישט איינער, אַלעמענס חלום איז דאָס גרויסע געווינס. איר פאָ־טער האָט אַנדערש געזאָגט, ער האָט גערעדט מיט שלעכטע רייד וועגן געלט.

— ווער איז גערעכט? — האָט סאָניע געקוקט אויפן גליקלעכן

פּאַרל — זייערע צעשמייכלטע פּנימער צי איזאַק מאַיסעיעוויטש מיט זיין שווערן הוסט?...

— קום! — האָט זי בערטאַ אָוועקגעצויגן פון פענצטער, — מיר דאַרפן נאָך זיין ביי דיין באָבע.

זיי האָבן פאַרקירעוועט אין דעם שמאָלן שוועגטאַ־קושיסקאַ געסל. דער גרויסער ים ליכט איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. נאָר איין גרויסער לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ טונקל־געל ליכט אויף די שמאָלע קליידער־קראָמען.

די לאַדנס פון די קראָמען זענען שוין געווען האַלב פאַרמאַכט. די שווענטאַ־קושיסקער קאָנפעקציאָנערן זענען שוין געווען פאַרטיק מיט זייער טאָג אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען אין באַקליידן די וואַרשעווער גויים און די הויפּטזאַך אין איינקליידן יעדן הויז־וויזיטאָר און יעדער דינסט־מויד, אַז אין דעם נייעם מלבוש זאָלן זיי אויס ווי גראַפן און פּירשטינס. זיי זענען ביינאַכט שוין היימיש פון אַ גאַנצן טאָג ריידן, און די הענט זענען שוין מיד פון קלאַפּן איבער די גויישע פּלייצעס ביים צופּאַסן דאָס נייע מלבוש. איילן זיי זיך אַראָפּצולאָזן די לאַדנס פון די קראָמען צו קענען אַוועקגיין צו גזרדיזירן אויף דער לעשנע גאַס און ווי אַ טריק זיצן ביים טיש, צוקלאַפּן מיטן פוס צום טאַקט פון דער מוזיק און הייסן זיך דערלאַנגען פון קעלנער די אמתע געבראָטענע לעבערלעך מיט אַ גלאָז שוימיק האַרבערבוש ביר.

נאָר איין יונג, מיט אַ געדיכטן וואַלד פון שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ, האָט דערזעענדיק די צוויי פרויען, אַראָפּגעלאָזט דעם לאָדן.

מיט אַ פרעך־חניפהדיקן שמייכל האָט ער זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

— ביטע, פּאַניוסיע, — האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף דער קראָם און זיינע אויגן האָבן חוצפּהדיק זיך געריסן צו סאַניעס שלאַנקער פיגור — מאָדעלן פון פּאַריז, ערשט היינט באַקומען מיין ערן...

— אַ דאַנק — האָט איר בערטאַ נישט געגעבן קיין צייט צו ענדיקן — מיר מוזן גיין.

זי האָט פאַרקירעוועט רעכטס און דער טומל פון דער באַנגע גאַס האָט זיי ביידע אַרומגענומען.

יידן מיט פלאַטשיקע טוכענע היטעלעך און ברייטע לאַנגע בערד אין טונקעלע שווערע קאַפּאָטעס זענען איילעווידיקע געגאַנגען איבער דעם

שמאָלן טראָטואַר, און האַסטיק גערעדט איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. איבער דער שלעכט־ברוק־ירטער גאַס זענען איינער נאָכן אַנדערן געפאָרן גרויסע וועגענער באַלאָדענע מיט בעטן, שטולן, טישן, טעפּ, שיסלען און כלערליי אַנדערע סחורות.

די באַלעגאָלעס האָבן געפּייפט מיט די בייטשן איבער די רוקנס פון די פערד און געהאַלטן אין איין שרייען וויאָ.

פון דעם ברייטן פּאָטשעיאָווער טויער האָבן זיך אַרויסגעשיט מענ־געס פרויען און מענער באַלאָדענע מיט פּעק איןביידע הענט.

ביי די טירן פון די קראָמען זענען געשטאַנען יידן און זיך געאַמ־פּערט.

דער פייערלעכער יום־טוב פון דער מאַרשאַלקאָווסקע און דער וואַ־כעדיקער טומל פון דער באַגנע גאַס האָבן באַרוישט סאָניען, און זי האָט ווידער אין בערטאַס אָרעם געזוכט שוץ קעגן דער דאָזיקער פרעמדער וועלט, אין וועלכער זי איז פּלוצלונג אַריינגעפאַלן.

אַ גרויסע מאַסיווע קירכע־מויער מיט ברייטע שטיינערדיקע טרעפּ האָט פּאָר סאָניעס אויגן אַרויסגעשפּראָצט פון די טיפענישן פון דער ערד.

גרוי זענען געווען די קירכע־ווענט און זיי האָבן געוואָרפן אַ מרה־שחורהדיקן שאָטן אויף דעם קליינעם שיטערן גערטנדל פון אַקעגנאיבער.

דער דאָזיקער שאָטן האָט אָוועקגעטריבן פון ברייטן טראָטואַר די מענטשן. דערפאַר האָט דער גזשיבאָוו געטומלט אויף דער צווייטער זייט גאַס, ווו עס איז געווען אַזוי ענג, אַז בערטאַ און סאָניע האָבן זיך קוים געקענט באַוועגן.

דאָס קליינע גערטנדל האָט ווי מיט אַ מויער אָפּגעטיילט די גרויע מויערן פון דער קירכע פון אַלע הייליקע פון דעם אַנדערן טייל גזשיבאָוו. איין טאָג נאָר איז געווען ווען די ביידע זייטן גאַס זענען געוואָרן איינס. בערטאַ געדענקט דעם טאָג. דער גזשיבאָוו איז דעמאָלט געווען פול מיט אַ ים מענטשלעכע קעפּ. פון אַלע זייטיקע געסלעך האָבן מענטשן אין יום־טובדיקע קליידער געשטראָמט צום גזשיבאָוו. פלאַטשיקע יידישע היטע־לעך האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גראַנאַטענע היטלען און לעדערנע דאַשקעס פון די גויישע אַרבעטער פון וואָליע. לאַנגע שבתדיקע קאַפּאָ־טעס פון די חסידישע שטיבל־בחורים זענען געוואָרן איינס מיט די גרויע

רעקלעך פון די פוילישע סטודענטן. קוויאַטעק מיט דער לענגלעכער יידי־שער נאָז, און זיין פריינד זיוק מיט די גרויסע פריצישע וואָנסעס, האָבן גערעדט וועגן „אונדזער און אייער פרייהייט" צו די צעפלאַמטע פנימער פון יידישע ייִנגלעך און שקצים, און געשטאַנען זענען זיי ביידע ביים ריידן אויף די ברייטע שטיינערנע טרעפּ פון דער אַלטער קירכע.

בערטאַ פאַרמאַכט די אויגן. עס דאַכט זיך איר, אַז זי זעט ווידער די גאַלאָפּירנדיקע קאָזאַקן מיט די לאַנגע פּיקעס אין די הענט, און זי הערט דאָס געשריי:

— ראַטעוועט אייך ווער ס׳קען!...

דאָס געשריי גייט פאַרלוירן אין מענטשלעכע קרעכצן, אין רופן נאָך הילף און אין דעם ווילדן קאָזאַקישן גאַלאָפּ.

די אויסגעהאַקטע שויבן פון די קראָמען האָבן עטלעכע שעה שפּע־טער עדות געזאָגט וואָס עס איז פאָרגעקומען אויפן גזשיבאָוו און דאָס קליינע גערטנדל האָט ווידער ווי אַ מויער פונאַנדערגעטיילט ביידע זייטן גאַס.

בערטאַ בלייבט שטיין ביי אַ צוויי־גאָרנדיקן הויז. דאָס הויז איז איר באַקאַנט און פרעמד צוגלייך. יאָ, דאָס איז דאָך ר׳ לוי גזשיבאָווער הויז. איז ווי קומט דאָ אַהער אַ געוועלב מיט קיכלעך אין פענצטער? בערטאַ קוקט זיך אַרום. יאָ, אין אַ זייט שטייט נאָך אַן איינגעשרומפּענע קראָם מיט ר׳ לויס שילד.

— אַ קראָם מיט קיכלעך אין גזשיבאָווער הויז — דאַכט זי בער־טאַן, אַז זי שטייט איצט ביים קבר פון אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט.

בערטאַ לאַכט זיך פונאַנדער.

— וואָס איז? — קוקט אויף איר סאָניע.

בערטאַ ווייסט נישט ווי אַזוי אויפצוקלערן סאָניען, ווי קאָמיש עס איז ווען יאַנקל שמייסערס קעשענעס זענען אָנגעפּאַקט מיט געלט און אין הויז אויפן גזשיבאָוו פאַרקויפט מען קיכלעך. ניין, סאָניע וועט עס נישט פאַרשטיין, טראַכט בערטאַ און כאַפּט זיך, אַז זיי האָבן שוין גע־לאָזט דעם גזשיבאָוו הינטער זיך און זי גייט שוין איבער דער באַלע־באַטישער גראַניטשנע גאַס.

בערטאַ שטעלט זיך מער נישט אָפּ. גייענדיק וואַרפט זי נאָר אַ בליק אויף די קראָמען. יאָ, טראַכט זי, דאָ האָט זיך נישט געענדערט.

אין די שויפענצטער ליגן ווי אַמאָל שווערע גאָלדענע חתן־זייגערס און לעבן זיי הנדלען זיך ווייטער קליינע מיט בלישטשענדיקע שטיינדלעך באַזעצטע כלה־זייגערלעך. און אין די קראָמען שטייען ווי אַמאָל פּילגוי־דערדיקע מחותנתטעס און בייכיקע מחותנים, קוקן מיט גרויס חשיבות אויף די שווערע זייגערס מיט די לאַנגע דעוויזקעס און דערציילן וועגן דעם שאַרפן פּשטל, וואָס זייער חתן האָט געזאָגט, אַז ר׳ פּתחיה מורה הוראה האָט אַזש פון התפעלות אים אַ קניפּ געטאָן אין באַק און וועגן דער כלה, וואָס האָט, קיין שום נעהאָרע, פאַרשיינט די שטוב.

בערטאַ דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס. איר רעגינקע איז נאָך קליין. זי דאַרף נאָך גישט קיין כלה־זייגערל. יאָ, זי מוז עפּעס געפינען פאַר רעגינקען און פאַר סאַמעקן. מאָרגן, צוועלף בייטאָג, וועלן זיי קר־מען. זי שלעפּט אַריין סאָניען אין געוועלב.

אַ יידענע, מיט אַ צוגעקעמטע גראָ שייטל, גייט זיי אַקעגן און מעסט אָפּ מיט אַ געניטן דורכדרינגנדיקן קוק בערטאַן, מיט איר טאָכטער אָדער כלה? — קאָן זיך די סוחרטע נישט אָנטשליסן.

זי עפנט פיל קליינע שאַכטעלעך, וויקלט פונאַנדער מיט גרויס חשיבות פון דינעם ביבולקע־פּאַפּיר קליינע זייגערלעך און מעסט זיי אָן סאָניען אויף דער האַנט.

— פאַר אַזאַ שיין כלה־מיידל מוז מען געפינען עפּעס רעכטס — רעדט מיט אַ זיס שמייכעלע די סוחרטע.

— געוויס! — קוקט בערטאַ אויף סאָניעס צעבליצטע אויגן און טראַכט ביי זיך — וועל איך נאָר האָבן גענוג געלט...

דאָס זייגערל בלייבט שוין אויף סאָניעס האַנט און בערטאַ זוכט איצט עפּעס פאַר רעגינקען און סאַמעקן.

— ווי אַלט איז דאָס ייִנגל? — פרעגט די סוחרטע.

— אָ, ער איז שוין באַלד אַ חתן־בחור. — רעדט בערטאַ מיטן שטאָלץ פון אַ מוטער.

די סוחרטע פּאַקט מיט געשיקטע הענט צוזאַמען די זייגערלעך פאַר סאַמעקן און רעגינקען און בערטאַ פילט ווי איר האַרץ קלאַפּט, ווען די יידענע מיטן שייטל חשבונט מיט דער בליי אין האַנט.

— וועל איך נאָר האָבן גענוג צו באַצאָלן? — טראַכט בערטאַ.

זי ציילט אויפן טיש אַביסל נערוועז די באַנקנאָטן פון יאַנקלס פּאַ־

פירן געלט און אָטעמט לייכטער אָפּ ווען זי זעט, אַז אין בייטל איז נאָך געבליבן אַביסל געלט.

מיט אַ צערויטלט פּנים גייט זי אַרויס פון דער קראָם.

— גאָט מײַנער! — פילט זי אַ פרייד אויפגיין אין האַרץ — ווי לאַנג האָב איך שוין פאַר די קינדער נישט געקויפט קיין זאַך...

זי וואָלט שוין געוואָלט זען ווי סאַמעק און רעגינקע וועלן זי אַרומנעמען.

— נו, ווי געפעלט דיר דאָס זייגערל? — פרעגט זי טאַניען, טראַכטנדיק וועגן סאַמעקן.

— אָ! — לייגט סאָניע צו, מיט קינדישער בייגעדיקייט, דאָס זייגערל צום אויער.

סאָניעס פרייד ווערט אין בערטאַס אויגן אויסגעמישט מיט סאַמעקס שמחה. בערטאַ ווערט איצט נאָך נענטער. זי וויל איר עפּעס גוטס טאָן און זאָגט צו איר:

— זעסט, סאָניע, מיר זענען שוין פאַרן אײַזערנעם טויער...

סאָניע פאַרגעסט אַ ווײַל אָן דעם זייגערל. זי דערמאָנט זיך ווי דער טאַטע האָט איר דערציילט וועגן די באַלאָנען פון פאַרן אײַזערנעם טויער.

אַ גרויסער ייִנג גייט לאַנגזאַם איבער דער גאַס און האַלט אין האַנט אַ לאַנגן שטאָק, אַרום וועלכן עס פלאַטערן פילקאָליר־נדיקע באַלאָנען.

— צען גראָשן, צען!... — שרייט דער ייִנג און קוקט אַרויף צו זײַנע באַלאָנען.

— זעסט, בערטאַ, די באַלאָנען? — קוקט סאָניע נאָך דעם ייִנג.

בערטאַ וויל קויפן בײַם ייִנג אַ באַלאָן פאַר סאָניען, זי זעט אין דעם מיידלס אויגן באַגער, נאָר באַלד באַקומט איר פּנים אַ האַרטן אויסדרוק און זי זאָגט:

— גלייכער, סאָניע, צו קוקן אויף די באַלאָנען ווען זיי פלאַטערן אין דער הייך, איך האָב הערן זיי אויף צו זיין באַלאָנען...

— אַזוי האָט אויך געזאָגט דער טאַטע — ווערט סאָניע מיטאַמאָל טרויעריק און קוקט פונדערווייטנס, ווי די קאָלירן פון די באַלאָנען מיניען אין געלן ליכט פון די גאַסן־לאַמטערנס.

— קום, קום... — אײַלט זיך בערטאַ, און שטעלט שוין שנעלע טריט אויף דער שטילער סענאַטאָרן־גאַס.

די ביימער פון זאַקסישן גאָרטן קוקן צו איר אַפּער פון דעם איי־זערנעם טויער און בערטאַ דערמאָנט זיך, אַז דאָ איז געשטאַנען די באַנק אויף וועלכער זי פלעגט אין די מיידלשע יאָרן זיצן פאַרנאַכט־צו.

נאָך עטלעכע טריט און בערטאַ זעט שוין די געביידע פון גרויסן טעאַטער און דעם זייגער אויפן טורעם פון ראַטהויז.

— מירן באַלד זיין — זאָגט בערטאַ — זעסט, סאַניע, מיר גייען איצט אויף ביעלאַנסקע גאַס. — און זי גיט־צו מיט אַ שמייכל:

— אַלע כלות קויפן דאָ זייערע זיידענע חופּה־קליידער.

בערטאַ גייט מיט וואָס אַמאָל שנעלערע טריט און סאַניע קאָן זי קוים דעריאָגן. אַ שאַרף ליכט טוט זיי אַ בלענד פאַר די אויגן.

— פּיקאַדילי, — זאָגט צו זיך שטיל בערטאַ.

און עס נעמט איר אָן אַ חשק אַריינצוגיין אין דעם העלבאַלויכטע־נעם רעסטאָראַן, גיין פון טיש צו טיש און זען צי אירע אַמאָליקע באַ־קאַנטע זיצן ווייטער אויף זייערע ערטער און באַרעדן איינער דעם אַנ־דערן.

— זיי וואָלטן אַלע אין שרעק פון מיר אַנטלאָפן — לאַכט צו זיך בערטאַ — און אפשר וואָלטן זיי מיך נישט דערקענט...

די טענער פון אַ ווינער וואַלץ רייסן זיך אַרויס אויף דער גאַס.

— אַלץ ווי אַמאָל — זאָגט צו זיך בערטאַ — און מאַקס קעלנער טראָגט אַרום מיט דעמזעלבן שמייכל, וואָס זעט אויס צו זיין צוגעקלעפּט צו זיין פּנים, די געבראָטענע לעבערלעך און רעדט:

— ביטע פאַניע שאַנאַווני...

— קום! — נעמט זי אָן סאַניען ביים אָרעם — מען דאַרף זיך צואיילן...

דער הור־האַ פון די נאַלעווקעס נעמט זיי אַרום. בערטאַ מוז זיך אַלע ווײַלע אָפּשטעלן, זי געדענקט שוין נישט גענוי דעם וועג. פון אַלע געס־לעך שפּאַרן יידן מיט לאַנגע טוכענע קאַפּאָטעס און קליינע פּלאַטשיקע היטעלעך. זיי אַלע יאָגן זיך איינער איבער דעם אַנדערן, ווי יעדער פון זיי וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. פון די געוועלבער מיט שמאָלע טירלעך, מיט וועלכע די גאַס זעט אויס צו זיין באַזייט, פאַלן אַרויס מענער און פרויען מיט שווערע פּעק אין די הענט. דאָס געשטו־פּעריי אויף דער גאַס ווערט נאָך גרעסער.

סאָניע פילט זיך דאָ אינגאַנצן פאַרלוירן. מענטשלעכע אָרעמס און פיס שטויסן זיך אַלע ווײַלע אָן איר.

בערטאַ פירט זי ענדלעך אַרויס פון דער געשטופּעריי אין אַ זייטיק געסל. זיי בלייבן שטיין ביי אַ ברייט אָפענעם טויער, וואָס איז טונקל באַלויכטן און זעט אויס ווי אַן אויפגעריסן מויל, וואָס האָט פאַרגעסן זיך צוצומאַכן. פאַרן טויער שטייט אַ יידענע אייַנגעוויקלט אין פאַטשיילעס ביי אַ נידעריק טישל מיט שאַכטלעך פּאַפּיראָסן.

— אפשר ווייסט איר ווו עס וווינט די פרוי האָדעס זאַקס? — פרעגט בערטאַ דער יידענע.

— האָדעס זאַקס? — פרעגט איבער די יידענע — אפשר מיינט איר די אַלטיטשקע פון פינפטן שטאָק אין דער אָפיצינע?... זי איז דאָך שוין נעבעך לאַנג געשטאָרבן.

— די יידענע קוקט אַ נייגעריקע אויף בערטאַן און סאָניען און פרעגט:

— עטץ האָט נישט געוויסט?... ווייטע קרובים, מסתמא?...

— און די קינדער וווינען דאָ? — וויל בערטאַ וויסן.

— ניין, זיי זענען ערגעץ אין אַ קליין שטעטל — זאָגט די יידענע

— עטץ ווייסט דאָך, אין וואַרשע איז היינט שווער מיטן עסן... אַזאַ יקרות געוואָרן אין דער מלחמה, אַז דער אייבערשטער זאָל אָפּהיטן... אַ סך זענען אַוועק אין די קליינע שטעטלעך.

בערטאַ שטייט אַ צעטומלטע און פאַרלוירענע, זי ווייסט איצט נישט וואָס צו טאָן, ווו וועט זי קאָנען אויפזוכן סאָניעס קרובים. עס דוכט זיך איר, אַז איזאַק מאָסעיעוויטשעס טרויעריקע אויגן קוקן אויף איר מיט פאַרוואורף, ווי זי וואָלט שולדיק געווען אין טויט פון זיין אַלטער מאַמע און אַז צוליב איר זענען אירע זין און טעכטער פאַרשוואונדן ערגעץ אין אַ קליין שטעטל.

די יידענע מיט די פּאַפּיראָסן ווייזט אין אַ שמייכל איר צעעפנט אָנציינדיק מויל:

— ווייסט עטץ וואָס? — זאָגט זי — גייטץ אַרויף טאָקע אויפן פינפטן שטאָק אין דער אָפיצינע צו זעליקל העכט, ער איז זייערס אַ קרוב, אפשר וועט ער וויסן...

— אַ דאַנק. — זאָגט בערטאַ קורץ און נעמט שטעלן פּאַרזיכטיקע טריט אין דעם האַלב טונקעלן גרויסן נאַוואַליפּיע הויף.

קאַפּיטל זיבן

דער קליינער זעליקל רעדט תּכלית מיט זיין בן־יחיד

דער קליינער זעליקל גייט האַסטיק אַרויף און אַראָפּ איבער דער גרויסער עס־שטוב. ער זעט אויס ווי ער האָט פאַרלוירן, אין דער לאַנגער, שוואַרצער אַלפּעגענער קאַפּאָטע, זיין דאַרן קליינעם גוף. דאָס הויכע סאַמעטענע קאַפּל, וואָס באַדעקט זיין קאָפּ ביזן שטערן, מאַכט נאָך קלענער זיין גוף.

אויפן גרויסן ברייטן דעמבענעם טיש, באַדעקט מיט אַ געפּלאַצטער צעראַטע, ליגט אַן אָפענע גמרא פּסחים. די גראָע בלעטער פון דער זשיטאָמירער גמרא זענען צוגעדעקט מיט אַ פּאַטשיילע. אין שטיבל אויף פּראַנצישקאַנער גאַס זיצט איצט זיין פריינד, דער הויכער משה, און וואַרט אויף אים. יעדן אויפדערנאַכט לערנען זיי צוזאַמען אַ שיעור.

— ער פאַרשטייט נישט, משה, וואָס יאָך בין נישטאָ... — שטעקט זעליקל אַריין אין האַנט אין דעם גאַרטל, וואָס וויקלט אַרום זיין דאַרן גוף, און מאַכט אים נאָך שמאָלער און דינער. און מיט דער צווייטער האַנט צופּט ער נערוועז זיין שיטער בערדל, וואָס ווערט איצט מיט יעדן טאָג אַלץ מער ווייס.

דער קליינער זעליקל קוקט מיט דערשטוינטע אויגן אויף זיין אייגענער שטוב. ער קוקט אויף דער ברייטער טונקעלער שאַנק, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבע וואַנט און זעט אויס אַזוי איינגעהויקערט, ווי זי איז גרייט יעדע מינוט זיך אויסצוציען אין מיטן שטוב אַ מידע און אויסגעמאַטערטע פון טראָגן אויף זיך אַזוי פיל יאָרן די זיידענע זשיפּיצעס פון קליינעם זעליקס און די שבת־קליידער פון זיין ווייב פעסע.

דער קליינער זעליקל נעמט אַוועק די אויגן פון דער שאַנק צו דער רויט פלושענער סאָפע, וואָס פאַרנעמט די אַנדערע העלפט פון דער וואַנט. די סאָפע האָט טיפע גריבער און אַז זעליקל זעצט זיך אַמאָל אַריין אין אַזאַ גרוב, פאַרשווינדט דאָרט זיין גאַנצער קליינער גוף און מ׳זעט בלויז אַרויס זיין הויך סאַמעטן קאַפּל.

— יאָ, מען דאַרף זי פאַרריכטן — זאָגט צו זיך זעליקל — און אויף די לאָמפּ...

דער קלײנער זעליקל פילט עפּעס אַן ענגקײט אין האַלדז. ער דער־מאָנט זיך װי זי, פּעסע, האָט באַלד נאָך דער חתונה געבראַכט פון גאַס דעם „זשיראַנדאָל" און האָט אַ שמײכלענדיק צו אים געזאָגט:

— זעסט, זעליקל, דרײַ לאָמפּן האָט דער „זשיראַנדאָל" און כ'האָב באַצאָלט אַ שיבוש, ממש אַ מציאה...

און ער, זעליקל, האָט געקוקט אויף דעם גלאַנציקן מעש פון דער לאָמפּ און געװאָלט מהנה זײַן זײַן אשה און געזאָגט:

— באמת אַ װוּנדערלעכע כּלי...

זעליקל כאַפּט זיך, אַז יעדן טאָג האָט ער בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרריכטן דעם זשיראַנדאָל. קוים אײן לאָמפּ ברענט נאָך אין אים און עס איז שװער אַרײַנצוקוקן אין אַ יידיש ספר...

— נאַרישקײטן — װערט זעליקל בײז אויף זיך, אויף די נאַרישע רעיונות, װאָס באַפאַלן אים גראָד איצט — לאָמפּ שמאָמפּ... שטותים... יעדער ייד טראָגט אין האַרץ זײַן אײגן ליכט... אַזוי האָט ער געזאָגט, דער רבי זאָל לעבן, ערשט הײַנטיקן שבת. געהערט װערטער? יעדער ייד האָט זײַן אור אין האַרץ. און דו, זעליקל, פאַלסט אַרײַן אין עצבות צוליב עפּעס אַ צעבראָכענער לאָמפּ...

זעליקל האָט אַ שװערן זיפץ געטאָן. ער גיט אַ קוק צום צװײטן עק טיש. פאַר אַ קלײן װײַס טישטעכל זיצט פּיניע, און זײַן מאַמע פּעסע זיצט לעבן אים און קוקט מיט אַ צעשמײכלט גליקלעך פּנים, װי ער, דער בן־יחיד, עסט די גריפּן מיט אַרבעס־זופּ און דערבײַ קוקן זײַנע אויגן אַראָפּ צו אַ גרויסן בלאַט פון אַ יידישער צײַטונג.

דער קלײנער זעליקל כאַפּט פון דער זײַט אַ בליק צו זײַן בן־יחיד. אַזאַ גרויסער הויכער יונג, מיט אַזעלכע גרויסע הענט, מיט אַ פּנים אָן אַ חתימת זקן, צומאָל אין אַ קורצן ראָק און אַ קאַפּעלוש אויפן קאָפּ — אַזאַ מגושם!... װי קומט דאָס צו אים? װי האָט ער, זעליקל, געקאָנט אויפציען אַזאַ יונג?...

ער פאַרשטײט עס נישט, זעליקל. ער קאָן עס נישט באַגרײַפן. ער האָט דאָך אַלץ געטאָן װאָס אַ טאַטע דאַרף טאָן צו זײַן קינד. דעם לעצטן ביסן פון מויל זיך אָװעקגענומען פאַר פּיניעס מלמדים, און טאַקע געגער־

מען אים אויף שבת צום רבין אויבעט. אפילו אונטערן טיש אים מיט זיך גענומען און געמיינט צו האָבן אַ ממלא מקום... און דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן. דער רבי זאָל לעבן האָט זיך שטענדיק אויף אים געפרעגט, אויף פיניען, נאָר לעצטנס האָט ער שוין אויפגעהערט פרעגן אַפילו. ער ווייסט שוין די בראָך.

זיין ווייב פעסע שרייט נאָך אויף אים אָן.

— וואָס ווילסטו פון קינד נעבעך? זינט דער מלחמה איז ער דאָך דער גאַנצער פרנסה־געבער...

זי האָט נאָך טענות צו אים, צו זעליקן. ער איז שולדיק אפשר אין דער מלחמה און וואָס זיין מסחר מיט קאַלישער שפיצן האָט אויפגעהערט, איז ער, זעליקל, דען דער איינציקער? אדרבא, זאָל זי אַהינגיין די אשה אין שטיבל פון פראַנצישקאַנער און פרעגן צי די אַנדערע האָבן היינט פרנסה. נו, איז וואָס? דעריבער דאַרף מען ברוגז ווערן מיטן רבונו של עולם? געגנוג חרפה און בושה, אַז זיין, זעליקלס, בן־יחיד איז אַנשטאָט לערנען אין שטיבל, געוואָרן אַ בעל־מלאכה. מילא פאַרפאַלן, אָבער דאַרף מען זיך אַנטאָן, ווי אַ גוי, ביינאַכט גאָר קריכן אין זייערע שקאַלעס און אַרומשלעפן זיך גאַנצע נעכט, ווער ווייסט מיט וועמען...

ניין, ער, זעליקל, קאָן מער נישט שווייגן. אַ טאַטע אָן געלט איז אויך אַ טאַטע. ער מוז מיט אים ריידן היינט אָפענע און קלאָרע דיבורים, ער מוז אים זאָגן. יאָ, וואָס זאָגט מען אים?...

דער קליינער זעליקל פילט נישט ווי ער לויפט כמעט אַהין און צוריק איבער דער שטוב. אַן אומבאַהאָלפענער כעס טרייבט אים, און ער ווייסט שוין נישט, זעליקל, אויף וועמען ער איז בייז, אויף דעם יינג דאָ, וואָס זיצט ביים טיש מיטן גויישן קאַפעליוש אויפן קאָפּ, צי אויף זיך אַליין. ער וויל ריידן צו זיין זון, ריידן צו אים ווי אַ טאַטע, און ער ווייסט גוט, אַז ווי נאָר ער וועט עפענען דאָס מויל, וועט ער נעמען שרייען. אַזוי געשעט דאָך יעדע נאַכט. יעדע נאַכט וויל ער ריידן צו אים, צו זיין פיניעלע, דעם בן־יחיד, נאָר אַרויסקומען קומט אַרויס אַ געשריי און אַ קריגעריי.

און וואָס זאָל ער אים זאָגן? וואָס?

שוין מער ווי דרייסיק יאָר ווי ער, זעליקל, האָט די חזקה צו זיצן אונטערן טיש פון רבין און מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך צוהערן צום רבינס

יעדן וואָרט. נאָך אין ר׳ לייזערס צייטן איז אַזוי געווען, און אַפילו יונה סאַרוועך האָט אים און זיין חבר, דעם הויכן משה, נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון אונטערן טיש.

און ווי האָט דער אַלטער רבי, זכרונו לברכה, געזאָגט? עס איז זיין, זעליקלס, מקום... יאָ, אַזוי האָט ער געזאָגט, מיט זיין הייליק מויל, אויף אים, אויף זעליקלען. און ער, זעליקל, האָט געהיטן דעם מקום. און נאָך יעדן טיש פון רבין האָט ער, זעליקל, פאַרן עולם איבערגעזאָגט דעם רבינס רייד. קיין אות חלילה נישט פאַרפעלט. יעדע תנועה, יעדן קרעכץ, און יעדן קנייטש נישט פאַרפעלט. און איצט? איצט, ווען ער דאַרף ריידן מיט זיין אייגענעם זון, איז ער שטום, ווייסט ער נישט ווי איין און ווי אויס.

זעליקל קוקט זיך אום איבער דער שטוב. ער זעט דעם צעבראָכענעם לאָמפּ, די שאַנק וואָס אָט־אָט און זי וועט צוזאַמענפאַלן, די קאַנאַפּע די פלושענע, מיט די טיפע גריבער. ער טראָגט איבער זיין בליק אויף זיין אשה, ער זעט די טיפע גריבער אַרום איר מויל, ער זעט די הענט וואָס זענען רויט פון וועש וואַשן, ער זעט ווי זי קוקט אויף אים, אויף פיניען, און זעט אַפילו נישט, אַז ער, זעליקל, איז אויך דאָ אין שטוב.

און עס נעמט אים אָן אַ רחמנות אויף זיין אשה, און אויף זיך אַליין. און מיטאַמאָל פאַלט אים איין, אַז ווען ער, זעליקל, וואָלט געהאַט געלט, וואָלט עס אַנדערש געווען.

— געלט, געלט, געלט... — צופּט דער קליינער זעליקל זיין בערדל. ער וויל איצט האָבן געלט, אַ סך געלט. יאָ, ער מוז האָבן געלט. אַ שאָד וואָס ער האָט ביז היינט אַזוי ווייניק וועגן דעם געטראַכט.

זעליקל דערמאָנט זיך אָן זיינע באַקאַנטע פון שטיבל, וואָס האָבן טאַקע אין דער מלחמה געמאַכט אַ סך געלט. דער הויכער משה, זיין חבר, האָט זיך דאָך אויך גענומען צו דעם עסק פון געלט מאַכן. ערשט נעכטן האָט ער דאָך אין שטיבל אויף פראַנצישקאַנער גאַס מיט אים איינגעטענהט.

זעליקל דערמאָנט זיך איצט יעדעס וואָרט, וואָס דער הויכער משה האָט צו אים געזאָגט. אין מלחמה־צייט, זעליקל, אַזוי האָט ער גערעדט דער הויכער משה, קאָן מען לייכט מאַכן אַ פאַרמעגן. אַזוי טוען אַלע. מען דאַרף נאָר קויפן אַביסל סחורה, עס האַלטן אַביסל און שפּעטער פאַר־

קויפן פאַר דריי מאָל אַזוי פיל... מיין שוואָגער, חיים, האָט מיך צוגענו־
מען פאַר אַ שותף און, ברוך השם, נישט צו פאַרזינדיקן. און דו, זעליקל,
נעם זיך צום עסק. מיר זענען דאָך גוטע פריינד, וועל איך דיך צונעמען
צום שותפות, ס׳מאַכט זיך מיר צו קויפן אַ פּאַרטיע רייז...

— און וואָס וועט זיין מיט די רייז? — האָט זעליקל נישט באַ־
נומען דעם עסק.

— וואָס זאָל זיין, טיפּש! — האָט דער הויכער משה גערעדט מיט
צופרידענער זיכערקייט — מירן עס ברענגען קיין וואַרשע און נעמען צען
מאָל אַזוי פיל...

— און מיקר את השער, כ׳מיין על פי דיך, ווי מעג מען...

— און איך שטוב זאָל נישט זיין קיין ברויט מעג מען יאָ? און נישט
צו האָבן געננג פאַר די קינדער׳ מעג מען יאָ? און אַז מיין טאָכטער וועט
נישט האָבן קיין קלייד און זי וועט אַרויס לתרבות רעה מעג מען יאָ?
אַלע אין שטיבל, וואָס האָבן נאָר שכל טוען אַזוי, און דו, זעליקל, זיי
נאָר נישט קיין חסיד שוטה...

זעליקל האָט אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם נישט געקאָנט שלאָפן. נאָך
דרייסיק יאָר איינהורן דעם רבינס תורה פאַרפּאַסקודיען זיך דעם קאָפּ
מיט געלט? אָבער וואָס קאָן מען מאַכן? ס׳איז דאָך מלחמה. נישטאָ מער
דער שטילער מסחר מיט שפּיצן, ווען מ׳האָט אַפילו אין דער קראָם צייט
געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ ספר. און פּרנסה מוז מען האָבן, אַפילו אין
שטיבל מאַכט מען דאָך שוין מסחרים צווישן מנחה־מעריב. וועט ער,
זעליקל, טאַקע פּרוּוון מיט די רייז, אפשר וועט דער אייבערשטער העלפן
און מ׳וועט טאַקע פאַרדינען אַ סך געלט.

זעליקל טראַכט שוין וואָס ער וועט טאָן מיט די גרויסע פאַרדינסטן.
ער וועט קויפן אַ נייע שאַנק, און אַ נייעם לאָמפּ און איבער דער קאַ־
נאַפּע וועט ער אַרויפציען אַ פרישן רויטן פליוש, און פאַר דער אשה וועט
ער קויפן אַ ניי בגד. און דער עיקר ער, פיניע זיין בן־יחיד, וועט נישט
דאַרפן מער זיין קיין בעל־מלאכה, ער וועט אפשר צוריק באַקומען דעם
אויסזען פון אַ ייד, ער וועט אים נעמען צום רבין. נישקשה, פאַר אַ
טאַטע מיט געלט האָבן קינדער דרך־ארץ. קודם כל דעם קאַפּעליוש דעם
גויישן, וועט ער דורכן פענצטער אַרויסוואַרפן, און דעם ראָק דעם קורצן.
אויס דייטש, צוריק ייד וועט ער ווערן, זיין בן־יחיד. ער וועט נישט

דאַרפֿן מער אַזוי שווער אַרבעטן, וועט ער, פּיניע, צוריק עפּענען די גמרא, אַ פֿייערדיקן קאָפּ האָט ער שטענדיק געהאַט. און אַז דער אײבערשטער וועט העלפֿן און עס וועט זיך טרעפֿן אַ פּאַסיקער שידוך, וועט ער נאָך האָבן נחת פֿון זיין בן־יחיד.

די גוטע רעיונות ציִען אַרויף אַ ווייכע פֿאַרחלומטקייט אויף זעליקלס פּנים. ער איז איצט שוין מער נישט בייז, פֿאַרקערט, זיין האַרץ איז איצט פֿול מיט רחמנות אויף זיין אשה, וואָס האָט געהאַט אַזוי ווייניק נחת אין לעבן, און אויף אים, זיין זון, וואָס האָט געבעך געמוזט ווערן אַ בעל־מלאכה. וויל ער זיי מיטטיילן די גוטע בשורה, אדרבה, זאָלן זיי וויסן, אַז ער, זעליקל, זאָרגט ווי אַ טאַטע פֿאַר זיין הויזגעזינד. ער ווייסט, זעליקל, אַז זי, פּעסע, רעדט נישט, אָבער אין דער שטיל עסט זי זיך אָפּ דאָס האַרץ וואָס איר בן־יחיד איז אַ בעל־מלאכה און זעט אויס ווי אַ גוי, גייט אַרום אין אַזאַ מיטמד, און ווער ווייסט צי ער, פּיניע אַליין, ליידט נישט פֿון דעם אַליין? פֿאָרט אַ יידישע נשמה, עס מוז דאָך אים ציִען צום מקור.

דער קלייגער זעליקל זעצט זיך אַוועק ביים טיש פֿאַר דער אָפֿענער גמרא, בלעטערט אַרום די פּאַרשיילע פֿון דער גראָער זשיטאָמירער גמרא־בלאַט און ווישט זיך אַ ווייל דעם שמערן און טוט אַזוי זיך אַ זאָג:

— נו, כ'מיין ציִיט צו קלערן וועגן תכלית...

פּיניע מאַכט זיך נישט הערן. ער עסט ווייטער די זופּ און טראַכט:

— ער הייבט שוין ווידער אָן... ניין, גלייכער זיך נישט מאַכן הערן; נישט ענטפֿערן, די מאַמע האָט בלויז עגמת־נפֿש...

פּעסע קוקט מיט אַ פֿאַרכמורעטן בליק אויף איר מאַן.

— וואָס וויל ער, וואָס? — פֿילט זי ווי אַ כוואַליע פֿון פֿאַרביטערטקייט גייט זיך פֿונאַנדער איבער איר גאַנץ לייב — וואָס טשעפּעט ער זיך כסדר צו דעם ייִנגל? וואָס לאָזט ער אים צומאָל נישט אָפּעסן דאָס ביסל זופּ? תכלית!... אַ שיינעם תכלית האָסטו פֿון זיך געמאַכט!...

זי וועט מער נישט שווייגן, טראַכט פּעסע, זי וועט היינט ריידן פֿאַר פּיניעס־וועגן. זי וועט אים היינט זאָגן ווי ער האָט פֿאַרחושכט איר לעבן.

און זי וועט אים זאָגן, יאָ, זי וועט אים זאָגן, אַז ער איז שולדיק אין אַלעם, נישט פּיניע, נאָר ער. וואָלט ער געווען אַ טאַטע, וואָלט ער

נישט אַרומגעשמאַיעט גאַנצע טעג אין שטיבל, נאָר געדענקט, אַז ער האָט אַ ווייב און אַ קינד, וואָלט היינט אַלץ אַנדערש געווען...

דער קליינער זעליקל קוקט איצט אויף זיין ווייב און זאָגט:

— כ׳מיין, די מלחמה פאַרציט זיך און אין דער מלחמה דאַרף מען נישט קיין שפּיצן. מען דאַרף עפּעס אַנדערש... כ׳האָב טאַקע היינט גע־רעדט מיט משהן צו מאַכן שותפות...

פּעסעס טיפע קנייטשן אַרום דעם מויל לאָזן נאָך.

— שותפות מיט משהן — טראַכט זי — נו, אפשר וועט טאַקע דער אייבערשטער העלפן, משה איז דאָך געוואָרן אַ לייט...

און זעליקל רעדט ווייטער בנעימותדיק און מעשה סוחר.

— אַ גרויסע פּאַרטיע רייז מאַכט זיך צו קויפן... און רייז איז היינט אַ וואַזשנע אַרטיקל... מ׳וועט אונטערוואַרטן עטלעכע וואָכן און מען וועט נעמען צען מאָל אַזוי פיל, פאַרשטייסט, צען מאָל אַזוי פיל...

— אַז דער אייבערשטער וועט העלפן... — גיט זעליקל באַלד צו.

— איז שותפות מיט משהן? — וויל פּעסע וויסן.

— אוודאי שותפות, מ׳עט האַנדלען צוזאַמען — זאָגט זעליקל און קוקט איצט צו זיין זון — משה זאָגט, אַז פון דעם רייז אַליין וועט מען מאַכן אם ירצה השם אַ פאַרמעגן.

— געוויס, געוויס — רוקט פּעסע טיפער אַראָפּ אויפן שטערן איר שייטל — אַז דער אייבערשטער וועט נאָר העלפן.

זי האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן אַלע אירע טענות צו איר מאַן, זי איז אים אַלץ מוחל. זעסטו, ער טראַכט וועגן אַ תכלית. און דער שותפות מיט משהן געפעלט איר. זי וויל איצט זאָגן אַ גוט וואָרט צו איר מאַן, נאָר זי ווייסט נישט ווי אַזוי.

זעליקל אָבער קוקט צו פּיניען. פון אים, פון זיין זון, וויל ער הערן אַ וואָרט. נאָר פּיניע שווייגט. ער האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צום טע־לער און עסט ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט דעם פאָטערס רייד.

דער קליינער זעליקל טראַכט, אַז ער, פּיניע, גלייבט נישט אין דעם עסק מיט דעם רייז, און ער זאָגט צו אים:

— נו, וואָס זאָגסטו, פּיניע, צו דעם עסק?

ער וואַרט נישט אויף קיין ענטפער, זעליקל, און רעדט ווייטער:

— דו פאַרשטייסט, פּיניע, די רייז איז היינט אַ גאָלדגרובן... און

כ׳מיין טאַקע, אַז דו דאַרפסט שוין מאָרגן נישט גיין צו דער אַרבעט... ס׳איז דאָך נישט קיין תכלית צו זיין אַ בעל־מלאכה... אַז דו וועסט וועלן, וועסטו מיר צוהעלפן...

פיניע רוקט האַסטיק פון זיך אַוועק דעם טעלער. ער שטעלט זיך אויף און זאָגט טרוקן:

— מיך, טאַטע, מיש נישט אַריין אין דיינע עסקים...

זעליקל און פעסע קוקן דערשטוינטע אויף זייער זון. וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי? דאַרף אַ קינד נישט זיין צופרידן ווען דער טאַטע מאַכט אַ גוט געשעפט?

— יאָך פאַרשטיי דיך נישט, פיניע... — נעמט זעליקל די פאַטשיילע אין האַנט און ווייסט נישט וואָס מיט איר צו טאָן. — האָסט דאָך גע־הערט סאַראַ גוט געשעפט...

— מאַך דיר גוטע געשעפטן — קוקט פיניע אויפן פאָטער מיט פרעמדע אויגן — איך וויל מיט דעם נישט האָבן צו טאָן... איך בין צו־פרידן מיט מיין פאַך...

— אָבער פאַרוואָס, פיניע? — בעטן זיך ביי אים דער מאַמעס מידע אויגן — אַזאַ מסחר איז דאָך אַ תכלית...

זעליקלס אויגן בליצן אויף מיט כעס. געהערט אַ מעשה? צוליב אים מוט ער אַלץ, איז גרייט צו טאָן אַזאַ מסחר און דעם געזעלן־ייִנג שטייט גאָרנישט אָן. ער זאָגט מיט בייזקייט:

— אַוודאַי, אַז מען ווערט אַ געזעל און מ׳גייט אַרום אין אַ מעמד פון אַ גוי, הייבט מען אָן נישט צו פאַרשטיין...

— און אַז מען איז אַזוי פּרום ווי דו, טאַטע — קלינגט חוזק אין פיניעס שטים — מיינט מען, אַז מען מעג אַפילו זיין אַ מלחמה־שפּע־קולאַנט... אַוודאַי, אַז מען ליגט אונטערן רבינס טיש, מעג מען שוין אַלץ...

— דו... דו... — זעליקל האָט נישט געקאַנט ריידן. ער האָט גע־פילט, אַז עס פאַרפעלט אים אָטעם.

— פיניע — איז פעסע צו צו אים — ווי אַזוי רעדסטו צום טאַטן?...

— איך זאָג אים דעם אמת — איז פיניע געוועזן בייז פאַרעקשנט — דעם שיינעם ייִד פּאַסט נישט אַ זון אַ געזעל, אַ שפּעקולאַנט איז בכבודי־קער, אמת, טאַטע? די גמרא זאָגט אויך אפשר אַזוי?

— די גמרא... די גמרא... — האָט זעליקל געביילטביידע פויסטן — דו רעדסט פון דער גמרא, דו פושע...

— שאַ... שאַ... — האָט פעסע זיך געשטעלט צווישן פאָטער און זון — עטץ זעט דאָך פרעמדע מענטשן...

בערטאַ און סאָניע זענען געשטאַנען צעטומלטע אין דער אָפענער טיר, זיי האָבן עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער האַלב אָפענער טיר פון דעם טונקעלן טרעפּן־הויז. קיינער האָט זיי נישט געענטפערט און זיי האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן געטראָפן אין מיטן פון אַ משפחה־קריגעריי.

בערטאַ האָט זיך געוואָלט צוריקציען, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. בערטאַ האָט שמיל געזאָגט:

— וווינט דאָ הער זעליק העכט?

— יאָ, דאָ. — איז פיניע דער ערשטער געקומען צו זיך — ביטע, קומט אַריין.

דער קליינער זעליקל האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים טיש פאַר דער גמרא און נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט די צוויי פרעמדע נשים. פעסע האָט אַרויסגערוקט צוויי שטולן און געטראַכט, אַז אפשר זענען זיי דאָס געקומען וועגן דעם רייד־געשעפט.

— ביטע — האָט פיניע גענומען אויף זיך די ראָל פון ציצערע — מיין פאָטער איז דאָ...

— מיר האָבן געמיינט דאָ צו געפינען האָדעס זאַקס אָדער אירע קינדער, נאָר מ׳האָט אונדז אין הויף געזאָגט, אַז איר זענט קרובים — האָט בערטאַ געקוקט אויף דעם סאַמעטענעם קאַפּל, וואָס האָט זיך פאַר־רוקט אַן אַ זייט אויף זעליקלס קאָפּ.

— יאָ, קרובים — האָט זעליקל ס׳ערשטע מאָל זיך אָפּגערופן — שני בשלישי...

— מיר ווילן וויסן ווו זיי זענען — האָט בערטאַ ווייטער גערעדט און אָנגעוויזן אויף סאָניען — זי איז איזאַק מאַיסעיעוויטשס טאָכטער...

— איזאַק מאַיסעיעוויטש — האָט זעליקל געצויגן מיט די אַקסלען.

— יצחק זאַקס טאָכטער... — האָט בערטאַ זיך אויסגעבעסערט.

— יצחקלס!... — האָט זעליקל זיך אויפגעשטעלט און מיט ביידע

הענט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש — יצחקלס, זאָגט איר?... וואָס הייסט, ער איז דאָך געווען, רחמנא ליצלן...

בערטאַ האָט געפילט ווי דריי פּאָר אויגן הענגען אויף איר מיט שרעק, ווי זיי וואָלטן מיטאַמאָל דערזען אַ גייסט.

— יצחק זאַקס איז געווען אין סיביר — האָט בערטאַ געזאָגט — דאָרט האָב איך זיך מיט אים געטראָפן...

— איר קומט — האָט פּיניעס קול געציטערט — פון סיביר?

— יאָ, איך בין אויך געווען פאַרשיקט — האָט בערטאַ געזאָגט — ווען איך בין געקומען, האָט שוין יצחקס פרוי נישט געלעבט און שפּע־טער איז אויך ער געשטאָרבן...

— אַזוי, געשטאָרבן — האָט זעליקל זיך גלייך געמאַכט דאָס קאָפּל — ברוך דיין אמת...

— און זי? — האָט פּעסע אָנגעוויזן אויף סאָניען.

— סאָניע איז זיין טאָכטער — האָט בערטאַ געזאָגט — איך האָב אים צוגעזאָגט זי צו ברענגען צו דער באָבען...

— נעבעך, נעבעך... — האָט זעליקל אַרויסגעקרעכצט. ער האָט גע־וואָלט דער דאָזיקער פרעמדער אשה אַ סך פרעגן. ער האָט געוואָלט וויסן צי ער, יצחקל, איז כאָטש געקומען צו קבר ישראל, צי ער האָט כאָטש געוווסט, אַז ער איז אַ ייד און אפשר האָט ער תשובה געטאָן. אַ ייד איז דאָך פאָרט אַ ייד... אַנשטאָט דעם האָט ער בלויז געזאָגט:

— יאָך בין מיט אים צוזאַמען אין חדר געגאַנגען...

— ווען ער איז קראַנק געווען — האָט בערטאַ דערציילט — האָט ער געוואָלט האָבן אַ טלית, ער האָט געפילט אַז די טעג זענען געציילטע...

— אַזוי... אַזוי... אַ טלית... — זעליקל האָט זיך צעשאָקלט ביים טיש ווי ביים הערן דעם רבינס תורה...

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. נישט געווען מער וואָס צו ריידן. די באָבע איז נישטאָ, אירע קינדער זענען ערגעץ אין אַ שטעטל. און אין דער שטוב איז געוויס נישטאָ קיין אָרט פאַר סאָניען...

— אפשר אַ גלאָז טיי? — האָט פּעסע זיך דערמאָנט אָן כיבוד.

— אַ דאַנק — האָט בערטאַ זיך אויפגעשטעלט — שרייבט אייערע קרובים...

— מערצעשעם מאָרגן וועל יאָך שרייבן...

ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. פּאָרט אַ קרובֿס אַ יתומה, איז אפשר דאַרף מען עפּעס העלפן... פּאָרט געגאַנגען מיט יצחקלען אין חדר... ער האָט געזוכט אין די טאַשן און געפֿונען עטלעכע צעקנייטשטע מאַרקן.
ער האָט זיי אַרויסגעלייגט אויפֿן טיש און געזאָגט מיט פֿאַרלעגנהייט:
— כ׳מיין, פֿאַר יצחקלס טאַכטער, אפשר צוקערקעס...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט שטיל, מיט אַ פֿאַרשעמט קול. ער האָט זיך געשעמט מיט די צעקנייטשטע מאַרקן און מיט דעם וואָס ער האָט נישט עפּעס אַנדערש צו געבן פֿאַר יצחקלס איינציקער טאָכטער...
בערטאַ און סאָניע האָבן נישט געהערט זיינע ווערטער. זיי האָבן געפֿרעגט פּיניען ווי אַזוי מ׳פֿאָרט צוריק אין האָטעל.
—איך וועל אייך באַגלייטן — האָט פּיניע גענומען דעם פּאַלטאָ.
זיי זענען מיט פּיניען אַרויס פֿון שטוב און אויפֿן טיש זענען געבליבן ליגן פֿאַרשעמט די עטלעכע צעקנייטשטע מאַרקן.

קאַפּיטל אַכט

פּ י נ י ע

פּיניע האָט אָפּגעפֿירט די אומגעריכטע געסט, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין זיין פֿאָטערס שטוב, ביז צום טראַמוויי נומער פֿערצן. אויפֿן וועג האָט ער מיט בערטאַן און סאָניען ווייניק גערעדט. ער האָט געוואָלט אַזוי פֿיל וויסן און אַזוי פֿיל פֿרעגן און ער האָט נישט געוווּסט פֿון וואָס אָנצוהייבן. האָט ער פֿון נישט דרייסטקייט געשוויגן.

בערטאַ האָט געוואָלט וויסן עפּעס מער וועגן סאָניעס קרובֿים, וואָס זענען צוליב דער מלחמה אַוועק אין אַ שטעטל אין דער פּראָווינץ. פּיניעס תשובֿות זענען געווען קורצע און אָפּגעהאַקטע. זיי זענען אָבער גענוג געווען פֿאַר בערטאַן צו וויסן, אַז די דאָזיקע קרובֿים האָבן פֿולע שטיבער מיט קליינע קינדערלעך און זיי וועלן נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט דער קרובֿה, וואָס איז פּלוצלינג צו זיי אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די הרי חושך, פֿון סיביר. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן זיך דערשרעקן פֿאַר סאָניען און עס האָט נישט קיין צוועק זיי איצט אויפֿצוזוכן.
— אָרעמער איזאַק — האָט בערטאַ זיך דערמאָנט אָן איר סיבירער

שכן — דײַן טאַכטער וועט שוין אַליין מוזן זוכן די באַלאַנגען פּאַרן אײַ־זערנעם טויער.

פּיניע האָט זיך נישט באַוויזן אומצוקוקן ווי זיי זענען געבליבן שטיין בײַ דער טראַמוויי־סטאַציע. פונדערווײַטנס האָט זיך שוין געהערט דאָס געקלאַפּעריי פון דעם אָנקומענדיקן טראַמוויי.

— אָט דאָ וועט איר אײַנשטײַגן — האָט פּיניע געזאָגט און זיך דערשראָקן, אַז באַלד וועט דער טראַמוויי אַוועקפירן מיט זיך די צוויי פּרויען, וואָס זענען אים פאַרגעקומען ווי געשטאַלטן פון עפּעס אַ וווּנ־דערלעכן מעשה־ביכל. זיי וועלן אַוועק און ער וועט זיי מער נישט זען.

— טאָמער דאַרפט איר עפּעס... — האָט ער געשטאַמלט — איך...

— מירן זיך פרייען — האָט בערטאָ אים דערלאַנגט די האַנט — קומט־צו אונדז צו אין האָטעל...

— קומט אומבאַדינגט — האָט סאָניע געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע צעשמייכלטע אויגן — איך ווייס דאָ אַליין נישט ווי אַ טריט צו שטעלן.

פּיניע האָט געפילט ווי אַ רויטקייט זעצט אַרויס אויף זײַן פּנים און ער האָט שטיל קוים הערבאַר אַרויסגערעדט:

— יאָ, כ׳וועל קומען...

ער האָט לאַנג נאָכגעקוקט דעם פאַרשווונדענעם טראַמוויי.

— סאָניע... — האָט ער שטיל פאַר זיך געצערטלט דעם נאָמען וואָס ער האָט דאָ אויף דער גאַס צום ערשטן מאָל געהערט — סאָניע...

אין שטיבל אויף נאַלעווקעס האָט מען געוווּסט, אַז מיט דעם קליי־נעם זעליקל איז געשען אַ גרויס אומגליק. זײַן זון, זײַן בן־יחיד פּיניע, איז אַרויס לתרבות רעה און איז געוואָרן אַן אַפּיקורס.

זעליקלס גוטער פרײַנד, דער הויכער משה, וואָס זיי בײדע האָבן געהאַט די חזקה צו ליגן אונטערן טיש ווען דער רבי האָט געזאָגט תורה, האָט אין שטיבל, ווען זײַן פרײַנד האָט נישט געהערט, געזאָגט:

— נאָ, האָסטו זעליקלס דאַטש... — יאָך האָב אים באַלד געזאָגט אַז פון די דאַטשן וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען...

— יאָ, יאָ, די דאַטשן — האָבן די ייִדן אין שטיבל געקרעכצט — אַזאַ צרה, אַזאַ אַנשיקעניש, אַ קליפּה, רחמנא ליצלן, בפירוש אַ קליפּה...

אַנדערש ווי אַ קליפּה האָט מען אין די חסידים־שטיבלעך נישט גע־

קאַנט אויסטייטשן און פאַרשטיין דאָס וואָס האָט פּאַסירט פלוצלינג אין אַזוי פיל חסידישע שטיבער מיטאַמאָל.

— מיט די סטרייקן און די סיציליסטן האָט עס זיך אָנגעהייבן — האָבן יידישע טאַטעס זיך דערמאָנט די אַמאָליקע יאָרן — יאָ, די סיציליסטן זענען געווען די ערשטע...

— דער דאַטש איז נאָך ערגער — האָט מיט זיכערקייט גערעדט דער הויכער משה — נעמט אַזאַ פּיניע נעבעך... אַזאַ טייערער בחור געווען, געקענט הונדערט בלאַט גמרא פון אויסנווייניק... יאָך אַליין בין דאָך מיט אים געגאַנגען צו ר׳ מאיר יואלן, ער האָט אים פאַרהערט און געגעבן אַ זייגערל מיט אַ לשון־קודשדיקן ציפערבלאַט... און פלוצלינג איז אין אים אַריין די קליפּה...

די קליפּה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער קליינער זעליקל איז עטלעכע וואָכן געווען אַזוי פאַרטאָן אין פראַווען חסידות ביים רבין, אַז ער האָט פאַרגעסן אַהיימצוקומען און אַז זיין ווייב האָט ער נישט איבערגעלאָזט קיין צו גרויס פאַרמעגן.

פּעסע האָט דעמאָלט גערעדט זייער האַרבע רייד אויף איר מאַן. שפּעטער האָט איר באַנג געטאָן און זי האָט אַפילו אַריינגעוואָרפן אין דער פּושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס. אָבער דעמאָלט איז זי געווען שטאַרק פאַרביטערט און זי האָט אַפילו פאַר איר אייגענעם זון אויסגערעדט אויף דעם טאַטן וואָס פאַרגעסט, אַז אַ ייד איז מחויב קודם כל מפרנס צו זיין זיין פרוי און קינדער.

און דעמאָלט איז פּיניען איינגעפאַלן, אַז ער אַליין איז שוין אויך געוואָקסן גרויס כדי צו העלפן דער מאַמען. פּיניע איז נישט דער ערשטער געפאַלן אויף דעם געדאַנק, זיינע חברים אין שטיבל האָבן דאָס זעלבע געטאָן פאַר אים. אויך זיי האָט דער דייטש אַ קליפּה אָנגעטאָן, אַלע האָבן זיי מיטאַמאָל געוואָלט ווערן פאַרדינער. די טאַטעס האָבן געשריען, האָבן געקלאַפּט אין טיש אַריין, די מאַמעס אָבער האָבן געהאַלטן מיט זייערע זין. די קאַרטאָפל־זופּ אין שטוב איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שיטערער, טיילמאָל האָט אויך דאָס שוואַרצע קלעפּיקע ברויט אויסגעפעלט. האָבן אויך די מאַמעס געזאָגט, אַז די זין זייערע זענען גערעכט. ס׳איז נישט קיין תכלית צו זיצן גאַנצע טעג אין שטיבל ביי דער גמרא און אַהיימצוקומען אין אַ קאַלטער הונגעריקער שטוב. אַוודאי איז נישט קיין כבוד צו

האבן א זון א בעל־מלאכה, אבער וואס זאל מען טאן, אז עס איז איצט אזא וועלט.

דער קליינער שימעלע, פון דער פראנצישקאנער גאס, וועמענס טאטע איז פאר די דייטשן געווען א גרויסער לעדער־סוחר, איז פלוצלינג אוועק פון שטיבל און איז געווארן א דרוקער, האט ער איינמאל פיניען געטראפן אין גאס און צו אים געזאגט:

— אלץ אין שטיבל, פיניע...

— יא... — האט פיניע דערפילט, אז ער באדויערט איצט נישט שימעלען ווי אמאל, נאר ער איז אים מקנא.

שימעלע האט געטראגן א ווייסן שטייפן גומענעם קאלנער מיט א קאלירטן שניפס. דאס בערדל אויף זיינע באקן, וואס האט נאך מיט א יאר צוריק גאנץ שפאר זיך צעוואקסן, איז מיטאמאל פארשוואונדן, שימעלע האט אויסגעזען ייִנגער און שענער. ער האט שוין נישט געטראגן קיין שטיוול נאר שיך, מיט לאנגע הויזן און אויך די געהאקטע קאפאטע איז געווארן קירצער, שיער נישט ווי ביי די דייטשן.

— און וואס הערט זיך ביי דיר, שימעלע? — האט פיניע געוואלט וויסן.

— ברוך השם — האט שימעלע געענטפערט — מען ארבעט און מען פארדינט.

און ער האט צוגעגעבן מיט א געלעכטערל:

— און כ'האב זיך דערוווסט, אז א חוץ דעם שטיבל איז אויך דא א וועלט...

פיניע האט זיך דערפילט געפאלן ביי זיך, ער האט זיך מיטאמאל פארשעמט פאר זיינע שטיוול, וואס זענען געווען אין סאמע פארנט פארלאטעט, און ער האט געזאגט:

— איך קוק זיך אויך ארום...

— טא קום אריבער צום דרוקער, כ'וויים אז ער דארף א מענטש...

— יאך קען דאך אבער נישט... — האט פיניע זיך געקווייקלט.

— יאך האב אין אנהייב אויך נישט געקענט — האט שימעלע אים נישט אפגעלאזט — דו קענסט דאך לשון קודש און דאס דארף מען אין דער דרוקעריי. קום שוין מיט מיר...

אזוי איז אויך פיניע געווארן א דרוקער.

זיין טאַטע, דער קליינער זעליקל, האָט געפּרוווט צוערשט מיט גוטן צוריקצובערענגען זיין בן־יחיד אין שטיבל אַריין. ווען די גוטע רייד האָבן נישט געהאָלפן, האָט ער געזאָגט צו זיין בן־יחיד, קוקנדיק אים שאַרף אין די אויגן אַריין:

— אַ פאַרדינער ווילסטו ווערן? האַ? אַ פאַרדינער?... דיין מאַמען קאָנסטו עס זאָגן, מיך, פּיניע, ווערסטו נישט נאַרן... יאָך ווייס מיין בראָך...

— וואָס רעדסטו, זעליק? — האָט די מוטער זיך אַריינגעמישט — ער ברענגט דאָך אין שטוב אַריין יעדן גראָשן...

— יאָך וויל נישט זיין טריפה געלט!... — האָט זעליקל זיך געשריגן.

מיטאַמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו פּיניען און צו אים געזאָגט:

— נישט פאַרדינען ווילסטו, נאָר זינדיקן ווילסטו... מיך ווערסטו נישט נאַרן, פּיניע, נישט דער מאַמען העלפן ווילסטו, נאָר פון שטיבל ווילסטו אַנטלויפן, — אַזוי!...

פּיניע האָט נישט געענטפערט. ער האָט אויסגעמיטן דעם פאָטערס בליק. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער פאָטער לייענט אַראָפּ פון זיין פּנים די באַהאַלטנסטע און פאַרבאָרגנסטע, אויך פאַר אים, פּיניען אַליין, מחשבות.

ער, פּיניע, האָט ביז איצט אויך געמיינט, אַז ער איז אַוועק צום דרוקער כדי צו פאַרדינען און העלפן דער מאַמען, איצט איז אים מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ תּירוץ. דער עיקר איז וואָס שוין אין שטיבל האָט ער געהערט, אַז אַ חוץ די חסידים אויף די נאַלעווקעס איז אויך דאָ אַ וועלט, ווי דער קליינער שימעלע האָט געזאָגט. די וועלט וויל ער, פּיניע, זען; ער קען זי נישט די וועלט, ער שרעקט זיך פאַר איר, אָבער וואָס גרעסער די שרעק, אַלץ מער ציט אַהין. וואָס זוכט ער? ער האָט עס קלאָר נישט געוווּסט. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז די דאָזיקע נייע פרעמדע וועלט איז אַן אַנדערע, זעט אויס אַנדערש ווי זיין טאַטע, ווי זיין מאַמע מיטן גרויסן שייטל, ווי זיינע חברים אין שטיבל, און ווי דער הויף ביים רבי. און כדי צוצוקומען צו דער וועלט, האָט פּיניע געוווּסט, דאַרף מען זיך גרייטן, און ער האָט זיך געגרייט צוזאַמען מיט שימעלען און מיט נאָך אַנדערע חברים, געוועזענע שטיבל־בחורים, וואָס זענען געוואָרן פאַרדינער.

נישט דאָס גאַנצע פאַרדינסט האָט פּיניע געבראַכט צו זײַן מר־טער, ער האָט פאַר זיך אויך עפּעס איבערגעלאָזט. ער האָט זיך געקויפט אַ גומענעם ווײַסן שטײַפן קאָלנער און אַ שניפּס ווי שימעלע. שפּעטער האָט ער אויף די באַניפּראַטן אײַנגעטווישט זײַנע שטיוול אויף אַ פּאָר איבערגעטראָגענע דײַטשע שיך. ער האָט זיך געקויפט אַ סם, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ מוראדיקן געשטאַנק און האָט געבריט דאָס געזיכט, וואָס האָט גלאַט געמאַכט זײַן פּנים פון דעם קלײנעם בערדל, וואָס האָט זיך צעוואַקסן אויף די זײַטן פון זײַנע באַקן.

שבת איז ער נאָך געקומען דאַווענען אין שטיבל. ווען ער האָט זיך אָבער באַוויזן אין זײַן נײַעם הולך, מיט די שיך און מיט דעם שניפּס און מיט דער „געגאָלטער מאָרדע״, האָט מען אים געהייסן גיין.

— אפּיקורסים דאַרף מען נישט אין שטיבל. — האָט וועלוול גבאי אים געוויזן די טיר.

ער האָט געזען ווי פונדערווײַטנס שטייט זײַן טאַטע מיטן טלית פאַרוואָרפן איבערן פּנים און קוקט אין אַ צווייטער זײַט.

פּיניע איז געבליבן שטיין אין מיטן פון גרויסן באַלעווקע־הויף. אַ גאַנצע וואָך טומלט דער הויף ווי דער סמבטיון, אײנער זעט נישט דעם אַנדערן. הײַנט אָבער, אין שבת, איז דער הויף ווי געלעגן אין אַ דרימל, ווי אַ ייד שבת נאָכן טשאָלנט. פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט פּרויען, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט זייערע מענער פון דאַווענען. פּיניען האָט זיך געדוכט, אַז אַלע קוקן אויף אים, אַלע ווייסן אַז מען האָט אים אַרויס־געוואָרפן פון שטיבל, ווייסן אַז ער איז אַן אַפּיקורס.

— אַפּיקורס... — דאָס שרעקלעכע וואָרט האָט אים געשטאָכן ווי מיט שפּיזן.

ער האָט זיך געפילט ווי געשטעמפּלט מיט עפּעס אַ מוראדיקן שטעמפּל. טרערן זענען אים געקומען אין די אויגן.

— אַפּיקורס... — האָט די אונטערשטע ליפּ בײַ אים געציטערט.

ניין, ער וויל נישט זײַן קיין אַפּיקורס. ער האָט מורא פאַר דעם וואָרט. ער וויל צוריק אַרײַנגיין אין שטיבל. ער וויל זאָגן וועלוול גבאי אַז ער האָט חרטה, אַז ער וועט מער נישט גיין צום דרוקער. ער וועט צוריק לאָזן וואַקסן די באָרד, וועט אויסטאָן דעם שניפּס און דעם שטײַפן קאָלנער, וועט ווידער קומען יעדן טאָג אין שטיבל און לערנען ווי פריער.

ער ווארט, אפשר וועט דער טאטע ארויסקומען צו אים אין הויף. ער וועט מיט אים צוריק ארייַנגיין אין שטיבל. אבער דער טאטע איז נישט ארויסגעקומען צו אים. פיניע האט נישט געוווסט וואס מיט זיך צו טאן. איז ער לאנגזאם געגאנגען איבער דעם לאנגן הויף. ער האט אלץ געווארט, אז מ'וועט אים צוריקרופן, אז דער טאטע וועט אים נאכלויפן און וועט אים העלפן אפוואשן פון זיך די אפיקורס־חתימה, מיט וועלכער ער איז געשטעמפלט געווארן.

ביים טויער פון הויז איז ער געבליבן שטיין. קיינער רופט אים נישט. קיינער קימערט זיך נישט וועגן אים. אפילו דער אייגענער טאטע האט אן אים פארגעסן.

פיניעס בליק איז געפאלן אויף א גרויסן פלאקאט, וואס האט גע־קלעפט אויף דער מויער. גרויסע שווארצע אותיות האבן גערופן „די מאסן" צו קומען אויף קארמעליצקע גאס, אין דעם ארבעטער־קלוב אויס־צוהערן א רעפעראט פון א בארימטן רעדנער וועגן ארץ־ישראל.

פיניע איז נאך קיינמאל נישט געווען אויף קיין רעפעראט און וואס אזוינס א רעפעראט איז, האט ער געגנוי נישט געוווסט. ער האט גענומען זוכן אין די טאשן. ניין, ער האט נישט קיין געלט, ס'איז דאך שבת. פיניע האט נאכאמאל געלייענט די ווערטער פון דעם פלאקאט און האט זיך אנגעשטויסן אויף א שורה, אין וועלכער עס איז געזאגט געווארן, אז דער איינגאנג איז פריי.

פיניע האט געווארפן א בליק אין הויף, ווי ער וואלט זיך וועלן מיט אים געזעגענען. ער האט גענומען גיין אויפן טראטואר, וועלכער האט איצט אויסגעזען צו זיין ברייטער ווי שטענדיק.

ווייניק מענטשן זענען געווען אויף דער גאס. די מענער זענען גע־ווען ביים דאווענען און די פרויען האבן זיך אין זייערע שטיבער גע־פארט ביים צוגרייטן די שבתדיקע סעודה. פון די גרויסע איינצלנע נא־לעווקע־טויערן זענען פון צייט צו צייט ארויסגעקומען צו צוויי און אמאל אויך דריי יונגעלייט, זיי זענען געווען אנגעטאן אין זייערע שבתדיקע בגדים, וועלכע זענען געווען האלב אדער שוין גאר גאנץ „דייטש". טייל האבן שוין געטראגן קורצע רעק, נאר דאס קליינע פלאטשיקע טוכענע היטעלע האט זיך נאך געהאלטן אויף זייערע קעפ. אנדערע האבן געטראגן פארקערט, שוין א דייטשן קאפעליוש, נאר די קאפאטע איז נאך געווען

געגוג לאַנג. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין בערד און עס האָט געשמעקט פון זיי מיט פּולס זייף.

— זיי זענען אויך נישט ביים דאַווענען — האָט פּיניע געטראַכט — מסתמא האָט מען אויך זיי געהייסן גיין פון שטיבל...

— און עס אַרט זיי גאָרנישט — האָט פּיניע געזען ווי זיי לאַכן און ריידן הויך, גייענדיק איבער דער גאַס.

ער האָט זיי מקנא געווען. זיי זענען דאָך אפּיקורסים ווי ער, פונ־דעסטוועגן מאַכן זיי זיך גאָרנישט דערפון, גייען אַרום אַזעלכע אויסגע־פּוצטע, צופרידענע און לאַכנדיקע.

פּיניע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, ווי עס טוען די שטיבל־בחורים, אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס. עפּעס איז אים קשה געווען, ער האָט נאָך נישט געקאָנט באַנעמען וואָס עס איז היינט מיט אים געשען. ער האָט מער נישט געזען די גאַס אַרום זיך, ער אַליין איז געווען צעטומלט און געפילט זיך פאַרלוירן און איינזאַם. ער האָט גייענ־דיק זיך צוגעשאַרט צו די מויערן פון די גראָ־טונקעלע הייזער, ווי ער וואָלט אין זיי געזוכט אַן אָנלען.

ערשט אויף דער שמאָלער קאַרמעליצקע־גאַס האָט אַ געמיש פון קולות און פרויען־געלעכטער געמאַכט פּיניען זיך אומקוקן. דער שמאָלער טראָטואַר איז געווען באַלייגט מיט יונגע בחורים און מיידלעך. די בחו־רים זענען געשטאַנען אין קופּקעלעך אויפן טראָטואַר און זיך נישט גע־קימערט וואָס זיי פאַרשטעלן דעם וועג פאַר אַנדערע. זיי זענען שוין אַלע געווען דייטש געקליידט. טייל האָבן אַפילו נישט געטראָגן קיין הוט אויפן קאָפּ און זייערע האָר האָבן, באַשמירטע מיט בריליאַנטין, גע־גלאַנצט אויף דער זון. די מיידלעך האָבן געקוקט אין די שויפענצטער, וועלכע זענען געווען אויסגעלייגט מיט ווייבערישע הוטן פון כלערליי קאָלירן, זאָקן וואָס זעען ווי זיי וואָלטן געווען פון זייד, קליינע שיכלעך אויף הויכע אָפּצאַסן, בלוזעס און אַנדערע ווייבערישע מכשירים.

באַלד אָבער האָבן די מחנות זיך אויסגעמישט. שורותווייז זענען זיי געגאַנגען אַהין צוריק איבער דער גאַס, פאַרנעמענדיק די גאַנצע ברייט פון טראָטואַר. טייל בחורים האָבן אין די זייטן פון מויל געהאַלטן אַ סיגאַ־רעט און אַרויסגעלאָזט קליינע וואָלקנדלעך רויך. דער רויך האָט אויף

פיניען אַנגעוואָרפן אַ שרעק. זיינע צעטומלטע אויגן האָבן שטום גע־שריען:

— שבת! געוואַלד, שבת!...

פיניע איז אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פון די שפּאַצירנדיקע אין מיטן גאַס. ער האָט געזען ווי די בחורים וואַרפן אַוועק אַ סיגאַרעט און צינדן אָן אַנדערן און קלערן אַפילו נישט וועגן דעם וואָס זיי טוען. אוודאי האָט מען אויך אין שטיבל אויף די נאַלעווקעס געוווּסט, אַז עס זענען דאָ אפּיקורסים. אויך ער, פּיניע, איז דאָך שוין איצט אַן אַפּיקורס. אַז מען שערט זיך די באָרד און מען טוט זיך אָן דייטש איז מען אַן אַפּיקורס. אָבער גיין איבער דער גאַס, שבת בייטאָג, ווען יידן זענען אין די בתי מדרשים און רויכערן פּאַפּיראָסן בפני קהל ועדה, אַזאַ זאַך האָט פּיניע נישט געגלייבט אַז עס איז מעגלעך.

— און זיי קלערן דאָך אַפילו נישט וואָס זיי טוען — האָט פּיניע געפילט ווי אַ קאַלטער שווייס באַדעקט אים — עס איז גאָר ביי זיי פּשוט...

אין שטיבל האָט מען צווישן מנחה און מעריב טיילמאָל גערעדט וועגן אַפּיקורסים אויך. מען האָט גערעדט וועגן דעם אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן מיטן חסידישן ווייך־הענדלער פון פראַנצישקאַנער, וועמענס וויין מען דערלאַנגט צום רבינס טיש, אַז זיין זון, דער עילוי, איז פּלוצ־לינג פאַרשוווּנדן פון שטוב, איז אַוועק קיין בערלין און געוואָרן אַן אַפּי־קורס. מ׳האָט זיי געוזידלט, די אַפּיקורסים, און מ׳האָט זיי געשאָלטן. עס איז אָבער גלייכצייטיק געווען פאַר זיי, די אַפּיקורסים, אַ מין אַפּשיי. עס איז נישט אַזאַ לייכטע אַרבעט צו זיין אַן אַפּיקורס. מען מוז זיך גוט אָנהאָרעווען ביז וואַנען אַ ייד פועלט ביי זיך צו טאָן אַן עבירה. אַזוי האָט מען געזאָגט אין שטיבל, און אַזוי האָט אויך פּיניע געמיינט. ער קוקט אויף די יונגעלייט מיט די פּאַפּיראָסן אין מויל און ער זעט, צו זיין שרעק, אַז עס קומט זיי גאָרנישט שווער אָן, אַז זיי טראַכטן אַפילו נישט וואָס זיי טוען. אים, פּיניען, איז שווערער אָנגעקומען אָנצוטאָן דעם שטייפן גומענעם קאָלנער, ווי זיי אָט מחלל שבת צו זיין...

פּיניען דוכט זיך, אַז ער איז מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמ־דער וועלט. פון נאַוואַליפּיע־גאַס ביז קאַרמעליצקע איז נישט מער ווי צוויי טריט. ער איז די קאַרמעליצקע דורכגעגאַנגען יעדן טאָג. און דאָך

דוכט זיך אים, אַז ער איז דאָ ערשט צום ערשטן מאָל אין לעבן, אַז ער זעט עפּעס פאַר זיך נײַע, אַנדערע מענטשן. ער זעט ווי די בחורים האַלטן ביי די הענט די מיידלעך, נעמען זיי אַרום, לאַכן און שטיפן מיט זיי. און ער פילט ווי ער, פיניע, ווערט פאַר זיי רויט. אויך ער, פיניע, האָט אַמאָל אַרויסגייענדיק געוואָרפן אַ בליק אויף אַ דורכגייענדיקער אשה. ער האָט געוווסט, אַז עס איז אַן עבירה, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. אין קאָפּ זענען געקומען מחשבות זרות און איבערן רוקן איז דורכגעלאָפן אַ ציטער. ער האָט שפּעטער געווײנט איבערן חובת הלבבות און האָט זיך אַ נדר געטאָן מער אַזעלכעס נישט צו טאָן.

שווער געווען צו האַלטן דעם נדר. ווי אַ גנב ביינאַכט, אַזוי איז אים, פיניען, באַפאַלן דער יצר הרע. ער האָט געזינדיקט מיט שלעכטע געדאַנקען, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער זינדיקט.

זיי אָבער דאָ, קוקט פיניע אויף די לאַכנדיקע מיידלעך, שעמען זיך דאָך אַפילו נישט מיט זייערע זינד. זיי טראַכטן אַפילו נישט וועגן דעם. און זיי ריידן מיט אַזאַ פאַרשייטקייט. ער, פיניע, ווייסט נישט וואָס זיי האָבן אַזוי פיל צו ריידן מיט די מיידלעך. ער ווייסט נישט, צי ער וואָלט געקאָנט עפענען דאָס מויל ווען אַזאַ מיידל רעדט צו אים. ער וואָלט אַנטלאָפן פאַר בושה.

— וואָס טו איך דאָ? — באַפאַלט פיניען אַ שרעק.

ער דערמאָנט זיך, אַז איצט האַלט מען שוין אין שטיבל ביים „לייע־נען" און עס נעמט אים אַרום אַזאַ נאַגנדיקע בענקשאַפט צו די טונקעלע חדרים אין גרויסן נאַלעווקע־הויף, צו די יידן אין די אַטלאַסענע זשיפּי־צעס, אַרומגענומענע מיט געלבלעכע טליתים מיט די זילבערנע עטרות.

— גוט שבת, פיניע, גוט וואָס דו ביסט געקומען...

— דו, שימעלע!...

פיניע דערפרייט זיך מיט זיין חבר, ווי ער וואָלט אים שוין יאָרן נישט געזען. דאָס געפיל פון איינזאַמקייט פאַרשווינדט. ער פילט זיך איצט מיט שימעלען זיכערער און דרייסטער.

— זיי האָבן מיך אַרויסגעוואָרפן פון שטיבל — פילט פיניע אַ באַ־דערפעניש זיך אַראָפּצורײדן פון האַרץ.

— האָסטו אַ זאָרג, פיניע! — קלאַפּט אים שימעלע איבער דער פלייצע — גלייכער אַזוי. ביסטו פון זיי פּטור...

און ער גיט צו:

— מיט מיר איז אויך דאָס זעלבע געשען, פיניע, איך האָב זיך אויסגעלאַכט...

זיי בלייבן שטיין פאַר אַ געלבלעכער פירשטאָקיקער געביידע.

— דאָ איז דער אַרבעטער־קלוב — זאָגט שימעלע — לאָמיר שוין אַריינגיין, וועט מען געפינען אַ גוט אָרט צו הערן דעם רעדנער.

זיי גייען איבער הויכע געדרייטע טרעפּ און בלייבן שטיין פאַר אַן אויפגעפּראַלטער טיר.

שימעלע פילט זיך דאָ ווי אַ היימישער מענטש.

— קום — זאָגט ער צו פיניען — איך בין דאָ אַ מיטגליד...

זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ גרויסער לאַנגער שטוב, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט מיט שורות בענק איינע נאָך דער אַנדערער. ביי דער וואַנט לעבן פענצטער איז געשטאַנען אַ טישל איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטוך און אַ קאַראַפקע מיט וואַסער און צוויי גלעזער איז דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך געפונען אויפן טישל.

— זעסט, פיניע, דאָרט ביים טישל וועט שטייען דער פּרעלעגענט.

— רעדט שימעלע אַרויס מיט גרויס חשיבות דאָס וואָרט „פּרעלעגענט“.

פיניע שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ער וואָלט זייער וועלן וויסן וואָס דאָס וואָרט פּרעלעגענט מיינט. עס מוז זיין אַ זייער וויכטיק וואָרט, טראַכט ער, און שעמט זיך צו פרעגן זיין חבר. די שטוב ווערט ביסלעכווייז אָנגעפילט מיט מענטשן. דיזעלבע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן פריער שפּאַצירט איבער דער גאַס האָבן זיך ברייטלעך צעזעצט איבער די בענק. די מיידלעך זיצן אָנגעבויגן צו זייערע בחורים. פיניע זעט ווי די הענט פון די בחורים נעמען אַרום די פּלייצעס פון די מיידלעך, וועמענס האָר גלעטן די בחורישע פּנימער. פיניע קאָן די אויגן פון זיי נישט אַוועקנעמען און עס דוכט זיך, אַז ער פילט אויף זיין לייב אַ מיידלשן באַריר.

אין דער שטוב ווערט אַ גערודער. אַ מענטש פון מיטעלן וווקס, מיט אַ גרויסער שוואַרצער טשופּרינע און מיט אַ פענסנע אויף זיין לענגלעכער נאָז, בלייבט שטיין ביי דעם טישל מיטן איבערגעדעקטן ווייסן טישטוך.

— דער פּרעלעגענט — רוימט שימעלע איין פיניען אין אויער — אַזעלכע רייד האָסטו נאָך אין דיין לעבן נישט געהערט.

פיניע שאָקלט צו מיטן קאָפּ און קוקט אויף די ווייסע הענט פון דעם פּרעלעגענט, וואָס מישן נערוועז די בלעטלעך וואָס ער נעמט אַרויס פון קעשענע.

פיניע דערהערט נישט די ערשטע ווערטער פון פּרעלעגענט. ער לאָזט נישט אַראָפּ זיין אויג פון אים, אָבער ער זעט בלויז ווי זיינע ליפּן באַוועגן זיך.

— אַזוי איז שטענדיק אין אָנהייב — פּילט שימעלע פאַר זיין פּליכט צו פאַרענטפערן דעם רעדנער — באַלד וועסטו הערן. ער האָט שוין איינמאָל אַ שטים!...

דער קול פון רעדנער ווערט העכער, נעמט זיך וואָס אַמאָל מער אָן מיט כוח און באַלד באַהערשט דער קול דעם גאַנצן זאַל.

פיניע בייגט זיך צו. ער האָט מורא צו פאַרלירן דאָס מינדעסטע וואָרט. ער איז גערעכט, שימעלע, אַזעלכע רייד האָט ער נאָך אין זיין לעבן נישט געהערט. רייד וועגן רעוואָלוציע, וועגן מלחמה מיט די קיסרים. און ווער וועט פירן די מלחמה? מיר, די אַרבעטער, אַזוי זאָגט דער רעדנער. יעדע מינוט האַלט ער אין איין איבערחזרן „מיר, די אַרבעטער”.

פיניע ווערט געוואָר משוגהדיקע זאַכן. ער דערוויסט זיך, אַז די בעלי מלאכהס, מיט וועלכע דער טאַטע זייגער שעמט זיך, זענען דער שטאַרקסטער כוח אין דער וועלט. שטאַרקער פון אַלע גענערעלער און צאַרן און זשאַנדאַרמען. שטאַרקער אַפילו פאַר די דייטשן. זיי, די דייטשן, זענען נאָר קליגער פאַר דעם צאַרס זשאַנדאַרמען. זיי האָבן מורא פאַרן צאַרן פון פאָלק. דעריבער לאָזן זיי דאָס פאָלק כאָטש ריידן. די אמתע פרייהייט וועט אָבער ערשט קומען שפּעטער, ווען מ׳וועט אויך דעם דייטשן קיסר פאַרטרייבן. ערשט דעמאָלט וועט זיין די אמתע פרייהייט. דעמאָלט וועלן מיר אַרבעטער ווערן די באַלעבאַטים, מיר אַרבעטער וועלן קיינעם נישט אונטערדריקן, און מיר וועלן מאַכן שולן פאַר אַלע קינדער און מענטשן וועלן לעבן איינער מיטן אַנדערן, ווי ברידער.

פון מאָל צו מאָל ווערן די רייד פון רעדנער איבערגעריסן מיט אַ געפּאַטשעריי פון הענט. אויך שימעלע פּאַטשט מיט די הענט און פיניע טוט אים נישט דרייסט נאָך. נאָר אָט גייט איבער דער רעדנער צו ריידן וועגן די וויסטע בערג פון יהודה און ירושלים. פיניע שפּיצט אָן די אויערן. האָ? ווי קומט אַזאַ איינער גאָר מיט אַ בלויזן קאָפּ און געגאַ־

ליעטער גאַמבע צו ריידן וועגן דער הייליקער ירושלים?

און פּיניע הערט, אַז מיר, די יידישע אַרבעטער, האָבן נאָך אַ חשבון. ציון איז וויסט און חרוב, אָבער ציון וואַרט אויף אירע קינדער. מיר אַרבעטער מוזן אָפּרוימען די חורבות פון הייליקן לאַנד, מיר מוזן ווייזן די גוים, אַז מיר קאָנען אויך האָבן אַן אייגן לאַנד.

— ווען משיח וועט קומען — טראַכט פּיניע — וועלן מיר אויך האָבן אַן אייגן לאַנד, ווי דען...

פּיניען דוכט זיך, אַז דער רעדנער לייענט אַראָפּ פון זיין פּנים זיינע געדאַנקען. וואָרעם פּלוצלינג הייבט אויך ער אָן ריידן וועגן משיחן. לאָזט אייך נישט איינריידן, שרייט ער, פון די פאַנאַטישע רבנים, אַז איר דאַרפט גאָרנישט טאָן נאָר וואַרטן אויף משיחן. זיי נאַרן אייך, די רבנים, און זיי פאַרשטייען נישט, זיי זענען פינצטערלינגען. זיי מאַכן יד־אחת מיט די קיסרים צו האַלטן אין פינצטערניש די יידן. שטייט אויף פון שלאָף, יידן, הערט אויף זיך צוהערן צו די רבנים. איר אַליין מיט אייער האָרעוואַניע קאָנט ברענגען משיחן...

פּיניע פאַרשטאָפּט זיך די אויערן. ער ווייסט, אַז אַזעלכע רייד טאָר מען אַפילו נישט הערן. ער קאָן זיך אָבער נישט העלפן. ער מוז הערן. און דער רעדנער דערציילט וועגן יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן פאַר־לאָזט זייערע היימען און זיינען אַוועק קיין ציון. זיי אַקערן דאָרט די פעלדער, זיי פלאַנצן וויינגערטנער, זיי בויען אַליין זייערע הייזקעס און זיי קעמפן אַפילו מיט ביקסן אין די הענט קעגן די ווילדע אַראַבער, וואָס ווילן זיי באַרויבן.

זיי זענען וויניק, די ציון־בויער, און זיי ווענדן זיך צו אייך דאָ צו קומען צו זיי אין ציון־לאַנד און העלפן זיי בויען די אַלטע יידישע היים.

דער רעדנער איז דאָ אַריינגעפאַלן אין גרויס התלהבות. ער האָט גערעדט יידיש, אָבער פּיניען האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט מיט פּסוקים פון חומש און ער האָט נאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי קאָן אַזאַ ייד נישט טראָגן קיין באָרד און ריידן כל דבר אסור אויף רבנים.

אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל. יונגעלייט אין טונקעלע בלאָע בלוזעס, פאַרבונדן מיט צונטער־רויטע קראַוואַטן, האָבן זיך אויפגעריסן פון זייע־רע ערטער און געשריען צום רעדנער:

— איר זענט ערגער פֿאַר די רבנים! איר פֿאַרפּירט און פֿאַרשלע־פּערט די מאַסן מיט נאַרישע חלומות!...

— איך הער יעדן שבת דיזעלבע טענה, חברים בונדיסטן! — האָט דער רעדנער צו זיי צוריקגעשריען.

און די יונגעלייט האָבן געקלאַפּט מיט די פּיס אין דיל און נאָך העכער געשריען:

— מיר ווילן דעמאַסקירן אײַער ציוניסטישע אינטריגע! איר זענט נישט קיין סאָציאַליסטן... אמתע סאָציאַליסטן ווייסן, אַז דאָ אויפֿן אָרט דאַרף מען קעמפֿן צוזאַמען מיטן פּוילישן אַרבעטער...

דער רעדנער איז נישט געבליבן שולדיק אַן ענטפֿער:

— איך זע נישט, אַז די גויים זאָלן ווילן גיין צוזאַמען מיט אײַך.

דער זאַל איז מיטאַמאָל אײַנגעטיילט געוואָרן אין צוויי מחנות. די יונגעלייטלעך וואָס האָבן נאַרוואָס געשמייכלט און געלאַכט זענען איצט געשטאַנען מיט געבײַלטע פֿויסטן אײנער אַקעגן דעם אַנדערן און בײַ די מיידלעך האָבן געפֿלאַמט די באַקן און זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט.

— נידער מיט די בונדיסטן! — האָט מען געשריען.

— זאָל לעבן דער בונד! — האָבן אַנדערע אָפּגעענטפֿערט.

— שאַנדע צו די ציוניסטישע רעאַקציאָנערן! — האָבן געשריען די בונדיסטן.

— עס לעבע דער ציוניזם! — האָבן דעם רעדנערס אַנהענגער זיך באַמיט איבערצושרײַען די קעגנער.

דער רעדנער האָט געפּרוווט איבערשרײַען בײדע מחנות:

— חברים — האָט ער אומזיסט געזעצט מיט דער האַנט אין טיש כּדי צו באַרואיקן דעם טומל — חברים, לאָמיר דיסקוטירן ווי קולטורעלע מענטשן... שרײַט נישט אַלע מיטאַמאָל. דער טומל איז נאָך גרעסער גע־וואָרן. ערשט ווען אים צו הילף איז געקומען זײַנער אַ פֿרײַנד מיט אַ פּעך שוואַרצער באָרד און אַ געשריי געטאָן:

— חברים, מיר טרעטן צו צו דער אָפּשטימונג! — ערשט דעמאָלט איז געוואָרן שטיל.

באַלד אָבער איז ווידער געקומען צו אַן אַמפּערניש און פֿרישן טומל. אַ טייל פֿון זאַל האָט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אָפּשטימען „פֿאַר" און דער צווייטער טייל האָט דווקא געוואָלט, אַז מען זאָל שטימען „קעגן".

דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד האָט אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות און האָט די בחורים און מיידלעך פון דער קאַרמעליצקע גאַס אויספיר־לעך דערציילט ווי אַזוי מען שטימט ביי לייטן אין פּאַריז און אין לאָנדאָן.

דאָס אַמפּערניש איז געוואָרן נאָך גרעסער און דער סוף איז געווען, אַז ווען די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן געוואָרן, איז אויף די שמאָלע הויכע טרעפּ שיער נישט געקומען צו אַ געשלעג. יעדער צד האָט גע־האַלטן, אַז ער האָט געהאַט אַ מערהייט ביי דער אָפּשטימונג.

פון הינטן זענען אָנגעקומען די שכנות מיט גרויסע טעפּ טשאָלנטער פון בעקער אין די הענט. די ווייבער האָבן זיך ערשט רעכט צעשריען:

— אַיאַדעס אַזאַ! שטעלן זיך אַוועק אויף די טרעפּ און לאָזן נישט אַריין מענטשן אין שטוב!...

זיי האָבן מיט די טעפּ טשאָלנטער געדראָט און געשריען:

— נו, שוין גענוג געדרשנט!... עטץ וואָלט בנאמנות בעסער געווען ביים דאַווענען... אָך און וויי צו די מאַמעס, נעבעך, היינטיקע צייטן.

די יונגעלייט און מיידלעך איז נישט אָנגעשטאַנען זיך אויסצוטענהן מיט אַזעלכע פּראָסטע יידענעס, וואָס זענען פינצטערלינגען און פאַר־שטייען נישט, אַז אַזאַ דיסקוסיע איז וויכטיקער ווי זייער טשאָלנט. האָבן זיי גאָרנישט געזאָגט און זענען שנעל אַרויס אויף דער גאַס.

— האַ, וואָס זאָגסטו, פּיניע? אינטערעסאַנט? — האָט שימעלע געוואָלט וויסן — די בונדיסטן מיט די ציוניסטן שלאָגן זיך אַזוי שטענ־דיק... און אַמאָל קומט טאַקע צו פּעטש אויכעט...

— ווי אין שטיבל — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי פּיניען.

אויף דעם שמאָלן טראָטואַר זענען די בחורים און מיידלעך געבליבן שטיין גרופּעסווייז און ווייטער געפירט דעם הייסן וויכוח.

אין מיטן איין קרייזל איז געשטאַנען אַ יונג מיידל. איר העלער ברוינער פּאַלטאָ איז געווען צעקנעפּלט, איר ווייסע בלוזע מיט אַ קעלנערל ביים האַלדז איז געווען אַרומגענומען מיט אַ רויטן מענערישן שניפּס. דאָס מיידל איז געווען זייער צעהיצט. זי האָט גערעדט שנעל, מיט אַ ליטווישן יידיש, נאָר טיילמאָל האָט זי זיך פאַרגעסן און רעמאָלט האָט זיך פון אירע פרישע געשמינקטע ליפּן אַרויסגעריסן אַ ווייך צעצויגענער וואַרשעווער „יאָך". דאָס מיידל איז געווען אויפגעבראַכט אויף די ציו־ניסטן. זי האָט זיך אָנגענומען די עוולה פון די אָרעמע אַראַבער. זיי

וווינען דאָרט אין פּאַלעסטינע. איז ווי מעג מען זיי אַרויסשטופּן. יידישע אַרבעטער טאָרן אַזאַ עוולה נישט טאָן. און בכלל איז שוין צייט זיך אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ די אַלע מעשהלעך פון חומש. די רעוואָלוציע קומט. אַלע הערן שוין אירע טריט. מיר, דער פּראָלעטאַריאַט, איז אויפ־געשטאַנען פון שלאָף — דער הויכער מיידלשער בוזעם האָט ביים דער־מאָנען דאָס וואָרט רעוואָלוציע, אַרויסגעשפּאַרט פון דער אָנגעצויגענער באַטיסטענער בלוזע — מיר דאַרפן גרייט זיין צו גיין אויף די באַרי־קאַדעס און אויפהערן האָבן אין זין די אַלע שאָוויניסטישע נאַרישקייטן וועגן דעם לאַנד, וואָס טריפט מיט האָניק און מילך.

דער קליינער שימעלע האָט אָפּגעלאָזט פּיניעס אַרבל. ער האָט מער נישט געקאָנט צוהערן אַזעלכע רייד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און אויפן קול זיך צעשריען:

— מיר, סאָציאַליסטן־ציוניסטן, וועלן אויך גיין אויף די באַרי־קאַדעס און מיר באַעוולהן נישט די אָרעמע אַראַבער... מירן זיי באַ־פרייען פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך, יאָ באַפרייען...

— אָבער, חבר — האָט דאָס מיידל געוואָלט צוריקקומען צום וואָרט — איר פאַרגעסט...

דער קליינער שימעלע האָט נישט געוואָלט וויסן וואָס ער האָט פאַר־געסן. ער האָט געזען ווי זיין חבר פּיניע קוקט אויף אים מיט אַן אָפן מויל און מיט אויגן פול מיט באַוווּנדערונג, האָט ער אים געוואָלט ווייזן וואָס ער קען און ער האָט ברייטלעך אַ זאָג געטאָן:

— יאָך האָב פאַרגעסן, חברטע? — אַוודאי האָב יאָך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז אין ארץ־ישראל האָבן מיר פאַרווירקלעכט דעם סאָציאַליזם!...

— וואָס?... איר האָט?... — דאָס מיידל האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ צעטומלדיקן בליק ווי זוכנדיק הילף.

— יאָ, חברטע, אַזוי איז עס — האָט שימעלע טריאומפירט — ביי אונדז, אַז מען זאָגט סאָציאַליזם איז סאָציאַליזם...

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ פילזאָגנדיקן שמייכל:

— און פון דגניה ווייסט איר גאָרנישט? האָט איר גאָרנישט גע־הערט, חברטע?

די חברטע האָט אין צעטומלעניש זיך גלייך געמאַכט די האָר און שימעלע האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע די פרייטיקדיקע „הצפירה“ און

מיט די פינגער געטייטלט אויף די גרויסע אותיות:

— נאָט! לייענט, ווער איר, חברטע, וויסן וואָס אַזוינס דגניה איז...

דאָס מיידל האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. זי האָט געוווּסט, אַז דער חבר האָט זי אומישנע געוואָלט פאַרשעמען און ווייזן, אַז זי קען נישט לייענען קיין לשון קודש...

אַ הויכער יונג, מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר, איז איר געקומען צו הילף:

— זע נאַר, מיש לאָקשן קודעש גאָר גייט ער אונדז אָפּשרעקן!...

— ער האָט אַ שאַר געטאָן דאָס בלאַט פון שימעלעס האַנט — מ׳קען שוין אייערע פינצטערע שטיק, גמאַדזשוכעס!

פיניע האָט זיך שנעל אַראָפּגעבויגן צו דער ערד און פאָרזיכטיק אויפגעהייבן די „הצפירה".

— שעמט אייך, — האָט שימעלע פאַרגעסן אַן דעם מיידל און זיין גאַנץ פייער געווענדן צו זיין פרישן קעגנער — צו וואַרפן אַ צייטונג אויף דער ערד. . . . ווען איר וואָלט פאַרשטאַנען כאָטש איין וואָרט...

דאָס מאָל האָבן זיך אַלע שוין אַריינגעמישט אין דעם וויכוח. טייל האָבן געשריען, אַז מען האָט שוין גענוג געקוועטשט די באַנק מיט לשון קודש און אַנדערע האָבן געטענהט, אַז אויך לשון קודש איז אַ שפּראַך און אַז מען באַגייט אַפילו נישט אַ זינד קעגן פּראָלעטאַריאַט ווען מען קוקט אַריין אויך אין חומש.

— זענט איר דאָך אַ פינצטערער פאַנאַטיקער!...

— יאָך אַ פאַנאַטיקער?! יאָך קען קאַרל מאַרקס בעל פּה!...

אַזוי האָט מען זיך דורכגעווערטלט און זיך געקריגט ביז מען האָט זיך דערמאָנט, אַז די פינצטערע רעאַקציאָנערע טאַטעס זענען שוין אַהיימ־געקומען פון דאַווענען און אַז דער טשאָלנט איז שוין אַוודאי קאַלט געוואָרן.

דעמאָלט האָט מען זיך צוגעזאָגט צו טרעפן איבעראַכטאָג שבת, און די קאַרמעליצקע גאַס איז מיטאַמאָל אויסגעליידיקט געוואָרן.

אויך שימעלע האָט זיך געגרייט אַהיימצוגיין און ביים געזעגענען זיך, געזאָגט:

— זעסט, פּיניע, ס׳איז גאָר אַן אַנדער לעבן.

— כ׳זע — האָט פיניע זיך מיטאַמאָל דערמאָנט וואָס עס איז היינט

ביים דאַוונען געשען מיט אים אין שטיבל, און נישט געוווּסט וואָס ווײ־טער צו טאָן מיט זיך.

ער איז געגאַנגען צוריק אויפן וועג אַהיים אויף נאָוואַליפּיע. ווען אָבער ער איז צוגעקומען צום טויער, איז ער שטיין געבליבן. ער האָט געוווּסט, אַז זיין פאָטער וואַרט מיטן קידוש און די מאַמע ווישט זיך די אויגן פון טרערן. ער האָט געוווּסט, אַז ווי נאָר ער וועט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער שטוב, וועט דער פאָטער נישט שווייגן און עס וועט זיך אָנהייבן אַ קריגערײַ צווישן טאַטע־מאַמע.

פּיניע איז אַוועק אויף די נאַלעווקעס. ער איז שוין געווען מיד און אויך הונגעריק, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער דער שבת־מנוחהדיקער גאַס און זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם ברייטן אייזערנעם טויער. הינ־טער וועלכן עס האָבן זיך געגרינט די ביימער פון קראַשינסקיס גאָרטן.

פּיניע איז אַריין אין גאָרטן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ זײ־טיקער באַנק. לעבן אים זענען געזעסן צוויי אַלטע יידן און האָבן צו־זאַמען אַריינגעקוקט אין אַ ברייט צעעפנטער יידישער צייטונג.

אויף די בענק קעגנאיבער זענען געזעסן יונגע פרויען שבתדיק אויס־געפּוצטע און לעבן זיי זענען געשטאַנען ווייס־געמאַלטע קינדער־וועגעלעך.

פּיניע איז געזעסן מיט האַלב פאַרשלאָסענע אויגן. עס איז אים פאַר־געקומען, אַז עס איז מער נישטאָ קיין אָרט פאַר אים. פון שטיבל האָט מען אים געהייסן גיין. ער איז אַן אפּיקורס, האָט געזאָגט דער גבאי. און זיין אייגענער טאַטע האָט זיך געמאַכט אים נישט זען. און אויך דאָרט אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, פילט ער זיך פרעמד.

ער האָט נאָכאַמאָל שטיל איבערגעחזרט די ווערטער פון רעדנער. זיי האָבן אים באַרוישט, די ווערטער, געדוכט האָט זיך אים, אַז זיי זענען געווען געוואָנדן צו אַנדערע און נישט צו אים. ער האָט געזען פאַר זיך די צעהיצטע פּנימער פון די בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט די גרויסע שטוב פון דער קאַרמעליצקע גאַס און ער האָט געפילט, אַז ער איז אַ פרעמדער צווישן זיי. זיי קריגן זיך דאָרט איינער מיטן אַנדערן, שפּרינגען זיך אין די אויגן, אַמפּערן זיך. זיי זענען אָבער פאָרט א י י ן משפּחה. מיט אים, פּיניען, וואָלטן זיי זיך צומאָל נישט געקריגט. ער געהערט נ י ש ט צו זיי.

פּיניע האָט זיך דערפילט איינזאַם, פאַרלאָזן, עלנט. ער האָט מער

נישט קיין שטוב, קיין היים. די מאַמע אַפילו וועט זיך דערשרעקן פאַר דעם אפיקורס, וועמען מען האָט פון שטיבל געהייסן גיין. און אויך זיי, אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, וועלן מער פון אים נישט וועלן וויסן. אַלע האָבן זיי גערעדט, געלאַכט, געשפּאָסט מיט די מיידלעך און ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ווי אַ ליימענער גולם. זיי לאַכן געוויס פון אים, די מיידלעך.

דער געדאַנק, אַז די מיידלעך לאַכן פון אים, האָט פּיניען באַזונדערס ווײ געטאָן. מיט האַלב אויסגעצויגענע פיס איז ער געזעסן אויף דער באַנק און געפילט ווי זיינע הענט ציען זיך צו די מיידלשע פּנימער און אָרעמס. ער האָט זיי איצט געוואָלט אַרומנעמען, ווי זיי דאָרט, די בחורים אויף קאַרמעליצקע גאַס. ער האָט געוואָלט גלעטן די ווייסע מיידלשע העלדזער און זיינע האַלב פאַרשלאָסענע אויגן האָבן געזען זייערע פולע אַנטבלויזטע בוזעמס.

אַ היץ האָט אַרומגענומען פּיניעס לייב. ער האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן. די צוויי אַלטע יידן זענען מיד געוואָרן פון לייענען די צייטונג און האָבן פויל געקוקט פאַר זיך. די יונגע מאַמעס מיט די קינדער אויף די הענט האָבן איינע צו דער צווייטער גערעדט מיט אַ שמייכל.

פּיניען האָט זיך געדוכט, אַז זיי אַלע לייענען אַראָפּ פון זיין פּנים זיינע געדאַנקען, וויסן אַלץ וועגן זיינע זינדיקע מחשבות און לאַכן פון אים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער באַנק און זיך געלאָזט גיין איבער די גרינע גאָרטן־אַלייען.

דער גאָרטן איז איצט שוין געווען פול מיט יידן. נאָך דער שבתדי־קער סעודה האָבן מענער און פרויען געמיטלעך שפּאַצירט און פּיניע האָט זיי מקנא געווען. אַלע האָבן אַזעלכע צופרידענע צעשמייכלטע פּנימער און נאָר ער איינער אַליין איז אַלעמען פרעמד, איז איינזאַם און עלנט.

ערשט פאַרנאַכט־צו איז פּיניע אַרויף אויף די שמאָלע און האַלב פינצטערע טרעפּ פון נאַוואַליפּיע־הויז. די מוטער האָט אים געעפנט די טיר, זי האָט געהאַט פאַרוויינטע רויטע אויגן. זי האָט גאָרנישט געזאָגט און האָט אַ שווייגנדיקע געגרייט פאַר אים דעם טיש. פּיניע האָט געגעסן די קאַלט געוואָרענע שבתדיקע מאכלים און ווי נאָר עס איז געוואָרן נאַכט האָט ער פון דעם שופלאָד גענומען דאָס ביייטעלע מיטן געלט און האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. די מוטער האָט אים נישט פאַרהאַלטן. זי האָט

געוואַלט, אַז ער זאָל אַוועק פון שטוב איידער זעליקל קומט צוריק פון שטיבל הבדלה מאַכן. זי איז אים אַ שווייגנדיקע נאָכגעגאַנגען צו דער טיר. ערשט ווען פיניע האָט געעפנט די טיר, האָט זי שטיל געפרעגט:

— וועסט נישט קומען שפּעט, פּיניע?...

— כ׳ווייס נישט, מאַמע — איז פּיניע שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ און געפילט טרערן אין די אויגן.

נאָך דעם שבת האָט פּיניע אינגאַנצן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון יידישקייט. אַפילו זיין אייגענע מוטער האָט אין דעם געמוזט מודה זיין. די פרומע פּעסע האָט ווייטער זיך געקריגט מיט איר מאַן און האָט זיך אָנגענומען פאַר איר בן־יחיד. אין דער שטילקייט פון איר האַרץ האָט זי אָבער גוט געוווּסט, אַז זעליקל איז גערעכט און אַז פון דעם יונג וועט שוין קיין לייט נישט זיין.

יעדן טאָג איז פּיניע אַהיימגעקומען מיט אַ שטיק יידישקייט ווייניקער. ער האָט שוין פאַרשניטן די פּיאות, ווי אַ גוי, און פון דעם ביסל האָר אויף דער גאָמבע איז צומאָל קיין זכר נישט געבליבן. ער איז מיט זיין קאַפּאָטע אַוועק צו פּייוולען דעם לאַטוטניק און יענער האָט זי צוגעשניטן, אַזוי, אַז עס איז פון איר אַרויסגעקומען אַ קורץ רעקל, און צום סוף איז ער אַהיימגעקומען מיט אַ קאַפּעליוש אויפן קאָפּ.

פון דער אַרבעט איז ער מער נישט געגאַנגען אַהיים. אנשטאָט צו דער מאַמעס טיש איז ער נאָך דער אַרבעט אין דער דרוקעריי אַוועק אין דער גאָרקיך אויף דזיקע גאַס און דאָרט געגעסן די הייסע קאַרטאָפל־זופּ. ער האָט זיך געאיילט ביים עסן, האָט אַוועקגעלייגט ביים טיש די פּאָר גראָשן און האָט זיך געלאָזט צום רווישנדיקן פּושעיאַזד. ער איז געגאַנגען שנעל איבער דער גאַס, האָט זיך נישט אומגעקוקט אַפילו אויף די גרויסע ליכט, וואָס האָבן באַלויכטן דעם אַריינגאַנג צום יידישן טעאַטער. ערשט ווען ער איז אַרויסגעקומען אויף טלאָמאַצקע גאַס, פאַר דער דייטשער שול, איז ער אַ ווייל שטיין געבליבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עמיצער גייט אים נאָך, און דאַן איז ער מיט האַסטיקע טריט פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ליפּע־ביימער, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג צו דעם זייטיקן אַריינגאַנג, ווו עס האָט זיך געפונען די ווינונג און די ביבליאָטעק פון ראַבינער.

יעדעס מאָל, ווען פּיניע האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון ראַבי־

נערס הויז, האָט ביי אים דאָס האַרץ געקלאַפּט. ער איז שוין געווען אַן איינגייער אין ראַבינערס הויז און ער האָט אַלץ נישט געקאָנט זיך באַ־פרייען פון דעם האַרץ־קלאַפּעניש, פּונקט ווי אין ערשטן אָוונט, ווען שימעלע האָט אים דאָרט אַריינגעפירט.

פּיניע האָט געוווסט, אַז דאָס וואָס ער טוט איצט איז ערגער ווי נישט גיין אין שטיבל, ערגער ווי ווערן אַ בעל־מלאכה, ערגער ווי אַראָפּ־וואַרפן אַפילו די קאַפּאָטע. פון די קינדער־יאָרן אָן האָט פּיניע געהערט, אַז מען טאָר אַפילו נישט קוקן אויף דער דייטשער שול. ער האָט גע־ווּוסט, אַז ווער עס טרעט אַריבער די שוועל, ווערט אויף אים געזאָגט וכל באיה לא ישובין. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן אין דער לעצטער מי־נוט פון דעם פייער פון גיהנום. עס איז אָבער שוין געווען צו שפּעט. אַ שיקסע אין אַ ווייס פאַרטוך האָט שטיל פאַר אים געעפנט די טיר, האָט ביי אים צוגענומען דעם אויסגעריבענעם פּאַלטאָ און דאָס היטל און האָט צו אים געזאָגט אויף פּויליש: — ביטע, דער פּאַן ראַבינער וועט גלייך אַריינקומען...

פּיניע איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט אַפילו נישט געזען וווהין שימעלע פירט אים. ער האָט אַלע מאָל אַ טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט זיין אַנטבלויזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן צוריקכאַפּן דאָס היטל וואָס דער ווינט צי גאָר אַ שייגעץ (אַזוי האָט זיך אים געדוכט) האָט אים אַראָפּגעריסן.

ערשט שימעלע האָט אים דערמאָנט ווו ער געפינט זיך.

— דער ראַבינער וועט באַלד אַריינקומען, באַקן זיך דערווייל מיט די חברים — האָט צו אים שימעלע געזאָגט.

פּיניע האָט ערשט דאַן געזען, אַז ער שטייט אין מיטן אַ גרויסער לענגלעכער שטוב, וואָס אַלע אירע ווענט זענען אַרומגעשטעלט מיט ספרים־שענק. אין מיטן שטוב שטייט אַ גרויסער טונקעלער טיש. פּיניע איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דאַך געזען, אַז די מענטשן וואָס זיצן אַרום טיש האָבן אַוועקגענומען די אויגן פון די ספרים, וואָס זענען פאַר זיי געלעגן און קוקן נייגעריק אויף אים.

נישט מיט יעדן האָט פּיניע זיך באַדאַרפט באַקענען. ער האָט צווישן די בחורים ביים טיש געטראָפן אויך חברים פון שטיבל. זיי זענען גע־זעסן בגילוי ראש, נאָר די פּאות פאַרלעגן אונטערן אויער, האָבן נאָך

אַרויסגעשטאַרט. ער האָט דאָרט געטראָפֿן דעם פּראַגער עילוי, מיט וועלכן ער האָט זיך ערשט נישט לאַנג געשפּאַרט איבער אַ האַרבן רמב״ם. ער האָט אַפֿילו געטראָפֿן צוויי גבירישע איידעמס, וואָס האָבן שבת אין שטיבל געזען, ווי מען הייסט אים, פּיניען, גיין.

די דאָזיקע באַקאַנטע פּנימער האָבן פּיניען געמאַכט פֿילן בעסער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם גבאי פֿון שטיבל און געטראַכט וואָס וואָלט ער איצט געזאָגט, ווען ער זעט דאָ די צוויי חסידישע איידעמס. דער געדאַנק איז אים פֿאָרגעקומען אַזוי קאָמיש־ווילד, אַז ער האָט מיט גרויס שוועריקייט געקאָנט איינהאַלטן דאָס געלעכטער, וואָס האָט זיך געריסן פֿון זיין אינגעווייד.

די בחורים האָבן זיך אויפֿגעהייבן פֿון טיש. זיי האָבן דערקענט פּי־ניען און זיי האָבן אים אַריינגענומען אין דער חבֿרה.

— געדענק, — האָט צו אים געזאָגט דער רייכער איידעם — אַז פֿון חדר זאָגט מען נישט אויס.

— זיי רואיק — האָט דער קליינער שימעלע געלאַכט — עלעהיי ס׳וואָלט שוין צייט געווען אויפֿהערן אָפּעסן דיביינער פֿון דיין שווער.

דער פּראַגער עילוי האָט פּיניען אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— יאָך האָב גאָרנישט געוווסט, פּיניע, אַז דו ביסט אַזאַ פֿויגל... געמיינט אַז דו ווייסט גאָרנישט אַחוץ דעם רמב״ם...

— גוטן אָוונט, פּאַנאָוויע, — דער ראַבינער האָט געהאַט די גע־וווּנהייט שטענדיק פּלוצלינג זיך צו באַווייזן צווישן זיינע תּלמידים — מיר האָבן היינט אַ פֿרישן גאַסט?...

פּיניע האָט צום ערשטן מאָל געזען דעם ראַבינער וויקטאָר פּערסקי פֿון דער דייטשער שול. געהערט האָט ער אָבער פֿון אים פֿיל. אין שטיבל האָט מען אים גערופֿן דער ימח־שמוניק און מסית ומדיח. פּיניע האָט זיך אַנדערש פֿאָרגעשטעלט דעם ימח־שמוניק. ער האָט געקוקט אויף דעם דיקלעכן ייִד פֿון מיטעלן וווּקס, אויף זיין גלאַטן גלאַנציקן קאָפּ און אויף זיין צעשמייכלטן פּנים און נישט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר אַזאַ איינעם דאַרף מען זיך שרעקן.

— נו, מיר וועלן אַ שמועס טאָן — האָט דער ראַבינער אָוועקגענו־

מען פיניען אָן אַ זייט און אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן זיך. — יאָ, ווי איז אייער נאָמען?

דער ראַבינער האָט גערעדט פויליש און דאָס פרעמדע לשון האָט פיניען ווידער געמאַכט נישט דרייסט און ער האָט קורץ געענטפערט:

— פיניע העכט.

— העכט... העכט... — האָט עפּעס אַ טרויער זיך אויסגעגאָסן אויף דעם ראַבינערס פולן פּנים — כ׳האָב געהאַט אַמאָל אַ פריינד, אַ גרויסן ערלעכן פריינד... ער איז געווען צו ערלעך און צו גרויס פאַר דער געמיינקייט פון אַרום.

פיניען האָט זיך געדוכט, אַז דער ראַבינער פּערסקי האָט פאַרגעסן אָן זיין אָנוועזנהייט און אַז ער רעדט צו זיך אַליין — ווו איז ער איצט, אין וויטן קאַלטן סיביר, איזאַק העכט?...

— דער פעטער יצחקל... — האָט זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן פון פיניעס מויל.

— דיין פעטער יצחקל, זאָגסטו? — האָט דער ראַבינער האַסטיק אַ פרעג געטון פיניען.

— כ׳ווייס נישט — האָט פיניע פאַרלוירן געשטאַמלט — אין דער משפחה האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט... נאָר עפּעס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אויער וועגן פעטער יצחקל, וועלכער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער און די זשאַנדאַרמען האָבן אים פאַרשיקט קיין סיביר... דער פעטער יצחקל פון נאָוואָליפּיע גאַס...

— די מאַמע האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן און געוויינט...

— די באָבע האָדעס... — האָט פיניע צוגעוואָרפן.

יאָ, יאָ, די באָבע האָדעס — האָט ראַבינער פּערסקי גערעדט — ווייסט מען עפּעס וועגן אים?

— כ׳האָב נישט געהערט, כ׳ווייס נישט, — האָט פיניען זיך געדאַכט, אַז ער זעט אַ טרער אין ראַבינערס אויג.

אַ לענגערע ווייל האָט ראַבינער פּערסקי געשוויגן און פּלוצלינג האָט ער פיניען אַ פרעג געטאָן:

— נאָך וואָס אייגנטלעך זענט איר אַהער געקומען?

— לערנען. — האָט פיניע געענטפערט.

— לערנען געלט צו מאַכן? — האָט געקלונגען חוזק אין פּערסקיס שטים.

— כ׳ווייס נישט — האָט פּיניע געקוקט אַן אַ זייט — כ׳וואָלט וועלן וויסן ווי אַזוי צו לעבן...

— און פּרנסה?

— כ׳אַרבעט אין אַ דרוקעריי.

— אַזוי, — דעם ראַבינערס קליינע גראָע אויגן האָבן געקוקט שאַרף און דורכדרינגלעך אויף פּיניען — צו אַרבעטן און צו לערנען איז נישט לייכט. כ׳וועל אַ רייד טאָן מיט עטלעכע רייכע יידן...

— מען דאַרף נישט — איז פּיניע געוואָרן רויט — יאָך וויל אַר־בעטן.

— גו, זאָל זיין. — האָט דער ראַבינער פּערסקי צוגעפּירט פּיניען צו דעם אַלגעמיינעם טיש.

פּיניע איז געוואָרן דער מתמיד צווישן דעם ראַבינערס תלמידים. פיל מאָל שפּעט ביינאַכט האָט אים דער ראַבינער פּערסקי געטראָפן איי־נעם אַליין אין זיין ביבליאָטעק איבערגעבויגן איבער אַ ספר.

— גענוג מיט די ביכער — האָט אים פּערסקי געטריבן — זיי נישט קיין זולל וסובא...

און אַמאָל האָט ער אים אַ פרעג געטאָן שטיפעריש:

— וואַרט נישט אויף דיר אַ מיידל?

פּיניע איז רויט געוואָרן און האָט גאָרנישט געענטפערט.

טיילמאָל אָבער האָט פּערסקי אַליין פאַרהאַלטן פּיניען און האָט אים דערציילט וועגן זיין פעטער יצחקל און זיינע אַנדערע חברים, וועלכע האָבן אַמאָל געחלומט צו שאַפן אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון אמת, גע־רעכטיקייט און שיינקייט...

ער האָט אים דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן געקעמפט מיטן צאַרס זשאַנדאַרמען, ווי זיי זענען געפאַלן, און מיט געזאַנג געגאַנגען צו דער תליה.

שפּעט ביינאַכט איז פּיניע אַהיימגעקומען. אַלע אין שטוב זענען שוין געשלאָפן. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין בעטל און איז לאַנג גע־לעגן מיט אָפענע אויגן.

ער האָט געוואָלט זיין ווי זיין פעטער יצחקל. שבת איז ער געגאַנ־

גען אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, האָט זיך איינגעהערט אין די רייד פון די רעדנער און האָט געטראַכט וועגן דעם ווייטן און אַזוי נאָענטן לאַנד ציון, וווּ עס בויט זיך די נייע וועלט, פון אַזעלכער פּילייכט ווי דער פעטער יצחקל האָט געטרוימט.

פּיניע האָט שוין געהערט צו דער „פּאַרטיי". ער האָט געהאַט אין טאַש אַ צעטעלע, וווּ זיין נאָמען איז געווען אויפגעשריבן און אויך אַ שקל האָט ער געהאַט. נאָר אויף פאַרזאַמלונגען האָט ער געשוויגן. טייל־מאָל האָט ער זיך געוואָלט אויפשטעלן און ריידן, אויסשרייען אַלץ, וואָס פּילט אָן זיין האַרץ. יעדעס מאָל אָבער איז אים אַ שרעק באַפאַלן. אין קאָפּ איז געוואָרן אַזאַ פוסטקייט. און ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער וויל.

און דעמאָלט האָט ער געטראַכט, אַז ווען דער פעטער יצחקל וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער אים אַוודאי אַרויסגעהאָלפן. פון אים וואָלט ער זיך דערוווּסט וואָס ער האָט צו טאָן פאַר דער נייער וועלט פון שיינקייט און גערעכטיקייט.

פּיניע האָט געוואָנדערט פון איין גאַס אין דער אַנדערער. דער פע־טער יצחקל האָט געשיקט שליחים צו אים אין שטוב. ער האָט זיך נישט געקאַנט דערמאָנען די פּנימער פון סאָניען און בערטאָן. זיי זענען צע־שוווּמען אים פון די אויגן.

אין דעם אָוונט, ווען בערטאָ און סאָניע האָבן זיך פלוצלינג באַ־וויזן אין דעם קליינעם זעליקלס שטוב, איז פּיניע נישט געגאַנגען צום ראַבינער פּערסקי. ער האָט פריער בייטאָג געגעסן מיטיק ביים ראַבינער אין שטוב.

פּערסקי האָט לכבוד אים געעפנט אַ פלאַש כרמל וויין. אין אַ הויך מליצהדיקן פּויליש האָט ער פּיניען פאָרגעשטעלט פאַר זיין פרוי, דער מאַדאַם צעציליע, און זיינע צוויי שיינע טעכטער לילי און קלאַראַ:

— איך האָב דאָס פאַרגעניגן אייך פאָרצושטעלן — האָט פּערסקי אָנגעפילט די הויכע שמאָלע קרישטאָלענע גלעזער מיטן טונקל־ברוינעם כרמל וויין — מיין גייסטיקן זון, ווי די חכמים אונדזערע זאָגן, אַז ווער עס לערנט מיט עמעצן תורה, ווערט גערעכנט פאַר זיין קינד.

צעציליע האָט מיט איר גאָלדענעם לאָרנעט געקוקט אויף איר גע־לערנטן מאַן מיט אַ שמייכל פון אַ גראַנד־דאַמע, וואָס נעמט פאַר ליב די נאַרישקייטן פון אַ צעשטרייטן געלערנטן.

זי האָט מיט מאַיעסטעטישער ווירדע געטראָגן איר הויך־פאַרקעמטן זילבער־קאָפּ אין באַוווּסטזיין, אַז איר פאַרוועלקטע שיינקייט ציט נאָך צו ביז היינט צו זיך די בליקן פון די מענער.

צעציליע האָט אַלץ געקאָנט פועלן ביי איר מאַן, וועלכער איז נאָך געווען אין איר פאַרליבט, ווי אין חופּה־טאָג, נאָר אָפּגעווינען אים פון חברן זיך מיט די דאָזיקע פאַרפּיאותטע ישיבה־בחורימלעך, האָט זי נישט געקאָנט.

— זאָל ער זיין דיין זון — האָט איר שמייכל געזאָגט צו פּערסקין — נאָר מ י י ן איידעם וועט ער נ י ש ט זיין.

— זי האָט געוואָרפן אַ פאַרשנדיקן בליק אויף דער שוואַרצהאַריקער לילי און דער ליכטיקער העלער קלאַראַ, וואָס איר רויטער קאָפּ האָט געבורענט ווי אַ פייער און האָט זיך באַרואיקט.

לילי און קלאַראַ האָבן אָפילו נישט געקוקט צו דער זייט, וווּ פיניע איז געזעסן.

לילי איז געווען פאַרליבט אין דעם גרויסן פּוילישן דיכטער באַרווין און זי האָט איצט איינגערוימט קלאַראַן איר גרויסן סוד, אַז באַרווין האָט איר היינט צוגעשיקט מיט אַ בוקעט רויזן זיין וווּנדערלעכן סאָנעט, וואָס ער האָט איר געווידמעט.

ראַבינער פּערסקי האָט געזען, אַז זיינע פריערדיקע רייד האָבן נישט געמאַכט קיין איינדרוק אויף זיין הויזגעזינד. ער האָט געוווּסט, אַז נישט צעציליע און נישט זיינע טעכטער אינטערעסירן זיך מיט זיינע תלמידים און אויך נישט מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן איבער די סעמיטישע שפּראַכן. פאַר זיי איז גענוג געווען צו הערן פון פריינד און באַקאַנטע:

— אַ, ראַבינער פּערסקי! ער איז דער שטאָלץ פון אונדזער וויסנ־שאַפט, דער גרעסטער סעמיטאָלאָג פון אונדזער דור!...

צעציליע און אירע צוויי שיינע טעכטער האָבן שטאָלצירט מיט אים, האָבן זיך אויסגעלערנט פון אויסנווייניק די נעמען פון זיינע צענדליקער ביכער. אין האַרץ אָבער, האָט פּערסקי געוווּסט, האַלטן זיי דאָס אַלץ וואָס ער טוט פאַר מוראַדיק לאַנגווייליק און זינלאָז.

אין די ערשטע טעג פון זייער ליבע האָט פּערסקי געפּרוּווט צעצי־ליען אַריינציען אין זיין אַרבעט, ער האָט איר דערציילט וועגן זיינע פאָר־שונגען, וועגן זיינע ספקות, וועגן זיינע דערפאָלגן און דורכפאַלן. ער

האָט דעמאָלט גערעדט מיט גרויס היץ, און מיטאַמאָל האָט ער דערזען, ווי זי, צעציליע, טוט אַ גרויסן לאַנגן גענעץ.

ער איז געוואָרן פאַרשטומט און צעציליע האָט אים אַרומגענומען און האַלב ברוגז, האַלב לאַשטשענדיק, אים געזאָגט:

— האָסט מיך נאָך היינט נישט געקושט, מיין טייערער...

ער האָט זי אַרומגענומען און זי הייס און ליידנשאַפטלעך געקושט. אָבער וועגן זיין אַרבעט האָט ער מער מיט צעציליען נישט גערעדט.

און אויך די טעכטער זיינע האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צו זיין אַרבעט.

צעציליע האָט עס אים קלאָר און דייטלעך געזאָגט:

— דו זיצסט שוין גענוג איבער די ספרים, ליין און קלאַראַן וועסטו דאָך נישט מאַכן פאַר באַברילטע פּראָפעסאָרן, מיין טייערער...

און זי האָט נאָך אַ גלעט געטאָן פּערסקין איבער דער באַק און געשמייכלט:

— און מיך וואָלסטו געוואָלט זען מיט אַ פּאָר ברילן איינגעצויגן איבער אַן אַלטן כתב־יד?...

— גאָט באַהיט! — האָט פּערסקי געקושט איר האַנט — מיין טייערע...

פּערסקי האָט געמיינט וואָס ער זאָגט. ער וואָלט נישט געוואָלט האָבן צעציליען אַן אַנדערע ווי זי איז.

עטלעכע צוואַנציק יאָר זענען שוין אַריבער זינט דעם טאָג, ווען זי, צעציליע, איז זיין פרוי. ער, פּערסקי, קען זי דורך און דורך. ער ווייסט אַפילו, אַז איר טרוימערישקייט און פאַרליבטקייט אין סלאָוואַצקיס לידער זענען מער אָנשטעל, זענען מער פּאָזע, ווי אמתדיקער געפיל. ער, פּערסקי, פאַרשטייט טיפער סלאָוואַצקין און לעבט מער מיט זיין וויזיע ווי צעציליע. פונדעסטוועגן איז ער פול מיט באַוווּנדערונג פאַר איר, פאַר דער שיינער טאָכטער פון די רייכע האַנדעלסמאַנס, פונקט ווי אין דעם ערשטן טאָג, ווען זיין פריינד אַדאָלף בער האָט אים צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אין דעם סאַלאָן פון צעציליעס עלטערן.

ער האָט נאָך דעמאָלט געהייסן וועלוועלע און איז נאָרוואָס אַוועק פון חסידים־שטיבל. ער האָט דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט וואָס ער וויל. ער האָט געחלומט צו זיין אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער און צו באַפרייען

די װעלט, און ער האָט גלײכצײטיק אין געהײם געשריבן לירישע לידער װעגן דער הימלשער ליבע, און אין דערזעלבער צײט האָט אים געצױגן צו די אַלטע גרױסע שענק מיט די ספרים.

ער װײסט, פּערסקי, אַז צעציליעס ליבע צו אים איז אין דער ערשטער צײט געװען נישט מער װי אַ קאַפּריז פֿון אַ רײכער צעבאַלעװעטער טאָכטער, װאָס האָט געװאָלט װײַזן אירע עלטערן און אירע חברטעס און דער גאַנצער װעלט, אַז זי איז אַ נ ד ע ר ש װי אַלע אַנדערע מײדלעך.

דעמאָלט, װען זי, צעציליע, האָט אין דעם ערשטן אָװנט אים אָנגענומען בײם אָרעם און אַרײנגעפּירט אין אַ צװײטער שטוב און דאָרט אים געקושט, איז ער, פּערסקי, געװען צופֿיל באַרױשט עפּעס צו פֿאַרשטײן.

ער האָט דעמאָלט אַפֿילו נישט פֿאַרשטאַנען װי אַזױ צו קושן אַ מײדל. איר קוש, דער ערשטער מײדלשער קוש, האָט אים נישט פֿאַרשאַפֿט קײן פֿאַרגעניגן. די שרעק איז געװען שטאַרקער פֿאַר דעם גענוס. צעציליע האָט געלאַכט.

— מײַן נאַרישער טײַערער ישיבה־בחור — האָט זי אים אַרומגענומען און געפֿירט זײַן האַנט איבער איר פּנים, איבערן נאַקעטן הויכן האַלדז און איבער איר האַלב אַנטבלױזטן בוזעם. אַזױ האָט זי אין אים אָנגעצונדן דאָס פֿײַער פֿון לוסט. ער איז צוגעפֿאַלן צו איר מויל, האָט מיט זײַנע אָרעמס װי מיט צװאַנגען אַרומגענומען איר שלאַנקן לײַב. זי האָט זיך געשיקט פֿון אים אַרױסגעגליטשט און אַ לאַכנדיקע געזאָגט:

— דו לערנסט שנעל, מײַן נאַרישער טײַערער ישיבה־בחור.

זי איז מיט אים צוריק אַרײַן אין גרױסן זאַל און פּערסקי האָט מיטאַמאָל דערזען אַן אַנדערע פֿרעמדע צעציליע. זי האָט אים כמעט נישט געזען און ער אַלײן האָט זיך נישט צוגעגלױבט, אַז זי, דאָס דאָזיקע פֿרעמדע מײדל מיט די פֿעך שװאַרצע האָר און גרױסע טרױמערישע אױגן, איז נאָרװאָס געלעגן אין זײַנע אָרעמס.

פֿון דעם אָװנט אָן איז פּערסקי געװאָרן צעציליעס אײגנטום. זי האָט געקאָנט טאָן מיט אים װאָס זי האָט געװאָלט. און בײַ זיך האָט פּערסקי געװוּסט, אַז אַלץ װאָס ער איז: דער גרױסער געלערנטער, דער גאָטגעבענטשטער פּרײדיקער, האָט זי, צעציליע, פֿון אים געמאַכט.

פּערסקי האָט נישט געװוּסט װ ו ה י ן ער באַלאַנגט און װאָס ער

וויל. דערפֿאַר האָט צעציליע געוווסט וואָס מיט אים צו טאָן. זי איז געווען פֿאַרליבט אין סלאָוואַצקעס טרוימערישע וויזיעס, אָבער פֿון איר פֿאָטער, דעם באַנקיר סאַלאָמאָן האַנדעלסמאַן, האָט זי געירשנט דעם געזונטן ניכטערן סוחרישן אינסטינקט. זי האָט אַ וואָרט נישט געוווסט וועגן די אַלטע סעמיטישע שפּראַכן. פֿונדעסטוועגן האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז איר ישיבה־בחור, ווי זי האָט אים אין געדאַנק נישט אויפֿגעהערט צו רופֿן, האַלב מיט צערטלעכקייט און האַלב מיט חוזק, וועט נישט זיין קיין גרויסער פּאָעט און נישט קיין רעוואָלוציאָנערער קעמפּער, נאָר דערפֿאַר פּאַסט ער זיך צו צו דער קאַטעדרע פֿון אוניווערזיטעט און צו דער בימה פֿון דער טלאָמאַצקער שול.

און נאָך עפּעס האָט צעציליע מיט איר סוחרישן אינסטינקט פֿאַרשטאַנען. זי האָט געוווסט, אַז וויסנשאַפֿט און געלערזאַמקייט מוז מען אויך קענען פֿאַרקויפֿן. ער, דער ישיבה־בחור, פֿאַרשטייט זיך נישט אויף דעם. דערפֿאַר קען זי, דעם באַנקירס טאָכטער, גוט די מלאכה. האָט זי פֿאַרשטאַנען איר מאַנס רום צו פֿאַרקויפֿן מיט גרויס ווירדע און אַריסטאָקראַטישן שטאָלץ.

פּערסקי האָט טיילמאָל זיך געפּרוווט בונטעווען און זיך באַפֿרייען פֿון צעציליעס אומבאַמערקבאַרער הערשאַפֿט. אָבער יעדעס מאָל האָט ער שנעל קאַפּיטולירט. די הערשאַפֿט איז געווען צו גוט, אַז ער זאָל באמת ווען פֿון איר פֿריי ווערן. זי איז געווען אַ געליבטע און אַ מוטער און אַ באַשיצערין און דערציערין אין איין צייט צוגלייך. פּערסקי האָט געוווסט, אַז צעציליע זעט נישט גערן אין הויז זיינע ישיבה־בחורים. זי האָט נישט קעגן דעם, אַז ער זאָל זיי לערנען „צו זיין מענטשן". פֿאַרקערט, דאָס גיט צו נאָך מער רום צו דעם נאָמען פֿון גרויסן געלערנטן. האָבן זיי אָבער צו נאָנט און חברן זיך מיט אירע טעכטער — האָט זי נישט געוואָלט.

און פּערסקין האָט זיך געדוכט, אַז דער דאָזיקער אומווילן טרעפֿט אויך אים, אַז צעציליע, וואָס ער האָט שוין יעדעס גליד פֿון איר לייב אַזוי פֿיל יאָרן געצערטלט, איז טראָגט אַלעם צו אים פֿרעמד און ווייט.

ער שמייכלט ביים טיש צו זיינע צוויי טעכטער און זאָגט:

— אונדזער יונגער פֿריינד וועט זיין אייער קאָלעגע, ער איז היינט אָנגענומען געוואָרן אויפֿן יורידישן פֿאַקולטעט...

— זייער אנגענעם — זאָגט לילי — און זי ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי עס כאַפּט זיך אַרויס פון איר מויל — באָרווין האָט מיר געזאָגט, אַז עס וועט זיין וואָרעם די טעג אויפן אוניווערזיטעט...

— ער האָט אָנגעשריבן אַ ווונדערבאַר ליד — רופט זיך פּיניע צום ערשטן מאָל אָפּ און ער ציטירט מיט אַ טיפער שטים עטלעכע סטראָפעס וואָס הייסט דעם זעלנער צעקלאַפּן די ביקס אָן שטיינער פון דער גאַס.

— דאָס ליד איז שוין געוואָרן דאָס געזאַנג פון אַלע, דער הימן פון די אַרבעטער — טוט לילי אַ דאַנקבאַרן שמייכל צו פּיניען, וואָס געדענקט די לידער פון איר געליבטן — נישט וואָר? ער איז דער גרעסטער פּוילישער דיכטער!

— פּילייכט וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן דער גרעסטער יידישער דיכטער — וואַרפט צו פּיניע.

ער ציטירט נאָך עטלעכע סטראָפן פון באָרווינס ליד און זאָגט:

— ער שרייבט פּויליש, באָרווין, אָבער דער גייסט פון זיין דיכטונג איז יידיש. מיט דעם בין איך מסכים מיט זיינע קעגנער...

— באָרווין האַלט זיך פאַר אַ פּוילישן דיכטער — אַזוי האָט ער מיר געזאָגט — לילי פילט דעם פאַרשנדיקן בליק פון איר מוטער — איך אָבער מיין, אַז ער איז דער דיכטער פון מענטשלעכן גייסט, ער איז אַ בירגער פון דער וועלט...

— דאָס הייסט אַ יידישער דיכטער — קומט פּערסקי צו הילף פּיניען — און מיר דוכט זיך, אַז באָרווין וועט פאַר דעם ליד זיינעם באַצאָלן דעם פּרייז...

— אָ, יאָ, — קוקט קלאַראַ מיט אַ האַלב שפּאָטישן בליק אויף פּיניען — די ענדעקעס וועלן קומען מאָרגן אויפן אוניווערזיטעט מיט שטעקענעס און זיי האָבן זיך באַרימט, אַז די יידן וועלן נישט וואַגן זיך צו ווייזן...

פּיניען דאַכט זיך, אַז דאָס מיידל מיט ברענענדיקן רויטן קאָפּ האָר מיינט אים, פּיניען, און ער זאָגט גאַנץ רואיק:

— די יידישע סטודענטן האָבן היינט באַשלאָסן צו גיין מאָרגן אין אוניווערזיטעט אָן שטעקנס, און זיי וועלן פּרווון מיט די הענט זיך ווי עס איז אַן עצה צו געבן.

— אין מיינע סטודענטישע יאָרן — רעדט דער ראַבינער פּערסקי

מיט אַ טרויעריקן שמייכל — האָט מען נישט באַדאַרפט גיין אויפן אוני־ווערזיטעט מיט קיין שטעקן...

— פאַטער, — רופט זיך צום ערשטן מאָל אָפּ צעציליע — זאָג זיי אָן, דיינע טעכטער, מאָרגן צו בלייבן אין שטוב. זאָלן די בחורים אַליין זיך שלאָגן...

— איך גלויב נישט, מאַדאַם, אַז זיי וועלן זיך וואַרפן אויף פרויען — פילט פיניע ווי אַלעמענס בליקן הענגען אויף אים — און אויב יאָ...

ער פאַרענדיקט נישט. פּערסקי רייסט אים איבער מיט אַ צופרידן געלעכטערל:

— נו, נו, איך האָב גאַרנישט געוווסט, אַז מיינע בחורים קענען אויך די מלאכה פון געבן קלעפּ — לאָמיר אָבער איצט וועגן דעם נישט ריידן. עס פרייט מיך זייער, הער העכט, וואָס איר האָט אַזוי נושא חן געווען ביי מיין פריינד דעם פּראָפעסאָר זשילינסקי און איך האָף, אַז איר וועט האָבן דערפאָלג...

ווען פיניע האָט זיך געזעגנט, האָבן דעם ראַבינערס טעכטער אים דערלאַנגט די הענט ווי אַ קאָלעגע און קלאַראַ האָט געזאָגט צו איר שוועסטער:

— אַ סימפּאַטישער בחור, נישט וואָר?

דער ראַבינער פּערסקי האָט אים באַגלייט צו דער טיר און האַלטנדיק לאַנג זיין האַנט צו אים געזאָגט:

— עס פרייט מיך זייער צו האָבן געהאָלפן דעם קרוב פון מיין פריינד איזאַק העכט...

אַרויסקומענדיק אויפן גאַס האָט פיניע נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיין פעטער יצחקל. ער האָט געוווסט, אַז מאָרגן וועלן דעם ראַבינערס טעכטער האָבן אים אויפן אויג און ער האָט געטראַכט, אַז ווען דער פעטער יצחקל וואָלט געלעבט, וואָלט ער אים געזאָגט, ווי אַזוי מען ווערט אַ קעמפער...

בערטאַ און סאָניעס באַווייזן זיך אין זיין פאַטערס שטוב איז פיניען פאַרגעקומען ווי אַ דערפילונג פון זיינע חלומות. אָבער ווען דער רויטער טראַמוויי האָט זיי פון אים צוגענומען, האָט ער נישט געקאָנט זיך דערמאָנען זייערע פנימער. האָט ער געוואַנדערט איבער די גאַסן ביז ער האָט פלוצלינג זיך דערזען שטיין פאַרן הויז פון ראַבינער פּערסקי.

דאָס הויז איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון דער גרויסער שול און איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש. נאָר פון איין פענצטער האָט אַרויס־געשיינט אַ ליכט.

פּיניע האָט געוווסט, אַז דער ראַבינער זיצט איצט אין זיין אַרבעט־קאַבינעט איבער זיין גרויס ווערק וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער העב־רעאישער שפּראַך. עס איז געווען שוין שפּעט. וועט ער איצט מיט זיין אַריינקומען נישט שטערן דעם גרויסן געלערנטן אין זיין אַרבעט?

ער האָט אָבער נישט געקאָנט אַוועקגיין. ער האָט געמוזט מיט עמיצן ריידן וועגן פעטער יצחקל. ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען. מיט זיין פאָטער האָט ער בכלל נישט גערעדט און זיין מוטער פעסע האָט מורא געהאַט דעם נאָמען פון דעם פעטער צו ברענגען איבערן מויל. נאָר מיטן ראַבינער פערסקי וואָלט ער געקאָנט ריידן וועגן דעם פעטער יצחקל. ער, פערסקי, זעט אויס, קאָן אויך נישט פאַרגעסן דעם אַלטן פריינט זיינעם.

פּיניע איז געשטאַנען און געקוקט אַרויף צו דעם באַלויכטענעם פענצ־טער. ער האָט דורך די לייכטע פאָרהאַנגען געזען ווי אַ שאָטן וואַנדערט אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער.

ער האָט געוווסט, אַז ווען ער וועט אַ רוף טאָן, וועט פערסקי עפענען דאָס פענצטער, אָבער ער האָט נישט געוואַגט צו רופן.

— ווער איז? — האָט ער מיטאַמאָל דערהערט הינטער זיך אַ דער־שראָקן פרויען קול.

פּיניע האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט.

לילי איז געשטאַנען צוגעדריקט, ווי זוכנדיק, צו אַ הויכן יונגן מענטש מיט אַ לענגלעך טונקעלן פּנים.

— באַרווין — האָט אים פּיניע דערקענט פון די בילדער אין די צייטונגען.

— דיר? — האָט לילי נאָך נישט געקאָנט באַהערשן איר שרעק, טרעפנדיק אַן אומבאַקאַנטן ביי דער טיר.

— איך... איך... — פּיניע האָט געשטאַמלט — כ׳האָב געוואָלט ריידן מיט ראַבינער...

לילי האָט אַ קוק געטאָן צום באַלויכטענעם פענצטער און נישט גע־קאָנט באַהאַלטן איר אומצופרידנקייט, זאָגנדיק קאַלט:

— דער פאָטער שלאָפט נאָך נישט, קומט אַריין...

זי האָט געעפנט מיט אַ שליסל די טיר און צוגעוואָרפן באַרווינען:
— איך וועל זיין מאָרגן פרי...
— איך וועל זיין רואיקער, אַז איר וועט נישט זיין, לילי...
— פיניע האָט געוווסט אַז ער שטערט, אַז ער איז אין באַרווינס אויגן איצט ווי עפּעס אַ בייז אַנשיקעניש.
באַרווין האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר לילין, זי האָט פאַרמאַכט די טיר און אַנגעוויזן פיניען אויף דער האַלב אָפענער טיר:
— דאָרט...
— וואָס איז געשען? — האָט פערסקי זיך דערשראָקן, דערזעענדיק פיניען ביי זיך אין צימער.
— דער פעטער יצחקל, כ׳מיין איזאַק העכט — האָט פיניע גענומען דערציילן וואָס עס האָט היינט אין אָוונט פּאַסירט ביי זיין פאָטער אין שטוב.
— איזאַקס טאָכטער, איזאַקס — האָט פערסקי זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב — און ווער איז די צווייטע פרוי?
— כ׳ווייס נישט — האָט פיניע געצויגן מיט די אַקסלען — ביידע זענען געקומען פון סיביר.
— און ווו קאָן מען זיי געפינען? — האָט פערסקי געפרעגט.
פיניע האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס בערטאַ האָט אים דערלאַנגט מיטן אַדרעס.
דער ראַבינער פערסקי האָט אַנגעטון די בריל און לאַנגזאַם געליינט:
— בערטאַ... בערטאַ עפּש... וואָס?... עפּשטיין?... אַזוי האָט זי געזאָגט? בערטאַ עפּשטיין?
— יאָ — האָט פיניע געענטפערט — און דאָס מיידל הייסט סאָניע...
— כ׳דאַנק אייך זייער, פאַניע העכט, וואָס איר זענט געקומען צו מיר. איזאַק איז געווען מיין אַלטער פריינד און אויך זי, בערטאַ עפּשטיין, אויב זי איז דיזעלבע...
פערסקי האָט מער נישט געזאָגט. ער האָט זיך פאַרשריבן דעם אַדרעס און דאָס קוויטל צוריקגעגעבן פיניען.
— דאַרפסט צו זיי צוגיין — האָט פערסקי געדריקט פיניעס האַנט ביים געזעגענען זיך — דאָס מיידל מוז זיין זייער איינזאַם דאָ...

— איך וועל מאָרגן ביי זיי זיין — איז איצט פיניע שוין אַ באַ־רואיקטער געגאַנגען אַהיים.

דער ראַבינער פּערסקי האָט זיך נאָך לאַנג געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבער זיין שטוב. ער האָט געוואָלט טראַכטן וועגן זיין אַמאָליקן פריינד איזאַק העכט און זיין טאָכטער סאָניע, אָבער אומבאַמערקט איז זיין גע־דאַנק אַריבער צו אַ צווייטן נאָמען, צום נאָמען פון בערטאַ עפּשטיין.

קאַפּיטל ניין

אַ שאָטן מאָנט זיין רעכט

— נאָך אַ טעפּל קאַווע? — האָט לאָניאַ נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער גענומען אין האַנט דאָס פּאַרצעלייען קריגל פון טיש.

— מיט פאַרגעניגן — האָט דניאל עפּשטיין צוגערוקט זיין טעפּל צו זיין ווייבס זייט.

אַ זוניקער זונטיק פאַרמיטיק האָט אַריינגעקוקט אין שטוב.

— די קינדער וועלן היינט האָבן אַ פיינעם שפּאַציר אין פּאַרק — האָט עפּשטיין גענומען דאָס טעפּל קאַווע אין האַנט.

— און דו, דאַניעל, דאַרפסט עס נישט ווייניקער פאַר זיי — האָט לאָניאַ נישט אָן זאָרג געקוקט אויף דעם פאַרמאַטערטן פּנים פון איר מאַן.

— אָ, יאָ, — האָט עפּשטיין גענומען אַ סיגאַרעט פון טיש — אַ גאַנצע וואָך קאָן איך זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף דעם זונטיק. די איינציקע פּאָר שעה ווען מ׳קאָן זיצן רואיק... עס ווילט זיך מיר אַזוי פיל מאָל זאָגן: גענוג...

— ווען עס אַמאָל זאָגן, דאַניעלו? — האָט לאָניאַ נישט ווילנדיק אַ פרעג געטאָן.

זי האָט חרטה געהאַט אויף דער פראַגע. זי האָט געוווּסט, אַז נישט בלויז געלט־לוסט, נאָר אַן אַנדערער טיפערער אומרו טרייבט אים צו פאַרגעסן זיך אין גרויסע פאַרוויקלטע עסקים.

זיי האָבן קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט. און עס זענען געווען צייטן ווען זיי האָבן ביידע אָן דעם אומרו פאַרגעסן. דניאל עפּשטיין איז געווען פאַרליבט אין איר ווי אַ יונגער חתן־בחור. דאָס האָט לאָניאַ גע־פילט. זי האָט אָבער גלייכצייטיק אויך געפילט, אַז די אַלטע וווּנד איז

נאָך נישט פאַרהיילט. טיילמאָל אָרומנעמענדיק זי, האָט לאַניאַ געפילט, אַז דניאלס לייב שוידערט אויף. דעמאָלט האָט לאַניאַ געוווסט, אַז ער זעט איצט ווידער זי, בערטאַן, מיטן בלייכן שטרענגן פּנים גייענדיק רואיק צווישן די אַרעסטאַנטן צום וואַגאָן צו.

פון די ווייטערדיקע שטיבער האָט זיך דערטראָגן הויכער קינדערי־שער געלעכטער.

— דאָס קליינוואַרג דערמאָנט אונדז, אַז מען דאַרף גיין — האָט עפּשטיין גענומען אַ בינטל בריוו וואָס ער האָט מיטגענומען פון זיין קאַבינעט — איך וועל בלויז וואַרפן אַ בליק און מיר וועלן גיין.

עפּשטיין האָט שנעל דורכגעקוקט די בריוו און זיי אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט. מיטאַמאָל האָט ער אויסגעטאָן די ברילן און זיי צוריק אָנגעטאָן.

לאַניאַ האָט באַמערקט ווי זיין האַנט ציטערט און אַ בלייכקייט באַ־דעקט זיין פּנים.

— וואָס איז, דאַניעלו?! — לאַניאַ האָט דערזען שרעק אין איר מאַנס אויגן.

עפּשטיין האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט שווייגנדיק איר דער־לאַנגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר.

נעמענדיק דאָס בייגעלע פּאַפּיר האָט לאַניאַ געוווסט פאַרויס זיין אינהאַלט:

— בערטאַ, יאָ, זי, בערטאַ — האָט לאַניאַ געפילט ווי עס שווינדלט איר פאַר די אויגן און זי זעט נישט די בוכשטאַבן, אויף וועלכע זי קוקט.

אין דעם מאָמענט, האָט לאַניאַ געוווסט, אַז אין די אַלע יאָרן פון איר צוזאַמענלעבן מיט דניאל עפּשטיינען האָט זי געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען בערטאַ וועט זיך צוריק באַווייזן און מאָנען אירע רעכט. איצט איז זי געקומען. לאַניאַ האָט צוזאַמענגענומען אַלע אירע כוחות. איצט זעט זי שוין די בוכשטאַבן און פאַרשטייט שוין זייער מיין. יאָ, בערטאַ איז צוריקגעקומען פון סיביר. זי איז אין וואַרשע, עטלעכע גאַסן אינ־גאַנצן פון זייער שטוב. זי איז געקומען נאָך סאַמעקן און רעגינקען, נאָך אירע קינדער.

— וואָס וועט איצט זיין? — לאַניאַס אויגן האָבן זיך צוזאַמענגע־טראָפן מיט עפּשטיינען און ביידנס בליקן זענען פון זיך אין שרעק אַנט־לאָפן. זיי האָבן ביידע מורא געהאַט אַרויסצולייענען פון זייערע אויגן

דעם ענטפער. זיי האָבן אָבער ביידע אין זייער אונטערבאַוווסטזיין געוווּסט דעם ענטפער. די מאַמע איז געקומען, און זי, די מאַמע, וועט זיין שטאַרקער פאַר לאַניאַס ליבע.

דאָס בריוול איז אַרויסגעפאַלן פון לאַניאַס האַנט. דאָס בייגעלע פאַפיר איז געבליבן ליגן אויפן טיש. לאַניאַס אויגן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפרייסן פון דעם צעקנייטשטן שטיקל פאַפיר. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז פון דעם פאַפיר אַרויס שפּעטן צו איר בערטאַס גרינע אויגן, רייצן זיך מיט איר און זאָגן:

— האָסט ביי מיר צוגענומען מיין מאַן, אָבער די מאַמע פון זיינע קינדער בין איך און נישט דו. באַלד וועסטו זען, ווי סאַמעק און רעגינקע וועלן אַרויספאַלן אויף מיין האַלדז...

לאַניאַן האָט זיך געדוכט, אַז נישט בלויז זי אַליין הערט די דאָזיקע ווערטער, נאָר אַז זיי, די ווערטער, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן איז ריי־טער, וואָס שמייסן זי איבערן פּנים. זי האָט געפילט כמעט אַ פיזישן ווייטיק. און דער דאָזיקער ווייטיק האָט אין איר צוריק וואַך געמאַכט דעם ווילן זיך נישט אונטערצוגעבן, נאָר זיך פאַרטיידיקן און ווערן.

לאַניאַס אויגן האָבן באַקומען אַ האַרטן אכזריותדיקן אויסדרוק. זי האָט געקוקט אויף דעם בייגעלע פאַפיר און זי האָט בערטאַן אַן ווערטער צוריקגעוואָרפן אין פּנים אַריין:

— אַ מאַמע? ניין, דו ביסט מער נישט די מאַמע. אַ מאַמע, וואָס אַנטלויפט פון אירע קינדער, טאָר מער נישט צוריקקומען. טאָר נישט... מען דאַרף זי מער נישט... זי איז בלויז אַ שרעק פאַר אירע קינדער...

אין לאַניאַס אויגן צינדן זיך אָן בייזע פייערלעך. זיי האָבן זי שוין פאַרגעסן, די קינדער. אין די ערשטע טעג האָט ער געוויינט, סאַמעק, און די קליינע רעגינקע האָט באַקומען היץ. ווער האָט ביי זייער בעט נעכט גאַנצע געוואַכט?

לאַניאַ דערמאַנט זיך אָן די לאַנגע נעכט, ווען זי און דניאל עפּ־שטיין זיינען געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דער שוועראַטעמדיקער רע־גינקע. דעמאָלט האָט זי, לאַניאַ, זיך געפילט, אַ י ר מאַמע. וווּ ביסטו, בערטאַ, דעמאָלט געווען? מיטן פאַלקאַוניק קאַמאַראָוו האָסטו געקעמפט? פאַר אַ קרבן פאַר ר׳ משהלע ראַפּשיצער האָסטו זיך געברענגט? אַ מאַמע טאָר נישט, טאָר נישט ברענגען קיין קרבנות פאַר פרעמדע. אַ מאַמע איז

דער קרבן פון אירע קינדער. דו, בערטאַ, ביסט אַוועק, בין איך געוואָרן זייער מאַמע. איך, לאַניאַ...

אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף לאַניאַס פולע ליפּן. זי הערט פון די ווייטערדיקע צימערן דאָס קינדישע געלעכטער. זיי זענען איצט אַלע צו־זאַמען, די קינדער. מיינע קינדער, מיינע. איך וועל זיי קיינעם נישט אָפּגעבן, קיינעם! אויך נישט דיר, בערטאַ!

די קינדער פאַלן אַלע מיטאַמאָל אַריין מיט צעלאַכטע שיינענדיקע פּנימער אין עס־צימער.

לאָלעק און העניעק, לאַניאַס צוויי יינגלעך פון איר ערשטן מאַן, משהלע לאַנדוי, כאַפּן זיך די ערשטע אַרויף אויף עפּשטיינס קני און סאַ־מעק און רעגינקע נעמען אַרום לאַניאַן.

לאַניאַ גלעט זייערע קעפּלעך און עס דוכט זיך איר, אַז זי רעדט איצט צו בערטאַן און זאָגט צו איר:

— האָסט דאָ גאָרנישט וואָס צו טאָן, בערטאַ, איך בין די מאַמע, איך...

— ווען וועט מען גיין? ווען? — ריידן אַלע פיר קינדער מיטאַמאָל.

— שטילער, קינדער, — לאַכט לאַניאַ. זי הערט דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון איר האַרץ — מיר האָבן באַשלאָסן אַן ענדערונג אין פּראָגראַם. ריכטיק, פּאַ? — קוקט זי דאָס מאָל גלייך אין עפּשטיינס אויגן.

— יאָ, קינדער, — פּילט עפּשטיין אַ טרוקנקייט אין האַלדז — מיר וועלן זיך איינטיילן אין צוויי גרופּעס...

— אָ, ווי אַזוי? — הויבן אָן שרייען אַלע פיר קינדער מיטאַמאָל.

— טאָ לאָזט ריידן — נעמט אָן לאַניאַ סאַמעקן ביי דער גאָמבע — איך מיט לאָלעקן און העניעקן וועלן גיין אין פּאַרק, און דער טאַטוש מיט רעגינקע און סאַמעקן וועלן גיין מיט אַ וויזיט.

— מיט דער צווייטער האַנט נעמט זי אַרום רעגינקעס קעפּל און איר שטים ציטערט לייכט ווען זי זאָגט:

— ווייסט, רעגינקע, בערטאַ איז געקומען און זי וויל דיך מיט סאַמעקן זען...

זי וואַרט, לאַניאַ, און קוקט אויף די צוויי קינדישע פּנימלעך ווי זי וואָלט פון זיי דערוואַרט איר אורטייל.

— בערטאַ איז געקומען? — פרעגט סאַמעק גלייכגילטיק איבער.

לאַניאַ האָט פיל מאָל דערציילט די קינדער וועגן בערטאַן. זיי האָבן אַפילו געדענקט, אַז זיי האָבן זי אַמאָל גערופן מאַמע. אָבער דאָס איז שוין גע־ווען אַזוי לאַנג. זיי האָבן איצט אַן אַנדער מאַמען, לאַניאַן. ניין, ער, סאַ־מעק, וואָלט צוליב בערטאַן זיך נישט וועלן אָפּזאָגן פון דעם שפּאַציר אין פּאַרק.

— אפשר וועלן מיר גיין צו בערטאַן שפּעטער? — פרעגט סאַמעק.

— ניין, טייערינקער — קושט אים לאַניאַ — בערטאַ וואַרט און זי איז געקומען פון זייער ווייט.

לאַניאַ העלפט אָנטאָן די קינדער. פון יעדער באַוועגונג אירער שטראַלט אַרויס פרייד. זי ווייסט איצט, אַז זי האָט מער פאַר בערטאַן נישט וואָס מורא צו האָבן. זי, לאַניאַ, איז איצט די מאַמע פון דניאלס קינדער, זי...

דניאל עפּשטיין ווישט מיט אַ טיכל די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן. ער קוקט אויף לאַניאַן און אין זיין בליק איז דאָ באַוווּנדערונג צוזאַמען מיט שנאה. ער פילט איצט, אַז מ׳קאָן עמיצן ליב האָבן און גלייכצייטיק האַסן. ער זעט ווי לאַניאַס פּנים שיינט פאַר פרייד און ער טראַכט:

— ווי מוראדיק גרויזאַם קאָן זיין אַ פרוי, ווען זי ליבט...

דניאל עפּשטיין גייט לאַנגזאַם מיט זיינע צוויי קינדער איבער דער גאַס. ער האַלט סאַמעקן ביי איין האַנט און רעגינקען ביי דער אַנדערער. ער פילט די וואַרעמקייט פון זייערע קליינע קינדישע הענטלעך. עס דוכט זיך אים אָבער, אַז זיי, די קינדער, זענען אים פרעמד.

— וואָס טראַכטן זיי איצט? — פרעגט ער זיך און עס פאַלט אים מיטאַמאָל איין, אַז זיי טראַכטן גאָרנישט.

זיי האָבן פּשוט פאַרגעסן אָן בערטאַן. פאַרגעסן די מאַמע. און זי, לאַניאַ, איז שולדיק אין דעם. זי האָט זיי געמאַכט פאַרגעסן. זי האָט אין זייערע הערצער פאַרנומען בערטאַס אָרט.

עפּשטיין דערפילט אין זיך אַ בייזקייט אויף לאַניאַן, און די בייזקייט ווערט נאָך שטאַרקער ווייל ער ווייסט, אַז ער איז אומגערעכט. ער האָט דאָך אַזוי געוואָלט. ער האָט דאָך אין האַרצן געוואָלט, אַז זי, לאַניאַ, זאָל זיין די מאַמע צו זיינע קינדער. ער האָט מיט איר קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט, אָבער ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער.

— און איצט, אַפילו איצט — האָט עפּשטיין געטראַכט, נישט פילנ־

דיק ווי ער דריקט שטאַרק די קינדישע הענטלעך — וויל איך דאָך טיף אין האַרצן דאָס זעלבע. איך וויל מנוחה. יאָ, מנוחה, דאָס איז וואָס איך וויל. און מנוחה וועט זיין, ווען זי, בערטאַ, וועט בלייבן אַ פרעמדע. אַ פרעמדע צו מיר און אַ פרעמדע צו די קינדער...

עפּשטיין גייט וואָס אַמאָל לאַנגזאַמער איבער דער גאַס. ער וויל אָפּשלעפּן די מינוט ווען ער וועט זיך צונויפטרעפן מיטן בליק פון בער־טאַס גרינע אויגן. ער האָט מורא פאַר דעם בליק. ער האָט מורא, אַז דער בליק וועט פון זיין פּנים אַרויסלייענען די פאַרבאָרגנסטע טראַכ־טענישן, וואָס ער באַהאַלט פאַר זיך אַליין. יאָ, ער האָט זי, בערטאַן, די אַלע יאָרן נישט פאַרגעסן. זייער אָפט, ווען ער האָט געקושט לאַניאַן, האָט ער פּלוצלינג דערזען בערטאַן שטיין לעבן זיך. זי איז געווען אַ שאָטן, וואָס האָט אים שטענדיק באַגלייט. אָבער נישט מער ווי אַ שאָטן. אַ שאָטן וואָס האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט שטילער נאָגנדיקער מעלאַנ־כאָליע. אַזאַ שאָטנדיקער טרויער מאַכט שטאַרקער און אינטענסיווער דעם חשק צו לעבן. און זי, לאַניאַ, מיט אירע פולע ליפּן, וואָס זענען שטענדיק געווען פאַר אים פריש, מיט אירע העל ברוינע אויגן, וואָס האָבן אין דער פינצטער פון דער נאַכט געקאָנט אַזוי אויפלויכטן, איז געווען פאַר אים דאָס לעבן אַליין.

ער האָט זיך צוגעוווינט צו דעם שאָטן, וואָס באַגלייט אים. צוליב דעם שאָטן האָט ער זיך געפילט באַרעכטיקט צו געניסן פון לעבן. דער שאָטן האָט מכפּר געווען אויף דער עבירה פון געוּנס. ער איז געווען זי־כער, אַז ער וועט בערטאַן קיינמאָל נישט קאָנען פאַרגעסן. ער איז אָבער אויך געווען זיכער, אַז זי וועט שטענדיק בלייבן בלויז שאָטן. עס איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז זי, בערטאַ, וועט נאָך ווען עס איז זיך באַ־ווייזן אין וואַרשע.

ער האָט, וואָס אַן אמת, אַלץ געטאָן כדי זיך עפּעס צו דערוויסן וועגן בערטאַ איז פאַרשיקט געוואָרן. די גרעסטע אַדוואָקאַטן פון רוס־לאַנד האָבן אויף זיין פאַראָרדענונג געמאַכט אומאויפהערלעכע באַמי־אונגען אויסצוגעפינען דאָס אָרט פון בערטאַס פאַרשיקונג. עפּשטיין האָט נישט געקאַרגט קיין געלט און ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט אַנדערע וועגן כדי עפּעס וואָס זיך צו דערוויסן וועגן בערטאַס שיקזאַל. אַלע באַ־מיאונגען אָבער זענען געווען אומזיסטע. קיינער האָט נישט געוווּסט אָדער

גישט געטאָרט געבן עפּשטיינען קיין ענטפער. און יעדעס מאָל, ווען עפּ־ שטיין האָט געהערט, אַז בערטאַ איז פאַרשווונדן אַן וועלכן עס איז שפּור, האָט ער אַפילו פאַר זיך אַליין פאַרבאָרגן זיין פרייד, אַז זי, בערטאַ, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאָטן און אַז אַ שאָטן וועט זי אויף אייביק בלייבן. נאָך יעדן אומזיסטיקן פּרווו האָט ער געמאַכט ווייטערדיקע באַ־ מיאונגען, אָבער די אַלע באַמיאונגען און פּרוּוון זענען געמאַכט געוואָרן כדי אים נאָך מער איבערצוצייגן, אַז בערטאַ איז נישט מער ווי אַ שאָטן און אַז נאָר אַ שאָטן וועט זי בלייבן אין זיין לעבן.

עפּשטיין בלייבט שטיין פאַר דעם אַריינגאַנג אין האָטעל. ער פילט עפּעס אַ שטאָך אין דער לינקער זייט פון זיין לייב. נישט ווילנדיק לייגט ער צו זיין האַנט צום האַרץ. באַלד וועט ער זי זען, בערטאַן. נישט קיין שאָטן מער. וואָס ווערט צעשוווּמען ווען דו קוקסט זיך צו. זי איז געקו־ מען גראָד דעמאָלט, ווען עס איז שוין נישט מעגלעך געווען זיך אַפילו צו באַמיען, ווען דאָס פייער פון קריג און רעוואָלוציע האָט אין פלוג אויסגעגראָבן אַן אָפּגרונט צווישן אים און איר. גראָד דעמאָלט האָט זי, בערטאַ, באַוויזן אַריבערצושפּרייזן דעם אָפּגרונט און צו קומען אָהער מאָנען איר חשבון, וואָרום ער האָט געהאָפט, אַז ער און נישט קיין אַנ־ דערער איז שולדיק אין אַלעם דעם וואָס איז געשען מיט בערטאַן. צוליב אים איז זי אַוועק צו די רעוואָלוציאָנערן. צוליב אים איז זי אין יענער נאַכט אַוועק צום פּאָלקאָווניק קאָמאַראָוו. צוליב אים האָט זי, די געטרייע און איבערגעגעבענע מאַמע, פאַרלאָזט אירע קינדער. צוליב אים איז זי אויף יאָרן פאַרפאַלן געוואָרן אין אָפּגרונט פון סיביר. נאָר צוליב אים איז דאָס אַלץ געשען. דאָס דאָזיקע שולד־געפיל האָט עפּשטיינען נישט אָפּגעלאָזט אַלע יאָרן. דאָס דאָזיקע שולד־געפיל איז געשטאַנען צווישן אים און לאָניאַן אויך אין די מאָמענטן ווען זי איז געלעגן אין זיינע אָרעמס און ווען ער האָט געגליט פון ליידנשאַפט. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט זיך פון דעם דאָזיקן שולד־געפיל קיינמאָל נישט קאָנען באַ־ פרייען און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז בערטאַס שאָטן איז געוואָרן אַ טייל פון זיין וועזן און וועט אים באַגלייטן אַפילו אין קבר.

עפּשטיין האָט איצט, אַריינגייענדיק אין שטילן האָטעל, און האַל־ טנדיק ביי די הענט זיינע צוויי קינדער, דערפילט אַ דערלייכטערונג פון אַ מענטש, איבער וועמענס קאָפּ עס הענגט שטענדיק אַ שווערער אור־

טייל, נאָר ער ווייסט קיינמאָל נישט, ווען דער אורטייל וועט אויסגע־פירט ווערן. די דאָזיקע אומזיכערקייט, דאָס דאָזיקע שטענדיקע דערוואַרטן די שטראָף, איז פיל מאָל פאַר דעם פאַראורטיילטן שווערער ווי די שטראָף אַליין. ער וויל שוין אָפּקומען די שטראָף, אַבי פטור צו ווערן פון דעם אייביקן אומרואיקן געפיל פון דערוואַרטונג און פחד פאַר דער שטראָף. אַזאַ געפיל האָט געהאַט עפּשטיין ווען ער האָט אַנגעקלאַפּט אין בערטאַס האָטעל־צימער. די טיר האָט אים געעפנט אַ יונג פרעמד מיידל.

עפּשטיין האָט אינסטינקטיוו זיך צוריקגעצויגן:

— אַנטשולדיקט — ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אַנגעקלאַפּט נישט אין דער ריכטיקער טיר.

— ביטע, הער עפּשטיין — סאָניע האָט געקוקט אויף אים מיט נייַ־געריקע אויגן — אַ יאָ? כ'האָב נישט קיין טעות? איר זייט, הער עפּשטיין?

— יאָ, איך... — האָט עפּשטיין נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס דאָזיקע פרעמדע מיידל, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל אין לעבן, וויל פון אים.

סאָניע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל און האָט געטראָגן אַ קליין היטעלע אויפן קאָפּ, קענטיק גרייט אַוועקצוגיין. זי איז אַרויס אין לאַנגן האָטעל־קאָרידאָר און אָנגעוויזן אויף דער געעפנטער טיר, זאָגנדיק:

— ביטע, בערטאַ איז דאָ...

עפּשטיין איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר און סאַמעק און רעגינקע האָבן, ווי דערשראָקענע, זיך צו אים געטוליעט.

אַקעגנאיבער דער טיר איז געשטאַנען בערטאַ. אין אַ טונקל גראָ קלייד, פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, האָט זי אויסגעזען העכער און שלאַנ־קער ווי עפּשטיין האָט זי געדענקט. אַ גראָער פּאַס האָר האָט דורכגע־שניטן ווי אַן אַקער־אייזן איר העל בלאָנדן קאָפּ. איר פּנים איז געווען בלייך, ווי דער לעצטער טראָפּן בלוט וואָלט פון אים אַנטלאָפן.

— בערטאַ... — האָט עפּשטיין אַרויסגעקרעכצט.

זי האָט אים נישט געהערט און אַפילו נישט געזען. זי האָט געזען נאָר זיי, סאַמעקן און רעגינקען. זי האָט געזען ווי זיי טוליען זיך ווי דערשראָקענע פייגל, צו אים, צו דניאל עפּשטיינען. זי האָט דערפילט אַ מאָדנע שוואַכקייט אין אירע קניען. זי האָט געפילט, אַז זי קאָן נישט מאַכן אַ טריט צו אירע קינדער, וואָס קוקן אויף זייער מאַמע מיט דער־

שראַקענע פרעמדע אויגן... זי האָט געוואָלט צולויפן צו זיי, אַרומכאַפּן דאָס קעפּל פון איר קליינער רעגינקע, איינשליסן אין אירע אָרעמס איר טייער ייִנגל און זיי דערציילן ווי זי האָט נאָך זיי געבענקט, ווי זי האָט וועגן זיי טאָג און נאַכט געחלומט, ווי זי האָט זיי אין חלום מעשיות דערציילט און ווי זי האָט זי צו זיי געריסן פון דעם ווייטן מוראדיקן סיביר...

זי האָט זיך אָבער פון אָרט נישט גערירט. אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פון פרעמדן האָטעל־צימער, האָט זי געפילט, אַז ווען זי וועט דעם ערשטן טריט שטעלן, וועלן די פיס זיך אונטערברעכן. האָט זי אין איר בליק אַריינגעלייגט איר גאַנצע ליבע און איר גאַנצע בענקשאַפט און אַלע אירע חלומות און געוואַרט. געוואַרט אויף וואָס? זי האָט עס אַליין נישט געוווּסט. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז זי וואַרט אויף עפּעס, וואָס מוז קומען, וואָס איז אוממעגלעך אַז עס זאָל נישט קומען.

עפּשטיין האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. ער האָט, ווי אויף דער גאַס געהאַלטן סאַמעקן ביי איין האַנט און רעגינקען ביי דער אַנ־דערער און אַזוי איז ער געגאַנגען מיט שווערע, לאַנגזאַמע טריט, ווי איינער דאַרף דורכמאַכן אַ לאַנגן אומבאַקאַנטן וועג, די עטלעכע איילן, וואָס האָבן אים אָפּגעטיילט פון בערטאַן.

— זיי קומען — איז פרייד אויפגעגאַנגען אין בערטאַס אינגעווייד. באַלד איז די פרייד אויסגעלאָשן — ער פירט זיי, ער...

בערטאַ האָט איין האַנט צוגעטוליעט צו רעגינקעס קעפּל און די אַנדערע האָט דערפילט די סאַמעטענע ווייכקייט פון סאַמעקס פּנים.

עפּשטיין האָט איר צוגערוקט אַ שטול. זי האָט שווער זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף דער שטול און האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר אויסגעבלייכט געזיכט: זי וויל ריידן צו די קינדער. יאָרן האָט זי געוואַרט אויף דער מינוט. אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען זי איז מיט אָפענע אויגן געלעגן אויף דעם האַרטן שטרוי אין איר ליימע־נער כאַטע אין סיביר, האָט זי נישט אויפגעהערט צו ריידן צו איר סאַ־מעקן; און דער קליינער רעגינקע האָט זי געהאַלטן אין איין דערציילן וווּנדערלעכע מעשיות, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט צו הערן... האָט זי געהאַלטן אין איין אויספרעגן און אין אויסטענהן זיך מיט זיי. זי האָט דעמאָלט, אין די שלאָפלאָזע קאַלטע נעכט, געהאַלטן אין איין אויסקושן

רעגינקעס קלוגע לאַכנדיקע אויגעלעך, אין איין אַרומנעמען איר טייערן קליינעם סאַמעק. און איצט זיצט זי לעבן זיי ווי פאַרשטיינערט... עס דוכט זיך איר, אַז אויף איר מויל האָט עמיצער אָנגעהאַנגען אַ שלאָס און זי ווייסט אַפילו נישט וואָס צו זיי צו ריידן... אַלע וווּנדערלעכע מעשיות וואָס זי האָט אַמאָל געדענקט, זענען פּלוצלינג ווי צעשראָקענע פייגל אַנטרונען געוואָרן. זי האָט פאַרגעסן אַלע רייד וואָס זי האָט אין די אַלע יאָרן איינגעחזרט, און עס איז איר שווער צו געפינען כאָטש איין וואָרט פאַר זיי, פאַר אירע קינדער, פאַר איר בלוט און פלייש...

בערטאַ פילט, אַז אויך אירע הענט זענען ווי געליימט. די הענט אירע, הענט פון אַ מאַמע, זענען געבליבן ליגן אויפן קאָפּ פון דער קליי־נער רעגינקע און אויפן פּנים פון סאַמעקן אָן וואַרעמקייט, אָן לעבן, קאַל־טע, געפרוירענע, טויטע הענט.

עס נעמט זי אַרום אַ שרעק. אַ שרעק פאַר זיך אַליין, אַ שרעק פאַר דער קעלט וואָס יאָגט פון איר. זי פילט, אַז זי מוז די דאָזיקע קעלט פון זיך פאַרטרייבן, אַז די קינדער אירע פילן אויך שוין די קעלט, וואָס יאָגט פון איר און זיי ווילן פון איר אַנטלויפן.

בערטאַ בייגט צו אירע ליפּן צו רעגינקעס און דער הויך פון קינדס מויל פילט אָן איר לייב מיט אַ וואַרעמקייט, אירע הענט נעמען פעסטער אַרום סאַמעקן. זי רייסט זיך אָפּ פון זיי מיט אַ שווערן זיפץ, שטרעקט אויס איר האַנט צו אַ שאַכטעלע, וואָס ליגט אויפן טישל און זאָגט מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל:

— אַנו, קינדער, טרעפט וואָס די מאַמע האָט פאַר אייך געבראַכט?

סאַמעק און רעגינקע קוקן שווייגנדיקע. זיי זענען נייגעריק צו וויסן וואָס אין דעם שאַכטל געפינט זיך, אָבער זיי זענען גוט דערצויגענע קינ־דער, וואָס ווייסן, אַז עס איז נישט שיין צו זיין נייגעריק צו מתּנות פון אַ פרעמדן מענטש.

רעגינקע ווישט מיט איר הענטל אָפּ די ליפּן, וואָס האָבן נאַרוואָס געפילט אויף זיך דעם באַריר פון אַ פרעמד מויל.

בערטאַ עפנט אויף די שאַכטל און גיט די קינדער די מתּנות, וואָס זי האָט נעכטן אין אָוונט געקויפט אויף דער גראַניטשנע גאַס און זי וויל אויפכאַפּן דעם בליץ פון פרייד אין די קינדישע אויגן.

זי פילט זיך אַזוי הילפלאָז און פאַרלוירן און איז אין דער מינוט

גרייט זיך צו באַנוגענען מיט דער ליבע פאַרן פרייז פון מתנות.

סאַמעק האַלט נישט אָנטשלאָסן דאָס זייגערל פון בערטאַן אין האַנט און קוקט פרעגנדיק אויף זיין פאַטער.

— האָסט פאַרגעסן צו זאָגן אַ דאַנק דער מאַמען — דערמאַנט עפּשטיין.

סאַמעק און רעגינקע טוען אַ פיינעם קניקס, ווי מען האָט זיי אין שטוב געלערנט, און זאָגן צעטומלט:

— אַ דאַנק...

בערטאַ נעמט מיטאַמאָל ריידן מיט אַ נישט נאַטירלעכער האַסטי־קייט. זי דערציילט וואָס זי האָט געזען אין גאַס, זי לאַכט אַפילו, נאָר איר געלעכטער קלינגט אָפּ פרעמד אין אירע אייגענע אויערן.

סאַמעק הערט זיך צו צו אירע רייד מיט דער העפלעכקייט פון אַ דערוואַקסענעם פרעמדן מענטש און רעגינקע קוקט יעדעס מאָל אויפן פאַטער, ווי זי וואָלט געוואָלט פרעגן ווילאַנג נאָך דאַרף זי דאָ שטיין און זיך צוהערן צו די רייד פון דער דאָזיקער פרעמדער פרוי, וואָס דער פאַ־טער הייסט זי רופן מאַמע.

בערטאַ פילט די דאָזיקע פרעמדע בליקן און זי רעדט נאָך מער און נאָך האַסטיקער, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַנטשוויגן צו ווערן.

— איר ווייסט, מיינע טייערע — טוט זי פּלוצלינג אַ זאָג — איר וועט בלייבן מיט מיר אויף מיטיק און שפּעטער וועלן מיר גיין אין פּאַרק...

— אַ דאַנק — זאָגט סאַמעק קאַלט — מיר מוזן גיין איצט צו לאַלעקן און העניעקן. זיי וואַרטן אויף אונדז מיט לאַניאַן אין פּאַרק.

בערטאַ איז געבליבן זיצן שטיל. זי האָט איצט געוווּסט, אַז זי האָט מער נישט וואָס צו דערוואַרטן. דאָס קינדישע מויל פון איר סאַמעקן האָט מיט גלייכגילטיקער קאַלטער אומשולדיק־קינדישער אכזריות, מיט עטלע־כע ווערטער אַרויסגעטראָגן אויף איר דעם אורטייל. אומזיסט איז זי נישט געשלאָפן גאַנצע נעכט. אומזיסט איז זי געלאָפן איבער דער סיבי־רער טייגע. אומזיסט האָט זי זיך געריסן צו אירע קינדער. זי איז איצט פאַר זיי אַ פרעמדע. זיי בענקען צו איר, צו לאַניאַן. זי, לאַניאַ, האָט אויך אירע קינדער צוגענומען. סאַמעק און רעגינקע דאַרפן זי מער נישט. זיי האָבן איצט אַן אַנדערע היים און אַן אַנדערע מאַמע...

בערטאַ מאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג איבער זיך און באַמיט זיך אַפילו צו שמייכלען זאָגנדיק:

— ריכטיק, מיינע טייערע, איר קאָנט נישט לאָזן וואַרטן לאַלעקן מיט העניעקן...

די ווערטער באַרואיקן די קינדער. זיי ווייסן איצט, אַז זיי וועלן איצט נישט דאַרפן בלייבן מיט דער דאָזיקער פרעמדער פרוי, וואָס קושט זיי און נעמט זיי אַרום. סאַמעק האָט עס נישט ליב. ער האַלט זיך פאַר אַ דערוואַקסענעם מאַנסביל און ביינאַכט ליגט ער אויף זיין בעטל און שטעלט זיך פאָר אַלס קאַפּיטאַן פון אַ שיף, וואָס גיט אַרויס שטרענגע באַפעלן צו זיינע מאַטראָזן. ער איז אַפילו גרייט מיטצונעמען רעגינקען, אויב זי וועט נישט וויינען פאַר שרעק און וועט זיך פאַרקליידן פאַר אַ ייִנגל. דאָס, וואָס פרעמדע ווייבער קושן אים, פילט ער ווי אַ באַליידי־קונג פאַר דעם העלדישן שיפס־קאַפּיטאַן. אַפילו פון זיין פאָטער וויל ער זיך לעצטנס שוין נישט לאָזן קושן. נאָר פאַר לאַניאַן מאַכט ער, פונקט ווי לאַלעק און העניעק, אַן אויסנאַם. זי האָט אים פייערלעך פאַרזיכערט, אַז זי וועט נישט דערציילן זיינע מאַטראָזן. אָבער וואָס וויל פון אים בערטאַ? יאָ, גוט וואָס זי לאָזט אים איצט צו רו. ער וואָלט שוין געוואָלט זיין איצט מיט לאַלעקן און העניעקן און זיי ווייזן דעם נייעם זייגער. ער וועט אים צונויף קומען, דער זייגער, אויף דער גרויסער ים־עקספּעדיציע, צו וועלכער ער גרייט זיך. זי, רעגינקע, וועט צוגרייטן דאָס עסן פאַר דער שיף און ער, דער קאַפּיטאַן, וועט אַ קוק טאָן אויפן זייגער און מיט אַ שטרענגער באַס־שטימע באַפעלן:

— לאָזט פונאַנדער די זעגל!

סאַמעק פאַרגעסט איצט אָן בערטאַן, וואָס רעדט עפּעס צו אים. ער זעט זיך אַרומגערינגלט מיט זיינע געטרייע מאַטראָזן, וואָס וואַרטן אויף זיין באַפעל און באַוווּנדערן זיין נייעם זייגער און ער טוט אַ שמייכל צו רעגינקען, ווי צו דעם שותף פון זיין עקספּעדיציע און רעגינקעס אויגן קוקן אויף אים מיט באַוווּנדערונג און דאַנקבאַרקייט וואָס ער, דער גרוי־סער העלדישער קאַפּיטאַן, איז גרייט זיך מיט איר צו לאָזן אויף דעם שטורמישן ים. ביידע האָבן איצט פאַרגעסן אָן בערטאַן. זיי זעען נישט די שרעק אין אירע אויגן. איבעריקנס, וואָס קאָן זיי אָנגיין עפּעס אַ שרעק־

קעוודיקע פרוי, אין דער צייט ווען זיי זענען באַשעפטיקט מיט צוגרייטן די גרויסע ים־עקספּעדיציע.

— האָסט זיך אַזוי פאַרטראַכט, סאַמעק? — טליעט אַ האָפענונג אין בערטאַס האַרץ. אפשר טויכט אויף איצט אין איר ייִנגלס געדעכע־ניש די מאַמע, וואָס איז אַזוי פּלוצלינג פאַרשוווּנדן.

סאַמעק שווייגט. ער, דער קאַפּיטאַן, ווייסט, אַז ער מוז היטן דעם סוד פון דער רייזע, וואָרום פּיראַטן גרייטן זיך איבערצופאַלן די שיף אין מיטן ים.

די קליינע רעגינקע וויל זיך באַרימען און זאָגט:

— סאַמעק האָט איצט פיל צו טאָן.

— אין דער שול, סאַמעק? — פרעגט בערטאַ.

רעגינקע ענטפערט פאַר אים:

— סאַמעק איז קאַפּיטאַן, ער גרייט צו די גרויסע ים־עקספּעדיציע.

סאַמעק טוט אַ בייזן קוק אויף זיין שוועסטער. אַזאַ ראַצערין. עס טוט אים שוין באַנג וואָס ער נעמט זי מיט אויף דער רייזע, זי קאָן נישט האַלטן קיין סוד. דערצו נאָך דערציילט זי עס אַ דערוואַקסענער. סאַמעק ווייסט, אַז פאַר דערוואַקסענע מוז מען זיך אַממייסטן היטן. זיי, די דער־וואַקסענע זענען, לויט סאַמעקס מיינונג, נישט ווערט, אַז מען זאָל זיי אַנטרויען אַ געהיימעניש. זיי האַלטן זיך פאַר גרויסע חכמים און לאַכן אָפּ פון אַנדערע. סאַמעק האָט מורא, אַז באַלד וועט אויך בערטאַ זיך פונאַנדערלאַכן און אַזוי באַליידיקן דעם כבוד פון קאַפּיטאַן.

נאָר בערטאַ לאַכט נישט. זי רעדט זייער ערנסט.

— עס איז אַן ערנסטע אונטערנעמונג, אַזאַ ים־עקספּעדיציע, סאַ־מעק, ביסטו כאָטש צופרידן מיט די מאַטראָזן? האָסט צו זיי צוטרוי, וואָרום אויפן ים, — דו ווייסט דאָך, סאַמעק...

— איך ווייס! — איז סאַמעק אָנגענעם איבערראַשט פון בערטאַס ערנסטן טאָן — יאָ, די פּיראַטן ווען אונדז נישט איבערראַשן...

— דו ביסט אַ גענײטער קאַפּיטאַן — קושט אים בערטאַ — געוויס וועסטו זיך אַן עצה געבן מיט די פּיראַטן — און ווי זעט עס אויס מיט די שפּייז־זאַפּאַסן, אויפן ים, ווי דו ווייסט...

רעגינקע לאָזט סאַמעקן נישט ענטפערן און רופט אַ פריידיקע אויס:

— איך, איך וועל זיין די קעכין אויף דער שיף. ריכטיק, סאַמעק?

סאַמעק רעדט ערנסט:

— אויב דו וועסט דערפילן, ווי געהעריק, דיינע פליכטן, רעגינקע.

— געוויס וועט זי טאָן איר פליכט, רעגינקע — פאַרזיכערט בער־טאַ און זעט צום ערשטן מאָל אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט אין איר טאָכטערס אויגן.

סאַמעק שווייגט. ער ווייסט, אַז אַ קאַפּיטאַן, אַ ים־וואָלף טאָר נישט צופיל ריידן. ער דאַרף האַלטן צווישן די ציין אַ קליינע, פון רויך צע־ברענטע לולקע, אַרויסלאָזן פון מויל געדיכטע קנוילן רויך און שווייגן. סאַמעק האָט אין שופלאַד באַהאַלטן אַזאַ לולקע, וואָס ער האָט ערגעץ ווו אויף דער גאַס געפונען, נאָר צו נעמען די לולקע אין מויל, האָט ער מורא. ער ווייסט, אַז קינדער טאָרן נישט רויכערן און ער טראַכט איצט:

— אויף דער שיף וועל איך אַרויסנעמען די לולקע... אַ קאַפּיטאַן מעג אַלץ.

בערטאַ האָט געקוקט אויף סאַמעקס ערנסטן פּנים און געפרעגט:

— וועט זיך אויף דער שיף געפינען אויך אַן אָרט פאַר מיר?

סאַמעק קוקט מיט אַ קריטישן בליק אויף בערטאַן. אין זיין זכרון טויכט אויף דאָס בילד פון דער דאָזיקער פרעמדער פרוי, וואָס וויל ער זאָל זי מיטנעמען אויף זיין שיף. ער דערמאָנט זיך איצט די צייט ווען ער האָט געוווינט אין דער הייזקע אין דער פאַרשטאָט. דעמאָלט איז זי, די דאָזיקע פרעמדע פרוי, געווען זיין מאַמע. איצט האָט ער אַן אַנדערע מאַמע, לאַניאַן. ער האָט נאָך נישט געהערט, אַז אַ יינגל זאָל האָבן צוויי מאַמעס. און וואָס וועט ער טאָן מיט איר אויף דער שיף? פון די מעשיות־ביכלעך ווייסט ער, אַז אַ קאַפּיטאַן זוכט נאָר שטאַרקע און אומדערשראָ־קענע מענער. פון פרויען האָט מען נאָר קאָפּ־דרייעניש. ער וועט נאָך גענוג צרות האָבן פון איר, פון דער קליינער רעגינקע. זי וועט אין מיטן שטורמישן ים געוויס זיך דערשרעקן, וויינען און וועלן גיין אַהיים. אָבער רעגינקען מוז ער שוין מיטנעמען. ער האָט איר צוגעזאָגט און ער ווייסט, אַז אַ קאַפּיטאַן מוז שטענדיק האַלטן וואָרט. ער וויל זיין העפלעך צו בערטאַן. דאָס זייגערל וואָס זי האָט אים געגעבן אַ מתנה, וועט אים שטאַרק צונוץ קומען אויף דער שיף. צוליב אַ זייגערל אָבער קאָן ער נישט שטעלן אין געפאַר די גאַנצע עקספּעדיציע.

סָאַמעק קנייטשט דעם שטערן און ענטפערט מיט גרויס ערנסט:

— לײדער איז עס אוממעגלעך, מאַדאַם. צו שפּעט. רעגינקע װעט זיך באַשעפטיקן מיט דער קיך און איך האָף, אַז זי װעט דערפילן איר פליכט...

— געװיס, געװיס, — בליצן אויף רעגינקעס אײגעלעך — איך װעל אַלײן אַלץ מאַכן, אַלץ!...

— יאָ, יאָ, קינדער, — רעדט בערטאַ מיט בלײכע ליפּן — איר בײדע װעט געװיס אַלײן זיך מיט אַלעם אַן עצה געבן.

בערטאַ װײסט, אַז זי האָט פאַרשפּילט. די קינדער דאַרפן זי מער נישט האָבן. זי האָט מער נישט קײן אָנטײל אין זײער לעבן און זײ װילן נישט מאַכן קײן פּרוּװ צוריק צו פאַרנעמען איר אַמאָליק אָרט אין זײערע פרײדן און זאָרגן.

— מען דאַרף דיך נישט, בערטאַ, — רעדט זי אָן װערטער צו זיך אַלײן. — קײנער דאַרף דיך נישט. דײנע אײגענע קינדער שרעקן זיך פאַר דיר. ביסט װי אַ שאָטן פון יענער װעלט, פאַר װעלכן אַלע אַנטלויפן.

בערטאַ דערמאָנט זי די סיבירער נעכט, װען דער קראַנקער, מיט בלוט־שפּײענדיקער איזאַק העכט האָט אויסגעדריקט זײַן בענקשאַפט מיט זײַן דערצײלן װעגן די פאַרביקע באַלאָנען פאַרן אײזערנעם טויער. יאָ, אויך זי, בערטאַ, האָט געחלומט פון די באַלאָנען. אַ נאַרישער חלום גע־װען. די באַלאָנען זענען העט װײט פון איר אַװעק און זײ װעלן קײנמאָל מער צו איר נישט צוריקקומען.

זי באַגלײט די קינדער ביז צו דער גאַס און קוקט לאַנג, װי עפּשטײן פירט זײ בײַ דער האַנט. עפּשטײן דרײט זיך אויס, װי ער װאָלט געפילט אויף זײַן פּלײצע איר בליק, און טוט אַ שולדיקן שמײכל צו איר. בערטאַ ענטפערט נישט אָפּ אויף זײַן שמײכל. װאָס גײט איר אָן דער דאָזיקער מאַן? ער איז איר אינגאַנצן פרעמד. יאָ, זי געדענקט אַז ער איז אַמאָל געװען איר מאַן. נאָר איצט קאָן זי נישט פאַרשטײן װי אַזױ דאָס איז געשען. זי קאָן נישט פאַרשטײן, אַז דער דאָזיקער מאַן האָט אַמאָל זי געהאַלטן אין זײַנע אָרעמס און זײַנע קושן האָבן אַמאָל געמאַכט אויפ־ציטערן איר לײַב, אַז נאָך אים האָט זי געבענקט און צו אים זיך געריסן.

— װי איז דאָס מעגלעך געװען? — פרעגט זיך בערטאַ מיט גלײַכ־גילטיקן שטױנען. עפּשטײן איז איר איצט אַזױ פרעמד און גלײַכגילטיק, אַז זי גיט זיך אַפילו נישט די מי צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע.

און זי קוקט מיט פאַרווונדערונג ווי דער דאָזיקער פרעמדער מענטש פּירט ביי דער האַנט איר סאַמעקן און איר רעגינקען. אַט פאַרקירעווען זיי אין אַ זייטיק געסל. זי זעט מער נישט עפּשטיינען. זי זעט מער נישט סאַמעקן און רעגינקען. בערטאַ כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ דרימל. איר לייב שוידערט ווי פון קעלט. זי קוקט זיך נאָך אַרום אַ ווייל. עס דוכט זיך, אַז אירע אויגן זוכן נאָך עמיצן. מיט שנעלע טריט גייט איר אַקעגן סאַניע. דעם מיידלס פּנים איז צעשיינט. אירע אויגן לאַכן צו בערטאַן.

— ווייסט, בערטאַ — נעמט זי אַרום בערטאַן ווי אַן עלטערע שוועסטער — איך האָב קוים געטראָפן צוריק.

— ווו ביסטו געווען, סאַניע? — וויל בערטאַ אַרויפציען אַ שמייכל אויף איר פּנים.

— איך ווייס נישט — לאַכט סאַניע — עס איז אַזוי אנגענעם צו גיין און נישט צו וויסן וווהין און נאָכוואָס, נאָר כ'האָב זיך געשראָקן, כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל שוין קיינמאָל נישט געפינען דעם וועג צום האָטעל.

סאָניעס צעשמייכלטע אויגן זאָגן עדות, אַז איר שרעק איז נישט געווען צו גרויס, טראַכט בערטאַ, און איז דאַנקבאַר דעם מיידל וואָס זי פרעגט זי נישט וועגן די קינדער.

זיי גייען צוריק איבער די האָטעל־טרעפּ צו זייער צימער. סאָניע שפרינגט איבער די טרעפּ מיט פריילעכער יוגנטלעכער זאַרגלאָזיקייט און בערטאַ שטעלט שווער אירע טריט. עס דוכט זיך איר, אַז אירע פיס זענען מיטאַמאָל אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בליי און אַז זי וועט שוין נישט האָבן קיין כוח אַליין צו דערגיין צו דער טיר פון איר שטוב.

אין שטוב וואַרפט סאָניע פון זיך אַראָפּ דאָס קליינע היטעלע און דעם מאַנטל און דערציילט אַן אַ סדר און אין געאייל וואָס די וואַרשע־ווער גאַס האָט איר היינט צום ערשטן אָקעגנגעטראָגן.

בערטאַ זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן און סאָניע גייט האַסטיק איבער דער שטוב, ברומט אונטער אַ רעוואָלוציאָנער ליד, וואָס זי האָט אויפגע־כאַפּט אויף דער גאַס אין מאָסקווע און דערציילט מיט פריידיק געלעכ־טער, ווי אַ פרעמדער יונגער מענטש האָט זי שוין דאָ לעבן האָטעל גע־פרווט פאַרהאַלטן און זי איינלאַדן אין אַ קאַפע־הויז.

סאָניע לאַכט הויך, ווען זי דערמאָנט זיך אָן די הייסע חוצפהדיקע

אויגן פון דעם פרעמדן מאַן, וואָס האָבן זיך געריסן צו איר. זי איז מיט אים נישט געגאַנגען, אָבער עס איז איר געווען אנגענעם צו פילן אויף איר לייב זיין הונגעריקן בליק.

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר מאַכט פלוצלינג שטיל סאָניען.

— אַנטשולדיקט, פריילין — בלייבט אין דער אָפענער טיר שטיין אַ פרעמדער מאַן אין די מיטעלע יאָרן.

— דאָס איז זי, איזאַקס טאָכטער — טראַכט ראַבינער דר. פּערסקי — אַזאַ דערוואַקסענע טאָכטער...

באַלד פאַלט זיין בליק אויף בערטאַן. — יאָ, דאָס איז זי, עפּשטייגס געוועזענע פרוי...

— ראַבינער פּערסקי!... — קאָן בערטאַ נישט באַהאַלטן אין ערשטן אויגנבליק איר פאַרווונדערונג צוליב דעם דאָזיקן אומגעריכטן וויזיט.

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם, — פאַרגייגט זיך טיף פּערסקי — איך האָב נישט אָנגעזאָגט מיין קומען...

— ביטע, ביטע, הער ראַבינער — איז שוין בערטאַס שטים באַ־הערשט און העפלעך צוריקגעהאַלטן און ווייזט אָן אויף אַ פאָטעל אַנט־קעגן זיך.

נאָך וואָס איז ער געקומען? — טראַכט בערטאַ און שטעלט אים פאָר סאָניען:

— זי, סאָניע, איז די איינציקע טאָכטער פון מיין פאַרשטאָרבענעם פריינד איזאַק העכט.

— ער איז געווען מיין יוגנט־פריינט, איזאַק — קוקט פּערסקי מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אויף סאָניען — יאָ, אַן אַלטער פריינד...

אַ וויילע הערשט אַ נישט באַקוועם שטילשווייגן אין צימער. באַלד נעמט פּערסקי ווידער ריידן ווי וועלנדיק פאַרענטפערן זיין אומגעריכטן וויזיט:

— מיינער אַ יונגער שילער, הער העכט, האָט מיר דערציילט, אַז איזאַקס טאָכטער איז געקומען, נו האָב איך געטראַכט, אַז מען דאַרף צוגיין און אָנקוקן די טאָכטער פון אַן אַלטן פריינד.

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל צו בערטאַן: — און צו מיין גרויס פאַרגעניגן האָב איך געטראָפן נישט בלויז די שיינע טאָכטער פון

אַ פריינד, נאָר אויך אייך, מאַדאַם, אויב איר האָט נאָר נישט באַוויזן מיך צו פאַרגעסן, איינעם פון אייערע געטרייע פאַרערער.

— איר זענט, דר. פערסקי, ווי אַמאָל, דער עלעגאַנטער קאַוואַליר.
— האָט בערטאַ צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— איר זענט גרויסמוטיק, מאַדאַם, וואָס איר האָט נישט צוגעגעבן דער אַלטער קאַוואַליר — האָט פערסקי אַ לאַך געטאָן.

עס איז בערטאַן געווען לייכט צו ריידן מיט פערסקין. ער איז געווען געגנוג ווייט פון איר לעבן, דעריבער קאָן זי מיט אים ריידן פריי און אומגעשטערט. זי האָט געלאָזט סאָניען דערציילן וועגן דעם לעבן פון איר פאָטער אין סיביר, וועגן זיין קראַנקהייט און טויט.

— סאָניע טראַכט איצט וועגן אַריינטרעטן אויפן אוניווערזיטעט — האָט בערטאַ דאַן אַ זאָג געטאָן — פריער אָבער מוזן מיר ביידע זיך אַרומקוקן וועגן אַרבעט און געפינען אַ וווינונג.

— אויב איר וואָלט מיר דערלויבט, מאַדאַם — האָט פערסקי גערעדט מיט קאַלטער העפלעכקייט, וואָס האָט שלעכט פאַרדעקט זיין אינערלעכע גערירטקייט — וואָלט איך אייך געקאָנט צוהעלפן.

בערטאַ האָט געשוויגן. ער מיינט, האָט זי געטראַכט, אַז זי, בערטאַ, איז נאָך די מאַדאַם פון די אַמאָליקע צייטן. אַ ווייל האָט זי געוואָלט צו אים זאָגן:

— הער ראַבינער, די אַלטע בערטאַ איז געשטאָרבן און באַגראָבן אונטער דעם הויכן סיבירער שניי, און די בערטאַ, וואָס זיצט דאָ לעבן אייך, שעמט זיך שוין מער פאַר גאָרנישט. זי האָט שוין אַלץ דורכגעמאַכט. זי האָט שוין געבעטלט און געשנאָרעט. זי איז שוין געלעגן אין פינצטערע וואַגאָנעס מיט שיכורע בראָדיאַגעס און זייערע הענט האָבן געריסן שטיקער פון איר לייב און זי האָט מורא געהאַט אַפילו אַ קרעכץ צו טאָן. אַזוי, אַזוי, איז עס, הער ראַבינער, מיט דער בערטאַ, און איר קאָנט איר אַפילו אָנשלאָגן אַ נדבה און זי וועט זיך נישט באַליידיקן.

— איך האָב פיל באַקאַנטע — האָט פערסקי גערעדט — און עס וועט נישט שווער זיין צו געפינען אַ פּאַסיקע וווינונג. און וועגן אַרבעט האָט זיך גראָד געמאַכט אַ גינסטיקע געלעגנהייט וואָס אין אונדזער ביבליאָטעק נויטיקט מען זיך אין באַאַמטע. מיר צאָלן נישט פיל, אָבער...

— בעסטן דאַנק, ראַבינער, איך נעם שוין אָן אייער פֿאָרשלאַג און סאָניע...

סאָניע האָט אַ פֿאַרדרויטלטע געזאָגט:

— איך דאַנק אייך זייער, נאָר איך ווייס נישט צי איך וועל וויסן...

— עס איז נישט קיין שווערע תורה — האָט פּערסקי זי באַרואיקט

— איר וועט שנעל זיך אויסלערנען און אייער קרוב, הער העכט, וועט געוויס אין די ערשטע טעג אייך צוהעלפֿן.

דער ראַבינער פּערסקי איז שוין לאַנג נישט געבליבן זיצן. זיי האָבן אָפּגערעדט די צווייטע וואָך אָנצוהייבן אַרבעטן. ער האָט זיי איינגעלאַדן אים צו באַזוכן און ווען ער איז געגאַנגען אַראָפּ פֿון די טרעפּ, האָט ראַבינער פּערסקי נישט אויפֿגעהערט צו זיך צו מורמלען:

— אַזאַ מעשה, אַזאַ... עס איז טאַקע בערטאַ... נע, נע...

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר ווי ער וואָלט זיך נאָכאַמאָל געוואָלט איבערצייגן, אַז ער האָט נישט געזען קיין שאָטן, נאָר טאַקע זי, דאָס געזעצלעכע ווייב פֿון דניאל עפּשטיין.

קאַפּיטל צען

די ערשטע ליבע פֿון אַ שטיבל-בחור

בערטאַ און סאָניע האָבן זיך איבערגעקליבן אין אַ נייער דירה פֿון צוויי קליינע שטיבלעך און נאָך אַ קלענער קיכל, אָבער סאָניען האָט זיך געדאַכט, אַז זי וווינט אין אַ פּאַלאַץ. זי האָט איר „פּאַלאַץ" געפּוצט און געצירט און זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס בערטאַ איז אַזוי אַפּאַטיש און גלייכגילטיק צו זייער פּאַלאַץ.

בערטאַ האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אין דער גרויסער ביבליאָטעק. סאָניע איז דאָרט געווען באַשעפֿטיקט בלויז עטלעכע שעה, ווייל זי האָט געמוזט גיין אין אוניווערזיטעט.

פֿיניע איז פֿון זיי נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט אין די ערשטע טעג געטאָן די אַרבעט פֿאַר זיי ביידע און ווען בערטאַ האָט אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער פֿאַרנאַכלעסיקט צוליב זיי זיין אייגענע באַשעפֿטיקונג, האָט ער זי באַרואיקט מיט אַ ליגן, אַז אין דער דרוקעריי איז איצט נישטאָ פֿאַר אים קיין אַרבעט.

דער אמת איז געווען, אַז דער דרוקער האָט אים געשיקט זאָגן, אַז אויב ער וועט נישט קומען צו דער אַרבעט, וועט ער זיך זוכן אַ צווייטן. פּיניע האָט זיך אָבער דערפון נישט געמאַכט. נאָך דער אַרבעט איז ער מיט סאָניען געגאַנגען אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט צום אוניווערזיטעט, ווו ביידע האָבן געלערנט.

פּיניע האָט געקוקט אויף דעם פּראָפעסאָר אויף דער קאַטעדרע, האָט נאָטירט זיינע רייד, אָבער געטראַכט האָט ער וועגן דעם מיידל פון סיביר, וואָס זיצט אויף דער באַנק לעבן אים.

ער האָט זי שפּעטער באַגלייט אַהיים, נאָר, צוקומענדיק צום טויער פון זיין וווינונג, האָט ער זיך שנעל געזעגנט און איז אַוועק. בערטאַ און כאַניע האָבן אים שוין עטלעכע מאָל איינגעלאָדן צו זיך צום אָוונטברויט. ער האָט זיך שטענדיק אָנטזאָגט מיטן תירוץ, אַז ער האָט נישט קיין צייט.

דער אמת איז געווען, אַז צייט האָט ער גראָד געהאַט און געוואָלט צו זיי אַרויפגיין האָט ער אויך. אָבער ער איז געווען הונגעריק. זיין געלט האָט זיך אויסגעלאָזט. ער האָט געלעבט פון זיין פריינד וועלוועלעס הלוואות און ער האָט געאײַלט אין דער גאַרקיך אויף קראָכמאַלנע, ווו ער האָט פאַר עטלעכע גראָשן באַקומען אַ הייסע קאַרטאָפל־זופּ.

עסנדיק די קאָכעדיקע זופּ, האָט פּיניע געטראַכט וועגן דעם טיש, וואָס סאָניע גרייט איצט. ער האָט געוווּסט, אַז דער טיש איז אַ באַשיי־דענער און אַז די פּאַרדינסטן פון בערטאַן און סאָניען קלעקן קוים צו דעקן זייערע באַדערפענישן. ער האָט געוווּסט, אַז דער ראַבינער פּערסקי האָט געפּרוווט פון אַנדערע קוועלן אויסצאָלן זיי אַ גרעסערע סומע, נאָר בערטאַ האָט צו אים געזאָגט קאַלט און טרוקן:

— איך וועל קאָנען אַרבעטן ביי אייך, הער ראַבינער, נאָר דאַן, ווען איר וועט פאַר מיר נישט מאַכן קיינע אויסנאַמען.

סאָניע האָט יעדן פרייטיק גענומען אין דעם ראַבינערס קאַנצעלאַריע דאָס באַשיידענע געהאַלט פאַר זיך און בערטאַן און זיי האָבן לאַנג גע־חשבונט ווי אַזוי פון דעם געהאַלט עפּעס אָפּצושפּאָרן, כדי אָפּצוצאָלן יאַנקלען, ווי בערטאַ האָט אים ווייטער גערופן.

דאָס אַלץ האָט פּיניע געוווּסט. פונדעסטוועגן אין פאַרגלייך מיט דער גאַרקיך אויף קראָכמאַלנע גאַס, איז די שטוב און דער טיש, וואָס סאָניע האָט געגרייט, געווען אין פּיניעס אויגן עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס

ער האָט געחלומט. ער האָט געוואָלט זיצן מיט זיי בײַ איין טיש, ווייל הגם ער האָט זיך מיט זיי יעדן טאָג געטראָפן, זענען זיי ווייטער געווען אין זיין פאָרשטעלונג לעגענדאַרע געשטאַלטן, וועגן וועלכע ער האָט ביז איצט געלייענט נאָר אין די ביכער. דער אָרעאָל פון סיביר, פון „ליידן פאַר דער מענטשהייט“ (אַזוי האָט מען גערעדט וועגן די רעוואָלוציאָנערן אין אַרבעטער־קלוב אויף קאַרמעליצקע גאַס) פון העראָישן קאַמף מיט דעם מעכטיקן צאַר אין פעטערבורג, האָט פיניען געהאַלטן ווי אין צווי־בער. און בײַנאַכט האָט ער געחלומט וועגן דעם, אַז אויך ער, פיניע, קעמפט, אויך ער גייט אַקעגן די ליידן, אויך ער שרעקט זיך נישט פאַר דער מאַכט פון די שטאַרקע.

אָפּפאַרטיקנדיק זיך מיט דער זופּ, איז פיניע שנעל אַוועק צו בער־טאַס וווינונג און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט, אַז די טיר זאָל זיך עפענען.

— פאַרוואָס בלייבט איר נישט מיט אונדז אויף נאַכטמאָל? — האָט אים בערטאַ אָפּטמאָל פאַרגעהאַלטן.

פיניע איז שטענדיק רויט געוואָרן בײַם געבן זיין ענטפער. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז זי, בערטאַ, ווייסט, אַז ער וויל מיט זיי צוזאַמען עסן און ער האָט קורץ געענטפערט:

— נישט געקאַנט, מאַדאַם בערטאַ.

ער האָט ליב געהאַט די אָוונטן, ווען ער איז געווען אַליין מיט בער־טאַן און סאָניען. דעמאָלט האָט ער זיך געפילט פריי. ער האָט דערציילט וועגן זיין אַרבעט אין דער דרוקערײַ, וועגן די פאַרזאַמלונגען אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, וועגן שטיבל און וועגן די שבתים בײַם רבין אין גער. ער איז געווען אַ גוטער באַאָבאַכטער, פיניע, און ער האָט אַפילו די שווייגנדיקע בערטאַ געמאַכט שמייכלען מיט זיינע טרעפלעכע באַמער־קונגען.

מער אָבער ווי דערציילן האָט ער ליב געהאַט צו הערן סאָניען ריידן וועגן די סיבירער לאַנגע נעכט, וועגן דער ליימענער הייזקע, אין וועלכער זיי האָבן געוווינט, וועגן איר פאָטער און זיין פעטער יצחקל און וועגן דעם ערשטן טאָג ווען בערטאַ איז צו זיי אָנגעקומען.

סאָניע האָט דערציילט וועגן נישט־פריילעכע זאַכן, אָבער איר יוגנט, איר טיפע ברוסט־שטימע, אירע אויפלייכטנדיקע אויגן און דער כישוף

פון מאַרטירערטום, האָבן דאָס האַרטע סיבירער לעבן פאַרוואַנדלט, אין פיניעס אויגן, אין עפּעס אַ צויבער־לאַנד און ער האָט געטראַכט:

— פאַרוואָס בין איך דאָרט נישט געווען, פאַרוואָס...

עס איז געוואָרן שפּעט. פיניע האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף אַוועקגיין. בערטאַ און סאָניע דאַרפן פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט און אויך ער מוז אַ קוק טאָן צום דרוקער, אפשר וועט זיין אַ טאָג אַרבעט. נאָר ער איז ווייטער געבליבן זיצן און ווען די רייד האָבן זיך אויסגעלאָזט, האָט ער ליב געהאַט צו זיצן און קוקן אויף סאָניעס פּנים, אויף אירע האַלב־צעשמייכלטע אויגן און אויף די באַוועגונגען פון איר שלאַנקן לייב.

זעלטן אָבער האָט פיניע געקאָנט געניסן פון זיין גליק. אָפטמאָל זענען געקומען צו בעזוכן אירע באַקאַנטע פון אַמאָל.

בערטאַ איז צו זיי נישט געגאַנגען און זי האָט זיי צו זיך נישט גע־רופן. נישט צו זיי איז זי צוריקגעקומען פון יענער וועלט. זי איז געקומען צו סאַמעקן און צו דער קליינער רעגינקע, נאָר צו זיי. זיי האָבן זי אָבער מער נישט באַדאַרפט. זי איז שוין געווען פאַר זיי אַ פרעמדע. זי האָט נאָך אַלץ געוואַרט. זי האָט נאָך אַלץ געהאָפט. זי האָט זיי מער נישט גערופן צו זיך. נישט איר אינערלעכער שטאָלץ האָט זי צוריקגעהאַלטן, זי האָט געוווּסט אַז אויך איר שטאָלץ איז זי שוין בייגעקומען. זי איז גרייט געווען אויף אַלעם פאַר איין שמייכל פון סאַמעקן, פאַרן וואָרט מאַמע צו הערן פון רעגינקעס קליינע ליפּעלעך. זי איז גרייט געווען אַפילו אויסצובעטלען דאָס וואָרט מאַמע פון זיי. נאָר עפּעס אַ באַהאַל־טענער אינסטינקט האָט זי געוואָרנט:

— וואַרף זיך נישט אָן. וואַרט, דיין צייט וועט נאָך קומען.

און זי האָט ווייטער געוואַרט. דאָס דאָזיקע וואַרטן עטלעכע שריט פון אירע קינדער איז פאַר איר געווען נאָך שווערער און פּיינלעכער ווי די יאָרן וואַרטן אין וויטן סיביר. זי האָט אָבער אַפילו פאַר סאָניען נישט אַרויסגעוויזן איר פּיין. אַ שטאָלצע, פאַרשלאָסענע אין זיך, האָט זי מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט זיך באַצויגן צו איר אויסערלעכן אויס־זען, איז לאַנג יעדן טאָג געשטאַנען פאַרן שפּיגל און אויפמערקזאַם אויס־געקליבן איר קלייד און הוט און האָט אַפילו געשמייכלט, ווען סאָניע האָט צו איר געזאָגט, אַז זי ווערט שענער פון טאָג צו טאָג.

עפּשטיין האָט צו איר פון צייט צו צייט אַרויפגעבראַכט די קינדער.

זי האָט מיט זיי גערעדט ווי זי וואָלט געווען אַ ווייטע גוטע מומע, און ווען זיי האָבן זיך געאײלט אַהיימצוגיין, האָט זי זיי מער אָפילו נישט געפּרוווט פאַרהאַלטן. פאַרקערט, זי האָט מיט אַ שמייכל צו זיי געזאָגט: — גייט, קינדער, גייט אַהיים... — זי האָט זיי אָפילו שוין נישט באַגלייט פון די טרעפּ. ווען די טיר אָבער האָט זיך פאַרמאַכט, האָט זי מיט ביידע הענט זיך אָנגעשפּאַרט אַן טיש און אַן ווערטער האָט זי זיך אַליין באַפוילן: — וואַרט!

אויפזוכן אָבער אירע אַמאָליקע באַקאַנטע האָט זי נישט געוואָלט. דאָס וואָלט שוין געווען אָפילו איבער אירע כּוחות.

זיי זענען אָבער אַליין צו איר געקומען. אַדעק ווישינסקי איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געקומען.

יאַנקל, דער געוועזענער שמייסער־ייִנג פון גזשיבאָוו און דער איצט אויפגעקומענער גביר, וועלכן אַלע רופן פאַן יאַקוב האַרט, האָט ווישינסקין געבערענגט די נייעס.

זיי האָבן זיך געטראָפן אויף אַן אסיפה ביי די סוחרים אויף דער סענאַטאָרן־גאַס.

אַדעק ווישינסקי האָט גערעדט צו די סוחרים. זיין קיילעכדיק בייכל האָט זיך געהייבן אַרויף און אַראָפּ ביים ריידן. זיינע שוואַרצע שקאַצישע אייגלעך האָבן שעלמיש געווונקען צו די סטאַטעטשנע סוחרים פון גזשיבאָוו, ביעלאַנסקע און נאַלעווקעס. ער האָט גערעדט וועגן שטייערן, יקרות, גזירות פון יעקע און אַנטיסעמיטיזם. ער האָט גערעדט פּויליש, נאָר יעדעס מאָל האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ געפּעפּערטן יידישן וויץ און אַ קאַפּוליע אַנצוהערעניש, ער האָט דערביי געלאַכט מיט אַ ברייט צופרידן געלעכטער און דער עולם האָט מיטגעלאַכט. יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט. ער האָט אָפילו געפּרוווט פאַרשטיין. ער איז געקומען, ווייל אויב די „פּאַנעס" פון דער סענאַטאָרן־גאַס רופן אים, מסתמא דאַרף מען גיין. ער האָט געוווסט, אַז נאָך די אַלע רייד וועט מען הייסן אַוועקלייגן אויפן טיש די זשמעניע קלינגערס און דעמאָלט וועט ער, יאַנקל, זיי ווייזן אַלע ווי אַזוי אַ גזשיבאָווער באַלעגאָלע ווייסט זיך ווי צו האַלטן לייטיש. דערווייל האָט ער געטאָן דאָס, וואָס זיינע שכנים טוען, זיי האָבן געלאַכט, האָט אויך ער מיטגעלאַכט. זיי האָבן זיך נאָכן ריידן געשטופּט צו ווישינסקין און אים געדריקט די האַנט, האָט ער אויך זיך געשטופּט.

ווישינסקי האָט אים דער ערשטער דערזען.

— וואָס מאַכט מען, פּאַניע יאַקוביע? — האָט ווישינסקי מיט אַ ברייטן זשעסט צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט און דערביי געטראַכט, אַז פון דעם באַלעגאַלע־ייִנג וועט ער היינט אַרויסבאַקומען די ריכטיקע ביסל קלינגערס, וואָס ער מוז אַזוי נייטיק האָבן — אַ שאָק מיט יאָרן שוין אייך נישט געזען, פּאַניע יאַקוביע.

יאַנקל איז געווען צעטומלט פון דער פריינטלעכער אויפנאַמע און נישט וויסנדיק וואָס צו ריידן האָט ער געזאָגט:

— שוין געזען די מאַדאַם בערטאַ?

— וואָס זאָגסטו, יאַנקל?! די מאַדאַם בערטאַ?...

פון גרויס איבעררעאַשונג האָט אַדעק ווישינסקי פאַרגעסן, אַז יאַנקל איז איצט שוין דער מלחמה־גביר פאַן יאַקוב האַרט, און אַז ער דאַרף ביי אים בעטן אַן הלוואה.

יאַנקל האָט זיך נישט באַליידיקט. ער אַליין האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט גלויבן, אַז ער האָט טאַקע די מאַדאַם בערטאַ עפּשטיין געבערענגט קיין וואַרשע. און כדי זיך אַליין איבערצוצייגן ,האָט ער זיך געשווווירן ווי אַמאָל אויפן גזשיבאַוו מיט די פורמאַנעס:

— ווי יאָך בין אַ ייִד, פּאַניע ווישינסקי...

— בערטאַ, זאָגסטו, בערטאַ?

— יאָ, יאָ, די מאַדאַם בערטאַ — האָט יאַנקל גערעדט ווי ער וואָלט איינגערוימט עמיצן עפּעס גאָר אַ וויכטיקן סוד — יאָך האָב זי גלייך דערקענט, און יאָך האָב זי געפירט מיט מיין ברישקע און שפּעטער מיט דער באַן קיין וואַרשע.

ווישינסקי האָט מער נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע באַקאַנטע סוחרים, וואָס האָבן אים באַגריסט. ער האָט אַנגענומען יאַנקלען ביים אָרעם און זיך מיט אים אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון גרויסן זאַל.

— ווי אַזוי האָסטו זיך מיט איר געטראָפן, יאַנקל?

יאַנקל האָט פון ווישינסקיס איבעררעאַשונג באַקומען גרויס חשיבות אין זיינע אייגענע אויגן. ער האָט גענומען דערציילן פּאַדראָבנע און געלאַסן. ער האָט געהאַט הנאה זיך אַליין צו הערן און צו זען ווישינסקיס דערשטוינטן און אומגלויבלעכן בליק.

ער האָט דערציילט, ווי ער איז ביינאַכט אַנגעקומען צו דער גרענעץ

און איז אַריין אין דעם גרויסן הילצערנעם באַראַק פון מאַיאָר קעמפּקע;
— מיט דעם יעקע קעמפּקע — האָט יאַנקל פּאַרטרווילעך גערעדט — לאָזט זיך אַלעס מאַכן. איר ווייסט דאָך: „לעבען אונד לעבען לאַססען“, אַזוי זאָגט ער, דער יעקע, ווען מען גיט אים אין יד אַריין. נו, איר פאַר־שטייט דאָך...
— אָבער, וואָס איז מיט בערטאַן? — האָט ווישינסקי נישט געהאַט קיין געדולד צו יאַנקלס געשעפטן מיטן מאַיאָר קעמפּקע.
— נו, דאָרט טאַקע, ביי דעם יעקע קעמפּקע, האָב איך זי געטראָפן, די מאַדאַם בערטאַ — יאַנקל האָט געוווסט, אַז ער איבעראַשט נאָך מער ווישינסקין מיט זיינע לעצטע ווערטער.
— בערטאַ מיט דעם מאַיאָר קעמפּקע? — האָט ווישינסקי געצויגן מיט די אַקסלען.
— זי איז געווען אַרעסטירט צוזאַמען מיט די גרענעץ־שמוגלער — האָט יאַנקל גערעדט — יאָך אָבער האָב זי גלייך דערקענט...
— בערטאַ מיט שמוגלער? — האָט ווישינסקי געקוקט אויף יאַנק־לען, ווי ער וואָלט גערעדט פון וועג.
— ווער זאָגט מיט די שמוגלער — איז יאַנקל געווען צופרידן וואָס דאָס מאָל ווייסט ער מער אַפילו פון ווישינסקין. — זי איז געקומען פון י ע נ ע ר זייט, איר פאַרשטייט, פּאַניע ווישינסקי, פון יענער זייט, און מיט איר איז געווען אַ מיידל...
— אַ מיידל? — האָט ווישינסקי איבערגעפרעגט.
— יאָ, אַ מיידל — און יאַנקל האָט אַ רייד געטאָן אַזוי ווי אַמאָל צווישן די באַלעגאָלעס אויפן גזשיבאָוו — אַ מויד, אַ ברען!...

אַדעק ווישינסקי איז אין יענעם אָוונט נישט געגאַנגען אין נאַכט־קלוב אָאַזע, ווו זיינע גוטע ברידער האָבן אויף אים געוואַרט. בערטאַס שטילע, גרינלעכע אויגן, וועלכע ער האָט שוין אַזוי פיל יאָרן נישט געזען, האָבן אַרויסגערופן אַן אומרו אין זיין האַרץ. ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן בערטאַן, ווי וועגן אַ פרוי, וואָס מ׳קאָן האָבן. נישט ווייל זי איז געווען זיין בעסטן פריינד, עפּשטיינס, פרוי. אַדעק ווישינסקי האָט זיך מיט אַזעלכע קלייניקייטן נישט גערעכנט. צונעמען ביי אַ פריינד זיין ווייב און זיך מיט איר אַ שפּיל צו טאָן, איז פאַר אים געווען אַ ספּאָרט. אין בערטאַס האַלטונג איז אָבער שטענדיק געווען עפּעס

אַזעלכעס, וואָס האָט אַזאַ געדאַנק נישט צוגעלאָזט. און יעדן מאָל, ווען ער איז געזעסן אין איר שטוב, האָט ער זיך דערפילט עפּעס ריינער, דערהויבענער, ווי אַמאָל אין דער שטוב פון זיין מאַמע.

— ביסטו שוין געווען ביי איר, יאַנקל? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— ניין — האָט זיך יאַנקל מודה געווען — ס'איז נישט אויסגעקומען, כ'האָב געמוזט אָוועקפאָרן. איר ווייסט דאָך, די הייניטיקע געשעפטן...

— נו, אויב אַזוי, גייען מיר גלייך! — האָט ווישינסקי אָפּגעפּסקנט און גענומען יאַנקלען אונטערן אָרעם.

ער האָט זיך עפּעס געשראָקן אַליין צו גיין צו בערטאַן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אויך ער איז שולדיק, אַז אַלע זענען שולדיק אין דעם וואָס עס איז מיט איר געשען. אַלע האָבן זי פאַרלאָזט. אַלע. איר מאַן, עפּשטיין, האָט דעמאָלט געזען נאָר זי, לאַניאַן. און אויך די פריינד האָבן זי פאַרגעסן. קיינער איז נישט געווען, ווען זי איז געלאָפן אין מיטן דער נאַכט צום פּאָלקאָווניק פּיאָטר קאָמאַראָוו, קיינער...

געוויס, בערטאַ וועט וועגן דעם מיט אים נישט ריידן. זי איז צו שטאָלץ פאַר עמיצן זיך צו באַקלאָגן. אירע שטילע גרינלעכע אויגן וועלן אָבער מיט שטומען טרויער אים מער באַשולדיקן, ווי די האַרבסטע רייד. ער האָט נישט געוואָלט זיין אַליין בכדי זיך צו טרעפן מיט דעם דאָזיקן שטומען פאַרוואורף.

ער האָט אויף דער גאַס געהאַלטן יאַנקלען אונטערן אָרעם, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל פון אים אין מיטן וועג נישט אַנטלויפן.

— און עפּשטיין? — האָט ער גייענדיק אַ פרעג געטאָן — ער ווייסט, אַז בערטאַ איז דאָ?

— יאָך ווייס נישט — האָט יאַנקל קורץ געענטפערט.

ביי בערטאַס טיר איז ווישינסקי געבליבן שטיין אַ מאָמענט ווי ער וואָלט נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו טאָן. און, ווי שטענדיק ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט ער מיט איבערגעטריבענער דרייסטקייט פאַרדעקט זיין נישט אַנטשלאָסנקייט. ער האָט ברייט אַ פראַל־אויף געטאָן די טיר. ער איז אַריין אין צימער מיט רעש און נאָך איידער עמיצער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַ וואָרט אויסצוריידן,

האָט ער שוין געהאַלטן בערטאַן ביי ביידע אָרעמס און זי געשאָקלט,ריידנדיק שנעל און האַסטיק:

— ביסטו בערטעלע, ביסטו!... האָסט געמיינט זיך פון אונדז צו אויסבאַהאַלטן, כע־כע־כע!

ער האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. ער האָט נישט אויפ־געהערט צו ריידן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַנטשוויגן צו ווערן. ער האָט געקוקט אויף בערטאַן און געלאַכט מיט אַ ברייט געלעכטער:

— האָסט אויף אַ האָר זיך נישט געענדערט, בערטאַ, אויף אַ האָר נישט. און מיר אַלע דאָ זענען שוין געוואָרן אַלטע יידן, זעסט — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין פליך — איך בין שוין אויך אַ קאַנדידאַט אין מושב זקנים... די וואַרשעווער מיידלעך זאָגן עס שוין מיר אָפן, אַזעלכע חוצפהניצעס, הע־הע־הע!...

אַדעק ווישינסקי האָט גלייך פול געמאַכט מיט זיך די שטוב. ער האָט נישט געוואָרט ביז בערטאַ וועט אים באַקענען מיט סאָניען. ער איז גלייך צו צו דעם מיידל, האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן בליק פון קאָפּ ביז די פיס. זיינע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט:

— דאָס ביסטו? — האָט ער פאָטערלעך איר אַ גלעט געטאָן אי־בערן פנים און זיך צעלאַכט — נו, ווער נישט רויט, מיידעלע, איך בין שוין אַן אַלטער ייד, מעג איך שוין...

ער האָט זיך אומגעדרייט צו בערטאַן און אָננעמענדיק סאָניען לייכט ביי דער גאָמבע האָט ער מיט שרייעוודיקער לוסטיקייט גערעדט:

— ווו האָסטו זי געפונען, בערטאַ? זי וועט דאָך גאַנץ וואַרשע פאַר־דרייען דעם קאָפּ! גאַנץ וואַרשע! אויף מיין וואָרט מעג מען שטעלן! ווי הייסטו, מיידעלע? סאָניע? סאָניעטשקע? איך זאָג דיר, אַז אַלע מע־נערישע הערצער וועלן ליגן דיר צו די פיס... מיין האַרץ האָסטו שוין, סאָניעטשקע, דאָס האַרץ פון אַן אַלטן ייד, וואָס גרייט זיך אין מושב זקנים...

— נו, יונגערמאַן, — איז ער צו צו פיניען, וועלכער איז געזעסן אויף אַ שטול אַ צעטומלטער — מיר האָבן זיך נאָך נישט באַקענט, דאַכט זיך...

ווישינסקיס טומלדיקער אַריינקומען האָט פיניען צעמישט. ער האָט עסנדיק אין דער גאָרקיך זיך אַזוי געפרייט מיט דעם אָוונט וואָס ער

וועט פאַרבערענגען מיט סאָניען און בערטאַן. ער איז געזעסן און זיך צו־געהערט ווי סאָניע דערציילט ווי אַזוי עס זעט אויס דער ווינטער אין ווייטן לעגענדאַרן סיביר. און מיטאַמאָל איז אַריינגעקומען דער פּאַרשוין מיט דעם קיילעכדיקן בייכל און חוצפּהדיקע שוואַרצע אייגעלעך און האָט אַלץ צעשטערט. ער האָט מיטאַמאָל צוגענומען פאַר זיך אי בערטאַן, אי סאָניען. וואָס וויל ער דאָ? ווער איז ער? דער פאַן פּרעזעס פון דער סענאַטאָרן־גאַס? דער פאַן פּרעזעס, וואָס האַלט אַזעלכע שאַרפע רעדעס קעגן די אַנטיסעמיטן?

פּיניע האָט נישט קיין צייט געהאַט אַפילו צו טראַכטן. ווישינסקי האָט אין עטלעכע מינוט באַוויזן צו וויסן אַלץ אויך וועגן אים, פּיניען. פון זיינע האַלבע אָפּגעהאַקטע ענטפערס האָט ווישינסקי גלייך אַלץ גע־ווּסט וואָס מיט פּיניען איז ביז היינט געשען.

— נו, נו, יונגערמאַן, — האָט ער פּיניען גוטברודעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — לערן, לערן, יונגערמאַן, מיר דאַרפן היינט האָבן אַזעלכע יונגעלייט!...

בערטאַ האָט דערלאַנגט טיי.

ווישינסקי האָט געקוקט אויף בערטאַס לאַנגע פינגער, ווען זי האָט צוגערוקט צו אים דאָס גלאָז טיי.

— עס דערמאָנט מיך די אַמאָליקע יאָרן — איז עפּעס געווען אַ מידקייט אין ווישינסקיס ביז איצט פריילעכער שטים.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז בערטאַס בלייכע הענט האָבן אַ ציטער געטאָן, ווען זי האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז. ער האָט גלייך, מיט אַן איבערגעטריבענער פריילעכקייט, גענומען ריידן צו פּיניען:

— האַ, יונגערמאַן? מ׳איז שטאָלץ, וואָס מ׳האָט זיך אַרויסגעריסן פון חסידים־שטיבל? געפירט אַ קאַמף מיט פרומע טאַטע־מאַמע, נישט וואָר, יונגערמאַן? פונדעסטוועגן מעגן די אַלע יונגעלייט וויסן — האָט ווישינסקי שוין גערעדט צו אַלע — אַז עס זענען געווען נאָך פ אַ ר זיי אַזעלכע בריהס!

ווישינסקי האָט זיך צעלאַכט מיט זיין ברייט זאַרגלאָזן געלעכטער און צוגעוואָרפן מיט אַ שעלמישן ווונק:

— די דאָזיקע יונגעלייט דערמאָנען מיך אָן דעם נאַיוון בחור וואָס

מיינט, קושנדיק צום ערשטן מאָל זיין מיידל, אַז ער איז עס טאַקע געווען דער ערשטער צו אַנטדעקן דעם קוש. — ער האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט פון זיין אייגענעם וויץ און ווייטער גערעדט צו פּיניען:

— יאָ, יאָ, יונגערמאַן, איך האָב אויך אַמאָל געטראָגן פּיאהלעך און שבת אַ זיידענע קאַפּאָטקע. יאָ, יאָ, אַזוי איז עס. עס איז שוין אַלץ געווען, מיין טייערער. נישט מער, וואָס מיר האָבן אויסגעטראָטן פאַר אייך דעם וועג. אַמאָל איז געווען שווער פאַר אַ יינגל אויף גזשיבאָוו צו ווערן אַ גוי. אוי, ווי שווער! און היינט גייט עס איינס־צוויי, און מ׳ווערט גלייך אַ דייטש...

ווישינסקי האָט געזופּט די טיי און אַ ווייל געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט די אַמאָליקע יאָרן, ווען עס איז שווער געווען צו ווערן אַ גוי. ער האָט אַ מעלאַנכאָלישן שמייכל געטאָן און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— היינט איז אַלץ לייכט געוואָרן, שוין צו לייכט...

פּיניע האָט אין זיך געטראַכט, אַז עס איז נישט אמת וואָס דער ווישינסקי זאָגט: אים, פּיניען, קומט גאָרנישט אָן אַזוי לייכט. ער האָט זיך נישט ווייניק אָנגעליטן. ער ווייסט נישט פונוואַנען ער וועט מאָרגן נעמען די פּאָר גראָשן אויף דער זופּ. און נישט בלויז אין זיין מיטיק גייסט עס. עס גייט וועגן קאַמף פאַר סאָציאַליזם און פאַר גערעכטיקייט און פאַר אַ יידיש לאַנד. ער האָט געשוויגן, פּיניע. ער איז געווען נישט דרייסט צו ריידן מיטן פאַן פּרעזעס, וואָס פאַרשרייט אַלע מיט זיין געלעכטער און וויצן.

ווישינסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף פּיניעס פאַרכמורעט פּנים און אַ לאַך געטאָן:

— מ׳איז אַ סאָציאַליסט, יונגערמאַן? מ׳חלומט איבערצוקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ? האַ?

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און שוין גערעדט צו אַלע:

— נו, געוויס, וועלכעס יידיש יינגל הייבט נישט אָן מיט סאָציאַליזם און מיט וועלן מאַכן אָרדענונג אויף דער וועלט! איך בין אויך אַזוי געווען, כ׳האָב אויך געוואָלט מאַכן אַן אָרדענונג. ווו נעמט מען זיי צוריק די דאָזיקע נאַרישע יינגלשע צייטן!

ווישינסקי האָט דערציילט, ווי אַזוי די יינגלעך פון טוואַרדע גאַס

און פון גזשיבאָוו זענען אַמאָל געוואָרן סאָציאַליסטן, האָבן אויסגעשטעלט פייגן דעם צאַרס זשאַנדאַרמען, האָבן געשמוגלט טריף־פּסולע ליטעראַטור הינטערן טלית־קטן, האָבן אָפּגעהאַלטן רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען אין חתונה־סאַליעס און די חופּה איז געשטאַנען גרייט, טאָמער קומען אַריין די פּאָליציי־לייט...

ווישינסקי האָט זיך צעוואָרעמט. דער ציגישער שמייכל איז פאַרשוונדן פון זיינע דיקע זינלעכע ליפּן. זיין פּנים איז יינגער געוואָרן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער נעמט איצט אָנטייל אין די אַמאָליקע שטורמישע וויכוחים אויף די רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען, אַז ער שאַפט איצט „פּאַפּירן" פאַר חברים, וואָס זענען אַריינגעפאַלן און מען דאַרף זיי משלח זיין אויף יענער זייט גרענעץ.

— איך געדענקט די מעשה פון חומש, ווי די מענטשן זענען געקראָכן אויפן טורעם, אַלץ העכער און העכער, און זיי האָבן געמיינט, אַז אָט־אָט און זיי דערגרייכן דעם הימל... אַזוי האָבן מיר אַמאָל געמיינט, נאַרישע יינגלעך געווען...

— ווער ווייסט, אפשר וועלן אַנדערע דערגרייכן — האָט פּיניע דערפילט אַ רויטקייט אַרויסריידנדיק די ווערטער.

— האָסט רעכט, יונגערמאַן. — האָט ווישינסקי געזאָגט ערנסט צו פּיניען. — הער זיך נישט צו צו אַזאַ אַלטן ציניקער ווי איך און — גלויב!...

ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ ציגאַר, האָט זאָרגפעלטיק אַרומגעשניטן דעם שפּיץ, האָט מיט הנאה פאַרצויגן אין זיך דעם רויך און איבערגעגאַנגען צו שטאָט־רכילות.

ער האָט דערציילט וועגן די אַלטע גבירים, וואָס זענען אַראָפּ און געוואָרן אָרעמעלייט צוליב דער מלחמה מיט יעקע נאַר, און וועגן די נייע גבירים, וואָס זענען איבערנאַכט אויסגעוואַקסן און וועלכע ווילן זיך איינקויפן אין יחוס מיט שיינע שידוכים, צדקה און כיבודים.

— און איך מאַך דערביי אַ לעבן — האָט ווישינסקי זיך צעלאַכט — מען מוז דאָך זיי לערנען, די לייט...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַנקלען און געזאָגט:

— זעסט, אונדזער יאַנקל איז אויך שוין אַ גביר...

— ער האָט עס מיר געזאָגט — האָט בערטאַ זיך אָנגערופן.

— און איך מוז אים נעמען אין דער אַרבעט — האָט אים װישינס־קי אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלײצע — נישקשה, יאַנקל, מ׳װעט פון דיר מאַכן אַ לײַט!

יאַנקל האָט געשמײכלט. װישינסקי האָט געהערט נאָך צו די אַלטע באַקאַנטע פון ר׳ לױס צײַטן, פון װעלכע יאַנקל האָט נישט פאַרלאַנגט קײן כבוד און פאַר װעלכע ער װאָלט נאָך הײַנט געװען גרײט אײַנצו־שפּאַנען פערד און װאָגן.

װישינסקי האָט באַלד פאַרגעסן אָן די גבירים און איז איבערגעגאַנ־גען צו די װײַבער. זײַן װיסן איז אױף דעם געביט געװען אומדערשעפּ־לעך. ער האָט געקענט אַלע װאַרשעװער שײנקײטן פון די ייִדישע און גױישע גאַסן, און ער האָט געגנוי געװוּסט װעמען יעדן פון זײ פאַרדרײט הײַנט דעם קאָפּ. ער האָט געדענקט אַלע סקאַנדאַלן און אַלע טראַגעדיעס און װער עס צעגײט זיך הײַנט מיטן װײַב און װער מאָרגן. ער האָט גע־לאַכט הױך פון זײַנע פּיקאַנטע מעשיות און צום סוף געזאָגט:

— נו, זעסט, בערטאַ, איך בין געבליבן דערזעלבער פלאַטער־קאָפּ, װי אַמאָל, כאָטש דער פליך און דאָס בײַכל װערן בײַ מיר גרעסער פון טאָג צו טאָג. איך פּלאַפּל װי אַמאָל די גאַנצע צײַט און לאָז קײנעם נישט קומען צום װאָרט.

ער האָט אַ האָסטיקן זופּ געטאָן פון גלאָז טײ און מיטן פינגער גע־דראָט בערטאָן:

— מײַן אָבער נישט, אַז דו ביסט „מײַנע פּטור״. כ׳װעל זיך אַ נעם טאָן צו דיר און דעמאָלט, בערטאַ, װעסטו מיר מוזן אַלץ, אַלץ דער־צײלן, אָבער טאַקע אַלץ!...

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט אָבער װישינסקי װײַטער אַלײן גערעדט. ער האָט געלאָזט צורו די װײַבער מיט זײערע ליבעס. דערפאַר האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו די מענער. האַ! האַ! װאָס מיט דעם װאַרשע איז גע־שען!... װעסט נישט דערקענען דײַנע אַלע באַקאַנטע, בערטאַ, װעסט זײ אסור דערקענען!... זײ גײען אַלע אױף שטאָלצן. יעדער װיל װערן גרע־סער, װי ער איז. יעדער װיל צוהעלפן דעם רבונו של עולם און צוגעבן זיך נאָך אַ שטיקל װוּקס. אַ גערעטעניש אױף גרױסע מענטשן בײַ אונדז דאָ געװאָרן. װאָס זאָג איך אַ גערעטעניש! עס איז אַ פאַרפלײצונג! אַ מבול! בײַ די גױים און בײַ די ייִדן. אַלע מאַכן זיך צוגלײַך צום נאַר.

אַלע ווילן זיי ווערן גרויסע לייט. מיניסטאָרן, דיפּלאָמאַטן, גענעראַלער און סענאַטאָרן! אַזאַ צרה געוואָרן אויף אונדזערע אַלטע קעפּ, אַזאַ צרה. און יעקע נאַר שטייט אָן אַ זייט און רייבט זיך די הענט און לאַכט. יידן רופן אים טאַקע יעקע נאַר, אָבער די אמתע נאַראָנים האָט ער פון אונדז געמאַכט. ער נעמט ביי אונדז צו דאָס העמד פון לייב. אויף דער גאַס דרייען זיך אַרום מענטשן געשוואָלענע פון הונגער. דאָקטאָר בעלקין האָט זיך שוין געקויפט דאָס דריטע הויז פון זיינע טיפוס קראַנקע. נאַר יעקע ווייסט, אַז קיינער טראַכט אַפילו נישט וועגן דעם. מען לויפט אויף פאַר־זאַמלונגען. יעדן טאָג ווערן געבוירן נייע פּראָגראַמען. מען אַמפּערט זיך, מען פאַרשיכורט זיך פון דער פרייהייט צו ריידן נאַרישקייטן, מען האַלט אין איין פאַרזאָרגן די וועלט, דאָס לאַנד, דאָס יידישע פאָלק. די שקצים מעסטן זיך אָן גענעראַלסקע שליפעס און די יידעלעך ווילן ווערן פאָלקס־פירער, דעפּוטאַטן, סענאַטאָרן און ווער ווייסט וואָס נאָך... ניין, ניין, בערטאַ. איך טרייב נישט איבער. און אויך איך אַליין בין געכאַפּט אין דער מעשה. איך וויל אויך ווערן אַ גרויסער מענטש. איך האַלט רעדעס, קלאַפּ אין טיש, שטעל אַרויס פאָדערונגען. זאָל ער זאָגן ,יאַנקל, האָב איך היינט פאַר זיי, פאַר די סוחרימלעך מיינע, נישט אָוועקגעלייגט אַ פייער־דיקע רעדע, אַיאָ?

ווישינסקי האָט נישט געוואַרט אויף יאַנקלס ענטפער. ער האָט ווייַ־טער גערעדט. זיין ריידן איז געוועזן אַ געמיש פון חוזק פון אַלע און פון זיך אַליין און גלייכגילטיק פון שטוינען פון נישט קאָנען באַנעמען וואָס עס קומט פאָר אַרום אים און מיט אים. וואָס קומט דאָ פאָר מיט די מענטשן און מיט מיר אַליין? — האָט זיך געפילט פון זיינע ניין מאָס רייד, אַז ער קאָן נישט פאַרשטיין. געדאַנקען, געפילן, ווילנס, שטרע־בונגען, חלומות, אַמביציעס, וועלכע מען האָט דורות לאַנג געמוזט אונ־טערדריקן אין זיך, באַהאַלטן פאַר דעם שאַרפן אויג פון דעם צאַרס זשאַנדאַר, האָבן מיטאַמאָל געטאָן אַ שפּאַר אַרויס אויף דער פריי און זיי האָבן זיך געלאָזט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד און מיטגעריסן מיט זיך אַלט און יונג, קלוגע און נאַראָנים, פאַרזיכטיקע, מיושבדיקע באַלעבאַ־טים, און געבוירענע אַוואַנטוריסטן.

— און אַממערסטן וווּנדערן מיך זיי, די חסידים מיט די בערד און פיאות! דאַכט זיך, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט קיין צוויי ציילן,

זיי האָבן מער נישט געוווסט ווי דאָס שטיבל און דער רבי, און דאָ — נאַדיר, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אַלע קונצן מיט רעדנער און פאַר־זאַמלונגען, מיט פּראָגראַמען און מיט „געבן דאָס וואָרט״, אַז כ׳זאָג דיר מען מוז מויל און אויערן עפענען...

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט אַזוי ווישינסקי אָפּגערעדט וועגן די אַלע חידושים, וואָס איז מיט דעם וואַרשע געשען. ער האָט ענדלעך אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און ווענדנדיק זיך צו יאַנקלען און פּיניען, אַ זאָג געטאָן:

— נו, חברה, גענוג פאַר היינט, מען דאַרף גיין.

שוין ביי דער טיר שטייענדיק, איז ער האַסטיק צו צו בערטאַן, ווי ער וואָלט נאַרוואָס אַן עפּעס זיך דערמאָנט. די פריערדיקע חוצפה האָט זיך מיטאַמאָל פון אים אָפּגעטאָן. זיין טונקלהויטיק פּנים האָט באַקומען אַן אויסדרוק פון יינגלשער אומדרייסטקייט און ער האָט געשטאַמלט:

— זיי מוחל, בערטאַ, פאַר די ניין מאָס רייד. דער עיקר, פאַר־שטייסט, אפשר קאָן איך מיט עפּעס, דו ווייסט דאָך, בערטאַ...

— אַ דאַנק, אַדעק. — האָט אים בערטאַ גלייך געמאַכט דעם קאָל־נער פון פּאַלטאָ — דערווייל דאַרף איך גאָרנישט. ביי יאַנקלען האָב איך גענומען געבאָרגט...

— ביי יאַנקלען?... — האָט ווישינסקי אַ קוק געטאָן צו יאַנקלען, וועלכער איז געשטאַנען לעבן סאָניען מיט צעגליטע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרשלינגען דאָס מיידל.

— יאָ, ביי יאַנקלען, — האָט בערטאַ צוגעגעבן — ער האָט אונדז פיל געהאָלפן און איצט אַרבעט איך ביים ראַבינער פּערסקי אין דער ביבליאָטעק.

— אַזוי, אַזוי, ביים ראַבינער פּערסקי... — האָט ווישינסקי גע־רעדט און נישט געוואָגט צו פרעגן, צי זי האָט שוין געזען עפּשטיינען מיט די קינדער.

בערטאַ האָט ווי אַרויסגעפילט די נישט אַרויסגעזאָגטע פראַגע און זי האָט שטיל געזאָגט:

— דניאל ברענגט אָפט אַרויף צו מיר סאַמעקן און רעגינקען. זיי זענען נאָך אַביסל פרעמד ווי קינדער, וואָס זעען לאַנג נישט עמעצן.

זי האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכל און מיט

באַהערשטער רואיקייט, נאָר ווישינסקין האָט זיך געדאַכט, אַז איר קול האָט דערביי אַ ציטער געטאָן.

ווישינסקי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און מיט אַ געמאַכטן גע־בייזער אַ זאָג געטאָן צו יאַנקלען און פּיניען:

— קומט! וואָס וואַרט איר, אַז בערטאַ זאָל אונדז אַרויסוואַרפן?

ער איז מיט האַסטיקע טריט, האַלב געלאָפן איבער די טרעפּ, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ ווו געאײַלט. ווען זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, איז ווישינסקי געבליבן שטיין און געפרעגט ביי פּיניען:

— נו, וווהין גייט מען איצט?

פּיניע האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אָבער ווישינסקי האָט אַליין געהאַט דעם ענטפער:

— וואַרט, יונגעלייט! — האָט ער מיט זיין געוויינלעכן אימפּעט אויסגערופן — דאָ נישט ווייט איז דאָ אַ רעסטאָראַנדל, מיט די אמתע יידישע לעבערלעך, קומט, חברה!

דער קעלנער האָט זיך טיף פאַרבייגן ווען ער האָט דערזען דעם פאַן פּרעזעס און ווישינסקי האָט, מיט דער געניטשאַפט פון אַ קולינאַרן קינסט־לער, געגעבן אים זיינע באַפעלן.

די געשמאַקע מאכלים האָבן ביי פּיניען דערוועקט דעם הונגער. עס האָט זיך אים אָבער געדאַכט, אַז ווישינסקי און יאַנקל ווייסן אַז ער איז הונגעריק. האָט ער אַוועקגערוקט דעם טעלער, זאָגנדיק:

— איך וועל בלויז טרינקען אַ טיי...

ווישינסקי אָבער האָט זיך נישט געלאָזט פאַררײדן די ציין. ער האָט דערזען דעם גלאַנץ אין פּיניעס אויסגעהונגערטע אויגן.

— נו, נו, יונגערמאַן — האָט ער פּיניען אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער קני — יעקע גיט אונדז אַזעלכע קעסט, אַז מיר קאָנען שטענדיק עפּעס אָפּעסן, נישט וואָר, יאַנקל?

יאַנקל האָט שוין געהאַט אַ פול מויל און בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ...

פּיניע האָט זיך איבערגעבעטן מיט די מאכלים און ווישינסקי האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז זיין טעלער זאָל נישט בלייבן ליידיק.

— דער יינג איז הונגעריק — האָט ווישינסקי געקוקט ווי פּיניע עסט האַסטיק — ווער ווייסט, ווילאַנג ער האָט שוין נישט געגעסן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ווישינסקי האָט שוין אַלץ גע־ווּסט וועגן פּיניען. האָט געוווּסט, אַז ער לערנט אויפֿן אוניווערזיטעט צוזאַמען מיט סאָניען, אַז ערשט נישט לאַנג האָט מען אים געהייסן גיין פֿון שטיבל, אַז ער אַרבעט ביי אַ דרוקער, נאָר לעצטנס איז קיין אַרבעט נישטאָ. דאָס איבעריקע האָט ווישינסקי שוין אַליין פֿאַרשטאַנען.

ווישינסקי האָט געהייסן דערלאַנגען ביר. ביי פּיניען האָט זיך אַביסל געדרייט דער קאָפּ פֿון די געשעעניש אין דעם אָוונט, פֿון זיין באַקאַנט־שאַפֿט מיט דעם פּאַן פּרעזעס, ווישינסקי, וואָס איז טאַקע אַ קלאַסן־פֿיינט, אָבער פּאָרט אַ מענטש וועלכן אַלע קענען. ער איז געווען באַ־רוישט פֿון די מאָדנע רייד, וואָס ער האָט זיך הייַנט אָנגעהערט פֿון דעם פּאַן פּרעזעס. ער האָט נאָך נישט געגעבן באַנומען די דאָזיקע רייד, ער האָט אָבער געפּילט, אַז זיי האָבן נאָך פֿאַרגרעסערט זיין אינערלעכע צע־טומלטקייט. די משקה, צו וועלכער ער איז נישט צוגעוווינט געווען, האָט פֿאַרשטאַרקט זיין באַרוישונג. ער איז געזעסן מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן און מיטאַמאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז סאָניע שטייט לעבן אים און ער אָטעמט אין זיך אַריין דעם ריח פֿון איר לייב. אויף זיין פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ גליקלעכער שמייכל.

ווישינסקי האָט זיך צוגעבויגן צו יאַנקלען און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— מען דאַרף פֿאַר דעם יינגל עפּעס טאָן.

יאַנקל האָט געטאָן אַ שטעק אַריין די האַנט אין טאַש.

— לאָז צורו דיין קעשענע, יאַנקל. ער וועט נישט נעמען ביי דיר קיין נדבה. דו גיב אים אַרבעט.

— ער וועט נישט טויגן צו אונדזער אַרבעט — האָט יאַנקל מיט זיכערקייט געזאָגט.

— געוויס וועט ער נישט טויגן צום שמוגל — האָט ווישינסקי אַ שמייכל געטאָן — ער טויג צו עפּעס אַנדערש. דו פֿירסט דאָך שוין הייַנט גרויסע עסקים מיט די יעקעס און מיט די אַנדערע, נו, ווי גיסטו זיך אַן עצה, אַז מען דאַרף עפּעס אָנשרייבן?

— ס׳איז טאַקע ביטער — האָט יאַנקל זיך אַ קראַץ געטאָן.

— נו, פֿאַרשטייסט, וועט ער, פּיניע, זיין דער סעקרעטאַר. אַלע גרויסע סוחרים, אַפֿילו אַזעלכע וואָס קאָנען אַליין שרייבן, האָבן זיך סעקרעטאַרן...

— אַ שרייבער, ווי ביי ר׳ לווין? — האָט יאַנקל געפרעגט.

— יאָ, אַ שרייבער — האָט ווישינסקי באַשטעטיקט — נאָר היינט רופט מען אים סעקרעטאַר. פאַרשטייסט, אַז מען האָט אַ סעקרעטאַר, איז גאָר אַן אַנדערער דרך־ארץ, יאַנקל.

יאַנקלען איז דער נאָמען „שרייבער" בעסער געפעלן. דעם נאָמען האָט ער געדענקט פון זיינע באַלעגאָלע צייטן, אויפן גזשיבאָוו. ר׳ לויס שרייבער האָבן זיך מיט יאַנקלען געשאָפט ווי מיט אַ משרת. נו, איז טאַקע גוט איצט צו האָבן אַן אייגענעם שרייבער. נאָר אַז ווישינסקי זאָגט, אַז היינט דאַרף מען אים רופן סעקרעטאַר, מילא, זאָל זיין סע־קרעטאַר. און ער האָט אויך מסכים געווען מיט ווישינסקין, אַז אַ סע־קרעטאַר מוז קריגן אַ פיין געהאַלט זיך צו קאָנען קליידן לייטיש און אָפּעסן ווי עס דאַרף צו זיין.

— נו, יאַנקל, ווען סטו האָבן גאָר אַ וואַזשנעם סעקרעטאַר, זאָג איך דיר — האָט אים ווישינסקי פאַרזיכערט — איך וועל באַלד מיט אים אַ רייד טאָן.

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס. אַ קאַלטער ווינט האָט פּיניען אויס־געניכטערט. ער האָט געפילט אַ דערשטויגטן בליק פון ווישינסקין צו יאַנקלען. מיט עטלעכע שעה פריער האָט ער נאָך קיינעם פון זיי נישט געקענט. איצט ריידן זיי וועגן אים, ווי ער וואָלט געווען זייער אייגנטום. וואָס ווילן זיי פון אים? וועמענס סעקרעטאַר זאָל ער זיין? אַט דעם פאַרשווינס, וואָס האָט ביי בערטאַן אין שטיב מיט די אויגן געפרעסן סאָניען? פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָל ער, פּיניע, זיין סעקרעטאַר? און בכלל וואָס וועט ער דאַרפן טאָן? און צי וועט ער וויסן וואָס צו טאָן? וואָס וועט זיין מיטן דרוקער? ווייניק מי האָט ער אַוועקגעגעבן זיך אויסצו־לערנען די מלאכה און איצט גאָר זאָל ער דאָס אַלץ אַוועקוואַרפן?

פּיניע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט געוואָלט ווישינסקין און יאַנקלען אויפקלערן, אַז ער מוז זיך פריער איבערלעגן. ער וועט זיך מאָרגן מיישב זיין וואָס און ווען, צי ער זאָל ווערן יאַנקלס סעקרעטאַר.

איידער אָבער פּיניע האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט שוין ווי־שינסקי אַ ווונק געטאָן צו אַ פאַרבייפאָרנדיקער טאַקסי.

דער שאָפער האָט געעפנט דאָס טירל פון זיין מאַשין און ווישינסקי האָט, אַרויפשטעלנדיק אַ פוס אויפן נידעריקן שוועל, גערעדט צו פּיניען:

— הכלל, דער ענין איז דערלײדיקט. מאָרגן אינדערפרי קומט איר צו פאַן יאַקוב האַרט, צו דער אַרבעט, און זאָל אײַך בײדע זײַן צו מזל.

ער האָט נישט געוואַרט אויף קײן ענטפער. ער האָט אַרויסגעזאָגט זײַן פּסק ווי אַן אורטײל, וואָס אַלע מוזן אָננעמען.

ער האָט אַ זאָג געטאָן צו יאַנקלען:

— נו, און דו, יאַנקל, פאָרסט דאָך מיט מיר.

יאַנקל איז אײַנגעשטיגן אין דער טאַקסי, דער שאָפער האָט פאַר־האַקט דאָס טירל און אין אַ מינוט אַרום איז די מאַשין פאַרשוווּנדן פון פּיניעס אויגן.

פּיניע איז געבליבן שטײן אין מיטן גאַס און מיט צעטומלטע אויגן געזוכט די פאַרשוווּנדענע טאַקסי.

ער איז געשטאַנען אַזוי אַ לאַנגע װײַל מיט אַ האַלב צעעפנט מויל. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פון די עטלעכע גלעזלעך בראַנפן און ביר האָט זײַן צעמישטער קאָפּ אויסגעטראַכט די גאַנצע מעשה מיט זײַן סעקרעטאַרסטווע. ער האָט דערפילט אין האַנט אַ שאַרך צווישן די פינ־גער פון זײַן צונויפגעקוועטשטער האַנט. ער האָט געעפנט די האַנט און זײַנע אויגן האָבן פאַרוווּנדערטע געקוקט אויף דעם פּעקל בלאָ־גרינע דײַ־טשע מאַרקן.

ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער פאַרשוין, וואָס אַמאָל רופט אים ווישינסקי יאַנקל און אַמאָל פאַן האַרט, האָט אים, בײַם געבן די האַנט צום געזעגענען, אַרײַנגעשטופּט דאָס פּעקל געלט. איצט האָט פּיניע שוין געוווּסט, אַז סעקרעטאַרסטווע איז נישט קײן אויסגעטראַכטע מעשה. זינט ער לעבט האָט ער נאָך אַזוי פיל געלט מיטאַמאָל אין זײַן האַנט נישט געהאַט. הײסט עס, אַז עס איז טאַקע אמת, אַז מאָרגן אינ־דערפרי דאַרף ער גײן צו דער אַרבעט צו דעם פאַן האַרט.

פּיניע האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זײַן פּאַלטאָ. עס איז אים מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן.

די גאַס איז געלעגן אַן אויסגעלײדיקטע, אַן אײַנגעשלאָפענע. די גרויסע שויפענצטער פון די קראָמען האָבן מיט פינצטערע אויגן געקוקט אויף פּיניען ווי אויף עמעצן וואָס שטערט די מנוחה פון דער נאַכט. דער נאַכט־טראַמוויי איז מיט אַ חוצפּהדיק געקלינגערײַ אַנגעלאָפן.

פּיניע האָט אים געלאָזט לויפן ווײַטער. ער האָט געהאַט אַ לאַנגן

וועג אַהיים, אָבער ער האָט זיך נישט געאײלט. עטלעכע מאָל האָט ער אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין זײַן טאַש און זײַנע פינגער האָבן אָנגע־טאַפּט די שאַרכנדיקע געלט־באַנקנאָטן. פּיניע האָט נישט געוווּסט וויפיל געלט יאַנקל, אָדער דער פאַן האַרט, האָט אים געגעבן. ער האָט נאָר אין דער פינצטער טאַפּנדיק געוווּסט, אַז עס מוז זײַן נישט ווייניק. וואָס וועט ער טאָן מיט אַזוי פיל געלט? יאָ, קודם כל וועט ער מאָרגן אויפ־זוכן דעם רעסטאָראַן, וווהין ווישינסקי האָט אים נאַרוואָס געפירט און זיך געהייסן דערלאַנגען די זעלבע מאכלים, וואָס ער האָט היינט געגעסן. היינט האָט ער זיך געשעמט פאַר די צוויי פּרעמדע צו האָבן די פולע הנאה פון די אַלע מאכלים. מאָרגן ערשט, ווען ער וועט זײַן אַליין, וועט ער פילן זייער אמתדיקן טעם. אָבער, ניין, אַ שאָד צו פּטרן אַזוי פיל געלט אויפן פרעס... מ׳טאָר נישט זײַן גלאָט אַ זולל וסובא.

מיט אַ שווער האַרץ האָט פּיניע זיך אָפּגעזאָגט פון דער גוטער סעודה, פאַרפאַלן. עס זענען דאָ וויכטיקערע זאַכן וואָס צו טאָן מיטן געלט. ער וועט מאָרגן באַלד אינדערפרי אַרײַנגיין אין איזאַקסאָנס גרויסער קראָם אויף דער ביעלאַנסקע גאַס. יאָ, נאָר צו איזאַקסאָנען וועט ער אַרײַנגיין. איזאַקסאָנס צוויי גרויסע שויפענצטער האָבן אים שטענדיק געצויגן צו זיך. אָ, וואָס מען קאָן אַלץ ביי דעם איזאַקסאָנען באַקומען!

און פּיניע שטעלט זיך פאָר, ווי סאָניע וועט אים באַוווּנדערן ווען זי וועט אים זען מאָרגן אַזוי אויסגעפּוצט, ווי דער פאַן ווישינסקי און דער פאַן האַרט.

פּיניע באַשליסט פעסט ביי זיך אויפצושטיין מאָרגן פרי און גלייך אַוועק אויף דער ביעלאַנסקע גאַס צו איזאַקסאָנען. נישט בלויז סאָניע, נאָר אויך זײַן מאַמע וועט מאָרגן מיט אַנדערע אויגן קוקן אויף אים. יאָ, די מאַמע. עס ווערט פּיניען מיטאַמאָל שווער אויפן האַרץ. פון דעם טאַטנס גרויסע שותפות־פּלענער מיט זײַן חבר, דעם הויכן משה, האָט זיך, ווי שטענדיק, אויסגעלאָזן אַ טייך. און יעדעס מאָל, ווען די מאַמע קומט צוריק פון געוועלבל, האָט זי פאַרויטלטע אויגן. זי זאָגט גאָרנישט, די מאַמע. אָבער פּיניע ווייסט, אַז דער קרעמער האָט ווידעראַמאָל איר דערמאָנט, אַז אַזוי ווייטער קאָן עס נישט גיין, אַז ער איז אויך נישט ראָטשילד און ער קאָן איר מער נישט געבן אויף באָרג. איז וועט ער זיך אויספּוצן ביי איזאַקסאָנען און זי, די מאַמע, וועט ווייטער ארומגיין

מיט פאַרוויינטע אויגן? ניין, ער וועט נישט גיין צו איזאַקסאָנען. ער וועט פאַר זיך פון דעם געלט קיין גראָשן נישט נעמען. ער וועט נישט גיין נישט אין רעסטאָראַן און נישט צו איזאַקסאָנען. ער האָט שוין לאַנג דער מאַמען נישט אַרויסגעהאָלפן. ער וועט איר אַלץ אָוועקגעבן. ער וועט אַפילו נישט איבערציילן דאָס געלט, נאָר אַלץ אַוועקלייגן אויפן טיש פאַר דער מאַמען. זי וועט עפענען אַ פּאָר גרויסע אויגן, די מאַמע. זי וועט פון פריידיקער דערשטוינונג נישט קאָנען אַרויסריידן קיין וואָרט. און ער וועט צו איר זאָגן:

— גיי, מאַמע, גיי אַראָפּ צו דעם קרעמער און קויף אַלץ וואָס דו דאַרפסט... דאַרפסט מער נישט קאַרגן... עס וועט דיר פון היינט אָן גאָרנישט פעלן...

דער מאַמעס צעקנייטשט פּנים וועט אויפלייכטן און דעמאָלט וועט ער צו איר זאָגן:

— פאַרשטייסט, מאַמע, איך בין געוואָרן סעקרעטאַר ביי דעם פאַן יאַקוב האַרט. יאָ, ער איז אַ מיליאָנטשיק, דער דאָזיקער האַרט, נו, דו פאַרשטייסט...

פיניע נעמט שטעלן האַסטיקע טריט איבער דער אויסגעליידיקטער גאַס. ער פילט זיך איצט שטאָלץ און געהויבן אין די אייגענע אויגן. ער האָט געגעסן היינט אָוונטברויט מיטן פאַן פּרעזעס ווישינסקי און ער איז דער סעקרעטאַר פון אַ מיליאָנער, יאָ, באַשטימט איז דער פאַן האַרט אַ מיליאָנער. אַנישט וואָרפט מען זיך נישט אַזוי מיט גאָרשטן געלט. די מאַמע פאַרשווינדט פון פיניעס אויגן. אַנשטאָט איר צעקנייטשט פּנים זעט ער פאַר זיך די רויטע פולע ליפּן פון סאָניען. אַ הייסער שטראָם לויפט דורך איבער פיניעס לייב.

ער זעט זי אָפט, סאָניען. ער זעט זי אין אוניווערזיטעט און אין דער ביבליאָטעק פון ראַבינער פּערסקי און אין בערטאָס האָטעל־צימער. אָבער שטענדיק זענען דאָ אויך אַנדערע מענטשן. ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען מיט סאָניען אַליין, אינגאַנצן אַליין. קיינער זאָל נישט זיין, נאָר ער און זי.

פיניען ווערט הייס פון דעם בלויזן געדאַנק צו זיין אַליין מיט סאָ־ניען. יאָ, איצט ווייסט ער וואָס ער האָט צו טאָן. ניין, ער וועט נישט גיין אין רעסטאָראַן זיך אָנפרעסן. ער איז איצט זאַט גענוג. און ער וועט

אויך נישט גיין צו איזאַקסאָנען. און די מאַמע? יאָ, די מאַמע מוז האָבן צו באַצאָלן דעם קרעמער. עס מוז דאָך אָבער נישט זיין שוין, מאָרגן... ער האָט געוואָרט אַזוי לאַנג, דער קרעמער, זאָל ער וואַרטן נאָך עטלעכע טעג. עס וועט אים נישט אַנטלויפן. ער וועט מאָרגן אַריינגיין צו דעם קרעמער און מיט אים ריידן אַ פּאָר שאַרפע ווערטער. יאָ, אַוודאי וועט ער אים זאָגן, אַז ער איז דעם פּאַן האַרטס סעקרעטאַר, און זאָל ער וויסן מיט וועמען ער האָט צו טאָן. און טאַקע מאָרגן וועט ער אויפזוכן סאַ־ ניען און זי איינלאַדן מיט אים צו פאַרברענגען אַ גאַנצן אָוונט. ער וועט אָפּשטעלן אין מיטן גאַס אַ טאַקסי, אַזוי ווי ווישינסקי און ער וועט הייסן פאָרן. יאָ, וווהין וועט ער דאָס סאַניען פירן? וואָס וויל ער איר ווייזן? פּיניע קאָן זיך נישט דעצידירן. אסתר רחל קאַמינסקי שפּילט מאָרגן אויף דער אַבאַזשנע גאַס „מירעלע אפרת‟. ער ווייסט אָבער נישט, צי דאָס איז דאָס ריכטיקע. די מיידלעך פון דער קאַרמעליצקע גאַס גייען אין יידישן טעאַטער. ער וואָלט אָבער געוואָלט סאַניען ווייזן עפּעס אַנ־ דערש. ער ווייסט, אַז עס זענען פאַראַן אַנדערע זאַכן צו זען. אָט, ווען ער פרעגט ווישינסקין, וואָלט ער אים שוין געוווסט וווהין ער זאָל גיין מיט סאַניען. ניין, ניין, ער וועט ביי ווישינסקין נישט פרעגן. און זיין נייעם באַלעבאָס, דעם פּאַן האַרט, וועט ער אויך נישט פרעגן. ער וועט ביי קיינעם נישט פרעגן. ער וועט שוין אַליין וויסן וואָס ער האָט צו טאָן.

פּיניע טראַכט מער נישט וואָס ער וועט מאָרגן טאָן מיט דעם גאַרשט געלט וואָס זיין נייער באַלעבאָס האָט אים אַריינגעשטופּט אין האַנט. ער טראַכט איצט וועגן דעם פּאַן פּרעזעס ווישינסקי און וועגן זיין נייעם באַ־ לעבאָס. אַ כעס דערוועקט זיך אין זיין האַרץ אויף זיי. ביז איצט האָט ער אין אַרבעטער־קלוב, אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, געהערט בלויז ריידן וועגן די רייכע, די געלטזעק, די בורזשויען, וואָס זויגן אויס דעם מאַרך פון די ביינער פון דעם אָרעמען מענטש. ער האָט זיי אָבער אַליין מיט זיינע אייגענע אויגן קיינמאָל נישט געזען, די דאָזיקע בורזשויען. אין שטיבל, אויף די נאַלעווקעס, האָט ער אויך אויף זיי זיך נישט אָנגעז־ שטויסן. אמת, אויך דאָרט, אין שטיבל, זענען דאָ נגידים און אָרעמעלייט. דער מרחק צווישן זיי איז אָבער געווען אַזאַ קליינער, אַז פּיניע האָט אים נישט אָנגעזען. אַלע טראָגן זיי די זעלבע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און די זעלבע שטריימלעך. אַלע פאָרן זיי אויף דער זעלבער קאַלייקע צום רבין.

און װען זײ נעמען אַביסל משקה יום־טוב און טאַנצן מיט פּאַררוקטע שטריימלעך און צוגעמאַכטע אויגן, איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן דעם נגיד און דעם אָרעמען חסיד. ניין, זיי זענען נישט די ריכטיקע בורזשויען, וועלכע עס איז אַ מצווה פיינט צו האָבן און מיט וועלכע פּי־ניע, צוזאַמען מיטן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, דאַרפן פירן אַן אומברחמנות־דיקן קאַמף.

אָט דער ווישינסקי און דער פאַן האַרט זיינער, זיי זענען די אמת־דיקע שונאים.

פּיניע גייט מיט האַסטיקע טריט איבער דער גאַס. ער האָט זיי איצט פיינט, די דאָזיקע צוויי לייט. ער זעט איצט פאַר זיך זיין פאָטער, דעם קליינעם זעליקל, מיטן אויסגעבליכטן פּנים, און עס דוכט זיך אים, אַז ווישינסקיס קליינע שטיפערישע אייגעלעך לאַכן פון אים, שפּעטן אָפּ פון זיין אָרעמקייט, רייצן זיך מיט אים. און ווי הייסט ער, דער נייער באַלעבאָס זיינער? — יאָ, דער פאַן יאַקוב האַרט, וואָס האַלט כסדר אין איין גלייכמאַכן זיך דעם שניפּס מיט דער בלישטשענדיקער בריליאַנ־טענער שפּילקע, לאַכט אויך פון זיין טאַטן און פון אים, פּיניען. ווי אַן אָרעמען אַ נדבה האָט ער אים אַריינגעשטופּט דאָס געלט אין האַנט.

— אַ כפּרה דיין געלט! — פּילט פּיניע ווי זיינע ציין קריצן פאַר כעס.

עס דאַכט זיך אים, אַז ווען ער וואַרפט איצט אַוועק אויף דער גאַס דאָס געלט און צעטרעט די באַנקנאָטן מיט זיינע פיס, וואָלט ער זיך נוקם געווען אַן זיי, פאַר זיך און פאַר זיין פאָטער און פאַר זיין מאַמען, וואָס קומט יעדעס מאָל צוריק פון דער קראָם מיט פאַרוויינטע אויגן. יאָ, צעטרעטן מיט די פיס. דאָס דאַרף ער טאָן. און עס דאַכט זיך אים, אַז ווען ער טוט דאָס, ווען ער וואַרפט אַרויס אויף דער גאַס די געלט־פּאַ־פּירלעך, וואָלטן זיי, דער פאַן פּרעזעס און דער פריינד זיינער, דאָס געפילט און זיי וואָלטן רויט געוואָרן פאַר חרפּה.

גלייכצייטיק ווייסט אָבער פּיניע, אַז ער וועט דאָס קיינמאָל נישט טאָן. ער וועט נישט האָבן קיין כוח דאָס צו טאָן. זיינע פינגער טאַפּן אומרואיקע די שאַרכנדיקע באַנקנאָטן אין דער טאַש. ניין, עס איז איבער זיינע כוחות זיך מיט זיי צו שיידן.

און דערפאַר ווערט זיין כעס נאָך גרעסער, עס דאַכט זיך אים, אַז

די לאַכנדיקע אויגן פון ווישינסקין רייצן זיך איצט מיט אים:
— אַנו, פּרוּװ זיי אָװעקװאַרפן...

צו פיניעס כעס קומט נאָך צו אַ געפּיל פון קנאה. ניין, נישט אויף זייער געלט איז ער אייפערזיכטיק, פיניע. ער איז מקנא זייער זיכערקייט אין זיך, זייער חוצפּה, זייער אומפאַרשעמטע דרייסטקייט.

ער, פיניע, האָט נאָך ביז היינט נישט געוואָגט מיט דער האַנט אָנצורירן סאָניעס אָרעם. יעדן טאָג זעט ער זי און ער פילט נאָך אַלץ די זעלבע אומדרייסטקייט ווי אין דעם ערשטן אָוונט, ווען זיי זענען אַריינגעקומען צו אים אין שטוב אויף נאָוואָליפּיע־גאַס. און דער ווי־שינסקי איז באַלד געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס אין בערטאַס שטוב. האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אין איין פּלאַפּלען און ער האָט געזען, ווי סאָניע האָט געלאַכט פון ווישינסקיס ביליקע וויצן. ער, פיניע, האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט אַזוי לאַכן. און די וויצן זענען פאַר אים נישט געווען געוואָג. מיט וואָס פאַרא פאַרשייטקייט האָט ער אָנגענומען סאָניען ביי דער גאָמבע און אַפילו איר געגלעט איבערן פּנים. פיניע איז געוואָרן בייז אויף סאָניען פאַרוואָס האָט זי אים דערלויבט אַזעלכע פריי־הייטן? האָט זי פאַרגעסן, אַז איר פאָטער און זיין פעטער יצחקל איז, צוליב די ווישינסקיס, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

פיניע איז געגאַנגען שטיל איבער די טרעפּ פון זיין הויז אויף נאָ־וואָליפּיע. ער האָט פאַרזיכטיק געעפנט די טיר און נישט מאַכנדיק קיין ליכט, כדי דער מוטער נישט איבערצוװעקן, האָט ער אין דער פינצטער זיך צוגערוקט צו זיין בעטל.

ער האָט לאַנג נישט געקאָנט שלאָפן. ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ער האָט יעדעס מאָל אָנגענומען אַן אַנ־דערן באַשלוס. ער ווייסט נאָך נישט צי ער וועט גיין צו דער נייער אַר־בעט. מוחל די טובות. אפשר וועט זיך פאַרט מאַכן אַרבעט ביי דעם דרוקער. אָבער וואָס איז דאָס אַרבעטן ביים דרוקער כשרער ווי ביי האַרטן? און פאַרוואָס זאָל ער נישט מעגן פאַרדינען, אויב ער האָט די מעגלעכקייט? און וואָס וועט איצט זיין מיט סאָניען? וועט זי נאָך זיין צו אים דאָס, וואָס זי איז געווען נאָכדעם, ווי די לייט מיט קעשענעס אָנגעשטאָפּטע מיט געלט, הייבן אָן קומען צו איר?

און ער האָט געהאַט טענות צו בערטאַן און סאָניען, פאַרוואָס זיי

האָבן נישט גלייך אָוועקגעשיקט די צוויי לייט, גראָד אין דער צייט ווען ער איז ביי זיי געזעסן און זיך איינגעהערט אין סאָניעס טיפער שטים. ער האָט געוווּסט, פיניע, אַז ער איז נישט גערעכט מיט זיינע טענות. וואָס איז ער צו זיי? וואָס? און פאַרוואָס זאָלן זיי נישט לאַכן פון ווי־שינסקיס וויצן? ער, פיניע, געדענקט קיינמאָל נישט נאָכצוזאָגן אַ וויץ און ער קאָן אָפּזיצן אַ שעה מיט בערטאַן און סאָניען און פאַרגעסן אַרויס־צוריידן אַ וואָרט. ניין, ער איז נישט גערעכט. ער האָט נישט קיין שום רעכט עפּעס צו פאַרלאַנגען, נישט פון סאָניען און נישט פון בערטאַן. ווילאַנג איז, ווען זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט וועגן זיין עקזיסטענץ? און איצט, וואָס ווייסן זיי וועגן אים, אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמלט?

פיניע ווייסט דאָס אַלץ. ער קאָן זיך אָבער נישט העלפן, ער פילט, אַז מען האָט עפּעס פון אים צוגערויבט. דאָס האָבן זיי, דער פאַן פּרעזעס ווישינסקי און דער צווייטער פאַרשוין, דער פאַן האַרט, זיין נייער באַ־לעבאָס, אים, פיניען, באַרויבט. און דאָס פיינלעכסטע איז, וואָס ער מוז שווייגן. ער קאָן אַפילו צו קיינעם קיין טענה נישט האָבן, אַפילו סאָניע און בערטאַ וועלן אים אויסלאַכן. אַפילו זיין אייגענע מאַמע וועט אים הייסן דאַנקען די צוויי גבירים, וואָס האָבן אים געגעבן אַזאַ גוטן פּאָסטן.

ווען פיניע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אַן אומרואיקער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. יאָ, ער מוז זיך איילן. דעם ערשטן טאָג טאָר ער אוודאי נישט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט ביי זיין נייעם באַלעבאָס, דעם פאַן יאַקוב האַרט.

קאַפּיטל עלף

אויפגעקומענע גבירים

פיניע, אָדער פינקוס העכט, ווי מען האָט אים גערופן זינט ער איז געוואָרן יאַקוב האַרטס סעקרעטאַר, האָט זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן אויף זיין נייעם באַלעבאָס. זיין געהאַלט האָט געסטאַיעט איינצוקויפן די אַלע שיינע זאַכן, וואָס ער האָט געזען אין איזאַקסאָנס שויפענצטער, אויף דער ביעלאַנסקע גאַס, און אויף צו באַצאָלן אין געוועלבל זיין מאַמעס חובות און אויך יעדן זונטיק צו גיין מיט סאָניען אין פּוילישן טעאַטער און צו

באַוווּנדערן דעם אַלטן סאַלסקי, וועלכן מיידלעך לויפֿן נאָך אַלץ נאָך.

ער האָט אויך נישט געהאַט צופֿיל אַרבעט.

באַלד, אין דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט צו אים זיין באַלעבאָס געזאָגט מיט אַ ברייטן שמייכל:

— יאָך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שרייבער, יאָך מיין, אַ סעקרעטאַר, און יאָך ווייס נישט ווי מען עסט דאָס.

ער האָט זיך הויך פֿונאַנדערגעלאַכט, ווי ער וואָלט געזאָגט אַ זייער גוטן וויץ און פיניע האָט מיטגעלאַכט, זאָגנדיק:

— אסור צי איך ווייס, ווי אַזוי מען איז אַ סעקרעטאַר...

— אָט אַזוי האָב יאָך ליב! — האָט דער באַלעבאָס געקלאַפּט זיין סעקרעטאַר איבער דער פּלייצע אַ צופרידענער. — יאָך האָב נישט ליב קיין יאַלדן און קיין פאַרריסענע נעז. יאָך האָב ליב אַ היימישן מענטש. פאַרשטייסט, מען רופט מיך פֿאַן יאַקוב האַרט, נאָר פֿאַר היימישע בין איך יאַנקל און דיך ווי רופט מען?

— פיניע.

— זענען מיר שוין פער דו, גוט — האָט יאַנקל געריבן זיינע גרויסע ידיים — נו, מעג יאָך שוין מיר דיר ריידן אָפּענע דיבורים, פיניע?

יאַנקל האָט פיניען מכבד געווען פֿון זיין גאָלדענעם סיגאַרעטן־טאַש מיט אַ פּאַפּיראָס און אַליין אויך פאַררויכערט.

— פאַרשטייסט, פיניע, — האָט ער גערעדט מיט אַ שטיפֿערישן ווונק אין די אויגן — יאָך בין היינט אַ גרויסער גביר. יאָך זאָל אַזוי וויסן פֿון שלעכטס, צי יאָך ווייס וויפיל כ׳פֿאַרמאָג.

— כ׳פֿאַרשטיי — איז פיניע געווען בייז אויף זיך, וואָס זיין גאַנצער נעכטיקער כעס אויף דעם פּאַרשוין, וואָס רעדט מיט אַזאַ ברייטער אומפאַרשעמטקייט וועגן זיין גבירהשאַפֿט, איז עפּעס מיטאַמאָל אַנטרונען.

— און מיר ביידע זאָלן אַזוי געזונט זיין — האָט יאַנקל ווייטער גערעדט — צי יאָך ווייס ווי אַזוי יאָך האָב פאַרדינט אַזאַ זשמעניע מיט געלט. יאָך בין געווען אַ באַלעגאָלע אויף גזשיבאָוו, ביי ר׳ לוין, אוי, האָט ער געהאַט צוויי פייערדיקע קאַשטאַנעס! ס׳איז אַ מחיה געווען צו האַלטן די לייצעס...

פיניען האָט זיך געדאַכט, אַז דער גביר, וואָס זיצט איצט לעבן אים

און ווייסט אַליין נישט ווי רייך ער איז, בענקט גאָר נאָך יענע צייטן, ווען ער איז געווען אַ באַלעגאָלע...

יאַנקל האָט זיך געשפּילט מיט דעם גרויסן בריליאַנטענעם רינג, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען נישט אָן שווערקייט פון זיין גראָבן פינגער און געזאָגט:

— פאַניע גנב האָט אין דער מלחמה צוגענומען די פערד און דערנאָך, יאָ, דערנאָך זענען געווען אַנדערע צרות. זשאַנדאַרמען האָבן מיך געזוכט און מאַדאַם בערטאַ האָט מיך אין איר הויז באַהאַלטן, פאַרשטייסט, פּיניע...

— מאַדאַם בערטאַ? — האָט פּיניע נישט פאַרשטאַנען.

— ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע, פּיניע, יאָך כ'על דיר נאָך אַמאָל דערציילן, הכלל, ווען יעקע איז געקומען און עסן מוז מען דאָך, ביז יאָך געוואָרן אַ שמוגלער. און מ'האָט אָנגעהויבן מאַכן די מטבע...

— איז וואָס דאַרף איך טאָן? — האָט פּיניע געוואָלט וויסן.

— פאַרשטייסט, פּיניע, געלט האָב יאָך אַ סך, נאָר געהרגעט אויף דער עברי בין יאָך אויך, מען דאַרף מאַכן אַ חשבון וואָס און ווען, און מ'דאַרף שרייבן אַ בריוו צו יעקע, און מענטשן קומען און פרעגן, און מען דאַרף וויסן וואָס צו ענטפערן. דאָס איבעריקע דאַרפסטו מיט דיין קאָפּ אויסקלערן, גייסט דאָך עפּעס אין די קלאַסן!

פּיניע האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין אַלע שטיבער און געפּרוווט דערגיין אַ טאַלק.

ער האָט געמוזט אַלע מאָל יאַנקלען איבערפרעגן, נאָר יאַנקל איז געווען מיד פון די שאלות און ער האָט געענטפערט:

— כאַפּט זיי דער רוח, די פּאַפּירלעך! לאָז געמאַך, פּיניע, לאָמיר גלייכער אָוועקשרייבן אַ בריוו צו יעקען.

יאַנקל האָט געהאַט צו טאָן פיל מיט די דייטשע קאָנצעלאַריעס. ער האָט שוין אַפילו אָנגעשפּאַרט צו דער קאָנצעלאַריע פון גענעראַל בעזעלער אַליין, וועלכער איז געזעסן אין דעם קעניגלעכן שלאָס ביי דער ווייסל און יעדן טאָג אַרויסגעגעבן נייע פאַראָרדענונגען ווי אַזוי בדיל הדל צו מאַכן אַלע.

יידן אין וואַרשע און אין אַלע שטעט, האָבן געקרעכצט פון די נייע

גזירות. נאָר געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געוווסט, ווי אַזוי אַ רייד צו טאָן מיט דעם יעקע און זיי זענען געוואָרן רייכער פון יעדער נייער גזירה.

צו זיי האָט געהערט יאַנקל. ער איז מיט די אָפיצירן פון גענעראַל בעזעלער געוואָרן פּאַן בראַט, מיט דער זעלבער לייכטקייט ווי מיט דעם מאַיאָר קעמפּקע און ער האָט עס אויפגעקלערט פּיניען ווי אַזוי ער רעדט מיט זיי, מיט די יעקעס:

— יאָך פאַרשטיי נישט וואָס זיי ריידן און זיי פאַרשטייען נישט וואָס יאָך רייד, און אַזוי קומט מען דורך... די ידיים זענען ביי זיי אַלע אָפן צו נעמען און אַביסל בראָנפן האָבן זיי אויך ליב — און עס גייט ווי געשמירט...

— נאָר איין צרה איז מיט זיי, מיט די יעקעס — האָט יאַנקל אַ זיפץ געטאָן — וואָס זיי האַלטן אין איין שרייבן צו מיר מגילות און זיי ווילן, אַז יאָך זאָל זיי ענטפערן. נו, לאָמיר זשע אָנהייבן...

יאַנקל האָט אויף זיין לשון אויפגעקלערט פּיניען וואָסערע עסקים ער פירט מיט דעם יעקע און ער האָט מיט אַ צעעפנט מויל געקוקט ווי פּיניעס האַנט איז שנעל געלאָפן איבער דעם פּאַפּיר.

— ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט דאָס יעקישע לשון? — האָט יאַנקל נישט געקאָנט באַגרייפן — איז וואָס האָקסטו זיי דאָרט אַ טשייניק?

פּיניע האָט דאַן פאַרגעלייענט און יאַנקל האָט, מיט דער גרעסטער ערנסטקייט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און צום סוף געזאָגט:

— אַ מיתה משונה אויף בעזעלערס קאָפּ, צי ער וואָלט געקאָנט אַזאַ מגילה אָוועקליייגן. ביסט אַ ממזר אַ יינג, פּיניע!...

— כ׳מיין, יאַנקל, אַז איצט וועט שוין דער פּאָלקאָווניק פאַרשטיין אין וואָס עס גייט — איז אויך פּיניע געווען צופרידן פון זיין אַרבעט.

נאָר יאַנקל האָט זיך צעלאַכט:

— פאַרשטיין וועט ער אַ קרענק — האָט ער געזאָגט — פּונקט ווי יאָך האָב נישט קיין איין וואָרט פאַרשטאַנען, נאָר אַזוי איז טאַקע גוט, אַז ער זאָל נישט פאַרשטיין...

יאַנקל האָט זיך געריממט פאַר זיינע פריינד מיט זיין געראָטענעם סעקרעטאַר:

— עטץ ווייסט — האָט ער זיי איינגערוימט אַ סוד, אַנווייזנדיק אויף פּיניען — ער האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער און ווען ער לייגט דיר אַוועק אַ מגילה, טאָ צי זי אויס גלייך אויפן אָרט, קריג די פּגירה און וועסט נישט פאַרשטיין אַ וואָרט — אַזאַ קאָפּ האָט ער!...

יאַנקלס פריינד האָבן געקוקט אויף פּיניען מיט גרויס דרך ארץ. זיי האָבן אים גערופן פאַן פּינקוס העכט, און האָבן גערעדט צו אים אויף אַ צעקאַליעטשעטן פּויליש.

זיי זענען געווען די נייע מלחמה־גבירים. פון די קליינע שטעטלעך זענען זיי געקומען, אַנגעהויבן האָבן זיי מיט ברענגען פלייש און פּוטער צו די גזשיבאָווער גבירים. אין די קליינע שטעטלעך, ווו זיי האָבן געוווינט, האָבן זיי געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיטן דייטשן קרייז־שעף. פיל מאָל האָבן די באַקאַנטשאַפטן געמאַכט זייערע ווייבער און טעכטער. אין אָנהייב האָט מען טאַקע אין שטעטל געמורמלט, נאָכקוקנדיק די ווייבלעך מיט די צעפלאַמטע פּנימער, ווי זיי קומען אַרויס פון די יעקישע קאַנצעלאַריעס.

— נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין — האָבן פרומע ווייבער דריי מאָל אויסגעשפּיגן — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, יידישע טעכטער...

נאָר ווען ווייבעלעך זענען אַרויס אין גאַס מיט דימענטענע אוירינגען און בריליאַנטענע רינגען, האָט מען זיי שוין באַגלייט מיט קנאה־בליקן.

זיי האָבן געמאַכט וואָס אַמאָל בעסערע געשעפטן. דאָס קליינע שטעטל איז זיי פּלוצלינג ענג געוואָרן. זענען זיי געקומען קיין וואַרשע, און האָבן זיך אַריינגעצויגן אין די גרויסע גבירישע דירות אויפן גזשיבאָוו און דער סענאַטאָרן־גאַס. זיי האָבן פאַר גוט געלט באַצאָלט פאַר די דירות מיטן מעבל און מיטן הויז צוזאַמען.

די פריערדיקע באַלעבאַטים פון די רייכע דירות האָבן, מיט פאַרטרערטע אויגן, איבערגעגעבן די שליסלען צו די קונים. זיי האָבן מער נישט געקאָנט האַלטן די גרויסע וווינונגען מיט די דינסטן און משרתים. זיי האָבן זיך נאָך נישט געהאַלטן פאַר יורדים, דער דייטש האָט, וואָס דער אמת, אויסגעליידיקט זייערע סקלאַדעס, זיי האָבן אָבער געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ די קוויטעס, וואָס ער האָט זיי פאַר די סחורות געגעבן און זיי זענען געווען זיכער, אַז, ווען דער אייבערשטער וועט העלפן און

עס וועט ווערן אויס מלחמה, וועט מען מאַכן אַ חשבון און מען וועט צוריק ווערן אַ מענטש. זיי האָבן אויך גוט געהיט, די ביכלעך פון די רוסישע בענק, וואָס זענען מיט זייערע פאַרמעגנס אַנטלאָפן קיין מאָס־קווע און פעטערבורג.

— מען מוז איבערוואַרטן די מלחמה — זענען זיי שטילע, צום לעצטן מאָל, אַראָפּ פון די טרעפּ, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט מיט רויטע טעפּיכער.

און די נייע באַלעבאַטים האָבן אויף די שפּיץ פינגער זיך געדרייט איבער די גבירישע דירות, האָבן מיט די הענט באַטאַפּט די טעפּיכער און די אַלטמאָדישע גרויסע קרעדענצן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט נישט דרייסט אין די טיפע, מיט געבלימלטן זיידנציַיג איבערגעצויגענע פאָ־טעלן, האָבן געקוקט אויף זיך מיט נישט גלייביקע אויגן אין די גרויסע שפּיגלען און האָבן זיך, ביסלעכווייז, צוגעוווינט צו דער שווערער ראַליע פון גבירים.

זיי האָבן געלאַכט פון די אַמאָליקע באַלעבאַטים און האָבן זיי גע־רופן קבצנים, גאַווהדיקע שלעפּערס, טויגעניכטסן און נאָך אַזעלכע נעמען. טיף אָבער אין האַרצן, האָבן זיי געברענט פון קנאה. זיי האָבן שוין גענוג געלט, אַצינד האָבן זיי געוואָלט האָבן כבוד און יחוס. זיי אַליין האָבן שוין געהאַט ווייבער, האָבן זיי זיך געוואָלט איינקויפן אין יחוס דורך זייערע זין און טעכטער. זיי האָבן גערופן צו זיך די גרויסע שדכנים, האָבן זיך געשטיקט מיט דעם רויך פון די גראָבע ציגאַרן, וואָס האָט זיי פאַרדרייט דעם קאָפּ און האָבן מיט גרויס וויכטיקייט דערציילט וועגן זייער רייכקייט און גרויסע געשעפטן.

די ווייבער, צעוואַקסענע, צעווירענע, מיט אָנגעשוואָלענע גוידערס, זענען געזעסן לעבן די מענער, דערלאַנגט די שדכנים טיי מיט איינגע־מאַכטס און האָבן זיי דערמאָנט:

— ברענגט־זשע עפּעס רעכטס, מיר קאָנען, דאַנקען גאָט, באַצאָלן...

זיי האָבן געוווּסט, אַז אַלץ קאָן מען קויפן. אין דער מלחמה האָבן זיי געלערנט, אַז פאַר אַלעם איז דאָ אַ פּרייז. און זיי זענען גרייט צו צאָלן דעם פּרייז, יעדן פּרייז, אַבי זיך איינצוקויפן אין יחוס.

די יחסנים האָבן זיך געקווינקלט. וואָס הייסט, ווי קאָן מען זיך עס מיטאָמאָל אַזוי אַראָפּלאָזן?

— אָבער די נייע גבירים האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן. וואָס? מיט יעקען קאָנען זיי זיך אַן עצה געבן, וועלן זיי זיך אָפּשרעקן פאַרן קרומען מיט דער נאָז פון די דאָזיקע שלימזלדיקע שלעפּערס, וואָס האַלטן זיך נאָך אין גרויסן?

זיי האָבן געגעבן גרויסע נדבות פאַר בית־לחם און פאַר לינת הצדק, זיי האָבן געגעבן געלט פאַר ישיבות און פאַר די סטודענטן. זיי האָבן אַפילו נישט געקאַרגט קיין געלט פאַר די פּאַרטייען, אָדער פּאַרטיעס. ווער עס איז געקומען צו זיי, איז נישט אַוועק מיט אַ ליידיקער האַנט. און יעדער האָט געוווסט וועגן יעדן גראָשן וואָס זיי געבן. אין די צייטונגען זענען אַפילו דערמאָנט געוואָרן זייערע נעמען. און די אָפּגעקומענע יחסנים זענען געוואָרן ווייכער און נאָכגיביקער און פאַר גרויסע נדבים זענען זיי גרייט געווען איינצוגיין אויף דעם שידוך.

אַלע זענען זיי נאָכגעלאָפן דעם פאַן יאַקוב האַרט. פאַר זיי האָט ער נישט געהייסן יאַנקל, נאָר פאַן האַרט. און אויך זיי האָבן פאַרלאַנגט זיי צו רופן נישט מער מיט זייערע אַמאָליקע קליינשטעטלדיקע נעמען. יאַנקל אַליין איז שוין געווען ביי זיי אַ יחוס. זיי האָבן געוווסט, אַז ער איז געווען אַ מענטש ביי ר׳ לוין. דער גלאַנץ פון גזשיבאָווער הויז האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף יאַנקלען. יאַנקל האָט אַפילו ליב געהאַט פאַר זיינע פריינד צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט געטריבן ר׳ לויס פערד. נאָר זיי האָבן בלויז פאַרלעגן געשמייכלט און צוגעוווּנקען:

— וואָס, וואָס, נאָר אונדז וועסטו נישט נאַרן...

זיי האָבן געזען ווי ער איז אויסגעקאָכט מיט די גרויסע מיוחסים און אַפילו מיט די אמתדיקע דייטשן פון דער טלאָמאַצקער שול. דער פאַן פּרעזעס ווישינסקי קלאַפּט אים איבער דער פּלייצע און זאָגט צו אים מאַי קאָכאַני. דניאל עפּשטיין רעדט צו אים ווי צו זיינס גליכן.

די נייע גבירים האָבן זיך דעריבער געשאַרט אַרום דעם פאַן יאַקוב. און אַ חוץ דעם איז ער טאַקע אַ נאַש בראַט. אַן אייגענער מענטש. מען דאַרף נישט פאַר אים מאַכן קיין אָנשטעל. מען דאַרף זיך נישט קרעקן מיט יעדן וואָרט. מ׳קאָן ריידן אַזוי ווי מען איז געוווינט פון קינדווייז אָן. און ס׳איז נישט קיין מעלער, ווען מען כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ געשמאַקער פעטער קללה.

יאַנקלס אָנזען איז נאָך שטאַרקער געוואָרן צוליב פיניען. ביז איצט

האָט יאַנקל מיט יעדן נאַרישן פּאַפּירל געמוזט גיין צום פּראָשעניע־שרײַ־בער און עס איז געווען אַ לויפעניש און אַ יאָגעניש. איצט איז אויס מיט די פּראָשעניע־שרײַבערס. דער פאַן פּינקוס העכט דערלײַדיקט אַלץ וואָס מען דאַרף פאַרן פאַן יאַקוב האַרט. אַזוי האָט מען גלײַך געוווסט אין די גרויסע דירות פון די נײַע גבירים.

און די פעטע מאַדאַמען זענען שוין אַפּילו צוגעשטאַנען צו זייערע מענער אויך זיך צו פאַרשאַפן אַ פאַן סעקרעטאַזש.

— וואָס? ס'שטייט אונדז נישט אָן? גאָט צו דאַנקען, מיר קאָנען אויך באַצאָלן...

יאַנקל האָט פונאַנדערגעטראָגן פּיניעס רום:

— וואָס רעדט עטץ — האָט ער דערציילט — דער ייִנג, כ'מיין פאַן פּינקוס העכט, האָט אַזאַ קאָפּ, אַז ער קאָן קראַנענבערגן אַרומוויקלען אַרום זײַן קליינעם פינגער, הײַנט זײַן פען! ער שרײַבט ווי פון אַ ביכל אַרויס...

און טאָמער האָט יאַנקלס אַ גוטער ברודער באַדאַרפט עפּעס אַ פּראָ־שעניע, האָט ער צו אים געזאָגט:

— קום אַרײַן מאָרגן, יאַך וועל בעטן דעם פאַן פּינקוס, וועט ער פאַר דיר אָנשרײַבן אַזוי, אַז עס וועט זײַן די פינגער צו לעקן.

פּיניע האָט געשריבן פּראָשעניעס פאַר זײַן באַלעבאָס גוטע פרײַנד און ווען ער האָט געענדיקט, האָט יאַנקל גענומען אין זײַן יד דעם אָנ־געשריבענעם בויגן פּאַפּיר, האָט געקוקט מיט קינדישער באַוווּנדערונג אויף די געדיכטע בוכשטאַבן, וואָס האָבן זיך געוויקלט איינע אַרום די אַנדערע, און האָט זיך געפרייט מיטן טריאומף פון זײַן סעקרעטאָר.

— ווי יאַך בין אַ ייִד — האָט ער מיט התפעלות גערעדט צו זײַנע פרײַנד — ר' לויס שרײַבער מעגן ביי אים פוצן די שטיוול...

פּיניע האָט זיך געררויטלט פון די קאָמפּלימענטן און האָט שטאַמ־לענדיק געפּרוווט אויפקלערן זײַן באַלעבאָס און זײַנע פרײַנד, אַז דאָס וואָס ער טוט איז נישט קיין וויכטיקע זאַך און אַז ער אַליין איז נאָך גאָרנישט זיכער צי זײַן דײַטש לשון איז אינגאַנצן אין אָרדענונג.

אָבער וואָס באַשיידענער פּיניע איז געווען, אַלץ מער איז זײַן רום געוואַקסן צווישן די אויפגעקומענע גבירים.

די דײַטשע אָפיצירן, וואָס האָבן פריער זיך נישט געקאָנט צונויפ־

ריידן מיט זייערע יידן און האָבן זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין די פאַרפּלאָנטערטע זאַצן פון די פאַרצייטיקע פראַשעניע־שרייבער, האָבן אויך פונאַנדערגעטראַגן פּיניעס רום. יאַנקל האָט אים, פּיניען, מיטגעגנר־מען מיט זיך יעדעס מאָל, ווען ער איז געגאַנגען צו די יעקעס. פּיניע האָט פאַר אים גערעדט, האָט אויפגעקלערט האָט געענטפערט מיט אַ ביכל לשון אויף די געשטעלטע פראַגן, און די יעקעס האָבן שפּעטער פון יאַנק־לען שוין פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל צו זיי נישט קומען אָן פּיניען.

— ברענגען זי דעם הער העכט — האָבן זיי יאַנקלען דערמאָנט — ער איז אַ געבילדעטער מאַן...

יאַנקל איז נישט געווען אייפערזיכטיק אויף דעם לויב. פאַרקערט. ער האָט באַקומען צוליב דעם נאָך מער חשיבות אין די אויגן פון זיינע פריינד.

— ווו האָסטו אים געפונען? — האָבן זיינע פריינד געוואָלט וויסן. און יאַנקל האָט, מיט אַ פילזאָגנדיקן שמייכל, געענטפערט:

— עטץ ווייסט, דער פאַן פרעזעס ווישינסקי, האָט אים געוואָלט נעמען צו זיך, יאָך האָב זיך קוים ביי אים דערבעטן...

פּיניע האָט געשריבן די פראַשעניעס פאַר יאַנקלען און זיינע פריינד, האָט זיך שנעל פונאַדערגעקליבן אין זייערע עסקנים און האָט זיך גיך אויסגעלערנט דאָס האַמעטנע לשון, וואָס געפעלט אַזוי שטאַרק די יעקעס.

— פאַרשטייען זי, הער העכט — האָבן די דייטשע אַפּיצירן געגעבן צו פאַרשטיין פּיניען — ביי אונדז אין רייך מוז מען שאַנעווען דאָס געזעץ. נישט ווי ביי די פּאָלנישע שווייגען און רוסישע באַרבאַרן. יאַוואָל, שאַנעווען דאָס געזעץ מוז מען, אָבער וויסן ווי אַזוי דאָס צו אינטער־פּרעטירן, פאַרשטייען זי, הער העכט?

יאַנקל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט, וואָס יעקע נאָר רעדט.

פּיניע האָט פאַרשטאַנען, אַז יעקע מוז האָבן אַ הכשר אויפן פּאַפּיר פאַר זיינע גנבות. עס האָט אים אָבער נישט געאַרט. ערשטנס, גנבעט ער אַליין נישט. ער אַליין שמוגלט נישט. ער איז בלויז יאַנקלס שרייבער, אַ באַצאָלטער אַרבעטער. וואָס מען הייסט אים, טוט ער. אין אַרבעטער־קלוב, אויף קאַרמעליצקע גאַס, האָט ער נישט איינמאָל געהערט, אַז די אַרבעטער מוזן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט טאָן אַלץ, לויטן באַ־

פעל און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעם זענען נאָר זיי, די געלטזעק און אויסנוצער. צווייטנס, וועמען נאַרט ער? יעקען? נו, איז וואָס? ער, יעקע, איז דאָך דער ערגסטער גנב. באַגנבענען אַ גנב, קאָן נישט זיין קיין עבירה, אַפילו לויט דעם האַרבסטן סאָציאַליסטישן שולחן ערוך. אַזוי האָט פּיניע געטראַכט שרייבנדיק די לאַנגע מגילות צו די יעקעס פאַר זיין באַלעבאָס און זיינע פריינד.

ער האָט געקריגן פון יאַנקלען באַצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר זיין אַרבעט און פון יאַנקלס פריינד נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. זיי האָבן זיך געאַמפּערט מיט אים. פּיניע איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט. ער האָט געפילט, אַז קוים וועט ער נעמען פון זיי געלט, וועלן זיי זיין זיינע באַלעבאַטים. „צופיל באַלעבאַטים פאַר מיר״, האָט ער געטראַכט, כ׳האָב גענוג איין באַלעבאָס, יאַנקלען.

האָבן זיי אים טאַקע קיין געלט נישט געגעבן. דערפאַר אָבער האָבן זיי גענומען אַרויפשיקן צו זיין מאַמע, פּעסע, אין שטוב אייער און הינער און גענדז און פּוטער און קעזן, וואָס זיי האָבן אַריינגעשמוגלט פאַר זייערע אייגענע הויזגעזינדן.

פּעסע האָט אויפגעלעבט. זי האָט אין די גוטע צייטן נישט געוווסט פון אַזאַ שפע. זי האָט שוין יעדן טאָג געקאָכט אַ מיטיק און האָט זיך אַפילו שוין פאַרגונען טועם צו זיין אַ שטיקל פלייש.

און ווען עס איז געקומען פרייטיק איז זי, אַ פאַרויטלטע און גליקלעכע, געשטאַנען ביי דער אָנגעגליטער קיך און צוגעגרייט די מאכלים לכבוד שבת.

זי האָט געהיטן, אַז די יויך אין טאָפּ זאָל נישט איבערלויפן און דערביי האָט זי געהאַלטן אין איין זאָגן אַפּשפּרעכעניש, אַז קיין בייז אויג זאָל חלילה נישט האָבן קיין שליטה אויף איר גערעטענעם בן־יחיד.

— טאַטע אין הימל — האָבן אירע לעפצן פרום געפּליסטערט אַ געבעט — אַ דאַנק דיר פאַר דיין גרויסן חסד וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיין זון און אַצינד שיק אים צו דעם ריכטיקן זיווג, נאָר דעם ריכטיקן, גאָטעניו...

פּעסע האָט געוווסט, אַז גאָט קאָן אַמאָל זיין דערצאָרנט אויף איר זון, וואָס האָט פאַרלאָזן דאָס שטיבל, קוקט נישט אַריין אין קיין יידיש

ספר, האָט זיך אָנגעטאָן דײטש און שערט זיך אַפּילו די באָרד און פּיאות. האָט זי איר זון געהאַלטן אין אײן פאַרענטפערן פאַר גאָט:

— אַז עס איז געוואָרן אַזאַ ביטערע מלחמה, גאָטעניו, אַזאַ מל־חמה... און דערצו איז געקומען אַן אַנשיקעניש מיט אַ יעקע. און ער איז דאָך פאָרט נישט מער ווי אַ קלײן נאַריש ייִנגל, מײן זון, און שלעכטע חברים האָבן אים אָנגערעדט. פאַרגיב זשע אים, טאַטע אין הימל, זײַנע זינד, שיק אים דעם ריכטיקן זיווג, און דעמאָלט וועט ער צוריק אַרויף אויפן גלײַכן וועג, וועט ווערן אַ באַלעבאָס אין שטוב און וועט זיך פירן ווי אַ ייִד...

אַזוי האָט פּעסע פאַרזיכערט דעם גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב און די קנײטשן אויף איר פּנים האָבן זיך אײַנגאַנצן אויסגעגליכן. זי האָט זיך דערמאָנט אַז איר בן־יחיד מוז פונדעסטוועגן האָבן אויך אַ זכות אין הימל. אין דער צאינה וראינה און אין אַנדערע הײליקע ספרים שטײט בפירוש געשריבן, אַז שאַנעווען טאַטע־מאַמע, כיבוד אב ואם, איז פון די גאָר גרויסע מצוות. נו, איז מײן זון דען נישט מקיים ווי גאָט האָט גע־באָטן די דאָזיקע גרויסע מצווה? האָט ער מיר דען נעכטן נישט אַרײַנ־געשטופּט אין האַנט אַ גאַנצן גאַרשט געלט צו קויפן אַ נײַע אַטלאָסענע קאַפּאָטע פאַרן טאַטן, כאָטש ער איז מיט אים ברוגז און האָט שוין וואָכן נישט אַרויסגערעדט צו אים אַ וואָרט? און פאַר מיר, ווער באַצאָלט פאַר דעם נײַעם שײטל? און ווער האַלט אויף די גאַנצע שטוב? און פאַר ווע־מענס געלט מאַך איך שבת און יום טוב?

אַזוי האָט פּעסע זיך אָנגענומען די קריוודע פון איר זון, האָט זיך אויסגעטענהט מיט זיך אַלײן, און וואָס מער זי האָט געטראַכט, אַלץ מער איז זי געקומען צו דער איבערצײַגונג ס׳איז אַ טײַער קינד זי האָט, און אַז פאַר אַזאַ זון וועט זי, די מאַמע, מיטן אײבערשטנס הילף, זיך מוזן גוט אַרומקוקן, כדי צו געפינען אַ כלה מיט אַלע מעלות.

געווען אַ צײַט, ווען פּעסע האָט זיך געשראָקן, אַז עס וועט שווער זײַן מיט אַ שידוך פאַר איר פּיניען. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען פּיניע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן בײַם דרוקער. איר זון, איר אײנציקער זון, אַ באַלמעלאָכע. זי האָט זיך געשעמט, פּעסע, פאַר דער משפחה און פאַר די שכנים. ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ באַלעבאַטיש קינד זאָל גאָר ווערן אַ באַלמעלאָכע? זי האָט זיך געענוג אויסגעווײנט די אויגן און גע־

בעטן צו גאָט. נו, אַצינד איז איר זון מער נישט קיין געזעל עפּעס ביי אַ דרוקער. אַ בוכהאַלטער, אַ שרייבער, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז אַ בכבודיקע פּרנסה. און מ׳וועט זיך נישט שעמען צו זאָגן אַ שדכן וואָס איר זון טוט.

פּעסעס פּנים ווערט מיטאַמאָל פאַרכמורעט. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געפּרוווט ריידן מיט פּיניען וועגן תכלית און אַ שידוך. ער האָט זי אויסגעלאַכט. אוודאי פאַרשטייט זי, פּעסע, אַז יינגע קינדער שעמען זיך צו ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן. איז זי דען אַליין נישט אַנטלאָפן אין קיך, ווען אַ מחותנתטע איז געקומען זי שאַוען?

פּעסע פאַרגעסט, אַז די יויך אויף שבת קאָן אַ ליאַדע מינוט אויס־לויפן. זי דערמאָנט זיך די צייט, ווען זי אַליין איז געווען אַ כלה־מיידל. זי האָט געהאַט צוויי לאַנגע גאָלדענע צעפּ און זי האָט געהערט ווי די שדכנים האָבן צו איר מאַמע גערעדט וועגן זייער טאָכטער, דער יפת תואר. זי האָט געפילט אויף זיך אין גאַס נישט איינמאָל דעם הונגעריקן בליק פון מענערישע אויגן, זי האָט זיך געשראָקן פאַר די דאָזיקע בליקן און גלייכצייטיק געוואָלט זיי פילן אויף זיך. זי געדענקט דאָס גרינע זיידענע קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן, ווען איר שוויגער עליה השלום, איז געקומען זי צום ערשטן מאָל שאַוען.

פּעסע ווישט זיך מיטן פאַרטוך אויס די טרערן פון די אויגן:

— ס׳אַרא נאַרישקייטן קומען מיר היינט אין קאָפּ. — זי רוקט אָפּ פון פייער די פאַן מיט די געפילטע שבתדיקע פיש — יאָ, מען דאַרף היינט אַ רייד טאָן מיט זעליקן. אַ טאַטע איז ער, דאַרף ער אַ טראַכט טאָן וועגן אַ תכלית פאַרן זון.

פּעסע קרעכצט שווער אָפּ. זי וויל נישט זינדיקן, פּעסע. זי האָט מורא צו זינדיקן. זי האָט זיך אין איר לעבן געוווינט אַנגעליטן זי זאָל נאָך נעמען אויף איר אייגנגעבויגענער פּלייצע די שווערע לאַסט פון זינד. און זי ווייסט אויך, אַז טראַכטן שלעכטס וועגן אַן אייגענעם מאַן איז אַ זינד. אויף אַ מאַן אַ חסיד און אַפּגעהיטענעם ייד, טאָר מען אוודאי נישט טראָגן קיין בייז האַרץ. אין שטיבל און ביים רבין אין הויף גרויסט מען זיך מיט איר זעליקל. אַ קלייניקייט עפּעס! אַזוי פיל יאָרן טרעט ער נישט אָפּ אַ מינוט פון רבין, וואַלגערט זיך ביי זיינע פיס, ווי עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים, ליגט שעהן גאַנצע אונטערן רבינס טיש

און חזרט איין דעם רבינס תורה וואָרט ביי וואָרט, געדענקט נאָכצוזאָגן אַפילו דעם רבינס קרעכץ און דעם ציטער פון זיין שטים... דער רבי זאָל לעבן אַליין, האָט פאַראַיאָרן פאַרלאַנגט פון אים, פון איר זעליקלען, אַז ער זאָל זיך זעצן ביים טיש, צוזאַמען מיט אַלע רבנים מיט לומדים און גרויסע גבירים.

זעליקל אָבער האָט נישט געוואָלט. ער האָט אַפילו געוואַגט זיך קעגנצושטעלן דעם רבינס ווילן און האָט זיך קוים אָפגעבעטן:

— לאָזט מיך, רבי, אויף מיין אַלט אָרט אונטערן טיש. יאָך וויל נישט זיין קיין טישזיצער.

און דער רבי האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— מילאָ, אַז דו ביסט איינגעשפּאַרט, זעליקל.

זעליקל האָט אַ צופרידענער גענומען הינטערווילעכץ מיטן פּנים געוואַנדן צום רבין זיך אַרויסרוקן פון שלום שטיבל.

און דעמאָלט האָט דער רבי געזאָגט צו זיין זון:

— כ׳וואָלט געהאָט אפשר א י י ן טישזיצער, נו, איז ער אַן עקשן און וויל נישט.

אין שטיבל, אויף נאָלעווקעס, האָט מען וואָכן נאָכאַנאַנד נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם רבינס זאָג און זעליקלס רום איז נאָך גרעסער געוואָרן. איז וואָס זשע קאָן זי, אַ זינדיקע אשה, האָבן צו איר מאַן? זי דאַרף דאָך נאָר בעטן ביי גאָט ברוך הוא זוכה צו זיין צו זיצן אויף אַ פוסבענקל ביי זיין שטול אין גן עדן. און אַז ער האָט נישט קיין פּרנסה, איז וואָס? איז ער שולדיק?

אין דער צאינה וראינה האָט פעסע שבת נאָכמיטיק נישט איינמאָל געליינט, אַז אַ מענטש טוט נישט אַ ריר מיט זיין קליינעם פינגער אויף דער וועלט, אויב מען איז אַזוי נישט גוזר אין הימל. איז וואָס זשע איז ער שולדיק, זעליקל, אַז ער האָט נעבעך נישט קיין הצלחה און האָט אַזוי אָפּגעביטערט די יאָרן? אַזוי האָט מען, זעט אויס, גוזר געווען אויבן. און טענות צו האָבן צו גאָט, טאָר מען דאָך אוודאי און אוודאי נישט.

און אפשר, טראַכט פעסע, איז כדאַי צו ליידן אויף דער וועלט, אַבי צו האָבן אַ זכות אין דער גרויסער אייביקער צווייטער וועלט, וועגן וועלכער זי, פעסע, האָט אַפילו מורא צו קלערן, אָבער וועגן וועלכער עס ווערן אַזוינע וונדערבאַרע מעשיות דערציילט אין די הייליקע ספרים.

און פּעסע דערמאָנט זיך די נעמען פון די הייליקע תנאים און צדי־קים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין טרוקן שטיקל ברויט, זענען אַרומ־געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט און דער שמש האָט זיי אַפילו נישט גע־לאָזט איבערטרעטן די שוועל פון בית המדרש.

פּעסע פילט זיך קליין און נישטיק אַקעגן די אַלע הייליקע צדיקים. אַז זיי האָבן געמעגט ליידן נויט און הונגער, איז ווער איז זי, פּעסע, זיך צו באַקלאָגן?

פּעסע ווייסט דאָס אַלץ. זי ווייסט, אַז זי זינדיקט. פונדעסטוועגן קאָן זי פון איר האַרץ נישט פאַרטרייבן די שלעכטע געדאַנקען. ער איז שולדיק, זעליקל, שולדיק אין אַלעם. זי וואָלט נישט געהאַט קיין טענות, ווען זעליקל וואָלט בלויז קיין מזל נישט געהאַט. מילא, אַ ניי מזל קאָן מען זיך נישט אויסבעטן. יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט זיין מזל. מיט זעליקלען איז אָבער עפּעס אַנדערש. זי, פּעסע, ווייסט נישט ווי אַזוי עס אים צו זאָגן. אָבער אין האַרץ פילט זי, אַז מיט זעליקלען איז עפּעס אַנדערש. זיין האַרץ איז נישט דאָ, אין זיין שטוב, מיט זיין ווייב און זיין קינד. זיין האַרץ איז שטענדיק מיט זיי, מיט זיינע חברים אין שטיבל, מיט וועלכע ער פאַרט אויף דער קאַלייקע צום רבין און שטופּט זיך מיט זיי צום טיש. ער איז אינגאַנצן זייערער. אין שטוב איז ער אַ פרעמדער. ער רעדט כלומרשט מיט איר, ווי אַ מאַן רעדט צו זיין ווייב, נאָר אין דער אמתן טראַכט ער וועגן עפּעס אַנדערש, זעט ער זיך גאָר מיט זיי, מיט זיינע פריינד פון שטיבל. פּעסע ווייסט אייגנטלעך נישט וואָס זי וויל פון אים, פון איר זעליקלען. זי ווייסט נאָר, אַז עס איז נישט אַזוי ווי עס האָט באַדאַרפט זיין.

פּעסע ווייסט ווי אַזוי עס איז צווישן אַנדערע פרויען און מענער. זי טרייבט אַוועק פון זיך אַזעלכע געדאַנקען. זי ווייסט, אַז מ'טאָר וועגן דעם נישט טראַכטן. אָבער יעדעס מאָל, ווען זי זעט אַ שמייכל אויפן פּנים פון אַ צווייטער פרוי, טראַכט זי אין זיך:

— ביי מיר איז אַנדערש.

איצט אָבער טראַכט מער נישט פּעסע וועגן זיך.

— יאָך בין שוין אַן אַלטע יידענע — טראַכט פּעסע — און ווי גאָט וועט געבן וועט גוט זיין, אָבער פּיניע?

און פּעסע טראַכט, אַז איר זעליקל איז שולדיק אין דעם אַלעם

וואָס איז געשען מיט איר בן־יחיד. צוליב אים איז פּיניע אַראָפּ פון גלייכן וועג. זי האָט עס נאָך קיינעם נישט געזאָגט, אָבער פּעסע ווייסט, אַז אַזוי איז עס. ער איז אַ יינגל, אָבער ער האָט געוווּסט וואָס עס איז אין שטוב. ער האָט געזען ווי דער טאַטע דרייט זיך אין זיין אייגענער שטוב, ווי אַ פרעמדער. אַ קינדס האַרץ פילט. ער איז אַוועק אַ ברוגזער פון גאַנצן יידישן וועג. און וואָס האָט ער, זעליקל, געטאָן, ווען פּיניע האָט אָנגעהויבן גיין אויפן קרומען וועג? ער האָט געשריען, האָט געליאַ־רעמט און געשאָלטן און נאָך מער אָפּגעשטויסן פון זיך זייער זון.

טרערן קאַפּען איבער פּעסעס פּנים. וואָס קומט אַרויס פון די גע־פּילטע פיש און פון דעם נגידישן שבת, וואָס זי גרייט אָן היינט, אַז זי ווייסט צומאָל נישט צי איר איינציקער זון דאַוונט כאָטש יעדן טאָג? ער גייט אַוועק פון שטוב און פּעסע האָט מורא אַ קוק צו טאָן, צי ער לייגט כאָטש די תפילין איידער ער גייט אַרויס פון שטוב? זי האָט מורא צו וויסן, פּעסע, דעם אמת.

פּעסע דערפילט אַן ענגקייט אין האַלדז. עס דאַכט זיך איר, אַז עמי־צער האָט פּלוצלינג אַרומגענומען איר האַלדז מיט אַן אייזערנער רייף און נאָך אַ מינוט און עס וועט איר אויספעלן לופט צו אָטעמען. נאָר נישט וועגן זיך טראַכט פּעסע. זי ווייסט, אַז איר זון איז אין געפאַר. זי מוז אים ראַטעווען און זי וויל צולויפן צום פענצטער און אַרויסשרייען צו דער גאַס:

— האָט רחמנות, יידן, העלפט מיר. איר זעט דאָך יענע לייט האָבן מיין קינד פאַרכאַפּט.

פּעסע הערט אַ טקריפּען ביי דער טיר. זי דרייט נישט אויס דעם קאָפּ. זי ווייסט, אַז ער, זעליקל, קומט איצט צוריק פון דער מקווה.

זעליקל דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב, הענגט אויף אויף אַ שטול דאָס נאַסע האַנטוך און ברומט זיך אונטער דעם ניגון פון כבקרת, וואָס יאַנקל תלמוד האָט דעם לעצטן ראש השנה געזונגען ביים רבין.

פּעסע פאַרעט זיך ביים טשאָלנט. זי וויל נישט אויסדרייען דעם קאָפּ און זען איר מאַן אַן אויסגעוואַשענעם, אַ שבתדיקן, ווי ער וואָלט שוין טאַקע באַזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס זיין וועלט.

זי פילט איצט אַ שנאה צו דעם מענטש, וואָס איז שולדיק אין אַלע אירע צרות און ער גאָר דרייט זיך אַרום און זינגט זיך צו. איר האָט

ציטערט ביים אָוועקשטעלן דעם טשאָלנט־טאָפּ אויף דער קיך פּייערקע. זי פילט ווי פון איר אינגעווייד רייסן זיך בייזע שלעכטע ווערטער. זאָל ער איצט פּרוּוון זאָגן נאָר איין וואָרט, איין שלעכט וואָרט וועגן פּיניען, וועט זי אים מער נישט פאַרשווייגן. פאַר אַלע יאָרן וועט זי זיך איצט אָפּנעמען און פאַר אַלע אירע שלאָפלאָזע נעכט. זי האָט אַפילו שוין נישט מורא צו זינדיקן. זי איז גרייט באַדאַי צו זינדיקן, אַז זיך צו באַפרייען פון דעם באַרג ביטערקייט, וואָס דריקט זי צו.

זעליקל בלייבט שטיין אויף דער שוועל פון דער קיך. ער זעט ווי די אשה זיינע פאַרעט זיך ביי די טעפּ לכבוד שבת.

דער ריח פון די געפילטע פיש און דער שבתדיקער יויך רייצט זיינע באַזלעכער. ער פילט אַ נאָגעניש ביים האַרץ. ווען פּעסע דערלאַנגט אים איצט צו פאַרזוכן די שבתדיקע פיש, וואָלט זי אים ביים לעבן דערהאַלטן. ער האַלט זיך אָבער צוריק פון בעטן.

— אַ ייד טאָר נישט זיין קיין זולל וסובא — שפּאַרט ער זיך איין, אַז ער וועט די פיש נישט טועם זיין ביז ביינאַכט נאָכן קידוש.

ער פילט אָבער, ווי דאָס שפּייעכץ קומט אים אין מויל אריין, און דאָס נאָגעניש ביים האַרץ ווערט נאָך שטאַרקער.

דער ריח פון די געפילטע פיש דערמאָנט זעליקלען אַן זיין בן־יחיד, פּיניען. ווען נישט פּיניעס פאַרדינסטן וואָלט זיין ווייב פּעסע נישט געקאָנט אָנגרייטן דעם שבת. עס וואָלטן נישט געווען די געפילטע פיש און דער טשאָלנט און דאָס פלייש. און נישט בלויז אויף שבת וואָלט נישט געווען, אויך אין מיטן דער וואָך וואָלט אויך טרוקן ברויט נישט געווען. אַלץ האָט ער, זעליקל, צו פאַרדאַנקען אים, זיין בן־יחיד, דאָס ווייסט ער, זעליקל. ער קוקט אויף די נייע לאָמפּ, וואָס זעליקל האָט געוואָלט קויפן, אָבער געקויפט האָט זי פּעסע, זיין ווייב, אויכעט פאַר פּיניעס געלט. ער זעט די פּלושענע סאָפע. נישטאָ מער קיין גריבער אין דער סאָפע. עס ליגט זיך אויף איר היינט אַזוי באַקוועם. ווען ער קומט אין אָוונט אַהיים אַ מידער פון שטיבל. נישט מער, וואָס זעליקל קאָן לאַנג אויף דער באַקוועמער סאָפע נישט איינליגן. ער האָט דאָך געטראַכט צו קויפן, פאַר זיינע פאַרדינסטן, דעם נייעם פּלוש און די סאָפע צו פאַרריכטן, געקויפט אָבער דעם פּלוש האָט ווידער פּיניע און פאַר פּיניעס געלט האָט מען באַצאָלט דעם בעל־מלאכה.

— אַלץ ער, אַלץ איז פּיניעס — טראַכט זעליקל װעגן זײַן זון, װי ער װאָלט געװען אַ פּרעמדער, װאָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן שטוב און אים אַרויסגעטריבן...

און ער װײסט אויך, זעליקל, אַז זײַן װײַב פּעסע, װאָס פּאָרעט זיך איצט בײַם טשאָלנט װי קײן שום אַנדערע זאַך װאָלט איר נישט אָנגעגאַנגען, טראַכט אין דער אמתן אויך װעגן דעם, אַז פּיניע איז איצט דער באַלעבאָס אין שטוב.

און זי איז פֿון דעם צופֿרידן. געװיס איז זי צופֿרידן. זי מײנט נישט אַזוי פֿיל די פֿיש און די נײַע סאָפֿע און די נײַע לאָמפּ, װי אים, זעליקלען, װײ צו טאָן. אים צו װײַזן װיל זי, פּעסע, אַז ער איז מער נישט קײן מאַן און קײן טאַטע. אַ בעטלער איז ער, אַ קבצן, װאָס אויס רחמנות לאָזט מען אים אַרײַן אין שטוב, מען גיט אים אָפּצועסן. מען פֿרעגט אים מער שוין גאָרנישט. מען איז זיך מיט אים אַפֿילו שוין נישט מײַשב, צי מען האָט טאַקע באַדאַרפֿט קויפֿן די נײַע לאָמפּ. װאָלט מען אים געפֿרעגט, װאָלט ער געזאָגט, אַז עס איז אַ שאָד אַרויסצװאַרפֿן אַזוי פֿיל געלט אויף אַ נײַער לאָמפּ. זעליקל האָט אַ באַקאַנטן פֿון שטיבל, אויפֿן פּזשעיאַזדװיגע ער, װאָלט ער פֿאַר אַ שיבוש פֿאַרראַכטן די אַלטע לאָמפּ און זי װאָלט געװען נאָך שענער װי די נײַע. מען פֿרעגט אים אָבער נישט. מען טוט אַלץ אַלײן. יאָ, אַלץ אַלײן טוען זײ בײדע, פּעסע און דער בנאָק זײַנער. נישטאָ מער קײן טאַטע, נישטאָ מער קײן טאַטע, הפקר פּעטרישקע. אַ װעלט אַזאַ געװאָרן. דאָס האָט ער, דער יעקע, דער דײַטש, אַ תל געמאַכט פֿון דער װעלט. איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַפֿילו זי, פּעסע, װאָס איז געװען אַן אשה כשרה, װי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, איז שוין נישט די זעלבע. אװדאי איז זי נישט די זעלבע. זעליקל קוקט אויף איר נײַ שײַטל, װאָס פּיניע האָט געקויפֿט. נײן, דאָס שײַטל געפֿעלט אים נישט. מ׳דערקענט שוין גאָרנישט, אַז עס איז אַ שײַטל, און װער װײסט, אפֿשר איז עס טאַקע נישט. אַז עס איז אַזאַ טריפֿהנע װעלט געװאָרן, קאָן מען שוין אַלץ גלויבן.

אַ כעס גײט אויף אין זעליקלס האַרץ. אַ כעס אויף דער טריפֿהנער װעלט און אויף זײַן זון פּיניע, און אויף זײַן װײַב פּעסע. װאָס מײנען זײ מיט זיך, װאָס? ער איז זײ מוחל זײערע טובות, ער װיל נישט זײערע פֿיש און זײערע טשאָלנטער און זײער פֿלײש, ער װעט נישט טועם זײַן

פון דעם אַלעם. זאָל זי זיך פּאַרען פאַרן בנאַק אירן, ער, זעליקל, וועט נאָך אין שטיבל געפינען אַ ייד, וואָס וועט אים נעמען צו זיך אויף שבת. און זאָלן זיי, פּעסע און איר בנאַק נישט מיינען, אַז עס איז הפקר אַ וועלט. ניין, ער וועט מער נישט צולאָזן אַזעלכע זאַכן. ער וועט די נייע לאָמפּ אַרויסשליידערן דורכן פענצטער און די סאָפע אַרויסשטעלן אויפן הויף. און זאָלן זיי וויסן!

זעליקל שטייט נאָך אַלץ אויף דער שוועל פון דער קיך. ער וואַרט, אַז פּעסע זאָל זיך אויסדרייען צו אים, זאָל אים פרעגן, צי ער וועט נישט טועם זיין די שבתדיקע פיש. דעמאָלט וועט ער איר זאָגן, אַלץ וועט ער זאָגן. און ער וועט טאַקע אויכעט גלייך אַ ריס טאָן די לאָמפּ און זי אַרויסשליידערן אויף דער גאַס, צו אַלדי גוטע יאָר.

נאָר פּעסע פרעגט אים גאָרנישט, זי שטייט ווייטער מיטן רוקן צו אים, זי פּאַרעט זיך נאָך אַלץ מיט די שבתדיקע מאכלים, אים, זעליקן, וועט זי נישט, מאַכט זיך נישט זען, וויל אים נישט זען.

און דעמאָלט ווייסט זעליקל, אַז ער, דער כעס זיינער, איז אַן אומזיסטער. ער וועט גאָרנישט טאָן. ער וועט נישט אַרויסוואַרפן די לאָמפּ. און ער וועט נישט רירן פון אָרט די סאָפע. ער וועט ביינאַכט נאָכן קידוש עסן די געפילטע פיש. און מאָרגן וועט ער טועם זיין דעם טשאָלנט. נישטאָ מער די אַמאָליקע כוחות.

זעליקל דערמאָנט זיך די אַמאָליקע צייטן. ער איז דאָך דעמאָלט נאָך אַ שניעק געווען, נו, האָט ער נאָך וועמען געפרעגט? האָט ער אַפילו ר׳ לייזערן, עליו השלום, מיט זיינע מיליאָנען געשאָנעוועט? ווער האָט זיך דעמאָלט געגרויסט מיט אַ שיינער קאַפּאָטע און אַ נייער לאָמפּ?

— די קאַפּאָטע איז געווען צעריסן און דאָס האַרץ איז געווען גאַנץ — רייבט זיך זעליקל מיט איין האַנט דאָס אויסגערייבענע סאַמעטענע קאַפּעל אויפן קאָפּ — און היינט, היינט, האָב יאָך שוין מורא ס׳מויל צו עפענען פאַר זיי, פאַר פּעסען און פאַר איר בנאַק.

עס נעמט זעליקן אַרום אַ רחמנות אויף זיך אַליין. פאַרוואָס קומט אים דאָס אַלץ? פאַרוואָס? מיט וואָס איז ער ערגער פאַר אַלע? אָט האָט ער אויך געפּרוווט עפּעס טאָן, ווערן אַ לייט, צוכאַפּן זי צו עפּעס אַ מסחר, איינהאַנדלען אַ פּאַרטיע רייז — און וואָס איז פון דעם אַלעם געוואָרן? זעליקל קרעכצט שווער אָפּ. ער ווייסט שוין גאָרנישט, זעליקל. ער פאַר־

שטייט שוין גאָרנישט די וועלט די היינטיקע. זיין בעסטער חבר, דער הויכער משה, האָט דאָס אים אויך געזאָגט, און אפשר איז ער טאַקע גע־רעכט געווען, דער הויכער משה? אפשר האָט ער, זעליקל, זיך טאַקע נישט באַדאַרפט מישן אין דעם, וואָס דעם הויכן משהס שוואָגער האָט געוואָלט טאָן מיט דער פּאַרטיע רייז?

אָבער, געוואָלד געשריען, ווי קאָן מען שווייגן? ער, דעם הויכן משהס שוואָגער, האָט געוואָלט עפּעס צומישן צו די רייז. און ער האָט זיך דער־מיט גערימט פאַר זעליקלען:

— פאַרשטייסט — האָט ער מיט אַ ווונק געזאָגט צו זעליקלען — יאָך וועל צו די רייז צושיטן עפּעס אַזוינס, אַז עס וועט באַלד וועגן דאָפּלט...

— ס׳טייטש, גניבה? — האָט זעליקל זיך אַ ציי צוריק געטאָן.

דעם הויכן משהס שוואָגער האָט זיך צעבייזערט. ער וויל מער נישט האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע צדיקים אין פעלצן. אַ חוצפה אַזאַ, אים צו ווערן מאַכן פאַר אַ גנב גאָר.

— אָבער ס׳איז דאָך פּאַרט גניבה! — האָט זעליקל געטענהט — און די וועלט איז דאָך נישט הפקר און אין גיהנום וועט מען פאַר אַזאַ מין זאַ...

ער האָט נישט פאַרענדיקט, דער קליינער זעליקל. דעם הויכן משהס שוואָגער האָט אים אָנגענומען ביים קאָלנער און נאָך אַ געשריי געטאָן צום הויכן משהן אַליין:

— נאָכאַמאָל, משה, אַז דו וועסט מיר ברענגען אַזעלכע וצדקתך־שותפים, וועל איך דיך צוזאַמען מיט אים אַרויסטריקען!...

אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס גליק מיט דער רייז. נו, וואָס האָט ער, זעליקל, געקאָנט טאָן? ער האָט שוין געוואָלט זיין אַ מייקר את השער, ער האָט שוין געוואָלט נעמען אויף זיך דעם מוראדיקן חטא פאַר זיין ווייב און קינדס וועגן. אָבער ווערן אַ גנב אויך?! ער האָט אין אָוונט דערציילט פעסען און פיניען וואָס עס איז געשען מיט די רייז.

פעסע האָט מיטן פאַרטוך זיך געווישט די טרערן און געמורמלט:

— אַ ביטער מזל אַזאַ...

— אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן — האָט זעליקל זיך פאַר־ענטפערט — ווערן אַ גנב?...

— און דער הויכער משה מעג? — האָט פעסע געפרעגט טראַציק.

זעליקל האָט אויף דעם ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיין בעסטער פריינד, וועלכער איז מיט אים צוזאַמען געלעגן אונטערן טיש צו די פיס פון רבין און געהערט זיין תורה, מעג טאָן אַזאַ זאַך.

האָט ער געשוויגן, דער קליינער זעליקל, און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן אויף דער אשהס שאלה.

זיין זון, פיניע, איז אים דעמאָלט געקומען צו הילף. ער האָט שאַרף געזאָגט צו פעסען:

— דער טאַטע איז גערעכט. וואָס? אַ גנב זאָל ער ווערן!

נאָר פעסע איז געווען טראַציק אויך צו איר זון און זי האָט אים פאָרגעוואָרפן:

— און דיין באַלעבאָס, דער פאַן הארט, איז בעסער? ער טוט נישט אַזעלכע זאַכן?

— מיין באַלעבאָס איז נישט קיין צדיק — האָט פיניע געענטפערט — אַלע בורזשויען זענען אַזוי, אָבער יאָך בין נאָר אַ מענטש, אַ פּראָלעטאַריער, און נעם באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט.

פעסע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. איר זונס ענטפער איז נישט געווען גענוג קלאָר פאַר איר, און אויך זעליקל האָט נישט געגוי פאַרשטאַנען ווי אַזוי אַ פּראָלעטאַריער מעג זיין אַ מסייע לידי עוברי עבירה, מעג צוהעלפן צו גניבה און גזילה. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, זעליקל, דעם זונס רייד. פונדעסטוועגן איז ער אים געווען דאַנקבאַר.

זעליקל דערמאָנט זיך איצט, ווי פיניע האָט זיך פאַר אים אָנגענו־מען. דער כעס פאַרשווינדט פון זיין האַרץ. פאַרט אַ יידיש קינד. פאַר־שטייט, אַז צוליב געלט טאָר מען נישט גנבענען. פאַרט געבליבן אין זיין האַרץ דער יידישער פונק. און עס איז דאָך נישט אַ קלייניקייט, אין אַזאַ צייט צו בלייבן אַן ערלעכער מענטש. וואָס דאַרף מען מער? אַפילו דער הויכער משה האָט דאָך נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח אָפּצוזאָגן זיך פון אַ פאַרדינסט. ער מאַכט טאַקע גוטע עסקים, דער הויכער משה. ער איז טאַקע שוין געוואָרן אַ נגיד. ער, זע־ליקל, איז אים אָבער נישט מקנא. ער זעט, אַז טראָץ די גוטע געשעפטן איז איצט דער הויכער משה כסדר אין עצבות. ער האָט נישט קיין הנאה

פון זיין רייכקייט. און ווען ער דאַוונט, האַלט ער אין איין קרעכצן און פון זיינע אויגן גיסן זיך טרערן. ער האָט קיינמאָל נישט געוויינט, דער הויכער משה, ביים דאַוונען. איצט וויינט ער, ער האָט נעבעך אויף וואָס צו וויינען, דער הויכער משה, אוי האָט ער...

אַזוי טראַכט זעליקל און ער דערפילט אַ פּאַטערלעכן שטאָלץ וואָס זיין זון איז אַנדערש. ער, פּיניע, האָט אַרויסגעוויזן מער כוח פאַר דעם הויכן משה. ער גייט טאַקע ווי אַ גוי מיט אַ קאַפּעליוש און געגאָלטער מאָרדע און דאָך, ווען עס קומט צו גנבה, דערמאָנט ער זיך, וואָס אַ ייד דאַרף זיין.

עס שטייט אין דער תורה לא תגנוב — דערמאָנט זיך זעליקל וואָס ער האָט געהערט פון רבין פאַראַכטאָגן שבת — דאַרף דער לא תגנוב זיין אין אַ יידנס אויגן ווי אַ הויכער באַרג, וואָס פאַרשטעלט יעדן וועג. יאָ, אַ הויכער באַרג, און ער, פּיניע, זיין זון, זעט דעם הויכן באַרג, זעט אים טראָץ אַלעם...

דער קליינער זעליקל פילט ווי אַ כוואַליע פון גוטסקייט נעמט אים אַרום. ער איז אַ טרייער קינד, פּיניע. ער אַרבעט נעבעך שווער און ברענגט אַלץ אַהיים, אין שטוב. זעט אַז דער שבת זאָל נישט פאַרשעמט ווערן. העלפט צו דער מאַמע מיט אַלעם. און אַפילו פאַר אים האָט ער פאַר־שאַפט זייד אויף אַ קאַפּאָטע. ניין, ער, זעליקל, טאָר נישט זינדיקן. אַ זון וואָס היט דעם כבוד פון טאַטע־מאַמע און וואָס זעט אין לא תגנוב אַ הויכן באַרג, איז חלילה נישט קיין בזיון. און אפשר וועט דער אייבער־שטער העלפן און ער וועט נאָך תשובה טאָן. יאָ, ער וועט נאָך געוויס תשובה טאָן. ווי קאָן ער גאָר צווייפלען אין דעם! מ׳טאָר זיך נישט מיאש זיין פון אַ יידישער נשמה.

זעליקל דערמאָנט זיך דעם שבת ביים דאַווענען, אין שטיבל אויף די נאַלעווקעס, ווען דער גבאי האָט געהייסן גיין זיין זון, זיין בן־יחיד, זיין פּיניע. ער זעליקל, האָט אַלץ געזען און געהערט. ער האָט אומישנע אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. אָבער דאָס האַרץ האָט אים געשניטן, ווי מיט מעסערס געשניטן. זיין זונס חרפּה האָט אים געברענט, אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ער האָט דאָך געוווּסט, אַז דער גבאי האָט רעכט. ער, זעליקל, וואָלט אויך אַנדערש נישט געטאָן. מ׳קאָן דאָך נישט לאָזן דאָס שטיבל אויף הפקר. אַנדערע חסידי־

שע בחורים מוזן דאָך וויסן, אַז עס איז פֿאַראַן אַן עונש פֿאַר אַזעלכע מעשים, פֿאַר אָנטאָן זיך פּלוצלינג אַ שטייפֿן קאָלנער, פֿאַר אָפּשערן זיך די פּיאות, פֿאַר אַוועקוואַרפֿן די שטיוול און אײַנטוישן זיי עפּעס אויף דייטשמערישע שיך מיט שנאָרוואָדלעס, ניין, די וועלט איז נישט הפקר. אַזאַ איינעם מוז מען אָנלערנען, למען ישמעו ויראו. און ווען עס איז אַפֿילו אייגן בלוט און פֿלייש, טאָר מען נישט האָבן קיין איינזען און רחמנות קוים איז יידישקייט אין געפֿאַר.

דער קליינער זעליקל ווייסט דאָס אַלץ. פֿונדעסטוועגן ווייסט ער אויך, אַז דעמאָלט, אין דעם שבת, ווען ער האָט אין שטיבל אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך איינגעהילט אין טלית נישט צו זען זיין זונס חרפּה, האָט ער טיף אין האַרצן געהאַט פֿאַרדראָס אויפֿן גבאי און אויף אַלע אַלטע פֿריינט זיינע, פֿאַרוואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין איינזען אויף זיין זון. ער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין צום פֿאַרדראָס, ער האָט דאָס געפֿיל פֿון ביטערקייט געטריבן פֿון זיך. אָבער וואָס מער ער האָט דאָס געפֿיל געוואָלט פֿון זיך אַוועקטרייבן, אַלץ טיפֿער איז עס פֿאַרקראָכן אין זיינע ביינער. מילא, ער, אַ טאַטע, האָט געמוזט שווייגן, ער האָט זיך דאָך נישט געקאָנט אָננעמען פֿאַר אַן אייגענעם זון. אָבער פֿאַרוואָס האָבן די אַנדערע געשוויגן? פֿאַרוואָס האָט זיין בעסטער פֿריינד, דער הויכער משה, מיט וועמען ער איז אַזוי פֿיל יאָרן געלעגן ביים רבין צופֿוסנס און צוזאַמען זיך איינגעהערט צו זיין תורה אַזוי, אַז זיי זענען געוואָרן ווי איין נפש, — פֿאַרוואָס האָט ער געשוויגן? פֿאַרוואָס איז ער כאָטש נישט צו צו פֿיניען און נישט געפּרוווט מיט אים אַ רייד טאָן, געבן אים צו פֿאַרשטיין זיינע קרומע וועגן? פֿאַרוואָס האָט ער אים, פֿיניען, כאָטש נישט געזאָגט, אַז עס איז נאָך נישט שפּעט צוריק צו ווערן אַ לייט און אַז די טויערן פֿון תשובה און חרטה שטייען פֿאַר אים אָפֿן? ווו זענען זיי געווען, אַלע זיינע פֿריינט? אַלע זיינע חברים, מיט וועלכע ער איז געפֿאָרן צום רבין און צוזאַמען געפּראַוועט חסידות?

זעליקן דאַכט זיך, אַז ווען דאָס אומגליק וואָלט געשען מיט דעם הויכן משהס אַ קינד, וואָלט ער אַנדערש געהאַנדלט. ער וואָלט נישט געשוויגן. ער וואָלט מרעיש עולם געווען. ער וואָלט ס׳גאַנצע שטיבל אויף די פֿיס געשטעלט. און ער וואָלט טאַקע צו אים אַליין, צו דעם יונגאַטש מיטן ווייסן געשטייפֿטן גומענעם קאָלנער צוגעגאַנגען, וואָלט אים גוט

אויסגעריסן די אויערן, וואָלט אַפּילו פּעטש געגעבן און צו אים געזאָגט:

— נו, געגנוג זיך צו נאַר געמאַכט, שלעפּ אָראָפּ דעם נאַרישן שניפּס דײנעם און נעם זיך צו דער גמרא...

אַזוי וואָלט ער, זעליקל, געטאָן, ווען אַזאַ מעשה טרעפט מיט דעם הױכן משהס זון. און עס דאַכט זיך אים, אַז דער הױכער משה ווײסט עס אױכעט. ער, משה, פילט זיך שולדיק קעגן זעליקלען. ער קאָן אים נישט קוקן גלײך אין די אױגן. און ער האָט אים געוואָלט צונעמען פאַר אַ שותּף צו דער פּאַרטיע רײז טאַקע דערפאַר, ווײל ער פילט זיך שולדיק. פון דעם געשעפט איז גאָרנישט געוואָרן, ער, זעליקל, האָט דאָך נישט געקאָנט אײנשטימען צו גניבה...

און מיטאָמאָל פילט ער אין זײן האַרץ אַ שאָדן־פרײד. ער, משה, האָט נישט געקאָנט בײשטײן דעם נסיון. ער האָט דאָס געשעפט מיט דער רײז געמאַכט, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט פון דעם לא תגנוב. זײן פיניע, וואָס שערט זיך די באָרד און גײט אָנגעטאָן ווי אַ גוי, האָט אָבער אים, זעליקלען, פאַרשטאַנען. און אַוודאי וואָלט ער אַלײן אױך אַזוי גע־טאָן. עס איז אַפּילו קשה די גאַנצע זאַך. פיניע זאָל אין ײדישקײט זײן שטאַרקער פון דעם הױכן משהן? ווי געשיקט זיך אַזאַ זאַך? לײגט זיך דאָס אױפן שכל?

דער קלײנער זעליקל קאָן זיך די פראַגע נישט פאַרענטפערן, אָבער ער פילט אין האַרץ אַ הנאה וואָס עס איז אַזוי וואָס פיניע איז כאָטש מיט אײן ײדישער זאַך, מיט ערלעכקײט שטאַרקער פאַרן הױכן משה.

גײן, ער דאַרף זיך גאָרנישט שעמען מיט זײן זון. בײ אַנדערע אין שטיבל איז אױך נישט בעסער. קײנער רעדט נישט דערפון. יעדער בײסט זיך מיטן אײגענעם ווײטיק. יעדער קרעכצט. אין יעדער שטוב זענען דאָ צרות מיט די קינדער. אַן אמתער ימח־שמוניק איז ער, דער דײטש. ער האָט מטמא געווען יעקבס געצעלטן. יעדן טאָג פאַרשווינדט אַן אַנדערער בחור פון שטיבל, עס איז שוין באַלד נישטאָ ווער עס זאָל עפענען אַ גמרא.

און מיט די נשים, מיט די טעכטער איז נאָך ערגער. ערשט נעכטן נאָך מעריב איז אין שטיבל געווען אַ גערודער. מ׳קאָן שוין נישט דורכ־גײן די גאַס, האָבן ײדן דערצײלט. אַזאַ פאַרשײטקײט, זאָל דער אײ־בערשטער שומר ומציל זײן, מיט נאַקעטע העלדזער גײען זײ אַרום, די

נשים, און מיט נאָך אַזעלכעס, וואָס ער, זעליקל, האָט אַפילו מורא אויפן געדאַנק צו ברענגען. אין די שענסטע הייזער ווילן זיי, די כלות, מער נישט האָבן קיין חתנים מיט פּיאות. און זיי שעמען זיך גאָרנישט. זיי שפּרינגען טאַטע־מאַמע אין די אויגן.

און דער הויכער משה האָט אויך אַזאַ צרה ביי זיך אין שטוב מיט זיין דערוואַקסענער טאָכטער מירעלע. טאַקע נעכטן, נאָכן גערודער אין שטיבל, זענען זיי ביידע, ער מיטן הויכן משהן צוזאַמען, אַהיימגעגאַנגען. אויפן גאַנצן וועג האָט ער געקרעכצט, דער הויכער משה.

ער, זעליקל, האָט זיך געאיילט צו דער וועטשערע אַהיים. נאָר משה האָט אים נישט אָפּגעלאָזן.

— קום, לאָמיר נאָך גיין אַביסל, זעליקל, — האָט ער זיך געבעטן.

זעליקל האָט געשוויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס ליגט זיין פריינט אויפן האַרצן, וואָס ער קאָן נאָך נישט פועלן ביי זיך אַרויסצו־זאָגן. זענען זיי געגאַנגען פון די נאַלעווקעס צו דער גענשע צו, אַרויף און אַראָפּ, זיך צוגעקוקט צו די יידן, וואָס לויפן אַרום אַזעלכע פאַר־שמאַיעטע און צעטראָגענע, און האָבן ביידע געשוויגן.

און פּלוצלינג האָט דער הויכער משה אָפּגעהוסט און אַ זאָג געטאָן:

— הער, זעליקל, אפשר זאָלן מיר זיך משדך זיין?

— וואָס הייסט? — איז זעליקל פון איבערראַשונג געבליבן שטיין אין מיטן גאַס.

— נו, דו ווייסט דאָך, יאָך האָב אַ דערוואַקסענע טאָכטער, איז דאָך צייט אַ שידוך צו טאָן און פאַר דיין פּיניע מוז מען דאָך אויך קלערן אַ תכלית...

— האָסט פאַרגעסן, משה, אַז פּיניע איז געוואָרן... — זעליקל האָט דערפילט אַ שטיקעניש אין האַלדז און נישט געקאָנט אַרויסזאָגן, וואָס פון זיין פּיניען איז נעבעך געוואָרן.

נאָר משה אָבער האָט גאָר גענומען ריידן וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט גערעדט וועגן דער מלחמה. נישט אַנדערש, נאָר עס איז די מלחמה פון גוג און מגוג. און מ'ווייסט אַפילו נישט מיט וועמען צו האַלטן, פאַר וועמען מתפּלל צו זיין. דער פאָניע איז אַ רשע, אַ קליינינקייט, וואָסערע צרות ער האָט נעבעך יידן אָנגעטאָן, וויפיל בלוט ער האָט פאַרגאָסן. געדענקסט דאָך, זעליקל, ווי זיי האָבן אַזאַ צדיק ווי ר' דודל ראַפּשיצער

אויפגעהאנגען און אַפילו צו קבר ישראל נישט געלאָזט ברענגען. נו, און דער דייטש איז נאָך ערגער, ווי אַ רשע. ער איז אַן אפיקורס רחמנא ליצלן. אַפילו די אומות העולם מוזן זיין מאמינים, אַנישט, אַז עשיו האָט אויף פּאַר גאָט נישט קיין מורא, איז ער דאָך קאַפּאַבל אויף אַלעם. און ער מאַכט טאַקע צו גאַרנישט אַלץ. זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך אין שטיבל. איינער נאָכן אַנדערן פּאַרסמט ער, דער דייטש, די בעסטע בחורים אונדזערע. און די חוצפּה וואָס ער גיט זיי, זיי האָבן שוין דאָס שעם־היטל אויסגעטאָן. נו, און מיט די עלטערע, האַלט עס בעסער? וואָס מיינסטו, זעליקל, אַז יאָך, משה, ווייס נישט וואָס עס איז פון מיר גע־וואָרן? כ׳ווייס נישט, מיינסטו, אַז פאַר די אַלע מסחרימלעך מיט דעם ליגן זאָגן און מיטן נאַרן און מיט מייקר זיין השער, פאַל איך נישט אַריין אין שאול תחתיה? כ׳ווייס אַלצדינג, זעליקל, אוי, ווייס יאָך... און יאָך בין דיך מקנא, זעליקל. האָסט געהאַט כוח צו זאָגן ניין און נישט צו וועלן האָבן צו טאָן מיט דער רייז. יאָך, זעליקל, האָב נישט געהאַט אַזאַ כוח. יאָך בין צו שוואַך קעגן מיין ווייב און מיינע קינדער און מיין משפּחה און אַלע מענטשן. יאָך קאָן נישט מער פאַרטראָגן זייער אָפּ־שפּעטן פון מיר, דעם בטלן און שלימזל. כ׳האָב זיך אונטערגעגעבן, זעליקל. וואָס זאָל מען טאָן? אַז דער דייטש, ימח שמו, האָט אונדז אַלע אַ קליפּה אָנגעטאָן. פאַרשטייסט, מיט גוטע ריידעלעך, מיט לייכטע פאַר־דינסטלעך, מיט עולם הזה, האָט אונדז די טומאה אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין. און ווען מען איז שוין אין זאַק, זעליקל, קאָן מען שוין נישט אַרויס. דער בעל דבר האַלט דיך פעסט. און ווייסטו וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, זעליקל, מ׳וויל נישט אַרויס פון זאַק, דו הערסט? מ׳וויל נישט!

— און ווייסטו וואָס נאָך כ׳וועל דיר זאָגן, זעליקל, — האָט דער הויכער משה גערעדט אין אַ פליסטער — יאָך פאַרשטיי נישט אונדזערע מענטשן אויך. נאָכן ערשטן געשעפטל מיט מיין שוואָגער, האָט די הויט אויף מיר געציטערט, ווען יאָך בין געגאַנגען אין שטיבל. יאָך האָב גע־מיינט, אַז אויפן שטערן איז ביי מיר אָנגעשריבן וואָס כ׳האָב געטאָן. אַ קלייניקייט, אין אַזאַ צייט מאַכן נאָך אַ יקרות ביי יידן, און אויף דער גאַס גייען אַרום מענטשן הונגעריקע. עס איז מיר געווען זייער נישט גוט דעם ערשטן טאָג אין שטיבל. כ׳האָט געמיינט, אַז אַלע קוקן אויף מיר, שטעכן מיך מיט די אויגן, דרייען אָוועק די קעפּ פון מיר, ווי די חכמים

זאָגן, אַז מען טאָר נישט קוקן אין פּנים פון אַ רשע... אָבער דערנאָך האָב יאָך געזען, אַז עס איז גאָר אַנדערש, קיינער האָט נישט צו מיר געהאַט קיין טענה. מען האָט נאָר געהאַט מער דרך ארץ פאַר מיר. כ׳בין שוין געוועזן אַ שטיקל נגיד, געגעבן אַ שיינע נדבה. בין יאָך גאָר אַ שיינער ייד, און מ׳קומט צו מיר קידוש מאַכן. און אַפילו ביים רבינס טיש גיט מען מיר פריער ווי אַנדערע וויין, באשר בכן, דער משמש ווייסט, אַז ער וועט באַקומען אַ שיין לעצט געלט. נו, פאַרשטיי איך שוין גאַרנישט וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. וואָס הייסט, אַז אויך אין שטיבל זאָל מען שוין האָבן דרך ארץ פאַר געלט און עס זאָל קיינעם נישט אַרן ווי אַזוי מען איז צו דעם געלט געקומען — איז דאָך טאַקע עק וועלט!

דער הויכער משה האָט שווער אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— אַקעגן וואָס יאָך דערצייל דיר דאָס, זעליקל? אַקעגן דעם, דו זאָלסט וויסן, אַז יאָך בין גאַרנישט קיין שיינער מחותן פאַר דיר און יאָך וויים טאַקע נישט, זעליקל, צי יאָך בין ווערט צו זיין דיין מחותן... פאַרשטייסט, אַז מען איז אַזוי אַריינגעזונקען אין די מ״ט שערי טומאה פון געלט, אַז מען פילט שוין צומאָל נישט וואָס מ׳טוט, מען שפּירט שוין אַפילו נישט דעם עיפּוש, הערסט, זעליקל, דער עיפּוש הייבט שוין אָן גאָר צו געפעלן. און ווייסטו נאָך וואָס, זעליקל, יאָך וויל שוין טאַקע זיין אַ שיינער ייד אויך. עס פאַרדריסט מיך שוין טאָמער ווייסט נאָך נישט עמיצער, אַז כ׳בין אַ נגיד און האָב אַן אָנגעפּאַקטן טייסטער. נו, וואָס זאָגסטו, מעג איך שוין זיין פּיניעס מחותן...

דער קליינער זעליקל האָט געהאַט רחמנות אויף זיין פריינט:

— זיי זיך נישט מיאש, משה — האָט ער אים געטרייסט — כל זמן עס טוט נאָך וויי, איז נאָך דאָ צייט אַרויסצוקריכן פון דער בלאָטע. נעם זיך צוזאַמען, משה, און דער אייבערשטער וועט העלפן. און וואָס שייך דעם שידוך מיט פּיניען, דאַרפסטו דאָך וויסן, אַז נישט די מחותנים זענען דער עיקר. יאָך וויים נישט צי פּיניע איז געגוג ייד פאַר דיין טאָכטער, פאַרשטייסט? טאַקע מיין זון, אָבער ווי קאָן איך אַ פרומע יידישע טאָכטער אָפּנאַרן חלילה?

— יאָך וועל דיר זאָגן, זעליקל, דעם גאַנצן אמת. וואָלט מיין מי־רעלע געוועזן אַזאַ יידישע טאָכטער ווי עס דאַרף צו זיין, וואָלט יאָך גע־נומען טאַקע אַ בחור פון שטיבל, געגעבן אַ קעסט, אַזוי ווי עס פירט זיך

ביי אונדזער סגאל. אבער וואס זאל מען טאן, אז די מויד איז לעצטנס נישט צו דערקענען. זי רעדט אזעלכע רייד, אז מען טאר אפילו נישט הערן. זי ווערט פארפאלן פון שטוב, רק זי האלט ארומלויפן אויף פאר־זאמלונגען. א סיציליסטקע, זאגט זי, איז זי. און מענטשן שטאמען פון מאלפעס, ווייסט זי, רחמנא ליצלן, און די רבנים און חסידים פארשטייען נישט די וועלט, נאר זי איז קליגער פון אלע. אזא פעקל האט מען מיר צוגעווארפן...

און דער הויכער משה האט ווייטער גערעדט. ער האט געזאגט, אז ער האט זיך מיישב געווען מיט זיין ווייב און ביידע האבן איינגעזען, אז א שידוך מיט פיניען וואלט געווען דאס גלייכסטע פאר ביידע. פארט היימישע קינדער. פארט איינגעזאפט זיך אין שטוב מיט יידישקייט. אפשר וועלן זיי נאך דער חתונה פארגעסן די נארישקייטן. און פיניע איז דאך א ווילער בחור, ער האט א פייערדיקן קאפ און ער געדענקט נאך געוויס דאס לערנען. און זי, מירעלע, איז אויך נישט אבי ווער, א יפת תואר, אז קאנהארע זאל איר נישט שאטן. און א מלומדת. רק זי טראגט זיך ארום מיט ביכער. און זי שרייבט אויך פאר אים, משהן, אלע בריוו אויף גוייש און אפילו אויף דייטש. און ער, משה, וועט טאקע אויך געבן א נגידישן נדן און א דירה און אלץ אויפן נגידישן שטייגער. איז וואס זאגסטו צו דעם, זעליקל?

זעליקל האט געטראכט, אז די זאך איז נישט קרום, נאר קיין ענט־פער האט ער נישט געגעבן גלייך:

— מ׳וועט זיך איבערלעגן — האט ער געזאגט צו משהן.

אהיימגעגאנגען אבער איז ער שוין א פריילעכער. דער שידוך גע־פעלט אים. ער האט זיין פעסען נישט דערציילט. ער האט זיך געוואלט אליין באטראכטן, און וואס מער ער האט געטראכט, אלץ מער זענען אים משהס רייד אריין אין קאפ.

פרייטיק אינדערפרי איז נישט געווען קיין צייט צו אזעלכע שמועסן, נאר איצט, נאכמיטיק, נאכן צוריקקומען פון דער מקווה, האט דער קליי־נער זעליקל געהאלטן, אז עס איז געקומען די צייט זיך דורכצושמועסן מיט זיין ווייב.

ער האט געמאכט א פאר טריט נענטער צו דער קיך, ביי וועלכער

פּעסע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויסגעדרייט און זיך געפּאָרעט ביי די שבתדיקע טעפּ פון בלאָען געשיר.

— מ׳רעדט אונדז — האָט זעליקל אָנגעהויבן — אַ שידוך מיט פּיניען, און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס איז נישט קיין קרומע זאַך.

פּעסע האָט דאָס מאָל זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר מאַן.

— קענסט דעם מחותן? — האָט זי געפרעגט מיט בייגער.

— אַ שאלה צי כ׳קען אים! — האָט זעליקל אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן — און דו קענסט אים אויך!

— יאָך? — איז שוין פּעסע געווען פריידיק צעטומלט — יאָך, זאָגסטו, קען דעם מחותן?

— קענסט אַפילו די כלה אויכעט — האָט זעליקל זיך געפילט אַזוי גוט וואָס ער קאָן איבערראַשן זיין פרוי.

— וואַרט נאַר, וואַרט, — האָט פּעסע געוואָלט געווינען צייט צו דערגיין ווער דער מחותן איז — וועסט אפשר טועם זיין די שבתדיקע פיש, ביסט דאָך אַוודאי הונגעריק...

— מילאַ, נאַר טועם זיין — האָט זעליקל מיטאַמאָל פאַרגעסן זיין פריערדיקן באַשלוס נישט צוצורירן זיך צו זיין ווייבס פיש.

פּעסע האָט אויסגעלייגט אויף דעם קיך־טיש אַ קליין טישטוכל, האָט אַרויסגענומען פון דער קאַכעדיקער פאַן אַ געפילט פעניץ פיש, האָט אָנגעגאָסן אין טעלער קאַכעדיקע פיש־יויך און אוועקגעשטעלט פאַר זע־ליקלען אויפן טיש.

— נו, ווי שמעקט דיר די פיש? — האָט זי געפרעגט און געקלערט וועגן מחותן.

— אַ מחיה, צעגייען אין מויל — האָט זעליקל איינגעטונקט די ווייכע חלה אין דער פיש־יויך.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן צופרידענעם פּנים פון זיין ווייב און ער האָט געלאָסן געזאָגט:

— משה האָט מיר נעכטן אָנגעשלאָגן דעם שידוך.

— דער הויכער משה?

— משה דער הויכער — האָט איר זעליקל אָפגעענטפערט מיט אַ גמרא־ניגון.

— מיט וועמען?

— וואָס הייסט מיט וועמען? — האָט זעליקל גערעדט מיט אַ מכלומרשטן געבייזער — מיט וועמען זאָל ער ריידן, אַז נישט מיט זיין טאָכטער?

— מיט מירעלען טאַקע? — האָט פעסע געוואָלט זיין זיכער.

— אַז דו זאָגסט מירעלע, מסתמא ווייסטו דאָך איר נאָמען.
מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט גליקלעכע.

— אפשר נאָך אַ שטיקל פיש? — האָט פעסע נישט געוווסט מיט וואָס מהנה צו זיין איר מאַן פאַר דער גוטער בשורה.

— ניין, אויף פרייטיק איז גענוג — האָט זעליקל אָוועקגערוקט דעם טעלער פון זיך.

— איז כאָטש אַביסל מייערן צימעס — האָט פעסע אַוועקגעשטעלט לעבן זעליקלען אַ קליין טעלערל מיט צוגעברוינטע מייערלעך.

זעליקל האָט בנעימותדיק געגעסן די מייערן צימעס, און מאַן און ווייב האָבן מיט גרויס ישוב הדעת אַרומגערעדט דעם שידוך. זיי האָבן ביידע איינגעשטימט, אַז עס איז אַ גליק־שידוך. וואָס הייסט גלאַט אַ גליק? מען זעט, אַז עס איז באַשערט פון הימל. ערשטנס, איז דער הוי־כער משה, אַן עין הרע, אַ ייד אַ נגיד.

— פאַרשטייסט, זעליקל — האָט פעסע אַ צערויטלטע גערעדט — קינדער דאַרפן האָבן אַ מחותן, אויף וועמען מ׳קאָן זיך אַמאָל אָנשפּאַרן, מאַלע, וואָס ס׳טרעפט זיך...

— אַוודאי, אַוודאי... — האָט זעליקל צו אַלעס צוגעשטימט.

— און זי, מירעלע, איז אַ שאַנקייט, אַז מען זעט עס גאַרנישט און פרום איז זי דאָך געוויס — וואָס? — האָט פעסע געקוקט פאַרשנדיק אויף איר מאַן.

— פאַרשטייסט, — האָט זעליקל זיך געקווענקלט — זי איז אויך פון די היינטיקע, משה האָט מיר געזאָגט, רעדט אויך מיט דעם לשון, נו, ווייסט דאָך...

פעסע האָט עס זיך נישט גענומען צום האַרץ. פאַרוואָס זאָל איר פיגיע דווקא זיין אַ היינטיקער. מילא, מעג דער הויכער משה אויך האָבן אַזאַ פעקל.

— ווייסט, זעליקל — האָט זי זיך געוואָלט באַרואיקן — פאַר דער חתונה ליגן אין קאָפּ כלערליי נאַרישקייטן, דערנאָך ווערט מען קליגער

און מען דערמאָנט זיך אויך אין יידישקייט, און אַז דער אייבערשטער וועט העלפן און עס וועט זיין אַ באַשערטע זאַך, וועט מען נאָך האָבן נחת פון פּיניען.

די ביטערקייט האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעלופטערט פון פּעסעס האַרץ. אומזיסט האָט זי זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ האַרץ אויף זעליקלען. אומזיסט האָט פּאַרדראָס געיערט אין איר אינגעווייד, אַז ער, זעליקל, קלערט גאָרנישט וועגן דער שטוב, וועגן דעם, אַז ער האָט אַ ווייב און אַ זון. ער האָט נעבעך געגנוג געזאָרגט. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז ס'ביסל מזל האָט אויסגעפּעלט? האָט ער געשוויגן און געליטן. און זי, אַזאַ נאַרישע יידענע, האָט דאָס שווייגן זיינס שלעכט אויסגעטייטשט, זי האָט געמיינט, אַז אים אַרט נישט קיין שום זאַך אויסער דאָס פאַרען זיך אין שטיבל. איצט ווייסט זי, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט.

פּעסע טוט אַ קוק אויף דער גראָלעכער באָרד פון איר מאַן:

— ער איז נעבעך גראָ און אַלט געוואָרן פון עגמת נפש — האָט זי אויף אים רחמנות ווי אויף אַ קינד — סאַראַ פאַרגעניגנס, מ'שטייגס געזאָגט, האָט ער געהאַט אין לעבן...

נאָר פון היינט אָן, טראַכט פּעסע, וועט דאָס ביטער מזל אפשר איי־בערגעקערט ווערן. דער הויכער משה איז דאָך, אָן עין הרע, אַ ייד אַ נגיד, און ער מאַכט אַזעלכע גוטע געשעפטן. עס איז נישטאָ וואָס זיך צו שעמען מיט אַזאַ מחותן. און די כלה, מירעלע, איז טאַקע אַ יפת תואר, שיינט ווי די זון. און דער הויכער משה איז קיינמאָל נישט געווען קיין קאַרגער, נו, וועט ער, דאָך איצט אַוודאי נישט קאַרגן. עס וועט זיין אַ נגידישע חתונה און טאַקע אויף דער ווינער סאַליע, פאַרן אייזערנעם טויער. יאָ, נאָר אין דער ווינער סאַליע וועט זיין די חתונה פון איר זון.

פּעסע זעט זיך שוין אַ מחותנתטע מיט דעם שפּיצן־קלייד, מיט דער לאַנגער קרינאָלינע.

פּעסע קאָן זיך נישט איינהאַלטן. זי גייט אַריין פון דער קיך אין דער עס־שטוב מיטן ברייטן ווענעצקע פענצטער. זעליקל גייט איר נאָך. ער ווערט נישט איבערראַשט, ווען פּעסע עפנט אויף די דריי־טירנדיקע שאַפע פון טונקעלן דעמב און נעמט אַרויס דאָס זיידענע שפּיצן־קלייד פון איר אייגענער חתונה.

— זעסט, זעליקל, — זאָגט זי מיט אַ צעפלאַמט פנים — ס'איז

נאָך אַזוי ווי ניי. פאַר אַ שיבוש וועט עס פריידקע די שניידערקע אי־בערמאַכן.

— און יאַך זאָג, אַז דו זאָלסט נישט קאַרגן — רעדט מיט גרויס ערנסט זעליקל — אויף שמחת מצווה קאַרגט מען נישט.

פעסע קוקט אַ גליקלעך דערשטוינטע אויף איר מאַן. ס׳ערשטע מאָל מישט ער זיך אַריין אין אַזעלכע עסקים, ווי ווייבערשע קליידער.

זי זעט זיך שוין אַרומגערינגלט פון מחותנתטעס אין די ליכטיקע שטיבער פון דער ווינער סאַליע. שולצס מוזיק שפּילט פריילעכע מאַרשן און אַזעלכע טרויעריקע ניגונים, אַז די טרערן קומען אַריין אין די אויגן אַריין. מירעלע, די כלה, זיצט אויפן כלה־שטול און אַרום איר שטייען די כלה־מיידלעך און ווינטשן איר גליק. די סאַרוועריס לויפן אַרום פּאַרסאַ־פּעטע מיט די הויכע צוקערנע טורעמס אַזוי ווי אויף פריוועסעס חתונה. און אין דער צווייטער שטוב, ביי לאַנגע טישן, זיצן יידן מיט זיידענע און אַטלאַסענע זשיפּיצעס און הויכע ברוינע שטריימלעך, רויכערן שמע־קעוודיקע ציגאַרן און ריידן דברי תורה. און איר מאַן, זעליקל, גייט פון טיש צו טיש און יידן ווינטשן אים:

— מזל־טוב, מחותן, ס׳זאָל זיין צו מזל און צו ברכה.

און זעליקל ענטפערט יעדן אַזוי, ווי אַ מחותן אויף דער ווינער סאַ־ליע דאַרף ענטפערן:

— מערצעשעם ביי אייערע קינדער.

— שולצס מוזיק שפּילט אויף אַ פריילעכס און נח מאַרשעליק הייבט אָן זאָגן און אַלטע יידן לאַכן פון זיין זאָגעכץ ווי קליינע קינדער, און אויך זי, פעסע, וואָס שטייט אין דער אָפענער טיר, ווייט פון די מאַנסבילן, קאָן זיך אויך נישט איינהאַלטן פון לאַכן, פון נחס אויס־טערלישע איינפאַלן און קלוגע ווערטלעך.

פעסע האַלט נאָך אַלץ אין דער האַנט דאָס שפּיצן־קלייד פון איר חתונה, נאָר אירע אויגן זעען איצט איר זונס שמחה אויף דער ווינער סאַליע. זי פילט, אַז עפּעס פעלט איר נאָך צו דער שמחה. עפּעס אַ חוץ דער ווינער סאַליע און אַ חוץ די סאַרוועדס און שולצס מוזיק און אַ חוץ די מחותנתטעס און די מחותנים אין די זיידענע זשופּיצעס. יאָ, איצט ווייסט זי שוין וועמען זי זוכט. דעם אַלטן בערל טרעגער, מיט דער קליי־נער ווייסער באָרד, וואָס מען ווייסט נישט צי זי איז ווייס געוואָרן פון

אַלטקייט, צי פון די זעק מעל וואָס ער שלעפּט אַלע יאָרן. אוודאי וועט ער, דער אַלטער בערל, נישט פאַרשעמען איר שמחה, פּונקט ווי ער פאַרשעמט נישט אַנדערע יידישע חתונות אין דער ווינער סאַליע. ער וועט קומען מיט זיינע פאַרמעלטע מלבושים צו דער מינוט און דער רגע, ווען שולץ וועט אויפשפּילן דעם חופּה־מאַרש. אַלע מיידלעך און אַלע מחותנת־טעס האַלטן שוין גרויסע וואָקסענע הבדלות אין די הענט, דעמאָלט וועט ער זיך באַווייזן, בערל טרעגער, מיט די גראָבע שטריק אין האַנט. ער וועט זיך נישט אומקוקן אויף קיינעם, וועט נישט וועלן אַפילו טועם זיין דעם זיסן ליקער, וועט אָוועקשטופּן פון זיך דעם סאַרווער מיטן זיס־וואַרג. ער וועט צוגיין גלייך אויבנאָן צום חתן און צו אים זאָגן:

— זיי נישט גרויס ביי זיך, חתן, זעסט, יאָך בין אויך אַמאָל אַזוי געזעסן ווי דו, און וואָס עס איז מיר געבליבן? — אָט די שטריק.

אָפּגעזאָגט די ווערטער, גייט דער אַלטער טרעגער, מיט רואיקער ווירדע, איבער דער גלאַנציקער פּאָדלאָגע פון דער ווינער סאַליע, קוקט זיך נישט אום אויף קיינעם און ערשט ווען ער פאַרשווינדט, שפּילט שולץ ווידער אויף אַ פריילעכס.

פּעסע וויל, אַז אויך ער, זעליקל, זאָל איצט שוין פילן דעם טעם פון זייער גרויסער שמחה, זאָגט זי צו אים:

— ווייסט, זעליקל, מ׳עט דאַרפן זאָגן משהן, אַז די חתונה זאָל זיין אין דער ווינער סאַליע.

— יאָך מיין, אַז די זאַכן געהערן צו די נשים — דערמאָנט זי דער קליינער זעליקל.

— נו, וועל יאָך זיך שוין איבערשמועסן מיט משהס ווייב. זי וועט אוודאַי אויכעט נישט וועלן ערגעץ אַנדערש.

זיי זיצן ביידע ביים טיש, איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן, און שמועסן וועגן אַלעם, וואָס מען דאַרף אַלץ צוגרייטן צו דער חתונה. פּעסע רעכנט אויס וואָס מען דאַרף פאַר דער וויפּראַווע און זעליקל שפּאַרט זיך נישט דאָס מאָל מיט איר. ער שטימט מיט אַלעם איין, נאָר ווען עס קומט צו זיין נייער זיידענער קאַפּאָטע, דערמאָנט ער זיין ווייב, אַז זי האָט אים ערשט נישט לאַנג אויפגענייט אַ קאַפּאָטע פון סאַטין דליאָן.

נאָר פּעסע האַלט זיך ביי ס׳איריקע. אַ מחותן מוז האָבן אַ נייע זיידענע קאַפּאָטע און זעליקל גיט געדן נאָך.

ער גיט נאָך דערפאַר, ווייל ער טראַכט איצט וועגן עפּעס אַנדערש. ווי גוט וואָלט געווען ווען ער דאַרף אויך פאַר פּיניען אַ זיידענע קאַ־פּאָטע, מאָלע וואָס זאָל מען טאָן, מסתמא דאַרף אַזוי זיין. און צוריק געשמועסט, איז דאָך פּאַרט זיין פּיניע נישט אַבי ווער. אַפּילו אין שטיבל זאָגט מען שוין, אַז ער, פּיניע, האָט אַן אייזערנעם קאָפּ און איז אַ מורא־דיקער מלומד. מ׳זאָגט שוין אַפּילו נישט, אַז ער איז קאַליע געוואָרן, נאָר מען דערציילט גאַנצע חידושים, אַז ער איז די רעכטע האַנט פון דעם גביר האַרט.

ער וויל טאָן נחת זיין אשה, זאָגט ער צו איר:

— יאָ, כ׳האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז אונדזער פּיניע האָט אַ גוטן נאָמען, מ׳רעדט פון אים אַפּילו אין שטיבל.

— אַזוי, אַזוי... — פילט פּעסע טרערן אין די אויגן — זעסט, אפשר וועט דער אייבערשטער העלפן.

עס ווערט שפּעטלעך. פּעסע שפּרייט אויס אויפן טיש אַ ווייס טיש־טוך, לייגט אַוועק צוויי חלות און דעקט זיי צו מיט אַן אויסגעהאַפּטן זיידן טישטעכל.

דער קליינער זעליקל העלפט צו מאַכן שבת. ער שטעלט אַוועק די זילבערנע לייכטער, שטעקט אַריין די ליכט און ברענט צו די קנייטן, אַז זיי זאָלן ברענען גלייך און ליכטיק לכבוד שבת.

דער קליינער זעליקל טוט אָן די נייע זיידענע קאַפּאָטע און גאַרטלט זיך אַרום מיט אַ דיקער זיידענער גאַרטל, וואָס דער רבי האָט אים גע־געבן אַ מתנה.

פּעסע טוט זיך אָן דאָס שבתדיקע קלייד, וואָס פּיניע האָט איר גע־קויפט, און איר האַרץ קלאַפּט מיט פריידיקער דערוואַרטונג.

ביידע וואַרטן אויף פּיניען. זיי ריידן פון עפּעס אַנדערש, נאָר ביידע ווייסן, אַז זיי טראַכטן נאָר וועגן אים, זייער בן־יחיד. זיי ווילן אים דער־ציילן וועגן דעם היכן משה און וועגן מירעלען און וועגן דער ווינער סאַליע.

— ר׳איז נאָך נישט דאָ — רייסט זיך אַרויס ביים קליינעם זעליקל.

פּעסע שטייט פאַר די ברענענדיקע שבת־ליכט. מיט ביידע הענט פאַרדעקט זי די אויגן און שטיל, אָן ווערטער, בעט זי ביי די הייליקע אמהות, ביי שרה, רבקה, רחל און לאה, אַז זיי זאָלן זיך מיען פאַר איר

בן־יחיד, אַז זיין האָרץ זאָל זיך אומקערן צום גוטן, אַז דער שידוך מיט מירעלען זאָל זיין דער ריכטיקער זיווג און אַז זי און איר מאַן זעליקל זאָלן נאָך דערלעבן נחת פון זייער פּיניע.

זי נעמט אַוועק די הענט פון די אויגן. מנוחה איז איצט צעלייגט אויף איר פּנים. זי איז זיכער, אַז איר געבעט איז אויסגעהערט געוואָרן. זי זעט, אַז זעליקל איז צעטומלט, וואָס מען זעט נאָך אַלץ נישט פּיניען, זאָגט זי צו אים מיט אַ גוטן שמייכל און מיט אַ שטרענגער שטים:

— גיי, גיי אין שטיבל. עס ווערט שפּעט. האָב נישט קיין מורא, פּיניע וועט אַ ליאַדע רגע אַריינקומען.

זעליקל איז צופרידן פון פּעסעס שטרענגער שטימע. פּעסעס זיכער־קייט שטאַרקט אים. נו, געוויס, וואָס שרעקט ער זיך? פרייטיק צו נאַכטס צום קידוש איז דאָך פּיניע שטענדיק דאָ, מסתמא קומט ער גלייך אָן.

זעליקל גייט רואיק און בנעימותדיק אויף דער גאַס. אַלע קראָמען זענען פאַרהאַקט. יידן מיט סאַמעטענע היטלען גייען איבער דער גאַס. קיינער איילט זיך נישט. נישטאָ מער דאָס וואָכעדיקע יאָגעניש און דאָס שטופּעניש.

זעליקל קלערט נאָכאַמאָל איבער אַלץ, וואָס ער האָט היינט דורכ־געשמועסט מיט פּעסען. באַלד וועט ער זיין אין שטיבל און זיך טרעפן מיטן הויכן משה. נו, אוודאי וועט ער אים זאָגן, אַז די זאַך געפעלט אים. מיט אַן אַלטן גוטן פריינד איז דאָך נישט שייך צו שפּילן אין באַ־העלטעניש. און מען דאַרף טאַקע נישט באַלאַמוטשען. ביים עסן וועט ער אַ רייד טאָן מיט פּיניען. ער, פּיניע, געדענקט דאָך מירעלע פון קליי־נערהייט. נו, וועט עס אויך אים אַוודאי געפעלן, אַז פּעסע זאָגט אַ יפת תואר, מעג מען זיך אויף איר פאַרלאָזן.

אין שטיבל האַלט מען שוין אין מיטן זאָגן הודו. זעליקל שטעלט זיך אין זיין ווינקל ביים פענצטער און זינגט זיך פריידיק צו די פסוקים פון שבתדיקן דאַווענען.

דאָס דאַווענען דויערט נישט לאַנג פרייטיק צו נאַכטס אין שטיבל. יידן זענען מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן און אין שטוב איז די בני בית אויך גענוג אָפּגעמאַטערט, מאַכט מען נישט אין שטיבל קיין לאַנגע שהיות און דער עולם גייט אַהיים צו קידוש.

די שאַרפע חסידים אָבער, ווי דער קליינער זעליקל און דער הוי־

כער משה, איילן זיך נישט אַהיים. זיי זעצן זיך אַוועק ביים זוהר און מיט אַ נאָגנדיק־בענקענדיקן ניגון זינגען זיי אויס די ווונדערלעכע וויזיעס פון די העכערע וועלטן, פון וועלכע די יידישע נשמה ציט איר שורש.

דעם פרייטיק צו נאַכטס האָט זעליקל, צוזאַמען מיט די פשוטע יידן, אַנגעטאָן דעם פּאַלטאָ באַלד נאָכן דאַווענען.

— גוט שבת! — האָט דער הויכער משה זיך געוווּנדערט וואָס זיין פריינד איילט זיך אַזוי היינט צום קידוש.

— גוט שבת, גוט יאָר, משה! — האָט זעליקל געענטפערט — פאַרשטייסט, כ׳וויל זיך נאָך דורכריידן מיט מיין פּיניען...

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ שולדיקן שמייכל:

— היינטיקע צייטן גייט נישט אַנדערש, משה...

משה האָט פאַרשטאַנען, אַז ער, זעליקל, און זיין אשה, זענען צופרידן פון דעם שידוך און ער האָט געזאָגט:

— יאָך וועל עס טאַקע אויך טאָן דעם שבת.

זעליקל האָט געשטעלט אייליקע טריט איבער דער גאַס. ער האָט געבענקט צו די שבת־ליכט אין זיין שטוב. ער האָט געבענקט צו זיין אשה פעסע, וואָס זיצט ביים טיש איבער דער צאינה וראינה און וואַרט אויפן קידוש. און ער האָט געבענקט צו זיין בן־יחיד, אים אָנצוזאָגן די בשורה וועגן דעם שידוך מיט משהס טאָכטער.

— גוט שבת, גוט שבת! — האָט ער פריידיק אויסגערופן נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל.

פעסע האָט אים שטיל אָפּגעענטפערט. זעליקל איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב אין פּאַלטן:

— ר׳איז נאָך אַלץ נישטאָ, פּיניע? — האָט זעליקלס שטים אַ ציטער געטאָן.

— טו אויס דעם פּאַלטאָ — האָט פעסע זיך באַמיט צו זיין רואיק — ער וועט באַלד קומען.

זעליקל האָט אויסגעטאָן דעם פּאַלטאָ, האָט געדרייט זיך אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב. ער האָט געגעבן שלום עליכם די שבתדיקע מלאכים, וואָס קומען הערן קידוש אין די יידישע שטיבער, נאָר די אויגן האָבן כסדר געקוקט צו דער טיר.

לאַנגזאַם האָט זעליקל אויסגעזונגען דעם שלום עליכם, וואָרט ביי

וואָרט האָט ער געזאָגט אשת חיל און ווען ער האָט געענדיקט, איז ער געבליבן שטיין אין מיטן שטוב און נישט געוווסט וואָס ווייטער צו טאָן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף פּעסען, וואָס איז געזעסן איבערגעבויגן איבער דער צאינה וראינה. ער האָט גענומען שפּאַנען האַסטיקער אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב.

— ער איז נישטאָ — האָט ער צו זיך געמורמלט — פאַרגעסן צו־מאָל אַן שבת... האָ...

זעליקל האָט זיך אַ רייב געטאָן דעם שטערן. עצבות אין שבת! ניין, ניין, נאָר נישט קיין עצבות, אַ ייד מוז זיך שטאַרקן, יאָ, יאָ, שטאַרקן...

פּעסע האָט אַ קוש געטאָן דאָס געלבלעכע בלאַט פון ספר, האָט עס צוגעמאַכט און מיט אַ מאַטער שטים געזאָגט:

— מאַך קידוש, זעליקל... פּיניע וועט אַליין מאַכן קידוש...

זעליקל האָט זיך געמיט, אַז דער קידוש זאָל זיין, ווי שטענדיק, אַ פריילעכער, נאָר ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן די האַנט, וואָס האָט געציטערט, האַלטנדיק דעם בעכער ראַזשינקעס־ווייַן.

פּעסע האָט דערלאַנגט די פיש:

— עס, זעליקל, עס. — האָט זי גערעדט צו איר מאַן און דערביי געקוקט אויף דעם ליידיקן טעלער וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר פּיניען.

— וואָס איז געשען? — זענען אירע אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן

— ער קומט דאָך שטענדיק פרייטיק פאַרנאַכט אַהיים.

שרעקלעכע געדאַנקען זענען איר דורכגעלאָפן. אַמאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַ וואָגן האָט איר פּיניען איבערגעפאָרן, מען נעמט אים אין שפּיטאָל און ער קרעכצט פון ווייטיק. פּעסע האָט געוואָלט זיך רייסן די האָר פון קאָפּ און שרייען צו איר מאַן, אַז ער זאָל אויפהערן עסן די פיש און לויפן ראַטעווען זייער קינד.

נאָר באַלד האָט זי זיך דערמאָנט דעם האַרבן אָנזאָג פון די הייליקע ספרים, אַז שבת טאָר מען נישט טרויערן און וויינען. און פאַרוואָס זאָל זי זיין טרויעריק? וואָס פאַלן איר איין אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען? וואָס איז געשען, וואָס? פּיניע איז נישט געקומען צום קידוש? מאַלע, וואָס עס קאָן געשען. אַ מענטש איז דאָך נאָר אַ מענטש. אפשר איז ער אוועקגע־פאָרן. יאָ, געוויס, דער באַלעבאָס האָט אים געהייסן פאָרן און ער האָט

נישט געהאט קיין צייט מודיע צו זיין אין דער היים, ס׳איז דאָך פּרייטיק.

אַזוי האָט פּעסע געוואָלט איינשטעלן דעם אומרו אין האַרץ און נישט געפילט דעם טעם פון די פיש, וואָס זי האָט מיט אַזוי פיל מי צו־געגרייט פאַר אים, פאַר איר פיניען, לכבוד שבת.

זעליקל האָט אָוועקגערוקט דעם טעלער פיש. ער האָט געגעסן. מען טאָר נישט פאַרשעמען חלילה די שבתדיקע מאכלים. ער האָט געזונגען זמירות מיט האַלב פאַרשלאָסענע אויגן, נאָר די אויערן זענען געווען אָנ־געשפּיצט און אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך אויף די טרעפּ.

— ניין, ניין — האָט ער פאַרפלאָנטערט דעם זמירות־ניגון — עס איז נישט פיניעס גאַנג.

פעסע האָט פון דער קיך אַריינגעבראַנגט צוויי טעלער יויך מיט אַרבעס:

— די יויך האָט היינט דעם אמתדיקן שבתדיקן טעם. פאַרזוך, זעליקל.

— אַ מחיה די יויך — האָט זעליקל פאַרזוכט.

ביידע האָבן אויסגעמיטן איינער דעם אַנדערנס בליקן. ביידע האָבן געוואָלט באַהאַלטן זייערע טרויעריקע מחשבות.

אוודאי טאָר מען נישט זיין טרויעריק שבת. עס איז אַ שווערע זינד עצבות. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז אויפן האַרץ איז אַזוי שווער? און פאַרוואָס זאָל זיי אַלץ פאַרשטערט ווערן? פאַרוואָס? זיי האָבן זיך דאָך אַזוי געפרייט מיט דעם שבת. זיי האָבן אַזוי געוואָלט זיצן איצט ביים טיש מיט זייער זון און דערציילן אים וועגן הויכן משה און וועגן מי־רעלען און וועגן דער ווינער טאַליע... מער האָבן זיי נישט געוואָלט. אַ שעה נחת. דאָס איז געווען זייער גאַנצער פאַרלאַנג. איז פאַרוואָס זענען זיי אַזוי זינדיק? פאַרוואָס זאָלן זיי האָבן אַזאַ פאַרשטערטן שבת?

— מנוחה ושמחה ואור ליהודים! — האָט זעליקל זיך צעשאָקלט. אַוועק, אַוועק די מרה שחורה!... ביי יידן מוז שטענדיק זיין ליכטיק, אַפילו ווען עס איז פינצטער אַרום, מוז אין האַרץ זיין ליכטיק. אור ליהודים, אור...

זעליקל האָט זיך צעזונגען הויך אויפן קול. ניין, ער וועט מער נישט צולאָזן צו זיך קיין עצבות. ווי האָט ער געזאָגט, דער רבי, שבת ביים

טיש? אַ ייד מוז אין טרויער געפינען פרייד, מוז אין דער פינצטער אָנצינדן אַ ליכט. אַזוי, אַזוי איז עס.

זעליקל האָט פריילעך געזונגען די זמירות און ווען פעסע האָט דער־לאַנגט דאָס פלייש, האָט זעליקל צו איר געזאָגט, אַז אַזאַ טעם פון בשר געדענקט ער שוין נישט פון לאַנג. און ווען עס איז געקומען צום מייערן־צימעס, האָט ער געבעטן נאָך אַביסל. טויזנט טעמים האָט דעם שבת דער צימעס.

און ער האָט געבענטשט מיט שמחה, ער האָט לאַנג אויסגעזונגען די פסוקים און פעסע האָט פון איר קרבן מנחה סידור שטיל נאָכגעזאָגט.

נאָכן בענטשן זענען ביידע געבליבן זיצן שטיל.

— אפשר אַ גלאָז טיי — האָט פעסע געזאָגט, כדי איבערצורייסן דאָס שווייגן.

— מילא — האָט זעליקל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ער האָט געעפנט דעם זוהר און פעסע האָט גענומען אין האַנט דאָס גרויסע טייטש־חומש און געלייענט די ווונדערלעכע מעשיות פון דער מאַמע רחל. זי האָט רחמנות געהאַט אויף דער אָרעמער רחל, וואָס גאָט ברוך הוא האָט זי אַזוי יונג אַוועקגענומען פון אירע צוויי זין, נאָר אין אמתן האָט זי געטראַכט וועגן איר פּיניען, וועלכער האָט שוין אַפילו אָן שבת פאַרגעסן.

זעליקל האָט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער צעשאָקלט ביים זוהר. זיין קול איז געוואָרן העכער און שטאַרקער. אַז עס זענען דאָ אַזעלכע גרויסע וועלטן און אַזעלכע גרויסע זונען און מלאכים און שרפים — איז וואָס איז שייך זיך צו נעמען צום האַרצן די אַלע נאַרישקייטן פון דעם עולם הזה. עס איז דאָך באמת אַלץ הבל הבלים אַקעגן דעם גרויסן ליכט פון אויבן.

אַזוי האָט זעליקל געטראַכט וועגן די אַלע נאַרישע עגמת נפשן. פונ־דעסטוועגן האָט ער נישט אויפגעהערט צו קוקן צו דער טיר.

ביז שפּעט ביינאַכט זענען זיי ביידע אַזוי געזעסן ביים טיש און געוואַרט אויף זייער זון.

די שבת־ליכט האָבן גענומען צאַנקען. פעסע האָט מיט אַ טרוקן קול געזאָגט:

— נו, גענוג געוואַרט אויף אים. צייט צו גיין שלאָפן.

זיי האָבן זיךביידע אויפגעשטעלט און אויסגעמיטן זיך צו קוקן אין די אויגן. זיי האָבן זיך געשעמט מיט דער נאַרישער פרייד זייערער. זיי האָבן רחמנות געהאט אויף זיך, וואָס אַזאַ קליין ביסל נחת איז זיי נישט באַשערט און זיי האָבן זיך געשעמט מיט זייער רחמנות.

פיניעס ליידיקער טעלער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט אויפן טיש. דער טעלער האָט שטום פון זיי געשפּעט.

זיי זענען געלעגן שטיל און אָן ווערטער אין זייערע בעטן. זיי האָבן איינער פאַרן אַנדערן געמאַכט דעם אָנשטעל פון זיין שלעפעריק. נאָר געלעגן זענען זיי אין דער פינצטער און נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס מיט פיניען איז געשען.

פעסע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, באַלד אין דער פרי, ווען זעליקל וועט גיין צום דאַוונען, וועט זי טאָן אַ לויף צו צום צירקל (פאָליציי־קאָמיסאַריאַט), אפשר וועלן זיי וויסן צי עס האָט עפּעס נישט פּאַסירט.

עס איז שוין געווען גאָר שפּעט, ווען פעסע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר דרימל. זי האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין פיניעס שטיבל.

— יאָ, ער איז דאָ — האָט איר האַרץ אויפגעצאַפּלט פון פרייד.

אויף די שפּיץ פינגער האָט זי זיך דערנענטערט צום בעט. ער איז געלעגן אין אָנטועכץ, אַפילו די שיך נישט אויסגעטאָן, מיט אַן אָפן מויל, און הויך געשנאָרכט.

פעסע האָט פאַרגעסן איר גאַנצן פריערדיקן פאַרדראָס. זי האָט רחמנות באַקומען אויפן יינגל, וואָס איז נעבעך אַ מידער אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און נישט געהאט קיין כוח אַראָפּצעוואַרפן פון זיך די מלבו־שים. ער האָט געמוזט האָבן אַ שווערן טאָג, האָט פעסע זיך איבערגע־בויגן איבער איר זון.

פּלוצלינג האָט זי זיך אַ ריס געטאָן צוריק. פון פיניעס אָפן מויל האָט אויף איר אַ זעץ געטאָן אַ שטאַרקער ריח פון בראָנפן.

— טאַטע אין הימל! — האָט פעסע אויפגעציטערט — ער איז שיכור...

פעסע האָט נאָך שטילער זיך אַרויסגעשאַרט פון פיניעס שטיבל.

אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט איר געקלאַפּט פאַר קעלט. מיט ביידע הענט האָט זי זיך צוגעהאַלטן ביים האַרץ.

— אַזוי גאָר, אַזוי... ווען מיר האָבן געוואַרט ביים שבתדיקן טיש האָט ער גאָר געשיכורט, אַזוי...

פעסע האָט זיך צוגעשלעפּט צו איר בעט און איינגעגראָבן איר פּנים אין קישן.

— אַזוי גאָר, אַזוי... — האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָרט, אין דעם פינצטערן שטיבל ליגט נישט איר זון, נאָר אַ ווילד פרעמדער מענטש ליגט און כראָפּעט.

פעסע ליגט שטיל. זי האָט מורא זיך צו רירן. פאַר מורא דער־שטיקט זי אַפילו איר געוויין.

זי ליגט מיט אָפענע אויגן און קוקט אין דער פינצטערניש. עס דאַכט זיך איר, אַז נעכטן ערשט איז עס געווען, ווען זי איז געלעגן אין אָט דעם זעלבן בעט און יעדעס מאָל אַ קוק געטאָן מיט שרעק, נייגער און באַוואונדערונג צוגלייך אויף דעם רויטן פּנימל פון דעם קליינעם באַ־שעפעניש, וואָס איז איר זון.

זי פילט נישט ווי די טרערן רינען איבער אירע באַקן. זי דערמאָנט זיך די שלאָפלאָזע נעכט, ווען זי איז געזעסן איבער דעם וויגל און זיך צוגעהערט צו דעם אָטעם פון דעם קליינעם באַשעפעניש, וואָס איז גע־ווען אַזוי אומבאַהאָלפן און האָט טאַקע מיט דער דאָזיקער אומבאַהאָלפּנ־קייט באַהערשט איר גאַנץ וועזן.

פעסען דאַכט זיך, אַז זי לעבט איצט אין בעט נאָכאַמאָל איבער די יאָרן, ווען פון דעם אומבאַהאָלפענעם באַשעפעניש האָט זיך אויסגע־וויקלט אַ מענטש, איר פיניע, איר בן־יחיד. זי אַנטדעקט איצט ווידער־אַמאָל דאָס ערשטע ציינדל אין קינדס פריש מיילעכל און באַלד זעט זי אים ווי ער קריכט שוין אויף אַלע פיר איבער דער פאָדלאָגע און יעדעס מאָל רופט ער צו איר מיט אַזאַ פרייד: מאַמע.

די בילדער טוישן זיך שנעל, איילעוודיק, פאַר פעסעס אויגן. זי פירט איר זון אין חדר און ער, פיניעלע, האַלט זי פעסט, די מאַמען, ביים פאַרטוך און לאָזט זי נישט אַוועק פון חדר. און שפּעטער קומען טעג פון גרויסער פרייד. די חומש־סעודה פון איר זון און זי הערט זיין קוויטשענ־דיק קולכל נאָכזאָגנדיק די חומש דרשה, וואָס מ'האָט אים אין חדר אויס־געלערנט.

— עס איז דאָך מיר געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט.. — טראַכט פעסע

— ערשט איצט ווייס איך ווי גוט עס איז מיר דעמאָלט געווען.

פיניע האָט באַגערט צום לערנען. אַזוי האָבן אַלע מלמדים געזאָגט. און ער האָט געהאַט אַ פייערדיק קעפּל, פיניע. מאַמעס האָבן זי מקנא געווען. און זי, פּעסע, האָט אָפּגעשפּראָכן אַן עין הרע יעדעס מאָל ווען איר מאַן, זעליקל, האָט פיניען פאַרהערט און ער האָט פון אויסנווייניק געזאָגט גאַנצע בלעטער גמרא.

די טרערן גיסן זיך וואָס אַמאָל האַסטיקער איבער פּעסעס פּנים. פאַרוואָס האָט זי געזינדיקט, פאַרוואָס האָט זי נאָך געהאַט טענות אויף איר מזל? פאַרוואָס האָט זי זיך נישט באַגנוגנט מיטן נחת פון איר זון און האָט נאָך געוואָלט האָבן פּרנסה און געלט?

צוליב דעם, צוליב אירע טענות, צוליב איר גלוסטעניש צו געלט און פּרנסה, איז פיניע אַוועק פון שטיבל צום דרוקער. יאָ, נאָר צוליב דעם. ער האָט געוואָלט ווערן אַ פאַרדינער, ער האָט געוואָלט לייכטער מאַכן איר לאַסט.

און זי האָט זיך געשעמט מיט אים. געשעמט וואָס ער איז געוואָרן אַ בעל־מלאכה. זי האָט זיך געשעמט פאַר די שכנים און פאַר דער גאַס. איר זון איז אַוועק פון שטיבל, איז קאַליע געוואָרן און גענומען ריידן אַזעלכע רייד, ווי די גאַזלען, די גראָבע יונגען וואָס שמעקן מיט פּולס־זייף און שלעפּן זיך אַרום מיט דינסט־מוידן.

איצט ווייסט זי, אַז מיט איר שעמען זיך האָט זי זיך ווידעראַמאָל פאַרזינדיקט. זי האָט נישט געוווּסט, אַז עס גייט אויף איר נאָך אַ גרעי־סערע שאַנד ווי צו האָבן אַ זון אַ געזעל־יונגג. פאַרקערט, זי האָט זיך נאָך געפרייט וואָס איר זון איז געוואָרן אַ שרייבער ביי דעם אויפגעקומענעם גביר, דעם פאַן האַרט. זי האָט נאָך שטאָלצירט דערמיט. זי האָט זיך געריסט פאַרן קרעמער און פאַר אַלע שכנים מיט איר געראָטענעם זון.

און זי האָט זיך געפרייט מיט דעם געלט, וואָס איר זון ברענגט איר אַהיים. זי האָט זיך געפרייט מיט די פיש און מיטן פליישׂ, און מיט די פעטע יויכן וואָס זי קאָכט פאַר איר זונס געלט. זי האָט זיך געפרייט מיטן נייעם שייטל און מיטן נייעם קלייד און מיט דער נייער לאָמפּ און מיט דער פאַרראַכטענער סאָפע.

איצט ווייסט זי איר בראָך. איצט ווייסט זי, אַז דאָס געלט וואָס איר זון האָט איר געברענגט איז טריף. טריף ווי חזיר איז זיין געלט. טריף, טריף, טריף!

פעסע האָט געוואָלט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. זי האָט געוואָלט רייסן זיך די האָר פון קאָפּ און אויסשרייען איר ווייטיק, אויסשרייען אַז איר שטוב איז טריף, אירע פאַרלאַנגען זענען טריף, און איר גאַנץ לעבן איז טריף. אויף אַלעם האָט זי זיך געריכט, אָבער האָבן אַ זון — אַ שיכור?!

זינט זי לעבט האָט זי נאָך נישט געזען אַ ייד אַ שיכור. זי ווייסט, אַז עס זענען דאָ גוטע יידן און נישט גוטע יידן, פרומע און נישט פרומע, אָרעמעלייט און גבירים, חסידים און פּראָסט פאָלק, תלמידי חכמים און גראָבע יונגען, אַ יידישן שיכור האָט אָבער פּעסע נאָך נישט געזען.

יעדן זונטיק, ווייסט זי, טרינקט זיך סטעפּאַן דער סטרוזש פון זייער הויז אָן, פרעסט קעלבאַס, זויפט ווידער ביז וואַנען ער נעמט שלאָגן דאָס ווייב, אַז די גוואַלדן טראָגן זיך איבערן גאַנצן הויף. טייגלמאַל באַגנוגנט ער זיך נישט סטעפּאַן מיטן שלאָגן בלויז דאָס ווייב. ער כאַפּט דעם בע־זים, לויפט ווי אַ משוגענער איבערן הויף און שרייט, אַז ער מוז אויס־שעכטן אַלע יידן, אַן עשיו אַזאַ...

פעסע בייסט זיך די פינגער פון די הענט, אַז זי זאָל נישט שרייען. וואָרום ווי קאָן מען אויסהאַלטן, אַז איר זון, איר בן־יחיד, איר פּיניע, זאָל גאָר ווערן אַן עשיו. יאָ, אַן עשיו. דער קאָפּ האָט זיך דאָך איר פאַר־דרייט פון דעם שטינקענדיקן בראָנפן, וואָס האָט געזעצט פון זיין מויל.

ניין, דער שיכור וואָס כראָפּעט אַזוי אומטערפייפנדיק, איז נישט איר זון. מ׳האָט אים עפּעס אַ מעשה אָנגעטאָן. ווער ווייסט, אפשר האָבן אים די נישט־גוטע פאַרכאַפּט און געמאַכט פון אים אַן עשיו.

פעסע דערמאָנט זיך אָן יענעם קעניג, דעם רשע און שונא ישראל, וועגן וועמען די הייליקע ספרים דערציילן, אַז ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ ווילדער חיה, איז אַרומגעלאָפן איבערן וואַלד און געגעסן גראָז.

איז אפשר מיט איר פּיניען אויך אַזוי געשען? אפשר איז ער מגולגל געוואָרן אין אַן עשיו?

אָבער וואָס זאָל זי טאָן מיט אַן עשיו אין שטוב? פעסע פאַרברעכט די הענט און טוט אַן וואָרטער תפילה, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף איר אָרעמען זון, זאָל אים אַרויסראַטעווען פון די הענט פון די נישט־גוטע און ס׳זאָל שוין אַ סוף נעמען צו אירע צרות.

פעסעס אויגן קלעפּן און שוין האַלב שלאָפנדיק טוט זי אַ נדר, אַז זי וועט מער שוין נישט זינדיקן. זי וועט מער זיך נישט קלאָגן אויף

איר ביטער מזל. זי וועט מער נישט האָבן צו קיינעם קיין טענות. זי וועט נישט פאַרלאַנגען מער קיין שום זאַך. נייערט איר זון, איר פיניען זאָל זי צוריק האָבן.

אין שלאָף טוט זי אַ קוויטשנדיקן אויסגעשריי.

זעליקל דרייט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט און רעדט אין שלאָף:

— וואָס... וואָס... פיניע...

באַלד ווערט די שטוב איינגעזונקען אין טיפער שטילקייט.

קאַפּיטל צוועלף

ביי מלכהלע דער גרושה

אין ביוראָ פון יאַקוב האַרט, איז אַ שטאַרקע באַוועגונג. די געשעפטן פון פאַן האַרט זענען פון טאָג צו טאָג גרעסער געוואָרן. ער שאַרט גאָלד, האָט מען וועגן אים געשמועסט מיט וואָס אַמאָל גרעסערן דרך־ארץ אין גאַס.

פיניע, אָדער ווי מען האָט אים אין ביוראָ גערופן: פינקוס העכט, איז שוין נישט געווען דער איינציקער „שראַבער" ביי דעם געוועזענעם גזשיבאָווער באַלעגאָלע. מען האָט באַדאַרפט גרויסע און לאַנגע חשבונות און וואָס אַמאָל מער בריוו צו שרייבן.

פיניע האָט אויפמערקזאַם געמאַכט זיין באַלעבאָס, אַז מען דאַרף האָבן נאָך „מענטשן", צוליב די פאַרגרעסערטע געשעפטן.

— טאָ וואָס קלערסטו, פיניע? — האָט אים יאַנקל אַ קלאַפּ געטאָן גוטברודעריש איבער דער פּלייצע — אַז מען דאַרף, דאַרף מען!

זענען אָנגעקומען צוויי יונגע מאַשינשרייבערינס און נח לעווינזאָן, דער בוכהאַלטער מיטן גאָלן קאָפּ פון אַ גלח.

נח לעווינזאָן האָט פיניען גערופן פאַניע דירעקטאָזשע (הער דירעקטאָר) און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף אויך אַ טראַכט טאָן וועגן אַ לייטישן אויסזען פון ביוראָ.

און כדי דער הער דירעקטאָר זאָל וויסן, אַז ער האָט נישט פאַר זיך אַבי וועמען, האָט נח לעווינזאָן אים געלאָזט וויסן, אַז נאָך מיט יאָרן צוריק האָט ער שוין געאַרבעט ביי וואָוועלבערגן אין באַנק.

נח לעווינזאָן האָט אויפגעשטעלט פאַרגלעזטע װענטלעך אין מיטן די שטיבער, האָט איינגעקויפט נייע טישן און שענק, האָט זיך אַליין און די אַנדערע אַנגעשטעלטע אָוועקגעזעצט הינטער אַ פאַרגלאָזט װענטל מיט אַ קליין פענצטערל און פאַר פיניען אַפילו איינגעאָרדנט אַ דירעקטאָר־קאַבינעט.

דער באַלעבאָס, יאַקוב האַרט, האָט געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן װען ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין ביוראָ און דערזען די נייע פּאַ־זשאַנדקעס.

— אוואַ, אוואַ! — האָט ער זיך פּאַסמאַקעװעט — עס זעט דאָך שוין אויס װי אַ באַנק — און ער האָט זיך הויך צעלאַכט דערמאַנענדיק זיך, אַז ער, יאַנקל שמייסער פון גזשיבאָוו, װעט נאָך זיין אַ באַנקיר גאָר, װי כראַביע קראַנענבערג.

ער האָט אין דער אמתן נישט פאַרשטאַנען װאָס אַזוינס עס איז מיט אים און מיט אַנדערע פאָרגעקומען און ער האָט זיך נישט באַמיט צו װעלן פאַרשטיין. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פּורים־שפּילער אויף דער טוואַרדע־גאַס. ער, יאַנקל אַליין, איז אויך געװען אַ פּורים־שפּילער און ער איז געקומען צו ר׳ לוין, זיין אַמאָליקן בעל־הבית, פּורים צו דער סעודה, פאַרשטעלט װי אַ פּריץ מיט גרויסע געדרייטע װאָנסעס און די חסידים ביים טיש האָבן הויך געלאַכט פון זיינע גראָבע גויישע רייד, װאָס זיי האָבן געװוי נישט פאַרשטאַנען.

יאַנקל האָט ליב געהאַט די פריילעכע פּורים־שפּילן און דאָס פאַר־שטעלן זיך און װען ער איז אַריינגעקומען אין זיין אויסגעפּוצטער ביוראָ מיט די פאַרגלעזטע װענטלעך און שיינע שרייב־טישן און געזען װי די רויט געשמינקטע ליפּעלעך פון זיינע חנעוודיקע מאַשין־שרייבערקעס שמייכלען צו אים און רופן אים „פּאַניע האַרט״, — האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז עס איז אַ פּורים־שפּיל, אין װעלכער ער, יאַנקל, שפּילט װידער די ראָלע פון דעם יידישן כראַביע קראַנענבערג. די שפּיל איז אים גע־פעלן געװאָרן און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם לידל װאָס ער האָט ביי ר׳ לויס פּורים־סעודה געזונגען: היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס — גיט מיר אַ גראָשן און װאַרפט מיך אַרויס!״

ער איז אַריין צו פיניען אין קאַבינעט און האָט אים װוילעריש אַ שטאַרך געטאָן אין אַ זייט און אים שעלמיש איינגערוימט:

— הא, פיניע, דער הלך יאָלעכט, פיניע, וואָס...

— פיניע האָט בלויז צוריקגעשמייכלט צו זיין באַלעבאָס, אַריינ־ריידנדיק אין טעלעפאָן־טרייבל צו עפּעס אַ יעקישן אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעזאָגט זיין באַזוך מיט נאָך עטלעכע קאַמעראַדן.

פיניע האָט מיט דער האַנט פאַרדעקט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און צובויגנדיק זיך צו זיין באַלעבאָס, געזאָגט:

— זיי ווילן אַרויפקומען...

— כאַפּט זיי דער רוח, די יעקעס, זאָלן זיי קומען! — האָט יאַנקל אָפּגעענטפערט.

עס איז געווען פרייטיק. פיניע האָט איילעוודיק געטאָן זיין אַרבעט. ער האָט געענטפערט אויפן טעלעפאָן, האָט דורכגעקוקט חשבונות, האָט דיקטירט דער בלאָנדער מאַשין־שרייבערקע אַ געשעפטלעכן בריוו און געקלערט וועגן דעם אָוונט, וואָס ער וועט הייַנט פאַרברענגען מיט סאָניען. אין די לעצטע טעג איז ער געווען שטאַרק באַשעפטיקט און האָט זי ווייניק געזען. דערפאַר וועט ער זי היינט אין אָוונט האָבן אינגאַנצן פאַר זיך. בערטאַ וועט זיין ביים ראַבינער פּערסקי און ער, פיניע, וועט מיט סאָניען גיין צו דעם קאָנצערט אין דער פילהאַרמאָניע. ער וועט זיצן לעבן איר, וועט זיך צוהערן צו די גלעטנדיקע קלאַנגען פון דער מוזיק און וועט איינזאַפּן אין זיך דעם ריח פון סאָניעס לייב.

ער וועט זיך מוזן זייער איילן אין אָוונט, טראַכט פיניע. גיין צו סאָניען וועט ער מוזן אָפּעסן די שבת־סעודה אין שטוב. ער ווייסט, אַז די מאַמע וואַרט אַ גאַנצע וואָך אויף דעם פרייטיק צו נאַכטס. זי קאָכט איצט די פיש און טראַכט וועגן דעם וואָס ער וועט זאָגן וועגן איר שבת־סעודה. און דער טאַטע זייגער וואַרט אויך אויף אים מיטן קידוש. יאָ, אַמאָל האָט ער געטראָגן אַ בייז האַרץ אויפן פאָטער. איצט אָבער האָט זיך די בייזקייט אויסגעוועפּט. ער איז צו ווייט פון זיין פאָטער ער זאָל אויף אים בייז זיין. ער פילט איצט מיטלייד צו אים. ער ווייסט, אַז דער טאַטע ליידט וואָס ער איז דער גאַנצער פּרנסה־געבער. אַמאָל, ווען דער טאַטע האָט איבער אים געוועלטיקט, האָט ער זיך געבונטעוועט. איצט, אַז דער טאַטע האָט די מאַכט פאַרלוירן, וויל ער, פיניע, כאָטש אים געבן פון רחמנות־וועגן די אילוזיע פון זיין באַלעבאָס אין שטוב. דערי־בער היט ער צו קומען פינקטלעך צום קידוש און העלפט אַפילו צו דעם פאָטער זינגען די זמירות.

— נײן — טראַכט פּיניע — דער טאַטע װעט װאַרטן מיטן קידוש און די מאַמע װעט זיך פּילן געקרענקט, אויב כ׳װעל נישט קומען.

פּיניע מאַכט אין קאָפּ דעם חשבון מיט דער צײַט װאָס װעט אים בלײַבן נאָכן פּאַטערס בענטשן. ער װעט דאַרפן אַביסל אונטערלױפן, אָבער ער װעט באַװײַזן צו נעמען סאָניען צום קאָנצערט.

דער חשבון באַרויִקט פּיניען און ער נעמט זיך, אונטע... א ניגון, צו דעם װײַטערדיקן דורכקוקן די חשבונות פון זײַן באַלעבאָס, יאַקוב האַרט.

פּיניע טראַכט װעגן סאָניען. ער קאָן זיך נישט אָפּגעבן קײן רע־כענונג פון זײַנע געפילן צו דעם „סיבירער מײדל״, װי ער רופט זי אין געדאַנק. װען ער זעט זי נישט, טראַכט ער, אַז דאָס מאָל װעט ער מער נישט קאָנען בלײַבן רויִק. ער װעט זי אַרומנעמען. ער װעט קושן אירע פולע ליפּן און ער װעט איר זאָגן, יאָ, ער װעט איר זאָגן, ער מוז איר זאָגן... אָבער װאָס? װאָס װעט ער איר זאָגן? פון די ביכער װײסט פּיניע װי אַזױ אַ בחור דערקלערט זיך אין ליבע צו זײַן מײדל. ער װײסט אָבער אױך, אַז װען ער װעט זי זען, סאָניען, װען ער װעט לעבן איר זיצן אין האַלב פינצטערן קאָנצערט־זאַל, װעט ער װי פריער האָבן אַ פאַרשלאָסן מױל און װעט נישט װאַגן צו זאָגן איר דאָס, װאָס ער װיל.

— איז עס טאַקע ליבע? — טראַכט פּיניע, אַרײַנרײדנדיק אין טע־לעפאָן צו אַ סוחר — פילט מען אַזױ, װען מען ליבט? און זי, סאָניע? טראַכט זי אַמאָל װעגן אים? װאַרט זי אַזױ, װי ער, אױף דעם הײַנטיקן אָװנט?

פּיניע האָט געװאָלט פריער אַהײמגײן. ער װעט אָנטאָן הײַנט דעם נײַעם אנצוג, װאָס לײבעלע שנײַדער האָט אים נעכטן אַהײמגעבראַכט. ער האָט ביז איצט װײניק אַכט געלײגט אױף זײַנע מלבושים. הײַנט אָבער װיל ער שײן אױסזען. ער װיל געפעלן סאָניען און ער װעט אָנטאָן דעם נײַעם אנצוג און דעם זײַדענעם שניפּס, װאָס זײַן באַלעבאָס האָט אים אַנומלט געגעבן אַ מתנה.

די דײַטשע אַפּיצירן זענען מיט חוצפּהדיק קלינגענדיקע שפּאָרן אַרײַנגעקומען אין צימער און פּיניע האָט מער נישט געקאָנט טראַכטן װעגן סאָניען.

— גיב זײ צו פאַרשטײן, די יעקעס — האָט יאַנקל אים אײַנגע־

רוימט — אַז זיי וועלן נישט צולייגן דער באָבעס ירושה צום עסק. „לע־בען און לעבען לאָססען"...

פיניע האָט אויף אַ געבלימלטן דייטש געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין די דייטשן. זיינע רייד האָבן אָבער געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג. עס זענען צוגעקומען האַרטס געשעפטס־פריינד און זיי האָבן צוגעהאָלפן אין אי־בערדברן די יעקעס. אָבער אויך זייערע רייד האָבן נישט געפּועלט.

— מען דאַרף זיי נעמען צו מלכהלע דער גרושה — האָט יאַנקל אַ ווונק געטאָן און ער האָט הויך געזאָגט:

— נו, גענוג גערעדט וועגן געשעפטן, מען דאַרף עפּעס נעמען אין מויל אַריין...

די דייטשן האָבן זיך געוואַקלט, יאַנקל אָבער האָט זיי אויף זיין לשון פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן נישט באַדויערן, אַז עס איז ווערט זיך צו באַקענען מיט מלכהלע דער גרושה, מיט אירע פריינדינס, וואָס זענען זייער גוט צו געסט אין אָפּיצירן־מונדירן.

די דייטשן האָבן קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען פון יאַנקלס רייד. דערפאַר אָבער האָבן זיי אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון זיינע אויגן און אויך זייערע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט.

פיניע האָט זיך געוואָלט שטיל אַרויסרוקן. ביי מלכהלע דער גרושה דאַרף מען נישט האָבן פיניעס דייטש קענען. מלכהלע האָט אַנדערע וועגן ווי צו געבן צו פאַרשטיין וואָס מען דאַרף. פיניע אַליין האָט מלכהלען נישט געקענט, אָבער דערפאַר האָבן יאַנקל און זיינע פריינט נישט אויפ־געהערט צו ריידן וועגן איר. יעדעס מאָל נאָך אַ געלונגענעם עסק אָדער נאָך אַן אויסגעגליכענעם סכסוך, איז דער עולם אַוועק משמח זיין זיך צו מלכהלע דער גרושה. יאַנקל האָט אויך פיניען געוואָלט מיטנעמען צו דער שמחה.

— קום, פיניע, — פלעגט ער אים נישט אָפּלאָזן — יאָך זאָג דיר, אַז דו וועסט נישט חרטה האָבן.

פיניע האָט טיף אין האַרצן געוואַרט אויף דער דאָזיקער איינלאַ־דונג. אַלע געצוימטע ליידנשאַפטן פון די חסידישע שטיבל־צייטן האָבן זיך געריסן צו איר, צו דער אומבאַקאַנטער מלכהלע דער גרושה. וואָס שטאַרקער אָבער ער האָט געוואָלט צו איר גיין, אַלץ עקשנותדיקער און איינגעשפּאַרטער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— נישט היינט — האָט ער געענטפערט יאַנקלען, פילנדיק אַ רויט־קייט אויף זיין פנים — גראָד בין איך פאַרנומען. אַן אַנדערש מאָל...

בלייבנדיק אַליין, האָט ער געברענט פון ליידנשאַפט און זיך גע־זידלט און אויסגעלאַכט.

אויך איצט האָט פיניע געזאָגט, אַז ר׳איז באַשעפּטיקט. דאָס מאָל אָבער האָט יאַנקל זיך איינגעשפּאַרט.

— זיי נישט קיין יאָלד — האָט אים יאַנקל פאַרשטעלט דעם וועג — וואָס האָסטו מורא? זי וועט דיך אויפעסן?...

— כ׳האָב באמת נישט קיין צייט — האָט פיניע געשטאַמלט — אַן אַנדערש מאָל...

— ניין, חברה, — האָט יאַנקל זיך געוואַנדן צו זיינע פריינט — היינט לאָזן מיר אים נישט אַרויס.

אויך די דייטשן האָבן צוגעהאָלפן יאַנקלען און זיי האָבן פיניען האַלב מיט געוואַלד אַריינגעזעצט אין דער דראָשקע.

— כ׳וועל נאָר זיין עטלעכע מינוט — האָט פיניע געזאָגט צו יאַנק־לען און געמיינט דערמיט צו באַרואיקן זיך אַליין — גלאַט טשעקאַווע אַ קוק צו טאָן אויף אייער מלכהלע...

פיניע האָט פעסט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרבלייבן נישט מער ווי עטלעכע מינוט. ער האָט געוואָלט זיין אינדערהיים, איידער די מאַמע בענטשט ליכט. ער האָט געוואָלט זיך איבערטאָן אין נייעם אנצוג גע־פעלן צו ווערן סאָניען. און ער האָט געוואָלט טאַקע אויך פאַרזוכן דער מאַמעס שבתדיקע פיש און הערן דעם טאַטן מאַכן קידוש. און נאָכן עסן דאַרף ער זיך שטאַרק איילן, סאָניע וועט אויף אים וואַרטן און אין דער פילהאַרמאָניע הייבן זיך אָן די קאָנצערטן פּינקלעך צו דער מינוט.

פיניע האָט דאָס אַלץ גוט געוווּסט. ער וועט נאָר בלויז פון טשיקאַ־וועס וועגן אַ קוק טאָן אויף דער מלכהלע.

מלכהלע האָט זיך דערפרייט מיט אים ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. זי האָט זיך געהאַלטן ווי אַ דאַמע, מלכהלע, אין איר לאַנג און טיף אויס־געשניטענעם שוואַרץ זיידענעם קלייד. זי איז געווען זייער העפלעך צו די געסט, אויך אירע פריינדינס, וואָס זענען פּלוצלינג ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעשוווּמען, האָבן, אַזוי ווי זי, געטראָגן שוואַרצע זיידענע קליידער, וואָס האָבן נאָך בולטער געמאַכט די ווייסקייט פון זייערע לייבער.

ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע האָט מלכהלע צוגעגרייט אַ פײַנעם כּיבוד און אירע פרײַנדינס האָבן געזאָרגט, אַז די גלעזער פון די געסט זאָלן כּסדר אָנגעפולט ווערן.

מלכהלע אַליין אָבער האָט זיך צוגעזעצט צו פּיניען. זיי זענען געזעסן ביידע אויף אַ שמאָלער סאָפע און פּיניע האָט דערפילט אויף זיך די וואַרעמקייט פון איר לייב.

— איך האָב זייער פיל פון אײַך געהערט — האָט זי זיך נאָך נענטער צו אים צוגעבויגן — זייער פיל גוטעס, הער העכט.

— נו, פאַרזוכט מײַן ליקער, הער העכט — האָט זי אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל — עס איז מײַן אייגענע מישונג, אַנו, זאָגט, ווי שמעקט?

— וווּנדערבאַר! — האָט פּיניע דערפילט אַ לײַכטן רויש אין קאָפּ.

— איך ווייס, אַז איר זענט אַנדערש ווי זיי אַלע — האָט זי שטיל, ווי פאַרטרויענדיק זיך, צו אים גערעדט — יאָ, איר זענט אַנדערש. נאָך אַזעלכע מענטשן האָב איך ס׳גאַנצע לעבן געבענקט.

פּיניע האָט דערפילט דעם באַריר פון מלכהלעס האַנט אויף זײַן דלאָניע און איר שטים איז געווען טיף און וואַרעם:

— נאָר גראָד איר האָט נישט געוואָלט קומען. פאַרוואָס? זענט איר אַ שלעכטער?

דער עולם האָט געהאַלטן אין איין טרינקען לחיים און פּיניע האָט מיטגעטרונקען. ער איז געווען שיכּור פון בראָנפן און פון מלכהלעס הייסן קערפּער, וואָס האָט זיך צו אים געטוליעט.

ער האָט געדענקט, אַז ער דאַרף זיך אײַלן, אַז ערגעץ ווו וואַרט עמיצער אויף אים און ער מוז אַוועק, שוין אַוועק.

ער האָט עס איר אויך געזאָגט, מלכהלען. ער האָט זי געבעטן אַז זי זאָל אים אַרויספירן פון שטוב, קיינער זאָל נישט זען. מלכהלע האָט אים צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ וואָס ער וועט נאָר וועלן און אים אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז בראָנפן.

פּיניע האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען וווהין ער דאַרף גיין. ער האָט געבעטן מלכהלען זי זאָל אים דערמאָנען און אים צופירן, ווײַל בײַ אים וואַקלען זיך עפּעס אַזוי מאָדנע, ער ווייסט נישט פאַרוואָס, די פיס.

מלכהלע האָט געגלעט זײַן פּנים, האָט צוגעזאָגט אים צו דערמאָנען וווהין ער דאַרף גיין און צוגעטראָגן צו זײַן מויל דאָס גלאָז מיט דער

זאַרגפעלטיקייט פון אַ מוטער, וואָס טראָגט צו אַ מעדיצין צום מויל פון איר קינד.

און מיטאַמאָל האָט פיניע זיך דערמאָנט אָן זיין מאַמען.

ער האָט שטיל געשעפּטשעט מלכהלען אין אויער:

— ווייסט, די מאַמע מיינע מאַכט אַזעלכע געפילטע פיש, אַז זיי האָבן טויזנט טעם און איצט גרייט זי זיך צו ליכט בענטשן איז דעם נייעם שבת־קלייד.

מלכהלעס בלאָע אויגן זענען אָנגעפולט געוואָרן מיט טרערן.

— טייער יינגל — האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף פיניעס אַקסל — כ׳האָב אויך געהאַט אַ מאַמען, זי איז אויך געווען פרום און ביים ליכט־בענטשן האָבן טרערן זיך געגאָסן איבער איר פּנים. און דער טאַטע איז געקומען פון שול, האָט ער געמאַכט קידוש מיט אַזאַ טרויעריקן ניגון און איך האָב אים געהאָלפן זינגען זמירות...

זי האָט זיך צעכליפּעט ביים ריידן און פיניע האָט זי געקושט און איר פאַרזיכערט, אַז ער וועט זי צוריקפירן צו איר מאַמע און זי וועט ווייטער קאָנען זינגען זמירות מיט איר פאָטער.

ביים טיש אַרום איז דער טומל געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. די דייטשע אָפיצירן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שטייפע מונדירן און יאַנקל און זיינע פריינד האָבן אַראָפּגעצויגן די מאַרינאַרקעס.

ליידיקע פלעשער בראָנפן האָבן זיך געוואָלגערט איבערן דיל. יאַנקל האָט פאָרגעלייגט זיינע דייטשע פריינד צו שפּילן אין קאָרטן, האָט מען געטרונקען און געשפּילט און מלכהלעס פריינדינס זענען געזעסן ביי די שפּילער און צוגעווונטשן גליק.

יאַנקל און זיינע פריינד האָבן געהאַלטן אין איין פאַרשפּילן, אָבער זיי האָבן זיך קענטיק גאָרנישט געמאַכט דערפון.

פאַר די אָפיצירן זענען געוואַקסן די שטויסן באַנקנאָטן. די פריינ־דינס האָבן געציילט דאָס געלט גלייכגעלייגט און פון צייט צו צייט אַריינגערוקט צו זיך אין בוזעם אַ באַנקנאָט.

יאַנקל האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט אין דעם געשעפט וואָס מען דאַרף מאַכן מיט די יעקעס, האָט ער אַ רוף געטאָן פיניען:

— גיב אַהער די פּאַפּירן, פיניע, אַצינד וועט זיי, די יעקעס, די כאַלעריע נעמען און זיי וועלן אונטערשרייבן...

פיניע האָט נישט געהערט. ער האָט געהאַלטן אין מיטן דערציילן מלכהלען וועגן דעם שבתדיקן טשאָלנט פון זיין מאַמע.

מלכהלע אָבער האָט כליפּענדיק פונדעסטוועגן גענומען מיט געשיקטע הענט זוכן אין פּיניעס טאַשן די פּאַפּירן.

די דייטשן האָבן, זופּענדיק איין כוסה נאָך דער אַנדערע, געלייגט זייערע חתימות און יאַנקל האָט אַ צופרידענער אַ זאָג געטאָן צו מלכהלען:

— יאָך האָב באַלד געוווּסט, אַז מען דאַרף זיי צו דיר ברענגען.

און דעמאָלט האָט פּיניע זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן סאָניען. זי, סאָניע, וואַרט אויף אים. וואָס זיצט ער דאָ? פאַרוואָס פירט מען אים נישט צו סאָניען?

אָבער מלכהלע האָט זיך צעלאַכט. וואָס? צו סאָניען וויל ער? אָט איז זי דאָך דאָ, סאָניע.

— קום אַהער, סאָניע! — האָט זי אַ רוף געטאָן צו אַ בלאָנד מיידל מיט פאַרלייגטע צעפּ, וואָס איז געזעסן אויף אַן אָפיצירס קני — קום אויף אַ ווייל, ער איז סיי ווי שיכור, דער יעקע...

פּיניע אָבער האָט זיך צעשריגן, אַז דאָס מיידל איז נישט סאָניע, אַז מ׳שטעלט אים אונטער אַ פאַלשע סאָניע.

דאָס בלאָנדע מיידל, מיטן פאַרריסענעם נעזל, האָט זיך צעבייזערט. וואָס? — האָט זי געשריען — מיין נאָמען וויל ער מיר שוין צונעמען?

אַלע ביים טיש האָבן געלאַכט און פּיניע האָט מיטגעלאַכט. מלכהלע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף אַ ווייל און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ פרישן קויש פלעשער.

— טרינקט — האָט זי געמונטערט — שאַמפּאַניער האָב איך באַקומען נאָרוואָס פון פאַריז!

— פון שונאס לאַגד! — האָט שיכור זיך צעשריגן אַן אָפיציר.

— פאַריז צי בערלין — האָט אים מלכהלע מיט אַ גלעט באַרויִקט — יעקע נאַר, וואָס איז דער אונטערשיד? אַנו, פאַרזוכט...

פּיניע האָט געטרונקען דעם שוימיקן שאַמפּאַניער און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַזאַ לייכטקייט אין קערפּער.

— טרינק, יאַנקל! — האָט ער אַרומגעכאַפּט זיין באַלעבאָס — טרינק מלכהלעס שאַמפּאַניער, בערלין צי פאַריז, וואָס איז דער אונטערשיד — יעקע נאַר?!

פיניע איז געוואָרן וואָס אַמאָל פריילעכער. ער האָט זיך געקושט און געהאַלדזט מיט יאַנקלס פריינד און האָט, מיט טרערן אין די אויגן, זיך איבערגעבעטן מיט דער בלאָנדער סאָניע, מיטן פאַרריסענעם נעזל, און איר פאַרזיכערט, אַז ער וועט ביי איר נישט צונעמען איר נאָמען.

ער האָט זיך צוגעזעצט צו די דייטשע אָפיצירן, האָט מיט זיי געטרונקען ברודערשאַפט און געהאַלטן אין איין מונטערן זיי:

— טרינק, טרינק, יעקע נאַר!...

— גענוג, פיניע, — האָט יאַנקל ביי אים אַוועקגענומען דאָס גלאָז בראָנפן — מיט יעקען טאָר מען זיך נישט צופיל שפּילן...

— טשעפּע אים נישט, דעם ייִנגל — האָט מלכהלע אָפּגעשטופּט יאַנקלען — ער מעג אויך אַמאָל פריילעך זיין.

זי איז נישט אָפּגעטרעטן פון פיניען. זי האָט אים דערציילט פון אירע מסחרים מיט יאַנקלען און זיינע פריינד:

— זיי ווייסן — האָט זי אים איינגערוימט — אַז אָן מלכהלען וואָלטן זיי זיך נישט קיין עצה געקאָנט געבן. זיי זענען אַלע גראָבע יונגען און כאַמעס און ווען מען דאַרף עפּעס קלוגעס אויסקלערן — קומען זיי צו מיר...

מלכהלע האָט גערעדט אַ גוטן פּויליש און זי האָט דערציילט פיניען מיט שטאָלץ וועגן דער אויסצייכענונג, וואָס זי האָט באַקומען פון דער גימנאַזיע. זי האָט געטרוימט אַמאָל וועגן אַן אַנדער לעבן.

אין מלכהלעס אויג האָט זיך צעפינקלט אַ טרער. זי האָט דערציילט פיניען וועגן דער שווערער טראַגעדיע, וואָס זי האָט דורכגעלעבט און וואָס האָט זי דערפירט זי זאָל האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע לייט. אַוודאי, זי לאַכט, און זינגט, און טאַנצט, און פאַרבעט פריינדינס, און טרינקט בראָנפן, אָבער זאָל ער נישט מיינען, פיניע, אַז עס איז איר אַזוי גוט אויפן האַרצן. וואָס מיינט ער, אַז זי, מלכהלע, האָט נישט קיין אויגן און זעט נישט ווי מענטשן אויף דער גאַס שלעפּן קוים נאָך זייערע פיס געשוואָלענע פון הונגער? און צי מיינט ער, אַז איר האַרץ וויינט נישט אויף די אָרעמע קינדערלעך, וואָס קלאַפּן יעדעס מאָל אָן אין טיר און בעטן אַ שטיקל ברויט?

אָבער וואָס זאָל זי, מלכהלע, טאָן? אדרבה, זאָל ער, פיניע, זאָגן, צי זי קאָן עפּעס טאָן? און אַז זי וואָלט שוין אָפּגעשוואַרצט איר ביסל

יונגע יאָרן, נו, וואָלט שוין דעמאָלט די אָרעמע קינדער בעסער געווען?

מלכהלע האָט אָנגעשפּאַרט אירע ביידע אָנטבלויזטע אָרעמס אויף פּיניען און קוקנדיק אויף אים מיט אירע גרויסע בלאָע אויגן, געפרעגט:

— איז וואָס זשע זאָל איך טאָן, אַז עס ווערט אַזוי פּאַסקודנע אויפן האַרץ? אַזוי פּאַסקודנע, אַז עס ווילט זיך פון זיך אַליין אַנטלויפן. פאַרשטייסט, איבערלאָזן מיינע אייגענע הענט און פיס, מיין אייגן פּנים און מיינע אייגענע אויגן און — אַנטלויפן. אַנטלויפן ווו די וועלט האָט אַן עק, פּיניע...

מלכהלע האָט מיטאַמאָל זיך צעלאַכט. זי האָט צוגעטראָגן אַ פול גלאָז ווײַן צו פּיניעס מויל און צו אים געזאָגט:

— זעסט, אַזוי קאָן מען אַנטלויפן פון זיך.

פּיניע האָט האַסטיק אויסגעטרונקען דעם ווײַן. ער איז געוואָרן מיטאַמאָל זייער ערנסט און ער האָט מלכהלען פאַרזיכערט, אַז ער פילט איר־מיט, אַז ער ווייסט, אַז זי איז אויך אַ קינד פון אָרעמען פּראָלעטאַריאָט, אָבער זי דאַרף נישט זיין פאַרצווייפלט, די שעה פון דערלייזונג רוקט אָן. אין פּעטערבורג איז מער נישטאָ קיין צאַר. און אויך דער יעקישער קיסר אין בערלין וועט איינגיכן די נכפה איינגעמען. און דעמאָלט וועלן מער נישט זיין אין גאַס קיין הונגעריקע און געשוואָלענע קינדער, עס וועלן נישט זיין קיין אָרעמע און קיין רייכע. אַלע מענטשן וועלן זיין גלייך. אַלע וועלן גלייך אַרבעטן. עס וועלן נישט זיין קיין אונטערדריקער און קיין אונטערדריקטע.

פּיניע האָט אָנגעוויזן אויף די פריילעכע דייטשע אָפיצירן און שטיל געשעפּטשעט צו מלכהלען:

— זיי זענען ביי זיך גרויס, ווי המן, די יעקעס. זיי מיינען, אַז זיי האָבן טאַקע די גאַנצע וועלט איינגעשלונגען. נאָר איך זאָג דיר, אַז זייער צייט איז קורץ. עס וועט נישט לאַנג דויערן און זיי וועלן אַרומלויפן, ווי פאַרסמטע מייז, און וועלן זוכן עפּעס אַ לאָך ווו זיך צו פאַרשטעקן.

פּיניע האָט אין דער מינוט געגלויבט אין יעדן וואָרט וואָס ער זאָגט. דער בראָנפן האָט אים געגעבן אַזאַ זיכערקייט ווי אין זיין מאַכט וואָלט טאַקע געווען דאָס אַלץ צו טאָן, צו מאַכן אַז די קינדער אין גאַס זאָלן נישט הונגערן און אַז דער דייטשער קיסר און זיינע אָפיצירן זאָלן אַלע אַנטלויפן.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? — האָט מלכהלע געוואָלט וויסן.

— איך ווייס שוין גוט — האָט פיניע פאַרזיכערט — די פּאַרטיי ווייסט אַלץ.

— דו געהערסט צו דער פּאַרטיי?

— יעדער באַוווסטזיניקער מענטש געהערט היינט צו דער פּאַרטיי — האָט פיניע איר אָפּגעענטפערט מיט דעם לשון פון די פּאַרטיי־רעדעס אויף דער קאַרמעליצקע־גאַס — יעדער באַוווסטזיניקער מענטש מוז העלפן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער רעוואָלוציע.

— געוויס, געוויס — האָט מלכהלע צוגעשטימט — און נאָך דער רעוואָלוציע וועסטו, פיניע, אפשר זיין אַן אָפיציר?

— ניין — האָט פיניע געזאָגט — איך וועל דאָ נישט בלייבן. איך וועל אַוועק.

— איך וועל אַוועק קיין פּאַלעסטינע, קיין ציון — האָט פיניע ערשט אין דעם מאָמענט געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן.

— וואָס רעדסטו, פיניע? — האָט מלכהלע געדרייט מיטן קאָפּ — וואָס מיינסטו, אַז איך בין שוין אינגאַנצן שיכור? ווי קאָן מען עס עפּעס אַוועק אין אַ לאַנד, וואָס איז אַ מעשהלע פון חומש?...

האָט איר פיניע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פּאַלעסטינע איז נישט קיין מעשהלע פון חומש, נאָר אַ לאַנד ווי אַלע לענדער. מיט פעלדער און גערטנער, מיט דערפער און מיט שטעט, נאָר מיט אַ סך וויסטעניש, וואָס וואַרטן, אַז ער, פיניע, און נאָך אַזעלכע ווי ער, וועלן קומען פאַר־זייען די פעלדער און בויען הייזער און מאַכן שאָסייען.

— נאָר ביי אונדז וועט נישט זיין אַזוי ווי דאָ — האָט פיניע איר פאַרזיכערט — עס וועלן נישט זיין קיין אָרעמע און קיין רייכע, אַלע אַרבעטן דאָרט גלייך.

מלכהלע האָט אַ כאַפּ־אַרום געטאָן פיניען מיט ביידע הענט און אויסגעשריגן:

— נעם מיך מיט, פיניע, נעם מיך מיט... די מאַמע האָט מיר אַמאָל אַ לידל געזונגען וועגן דעם לאַנד פון ראָזשינקעס און מאַנדלען.

ביים טיש איז געוואָרן אַ גערודער. יאַנקל און זיינע פריינד האָבן מיט שיכורע כוחות געשריגן, אַז זיי וועלן פיניען נישט לאָזן אַוועק. וואָס הייסט? זיי וועלן בלייבן אָן אַ „שראַבער״? נאָר אויב ער וועט זיך איינ־

שפּאַרן און װעט דװקא װעלן פֿאָרן. נו, װעלן זײ אַלע טאַקע פּאַקן די פּעקלעך און — הײדאַ קײן פּאַלעסטינע. און אפשר טאַקע איז עס גלײך? װאָס? ײדן זענען פֿאָרט ײדן. איז פֿאַרװאָס זאָל מען נישט זען די הײ־ליקע קברים? און װאָס װעט זײן מיט יעקען? אפשר זאָל מען אים, דעם יעקע, אױך מיטנעמען? עלעהײ, װער װעט שבת אױסלעשן דאָס ליכט און אײנהײצן דעם אױװן?

אַלע האָבן גערעדט מיטאַמאָל און קײנער האָט נישט געהערט װאָס דער אַנדערער זאָגט. אַפילו די דײטשע אָפיצירן האָבן האַסטיק אַרײנ־גערעדט און גענומען זאָגן דעות.

האָט עס יאַנקלען שטאַרק פֿאַרדראָסן. װאָס הײסט? יעקע נאָר װעט שוין גײן זאָגן אַ דעה װעגן פּאַלעסטינע אױכעט? װאָס מײנט ער, יעקע? ער איז מיט אברהם אבינו אין אײן חדר געגאַנגען? אַ חוצפּה פֿון אַ יעקע! מען דאַרף אים טאַקע דערפֿאַר זײן חזירש פּרצוף צעממיתן, אַז ער זאָל אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל װיסן צו האַלטן ס׳מױל, װען ײדן רײדן װעגן הײליקע זאַכן...

מלכהלע האָט מיט גרױס מי אָװעקגעשלעפּט יאַנקלען פֿון דעם צע־טומלטן דײטשן אָפיציר און אים באַרויקט, אַז װען זײ אַלע װעלן, מיט גאָטס הילף, קומען קײן פּאַלעסטינע, װעט זי, מלכהלע, שױן האָבן אַן אױג אױפֿן יעקע און ער װעט שבת בלױז טראָגן טשאָלנטער אין די ײדישע שטיבער.

צוליב אַזאַ װיכטיק געשעעניש האָט מען אַרײנגעבראַכט פֿרישן װײן און יאַנקל האָט זיך געקלאָפּט אין האַרצן און געשריען:

— נו, װאָס האָב יאָך געזאָגט צו דעם פֿױגל — האָט ער אָנגעװיזן אױף פּיניען — ער איז שױן גאָרנישט קײן יאָלד! און יאָך זאָג אײך, אַז מיט אים װעל יאָך אַפילו נישט מורא האָבן צו פֿאָרן קײן פּאַלעסטינע. שױן אײנמאָל אַ קעפּל! האָ!

יאַנקל האָט מיט גרױס ליבשאַפֿט געקלאָפּט פּיניען איבער דער פּלײ־צע. און דאָס זעלבע האָבן געטאָן זײנע פֿרײנד און זײער בײשפּיל האָבן אַפֿילו נאָכגעטאָן די דײטשן.

פּיניע האָט מיט יעדן פֿון זײ געמוזט טרינקען לחיים און יעדן פֿאַר־זיכערן מיטצונעמען קײן פּאַלעסטינע.

די דײטשע אָפיצירן האָבן געזאָגט, אַז מיט אַ ז ע ל כ ע ײדן זענען

זיי גרייט צו גיין באַדאַי קיין פּאַלעסטינע. איבעריקנס, זאָל זיך קיינער נישט זאָרגן. זיין מאַיעסטעט, דער דייטשער קיסר, וועט איינגעמען די גאַנצע וועלט. וועט ער אויך פּאַלעסטינע איינגעמען, און אויב די יודען וועלן זיין „גוטע קערלעך", וועט מען זיי אפשר אויך אַריינלאָזן קיין פּאַלעסטינע.

פיניע האָט, הערנדיק אַזעלכע רייד, געכאַפּט אַ פלאַש ווייַן און זיך פאַרמאַסטן גלייך אויף יעקעס קאָפּ.

מלכהלע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף פיניען און צוזאַמען מיט אים זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

פיניע עפנט שווער אויף די אויגן און מאַכט זיי שנעל צו. ער פּרוווט אויפהייבן דעם קאָפּ פון צעקנאַדערטן קישן. אַ מידער פאַלט דער קאָפּ צוריק. ער קוקט מיט דערשטוינטע אויגן אַרום. ווו איז ער? ער דערקענט זיין בעט און דאָס קליינע נאַכט־טישל און די פאַרהאַנג ביים פענצטער וואָס רייסט זיך פון אַלטקייט און די מאַמע מאַכט אַלץ נייע שלייפן צו פאַרדעקן די ריסן. איז ער, הייסט עס, ביי זיין מאַמען אין שטוב? אָבער ניין. עס איז אוממעגלעך. ער דאַרף דאָך זיין גאָר ערגעץ אַנדערש.

פיניע זעצט זיך האַסטיק אויף אויפן בעט. אין די שלייפן פילט ער אַ געקלאַפּעריי ווי עס וואָלט עמיצער אים געזעצט מיט אַ האַמער. די צונג איז אים אַזוי שטייף און ביטער. דאָס צעקנאַדערטע אויסגעוואָרעמ־טע קישן ציט אים צוריק צו זיך. ער ווייסט אָבער, אַז ער טאָר זיך נישט צוריקלייגן. ער מוז אַלץ גלייך אויסגעפינען. וואָס דאַרף ער אויסגעפי־נען? ער ווייסט נישט. דאָס געקלאַפּעריי אין די שלייפן ווערט נאָך שטאַר־קער. ער נעמט זוכן מיט די הענט דאָס אָנטועכץ, וואָס הענגט צעקנאַ־דערט אויף אים. עס איז אים שווער צו טרעפן צו די טאַשן. זיי פאַר־פּלאָנטערן זיך, די הענט, אין די טאַשן, וואַרפן אַרויס אויפן בעט פּאַ־פּירן, שרייבפעדלעך, פּאַפּירענע מאַרקן, ביכלעך קליינע און פאַרשרי־בענע.

פיניע שאָקלט זיי בייז אַראָפּ פון זיין בעט אויף דער פּאָדלאָגע, די אַלע פּאַפּירן. ער זוכט ווייטער איבער זיינע טאַשן מיט צעטרייסלטע הענט. זיי טרעפן ענדלעך אָן די הענט עפּעס האַרטעס. פיניע בייגט זיך

אַראָפּ מיט די אויגן. יאָ, דאָס איז עס. די בילעטן צו דעם פּילהאַרמאָ־ניע־קאָנצערט. צוויי האַרטע גרינע פּאַפּירלעך. יאָ, איצט ווייסט ער שוין אַלץ. ער געדענקט שוין ווו ער איז און וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. סאָניע האָט אויף אים נעכטן געוואַרט. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט זיך דאַרפֿן איילן נעכטן. דער טאַטע זינגט לאַנג די שבתדיקע זמירות און ער קאָן אים נישט בעטן צוצואיילן, ווייל ער, פּיניע, וויל דווקא פּריטיק צו נאַכטס גיין אין טעאַטער. יאָ, אַ גאַנצן פּרייטיק האָט ער געדענקט, אַז ער וועט אין אָוונט מוזן זיך איילן און אַז סאָניע וועט אויף אים וואַרטן.

ער איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש און געשריבן בריוו פאַר זיין באַ־לעבאָס, דעם פאַן האַרט און האָט אָפּגעענטפערט אויף טעלעפאָנען, נאָר די גאַנצע צייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו קלערן וועגן סאָניען, מיט וועלכער ער וועט זיצן היינט אין אָוונט אַזוי נאָנט און וועט צוהערנדיק זיך צו די גלעטנדיקע טענער פון דער מוזיק, איינאָטעמען אין זיך דעם ריח פון איר לייב. פּיניעס קאָפּ פאַלט שווער צוריק אויפן אויסגעוואַרעמטן צעקנאַדערטן קישן, ווי איינער שלעפּט אָפּער פון אַ טיפן גרוב שווערע משאות, אַזוי שלעפּט פּיניעס מידער קאָפּ אָפּער פון זיין געדעכעניש די געשעענישן פון דער פאַריקער נאַכט. האַ? פאַרוואָס זענען געבליבן ביי אים אין טאַש די צוויי גרינע בילעטן פון דער פּילהאַרמאָניע? פאַרוואָס איז ער נישט געגאַנגען צו איר, צו סאָניען? פאַרוואָס?

פּיניע נעמט איןביידע הענט אַריין זיין קאָפּ. די שלייפן רייסן אים ווי עמיצער וואָלט אין זיי געעגבערט. אַהאַ! ער ווייסט שוין וואָס עס איז ווייטער געשען. די אָפּיצירן, די יעקעס, זענען געקומען צו אים, צו זיין באַלעבאָס, צו יאַנקלען. זיי האָבן זיך עפּעס געאַמפּערט, נישט גע־קאַנט דורכקומען. אויך ער, פּיניע, האָט מיט זיי איינגעטענהט. און וואָס איז ווייטער געשען? יאָ, איצט געדענקט ער שוין אַלץ, פּיניע. יאַנקל האָט זיי אַלע געשלעפּט צו איר, צו מלכהלע דער גרושה.

פּיניע וויל זיך פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין. ער האָט נישט געוואָלט גיין צו מלכהלען, נאָר יאַנקל האָט נישט אָפּגעלאָזט, האָט אים מיט געוואַלד געשלעפּט. ער, פּיניע, האָט זיך געאיילט אַהיים. די מאַמע וואַרט מיטן שבת. דער טאַטע וואַרט מיטן קידוש און סאָניע וואַרט אין איר צימער און קוקט יעדעס מאָל צו דער טיר. ער האָט געאיילט זיך אַ גאַנצן

פּרייטיק, פּיניע, נאָך ער, יאַנקל, זיין באַלעבאָס, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און איז נישט אָפּגעטראָטן.

פּיניע האַלט זיך עקשנותדיק ביים פאַרענטפערן זיך. ער ווייסט אָבער אין זיך, אַז ער נאַרט זיך. עס איז נישט אמת, אַז יאַנקל האָט אים געשלעפּט. ער, פּיניע, האָט געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל אים שלעפּן, זאָל נישט אָפּשטיין פון אים און זאָל אים מיטנעמען צו מלכהלען. ער האָט עס די גאַנצע צייט געוואָלט. ער האָט זיך געשראָקן און געוואָלט. ער האָט זיך געשעמט מיט זיין ווילן און האָט געוואָלט בייקומען זיין שע־מעוודיקייט. ער האָט זיך געריסן צו איר. ער דערמאָנט זיך אין די גליענ־דיקע נעכט, ווען ער האָט זיך ווי אין פיבער געוואָרפן אויף זיין געלע־גער. יאָ, ער האָט זיך שוין דעמאָלט געריסן צו איר, צו מלכהלען, כאָטש ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט געהערט איר נאָמען צומאָל.

פּיניע דערפילט אַ ביטערע טרוקנקייט אין מויל. אַ טרונק וואַסער. ווו נעמט מען כאָטש איין קאַלטן שלוק וואַסער.

פּיניע דערהייבט זיך שווער אויפן בעט. יאָ, די מאַמע האָט אויך דאָס מאָל נישט פאַרגעסן אַוועקצושטעלן ביי זיין בעט אַ קליין בלעכענע שיסל מיט אַ גלאָז נעגל־וואַסער. אַמאָל, ווען ער, פּיניע, איז נאָך גע־גאַנגען אין שטיבל אויף נאַלעווקעס און איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן איבער דער גמרא, האָט ער עס אַליין געטאָן. יעדע נאַכט פאַר שלאָפן גיין אַוועק־געשטעלט פאַר זיין בעט דאָס גלאָז נעגל־וואַסער און יעדן אינדערפרי ווי נאָך ער האָט געעפנט די אויגן, פול מיט שלאָף און חלומות, האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט צו דעם וואַסער אָפּצוגיסן די נעגל. אַזוי האָט אים פון קינדווייז אָן די מאַמע געלערנט צו טאָן.

ווען ער איז אַוועק פון שטיבל, האָט ער אויפגעהערט אויך זאָרגן וועגן נעגל־וואַסער. אָבער די מאַמע האָט נישט פאַרגעסן. יעדע נאַכט האָט ער פאַר זיין בעט געפונען שטיין דאָס גלאָז נעגל־וואַסער און פּיניע האָט געוווסט, אַז דאָס שיקט אים די מוטער צו איר דערמאָנונג. ער האָט צו דעם וואַסער זיך נישט צוגערירט. ער האָט אינדערפרי זיך שטענדיק געאיילט און פאַרגעסן אָן דער מוטערס דערמאָנונג. איז דאָס בלעכענע שיסעלע מיטן גלאָז נעגל־וואַסער געבליבן שטיין פאַרשעמט און פאַרגעסן.

פּיניע האָט האַסטיק צוגעטראָגן דאָס גלאָז צו זיין מויל. פון דעם

זופּ װאַסער האָט ער דערפילט אַן אויפפרישונג. אַ האַלב גלאָז איז נאָך געבליבן מיט װאַסער. פּיניע האָט אַ װײַל געקוקט אויף דעם גלאָז און נישט געװוּסט װאָס מיט דעם צו טאָן. אַ בלאַסער שמײכל האָט זיך באַװיזן אַרום זײַן מויל. ער האָט דאָס גלאָז װאַסער איבערגעבויגן איבער זײַנע הענט און אָפּגעגאָסן די שפּיץ נעגל, װי די מאַמע האָט אים אַמאָל געלערנט, צו פאַרטרײַבן די אומרײנקײטן פון דער נאַכט.

ער האָט די פײַכטע הענט צוגעלײגט צו זײַן שטערן, װעט ער אַמאָל קאָנען אָפּװישן די אומרײנקײטן פון דער נאַכט?

פּיניע מאַכט צו די אויגן. עס דאַכט זיך אים, אַז ער הערט נאָך איצט די שיכּורע קולות, דאָס אויסגעלאַסענע געלעכטער און די קװיטשערײַען פון מלכּהלעס פרײַנדינס.

פּיניע פאַלט אַרײַן אין אַ האַלבן דרימל. עס דאַכט זיך אים, אַז ער געפינט זיך נאָך דאָרט, מיט די שיכּורע אָפיצירן, מיט יאַנקלען און זײַנע פרײַנד און מיט מלכּהלען און אירע פרײַנדינס. ער שרײַט עפּעס צו זײ. ער בעט זיך בײַ זײ, זײ זאָלן אים לאָזן גײן. די מאַמע װאַרט אַ גאַנצע װאָך אויף דעם שבת. עס איז איר אײנציקער טאָג פון פרייד. און דער פאָטער, דער קלײנער זעליקל, װי מען רופט אים אין שטיבל, קאָן נישט מאַכן קידוש אָן אים, זײַן בן־יחיד פּיניע. און ער מוז זיך אײַלן. װײַל סאָניע װאַרט. זי װעט דאָך נישט װיסן װאָס איז געשען, סאָניע.

װאָס מער אָבער ער רײַסט זיך אַרויס, אַלץ שװערער איז אים זיך צו רירן פון אָרט. די פיס און הענט זענען אים געפּענטעט. לײַבער פּעטע און דאָרע ליגן אים אויף די הענט און פיס, װיקלען זיך אַרום אים, װי שלאַנגען. און זײ לאַכן, די הענט און די פיס, און די פּעטע און דאָרע לײַבער, מיט אַזאַ אויסטערליש געלעכטער, אַז פּיניע שרײַט אויס פון שרעק.

די טיר פון זײַן שטיבל עפנט זיך שטיל. פעסע בלײַבט שטײן אויף דער שװעל מיט אַ בלײך צעשראָקן פּנים פון אַ מענטש, װאָס קוקט אויף אַ שװער קראַנקן.

מיט שטילע טריט דערנענטערט זי זיך צו פּיניעס בעט. זי קוקט זיך אײַן אין זײַן אויסגעקרומט בלײך פּנים, הערט זיך צו צו זײַן האַסטיקן אָטעם און שטילע טרערן קײַקלען זיך איבער איר צעקבײַטשט געזיכט.

זי ווייסט, אַז איר קינד, איר בן־יחיד, איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך אומריינע כוחות. אין די מעשה־ביכלעך האָט זי, פּעסע, פיל וועגן אַזעלכע זאַכן געלייענט. נאָר אין די מעשה־ביכלעך איז שטענדיק געווען אַ גוטער ייד, אַ צדיק, וואָס האָט די נישט גוטע פאַרטריבן. וואָס זאָל זי, פּעסע, טאָן? זי איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקע אשה. איז וואָס ווייסט זי ווי אַזוי צו העלפן איר זון? אפשר זאָל זי אַליין פאָרן צום רבין, זאָל לעבן, זאָל אים פאַלן צו די פיס, זאָל נישט וועלן אָפּטרעטן ביז וואַנען ער וועט איר נישט צוזאָגן אַ ישועה?

ביינאַכט האָט זי געטראָגן אין האַרצן אַ כעס אויף פיניען פאַר דעם פאַרשטערטן שבת. איצט אָבער ווייסט זי, אַז ער איז נישט שולדיק. ער ליידט אפשר מער פאַר איר. ער קאָן נעבעך אַליין זיך נישט העלפן. איז וואָס טוט מען? ווי העלפט מען דעם קינד?

פּעסעס בליק פאַלט אויף דעם שיסעלע מיט נעגל־וואַסער. דאָס גלאָז איז ליידיק. הייסט עס, אַז ער האָט דאָס מאָל זיך אָפּגעגאָסן די נעגל, ווי אַ ייד דאַרף יעדן טאָג טאָן נאָכן עפענען די אויגן פון שלאָף.

פּעסע קוקט אויף דעם ליידיקן גלאָז וואַסער. עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס דאָזיקע גלאָז איז אַן אָנזאָג, אַז איר געבעט, אַז אירע תפילות זענען אויבן אין הימל אָנגענומען געוואָרן. איר זון קערט זיך צוריק אום אויפן גלייכן וועג. ער האָט זיך געשטאַרקט איבער די אומריינע כוחות. אפשר וועט פון היינט אָן אַלץ צוריק גוט ווערן. ער וועט צוריק ווערן אַ ייד. אפשר וועט זי פאַרט נאָך האָבן נחת פון איר בן־יחיד. דער שידוך מיטן הויכן משה געפעלט איר און זי וועט זאָגן היינט איר מאַן, אַז ער זאָל טאַקע מאָרגן גלייך אַ שמועס טאָן נאָכאַמאָל מיט אים, מיט משהן.

אַ פרייד גייט אויף אין פּעסעס האַרץ. פון אירע אויגן קייקלען זיך ווייטער טרערן. דאָס מאָל אָבער ברענגען די טרערן דערפרישונג אין איר אויסגעמוטשעט לייב. ווי אַ טוי אין אַ טריקעניש פילט זיך פּעסע אויפגעפרישט און יונגער. זי ציט זיך אויף די שפּיץ נעגל שטיל צוריק צו דער טיר. אירע אויגן הענגען אויף פיניעס פּנים און אירע ליפּן פליס־טערן אַ תפילה פון דאַנקבאַרקייט.

פּעסע פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר פון פיניעס שטיבל. זי הערט איר מאַן אַריינקומען פון די טרעפּ. זי גייט אים אַקעגן מיט אַן אויסגע־לייטערט פּנים. זי לייגט צו אַ פינגער צום מויל:

— שאַ, שאַ, — זאָגט זי שטיל — ער איז נישט מיט אַלעמען. ער איז איצט איינגעשלאָפן.

פעסע דערציילט נישט איר מאַן וועגן דעם בראַנפן, וואָס האָט ביי־נאַכט געזעצט פון פּיניעס מויל. דאָס באַגראָבט זי טיף ביי זיך אין האַרץ. זי אַליין וויל מער אָן דעם נישט געדענקען. זי דערמאָנט זיך נאָכאַמאָל אָן דעם ליידיקן גלאָז נעגל־וואַסער און זי קוקט מיט פריידיקע אויגן אויף איר מאַן.

דער קליינער זעליקל פרעגט נישט איבער וואָס עס איז געשען מיט פּיניען די נאַכט. פאַרט שבת. דאָס אויסגעלייטערטע פּנים פון זיין ווייב באַרואיקט אים. ער מאַכט שטיל מיט אַ ניגון קידוש, פאַרבייסט מיט אַן אייער־קיכל און שאָקלט בלויז צו מיטן קאָפּ, ווען פעסע דערמאָנט אים. אַז ער זאָל למען השם נישט פאַרגעסן גלייך מאָרגן איבערצורײדן מיט דעם הויכן משהן וועגן אַ „טרעפּעכץ" צווישן מירעלען און פּיניען.

קאַפּיטל דרייצן

אין דערוואַרטונג

— איך בין היינט נישט מקנא פּיניען — האָט בערטאַ געקוקט מיט אַ שמייכל אויף סאָניען, וועלכע איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און גלייכ־געמאַכט איר ניי בלאָ־זיידן קלייד, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל אָנגע־טאָן צום קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע.

— וואָס? אַזוי העסלעך בין איך? — האָט סאָניע אין אַ שמייכל געוויזן אירע ווייסע ציין.

— אַזוי העסלעך — האָט בערטאַ געלאַכט — ווען איך בין אויף פּיניעס אָרט, וואָלט זיך מיר גלייך פאַרדרייט דער קאָפּ און איך וואָלט זיך אויפן אָרט...

— וואָס וואָלסטו געטאָן אויפן אָרט, בערטאַ? — האָט סאָניע אַ לאַך געטאָן צו זיך אין שפּיגל.

— איך וואָלט זיך גלייך אין דיר פאַרליבט — איז בערטאָס שמייכל מיטאַמאָל געוואָרן טרויעריק.

— איז אַזוי שלעכט צו זיין פאַרליבט? — אין סאָניעס אויגן איז געווען נייגיר און לוסט צוגלייך.

— ווי זאָל דיך דיר זאָגן, סאָניע? — זענען די קנייטשן ארום בער־טאָס מויל־ווינקלען געוואָרן טיפער — עס איז אַזוי גוט, אַז עס נעמט אַזש אָן אַ שרעק...

— אַ שרעק זאָגסטו, בערטאָ? קאָן מען זיך שרעקן פאַר אַ זאַך וואָס מען וויל? פאַר אַ זאַך וואָס טוט דיר גוט? — סאָניע האָט גע־שאָקלט מיט אומגלויבן איר קאָפּ גאָלדענע האָר.

— איך ווייס — האָט בערטאָ געקוקט אויף סאָניעס ווייסן האלדז, וואָס האָט ווי אַ ווייסע פרישע רויז זיך אַרויסגעוויקלט פון איר בלאָ קלייד — אַז מ׳קאָן דאָס נישט געבן צו פאַרשטיין און אפשר איז גליי־כער אַזוי...

— פאַרוואָס איז גלייכער? — האָט בערטאָ געזען ווי סאָניעס הוי־כער בוזעם באַוועגט זיך האַסטיקער.

— עס איז גלייכער וואָס מ׳קאָן נישט געבן אַ צווייטן צו פאַר־שטיין און יעדער מוז אַליין עס דערפילן, ווייל עס איז נישטאָ דער פרייז, וואָס איז צו הויך פאַר ליבע.

— בערטאָ האָט מיטאַמאָל זיך פונאַנדערגעלאַכט און מיט אַ נישט נאַטירלעך הויכער שטים אַ זאָג געטאָן:

— נו, גענוג גערעדט נאַרישקייטן. וואַרט, סאָניע, איך וועל דיר נאָך אַביסל גלייך מאַכן די האָר.

סאָניע איז געשטאַנען פאַר דעם גרויסן שפּיגל און אין אירע אויגן איז געווען דער נעפּל פון פאַרחלומטקייט און פון אַריינקוקן טיף אין זיך.

סאָניע האָט געפילט איר ליב ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך פאַרן שפּיגל. אירע אויגן האָבן געוואַנדערט לאַנגזאַם און קאָנצענטרירט איבער יעדן גליד פון איר אייגענעם ליב. זי האָט מיט די פינגער דורך דעם דינעם זייד פון איר קלייד אָנגעטאַפּט די הארטע שפּיצן פון אירע ברוסטן און אַ ציטער פון ליידנשאַפט איז דורכ־געלאָפן איר קערפּער פון קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער פון אירע פיס. זי האָט האַלב צעעפנט אירע ליפּן, ווי אין דערוואַרטונג, אַז באַלד וועלן הייסע ליפּן צופאַלן צו איר האַלב צעעפנט מויל:

— וועט ער מיך היינט קושן, פיניע? — אַ שעלמיש פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין סאָניעס אויגן.

זי האָט געוווּסט דעם כוח פון איר שיינקייט. נישט בלויז בערטאָ

האָט איר געזאָגט, אַז זי איז שיין און פֿאַרדרייט די קעפּ פֿון די יונגע־לייט. בערטאַ האָט דאָס איר שטענדיק געזאָגט האַלב אין שפּאַס. אָבער די קנאה־בליקן פֿון די ווייבער, אין גאַס אָדער אין אוניווערזיטעט, וואָס האָבן איר נאָכגעקוקט מיט אָפֿענער שנאה, זענען געווען ביטער ערנסט.

סאָניע האָט אַרויסגעפֿילט שטעכיקע פּיינטשאַפֿט אין די דאָזיקע פֿרויען־בליקן. זי איז אָבער פֿון זיי נישט אַנטלאָפֿן. פֿאַרקערט. זי האָט מיט אַן אומשולדיקער באַוועגונג פֿאַרויסגעשטעלט נאָך בולטער דעם רייץ פֿון איר קערפּער פֿאַר די דאָזיקע פֿרויען־בליקן, וואָס זענען געווען פֿול מיט האַס און אומבאַהאָלפֿנקייט.

נישט איין מאָל האָט סאָניע געהערט הינטער אירע פּלייצעס אַ גיפֿ־טיק בייזן פֿרויען־ברום צו איר באַגלייטער:

— יעדעס קליידל מוזטו נאָכקוקן, דו...

סאָניע האָט זיך נישט אומגעקוקט. זי האָט געשטעלט לייכטע טריט איבער דער גאַס און אירע גלידער האָבן זיך בויגזאַם באַוועגט, נישט אומקוקנדיק זיך האָט זי געפֿילט אויף זיך די חוצפּהדיק אומפֿאַרשעמטע בליקן פֿון מענערישע אויגן.

סאָניע האָט געקענט די דאָזיקע מענערישע בליקן. זיי זענען געווען חוצפּהדיק אויסגעלאַסן און אונטערטעניק צניעותדיק צוגלייך. זיי האָבן זיך געריסן צו איר לייב, האָבן זי אַנטבלויזט אין מיטן גאַס און אין דער זעלבער צייט, דערשראָקענע און אומדרייסטע, זי איבערגעבעטן און פֿאַר איר געקניט. זיי האָבן געפֿאָדערט און געמאָנט, ווי זי, סאָניע, וואָלט געווען דאָס אייגנטום פֿון זייערע מענערישע באַגערן און תאוות און גלייכצייטיק האָבן די זעלבע אויגן געבעטלט אַ שמייכל פֿון דער קעניגין צו אַן אָרעמען הילפֿסלאָזן קבצן.

סאָניע האָט אין אָנהייב נישט פֿאַרשטאַנען דעם מיין פֿון די דאָ־זיקע מענערישע בליקן. זיי האָבן זי אין אָנהייב געלאָזט גלייכגילטיק און קאַלט. זיי האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער איר לייב ווי אַ קורצער רעגן אין אַ זומער־טאָג, וואָס כאַפּט דיך אויף אַ רגע אין מיטן גאַס און פֿאַרשווינדט גלייך אין אַן אויסגעלייטערטן בלאָען הימל.

אין די פֿול אָנגעפּאַקטע מיט מענטשן־שווייס דורכגעזאַפּטע וואַ־גאָנען, אין וועלכע זי האָט זיך לאַנגע וואָכן געשלעפּט אויפֿן וועג קיין וואַרשע, איז אָבער קיין שום זאַך נישט פֿאַרבליבן פֿאַרהוילן פֿאַר אירע

אויגן. די מענטשן האָבן דאָרט איינגאַנצן זיך אויסגעטאָן פון זייערע בושה־מלבושים און האָבן זיך פאַר אַלעמענס אויגן איבערגעגעבן צו דער תאווה. גיריקע, פאַרשוויצטע הענט, האָבן זיך געריסן צו אירע קליידער, צו אירע פיס, צו אירע קני, צו איר בוזעם.

סאָניע האָט אָפּגעשאָקלט פון זיך די דאָזיקע פאַרשוויצטע הענט, ווי מען פאַרטרייבט אַ זלידנע פליג פון פּנים. זי איז געבליבן קאַלט און גלייכגילטיק צו דעם ווילדן טאַנץ פון ליידנשאַפטן, וואָס האָט אַרום איר זיך צעשפּילט. די יוגנט האָט איר לייב אַרומגענומען ווי מיט אַ פּאַנצער, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פון דעם אַרום. אָבער זי האָט פון די דאָזיקע הונגעריקע מענערישע בליקן זיך דערוווסט וועגן דער גרויסער מאַכט, וואָס אַ פרויען־לייב טראָגט אין זיך און, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, האָט זי געזוכט די דאָזיקע בליקן.

קאַפּיטל פערצן

מאַניע פון דער פאַנסקע גאַס

— ווו איז דיין ראַמעאָ, סאָניע?

— ער איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. — האָט סאָניע געלאַכט.

— נו, נו, בלום פון סיביר, מיך, מאַניען, ר׳ לייבוש גרינגלאַסעס טאָכטער, פון דער פאַנסקע גאַס, נאַרט מען נישט — מאַניע איז געווען נידעריקער פון סאָניען און זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און מיט דער האַנט געדראָט סאָניען.

ביידע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט.

זיי זענען געשטאַנען פאַרן ברייטן טויער פון אוניווערזיטעט אויף קראַקעווער פאָרשטאָט, צוזאַמען מיט אַנדערע סטודענטן און סטודענט־קעס, וואָס האָבן דאָ פאַרן טויער געכאַפּט יעדן אינדערפרי אַ שמועס, געהערט אַ רכילותל אָדער דעם נייעסטן וויץ, איידער זיי זענען זיך צע־גאַנגען יעדער צו דער אַרבעט.

סאָניע האָט זיך באַקענט מיט מאַניע גרינגלאַס אין דעם ערשטן טאָג, ווען פיניע האָט זי געבראַנגט אין אוניווערזיטעט.

פיניע אַליין האָט אויך נאָך דעמאָלט געהאַט ווייניק באַקאַנטע און

ביידע האָבן זיך געפילט פרעמד און פאַרלוירן צווישן דעם יונגן טומל־דיקן עולם.

פיניע האָט געוווסט, אַז זיין פליכט איז אַריינצופירן סאָניען אין דער געזעלשאַפט, באַקענען זי מיט חברים און חברטעס, אָבער ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי דאָס צו מאַכן.

ער האָט, מיט פאַרלוירענע בליקן, געזוכט צווישן דעם יונגן עולם דעם ראַבינער פּערסקיס צוויי שיינע טעכטער, אָבער אויף צו להכעיס, האָט ער זיי נישט געזען. ער האָט אויך נישט באַמערקט קיין אַנדערע צופעליקע באַקאַנטע, מיט וועלכע ער האָט ביי די לעקציעס געהאַט די געלעגנהייט זיך דורכצעוואַרפן מיט עטלעכע ווערטער.

אַ מיידל, עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן וווקס, מיט אַ מאַט טונקל פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע שוואַרצן אויגן, האָט צו זיי אַ שמייכל געטאָן.

— צוויי פרעמדע וואַנדערער, וואָס זענען דאַרשטיק צו דעם קוואַל פון וויסן — האָבן אירע אויגן געלאַכט — ווילן געפינען אַן אָרט פאַר זייערע מידע פיס?...

— כמעט אַזוי — האָט פיניע דערפילט אַ נאָנטקייט צו דעם מיידל — סאָניע איז דאָ צום ערשטן מאָל און אויך איך...

— און אויך איר — האָט מאָניע פאַר אים פאַרענדיקט — פילט זיך נאָך נישט זיכער אין דער ראָל פון אַ וועגווייזער, ריכטיק?

אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט. סאָניע און אויך פיניע האָבן זיך גע־פילט גוט אין דער געזעלשאַפט פון דעם רירעוודיקן טונקל־הויטיקן מיידל מיט די שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. זי האָט גערעדט פאַר זיי ביידע, האָט זיי דערציילט אין איין אָטעם וועגן די פּראָפעסאָרן וואָס שמעקן טאַבאַק און האַלטן אין איין ריידן וועגן אַפּאַלאָס שיינקייט און וועגן די ליבעס פון די גריכישע געטינס, וואָס קומען זיי צו חלום, און וועגן די אַנדערע אוניווערזיטעט־מלמדים, וואָס האַלטן אין איין באַקלאָגן די מאָ־ראַלישע געפאַלנקייט פון היינטיקן דור און לאָזן נישט דורך איין ווייַ־בעריש קליידל. נאָכדעם איז זי איבערגעגאַנגען צו די חברים און חברטעס מיט די צעקנייטשטע ווייס־רויטע היטעלעך:

— קוקט אייך גוט צו צו די דאָזיקע היטעלעך — האָט מאָניע גע־לאַכט — זעט ווי זיי ליגן ביי די יינגלעך און מיידלעך אויף די שפּיץ

קעפ און ווי צעקנייטשט און צעקנאָדערט זיי זענען אַלע, די ווייס־רויטע היטעלעך... עס הייסט, אַז די אַדעפּטן פון וויסן לייגן נישט קיין אַכט אויף זייער אויסזען, ווייל זיי האָבן וויכטיקערע דאגות אויפן קאָפּ. אין דער אמתן אָבער שטייט יעדעס ייִנגל און מיידל אַ שעה פאַרן שפּיגל און זעט צי דאָס היטל איז שוין גענוג אינטעליגענט צעקנאָדערט... יאָ, יאָ, איר קוקט צו מיין היטעלע אויף מיין קלוג קעפל. נו, נו, געוויס, ר׳ לייביש גרינגלאָסעס טאָכטער, פון דער פּאַנסקע גאַס, איז אויך נישט אַבי ווער און איך שטיי פאַרן שפּיגל נישט ווייניקער ווי צוויי שעה יעדן טאָג.

מאַניע האָט אָנגענומען סאָניען פאַרן אָרעם און האָט אַ שעלמישן שמייכל געטאָן צו פיניען, זאָגנדיק:

— און איצט, גענוג געפּלאַפּלט, איך נעם זי צו פון אייך, די שיינע יוליע, מיר האָבן צו ריידן ווייבערישע זאַכן, וואָס מענערישע אויערן דאַרפן נישט הערן. נאָר זייט נישט אַזוי באַזאָרגט, אָרעמער ראָמעאָ, איך וועל זי צו אייך צוריקברענגען, די שיינע יוליע, גאַנץ און געזונט און איך פאַרזיכער אייך פייערלעך צו היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ איר מיידלשע אומשולד, אויב זי האָט נאָך ביז איצט נישט געהאַט קיין שכל אויפן וועג זי צו פאַרלירן.

מאַניע האָט נישט געוואַרט אויף פיניעס ענטפער, זי האָט סאָניען געפירט איבער די לאַנגע קאָרידאָרן פון דער גרויסער אוניווערזיטעט־געביידע און ווען זי האָט דערהערט, אַז סאָניע קומט פון סיביר און איז די טאָכטער פון פאַרשטאָרבענעם פויליש־ייִדישן רעוואָלוציאָנער, האָט זי, צובייגנדיק זיך צו סאָניען, אַ זאָג געטאָן:

— איך בין נישט מקנא דיין ראָמעאָ... די סיבירער טאָכטער פון אַ רעוואָלוציאָנערן העלד און אַזאַ פּנימל! — אָ, סאָניע, דו ווייסט נישט ווי הויך עס שטייען די אַקציעס פון דער הייליקער רעוואָלוציע אין דעם טעמפּל פון וויסנשאַפט און רכילות! יעדער, וואָס טראָגט דאָ אַ פּאָר הויזן, וועט האַלטן פאַר זיין הייליקער פליכט זיך צו קושן מיט דער רעוואָלוציע, וואָס האָט דערצו אַזאַ מיילעכל... וועסט מאַכן אַ קאַריערע, סאָניע, און אַלע מיידלעך וועלן פּלאַצן פאַר קנאה.

מאַניעס נביאות זענען ניט שנעל מקוים געוואָרן. אמת, דעם „סיבירער רום" האָט מאַניע געשיקט פאַרשפּרייט איבער אַלע געביידעס פון דעם אוניווערזיטעט. מענערישע אויגן האָבן פון אַלע זייטן נאָכגעקוקט

די שיינע טאָכטער פון העלדישן רעוואָלוציאָנער. אַפילו די פלאַקסנהאָריקע שיקסעס, מיט די קורצע פאַרריסענע נעזלעך, וואָס האָבן טיילמאָל זיך געמאַכט נישט דערקענען זייערע טונקל־הויטיקע יידישע חברטעס, האָבן פאַר סאָניען געמאַכט אַן אויסנאַם און באַוויליקט מיט איר צו ריידן וועגן דעם מוראדיקן לעגענדאַרן סיביר. נעענטערע באַקאַנטשאַפטן האָט אָבער סאָניע נאָך נישט באַוויזן צו מאַכן. זי איז געוווינט געווען צו איינזאַמקייט און שטילקייט. דער שטענדיקער טומל פון דעם יונגן עולם האָט זי געשראָקן. זי האָט זיך געפילט נאָך אַלץ פרעמד. מאַניע איז געבליבן איר איינציקע פריינדין. זיי זענען געזעסן אויף איין באַנק און מאַניע, וואָס האָט ליב געהאַט צו פלאַפּלען, האָט ביי דער אַרבעט געענערט ריידן מיט אַן אַנדערער שפּראַך. זי האָט אויפן ווונק אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט פון פּראָפעסאָר און זי האָט סאָניען געהאָלפן טאָן איר אַרבעט.

— איך ווייס נישט וואָס איך וואָלט געטאָן אָן דיר, מאַניע — האָט סאָניע צו איר אָפט געזאָגט — איך וואָלט דאָ אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן.

— נאַריש מיידל — האָט מאַניע זיך פונאַנדערגעלאַכט — אַלע זענען דאָך מיך מקנא און יעדער וואָלט זיך מיט מיר געוואָלט טוישן און זיצן אויף דער באַנק.

— וואָס איז? — האָט סאָניע געפרעגט.

— הער, סאָניע — האָבן מאַניעס ברענענדיקע אויגן זי אַרומגענומען — ביסט טאַקע אַזוי אומשולדיק נאַאיוו, צי אַזוי פרויאיש כיטרע צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אומשולד? כ׳האָב דאָך דיר אין ערשטן טאָג געזאָגט, אַז סיביר איז דיין גרויסע קאָרט. פאַרשטייסט, סיביר איז דאָ געווען אין פאַרלויף פון דורות דאָס צויבער־ און גרויל־וואָרט צוגלייך. מען האָט מורא געהאַט פאַר דעם קלאַנג פון דעם וואָרט און עס האָט גלייכצייטיק פאַרכישופט. מען האָט געוווסט, אַז די בעסטע מענטשן, די גרויסע העלדן, שיקט דער צאַר אויף קאַטאָרגע קיין סיביר. איז טאַקע קיין סיביר גלוסט זיך קיינעם נישט צו גיין, אָבער מיט אַ שיין סיבירער מיידל צו פאַרברענגען, איז נישט בלויז אַ פאַרגעניגן, נאָר אויך אַ כבוד. נו, איצט הייבסט שוין אָן דיין סיבירער קאָפּ עפּעס צו פאַרשטיין. נו, גענוג געפלאַפּלט, מען דאַרף עפּעס טאָן אויך. חזר איבער נאָכאַמאָל די

פלאָפלערייען פון דעם אַלטן נאַר ציצעראָ, פּאַרפּאַלן, אַנדערש גייט עס נישט, מיין טייערע, נאָר כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, צי אין טויזנט יאָר אַרום וועלן די דעמאָלטיקע מאַניעס און סאָניעס אויך מוזן זיצן אַזוי, ווי מירביידע, און איינחזרן אפשר די נאַרישע דרשות פון עפּעס אַ מאַניע גרינגלאַס פון דער פּאַנסקע גאַס, און זיי וועלן מיך שעלטן און זידלען ווי איך שעלט און זידל דעם אַלטן עובר־בטל ציצעראָ...

— ניין, ניין — האָט מאַניע גערעדט, גייענדיק צוזאַמען מיט סאָ־ניען איבער דעם לאַנגן אוניווערזיטעט־הויף — היינט וועלן מיר אין דער בודע גאָרנישט טאָן. כ׳האָב היינט אַ משוגענעם טאָג און אין אַזאַ טאָג האָב אין דער ערד אַלע גריכישע געטער און געטינס. היינט איז פרייטיק און די מאַמע, אין דער היים, מאַכט שוין די געפילטע פיש אויף שבת. און ווייסט, היינט וועלן מיר האָבן געבראָטענע לעבערלעך. זייט איך געדענק אונדזער שטוב, מוז פרייטיק אויף מיטיק זיין געבראָטענע לע־בערלעך. אַנישט וואָלט די מאַמע געמיינט, אַז זי וועט נישט קאָנען בענטשן קיין ליכט. און דו, סאָניע, וועסט היינט אויך פאַרזוכן אונדזערע לעבערלעך...

— כ׳ווייס נישט... — האָט סאָניע זיך געוואַקלט. — זי איז נאָך ביז היינט נישט געווען אין איר חברטעס היים.

— ווייסט יאָ, צי דו ווייסט נישט — האָט מאַניע גענומען איר חברטע פעסטער אונטערן אָרעם — איך ווייס אָבער יאָ, אַז דו וועסט היינט עסן מיין מאַמעס געבראָטענע לעבערלעך. די מאַמע האָט מיר אָנ־געזאָגט, אַז כ׳זאָל נישט וואָגן אַהיימצוקומען אַליין, אָן דער סיבירער מיידל, און דער טאַטע האָט מיר נאָכגעשריגן, אַז אויב דו וועסט זיין אַן עקשן, זאָל איך דיר ברענגען ביי די אויערן. נו, נו, גענוג גערעדט וועגן דעם. אַזוי בלייבט עס און אַ סוף. און איצט, לאָמיר זיך איילן אין דער בודע, פּראָפעסאָר זיעלינסקי וועט אונדז באַלד אָנהייבן צו פּאַרנודיען מיט זיינע גריכישע געטער...

— האָסט דאָך נאַרוואָס געזאָגט — האָט זי סאָניע דערמאָנט — אַז לכבוד דיין מאַמעס געבראָטענע לעבערלעך האָסטו אין דער ערד די גרעקן?

— מאַלע, האָב איך געזאָגט — האָט מאַניע געלאַכט — צווייטנס, זיי ווייסן, אַז כ׳וועל טאָקע נישט הערן אַ וואָרט וואָס ער רעדט. נאָר גיין

דאַרף מען, פֿאַרשטייסט, אַזוי איז עס אין אונדזער בודע. מען האָט איינמאָל אָפּגעפּסקנט, אַז דער אַלטער זיעלינסקי איז דער אמתדיקער שמעלקע מיט אַפּאַלאָ און אַז די שיינע דיאַנאַ קאָן נישט לעבן אַ מינוט אָן זיינע באַגייסטערטע לויב־געזאַנגען, מוז מען זיין און ריידן וועגן נעכטיקע טעג.

זיי זענען אַריינגעקומען אין גרויסן פּאָרטראַג־זאַל, וועלכער איז שוין געווען פֿול.

— זעסט, אַלע קומען אים הערן — האָט מאַניע נישט אויפֿגעהערט ריידן, שטופּנדיק סאָניען פֿאָרויס צו אַ ווינקל, וווּ עס זענען נאָך געווען צוויי ליידיקע פּלעצער — מיינסטו, אַז עס אינטערעסירט זיי עפּעס? נאָר וואָס? מ׳קאָן דאָך נישט זיין קיין אָפּגעשטאַנענער עלעמענט און נישט האָבן קיין אינטערעס פֿאַר דער גריכישער קונסט, שטופּט מען זיך און מ׳הרגעט אַוועק אַ פּאָר שעה.

ווי נאָר זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, האָט פּראָפֿעסאָר זיעלינסקי אָנגעהייבן זיין פּאָרטראַג.

— רייד צו דער לאָמפּ — האָט מאַניע אַ ווונק געטאָן צו איר חברטע — דו הער זיך בעסער צו צו מיין פּאָרטראַג וועגן דער בודע. דו דרייסט זיך שוין דאָ אַרום אַ צייט און דו הייבסט נאָך נישט אָן צו וויסן וווּ איין און וווּ אויס, אַלזאָ, זיי וויסן ערשטנס, אַז אַ סטודענט, וואָס וויל נישט זיין אַ חוזק, רופֿט דעם אוניווערזיטעט נישט אַנדערש ווי בודע. עס פּאַסט אַזוי צו ריידן אָפּלאַכעריש, אָבער אין דער אמתן זענען זיי אַלע און אויך איך שטאָלץ מיט דער בודע און אַפֿילו מיין ברודערל, וואָס גייט נאָך אין חדר, פֿרעגט מיך יעדן טאָג צי איך קום פֿון דער בודע.

סאָניע האָט פֿון געוווינהייט אַרויסגענומען איר בלייפֿעדל און גענומען פֿאַרצייכענען די שטעלן פֿון פּראָפֿעסאָרס פּאָרטראַג.

— לאָז געמאַך — האָט מאַניע ביי איר אַרויסגענומען דאָס שרייבפֿעדל פֿון האַנט — כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז היינט, פּרייטיק, דאַרף מען גאָרנישט טאָן און מיר זיצן אַזוי ווייט, אַז מען דאַרף צומאָל נישט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מען הערט זיך צו. אָט וועל איך דיר גלייך באַקענען מיט דער גאַנצער מענאַזשעריע. זעסט אין דעם זאַל זיצן איינער לעבן אַנדערן מער ווי הונדערט בחורים און מיידלעך. זיי אַלע זענען געקומען צו דער לעקציע פֿון פּראָפֿעסאָר זיעלינסקי, זיי אַלע זענען מיטגלידער

פון איין משפחה. אַזוי רעדט מען אויף די פייערלעכקייטן וואָס קומען פאָר אָפט, נאָר עס איז שוין איינמאָל אַ משפּחהלע! האַ! האַ! דאָס משפּחהלע האָט זיך אַזוי ליב, אַז זיי וואָלטן איינער דעם אַנדערן לעבע־דיקערהייט צעריסן. קודם כל, קוק זיך צו צו די קעפּ. וואָס זעסטו?

— וואָס זאָל איך זען — האָט סאָניע אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען — קעפּ פון יינגלעך און האַלב־געשוירענע קעפּ פון מיידלעך, וואָס ווילן אויסזען ווי יינגלעך.

— דאָס האָסטו גוט געזאָגט, סיבירער מיידל — האָט מאַניע איר אַ גלעט געטאָן איבער דער האַנט — נאָר נישט דאָס מיין איך. קוק זיך צו, וועסטו זען שוואַרצע קעפּ און בלאָנדע קעפּ, נו, זיי־זשע וויסן, אַז דאָס זענען יידישע קעפּ און גוייִשע קעפּ. זיי מעגן זיין גאַנטע שכנים, די קעפּ, נאָר צווישן זיי ליגט אַן אָפּגרונט. אוודאי טרעפן זיך אויך גויים מיט שוואַרצע קעפּ און בלאָנדע יידן, אָבער דערפאַר האָט יעדער, גאָט צו דאַנקען, אַ קורצע אָדער לענגלעכע נאָז, אַ פּאָר יידישע אָדער גוייִשע אויגן, אַזוי, אַז מען קאָן, גאָט צו דאַנקען, קיינמאָל קיין טעות נישט האָבן.

— אַזוי פיינט האָט מען זיך? — האָט סאָניע געפירט איר בליק איבער די טונקעלע און העלע קעפּ, וואָס זענען פאַר איר אַלע געווען געוואָנדן צו דעם פּראָפעסאָרס קאַטעדרע.

— עס איז נישט בלויז שנאה — האָט מאַניע שטיל געפּליסטערט אין סאָניעס אויער — עס איז אַזאַ פּרעמדקייט, וואָס טיילמאָל דערוועקט זי ביי מיר דעם געדאַנק צי מיר זענען טאַקע אַלע אדם הראשונס איי־ניקלעך. זעסט, סאָניע, הינטער דיר זיצט אַ שיקסע. יאָ, די מיטן פלאַק־סענעם קאָפּ און מיט דעם אַרויפגעשאַרצטן נעזל. זי איז אַזוי טעמפּ, ווי אַזוי זי האָט באַוויזן אַנצוקומען אין דער בודע, איז גאָטס ניסים. און מיאוס איז זי, אַז אַפילו די יידישע בחורים מיידן זי אויס. זי ווייסט אָבער, אַז זי איז עפּעס מער פאַר אונדז אַלע. זי איז נישט קיין זשידוווקאַ (יידישקע). זי איז עשיוס אַ כשר אייניקל, און ווען זי באַוויליקט צו מיר אַ שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ, ווייסט זי, אַז זי ברענגט אַ שווערן קרבן. און אַזוי זענען זיי אַלע. אַפילו די גוטע צווישן זיי, וואָס נעמען זיך אָן פאַר יידן און שלאָגן זיך מיט די ענדעקעס. טיף אין האַרצן ווייסן זיי, אַז זיי, די וואָס שלאָגן יידן, זענען פאַרט גערעכט. זיי האָבן דאָס איינגע־

זאַפּט אין זיך מיט דער מאַמעס מילך און זיי קאָנען זיך אַליין נישט העלפן.

— אַזוי איז עס דאָ... — האָט סאָניע אַ דערשטוינטע זיך ארומ־געקוקט.

— שרעק זיך נישט, סאָניע, — האָט מאַניע זיך צו איר צוגע־בייגן — זיי וועלן דיך נישט אויפעסן. פאַרקערט, אַז דו רעדסט מיט זיי, זענען זיי גוט, נאָר צו אַ געשוויר צוצולייגן. און שיינע מיידלעך האָבן זיי ליב. און נאָך מער יידישע. די יידישקעס, זאָגן זיי, זענען פּיקאַנ־טער, אַפּעטיטלעכער. די שיקסעס זענען פאַרביסענער, אָבער אויך זיי לאָזן זיך טאַפּן פון יידישע ייִנגלעך. זיי לויפן דערנאָך מיט פאַרוויינטע אויגן צום גלח, אָבער צומאָרגנס זענען זיי ווייטער גרייט צו זינדיקן. ניין, סאָניע, האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן. זיי וועלן ריידן צו דיר אַזוינע זיסע רייד און זיי וועלן דיר אונטערטראָגן אַ שטול. און ווען אַזאַ שיין מיידל וועט זיך לאָזן, וועלן זיי דיך קושן. נאָר זיי וויסן, אַז דאָס אַלץ איז גאָרנישט. ערשט ווען די יוכע זייערע צעברענט זיך, ערשט דעמאָלט דערקענסטו זיי. און ווען קריכט אַרויס די יוכע? נו, זאָרג נישט, עס וועט נישט לאַנג דויערן און וועסט עס זען מיט דיינע אייגענע אויגן.

— אָבער, פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? נאַריש מיידל — האָט זיך מאַניע צעלאַכט — ווער האָט דיר געזאָגט, אַז עס מוז זיין אַ פאַרוואָס? אוודאי טראַכט מען צו יעדעס מאָל אַן אַנדערן פאַרוואָס. איינמאָל איז עס, ווייל די זשי־דעס זענען רייך, און אַ צווייט מאָל, ווייל זיי האָבן פיינט די רייכע און אַ דריט מאָל, ווייל זיי טראָגן בערד און פּיאות און אַ פערט מאָל, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעשוירן די בערד און ריידן גאָר פויליש און ווילן דווקא אויסזען ווי כשרע גויים. ניין, עס וועט קיינמאָל נישט אויספעלן דעם שייגעץ, זאָגט מיין טאַטע, פאַרוואָס נאָכצעוואַרפן אַ שטיין אַ ייד. איך פלעג לאַכן פון מיין טאַטנס רייד און פלעג אים זאָגן, אַז ער, מיין טאַטע, און די אַלע יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס, פאַרשטייען נישט די וועלט, האָבן קיינמאָל נישט גערעדט מיט קיין גוי. היינט ווי קומען זיי צו וויסן וואָס די גויים טראַכטן און ווילן. נאָר ער, מיין טאַטע, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט צו דער מאַמע: נו, פרייַ דיך פראַדל, דיין געראָטן טעכטערל איז שוין קליגער פאַר דיר און מיר. עס איז אַן עבירה מיט איר אַ וואָרט צו ריידן. זיי זענען אַלע גרויסע חכמים, ביז זיי קריגן דעם ערשטן שטיין.

מאַניע האָט גערעדט זייער שנעל און בעתן ריידן זיך איבערגעוווּנ־קען מיט סטודענטן און סטודענטקעס, וועלכע זענען געזעסן אויף די אַנ־דערע בענק. זיך אַליין און סאָניען האָט זי מכבד געווען מיט אַ צוקערקע און געזאָגט:

— נו, נו, זיי נישט בייז, סאָניע, פאַר מיינע פּלאַפּלדיקע רייד. כ׳האָב אַזאַ טבע, און מיין מאַמע זאָגט, אַז כ׳וועל נאָך האָבן ביטערע צרות פאַר מיין גרויס מויל. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז גאָט האָט מיך אַזוי באַשאַפן? וואַרט, וואַרט, סאָניע, דו גלייבסט אין גאָט?

— כ׳האָב וועגן דעם נישט געטראַכט — האָט סאָניע געצויגן מיט די אַקסלען.

— אָט דאָס איז אַ זאַג! — האָבן זיך אָנגעצונדן שעלמישע פייער־לעך אין מאַניעס אויגן — ווען דער אַלטער פּלאַפּלער, כ׳מיין אונדזער געליבטער פּראָפעסאָר, האַלט נישט אין מיטן זיין דרשה וועגן די גרי־כישע געטער, וואָס גייען אַלעמען אָן אַזוי פיל ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, וואָלט איך איצט צוזאַמענגערופן די גאַנצע מענאַזשעריע, כ׳מיין אַלע מיטגלידער און מיטגלידערינס פון אונדזער בודע, און צו זיי גע־זאָגט: אָט, זעט דאָס גרויסע וווּנדער פון דער וועלט! דאָס דאָזיקע מיידל פון סיביר האָט אַזעלכע רואיקע אויגן, כאָטש זי האָט צומאָל נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און זי שעמט זיך אַפילו נישט וועגן דעם צו ריידן. כאַ, כאַ, כאַ!...

— כ׳פאַרשטיי נישט... — האָט סאָניע נישט געוווּסט צי זי דאַרף מיטלאַכן אָדער זיך באַליידיקן פון מאַניעס געלעכטער.

— דו פאַרשטייסט נישט און דו מיינסט אַז איך פאַרשטיי עפּעס — האָט מאַניע מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס מויל צו דערשטיקן איר געלעכטער — נאָר וואַרט, כ׳האָב דאָך אינגאַנצן פאַרגעסן דיר פאַר־צושטעלן דעם צווייטן טייל פון דער מענאַזשעריע. מיין טאַטע זאָגט, אַז אַלע עשיוס האָבן איין פּנים און ווער ווייסט צי ער איז נישט גערעכט, און ווער ווייסט צי צוליב דעם טאַקע, וואָס זיי האָבן אַלע איין פּנים, זענען זיי נישט אַזוי שטאַרק און אַזוי רואיק און זיכער, די עשיוס!... כ׳ווייס אַליין נישט, טיילמאָל בין איך זיי מקנא מיט זייער עשיושער רואיקייט און טיילמאָל, טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז כ׳וואָלט אַוועק

װוהין די װעלט האָט אַן עק, װען כ׳װײס, אַז כ׳טראָג דאָס זעלבע פּנים װאָס זײ אַלע. בררר...

מאַגיע האָט זיך אַ װײל פֿאַרטראַכט און װי צו זיך אַלײן אַ זאָג געטאָן:

— און װער װײסט, אפשר איז עס נישט מער װי נאָך אַ ייִדיש אױסטראַכטעניש, אַז אַלע עשיוס האָבן אײן פּנים? געטרײסט זיך מיט האָרץ־חלשות? און אפשר זענען זײ גאָרנישט אַזױ זיכער און רואיק װי איך מײן. נאָר, כאַפּט זײ דער רוח! װאָס? זאָרגן פֿעלן מיר, אַז כ׳זאָל זיך גײן דאגהנען פֿאַר עשיון! יאָ, װאָס האָב איך דיר געװאָלט זאָגן? אַהאַ, כ׳װײס שוין. כ׳דאַרף דיר פֿאָרשטעלן דעם ייִדישן פּאַװיליאָן. ביטע, ביטע, סיבירער מײדל, אײנטריט פֿרײ. קוק זיך אַרום און קלײב זיך אױס װאָס דײַן האַרץ גלוסט. זעסט דאָרט, אױף די ערשטע בענק אַקעגן־איבער דעם פּראָפֿעסאָר, זיצן די יחסנים. די סמעטענע. דאָס אײבערשטע פֿון שטײסל. זײ טראָגן אַזעלכע גױיִשע נעמען, אַז אַפֿילו אַן אמתער גױ מוז זיך קרעקען בײם אַרױסרײדן זײ... זעסט װי זײ זיצן ברײט, אײן פֿוס פֿאַרלײגט אױפֿן אַנדערן, מיט אומבאַװעגלעכע שטײפֿע פּנימער. זײ װײסן, אַז זײ דאַרפֿן זײַן יחסנים. זײערע טאַטעס און זײערע זײדעס האָבן שױן געהאַט בענק און צוקראַװניעס און פּאַפּיר־פֿאַבריקן און גרױסע טאַרטאַקן און װעלדער. און די כראַביעס און פֿירשטן קומען צו זײ נאָך אַ הלװאה. זעסט, דעם שװאַרצן ייִנג מיט דער גרױסער װאָנסע און לענג־לעכער נאָז? איגנאַץ הײסט ער. פֿון די אמתדיקע נאַטאַנזאָנס. ער רעדט אַזױ שײן און גוט פּױליש, אַז מען װײסט גלײך, אַז ער איז אַ ייִד. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך װעגן פֿערד. לאָך נישט, טאַקע װעגן אמתדיקע פֿערד. פֿאַרשטײסט, װעגן די פֿערד, װאָס האָבן אַמאָל באַרימט געמאַכט דעם אַדעליקן ריטער. איך װײס נישט, נאָר מבינים זאָגן, אַז עס איז אַ גוט בוך און אַז ער, איגנאַץ, איז אַ גרױסער דיכטער. די קריטיקער און פּראָפֿעסאָרן האָבן אים שטאַרק געלױבט. נאָר װען ער איז אַנומלט אַרײַנ־געקומען אין דער בודע, האָט אים באַגעגנט אַ שטים:

— פֿאַרזיכטיק, מאַשעק! אַ פֿערד װעט דיר אַ קאָפּע טאָן!

קײנער האָט נישט געזען װער עס האָט געמאַכט דעם רוף, אָבער אַלע עשיוס האָבן זיך צעלאַכט און איך װאָלט אױך מיטגעלאַכט, װען איך װאָלט זיך נישט געשעמט. ער, איגנאַץ, איז געגאַנגען שטײף און

זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, נאָר די נאָז זיינע איז נאָך לענגער געוואָרן. אוי, די נאָז, די נאָז! ווי גוט וואָלט זיי געווען, די יחסנים, ווען נישט די לענגלעכע נעז, וואָס האָבן זיך, ווי אויף צו להכעיס, דווקא אויף זייערע פּנימער אָנגעזעצט!... ער, איגנאַץ, רעדט ווייניק מיט די יידן, נאָר איינמאָל, ווען עס איז געוואָרן אַביסל הייס און מען האָט זיך אַביסל אָנגעבראָכן איינער דעם אַנדערן די ביינער, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און צו אונדז געזאָגט:

— איך האָב ליב פּוילן און איך פיל זיך ווי אַ פּאָליאַק, אָבער איך מאַך נישט קיין אונטערשיד צווישן ייד און נישט־ייד. איך בין אַן אינ־טערנאַציאָנאַליסט. נאָך אַ פּאָר יאָר און די אַלע גרענעץ־איינטיילונגען צווישן פעלקער וועלן מוזן פאַרשווינדן. איין וועלט און איין מענטש־הייט. אַזוי וועט זיין, נאָר די יידעלעך מיט די פּיאות און קאַפּאָטעס האָב אויך איך פיינט. כ׳קאָן זיי נישט פאַרטראָגן. פון זיי קומען אַלע צרות. פון זייער נאַרישער עקשנות. מ׳קאָן צו זיי נישט ריידן. זיי זענען אַזוי נאַריש און אבערגלייבעריש. אייך אָבער, קאָלעגן, קאָן איך נישט פאַר־שטיין. איר רעדט פּויליש, איר גייט אין אונדזער אוניווערזיטעט, איז וואָס הערט איר נישט אויף מיט דעם יידישן שאָוויניזם? עס קריכט מיר שוין פון האַלדז, די יידישקייט!...

מאַניע האָט זיך צעלאַכט און ווייטער דערציילט:

— ער איז שנעל אַוועק, אָפּגעזאָגט ס׳זייניקע און איז אַוועק. ער האַלט זיך פונדערווייטנס פון דעם פעבל. זיי, די יחסנים, האַלטן זיך צוזאַמען. מען האָט צו זיי טענות. מען מיינט, אַז זיי האַלטן זיך גרויס אַז עס פּאַסט זיי נישט. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז זיי פילן זיך פרעמד. זיי זענען נישט קיין יידן און נישט קיין גויים. אפשר וועט אַמאָל אַרויס־וואַקסן פון זיי אַ נייע ראַסע. דערווייל קאָנען זיי זיך אין דער מענאַ־זשעריע קיין אָרט נישט געפינען. כ׳וועל דיר שפּעטער, סאָניע, געבן אי־בערצולייענען אַ ליד פון איינעם פון זיי. אַ גוט, רירנדיק ליד פון אַ מענטש, פון וועלכן דער גאָט פון ישראל האָט אָפּגעוואָנדן זיין פּנים און דער גאָט פון די גויים וויל פון אים נישט וויסן. דרייט ער זיך אַרום איבער אַלע מערק און זוכט אומזיסט אַ סוחר פאַר זיין נשמה.

מאַניע האָט גערעדט שנעל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. ביים ריידן האָבן בליציקע פייערלעך זיך געמיניעט אין

אירע שוואַרצע אויגן. סאָניע האָט נישט געוווּסט, צי זי מיינט ערנסט אָדער זי רעדט אין שפּאַס און זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— דו רעדסט אַזוי מאַניע, אַז כ׳ווייס נישט צי דו האָסט רחמנות אויף זיי, אָדער דו ביסט זיי מקנא.

— קוק זי נאָר אָן, די סיבירער מיידל! — האָט מאַניע זיך פונאַנ־דערגעלאַכט — זי זיצט שטיל און מיטאַמאָל פאָרט זי דיר אַריין אין דער זיבעטער ריפּ! יאָ, יאָ, עס זעט טאַקע אויס, אַז אַלע שטילע וואַסער־לעך גראָבן טיף. און דו, סאָניע, ווילסט צופיל וויסן. כ׳ווייס בנאמנות אַליין נישט, צי כ׳בין זיי מקנא, צי כ׳האָב אויף זיי רחמנות.

— נו, וועל איך דיר זאָגן, מאַניע — האָט סאָניע אַ שטילן לאַך געטאָן — דאַכט זיך מיר, אַז דו ביסט זיי מקנא...

— אפשר האָסטו רעכט — איז מאַניע געוואָרן ערנסט — זעסט, זיי, די רייכע, די יחסנימדיקע זינדלעך פון די רייכע דייטשן, זענען שוין נישט געבוירן געוואָרן אויף די נאַלעוועקעס און גזשיבאָוו. זיי האָבן שוין געהאַט פראַנצויזישע גובערנאַנטקעס. זיי האָבן אַלע אַזעלכע פיינע מאַ־נירן. זיי, ווען זיי זענען געווען קינדער, האָבן זיך פריי געשפּילט אין זאַקסישן גאָרטן און אין די לאַזשענקעס. אין דער צייט, ווען מיין ברוד־דער האָט דורך די אייזערנע שטאַכעטן פון גאָרטן בלויז געקענט אַריינ־שטעקן זיין נעזל.

— פאַרוואָס האָט ער נישט געקאָנט אַריינגיין? — האָט סאָניע גע־צויגן מיט די אַקסלען.

— דערפאַר, נאַריש מיידל פון סיביר — האָבן זיך ווידער אָנגע־צונדן פייערלעך אין סאָניעס אויגן — ווייל מיין ברודערל האָט געטראָגן אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע און אַ קליין פלאַטשיק היטעלע און פאַר אַזאַ איינעם און פאַר הינט, יאָ, פאַר הינט, — אַזוי איז בפירוש געווען אָנגעשריבן אויפן גאָרטן־טויער — איז דער איינגאַנג געווען שטרענג פאַרבאָטן. קוק זיך צו, סאָניע, אַ ווייל צו בערנאַרדן. יאָ, צו דעם מיט די בלאָנדע לאָקן. זעסט, ער זיצט זיך אויך אַזוי ברייטלעך מיט איין פוס פאַרוואָרפן אויפן אַנדערן, נאָר גלויב מיר, ער וואָלט זיך בעסער געפילט, ווען ער קאָן זיך איצט צעשאָקלען, ווי ער האָט עס אַמאָל געטאָן אין חדר.

— ווער איז ער? — האָט סאָניע געפרעגט.

— אַהאַ, סיבירער מיידל — האָט סאָניע געלאַכט — די בלאָנדע

לאָקן געפעלן דיר? פאַרזיכטיק! די מיידלעך, און אויך איך, וועלן דיר די אויגן אויסדראַפּען. אַלע זענען זיי פאַרליבט אין בערנאַרדן, און מירן נישט דערלאָזן, אַז עפּעס אַ פרעמדע גאַר זאָל אים פאַרכישופן מיט איר סיבירער רייץ... יאָ, יאָ, ווער ס׳איז בערנאַרד, ווילסטו וויסן? נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן? בערנאַרד איז בערנאַרד! אויף אַלע פאַרזאַמלונגען איז ער דער גאַנצער מאַכער. ער שיט פעך און שוועבל אויף די אַנטיסעמיטן און רעאַקציאָנערן. און ער לאַכט אויס אַזוי ביטער די יחסנים מיט איגנאַצן, אַז זיי וויסן נישט וווהין די אויגן אַהינצוטאָן. ער רעדט מיט אַזאַ שטאָלץ וועגן יידישן פאָלק און פאַלעסטינע, אַז איגנאַץ קאָרטשעט זיך אַזש פון ווייטיק און מיר אַלע קלאַפּן בראַוואָ. מיר האָבן געהאַט אַנומלט אַ פאַר־זאַמלונג און בערנאַרד האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן אַלע אויפגעבן יידיש אַלס אונדזער שפּראַך. איגנאַץ איז געוואָרן גרין און געל — אַזאַ חרפה — זשאַרגאָן!

— אָבער דו און זיי אַלע ריידן דאָך נישט קיין יידיש — האָט סאָניע געפרעגט.

— רעדסט פונקט ווי מיין טאַטע, ר׳ לייבוש גרינגלאַס, פון דער פאַנסקי גאַס — האָט מאַניע געלאַכט. — יעדן טאָג קריגט מען זיך צוליב דעם. נאָר צווישן אונדז גערעדט, דאַכט זיך מיר, אַז אַביסל גע־רעכט איז ער פאָרט. און עס דאַכט זיך מיר, אַז אויך בערנאַרד איז אַביסל מקנא איגנאַצן. זאָג עס קיינעם נישט אויס: ער פרוווט אַפילו אים, איג־נאַצן, נאָכמאַכן. מיטן ריידן, מיטן גיין איבער דער גאַס, מיט דער איבער־געטריבענער העפלעכקייט צו די מיידלעך, מיט דעם עכט פוילישן אַק־צענט. איך געדענק נאָך אים, בערנאַרדן, ווען ער איז, אויף דער שליסקע גאַס, מיט פאַררוקע פּיאהלעך, געגאַנגען אין חדר אַריין. נו, און ער, דאַכט זיך, האָט נישט ליב אַז מען דערמאָנט אים וועגן דעם. אפשר דערפאַר פלירטעוועט ער מיט די אַנדערע מיידלעך, וואָס געדענקען אים נישט פון יענע צייטן. נו, נו, געגוג געפּלאַפּלט. זיעלינסקי האָט שוין, גאָט צו דאַנקען, געענדיקט. קום, קום, סאָניע, איך קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן צו דער מאַמעס געבראָטענע לעבערלעך.

דער יונגער עולם האָט פריידיק געטומלט. דער אַלטער פּראָפעסאָר מיטן קורץ צוגעשוירענעם ווייסן בערדל, איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס האָבן מיט אים לעבהאַפט איינגעטענהט.

— זעסט, זיי זענען נאָך נישט פּאַרטיק מיט די גריכישע געטער. — האָט מאַניע געשלעפּט מיט זיך סאָניען צום אַרויסגאַנג — לאָמיר כאַפּן דעם ערשטן טראַמוויי, די לעבערלעך קאָנען נאָך חלילה צוגעבערענט ווערן...

דער טראַמוויי איז געווען איבערפולט:

— מאַך זיך אַ וועג מיט די הענטלעך — האָט מאַניע אונטערגע־שטופּט איר חברטע — און אַז דו וועסט עמיצן אַנטרעטן אויף די הינער־אויגן, מאַכט אויך נישט אויס.

צוויי יונגעליים, מיט אַנטבלויזטע בלאָנדע קעפּ און ביכער אונטערן אָרעם, האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון דער באַנק, אויף וועלכער זיי זענען געזעסן. מאַניע און סאָניע האָבן זיך אַוועקגעזעצט און מאַניע האָט איר איינגערוימט אין אויער:

זיי זענען העפלעך, די שקצים, נאָר ווען מען וועט דאַרפן, וועלן זיי דיר דערלאַנגען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, יאָ...

די צוויי יונגעליים זענען געבליבן שטיין פאַר דער באַנק און גע־פּרוווט פאַרפירן אַ שמועס מיט מאַניען און סאָניען. זיי האָבן זיך שטאַרק געאיילט, האָבן זיי געזאָגט, און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז צוליב דעם פּראָפעסאָרס גריכישע געטער וועלן זיי פאַרשפּעטיקן דעם ספּאָרט־שפּיל אין מאָקאָטאָוו.

— צווישן וועמען? — האָט מאַניע געפרעגט.

— צווישן גוויאַזדא און מלאַט — עס וועט הייִנט זיין דער פינאַל־שפּיל.

— עס וועט געוויס זיין זייער אינטערעסאַנט — האָט מאַניע אַ שמייכל געטאָן.

די צוויי סטודענטן האָבן זיך איבערגעקוקט און איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— פילייכט ווילט איר ביידע זען די שפּיל? מיר וואָלטן זיך גע־פרייט...

— אַ דאַנק, ליידער אוממעגלעך — האָט מאַניע צו זיי געשמייכלט פריינטלעך.

— עס וועטווירקלעך פאַר אונדז זיין אַ פאַרגעניגן — האָט דער סטודענט זיך פאַרנייגט — מיר האָבן באַקאַנטע און מירן נאָך באַקומען בילעטן...

— מיר באַדויערן זייער — האָט מאַניע גערעדט פאַר זיך און פאַר סאַניען און אַ שקאָציש פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן — איר ווייסט, באַלד וועט ווערן שבת, און איך מוז העלפן דער מאַמען צו מאַכן דעם טשאָלנט...

די צוויי שקצים זענען רויט געוואָרן. זיי האָבן עפּעס שטיל אַ מורמל געטאָן און האָבן מער נישט גערעדט.

עטלעכע מינוט שפּעטער זענען זיי ביידע פאַרשוווּנדן:

— זעסט, דער טשאָלנט האָט זיי פאַריאָגט. — האָט מאַניע געלאַכט.

— פאַרוואָס האָסטו זיי נישט דערציילט פון די געבראָטענע לעבער־לעך — האָט סאַניע מיטגעלאַכט.

— דאָס האָב איך איבערגעלאָזט פאַר דיר, סיבירער מיידל.

קאַפּיטל פופצן

ר׳ לייבוש גרינגלאַס האָט טענות צו די היינטיקע קינדער

— איך פיל שוין דעם ריח פון די געבראָטענע לעבערלעך! — מאַניע איז אַריינגעפאַלן ווי אַ שטורעם אין שטוב — מאַמע, כ׳בין הונגעריק, ווי אַ וואָלף!

ביים טיש איז געזעסן אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע האָט אויסגעזען ווי מאַניעס עלטערע שוועסטער. זי איז געזעסן איבערגעבויגן איבער דעם ראָמאַן פון דער פּויליש־יידישער צייטונג און מיט אַ האַלבן געבייזער און האַלבן שפּאַס געזאָגט:

— כ׳האַלט פּונקט, ווי דער העלד דערקלערט זיך אין ליבע, קומט זי מיט איר געשריי. אַך, די היינטיקע קינדער...

— מאַמע, דו טוסט דאָ מיר אָן חרפּות און בושות! — האָט מאַניע אויף איין שטול אָוועקגעוואָרפן דאָס ווייס־רויטע היטעלע און אויף אַן אַנדערן, דעם פּאַלטאָ — ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענער יידישער טאָכטער, זאָל גאָר האָבן דעם קאָפּ צו ראָמאַ־נען מיט ליבעס...

— נו, דרך ארץ, דו עזות פּנים! — האָט די מאַדאַם גרינגלאַס זיך אויפגעשטעלט — אַך, דו, מאַניע — האָט זי איר טאָכטער געטאָן אַ גלעט איבער די האָר, — פאַרוואָס שטעלסטו מיר נישט פאָר דיין חברטע?

— איך און מיין מאַן האָבן אַזוי געוואָלט אייך קענען. זי, מיין חוצפּהדיקע טאָכטער, האָט אונדז אַזוי פיל וועגן אייך דערציילט...

זי האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו סאָניען:

— קאָנסט איר זאָגן „דו", מאַמע, וואָס מיינסטו, אַ יחסנטע וועט זי זיין ביי דיר...

— כ׳ווייס נישט... — האָט די מאַדאַם גרינגלאַס געקוקט מיט אַ שמייכל אויף סאָניען.

— ביטע, מאַדאַם... — האָט סאָניע אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל.

— טאָ נעם אַראָפּ דעם פּאַלטאָ, סאָניע, און מאַך זיך באַקוועם. ביי אונדז אין שטוב מאַכט מען נישט קיין צערעמאָניעס. איך וועל זיך זייער פרייען, אַז דו וועסט זיך פילן היימיש.

— נו, זעסט שוין, — האָט מאַניע צוגענומען סאָניעס פּאַלטאָ — אַז אויף פּאַנסקע גאַס עסט מען נישט אויף. נישטאָ קיין סיבירער וועלף אין יידישע שטיבער, וואָס...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— יאָ, איצט לאַכט איר אַלע — האָט מאַניע געזאָגט — אָבער וואָס מיינסטו, מאַמע, אַז עס איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען זי אַהערצוברענגען? איך האָב געהאָרעוועט שווער און ביטער און איצט פאַל איך פשוט פון די כוחות. כ׳מיין, אַז עס קומט מיר היינט אַ טאָפּלטע פּאָרציע געבראָטענע לעבערלעך, ריכטיק?

— אַ טאָפּלטע פּאָרציע קומט דעם גאַסט — האָט געזאָגט די מאַדאַם גרינגלאַס — און דו, מאַניע, גיי אַריין אין קיך און זע צוצואיילן דעם מיטיק. דער טאַטע וועט אויך באַלד קומען.

— אָ, אומגערעכטיקייט! — האָט אויסגערופן מאַניע — זעסט, סאָניע, ווי אַ מאַמע האָט נישט קיין רחמנות אויף איר אייגענער טאָכטער, אויף איר בלוט און פלייש. נאָך אַזאַ טאָג פון שווערער אַרבעט, האָט זי נאָך אַ כוח מיך צו שיקן אין קיך אַריין. מילא, כ׳וועל זיך שוין אָפּפערן!...

מאַניע איז פאַרשוואונדן און די מאַדאַם גרינגלאַס האָט איינגעלאַדן סאָניען זיך אַוועקצוזעצן אויף דער שמאָלער סאָפקע:

— איז וואָס זאָגסטו, סאָניע, צו מיין טעכטערל? שוין איין מאָל אַ פּיסקל. נאָר זי האָט אַ גאָלדן האַרץ... יאָ, יאָ, עס פרייט מיך זייער וואָס דו ביסט צו אונדז געקומען. איך האָב מאַניען היינט אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל נישט וואָגן צו קומען אין שטוב אָן דיר, סאָניע...

— מאַניע שפּאָסט — האָט סאָניע גערעדט, פאַרענטפערנדיק זיך — כ׳האָב אויך געוואָלט אַרויפקומען, נאָר עפּעס האָט זיך נישט גע־מאַכט...

— כ׳פאַרשטיי, סאָניע, — האָט די מאַדאַם גרינגלאָס געוואָרפן אַ בליק אין דעם גרויסן שפּיגל אַקעגנאיבער און צופרידן צו זיך אַ שמייכל געטאָן — יונגוואַרג האָט וויכטיקערע זאַכן, ווי צו קומען צו אַלטע ווייבער.

— כ׳האָב דאָס נישט געמיינט — האָט סאָניע זיך לייכט פאַרדרויטלט

— איר, מאַדאַם גרינגלאָס, זעט אויס ווי מאַניעס שוועסטער, ווירקלעך...

— ביסט דאָך, סאָניע, אַ חנפניצע אויך — האָט די מאַדאַם אין דעם שפּיגל אַקעגנאיבער מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט, אַז דער קרעם האָט אויסגעגליכן די קנייטשן פון איר פּנים און אַז דאָס שייטל, וואָס זי טראָגט, זעט אויס טאַקע ווי אירע אייגענע האָר.

סאָניע האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער גרויסער עס־שטוב. די לאַנגע ברייטע קרעדענץ מיט אַן אַרויסשטאַרטשענדיקן בויך אין דער מיט, דער גרויסער טיש און די הויכע, מיט טונקל ברוינעם לעדער אויסגעבעטע שטולן, די סערוואַנטקע (גלאָז־שענקל), פון וועלכער עס האָבן אַרויסגע־פינקלט הויכע בשמים־ביקסלעך, זילבערנע קידוש־בעכערס, בייכיקע זיל־בערנע צוקער־פושקעס, קרישטאָלענע גלעזער פון כלערליי גרויסן און אַן אַ שיעור גלעזערנע טעלער און טעלערלעך, די בילדער פון גרייז־גראָע יידן מיט לאַנגע בערד און אַלטיטשקע באָבעס מיט הויכן הייבן און מיט צע־קנייטשטע צעשמייכלטע פּנימער, האָט צוגעגעבן דער שטוב דעם כאַראַק־טער פון דורותדיקער איינגעפונדעוועטער היימישקייט.

— עס איז אַזוי וואַרעם דאָ — האָט סאָניע געטראַכט און זיך דער־מאָנט אָן איר באָבע, וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געזען. — אַ שאָד, וואָס כ׳האָב אויך נאָוואָליפּיע־גאַס שוין נישט געטראָפן די באָבע, אפשר האָט זי אויך געהאַט אַזאַ פּנים, פול מיט לאַכנדיקע קנייטשן.

די מאַדאַם גרינגלאָס האָט אויפגעכאַפּט סאָניעס בליק און אַ שול־דיקן שמייכל געטאָן.

— דאָ, עס זעט אויס אַלץ אַזוי אַלט דאָ — האָט זי געזאָגט — מיר וווינען מיט אָט דעם אַלעם די גאַנצע צייט און דאָס איז שוין אַ שפּאָר ביסל יאָרן. כ׳האָב שוין עטלעכע מאָל געוואָלט טוישן דאָס מעבל. אַלע אונדזערע באַקאַנטע האָבן שוין געטוישט זייער מעבל. מיין מאַן

אָבער האָט זיך איינגעשפּאַרט. ער זאָגט, אַז אין זיין שטוב וויל ער כאָטש זיך פילן אינדערהיים. ער וויל נישט די „שפּינגע־דעגינגע" פון די הייג־טיקע שטיבער. מאַלע, וואָס קאָן מען מאַכן מיט אַ מאַן אַן עקשן. אַט גייט ער שוין...

זי האָט דערהערט איר מאַנס טריט נאָך אויף די טרעפּ. ווען סאָניע וואָלט דאָ נישט געזעסן, וואָלט זי אים אַקעגנגעגאַנגען און, ווי יעדן פריי־טיק, אים געעפנט די טיר:

— מילא, האָט די מאַדאַם גרינגלאַס צו זיך אַ שמייכל געטאָן — ער וועט אַליין אויך טרעפן צו זיך אין שטוב.

זי האָט געהערט ווי ער עפנט די טיר, פאַרקעט זיך אַ ווייל אין קאָרידאָר.

— האַ, ווו ביסטו, פראַדל? — ר' לייבוש גרינגלאַס האָט זיך אַרומ־געקוקט איבער דער עס־שטוב און האָט זיך גלייך געמאַכט די גאָלדענע פענסנע אויף זיין דיקלעכער נאָז, ווי ער וואָלט געוואָלט בעסער זען.

ער איז צוגעקומען נענטער צו דער סאָפקע און דערזען סאָניען.

— האָסט אַ גאַסט, פראַדל...

— ס'איז סאָניע — האָט מאַדאַם גרינגלאַס אַרויסגעזאָגט סאָניעס נאָמען, ווי זי וואָלט געווען אַן אַלטע באַקאַנטע.

— מעכאַבע, מעכאַבע... — האָט סאָניע דערפילט אויף זיך אַ דורכ־דרינגנדיקן בליק פון שאַרפע ברוינע אויגן.

פאַר סאָניען איז געשטאַנען אַ הויכער ייד מיט אַ געדיכטער קורצער שוואַרצער באָרד, אין וועלכער שמאַלע זילבערנע פאַסן האָבן שוין גע־נומען זיך עפענען אַ וועג. זיין טונקל גראָע געהאַקטע קאַפּאָטע איז גע־ווען צעקנעפּלט און איבער זיין וועסטל האָט זיך געבאַמבלט אַ שווערע גאָלדענע קייט.

זיין הויכן לומדישן שטערן האָבן ווי דורכגעאַקערט צוויי טיפע קנייטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אַזש צו זיינע געדיכטע הויכע ברעמען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און ווי פאַרגעסן אָוועקצונעמען פון סאָ־ניעס פּנים זיין פאָרשנדיקן בליק. מיטאַמאָל האָט ער זיך צעלאַכט און דעמאָלט האָט זיין פּנים באַקומען אַ קינדיש פאַרשעמטן אויסדרוק.

— נו, וואָס זאָגסטו, פראַדל? אין סיביר זעען זיי אויס, די נשים,

ווי ביי אונדז אויף פּאַנסקע גאַס. ווי זאָגט די גמרא, סדנא דארעא חד הוא, איין וועלט, הייסט עס, איז אומעטום. הע, הע אַזוי...

די מאַדאַם גרינגלאַס האָט באַמערקט, אַז סאָניע ווערט צעטומלט פון איר מאַנס קוקן אויף איר, און זי האָט צו אים אַ זאָג געטאָן:

— נו, געַנוג, לייבוש, מיט דיינע גמרא־רייד. קיינער פאַרשטייט זיי סיי ווי נישט און, כ'האָב מורא אַז דו אַליין, ווייסט אויך נישט זייער מיין...

— רעדסט דאָך שוין גלאַט עזותדיקע רייד, און די גמרא זאָגט, אַז אַן אשה וואָס האָט נישט קיין דרך ארץ...

— געַנוג, געַנוג מיט דיין גמרא, ווילסט דווקא זיין אַ למדן ביי דיין אייגן ווייב...

— זעסט, סאָניע, — האָט ר' לייבוש זיך צו איר געוואַנדן ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער — וואָס אַ מאַן האָט פאַרא צרות אין זיין אייגענער שטוב? איז אַ וווּנדער וואָס איר טעכטערל האָט אַזאַ מענה לשון...

— ס'איז טאַקע אַ ביטער רחמנות אויף אים — האָט די מאַדאַם גרינגלאַס געלאַכט — ער קאָן אַליין דאָס מויל נישט עפענען, אַזאַ נעבעכל...

זי האָט אַ קוק געטאָן מיט פאַרליבטע אויגן פון אַ יונג מיידל אויף איר מאַן און האָט דערזען די טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן און מיט אַ באַזאָרגטער שטים געפרעגט:

— ס'איז עפּעס נישט אין אָרדענונג, לייבוש?

ר' לייבוש גרינגלאַס האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און מיט אַ כלומרשטן געבייזער געזאָגט:

— וואָס פעלט דיר איין, פראַדל? כ'האָב היינט צומאָל נישט אַריינגעשמעקט אין געשעפט.

— ווו זשע ביסטו געווען? — האָט זיך די מאַדאַם גרינגלאַס אָנגעשפּיצט — ווידער ביים אַדוואָקאַט?

— אַדוואָקאַט, שמדוואָקאַט — האָט ר' לייבוש זיך אָפּגעשאָקלט ווי פון אַ נישט אנגענעמער דערינערונג — וואָס? כ'האָב זיי נישט גענוג די לייט אַ גאַנצע וואָך? ערב שבת גאָר וועל איך זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט זייערע אַדוואָקאַטישע שטיק. כ'בין געווען ביי די ראַבינערס...

— אַ דין תורה גאָר און דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט — האָט די מאַדאַם גרינגלאַס געקוקט מיט זאָרג אויף איר מאַן.

— זע נאַר ווי זי נעמט מיך אויפן צימבל! — האָט ר׳ לייבוש זיך גלייך געמאַכט די באָרד — אַ סלעדוואָטעל ביסטו, צי וואָס? מיט אַ דין תורה גייט מען צו אַ רב און נישט צו די יעקישע ראַבינערס מיט די קמץ־בערדלעך און מיט קאַפּעלעך אויפן קאָפּ, וואָס זענען נאָך קלענער ווי זייערע בערדלעך. זיי האָבן גערופן אַן אַסיפה, די ראַבינערס, און נישט געהאַט קיין אַנדער צייט ווי נאָר פרייטיק...

מאַניע האָט איבערגעריסן דעם שמועס. נאָך פון דער קיך האָט זי אַריינגעשריגן:

— אַכטונג! אַכטונג, מיינע הערשאַפטן! — האָט זי פייערלעך אויסגערופן — די לעבערלעך גייען.

די דינסט איז אַריינגעקומען און אויסגעשפרייט איבערן טיש אַ ווייס טישטוך. מאַדאַם גרינגלאַס האָט אויסגעשטעלט איבערן טיש די טעלער. פון די אַנדערע שטיבער זענען געקומען אַנצולויפן פעניע, מאַניעס צוועלף יעריקע שוועסטער און שמולעק, דער מוזיניקל, וואָס איז געגאַנגען אָנ־געטאָן נאָך ווי אַ שייגעצל, ווי דער פאָטער האָט צו אים געזאָגט, געבנ־דיק אַ קניפּ אין בעקל און אים פאַרזיכערט, אַז אם ירצה השם ווינטער־צייט מעג מאַניע שרייען וויפיל זי וויל, וועט מען אים אָנטאָן אַ יידיש קאַפּאָטקעלע און ער וועט זיין אַ שיין יידיש בחורל.

עס איז געוואָרן אַ פריידיקער טומל אין שטוב. אַלע האָבן גערעדט מיטאַמאָל און די מאַדאַם גרינגלאַס האָט פאַרגעשטעלט פאַר סאָניען איר קליינוואַרג.

די קליינע פעניע האָט געמאַכט אַ קניקסל און נישט דרייסט באַ־טראַכט דעם גאַסט. דער מוזיניק שמולעק איז געווען דרייסט. ער האָט אַ ווונק געטאָן צו סאָניען און געזאָגט:

— איך ווייס אַלץ, דו ביסט סאָניע, איאָ? און דו קומסט פון סיביר, מאַניע האָט מיך געוואָלט אָפּשרעקן מיט סיביר, נאָך איך האָב נישט קיין מורא. אמת, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן? — האָט ער פונדעסטוועגן געזוכט ביי סאָניען אַ באַשטעטיקונג.

— אַזאַ קלוג יינגעלע ווי דו, שמולעק, האָט נישט וואָס מורא צו האָבן — האָט אים סאָניע אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל.

— און וואָס הערט זיך אין דער בודע? — איז שמולעק געוואָרן נאָך דרייסטער.

— אַלץ אין אָרדענונג — האָט סאָניע גערעדט צו אים ערנסט, מיט צעשמייכלטע אויגן.

— מאַכט אַ וואָרע! — איז מאַניע אַריינגעקומען אין שטוב טראָגנ־דיק מיטביידע הענט אַ גרויסן פּאַלימיסאַק.

זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּאַלימיסאַק אויפן טיש פאַר דער מאַ־דאַם גרינגלאַס און האָט פייערלעך אויסגערופן:

— כ'האָב די ערע פאַר אייך צו פּרעזענטירן דאָס קונסטווערק פון דער פאַמיליע גרינגלאַס.

— דו, שקאַציכע! — האָט די מאַדאַם גרינגלאַס איר געדראָט מיט דער האַנט, לאַכנדיק.

ר' לייבוש גרינגלאַס האָט זיך געוואַשן די הענט, האָט אויך גע־מאַכט אַ ברכה און ווישנדיק די הענט מיטן האַנטוך, האָט ער פאַרן מאַכן די מוציא אָנגעוויזן סאָניען מיט דער האַנט אויף דער שטול לעבן אים.

— מאַמע, זיי פאַרזיכטיק! — האָט מאַניע געלאַכט — עפּעס חברט זיך דער טאַטע צופיל מיט דעם סיבירער מיידל...

— אַזוי זענען די היינטיקע קינדער — האָט ר' לייבוש נאָך דער המוציא געזאָגט — קיין פּיצל דרך ארץ האָבן זיי נישט. האַ, סאָניע, איז אין סיביר אויך אַזוי?

סאָניע האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ליימענעם שטיבל, ווו איר פאָ־טער האָט אויסגעשפּיגן די לונגען. אירע אויגן זענען פאַרנעפּלט געוואָרן און זי האָט שטיל, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט:

— איך האָב נישט געזען נאָך קינדער דאָרט. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו שפּילן.

ר' לייבוש האָט מיט דער סערוועטע זיך אַ וויש געטאָן איבערן שטערן און הויך אַ זאָג געטאָן:

— אַנו, לאָמיר פאַרזוכן די לעבערלעך... די מאַמע וואַרט דאָך שוין צו הערן פון דיר, סאָניע, דעם ריכטיקן קאָמפּלימענט.

— אויסגעצייכנט! — האָט סאָניע צוגעטראָגן דעם גאָפּל צום מויל.

— אייל זיך נישט מיט קאָמפּלימענטן — האָט מאַניע געלאַכט — ערשט ווען דער טעלער דיינער, סאָניע, וועט זיין ליידיק, וועלן מיר מיט גרויס כוונה הערן דיין אָפּשאַצונג.

— איר טעלער איז סיי ווי כמעט ווי ליידיק — האָט ר' לייבוש גע־

זאָגט — נו, נו, מאַניע, זע אַז דיין חברטע זאָל נישט אַוועקגיין פון טיש אַ הונגעריקע און וועגדנדיק זיך צו סאָניען, האָט ער צוגעגעבן:

— שעם זיך נישט, סאָניע, ביי אונדז איז שטוב ביסטו ווי אַן איי־גענע. זי, מאַניעלע, הערט נישט אויף מיר צו האַקן אין קאָפּ, סאָניע אַהין און סאָניע אַהער...

נאָכן עסן די לעבערלעך מיט די צוגרייטשטע קאַרטאָפל, האָט מאַ־ניע געזאָגט:

— נו, איצט, סאָניע, זענען מיר אַלע גרייט צו הערן דיין אָפּשאַ־צונג, נאָר געדענק, טאָמער וועט דיין באַגייסטערונג נישט זיין גענוג גרויס, וועט די מאַמע נישט קאָנען שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און דער טאַטע וועט מיך אויפוועקן און וועט מיך הייסן מאַכן קאָמפּרעסן.

אַלע האָבן געלאַכט און די מאַדאַם גרינגלאַס האָט געזאָגט:

— איר ווייסט, קינדערלעך, כ׳האָב מורא, אַז פון היינט אָן וועט איר זיך טאַקע מוזן באַגנוגענען מיט אָפּשאַצונגען און דערינערונגען, ווייל עס איז שוין נישט מעגלעך אַ זאַך צו באַקומען. אַפילו די געבראָטענע לעבערלעך נעמט ער צו, דער דייטש.

— דערפּאַר פּאַשעט ער אונדז מיט אַסיפות, דער יעקע! — האָט ר׳ לייבוש מיטן מעסער אָפּגעשניטן דעם שפּיץ פון אַ ציגאַר און פאַר־רויכערט — יאָ, מיט ציגאַרן און אַסיפות. מילא, די ציגאַרן ווי די צי־גאַרן — האָט ר׳ לייבוש אַרויסגעלאָזט פון מויל אַ וואָלקנדל רויך — נאָר צו די אַסיפות זייערע האָב יאָך נישט געוואָלט גיין, מיר וועלן זיי נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ.

— פונדעסטוועגן ביסטו דאָך פאַרט געגאַנגען צו די ראַבינערס — האָט אים זיין ווייב דערמאָנט.

— געאַנגען בין יאָך? — האָט ר׳ לייבוש געקוקט אויף די קרייז־לעך רויך, וואָס האָבן זיך געשלענגלט — כ׳בין נישט געגאַנגען און כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגאַנגען, נאָר מען האָט מיך נישט געלאָזט צורו און מיטגעשלעפּט...

— און ר׳ לייבוש גרינגלאַס, פון דער פאַנסקע גאַס, לאָזט זיך גאָר שלעפּן? כ׳האָב געמיינט, אַז נאָר זיין נאַרישע טאָכטער לאָזט זיך שלעפּן אויף די זעבראַניעס (פאַרזאַמלונגען) — האָבן זיך שעלמישע פייערלעך צעלויכטן אין מאַניעס שוואַרצע אויגן.

— זי מעג טאַקע לאַכן פון טאַטן — האָט ר׳ לייבוש גערעדט צו סאָניען און פון הינטער די געדיכטע ברעמען בלויז צוגעוואָרפן אַ בליק צו זיין טאָכטער — אַ משוגעת איז זיי אַלע מיטאַמאָל באַפאַלן, די אַלע יונגעלייטלעך און פאַניענקעס. זיי עסן נישט און טרינקען נישט און שלאָפן נישט. רק מען לויפט אויף די זעבראַניעס און מען האַלט אין איין דרשנען און קאָכן זיך און אַצינד הייבן מיר דאָס אַלטוואַרג זיי אָן נאָכטאָן.

ר׳ לייבוש האָט אָפּגעשאָקלט בייז דעם אַש אין דעם זילבערנעם אַש־בעכער און געוואָנדן זיין בליק צו זיין פרוי:

— פאַרשטייסט, כ׳זיץ אַזוי ביי מיר אין געשעפט, קוק אויף די ליידיקע פּאָליצעס און גיב די אמתע ברכה דעם יעקע, היינט עפּנט זיך די טיר און עס קומט אַריין ר׳ וואָווטשע, נו, יאָ, ר׳ וואָווטשע ראָזענשטרויך טאַקע. כ׳זאָג דיר, פּראַדל, ס׳האַרץ האָט געשניטן אַ קוק צו געבן אויף אים. גראָ געוואָרן איבער נאַכט, אַזוי... ער איז געקומען מיך נעמען צו די ראַבינערס אויף דער מעד־גאַס. כ׳ווייס, זאָגט ער, אַז דו, ר׳ לייבוש, האַלטסט נישט פון די אסיפות און פון די ראַבינערס. איך האַלט אויך נישט פון דעם אַלעם. איי, די פושעים טומלען זיך אויף זייערע אסיפות און אָרגאַניזאַציעס — נו דאַרפן מיר זיך אויך נאַריש מאַכן? נאָר, וואָס זאָל מען טאָן? אַז דער רבי גאָר האַלט מיט זיי, מיט די ראַבינערס, און אַז דער רבי הייסט, איז דאָך נישט שייך... אַזוי האָט ער מיך מיטגעשלעפּט אויף דער מעד־גאַס...

— איז, ווי געפעלן זיי דיר, די ראַבינערס? — האָט מאַניע געפרעגט.

— יעקישע ראַבינערס! — האָט ר׳ לייבוש איינגעצויגן אין זיך דעם רויך פון ציגאַר — געהערט אַזעלכעס, אַ רב זאָל פּרייטיק האָבן צייט צו אסיפות? מען דאַרף זיך מכין זיין צום שבת און דאַרף גיין אין מקווה. זיי אָבער, זעט אויס, דאַרפן נישט דאָס אַלץ. די ציוניסטן, האָבן זיי געזאָגט, מאַכן אַסיפות און אָרגאַניזאַציעס, און די בונדיסטן לייגן איין וועלטן, נו מוזן די אָרטאָדאָקסן אויך עפּעס טאָן...

— ווער זענען זיי, די אָרטאָדאָקסן? — האָט ר׳ וואָווטשע געפרעגט.

— וויר אַללע זינד אָרטאָדאָקסן — האָבן די ראַבינערס אויף דייטשמעריש געגעבן צו פאַרשטיין. האָב יאָך אָנגעקוקט ר׳ וואָווטשען און ער

האָט אויף מיר געקוקט. וואָס הייסט מען נעמט יידן און מ׳גיט זיי גאָר אַזעלכע נעמען? אַלע ווייסן, אַז עס זענען דאָ גערער חסידים און אַלעקסאַנדער חסידים און סאָכאַטשאָווער און אַמשינאָווער און וואָרקער, אָבער ווער האָט געהערט עפּעס פון אָרטאָדאָקסן? אוודאי, ווען אַזאַ ראַבינער קומט אין שטיבל גלאַט אַזוי, וואָלט מען אים מקיים פּסק געווען און מ׳וואָלט אים אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די אַלע נאַרישקייטן. נאָר אַז דער רבי האַלט מיט זיי, איז פּאַרפּאַלן. מוז מען שווייגן. האָבן זיי גערעדט, די ראַבינערס, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די אָרטאָדאָקסן מוזן זיך אָרגאַניזירן, מוזן אין די אוונטן קומען אין די אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אַפילו געהאָט פּסוקים צו די רייד זייערע. פונדעסטוועגן האָב איך נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און האָב צו זיי געזאָגט:

— מיר דאָ, אין וואַרשע, זענען, ברוך השם, געוווינט צו רבנים, וואָס האָבן פּרייטיק נישט קיין צייט צו אַסיפות און דרשות און מיר האָבן געלעבט ביז היינט און אַפילו נישט געוווּסט, אַז מיר זענען אָרטאָדאָקסן און עס האָט אונדז נישט געשאַדט צום געזונט.

— ר׳ וואָוטשע ראָזענשטרויך האָט מיך געצויגן ביי דער קאַפּאָטע און מיר איינגערוימט:

— הער אויף, למען השם, זעסט דאָך, דער ראַבינער מיטן שוואַרצן בערדל, האָט ביי דער זייט אַ שווערד און ביי דער אַנדערער זייט אַ רעוואָלווער, ס׳איז דאָך ממש אַ סכנה...

— נאָר יאָך האָב מער נישט געקאָנט שווייגן און האָב צו זיי געזאָגט: און אונדזערע מורה־הוראהס האָבן אַפילו מורא זיך צוצורירן צו אַ שווערד און צו אַ רעוואָלווער. אַלע האָבן געלאַכט און די ראַבינערס האָבן אויך מיטגעלאַכט און יאָך האָב צו זיי ווייטער געזאָגט: איר פּאַרשעט אונדז מיט אסיפות און נעמט צו אונדזער ברויט, אָבער פון אייערע דרשות קאָן מען נישט זאַט ווערן און אפשר האָט איר געהערט וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז אם אין קמח אין תורה... מיינט עטץ אפשר, אַז זיי האָבן זיך געבייזערט, די דייטשע ראַבינערס? עס הייבט זיך נישט אָן. דער ראַבינער מיטן גראָען בערדל האָט אַפילו געזאָגט, אַז מיר זאָלן נישט מיינען אַז זיי ווייסן נישט דאָס אַלץ. זיי זענען אויך יידן און זיי ווייסן אויך דעם טעם פון גלות, נאָר עס איז היינט קריגס־צייט. און דעמאָלט האָב יאָך זיי געזאָגט, אַז יעקע איז אַ פּשוטער גנב און יאָך

וואָלט דאָ נישט געזעסן, נאָר וואָס זאָל יאַך טאָן, אַז דער רבי הייסט, מוז מען פאָלגן.

— הער שוין אויף, לייבוש, מיט דיינע חכמות — האָט אים פראַדל איבערגעריסן — האָסט פאַרגעסן אַן גאַסט, זי ווייסט נישט פון די אַלע זאַכן.

— כ׳האָב שוין גאָרנישט פאַרגעסן — האָט זיך ר׳ לייבוש גרינ־גלאָס אויסגעדרייט צו סאָניען — כ׳רייד דאָס אַלץ טאַקע צו דיר, סיבי־רער מיידל. דו ווייסט דאַך נישט וואָס דאָ טוט זיך אין דעם וואַרשע. מיין טעכטערל, אָט טאַקע זי, מאַניעלע, האַלט זיך פאַר אַ גאַנצער חכמה און זי האָט דיר אוודאי אָנדערציילט כלערליי שטותים און חבלים וועגן טריאַטערס און אוניווערזיטעטן שמאוניווערזיטעטן, אָבער וואָס עס טוט זיך אונטער איר נאָז, הייבט זי נישט אָן צו זען, די חכמה מיינע...

ר׳ לייבוש גרינגלאָס האָט געקוקט אויף דעם רויך פון זיין ציגאַר און האָט, ווי פאַרגעסנדיק אָן די אָנוועזנדיקע ביים טיש, צו זיך אַליין גערעדט:

— און יאַך אַליין, מיינט עטך, פאַרשטיי יאָ עפּעס? אויף פאַנסקע גאַס און אויפן טוואַרדע האַלטן זיי מיך פאַר דעם חכם. מ׳קומט צו מיר אַן עצה פרעגן. און יאַך אַליין הייב נישט אָן צו פאַרשטיין און צו וויסן וואָס מיט מיר טוט זיך...

— אָבער, לייבוש — האָט פראַדל זיך געפּרוווט אַריינמישן — וואָס ווילסטו פון סאָניען...

— יאַך וויל פון איר גאָרנישט, פון סאָניען — האָט ר׳ לייבוש זיך פונאַנדערגעלאַכט — אָבער ווען יאַך שעם זיך נישט, וואָלט יאַך זיך אַליין אויסגעפּאַטשט. יאָ, בפירוש אויסגעפּאַטשט.

ער האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף סאָניען און האַסטיק געפרעגט:

— וואָס וואָלסטו, סיבירער מיידל, געטאָן, ווען דו דערזעסט אַ גנב אין שטוב?

— עס ווענדט זיך — האָט סאָניע זיך גערויטלט אונטער ר׳ ליי־בושס דורכדרינגנדיקן בליק — וואָלט איך מורא געהאַט, דעמאָלט וואָלט איך זיך באַהאַלטן אונטערן בעט; און וואָלט איך זיך נישט געשראָקן, דעמאָלט...

— דעמאָלט, וואָס? — האָט ר׳ לייבוש געוואָרט ווי ער וואָלט פון

סאַניעס ענטפער געהאַפט זיך עפעס גאָר וויכטיקעס צו דערוויסן.

— דעמאָלט — האָט סאַניע ענערגיש אַ צי געטאָן מיטן אַקסל — וואָלט איך אָנגעכאַפּט דעם גנב ביי דער האַנט אָדער אַמווייניקסטן גע־שריען צו כאַפּן דעם גנב...

— אַט אַזוי, אַט אַזוי! — האָט ר׳ לייבוש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דער אַש פון זיין ציגאַר האָט זיך אויסגעשיט אויף דער קלאַפּע פון זיין קאַפּאָטע — און ווייסטו וואָס אַלע קלוגע יידעלעך זאָ, צוזאַמען מיט מיר, דעם חכם, טוען? יאַך לויף אים נאָך, נאָך דעם יעקע גנב, און שטופּ אים די גניבה אין האַנט אַריין און זאָג אים: דאַנקע שיין, ווען ער טוט מיר די טובה און גולט ביי מיר אַלץ צו און שרייבט מיר אויס עפּעס אַ קוויט... יאַך גיי יעדן טאָג צו מיר אין געשעפט און טראָג מיט מיינע אייגענע הענט אַלץ צו אים. איצט פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס מיין טעב־טערל רעדט אַזוי פיל נאַרישקייטן, אַז זי האָט אַ טאַטן אַ חכם פון דער מה נשתנה...

טיפע קנייטשן האָבן גענומען זיך רינצלען אַרום ר׳ לייבושס שטערן און זיין פּנים איז געוואָרן אַלט און מיד.

— גענוג זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ! — האָט פראַדל אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף ר׳ לייבושס אָרעם — דו ווייסט דאָך גוט, אַז דו ביסט נישט שולדיק. עס איז נישטאָ קיין עצה און דו ביסט נישט דער איינ־ציקער...

— יאָ, יאָ, אוודאי בין יאַך נישט דער איינציקער, אָבער פאַר מיין טאָכטער מוז יאַך זאָרגן...

— דו ווייסט נאָך אַלץ נישט, טאַטע, אַז דו האָסט אַ דערוואַקסענע טאָכטער — האָט אין מאַניעס אויגן זיך אָנגעצונדן אַ טראַציק פייערל — איך וועל מיר שוין אַליין מיין שטעטל באַשטיין...

— הלוואַי, הלוואַי, — איז ר׳ לייבושס שטים געוואָרן מיד — הלוואַי זאָל נישט זיין צו שפּעט.

— אַצינד נאָך האַלט מען מיך אין שטאָט פאַר אַ נגיד און מ׳קומט צו מיר מיט פיינע שידוכים. עס וועט אָבער לאַנג נישט דויערן, האָב יאַך מורא אַז פון מיין נגידישאַפט וועט קיין צייכן נישט בלייבן און דעמאָלט וואָס וועט זיין, מאַניע?

— פאַרשטייסט, — האָט מאַניע מיט אַ שמייכל זיך געווענדעט

צו סאָניען — דער טאַטע וויל מיך וואָס שנעלער חתונה מאַכן און ער איז בייז וואָס איך וויל נישט הערן פון זיינע שידוכים...

— האָסט זיך נישט וואָס צו רימען — האָט די מוטער זיך אַריינגעמישט — מיט דיין עקשנות, מאַניע, און הלוואַי זאָלסטו נישט האָבן שפּעטער קיין טענות צו זיך אַליין...

— זעסטו, פּראַדל, — האָט ר׳ לייבוש גרינגלאָס אַוועקגעלייגט אויפן טיש דעם ציגאַר — דאָס ווייס איך שוין נישט. כ׳מיין אָקעגן דעם צו וועמען די היינטיקע קינדער דאַרפן האָבן טענות — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו סאָניען — פאַרשטייסט, אויף צוויי חתונות קאָן מען נישט טאַנצן, אָדער ס׳שטיבל, אָדער דער אוניווערזיטעט...

— די „בודע" זאָגט מען, טאַטע, — האָט דער מוזיניקל שמולעק געוואָלט דעם פאָטער דערמאָנען, אַז אויך ער זיצט ביים טיש און עס איז נישט קיין יושר צו ריידן נאָר וועגן דערוואַקסענע.

— יאָ, די בודע, ביסט אַ קלוג ייִנגעלע, שמולעק — האָט ר׳ לייבוש אים געטאָן אַ גלעט איבערן קעפּל — יאָ, אַזוי איז עס. צוויי חתונות... דער ייִדישער גזשיבאָוו און די גוייִשע מאַרשאַלקאָווסקע. מען דאַרף אויסקלייבן איינס אָדער דאָס אַנדערע. יאָך האָב דאָס נישט געוווּסט. געוואָלט האָבן אַ געבילדעטע טאָכטער, נו, איז עס אַזוי...

ר׳ לייבוש האָט מער נישט גערעדט. ער האָט זיך שווער אויפגעשטעלט פון שטול און אַ זאָג געטאָן:

— מען דאַרף זיך צוגרייטן צום שבת... — ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו סאָניען — און דו וועסט בלייבן ביי אונדז צו קידוש...

סאָניע האָט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן און זאָגן, אַז זי מוז גלייך אַוועקגיין, נאָר מאַניע האָט זי אַריינגעצויגן צו זיך אין שטוב.

— קום, קום, האָסט דיך אָנגעהערט גענוג נאַרישקייטן ביים עסן די לעבערלעך — האָט זי אַוועקגעזעצט סאָניען אויף אַ שמאָלער סאָפע — נו, ווי געפעלט דיר מיין משפּחהלע?

זי האָט נישט געוואַרט אויף סאָניעס ענטפער און לאַכנדיק גערעדט:

— מיין נישט, אַז דער טאַטע רעדט שטענדיק אַזוי פיל. היינט האָט ער געהאַט, זעט אויס, ז ײ ן טאָג און וועגן די צוויי חתונות איז ער גערעכט, דער טאַטע.

זי האָט אויסגעצויגן די פיס אויף דער סאָפּע און געקוקט אויף סאָניען.

— דו ביסט אַזוי רואיק, סאָניע, אַז טײַלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דו האָסט גאָרנישט קיין יידישן אָדער...

— ערשט אַנומלט — האָט סאָניע זיך צעלאַכט — האָט אַ שיקסע אין דער בודע מיר געמאַכט דעם זעלבן קאָמפּלימענט.

— כ'ווייס נישט צי עס איז אַ קאָמפּלימענט — האָט מאַניע פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס — נאָר מיר דאָ קאָנען נישט איינרוען. מען ווייסט נישט ווּהין מען באַלאַנגט. טײַלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז כ'בין עפּעס צעריסן אויף צוויי העלפטן. כ'ווייס טאַקע נישט נאָך וואָס מײַן מאַמע האָט געוואָלט האָבן אַ געבילדעטע טאָכטער. מײַן באָבע פלעגט מיר דער־ציילן פון איר'ע מיידל־יאָרן. איך בין זי פיל מאָל מקנא, ווי גוט איז איר געווען און ווי רואיק איז זי געווען, ווען מען האָט זי געפירט צו דער חופּה און זי האָט צום ערשטן מאָל געזען איר באַשערטן, מײַן זיידן.

מאַניע איז געזעסן אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף סאָניעס אָרעם. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און געזאָגט:

— ווייסט, סאָניע, טײַלמאָל פיל איך זיך זייער מיד און אַלט און דעמאָלט וואָלט איך געוואָלט, אַז מען זאָל מיך פירן צו דער חופּה, אַזוי, ווי מען האָט געפירט מײַן באָבען און, געוויס, אַזוי אויך מײַן מאַמע... און ווי אַזוי וואָלסטו, סאָניע, געוואָלט גיין צו דער חופּה?

— כ'על דיר זאָגן — האָט סאָניע נאָכטראַכטנדיק גערעדט — עס איז מיר גאָרנישט אײַנגעפאַלן.

— וואָס ביסטו, סאָניע, אַ שטיק סיבירער אײַז?! — האָט מאַניע זיך פונאַנדערגעלאַכט — ניין, איך גלייב דיר נישט, סאָניע. נישטאָ קיין מיידל, וואָס זאָל וועגן דעם נישט טראַכטן. נאָר צי איך וועל אַמאָל גיין צו דער חופּה, ווייס איך נישט. אַז איך ווייס נישט וואָס איך וויל... פון טאַטנס שידוכים לאַך איך און די ייִנגלעך אין דער בודע רוקן זיך אָפּ פון מיר. זיי האָבן מורא פאַר מײַן צינגל, יאָ... נו, און וואָס הערט זיך מיט דײַן ראָמעאָ, ווי הייסט ער?

— פּינקוס העכט...

— יאָ, פּינקוס העכט, ער קוקט אויף דיר מיט פאַרליבטע אויגן, סאָניע, נו, האָט ער דיך שוין געקושט?

— מיר ריידן וועגן ערנסטע זאַכן — האָט סאָניע צו זיך אַ שמייכל געטאָן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זיינער און געזאָגט — אָ, איך מוז שוין גיין...

— וועסט נישט גיין — האָט סאָניע זי צוריקגעהאַלטן — וועסט בלייבן צו קידוש...

— נישט היינט — האָט סאָניע זיך אויפֿגעשטעלט — כ׳גיי היינט אין אָוונט מיט אים אויף אַ קאָנצערט.

— נו, ראָמעאָ איז וויכטיקער פֿאַר מיין טאַטנס קידוש — האָט מאַניע געלאַכט — כ׳וועל דיך אַרויסלאָזן שטיל, אַז מיינע אַלטע זאָלן דיך נישט פֿאַרהאַלטן...

— כ׳וואָלט געוואָלט זאָגן אַ גוטן טאָג — האָט סאָניע זיך געקווענקלט — זיי זענען אַזעלכע ליבע מענטשן...

— ס׳מאַכט נישט אויס — האָט זי סאָניע באַרואיקט — דער טאַטע כאַפּט איצט אַ דרימל און די מאַמע איז פֿאַרנומען אין קיך. כ׳וועל זיי זאָגן, אַז דו וועסט קומען אַ צווייט מאָל און אַז דו האָסט זיך געאיילט...

— ביסט אַ ווויל מיידל, מאַניע, און ווען איך בין אַ בחור וואָלט איך דיך געקושט — האָט זי סאָניע אַרומגענומען.

— נו, גיי שוין, גיי און מאַך גרייט דיין שיין פּנימל פֿאַר דיין ראָמעאָ — האָט זי מאַניע געפֿירט צו דער טיר — נאָר געדענק, דו מוזט מיר דערציילן צי דאָס סיבירער אייז איז דאָס מאָל צעגאַנגען אין דעם פֿייער פֿון דיין ראָמעאָ...

— מאַניע האָט געעפֿנט די טיר, נאָר דער קליינער שמולעק איז געקומען אַנצולויפֿן.

— גיי נישט, סאָניע, די מאַמע וועט זיין ברוגז — האָט ער זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געוואָלט אָוועקציען פֿון דער טיר.

— זיי שטיל, שמולעק, וועסט אויפֿוועקן דעם טאַטן — האָט מאַניע צו אים געזאָגט — זי וועט קומען נאָכאַמאָל, סאָניע.

— וועסט קומען? — האָט שמולעק איבערגעפֿרעגט.

— געוויס וועל איך קומען, שמולעק, די לעבערלעך זענען געווען אַזוי גוט...

— זאָלסט נישט פֿאַרגעסן — האָט איר שמולעק אויף די טרעפּ נאָכגעשריען — איך וועל אויף דיר וואַרטן...

— נו, אַז דו ווילסט וואַרטן, וועל איך זיכער קומען, שמולעק. — איז סאָניע מיט שנעלע טריט אַראָפּ פון די טרעפּ.

קאַפּיטל זעכצן

די קאַלטע בלום

סאָניע איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און געטראַכט וועגן פּיניען.

זי האָט זיך אַליין נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פון אירע געפילן, אָבער זי האָט זיך געפילט גוט, ווען פּיניע איז לעבן איר געווען.

אין די סטודענטישע קרייזן האָט זי געהאַט פיל פאַרערער. די קאַלטע בלום פון סיביר, האָט מען זי גערופן, און אירע קאָלעגן האָבן פיל מאָל געפּרוווט דערוואַרעמען די דאָזיקע קאַלטע בלום.

דער מענערישער טייל פון דער בודע האָט געהאַלטן פאַר זיין ערן־פליכט צו דערוואַרעמען די קאַלטע בלום פון סיביר, וואָס איז געוואָרן סאָניעס צונאָמען אויפן אוניווערזיטעט.

סאָניע האָט דערהאַלטן איינלאַדונגען צו אַלע יוגנט־פאַרווייַלונגען.ביים טאַנצן איז זי געוואָרן באַלאַגערט פון פאַרערער און ווען פעסטע מענער־הענט האָבן זי אין טאַנץ אַרומגענומען, האָט זי געהערט אַן אויפהער, אַז זי איז דאָס שענסטע מיידל אין דער שיינער ווייסל־שטאָט און אַז אַלע הערצער ליגן צו אירע פיס.

סאָניע האָט געשמייכלט, הערנדיק דאָס הייסע פליסטערן. עס איז איר געווען אנגענעם צו פילן אויף זיך די הייסע בליקן פון די מענער. זי האָט זיך נאָכגיביק געוויגט אין זייערע אָרעמס צו דעם ריטם פון טאַנץ, אָבער זי האָט זיך טראָץ דעם דערפאָלג נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון אַ געפיל פון פרעמדקייט צו אירע אַלע פאַרערער. נאָר מיט פּיניען, אָדער ווי מען האָט אים גערופן צווישן די אוניווערזיטעט־קאָלעגן, פּינקוס העכט, האָט זי זיך געפילט היימישער און נענטער, ווי מיט אַן אייגענעם מענטש. ער איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס זי האָט באַגעגנט אין דער דאָזיקער פרעמדער שטאָט. ער, פּיניע, האָט זי ווי פאַרבונדן מיט איר פאָטער איזאַק. פּיניע האָט מיט איר נישט געטאַנצט. זי האָט אים איין מאָל געפרעגט פאַרוואָס ער לאָדט זי קיינמאָל נישט איין צום טאַנצן.

ער איז רויט געוואָרן און געענטפערט, אַז ער קאָן נישט, אָבער פאַר אירטוועגן איז ער גרייט זיך צו לערנען.

סאָניע האָט אַ שמייכל געטאָן, קוקנדיק אויף זיך אין שפּיגל.

— ער וועט באַלד קומען, פּיניע, — האָט זי געטראַכט — איך וועל אים פרעגן, צי ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט טאַנצן...

סאָניען איז איינגעפאַלן, אַז מיט אים, מיט פּיניען, וואָלט זי זיך איצט געוואָלט וויגן צום ריטם פון טאַנגאָ און פילן אויף זיך זיין פעס־טע אומאַרמונג.

— ער איז אַזוי נישט דרייסט — האָט זי זיך אַליין אַ ווונק געטאָן אין שפּיגל — ווי זאָגט מאַניע: דיין ראָמעאָ איז אַ שעמעוודיק ייִנגל...

— דריי זיך אויס צו מיר, סאָניע, — איז בערטאָ פאַרטיק געוואָרן מיטן פאַרקעמען סאָניעס האָר — לאָמיך דיך אָנקוקן.

— אָט בין איך! — איז סאָניע געבליבן שטיין מיט אַ צעשיינט פּנים.

זי האָט געקוקט אַ צעשיינטע, אַ צעשמייכלטע אויף בערטאָן און געטראַכט האָט זי, אַז זי וועט היינט שוין מאַכן דרייסטער דעם נאַרישן ייִנגל, אַז ער זאָל זי קושן.

בערטאָ האָט, נישט פרעגנדיק, געוווּסט וועגן וואָס סאָניע טראַכט. זי האָט געקוקט אויף איר מיט מוטערלעכער זאָרג. זי האָט זיך דערמאָנט, בערטאָ, אָן דעם, אַז אויך זי איז אַמאָל יונג געווען און דעמאָלט האָבן אויך אירע אויגן געהאַט אַזאַ אויסדרוק פון גליקזעליקייט, ווי איצט ביי סאָניען.

— עס איז — האָט בערטאָ געטראַכט — די ערשטע פרייד פון דער יוגנט. די ערשטע גרויסע פרייד. עס דאַכט זיך דעמאָלט, אַז די גאַנצע וועלט געהערט צו דיר, אַז די גאַנצע וועלט זינגט צוזאַמען מיט דיר, אַז דיין פרייד איז די איינציקע, די אמתדיקע, אַז פ אַ ר דיר איז נאָך אַזאַ פרייד נ י ש ט געווען.

בערטאָס בליק איז געוואָרן טרויעריק. זי האָט זיך דערמאָנט אַן איר אייגן לעבן.

— עס האָט זיך מיר אויך אַמאָל געדאַכט — האָט זי גערעדט צו זיך אָן ווערטער — און דערנאָך, יאָ, דערנאָך ווערט מען קליגער און טרויעריקער.

בערטאַ האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן איר מיידעלע, דער קליי־נער רעגינקע, זי איז נאָך איצט קליין, ‏רעגינקע. אָבער פאַר דער יוגנט לויפט שנעל די צייט. עס וועט נישט לאַנג דויערן און רעגינקע וועט זיין אַזוי ווי סאָניע. זי וועט אויך שטיין פאַרן שפיגל. זי וועט אויך לאַכן צו זיך מיט צעשייַנטע אויגן און זי וועט עס אַפילו נישט פילן, ווייל זי וועט טראַכטן וועגן איר ייִנגל, רעגינסקעס ייִנגל, וואָס וואַרט ערגעץ אויף איר אָן אומגעדולדיקער.

— און איך וועל דעמאָלט — לאָזט בערטאַ אַראָפּ דעם קאָפּ — נישט זיין ביי איר, ביי מיין מיידעלע. איך וועל רעגינקען נישט צוקעמען די האָר, ווי איך טו דאָס סאָניען. אַן אַנדער פרוי וועט שטיין ביי מיין טאָכ־טער. זי, לאַניאַ, וועט דאָרט שטיין. זי, לאַניאַ, וואָס האָט אַלץ ביי מיר צוגענומען, צוגענומען אַפילו די הייליקע רעכט פון אַ מאַמע.

— נײַן, נאָר נישט טראַכטן, — קוקט בערטאַ מיט שטאַרע אויגן — נאָר נישט טראַכטן... וואַרטן. דאָס איז דיין שיקזאַל, בערטאַ.

אַזוי רעדט צו זיך בערטאַ יעדן טאָג, און יעדע שעה, און יעדע מי־נוט. עס דאַכט זיך איר, אַז די אַרעמס פון וואַנזין נעמען זי אַרום. זי ווייסט, אַז זי מוז פאַרטרייבן פון זיך די מחשבות, כדי צו קאָנען וואַרטן. די געדאַנקען ווילן אָבער נישט אָפּטרעטן. זיי באַגלייטן זי, די מחשבות, ווי געטרייע שומרים, וואָס עמיצער האָט אווקגעשטעלט לעבן איר, ביי־טאָג און ביינאַכט.

— איך גיי נישט צו פערסקין — זאָגט זי מיט אַ רואיקער שטים צו סאָניען — אַדעק ווישינסקי וועט באַלד אַרויפקומען, מיר וועלן באַלד גיין עסן, פּיניע וועט נישט דאַרפן וואַרטן.

זי צווינגט אַרויף אויף איר פּנים אַ שמייכל ביים אַרויסריידן די ווערטער, אָבער זי טראַכט, אַז אין דער צייט, ווען אַדעק ווישינסקי וועט זיצן דאָ, ביי דעם טיש, וועט איר סאָמעק און איר רעגינקע זיצן ביי לאַ־ניאַס טיש און עס וועט זיי אַפילו נישט איינפאַלן אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער מאַמע, וואָס וואַרט.

— און אויף וואָס וואַרטסטו? אויף וואָס?! — בערטאַ בלייבט שטיין אין מיטן שטוב, ווי עמיצער וואָלט איר פּלוצלינג דערלאַנגט מיט דער פויסט צווישן די אויגן.

אַדעק ווישינסקי איז, ווי שטענדיק, אַריינגעפאַלן מיט רעש אין

שטוב. ער האָט געקושט די שפּיץ פינגער פון בערטאַס ביידע הענט, האָט געגעבן סאָניען אַ גלעט איבערן פּנים, האָט אין איין אָטעם געוואָלט וויסן, ווי עס גייט בערטאַן מיט דער אַרבעט ביים ראַבינער פּערסקי, און צי דעם ראַבינערס צוויי טעכטער האָבן שוין מיט מזל חתנים. ער האָט נישט געוואַרט אויף בערטאַס ענטפער. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו סאָניען, האָט זי מיט זיינע גלאַנציקע שוואַרצע אייגעלעך באַטראַכט פון אַלע זייטן און האָט מיט אַ ווונק אַ זאָג געטאָן:

— דאָס האָסטו זיך פאַר מיר אַזוי שיין אויסגעפּוצט, סיבירער בלום? נו, אַ שיינעם דאַנק דיר, סאָניעטשקע טייערע, וואָס כאָטש דו אַליין געדענקסט נאָך אָן מיר...

— דו ווילסט נאָך אַלץ, אַז מ׳זאָל זיך פאַר דיר שיין מאַכן, אַדעק?

— האָט בערטאַ אים געדראָט מיטן פינגער.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס בערטאַ טייערע, אַז פאַר מיר מאַכן זיך שיינע פרויען שוין נישט שיין. יאָ, יאָ, בערטאַ, כ׳ווייס עס, אַז הויבט זיך נאָר אָן ווייזן דער פּליך, איז שווער אַנצויאָגן מיט די יונגע — האָט אַדעק ווישינסקי געריעדט האַלב ערנסט און האַלב אָפּחוזקנדיק פון זיך אַליין — און כ׳ווייס אויך פאַר וועמען דו, סאָניעלע, האָסט זיך געמאַכט אַזוי שיין. אמת, סאָניע — האָט ער זי אָנגענומען ביי דער גאָמבע — מיר ביידע, איך און דו, ווייסן דעם סוד, נישט וואָר?

— אויף ווי ווייט איך געדענק — האָט סאָניע געלאַכט — האָב איך אייך ביז איצט נאָך נישט אָנגעטרויט מיינע סודות, פּאַניע ווישינסקי.

— האָסטו דאָך, סאָניעטשקע, אַ שאַרף צינגל אויכעט — האָט ווי־שינסקי זי אָנגענומען ביים אָרעם — נו, נו, אַזאַ שיין פּנימל מיט אַ שאַרף צינגל דערצו, קאָן חרוב מאַכן אַ וועלט... יאָ, מ׳וועט נאָך האָבן נחת פון דיר, סאָניעטשקע. און פונדעסטוועגן האַלט זיך נישט גרויס מיט דיינע סודות, מיין שיין מיידל, אָט וועט דיר בערטאַ זאָגן, אַז איך האָב זיך ביי אַ ציגיינערין אויסגעלערנט לייענען פון דער האַנט...

— יאָ, כ׳דערמאָן זיך — האָט בערטאַ געשמייכלט — האָסט מיר, דאַכט זיך, אַדעק, אַמאָל דערציילט וועגן אַן אַלטער ציגיינערין, אַ מיאוס־קייט אַזאַ...

— זיי נישט ביישוויליק, בערטאַלע טייערע, — האָט ווישינסקי גע־לאַכט — די ציגיינערין איז געווען דווקא אַ יונגע און שיין איז זי געווען, אַז זי האָט גאַנץ וואָרשע געפירט ביי דער נאָז.

— דיך מיינסטו, אַדעק — האָט בערטאַ צוגעוואָרפן.

— כ'מיין — האָט ווישינסקי געענטפערט — דעם גאַנצן מאַנסבילשן מין, מיין טייערע. דו ווייסט עס גוט, ווי אַלע זענען איר נאָכגעלאָפן, דער שיינער שוואַרצאויגיקער ציגיינערקע און גראָד איך האָב ביי איר געהאַט מזל... יאָ, יאָ, אַמאָל האָט אַדעק נאָך געהאַט מזל צו שיינע מיידלעך. זי האָט מיך טאַקע אויסגעלערנט לייענען פון דער האַנט, אָט וועסטו באַלד זען.

ווישינסקי האָט אָנגענומען סאָניעס האַנט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער קאָנצענטרירט אַלע זיינע געדאַנקען און חושים, קוקנדיק אויף איר דלאָניע. ער האָט געשוויגן אַ לענגערע ווייל און נאָכדעם אָנגעהויבן ריידן מיט אַן ערנסטער שטים.

—אָי, איך זע, ער גייט, ער גייט מיט שנעלע, איילעוודיקע טריט. ער איז פאַרליבט. יאָ, איך זע קלאָר, אַז ער איז פאַרליבט. אי זע עס פון זיינע נאַרישע אויגן.

— דו ביסט אים מקנא, אַדעק — האָט בערטאַ אַ זאָג געטאָן.

— רייס נישט איבער, בערטאַ — האָט ווישינסקי גערעדט מיט כלומרשט טיפן ערנסט — איך מוז קאָנצענטרירן אַלע חושים, אַזוי האָט די ציגיינערין מיך געלערנט, כדי צו זען וואָס דער פאַרליבטער מיט די נאַרישע אויגן וועט ווייטער טאָן. און דו, סאָניעטשקע, זיי נישט ברוגז, זיי וויסן, אַז אַלע פאַרליבטע מענער האָבן נאַרישע אויגן. איך האָב אויך געהאַט נאַרישע אויגן, ווען כ'בין געווען פאַרליבט אין דער ציגיינערין, און הלוואַי וואָלט איך זיך איצט נאָכאַמאָל פאַרליבט און ווידער באַקומען נאַרישע אויגן...

— האָסט פאַרגעסן, אַז דו דאַרפסט לייענען פון סאָניעס האַנט — האָט אים בערטאַ דערמאָנט.

— כ'האָב נישט פאַרגעסן, בערטאַ, אָ, ניין, איצט זע איך אים שוין. אַ הויכער יונג מיט טונקל ברוינע האָר, מיט שעמעוודיקע אויגן. ער איז נישט דרייסט, דער יונג. איך הער ווי זיין האַרץ קלאַפּט. יאָ, יאָ, ער גייט אַהער צו דיר, סאָניע, ער גייט...

סאָניע האָט געפּרוווט צוריקציען איר האַנט.

— וואַרט, וואַרט — האָט ווישינסקי פעסטער געהאַלטן די האַנט פון סאָניען — כ'וועל דיר באַלד זאָגן זיין נאָמען... אָט, אָט זע איך אויף

דער האָנט קלאָר זיין נאָמען... פּיניע, יאָ, פּיניע, הייסט ער. נו, וואָס באַ־קום איך פאַר מיין טרעפּעכץ?

— ווּעסט באַקומען שבתדיקע פיש — האָט בערטאָ געזאָגט.

— צו שבתדיקע פיש בין איך גרייט אַפילו אינדערוואָכן — האָט ווישינסקי אָפּגעלאָזט סאָניעס האָנט — נאָר פון דיר, סאָניעטשקע, וויל איך עפּעס באַקומען. מילא, די ליבע האָסטו באַהאַלטן פאַר דעם גליק־לעכן, נו, וועל איך בלויז ווי אַן אַלטער פעטער דיר אָ קוש געבן אין שטערן.

ווישינסקי האָט צוגעבויגן זיינע ליפּן צו סאָניען און לייכט באַרירט איר שטערן.

— נו, און איצט, בערטאָ — האָט ער אויסגערופן — באַצאָל דעם טרעפּער מיט דיינע שבתדיקע פיש, וואָרעם איך בין הונגעריק ווי אַ וואָלף.

זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש. ווישינסקי האָט געזאָגט מבינות אויף בערטאָס מאכלים און אַ זאָג געטאָן:

— און די ציגיינערין, דאַכט זיך, בערטאָ, איז טאַקע געווען אַן אַלטע מיאוסקייט.

אַדעק ווישינסקי האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, אָבער גלייכצייטיק האָט זיך ביי אים נישט פאַרמאַכט דאָס מויל פון ריידן.

ער האָט דערציילט וועגן אַלעם, וואָס עס קומט פאַר אין שטאָט. ער האָט גערעדט אַזוי ווי ער וואָלט געקענט די איינוווינער פון אַלע הייזער, נישט בלויז ביים נאָמען, נאָר ווי ער וואָלט אויך געוווּסט, וואָס ביי יעדן אין שטוב טוט זיך.

— וואַרשע — האָט ער גערעדט — האָט יעדעס מאָל אַ ניי משוגעת. אַמאָל איז עס אַ ציגיינערין און אַמאָל אַ פראַנצויזקע אין טעאַטער, וואָס שטאַמט פון קאַלושין און ווען קיינער הערט נישט, זידלט זי זיך גאָר פיין אויף יידיש. און אַמאָל ווערט וואַרשע משוגע אויף רעוואָלוציע און אַלע קינדער ווילן אַרויסשפּרינגען פון די וויגן גלייך צו די באַריקאַדעס צו... אַז מען זאָגט אַ משוגענע שטאָט.

— און וואָס איז דאָס היינטיקע משוגעת? — האָט בערטאָ צוגע־לייגט צו ווישינסקיס טעלער נאָך אַ פּעניץ פיש.

— בערטאָ, האָב רחמנות — האָט ווישינסקי גערעדט מיט אַ וויי־נענדיקער שטים — דער דאָקטער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז כ'וועל אָוועק־

פאַלן אין מיטן גאַס, אויב כ׳וועל נישט אויפהערן מיט דער אכילה...

בערטאַ האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט מיטן גאָפל געוואָלט צוריקנעמען די פּיש.

— וואָס, אַ שטיקל פּיש פאַרגינסטו מיר שוין נישט?

— אָבער, דער דאָקטאָר...

— דאָקטאָר, שמאָקטאָר, — האָט ווישינסקי געלאַכט — כ׳האָב זיי אין לויוויטש, אַלע דאָקטוירים. זיי קאָנען פרייערן אַלע מיט זייערע רעצעפּטן און דיעטעס, און יעדעס יאָר זיך קויפן אַ ניי הויז. איך האָב זיי אין דער אדמה. וואָס? פּאַסטן וועל איך צוליב זיי? און די פּיש דיינע, בערטאַ, זענען דאָך גאָר אַ סוד אויסצוזאָגן. כ׳זאָג דיר, אַז אין פּיקאַדילי מעגן זיי זיך פאַר דיר באַהאַלטן.

— האָסט פאַרגעסן צו ענדיקן וועגן די משוגעתן פון וואַרשע — האָט אים בערטאַ דערמאָנט.

— זע נאָר, ווי זי איילט זיך — האָט ווישינסקי זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל וויין, כ׳האָב נאָך רעכט נישט טועם געווען די פּיש און זי וויל שוין אַלץ וויסן! הכלל, ביי וואָס האַלטן מיר? יאָ, ביי דעם נייעם משוגעת. נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיינע טייערע, דאָס נייע משוגעת איז חברות. גרויסע חברות, מיטעלע חברות, קליינע חברהלעך. יעדער פעטער און יעדע מומע און יעדער שכן און יעדע שכנטע און יעדער באַקאַנטער טראָגט זיך אַרום אונטערן אָרעם מיט זיין חברהלע. און יעדער קומט צום פאַן פּרעזעס, צו מיר הייסט עס, אַז כ׳זאָל קומען, אַז כ׳מוז קומען, אַז טאָמער קום איך נישט, גייט די וועלט אונטער, קומט אַן ערדציטערניש, ברעכט אויס אַ מבול און עס וועט צומאָל נישט זיין קיין תיבה, מיט וועלכער אונדזער קלוגער זיידע נח האָט זיך אַמאָל באַזאָרגט... מען לאָזט מיך נישט עסן, און מען לאָזט מיך נישט שלאָפן. מען לאָזט מיך נישט כאַפּן דעם אָטעם. מען שלעפּט מיך ביי די פּיס, מען רייסט מיך ביי די הענט, מען האַלט מיך צו ביים קאָלנער. מען פירט מיך אין טאַקסיס און אין דראָשקעס און אין טראַמווייען און מען שלעפּט מיך צופוס. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיינע ליבע? עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז איך, אַדעק ווישינסקי, האָב טאַקע היינט אינדערפרי זיך אַוועקגעזעצט און באַצייטנס אָנגעשריבן אַ צוואה.

— אפשר וועסטו זי אונדז דורכלייענען, די צוואה דיינע, אַדעק? — האָט בערטאַ געלאַכט.

— דיר איז גוט צו לאַכן, בערטאַ — האָט ווישינסקי מיט אַ סער־וועטקע זיך אָפּגעווישט דאָס מויל פון דער פּישיויך — און איך האָב היינט, מיט טרערן אין די אויגן, געשריבן אין דער צוואה אַט וואָס: זייט וויסן, יידן, אַז טאָמער געפינט איר דעם פּאַן פּרעזעס, דאָס הייסט מיך, אַ טויטן, בין איך נישט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג און נישט פון קיין אַנדערער קרענק, נייערט אַ חברהלע איז געווען מיין מלאך המות...

— דערווייל אָבער, ביז דער מלאך המות קומט — האָט בערטאַ אַוועקגעלייגט אויף ווישינסקי׳ס טעלער אַ פּאָרציע פלייש — פאַרזוך אַט דאָס...

— האָסט רעכט, בערטעלע — האָט ווישינסקי צוגערוקט צו זיך דעם טעלער — לאָמיר אַריינכאַפּן ווילאַנג דער הלך ילכט. נאָר דו ווייסט, אַז איך דערזע פונדערווייטנס אַ באַקאַנטן, אַנטלויף איך אין דער צווייטער גאַס. טאָמער קומט ער מיט אַ פרישער חברהלע.

ווישינסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף בערטאַן און געזאָגט מיט אַ ווונק אין די אויגן:

— מיינסט, אַז כ׳בין געקומען צו דיין פלייש? כ׳בין געקומען זיך ביי דיר אויסבאַהאַלטן פון דעם משוגעת, נאָר ווער ווייסט, אפשר האָט איר דאָ אויך שוין עפּעס אַ חברהלע...

אַדעק ווישינסקי האָט גערעדט מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פון כלומרשטער שרעק און ער האָט דער ערשטער זיך הויך פונאַנדער־געלאַכט.

בערטאַ און סאָניע האָבן מיטגעלאַכט און סאָניע האָט אים פאַרזי־כערט, אַז זיי דאָ האָבן טאַקע אויך אַ חברהלע, אָבער אַזוי ווי זיי ווייסן, אַז ער, דער פּאַן פּרעזעס, פאַלט שוין פון די כוחות, האָבן זיי ביידע באַשלאָסן, אויס רחמנות צו אים, איינצולאַדן דעם פּאַן פּרעזעס ווייס, פון די קליינהענדלער...

— וואָס?! אים, ווייסן?! דעם גאַרנישט?! דעם פּלאַפּלער און דעם אידיאָט?! אים האָט איר, מיינע פריינט, איינגעלאַדן און נישט מיך?!

— מיר האָבן עס געטאָן אויס מיטלייד צו דיר, אַדעק — האָט בער־טאַ געלאַכט — צוליב דעם האָבן מיר איינגעלאַדן דעם אידיאָט, דעם פּלאַפּלער ווייס...

— ניין, ניין! כ׳וויל נישט הערן פון קיין תירוצים! — האָט ווי־

שינסקי זיך כלומרשט געבייזערט — שיינע גוטע פריינד זענט איר! אויף דעם האָב איך זיך גאָרנישט געריכט. מיך לאָזט איר אָן אַ זייט און צו ווייסן גאָר גייט איר!...

— נו, גענוג געפּראַוועט ליצנות — איז ווישינסקי געוואָרן ערנסט — זייט וויסן, אַז אויך איך בין פאַרכאַפּט פון דעם משוגעת. איך קאָן נישט אָפּטרעטן פון די חברות, כ'שריי אַז כ'וויל אַנטלויפן און זיך באַ־האַלטן. טאָמער אָבער ווער איך געוויר, אַז מען האָט געמאַכט אַ פרישע חברה און מען האָט מיך נישט גערופן, קאָסט עס מיך געזונט. ביינאַכט מוז איך נעמען פילן צום שלאָפן און עס חלומט זיך מיר, אַז כ'בין גע־וואָרן אויס פאַן פרעזעס... אַז כ'זאָג אייך משוגע, זאָלט איר גלייבן. האַ, בערטאַ, וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר מיט דיינע גרינע אויגן, בערטאַ?

— כ'וויים... — האָט בערטאַ זיך געקווענקלט.

— נו, זאָג שוין, זאָג, בערטאַ. כ'על אויסטרינקען דעם בעכער ביזן דנאָ! — האָט ווישינסקי אויסגערופן מיט פּאַטאָס.

— עס איז מיר איינגעפאַלן, אַדעק, אין דער מינוט, צי עס איז אין דיר נישט פאַרלוירן געגאַנגען אַ גרויסער אַקטיאָר — האָט בערטאַ אַ שמייכל געטאָן צו אים.

— פאַרוואָס פאַרלוירן געגאַנגען? — האָט ווישינסקי פּראָטעסטירט — וואָס מיינסטו, אַז מען מוז דווקא ביי שיפמאַנען שפּילן טעאַטער? כ'זאָג דיר, אַז די פרעזעסן און די אַלע קהלס פאַרזאָרגער שפּילן אַזאַ טעאַטער, אַז דער גאַנצער שיפמאַן מיטן גרויסן סאָלסקין צוזאַמען מעגן ביי אונדז די שטיוול פוצן! בנאמנות, די שטיוול פוצן... מיר זענען די אמתע ראַסאָווע אַקטיאָרן. מיר לעבן מיט די ראָלעס און פאַרגעסן אַפילו, אַז עס איז טעאַטער. און כ'זאָג דיר, בערטאַ, אַז עס איז אַ פיין טעאַטער.

ווישינסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף סאָניעס צעשמייכלטן פּנים און האָט אָפּגעזיפצט. אַרום זיין מויל האָט זיך באַוויזן אַ טיפער קנייטש און אין זיין שטים איז געווען מידקייט, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— זעסט, סאָניע, פאַר איין לויט פון דיין יונגער אומרו, וואָלט איך אוועקגעגעבן דאָס גאַנצע טעאַטער מיינס, פאַר איין לויט, סאָניע...

ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פון זיך אוועקטרייבן און ווידער אַ צעשמייכלטער אַ זאָג געטאָן:

— נו, זיי נישט באַזאָרגט, סאָניע, וועסט באַלד פּטור ווערן פון

דעם אַלטן פלאַפּלער אַדעק, כ׳האָב דאָך דיר פון דער האַנט אַרויסגע־לייענט, אַז פיניע קומט באַלד...

זעט אָבער אויס, אַז אַדעק ווישינסקי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט ביי דער ציגיינערין, אָדער אפשר האָט די ציגיינערין אַליין נישט געקאָנט די מלאכה. ווי עס זאָל נישט זיין, פיניע האָט זיך נישט געוויזן. עס איז שוין געווען צייט צו גיין צום קאָנצערט. ווישינסקי האָט געזען, אַז סאָניע כאַפּט פון צייט צו צייט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל, וואָס בערטאַ האָט איר געקויפט אין דעם ערשטן טאָג ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע.

דאָס געשפרעך ביים טיש האָט זיך נישט ווילנדיק איבערגעריסן. אַדעק ווישינסקי האָט זיך אויפגעהערט צו וויצלען, ווי דער גאַנצער קוואַל פון זיינע אויסדרוקן האָט מיטאַמאָל אויסגעטריקנט.

בערטאַ האָט סאָניען דערלאַנגט קאַווע און געפרעגט ווישינסקין, מיט אַ שמייכל צי זי מאַכט שוין די קאַווע אַזוי ווי ער האָט זי געלערנט.

ווישינסקי האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ פֿיינע שילערין, אָבער ער האָט דאָס מאָל געענטפערט קורץ און זיך נישט באַמיט צו פֿאַרפֿירן אַ ניי געשפרעך.

די מינוטן ביים טיש האָבן זיך געצויגן לאַנגזאַם. זיי האָבן נישט גערעדט וועגן פֿיניען, אָבער יעדער האָט געטראַכט, אַז מיט פֿיניען האָט עפּעס געמוזט געשען.

סאָניע האָט זיך באַמיט נישט אַרויסצעווייזן איר אַנטוישונג. זי האָט זיך געפרייט מיט דעם היינטיקן אָוונט. זי האָט געוואַרט אויף פיניען דאָס מאָל אַנדערש ווי שטענדיק. זי האָט זיך געפרייט מיט איר באַשלוס דרייסטער צו מאַכן היינט אין אָוונט דעם באַרישן יינגל און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי זעט שוין אין פיניעס אויגן אַן אויסדרוק פון שטוינען און גליק.

— עס איז עפּעס מיט אים געשען — האָט סאָניע מיטאַמאָל דער־פילט, אַז פיניע איז איר זייער נאָענט און אַז טאָמער זאָל האָבן מיט אים עפּעס געשען, דאַן... יאָ, וואָס דאַן?...

סאָניע האָט זיך נישט געקאָנט ענטפערן אויף דער פראַגע. וואָלט בערטאַ און ווישינסקי דאָ נישט געווען, וואָלט זי אַראָפּ אין גאַס אים זוכן. אָבער ווו זוכן? און טאָמער קומט ער דערווייל אָן?

װישינסקי האָט זיך אױפגעשטעלט פון טיש.

— כע, כ׳האָב זיך דערמאָנט — האָט ער גלײכגילטיק געזאָגט — אַז כ׳דאַרף צו עמיצן טעלעפאָנירן. כ׳װעל אַראָפּגײן קעגנאיבער אין דער אַפּטײק. אַך, די דײטשן, די יעקעס! זײ האָבן דאָך געמאַכט פון װאַרשע אַ דאָרף און אַפילו די טעלעפאָנען פון די שטיבער צוגענומען...

בערטאַ האָט אַ קוק געטאָן אױף װישינסקין און געװוּסט, אַז ער װיל זיך דערװיסן װאָס עס איז געשען מיט פּיניען.

ער איז צוריקגעקומען עטלעכע מינוט שפּעטער און אַ זאָג געטאָן מיט געבײזער:

— עך, סאַראַ שטאָט! װעמען מ׳דאַרף, געפינט מען קײנמאָל נישט...

פון דעם ענטפער האָט בערטאַ פאַרשטאַנען, אַז װישינסקי האָט זיך נישט געקאָנט דערװיסן װאָס עס איז געשען מיט פּיניען, און זי איז געװאָרן נאָך אומרואיקער.

װישינסקי איז אַ לענגערע צײט געזעסן שװײגנדיק, װי פאַרטיפט אין מחשבות. מיטאַמאָל האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אױ, אַדעק, אַדעק! — האָט ער זיך אױסגעגליכן אין דער שטול — װערסט אַלט, אַדעק, און נאָכן עסן װילט זיך שױן כאַפּן אַ דרימל. נײן, אַזױ גײט עס נישט. דרימלען װעט זײן צײט, װען די חברות מײנע װעלן מיך שיקן אין קבר אַרײן... מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט. װײסט איר װאָס, מײנע טײערע? מיר װעל זיך אַ כאַפּ אַראָפּ טאָן צו דער „זילבערנער רױז״. זײ האָבן דאָרט אַ נײע טענצערין. כ׳זאָג אײך, עפּעס אַזױנס און אַזױנס!... יאָ, יאָ, מיר גײען גלײך. ער האָט באַמערקט, אַז סאָניע קװענקלט זיך, האָט ער צו איר אַ רוף געטאָן:

— קום נאָר אַהער, סיבירער רױז. יאָ, יאָ, צו אַן אַלטן פעטער מעג אַזאַ מײדעלע צוגײן.

ער האָט אָנגענומען סאָניען בײ בײדע הענט און אױסגערופן:

— אײ, אײ, װו האָב איך פריער געהאַט מײנע אױגן?! עס שטײט דאָך בפירוש אָנגעשריבן און טאַקע אױף בײדע הענטלעך דײנע, סאָניעטשקע טײערע, אַז פּיניע האָט פּלוצלינג געמוזט אַװעקפאָרן און גײט דאָרט נעבעך אױס פון בענקשאַפט. זאָל ער בענקען און דערװײל װעלן מיר זיך אַרײנכאַפּן צו דער „זילבערנער רױז״ און דו, סאָניעטשקע, װעסט טאַנצן כאָטש אײן מאָל מיטן פעטער אַדעק. נו, עס איז אָפּגערעדט, מײנע

טייערע, איך גיב אייך צען מינוט צייט זיך שיין צו מאַכן, מיינע דאַמען.

אין דער „זילבערנער רויז" איז געווען ענג און טומלדיק. פעטערס־בורסקי האָט דיריגירט מיטן אָרקעסטער און אויסגעשפּילט זיינע האַרץ־נאָגנדיקע טאַנגאָס, אָבער ביי די טישלעך האָט מען גערעדט אַזוי הויך, אַז דאָס בלייכע פּנים פון דיריגענט האָט זיך אויסגעקרימט פון ווייטיק. ערשט ווען דאָס שפּילן האָט אויפגעהערט, האָט מען ביי אַלע טישלעך לאַנג געקלאַפּט בראַוואָ.

פעטערסבורסקי האָט זיך גענייגט פיל מאָל און דערביי האָבן זיינע אויגן אויסגעדריקט חוזק צו זיינע פאַרערער.

ווישינסקי האָט זיינע צוויי דאַמען געפירט דורך די טישלעך, וואָס זענען געשטאַנען געדיכט איינס לעבן אַנדערן. דער מעטר ד'האָטעל האָט זיי מיט גרויס דרך ארץ צוגעפירט צו אַ טיש און אויפן וועג פאַרזיכערט, אַז דער פאַן פּרעזעס איז דער אָנגעלייגטסטער גאַסט אין דער „זילבער־נער רויז".

ווישינסקי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און לינקס צו די טישלעך און שטיל אַ זאָג געטאָן צו בערטאַן:

— זעסט ווי דער פאַן פּרעזעס איז דאָ באַקאַנט? נאָר דו האָלסט נישט פון מיר.

פון אַלע זייטן האָט מען געקוקט צו ווישינסקיס טיש.

— מיין נישט — האָט ווישינסקי געזאָגט צו בערטאַן — אַז דאָס מיינען זיי מיך. זיי האָבן דיך, בערטאָ, שוין דערקענט און איצט לויפט שוין די פאַנטאָפּל־פּאָסט פון טיש צו טיש מיט דער נייעס, אַז בערטאָ איז צוריק דאָ. נאָר מיט דיר, סאָניעטשקע, אָבער, קאָן זיך דערווייל די פאַנטאָפּל־פּאָסט קיין עצה נישט געבן. אָבער נישקשה, קאָנסט זיך אויף זיי פאַרלאָזן, זיי וועלן אַלץ אויסגעפינען.

ווישינסקי האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די טישלעך. ער האָט גע־שמייכלט צו פיל באַקאַנטע פּנימער, אָבער דאָ און דאָרט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף פרעמדע געזיכטער.

— עס זעט אויס, אַז כ'דערקען שוין אַליין נישט וואַרשע... — האָט ער ווי צו זיך אַליין אַ מורמל געטאָן — אַ פאַרפלייצונג פון נייע מענטשן.

צו זייער טיש האָט זיך דערנענטערט אַ קאָרפּולענטער הער אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שיטער בלאָנד קמץ־בערדל. זיין פּנים איז געווען

פאַרוואַנדלט אין איין ברייטן שמייכל, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אומצייליקע קנייטשלעך אַרום די בלאָע אויגן און שטערן.

— איר דערקענט מיך נאָך, פּאַני בערטאַ? — האָט ער זיך טיף פאַר איר פאַרנייגט.

— ווי דען, אַלטע פריינט וועל איך פאַרגעסן, פּאַניע וואַרסקי?

— זעץ זיך, סאַלאָמאָן, — האָט ווישינסקי פאַר אים אַרויסגערוקט אַ שטול.

— מיין ווייב האָט היינט אַ וויצאַ־פּאַרזאַמלונג — האָט סאַלאָמאָן וואַרסקי זיך אָװעקגעזעצט — נו, בין איך דערווייל אין גלות.

— אויף דער פריי, האָסטו געוואָלט זאָגן — האָט אים ווישינסקי פאַרריכט.

— נו, וואָס זאָגט איר צו דעם פּלאַטער־קאָפּ, פּאַני בערטאַ — האָט וואַרסקי אָנגעוויזן אויף ווישינסקין — כ׳האָב אים שוין געמאַכט פאַר פּרעזעס אויף דער סענאַטאָרן גאַס און ער איז דער זעלבער ווי געווען, אָבער געגנוג מיט אים. וואָס מאַכט איר עפּעס, פּאַני בערטאַ, און ווי פילט איר זיך אין אונדזער וואַרשעלע?

סאַלאָמאָן וואַרסקי איז געווען דער באַנקיר פון גזשיבאָוו און פון טוואַרדע און פון די נאַלעווקעס און גענשע.

זיין טאַטע, ר׳ וועלוול, איז אַפילו געווען אַ שטיקל ליטוואַק און געשטאַמט פון בריסק. ער האָט טאַקע גערעדט ווי אַ ליטוואַק. פונדעסט־וועגן האָט אים דער גזשיבאָוו גלייך אָנערקענט פאַר אַן אייגענעם.

ער האָט געעפנט די באַנק אין דעם צוויי־גאָרנדיקן הויז פאַרן איי־זערנעם טויער, וואָס זיינע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אויף די באַ־וואַקסענע גרינע קעפּ פון די ביימער אין זאַקסישן גאָרטן.

אין דער באַנק האָט דער באַנקיר וועלוול געטראָגן אַ הויך זיידן קאַפּעל און איז געפאָרן אַפילו אַמאָל צום רבין אין גער. האָט מען גע־זען, אַז ער איז נישט סתם עפּעס אַ ליטוואַק, נאָר טאַקע פון אנשי שלומינו. האָבן אַלע כלות און אַלע חתנים פון דער גאַנצער שטאָט גע־טראָגן די נדנים צו ר׳ וועלוולס באַנק און דער באַנקיר אין קאַפּעל האָט די מחותנים אויפגענומען מיט אַ ברייטן ברוך הבא, האָט זיי געווונטשן מזל טוב. זיין זילבער־ווייסע באָרד האָט אַרויסגערופן גרויס דרך ארץ ביי די חתנים און כלות, וואָס האָבן זיך געדרויטלט ווען ר׳ וועלוול באַנקיר האָט זיי געגעבן זיין ברכה.

זיין זון סאַלאָמאָן האָט שוין נישט געטראָגן קיין קאַפּעל, ער האָט געהאַט קוים אַ קליין קמצל אויף דער שפּיץ גאָמבע און אין שטאָט האָט מען געוווּסט, אַז מיט פרומקייט האַלט עס שמאָל אין זיין שטוב.

ער האָט אַפילו געפּרוּווט צו עפענען זיין באַנק אום שבת נאָך ר׳ וועלוולס טויט. האָבן חסידים פון גזשיבאָוו אים טאַקע שבת נאָכן דאַ־ווענען אַרויפגעבּרענגט אין באַנק אַ זאַק קאַרטאָפל.

— האַ, וואָס איז דאָס? — האָט דער באַנקיר געפרעגט די חסידים

— שבת אַ זאַק קאַרטאָפל צו מיר...

— איר דאַרפט אייך נישט שעמען, פּאַניע סאַלאָמאָן — האָבן די חסידים געענטפערט — מירן געהערט, אַז איר מאַכט נעבעך שלעכטע געשעפטן און מוזט אַזש עפענען די באַנק שבת, נו, האָט מען אין שטיבל צוזאַמענגענומען פאַר אייך אַ זאַק קאַרטאָפל...

סאַלאָמאָן וואַרסקי האָט מער פאַר אַלץ ליב געהאַט אַ גוטן וויץ, האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט, האָט געקלאַפּט די חסידים איבער דער פּלייצע. ער האָט צוגענומען דעם זאַק קאַרטאָפל און געבעטן די חסידים צו באַשטעלן פאַר זיינעטוועגן אין שטיבל צו שלום סעודות אַ פעסל ביר און האָט געהייסן זיינע באַנק־אַנגעשטעלטע גיין אַהיים און פּראַווען שבת, ווי גאָט האָט געבאָטן.

אין די שטיבלעך האָט מען געהאַט הנאה פון דעם איינפאַל מיטן זאַק קאַרטאָפל און פון וואַרסקיס ענטפער. חסידישע חתנים און כלות האָבן ווייטער געטראָגן זייערע נדנים צו וואַרסקין אין דער באַנק און רבנים זענען צו אים געקומען, ווען מען האָט עפּעס באַדאַרפט אויספּועלן ביי מלכות.

— חסידימלעך טראָגן ווייטער צו דיר די נדנס, סאַלאָמאָן? — האָט ווישינסקי געפרעגט.

— זיי טראָגן, אוודאי טראָגן זיי — האָט וואַרסקיס פּנים זיך גע־רינצלט פון לאַכנדיקע קנייטשן — געלויבט צו גאָט, אויף ווייטער נישט ערגער.

ער האָט געקוקט אויף סאָניען און צו זיך געמורמלט:

— סאָניע העכט... — האָט ער אויף זיין גומען ווי אויסגעפּרוּווט דעם נאָמען — כ׳מיין פון וועלכע העכטס?...

— וואָס? כ׳פאַרשטיי נישט... — האָט סאָניע געצויגן מיט די אַקסלען.

— פֿאַרשטייסט, סאָניעטשקע, — האָט ווישינסקי געלאַכט — אונדזער סאַלאָמאָן וואַרסקי, איז דער יידישער באַנקיר. יידן זאָגן, אַז ער אַליין ווייסט נישט וויפֿל ער פֿאַרמאָגט. נאָר ער אַליין האָט זיך אַריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ, אַז ער מוז קענען אַלע יידן און גויים נישט בלויז מיט זייערע נעמען, נאָר ער מוז וויסן ווער זייערע טאַטעס און זיידעס זענען געווען. איצט, סאַלאָמאָן טייערער, האָב איך דיך געכאַפּט. אדרבה, וואָס ווייסטו וועגן די העכטס?

— אַוודאי ווייס איך — האָבן זיך סאַלאָמאָן וואַרסקיס אויגן צעפֿינקלט — יעקב הענעך העכט, פֿון די לעדער, האָט געוווינט אויף פּראַנציסקאַנער און זיין שוועסטערקינד, אברהם בער, האָט געהאַט אַ הויז אויף דער ווספּולנע גאַס, און ווען זיין טאַטע איז געקומען צו אונדז מיט זיין זונס נדן...

— ביסט קאָמפּראָמיטירט, סאַלאָמאָן, קאָמפּראָמיטירט אויף דיין גאַנץ לעבן! — האָט ווישינסקי געלאַכט — דו ווייסט צומאָל נישט. אַז עס זענען געווען העכטס, וואָס האָבן נישט געטראָגן קיין נדנס צו דיר אין באַנק, נאָר זיי האָבן געוואָלט אויפּרייסן דיין באַנק צוזאַמען מיט אַלע בורזשויען...

— וואָס הייסט כ'ווייס נישט! — איז וואַרסקיס פּנים מיטאַמאָל יונגער געוואָרן פֿון אַ ווייטער דערינערונג — אַזוי גאָר! איז זי גאָר פֿון יענע העכטס, פֿון איזאַק העכט, דעם רעוואָלוציאָנער! וואָס הייסט כ'ווייס נישט, ווער האָט אים נישט געקענט... אין די הויפֿן האָט מען דאָך לידלעך געזונגען וועגן „איזאַקן דעם גרויסן העלד". יאָ, יאָ, כ'דערמאָן זיך, ווי היינט וואָלט עס געווען, ווי כ'האָב מיט אים איינגעטענהט. כ'האָב צו אים געזאָגט: איזאַק, לאָז געמאַך, זאָלן די גויים זיך אַליין שלאָגן קאָפּ אין וואַנט. זאָלן זיי אַליין מאַכן די רעוואָלוציע. און שפּעטער וועסטו, איזאַק, קומען צו מיר און כ'וועל דיר גלייך אָוועקגעבן די שליסלען פֿון מיין באַנק. וואָס דאַרפֿסטו די גויים לערנען שכל? ער איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט. ער האָט דווקא געוואָלט די גויים לערנען שכל. אַזוי, אַזוי, זענט איר דאָס איזאַקס...

— טאָכטער! — האָט ווישינסקי צוגעוואָרפֿן — נו, סאַלאָמאָן, כ'זע, אַז מ'קען דיך נישט כאַפּן. און דעם נייעם עולם קענסטו שוין אויך?

— שווערלעך, אַדעק, שווערלעך — האָט סאַלאָמאָן וואַרסקי אָפּגע־

זיפצט — מיטאמאל דאכט זיך מיר, אז כ'בין פארבלאנדזשעט צווישן פרעמדע מענטשן... כ'קוק אויף זיי, אויף די נייע פארשוינען מיט די גרויסע רויטע הענט און אפגעפרעסענע פיסקעס און כ'גלויב נישט צו מיינע אייגענע אויגן. און זייער ריידן, און זייער לאכן! עס דאכט זיך מיר, אז כ'וועל טויב ווערן פון זייער געשריי. נאר וואס קאן מען טאן? מען מוז זיך צוגעוווינען. נאך וואס, מיינסטו, קום איך דא אהער? צו זען די שיינע פיסלעך פון דער נייער טענצערקע, וואס באקומט יעדן פאר יאר א נייעם נאמען צו ווערן יונגער? כ'קום דא אהער אנקוקן די נייע פארשוינען. מען מוז דאך וויסן וווּ מען איז אויף דער וועלט.

סאלאמאן ווארסקי האט ארויסגענומען זיינע ברילן, האט זיי אנגעטאן אויף זיין נאז, זיך ארומגעקוקט איבער די טישלעך און האט זיינע שכנים איינגעלאדן נאכצוטאן זיין ביישפיל.

— אט, זעסט דארט, ביים פענצטער? יא, יא, דער גרויסער טיש. געדענקסט, אדעק, ביי דעם טיש פלעגט שטענדיק זיצן דער כראביע טישקעוויטש מיט זיין חברה...

— און דו, סאלאמאן, פלעגסט ביי די אלע גרעפישע זונדלעך אויפזוכן זייער יידישן יחוס. ביי איינעם האסטו געפונען א יידישע באבע און ביים צווייטן א יידישן זיידע און עס איז אויסגעקומען, אז זיי אלע זענען מאחינו בני ישראל...

— און דער חשבון האט געשטימט — האט סאלאמאן ווארסקי צו זיך א צופרידענער געשמייכלט — דאס ביסל שכל וואס זיי האבן נאך איז זיי געבליבן פון דער יידישער באבע. און איר ווייסט, די גרעסטע שונאי ישראל זענען טאקע די לייט, וועמענס זיידע אדער באבע האט אמאל צוגעזינדיקט. האַ, האַ, ווען איך שרייב נישט קיין ציפערן, נאר געשיכטע, וואלט איך אויפגעמישט דעם יחוס פון אונדזערע פריצים און דעמאלט וואלט געווארן אזא סקאנדאל, אז זייערע יידישע באבעס וואלטן זיך אין קבר געריבן די אויגן — כע־כע־כע!

פון לאכן זענען ווארסקיס אויגן געווארן פול מיט טרערן און ער האט צוגעווארפן:

— זעסטו, וועגן די לייט וואס זיצן איצט ביי דעם טיש קאן איך גאר־‏... זאגן. איך מיין, אז ביי זיי וועט מען נישט געפינען קיין יידישן יחוס. קוק נאר אן זייערע מארדעס. ווילאנג איז ווען זיי זענען געווען

קיילער־יונגען און חזירים־טרייבער, איצט קומען זיי צו דער „זילבערנער רויז" מיט פולע טייסטערס און זעצן זיך ברייט אַוועק ביי כראַביע טיש־קעוויטשס טיש... זעסט, דאָס איז אַלץ יעקעס אַרבעט...

סאַלאָמאָן וואַרסקי האָט געוואָנדן זיין בליק צו די אַנדערע טישלעך און ער האָט אָפּגעזיפצט:

— יאָ, יאָ, ביי יעדן טישל אחינו בני ישראל... שטאָטס צו מאַכן קידוש, קומען זיי גאָר באַוווּנדערן די פיסלעך פון די טענצערינס...

— זע, זע נאָר זע, דעם צדיק! — האָט ווישינסקי זיך פונאַנדער־געלאַכט — און דו אַליין וואָס טוסטו!...

— מיינסטו, אַז עס איז מיר גוט? — איז סאַלאָמאָן וואַרסקי גע־וואָרן ערנסט — אַז כ׳דערמאָן זיך וווּהין מיין זון, דער קדיש מיינער וועט פאַרפאָרן, ווערט מיר קאַלט אין די ביינער. און דאָס ערגסטע איז, אַז כ׳ווייס אים נישט וואָס צו ענטפערן, ווער ער וועט מיך פרעגן: פאַרוואָס?

— דער ענטפער איז: זיי אַ שטאָלצער ייִד!

אַלע ביים טישל האָבן אויפגעהייבן די אויגן פול מיט איבעררא־שונג. די לעצטע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ קלאָרער מעטאַלענער שטים.

פאַר דעם טישל איז געשטאַנען אַ יונגער מענטש אין אַ טונקל ברוי־נעם אָנצוג. ער איז געווען הויך און ברייטבייניק. אויף זיין העל פנים איז געווען אַן אויסדרוק פון זעלבסטזיכערקייט און ווירדע, וואָס זענען גע־וואָרן געמילדערט דורך זיינע העל־בלאָע אויגן און גאָלד־בראָנדזענע האָר, וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן.

— פעליקס זאַקס! — האָט סאַלאָמאָן וואַרסקי צו אים אויסגע־שטרעקט זיין האַנט — איר האָט מיך איבערגעשראָקן, פעליקס. נו, נו, זייט באַקאַנט, דו, אַדעק, קענסט דאָך אונדזער פעליקסן, יאָ, יאָ, אונדזער נייער גרויסער שטערן, דער פאָלקס־טריבון, אַלע מיידלעך פון גזשיבאָוו און נאַלעווקעס זענען אין אים שטערבלעך פאַרליבט — האָט וואַרסקי אים פאַרגעשטעלט פאַר בערטאַן און סאַניען.

— ביטע, זעצט אייך, פעליקס — האָט אים ווישינסקי איינגעלאַדן.

— אַנטשולדיקט — האָט פעליקס זאַקס אין אַ שמייכל געוויזן זיינע ווייסע געזונטע ציין — כ׳בין עטלעכע מינוט געשטאַנען לעבן אייך און איר זענט געווען אַזוי פאַרטאָן אין געשפּרעך: איך האָב זיך צופעליק

געפונען אין דער ראָל פון אַן א ו מ ג ע ב ע ט ע נ ע ם צוהערער...

— און איר האָט אונדז גלייך געגעבן דעם ענטפער — האָט אין וואַרסקיס שטים אָפּגעקלונגען באַהאַלטענע איראָניע.

— עס איז דער איינציק מעגלעכער ענטפער פון יעדן מאָדערנעם ייד — האָט פעליקס זאַקס געריעדט, מיט זעלבסטפאַרשטענדלעכער זי־כערקייט — מיט פייערדיקע צוואַנגען אויסברענען די לעצטע רעשטלעך פון די מה־יפית־יידעלעך, וואָס האָבן נאָר געוווּסט זיך צו בוקן און קושן די רוט פון פּריץ. איך גלויב, אַז די יוגנט אונדזערע פילט דאָס, ריכטיק?

— האָט ער געוואַנדן זיינע העל־בלאָע אויגן צו סאָניען.

פעליקס זאַקס האָט נישט באַדאַרפט סאָניעס ענטפער. ער האָט גע־וווּסט און קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער, פעליקס זאַקס, גיט דעם ענט־פער פאַר דער יוגנט, וואָס האָט אים דערקלערט פאַר איר פירער. ער איז געווען דער אַנפאַן טעריבל. נישט אָן קנאה האָבן אים די עלטערע עסקנים גערופן „אַנפאַן טעריבל", דאָס ליבלינגס־קינד פון וואַרשע. ער איז גע־קומען — דאָס האָבן אַלע געוווּסט — צו די יידן פון די גויישע גאַסן. מען האָט אויך געוווּסט, אַז דאָרט, ביי די גויים, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם און אַלע טירן זענען פאַר אים געשטאַנען אָפן. ער איז אָבער געקומען צו די יידן און זיינע רייד זענען געווען אַזעלכע שטאָלצע און מוטיקע, זיינע אויגן און זיין פּנים האָבן אַזוי געפלאַמט, אַז די יידישע יונגעלייט האָבן אים געטראָגן אויף די הענט און יידישע מיידלעך האָבן מיט פאַרחלומטע אויגן געריעדט וועגן דעם מאָדערנעם נביא.

יעדן שבת צו נאַכטס זענען טויזנטער יונגעלייט און מיידלעך גע־קומען אויף דער קרולעווסקע גאַס הערן דעם מאָדערנעם יידישן נביא מיט די פאַליענדיקע גאָלד־בראָנדזענע האָר, מיט די אויגן פון תכלתדיקן הימל־קאַליר און וואָס זיין שטים ווערט אַמאָל פאַרוואַנדלט אין דונערן און בליצן און אַמאָל אין ווייכן גלעטנדיקן סאַמעט.

פעליקס זאַקס האָט געוווּסט, אַז ער ווערט באַוווּנדערט און ער האָט ליב געהאַט באַוווּנדערט צו ווערן. סאָניעס פּנים איז אים פאַרגעקר־מען פרעמד. עס האָט זיך אים אַזוי געדאַכט, אַז פאַר איר איז ער, פע־ליקס, אויך אומבאַקאַנט, וואָס האָט אים שוין אַביסל געאַרט. האָט ער נאָכאַמאָל אויפגעהייבן זיינע העל־בלאָע אויגן אויף סאָניען און שוין די־רעקט געפרעגט:

— ווי איז אייער מיינונג? דאַרפן מיר זיך נישט פילן ווי שטאָלצע יידן?

— עס איז מיר שווער צו זאָגן. איך ביז דאָ צו קורץ, אַז כ׳זאָל זיך קאָנען אָריענטירן — האָט סאָניעס שטים זיך געוואַקלט — נאָר כ׳ווייס נישט, צי דאַרף מען זיין שטאָלץ מיט דעם וואָס מען איז?

— און מיט וואָס זאָל איך שטאָלץ זיין? — האָט סאָלאָמאָן וואַרסקי אָנגעשטעלט זיינע ברילן אויף זאַקסן — איך האָב אייך ליב צו הערן, פריינט זאַקס, איר רעדט אַזוי שיין וועגן דער יידישער קולטור און יידישער מאַרטיראָלאָגיע און דער ביבל און דעם תלמוד. כ׳פאַרשטיי די באַגייסטערונג פון דער יוגנט, ווייל, אַן אַלטער ייד, ווערט אויך מיטגעריסן פון אייערע פייערדיקע רייד. איך בין טאַקע שטאָלץ וואָס כ׳בין אַ ייד. נאָר ווען כ׳קום אַהיים און לייג זיך צו אויף דער סאָפע כאַפּן דעם אָטעם נאָך דער גרויסער באַגייסטערונג, פרעג איך זיך אַליין: נו, שלמהלע, — אַזוי האָט מיך די מאַמע גערופן אינדערהיים — משה רבינו איז טאַקע געווען משה רבינו און דער חומש און די נביאים און דער תלמוד, אָבער וואָס איז די גדולה אויף דיין קאָפּ, שלמהלע? וואָס האָסטו צו דעם אַלעם צושטייער געגעבן? וואָס? און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיינע טייערע? איר ווייסט דאָך, איך בין אַ באַנקיר און כ׳מוז שטענדיק חשבונען און דעמאָלט ווערט מיר עפּעס פריקרע אויפן האַרצן, איך ווייס נישט מיט וואָס איך האָב צו זיין שטאָלץ. פאַרקערט, איך ווייס, אַז איך דאַרף זיך שעמען...

— איר האָט גרויסע מעגלעכקייטן, פריינד וואַרסקי — האָט זאַקס גערעדט מיט זיין זיכערער שטים — זיך נישט צו דאַרפן שעמען, איר קאָנט העלפן אויפבויען די נייע יידישע קולטור, איר קאָנט...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס — האָט וואַרסקי אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איר האָט דאָס זעלבע מיר געזאָגט פאַר צוויי וואָכן, ווען איר זענט געקומען צו מיר וועגן דעם סטודענטן־הויז. יעדעס מאָל, ווען איך שרייב אויס אַ טשעק, הער איך דאָס זעלבע. איז, מילא, איך בין נאָך געגאַנגען אין חדר אַריין, געדענק נאָך דעם גמרא־ניגון, האָב נאָך אויסגעשפּיגן דריי מאָל פאַר אַ טומאה, איז, מילא, זאָל זיין יידישע קולטור. אָבער אייך, די יונגע, פאַרשטיי איך נישט. נאָך וואָס טויג אייך דער גאַנצער עסק? נאָך וואָס?

— אָבער, הער וואַרסקי...

— דערלויבט אײַן פּראַגע, טייערער פעליקס, זענט איר שוין אַמאָל געווען אין אַ שול? כ׳מיין, אין אַן אמתדיקער פרומער שול און געזען ייִדן, כ׳מיין טאַקע פּשוטע, אמתדיקע ייִדן, דאַווענען?

— כ׳בין אַמאָל געווען אין אַ קליין שטעטל, בין איך פון טשיקאַ־וועס וועגן אַרײַנגעגאַנגען.

— און איר האָט געזען ווי אַרום די ווענט שטייען גרויסע ספרים־שענק אָנגעפּאַקטע מיט אַלטע ספרים, מיט צעריסענע רוקנס? נו, קענט איר מיר זאָגן, צי די ייִדן וואָלטן אַזוי געדאַווענט, ווען אין די פּאַליצעס שטייען די נײַע ביכער מיט די שיינע גלאַנציקע רוקנס, כ׳מיין די ספרים פון דער מאָדערנער קולטור?... און צי מיינט איר, אַז פאַר אָט די נײַע ביכער וועלן ייִדן גרייט זײַן צו גיין אין פײַער, ווי אונדזערע זיידעס זענען געגאַנגען?

— די צײַטן פון גיין אין פײַער זענען ענדלעך פאַרשוווּנדן — האָט זיך אָפּגערופן פעליקס זאַקס מיט אַ שמייכל — איר דענקט נאָך אַלץ מיט קרבנות־באַגריפן און איר פאַרגעסט, אַז אין יאָרהונדערט פון דער דעמאָקראַטיע...

פעליקס זאַקס האָט, מיט אַן ענערגישן זשעסט, אָוועקגעשאַרט די גאָלד־בראָנדזענע לאָקן, וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, ווי ער איז געוווינט געווען צו טאָן שטייענדיק אויף דער טריבונע. ער האָט געפילט אויף זיך די שטוינענדיקע אויגן פון דעם שיינעם יונגן מיידל און פון דער עלטערער בערטאַ, וועלכע האָט נאָך אַזוי פיל ווײַבלעכן רייץ. ער האָט געוווּסט, אַז זײַן שטים ציט צו זיך די פרויען־הערצער און ווענ־דנדיק זיך צו בערטאַן און סאָניען, ווי ער וואָלט זיי גענומען פאַר זײַנע שותּפים, האָט ער געזאָגט:

— די צרה מיטן עלטערן דור אונדזערע איז, וואָס זיי קאָנען זיך נישט שיידן מיט דער פאַרגאַנגענהייט. זיי אָטעמען מיט דער געשיכטע פון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע, פון רדיפות און לײַדן און שטאָלצירן מיט די צרות...

— און איר מיינט, הער זאַקס... — האָבן די גרינגלעכע אויגן פון בערטאַן קרומלעך אַ קוק געטאָן אויף דעם מענלעך שיינעם פּנים פון דעם מאָדערנעם נביא — אַז מיר דאַרפן זיך שעמען...

— איך שעם זיך נישט מיט קיין שום זאַך, וואָס איז יידיש. ניין, איך שעם זיך נישט — האָט זאַקס געריידט מיט פּאַטאָס, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ רעדנער־טריבונע — אָבער איך מאַך אויך נישט קיין טוגנט פון די ליידן. איך פאַרשטיי, ווען מיין זיידע האָט די באַליידיקונ־גען פון פריץ אויסגעטייטשט ווי אַן אָפּקומעניש אויף דער וועלט, ווי אַ קרבן, וואָס ער ברענגט פאַר זיין גלויבן. ער האָט געמוזט אַזוי טאָן. אַנ־דערש וואָלט ער פאַרלוירן דעם ווילן צו לעבן. ער וואָלט זיך אַליין גע־מוזט פאַראַכטן און פיינט באַקומען. מיר אָבער דאַרפן עס מער נישט. נישטאָ מער די בייטש פון פריץ אויף אונדזער רוקן. מיר זענען פרייע מענטשן צוגלייך מיט אַנדערע, און מיר דאַרפן מער נישט מאַכן ליידן און קרבנות פאַר אַ נאַציאָנאַלער מצווה. איך זאָג, מיין פריינט, אַז זיי דאַרפן זיך לערנען לעבן אַ פריידיק לעבן, הנאה צו האָבן פון דער פריי־הייט, פון דער שיינקייט פון דער נאַטור, פון דער ברכה צו זיין יונג. מען דאַרף פילן אַז לעבן אַ יידיש לעבן איז נישט קיין קרבן, נאָר אַ גע־נוס. יאָ, אַ געניס, מיינע פריינט.

פעליקס זאַקס האָט געקוקט אויף סאָניען מיט אַ טריאומפירנדיקן בליק פון אַ זיגער, וועלכער פילט, אַז ער קאָן באַזייטיקן אַלע שטערונ־גען פון זיין וועג.

— איר רעדט זייער שיין, פריינד זאַקס — האָט סאָלאָמאָן וואַרסקי, ווי צו זיך אַליין אַ מורמל געטאָן — און איך וואָלט אייך געוואָלט גלויבן, ווי עס גלויבן אייך אייערע שיינע פאַרערערינס — וואַרסקי איז אַנט־שוויגן געוואָרן און אַ קוק געטאָן אויף סאָניען, וואָס האָט נישט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן פון דעם שיינעם פעליקס.

— אָ, דו ביסט אַ כישוף־מאַכער! — האָט ווישינסקי אַ קלאַפּ גע־טאָן זאַקסן אויף דער קני — זעסט אַפילו די טרוקענע באַנקירן אונדזערע באַצויבערסטו...

— יאָ, איר רעדט זייער שיין, פריינט זאַקס — האָט וואַרסקי גע־קוקט אויף זיינע הענט, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן טישל — נאָר וואָס וועט איר זיי געבן? — דאָס זע איך נישט...

— איר ווילט נישט זען, הער וואַרסקי — האָט אַ טאָן פון אומגע־דולד אָפּגעקלונגען אין זאַקס שטים — אייער בליק, ווי כ'האָב געזאָגט, קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון דער פאַרגאַנגענהייט און איר ווילט נישט זען

דעם נייעם, דעם פרייען ייד, וואָס בויט אַ ניי לעבן, וואָס שאַפט, וואָס לעבט צוזאַמען מיט אַלע מענטשן אַ פריי שעפעריש לעבן...

— דאָס האָב איך געהערט, פריינד זאַקס, — האָבן שטיפעריישע פייערלעך זיך אָנגעצונדן אין דעם באַנקירס קאַלטע אויגן — אָבער וואָס וועט איר טאָן, ווען די פרייהייט און די פרייד וועלן ווי זייפנבלאָזן פאַרשווינדן און עס וועט זיך צוריק באַווייזן דער בייזער פריץ מיט דער בייטש אין האַנט? האַ? וואָס וועט איר דעמאָלט טאָן?

— אָבער דאָס איז אוממעגלעך! עס איז אומזין! — זאַקס האָט שוין נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין אומגעדולד — די געשפּענסטער פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַרפאָלגן אייך, הער וואַרסקי, און זייט רואיק. די געשפּענסטער וועלן קיינמאָל נישט צוריקקומען. נישט אומזיסט זענען געוואָרן די קרבנות פון דער מענטשהייט, די ימען בלוט...

וואַרסקיס פנים האָט זיך צערינצלט אין אומצייליקע לאַכנדיקע קנייטשן:

— איר האָט זיך פאַרט דעררעדט צו קרבנות און ימען בלוט — האָט ער געזאָגט — פונדעסטוועגן בין איך גאַרנישט אַזוי זיכער אין דער ווירקונג פון די ימען בלוט און עס וווּנדערט מיך וואָס איר האָט אַפילו נישט אַ טראַכט געטאָן, אַז די צייט פון דער פרייהייט קאָן פלוצלינג פאַרשווינדן. וואָס וועט איר דעמאָלט טאָן?

— דעמאָלט וועל איך קעמפן — האָט זאַקס ענערגיש אַ זעץ געטאָן אין טיש — איך וועל מיט אַלע מיינע כוחות פאַרטיידיקן די פרייהייט מיינע און די פרייד מיינע און די רעכט...

— מיינע הערשאַפטן, פון די אַנדערע טישלעך קוקט מען שוין אויף אונדז — האָט ווישינסקי זיך אַריינגעמישט — און עס איז גלאַט אַן עבירה נישט אַ קוק צו טאָן אויף די טענצערינס...

אַלעמענס בליקן האָבן זיך געוואָנדן צו דער קליינער סצענע, אויף וועלכער צוויי טענצערינס האָבן יעדעס מאָל געוויזן אַן אַנדערן טייל פון זייערע אַנטבלויזטע לייבער.

סאָניע האָט געקוקט אויף דער סצענע, אָבער זי האָט זיך נאָך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם צויבער פון דער שטים פון דעם שיינעם פעליקס זאַקס. די שטים האָט זי באַהערשט און גלייכצייטיק האָט זי ווי געפילט אַ פיזישע הנאה, ווען זי האָט באַמערקט ווי דעם באַנקירס רייד

האָבן צעטומלט דעם אַזוי זעלבסטזיכערן זאַקס.

די טענצערינס זענען פאַרשווונדן פון דער סצענע. אין זאַל איז גע־וואָרן ליכטיק.

— זעסט, בערטאַ — האָט ווישינסקי אַ זאָג געטאָן — יאַנקל, כ׳מיין יאַקוב האַרט, איז אויך דאָ!

— יאַקוב האַרט? — האָט זאַקס איבערגעפרעגט.

— איר קענט אים נאָך נישט? — האָט וואַרסקי אַ שמייכל געטאָן

— ער איז אויך פון די נייע מענטשן... — האָט וואַרסקי מיט אַ באַזונ־דערער באַטאָנונג אונטערגעשטראָכן דעם אויך.

ווישינסקי האָט פון זיין טיש געגעבן ענערגישע צייכנס יאַנקלען זיך צו דערנענטערן און גלייכצייטיק געזאָגט צו זאַקסן:

— איר מעגט אייך מיט אים באַקענען, מיט יאַנקלען, כ׳מיין מיט יאַקוב האַרטן, ער איז משוגע רייך און ער האַלט נאָך, אַז מען טוט אים אַ פערזענלעכע טובה, ווען מען ליידיקט אויס אַביסל זיינע קעשענעס...

— הם... — האָט פעליקס זאַקס אַ טראַכט געטאָן וועגן דער נייער צייטונג, וואָס ער וויל גרינדן און פאַר וועלכער ער האָט נאָך נישט קיין געלט און געקוקט אין דער ריכטונג, אין וועלכער ווישינסקי האָט געגעבן צייכנס — ער זעט אויס...

— ער האָט נישט פאַרענדיקט. יאַנקל איז געשטאַנען ביי דעם טישל, ער האָט זיך באַגריסט מיט בערטאַן און מיט סאָניע, האָט נישט דרייסט דערלאַנגט די האַנט דעם באַנקיר וואַרסקי און געזאָגט:

— כ׳האָב אייך באַמערקט פריער, נאָר כ׳האָב נישט געוואָלט אייך שטערן...

— ביטע — האָט בערטאַ אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן זיך — כ׳האָב אייך שוין אַ צייט נישט געזען.

— כ׳בין די לעצטע צייט געווען זייער באַשעפטיקט — האָט יאַנקל געזאָגט — מ׳קאָן נישט דעם אָטעם כאַפּן.

— מילא, דו, האַרט, שיטסט כמעט מיט געלט — האָט ווישינסקי זיך אָפּגערופן — אָבער וואָס ווילסטו פון פיניען, וואָס?

— פון פיניען? — האָט יאַנקל איבערגעפרעגט — כ׳טענה דאָך צו אים, אַז ער זאָל נישט אַזוי פיל אַרבעטן...

— און איצט, אַרבעט ער נאָך אַלץ, פיניע? — האָט ווישינסקי גע־פרעגט.

— אָ, ניין, — האָט יאַנקל צו זיך אַ שמייכל געטאָן.

— עס איז עפּעס געשען מיט פיניען? — איז בערטאַ געוואָרן אומ־רואיק.

— עס איז גאָרנישט געשען — האָט יאַנקל זי באַרואיקט — אָט, גלאַט...

— וואָס, גלאַט? דו דרייַ מיר נישט מיט דער צונג! — האָט ווי־שינסקי געפרעגט — עס איז יאָ עפּעס יאָ געשען?

— וואָס פאַלט אייך איין, פאַניע ווישינסקי — האָט יאַנקל גע־שטאַמלט — בנאמנות, גאָרנישט געשען. אָט, גענומען אַ צו שטאַרקן טרונק, נו, איר פאַרשטייט...

ווישינסקי האָט מער נישט געפרעגט. פון יאַנקלס צעטומלטן בליק האָט ער פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען מיט פיניען.

ער האָט אָנגעהייבן ריידן וועגן די הייַנטיקע עסקים און נאָר פון דער זייט געוואָרפן אַ בליק אויף סאָניען.

זי איז געזעסן אַ רואיקע און גלייכגילטיקע אויף דער שטול, ווי דאָס גאַנצע געשפּרעך וועגן פיניען וואָלט איר נישט אָנגעגאַנגען.

סאָניע האָט אַפילו געשמייכלט צו זאַקסן, וועלכער האָט געוואָלט וויסן וועגן דעם לעבן אין סיביר און האָט צו אים גערעדט מיט איר טי־פער מעלאַדישער שטים.

— געוויס, עס איז זייער קאַלט, הער זאַקס. ווינטער גייט מען פיל מאָל נישט אַרויס פון שטוב. יאָ, יאָ, איר האָט רעכט, מען געוויינט זיך צו...

זי איז געווען צופרידן, ווען בערטאַ האָט זיך אַרייַנגעמישט אין גע־שפּרעך און דערציילט וועגן די ערשטע טעג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אויף פאַרשיקונג אין סיביר.

— אַזאַ נאַר ווי איך בין! — האָט סאָניע זיך מיט די ציין איינ־געביסן אין איר ליפּ, ווי וועלנדיק דערפילן פיזישן ווייטיק — ער האָט גענומען אַ צו שטאַרקן טרונק און איך, נאַר, האָב זיך געפרייט און גע־וואַרט... ווי רופט אים מאַניע: דיין ראַמעאָ, נו, האָט ער, ראַמעאָ, גענו־מען אַ צו שטאַרקן טרונק...

סאָניע האָט נישט אַראָפּגעלאָזט איר בליק פון יאַנקלס פּנים. זי האָט געזען ווי ער האָט זיך פאַרלוירן און געשטאַמלט. זי האָט געפילט, אַז

אויסער דעם שטאַרקן טרונק איז געווען נאָך עפּעס, וועגן וואָס יאַנקל האָט נישט געוואָלט ריידן.

זי האָט אָבער געזען די צווייד״טיקע בליקן, מיט וועלכע די מ...ער ביים טיש האָבן זיך דורכגעוואָרפן. די דאָזיקע בליקן זענען איר, ס...ניען, נישט פרעמד. אויפן אוניווערזיטעט האָט זי נישט איינמאָל פעסטגע־שטעלט ווי די סטודענטן ווערן פלוצלינג אַנטשוויגן, ווען אַ מיידל דער־נענטערט זיך טיילמאָל צו זיי אין מיטן אַ לעבהאַפטן שמועס. זיי ווערן אַנטשוויגן, ווי מ׳וואָלט זיי געכאַפּט ביי עפּעס אַ מיאוסקייט, און זיי וואַרפן זיך בלויז דורך מיט פילזאַגנדיקע בליקן.

אַזאַ איינדרוק האָט זי געהאַט אויך איצטער, ווען ווישינסקי האָט פלוצלינג אָנגעהייבן ריידן וועגן געשעפטן.

— אַ צו שטאַרקן טרונק — האָט סאָניע אין זיך געהאַלטן אין איין איבערחזרן — אַזאַ שטאַרקער טרונק, אַז ער האָט פאַרגעסן אינגאַנצן אָן מיר. און אפשר האָט ער נישט פאַרגעסן, נאָר זיך אויסגעלאַכט פון מיר, פון מיין וואַרטן, פון מיין שטיין פאַרן שפּיגל און פון מיינע נאַרישע טראַכטעניש. יאָ, געוויס, ער האָט באַשטימט געלאַכט.

סאָניע האָט דערפילט אַ פיזישן ווייטיק. ער, ווישינסקי, האָט אויך געזען ווי זי האָט געקוקט יעדעס מאָל צו דער טיר אָן אומרואיקע און איצט לאַכט ער אויך אין זיך פון איר.

און בערטאַ אויך, זי, בערטאַ, האָט עס געזען. סאָניע האָט זיך צום ערשטן מאָל דערפילט ווי אַ באַליידיקטע פרוי.

סאָניע האָט דאָס ערשטע מאָל איבערגעלעבט דאָס געפיל פון אַ באַ־ליידיקטער פרוי. אַ פרוי, וואָס לעבט מיטן געפיל, אַז זי ווערט באַגערט, אַז אַ מאַנס האַרץ איז פול מיט דערוואַרטונג פאַר איר און זיין בליק זוכט איר שמייכל, אַז איר האַנט טראָגט גליק פאַר דעם מאַן.

סאָניע האָט נישט געוווּסט, צי זי האָט ליב פיניען. זי האָט אָבער געפילט, ווי עפּעס אין איר ווען צעעפנט זיך פון דעם באַגער, וואָס האָט זיך געריסן צו איר פון פיניעס הייסע אויגן. זי האָט זיך דערפילט דערהויבן אין אירע אייגענע אויגן, וואָס אירער אַ שמייכל מאַכט קלאַפּן האַסטיקער פיניעס האַרץ. זי האָט געזען ווי זיין בליק האָט אַרויסגערופן עפּעס אַ מאָדנע וואַרעמקייט אין איר ווען. טיילמאָל האָט זי געטראַכט ווי גוט עס וואָלט געווען צו נעמען פיניעס קאָפּ אין אירע הענט און צו אים זאָגן:

— שרעק זיך נישט, נאַריש ייִנגל, אַט האָסטו מײַנע ליפּן...

זי ווייסט נישט צי זי וואָלט עס אים היינט געזאָגט. יאָ, מעגלעך, אַז זי וואָלט עס אים נישט באַדאַרפט זאָגן מיט איר קול, אַז אירע אויגן וואָלטן אים אַלץ געזאָגט.

סאָניע דערפילט אַ טיפן ווייטיק, ווען זי דערמאָנט זיך אָן דעם. עס איז אַזוי שווער זיך צו פילן אָפּגענאַרט, אויסגעלאַכט, אָפּגעשטויסן.

— ער האָט גענומען אַ צו שטאַרקן טרונק — האַלט סאָניע אין איין איבערחזרן אין זיך. עס האָט דאָרט געמוזט זײַן אַ פריילעכע חברה און ער האָט זיך מסתמא נאָך געריכמט, אַז זי, סאָניע, וואַרט אויף אים, שטייט פאַרן שפּיגל און מאַכט זיך שיין פאַר זײַנעטוועגן און ער, יאָ, וואָס טוט ער? ער קושט אַ צווייטע און רימט זיך פאַר איר, און ביידע לאַכן אָפּ פון דעם נאַרישן סיבירער מיידל, וואָס שטייט נאָך אַלץ פאַרן שפּיגל און טראַכט וועגן פּיניען...

סאָניע זעט, ווי אַדעק ווישינסקי דרייט אַוועק דעם קאָפּ אויסצומיידן איר בליק. יאָ, אויך ווישינסקי ווייסט וואָס עס איז מיט איר היינט געשען. ער ווייסט אַז פּיניע האָט זי אָפּגעשטויסן, האָט זיך פון איר אויסגעלאַכט.

זי דערפילט ווי אירע באַקן פלאַמען פון ברענענדיקער בושה. ער, ווישינסקי, דערשטיקט אין זיך איצט זײַן געלעכטער, דערמאָנענדיק זיך ווי זי האָט נאַריש געשוויגן, ווען ער האָט פון איר האַנט אַרויסגעלייענט זײַנע נביאות, אַז פּיניע אײַלט צו איר אַ פאַרליבטער און בענקענדיקער.

בערטאַ רעדט עפּעס שטיל מיט יאַנקלען. סאָניע שפּיצט אָן די אויערן. ריידן זיי נישט וועגן איר? סאָניעס אויגן בליצן אויף מיט אַ נישט גוט פייערל. זי, בערטאַ, ווייסט אויך פון סאָניעס חרפּה. און דאָס מאַכט די חרפּה נאָך ברענענדיקער, נאָך שניידיקער.

יעדע פרוי פילט אינסטינקטיוו אין דער צווייטער פרוי אַ ריוואַלין, מעג זי, די צווייטע פרוי, זײַן דער נאָנטסטער און איבערגעגעבנסטער מענטש.

סאָניע ווייסט וואָס עס איז געשען מיט בערטאַן. זי, בערטאַ, האָט עס איר קיינמאָל נישט דערציילט, אָבער דער פרויען־אינסטינקט האָט איר אַלץ אונטערגעזאָגט. זי האָט איין מאָל געזען דניאל עפּשטיינען מיט די צוויי קינדער, סאָמעק און רעגינקע, ביי בערטאַן אין צימער און זי

האָט געפילט די צוױיטע פרוי, װאָס שטייט צװישן זיי, װאָס טרי־אומפירט איבער בערטאַן. בערטאַ האָט קיינמאָל װעגן דעם מיט סאָניען נישט גערעדט, אָבער איר בליק האָט נישט איין מאָל אויסגעשריען דעם פיין פון דער באַליידיקטער און אָפּגעשטויסענער פרוי. איצט פרייט זי זיך, בערטאַ, טראַכט סאָניע, מיט מיין חרפּה. יאָ, געװיס פרייט זי זיך. זי נעמט נקמה אָן מיר פאַר יענער פרוי, װאָס האָט ביי בערטאַן צוגענו־מען עפּשטיינען און די קינדער.

סאָניע דערמאָנט זיך בערטאַס געלעכטער פאַרנאַכט, װען זי האָט געזאָגט, אַז זי, סאָניע, װעט פיניען היינט פאַרדרייען דעם קאָפּ.

— זי איז געװען אייפערזיכטיק — טראַכט סאָניע — זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן װאָס אַ צװייטע פרוי װערט באַגערט. נו, איצט איז זי צופרידן. איצט װייסט זי, אַז אויך איך בין אַן אָפּגעשטויסענע און אויסגעלאַכטע.

סאָניע פילט װי טרערן פולן אָן אירע אויגן.

— נאָר נישט דאָס — מאַכט זי איבער זיך אַן אָנשטרענגונג — נאָר נישט דאָס...

סאָניע קערט אום דעם קאָפּ צו דער סצענע. זי קוקט אויף די טאַנצנ־דיקע פּאָרלעך, װאָס דרייען זיך אַהין און צוריק אויף דער שמאָלער סצע־נע, צוזאַמענגעגאָסענע איינע צו די אַנדערע.

— מעג איך אייך בעטן, פריילין סאָניע — שטייט פאַר איר עטװאָס איבערגעבייגן דער הויכער שלאַנקער פעליקס זאַקס.

— מיט פאַרגעניגן — שטעלט זיך סאָניע אויף.

זי איז אים דאַנקבאַר, װאָס ער נעמט זי אַװעק פון דעם טיש. זי דאַרף זיך מער נישט טרעפן מיט װישינסקיס און בערטאַס רחמנות־בליקן און קיינער װעט נישט זען די טרערן װאָס שטייען אין אירע אויגן.

אויף דער סצענע איז ענג פון די דרייענדיקע זיך פּאָרלעך. סאָניען דאַכט זיך, אַז אָט־אָט און זי װעט אַרויספאַלן אויף עמיצן. אָבער זאַקס אָרעם פירט זי געשיקט און זיכער. ער האַלט זי פעסט צוגעדריקט צו זיך און סאָניע גיט זיך נאָכגיביק אונטער זיין שטאַרקער אומאַרמונג.

— זיי זענען װוילע מענטשן — פעליקס זאַקס רופט נישט אָן קיין נעמען, אָבער סאָניע װייסט, אַז דאָס מיינט ער די אַלע, װאָס זענען גע־בליבן זיצן ביים טיש — אָבער זיי קאָנען נישט פאַרשטיין, אַז די יוגנט

נעמט אַנדערש אויף דאָס לעבן ווי זיי. און זיי פּלאָנטערן זיך צווישן די פּיס מיט זייערע זכרונות, פון וועלכע זיי קאָנען זיך נישט שיידן.

זיינע אויגן זענען געווען פול מיט יוגנט־חוצפּה, און זיינע ווייסע ציין האָבן געשמייכלט, ווען ער האָט צוגעוואָרפן:

זיי מוזן אָפּטרעטן דעם וועג, צי זיי וועלן וועלן אָדער נישט...

— איר זענט גרויזאַם, הער זאַקס... און אומדאַנקבאַר...

— גרויזאַם איז דאָס לעבן — האָט זאַקס איר געפּליסטערט אין אויער — אָבער דאַנקבאַר בין איך זיי היינט גראָד שטאַרק.

— גראָד היינט? — האָט סאָניע געפילט ווי זיין אומאַרמונג ווערט נאָך שטאַרקער.

— יאָ, כ'בין זיי היינט זייער דאַנקבאַר — האָט סאָניע דערפילט זיין הייסן אָטעם איבער איר פּנים — ווייל אַדאַנק זיי האָב איך היינט אייך, סאָניע, געטראָפן.

— ווען נישט זיי וואָלט איך היינט געזעסן ביי אַן אַנדער טישל — האָט סאָניע געפילט אַ פריידיקן ציטער — און איר וואָלט געטאַנצט מיט אַן אַנדערער...

— יאָ, דאָס איז מעגלעך... אָבער...

— און איר וואָלט אַן אַנדערער געזאָגט, אַז איר זענט דאַנקבאַר...

— סאָניעס אויגן האָבן באַקומען אַ טראַציקן גלאַנץ, דערמאָנענדיק זיך אַן פּיניען.

— איך ווייס נישט וואָס איך וואָלט אַן אַנדערער געזאָגט — האָט זאַקס צוגעבייגן צו איר אין טאַנץ זיין קאָפּ — אָבער איך ווייס, אַז כ'בין דאַנקבאַר דעם צופאַל, וואָס איך קאָן מיט אייך דאָ זיין, סאָניע.

די מוזיק האָט אויפגעהערט צו שפּילן.

— איר ווילט אפשר אַרויסגיין אויף אַ ווייל אין גערטנדל? — זאַקס האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און זי צוגעפירט צו דער טיר.

ער האָט זי געפירט אונטערן אָרעם איבער דער שמאָלער סטעזשקע אין גערטנדל, מיט די שיטערע ביימלעך און איר דערציילט וועגן זיין אַרבעט.

— איך האָב ליב די דאָזיקע אַרבעט — האָט ער גערעדט מיט זיין קלאָרער מעטאַלענער שטים — איך האָב ליב צו זען אַרום זיך יונגע מענטשן, וואָס זענען פול מיט פרייד, וואָס רייסן זיך צו פרייהייט, צו

שאַפֿן, צו בויען נײַע װעגן, װאָס האָבן די דרײַסטקייט צו גלויבן אין די אייגענע כּוחות. קומט מאָרגן אַריבער צו אונדז אויף קרולעװסקע גאַס, איך בין זיכער, אַז איר װעט ליב באַקומען די אַרבעט און איר װעט אונדז קאָנען אַ סך העלפֿן. איר װעט קומען?

אין זײַן שטים איז געװען געבעט, דערװאַרטונג און באַפֿעל צו גלײַך.

סאָניע האָט געשװיגן. זי האָט נישט געטראַכט װעגן דער אַרבעט זײַנער, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי פֿילט נאָך אַרום איר לײַב זײַן אומאַרמונג.

— איך װעל בעסער קומען נאָך אײַך, סאָניע, יאָ, װען זאָל איך קומען?

סאָניע האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט. װאָס, מאָרגן זאָל זי װידער װאַרטן װי זי האָט הײַנט געװאַרט אויף פֿיניען? ניין, דאָס נישט, און זי האָט װי אײַלעװודיק זיך געזאָגט:

— ניין, איר דאַרפֿט נישט קומען נאָך מיר, הער זאַקס. איך װעל אפֿשר צוקומען מיט מײַנער אַ פֿרײַנדין — האָט סאָניע זיך דערמאָנט אָן מאַניע גרינגלאַס.

— זאָגט נישט „אפֿשר“, סאָניע. איך װעל װאַרטן אויף אײַך, נאָר אויף אײַך, סאָניע. איר װעט באַשטימט קומען, סאָניע?

דאָס פּנים פֿון זאַקסן איז געװען אײַן געבעט און דערװאַרטונג.

סאָניע האָט אין דעם אויסדרוק פֿון זײַן פּנים דערפֿילט די מאַכט פֿון אַ פֿרוי. זי האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך צו קומען צו דער פֿאַרזאַמלונג מיט מאַניען. זי האָט אָבער דערצו זיך אַליין נישט געװאָלט מודה זײַן. די באַליידיקונג, װאָס זי האָט נאָרװאָס געהאַט איבערגעלעבט פֿון פֿיניען, האָט זי איבערגעטראָגן אויף זאַקסן. װאָס מיינט ער? אַז זי װעט קומען גלײַך אויף זײַן ערשטן רוף און אויף דעם געבעט אין זײַנע אויגן? פֿיניעס אויגן האָבן אויך אַזוי געקוקט אויף איר, האָבן אויך אַזוי בײַ איר זיך געבעטן. ניין, זי װעט זיך מער פֿון אַזעלכע פֿאַלשע בליקן נישט לאָזן נאַרן.

— איך װייס װירקלעך נישט, הער זאַקס — האָט זי געזאָגט מיט אַ טרוקענער שטים — כ׳װייס נישט, צי מאַניע װעט קאָנען...

— אָבער װאָס גייט מיך אָן עפּעס אַ מאַניע, װעלכע איך האָב קיין־מאָל פֿאַר די אויגן נישט געזען! — האָט סאָניע דערפֿילט אויף איר פּנים זײַן הייסן בליק.

— איך פאַרגעסט, הער זאַקס — האָט סאָניע געפּילט דעם געַנוס פון אַ פרוי, וואָס קאָן באַוועלטיקן דעם ווילן פון אַ מאַן מיט איר שמייכל — אַז ווען נישט אַ ריינער צופאַל, וואָלטן מיר זיך אויך קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען.

— עס זענען דאָ צופאַלן, וועלכע זענען שיקזאַל... אַזוי האָב איך געפילט, ווען איך האָב אייך נאַרוואָס צום ערשטן מאָל געזען, סאָניע...

די רייד האָבן סאָניען געגלעט און זי האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן און שטיפע־ריש געזאָגט צו זאַקסן:

— איך פאַרזיכער אייך, הער זאַקס, אַז ווען איר וועט מאָרגן זען מיין פריינדין מאַניע, וועט איר ערשט רעכט דאַנקען דעם צופאַל.

— איך וועל נישט האָבן די מעגלעכקייט זי צו זען — האָט זאַקס שוין געוווּסט, אַז ער האָט געוווּנען און אַז סאָניע וועט מאָרגן קומען — איך וועל זען נאָר אייך, סאָניע...

— יאָ, איר וואָלט אַזוי נישט גערעדט — האָט סאָניע אַ לאַך גע־טאָן — ווען איר קענט מיין פריינדין.

זאַקס האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר סאָניע האָט צו אים גע־זאָגט:

— מיר האָבן זיך צעשמועסט און פאַרגעסן אָן אונדזערע פריינט.

— איך האָב ווירקלעך אָן זיי פאַרגעסן.

— און זיי מיינען, אַז מיר זענען פאַרלוירן געוואָרן — האָט סאָניע געלאַכט — קומט.

אַדעק ווישינסקי האָט זאַקסן געדראָט מיטן פינגער.

— סאָניע האָט מיר צוגעזאָגט דעם ערשטן טאַנץ — האָט ער גע־זאָגט — און איך בין נישט פון די מענטשן וואָס פאַרשווייגן אַזעלכע זאַכן.

סאָניע איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. זי האָט געטאַנצט מיט ווישינסקין און מיטן באַנקיר וואַרסקי און געפילט אויף זיך אָן אויפהער די בליקן פון פעליקס זאַקס.

זי האָט געלאַכט מיט אַ צעעפנט מויל, ווען ווישינסקי האָט איר פאַרזיכערט, אַז צוליב איר איז ער גרייט זיך נאָכאַמאָל צו פאַרליבן און פון די טרויעריק איראָנישע רייד פון באַנקיר וואַרסקי וועגן דער יוגנט, נאָך וועלכער דאָס אַלטוואַרג יאָגט זיך אומזיסט, וויסנדיק פאָרויס, אַז דאָס יאָגעניש איז צוועקלאָז.

זי האָט געקוקט מיט לאַכנדיקע אויגן, ווען יאַנקל האָט איר דערלאַנגט זיין אָרעם. זי האָט געזען דעם פיינדלעכן גלאַנץ אין די אויגן פון זאַקסן, וואָס האָבן נאָכגעפּאָלגט יאַנקלס עטוואָס שווערלעכע באַוועגונגען אין טאַנץ און זי האָט אויך געזען, אַז יאַנקלס אויגן קוקן קרומלעך אויף זאַקסן.

יאַנקל האָט צו איר נישט גערעדט אַזעלכע שיינע רייד ווי זאַקס. ער האָט ווייניק גערעדט און בלויז דערמאָנט דעם ערשטן טאָג פון זייער אָנקומען קיין וואַרשע.

— איר געדענקט ווי ביי יאַבלקאָווסקין אין געשעפט האָט מען זיך פאַר אונדז דערשראָקן? — האָט סאָניע געלאַכט.

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף יאַנקלס פּנים. ער האָט איר געוואָלט זאָגן ווי שיין זי איז אויך דעמאָלט געווען אין די שמאַטעס, אָבער האָט נישט געוווּסט צי ער מעג עס זאָגן. ער האָט געוווּסט, אַז זיינע פריינט האָבן נישט ליב ווען מען דערמאָנט זיי, אַז זיי זענען אַמאָל געווען אָרעמעלייט.

יאַנקלס בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די אויגן פון פעליקס זאַקסן, וועלכער איז געזעסן ביים טישל, גערעדט מיט בערטאַן און ווישינסקין, און נישט אָפּגעלאָזט זיין בליק פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

— אָט דעם איז גוט — האָט יאַנקל דערפילט אַ פיינדשאַפט צו זאַקסן, וואָס מאַכט זיך יעדעס מאָל גלייך דעם בראַנדז־גאָלדענעם לאַק, וואָס פאַלט אים אַראָפּ אויפן שטערן — ער ווייסט וואָס צו זאָגן שטענדיק צו די שיינע מיידלעך. ער האָט פון קינדווייז־אָן נישט באַדאַרפט אַרבעטן אין שטאָל, ער איז געגאַנגען אין די שקאָלעס און ער ווייסט ווי אַזוי צו געפעלן...

— פאַרוואָס קומט איר אַזוי זעלטן צו אונדז, הער האַרט? — האָט ער געהערט לעבן זיך סאָניעס שטים.

ער האָט איר געוואָלט זאָגן דעם אמת. זאָגן איר, אַז ער וואָלט יעדן טאָג געקומען. ער וואָלט איבערגעלאָזט אַלע זיינע געשעפטן און געקומען צו איר, וואָלט געשמועסט מיט בערטאַן און וואָלט געקוקט אויף איר, סאָניען. ער קומט אָבער נישט, ווייל ער ווייסט, אַז אַלע זעען אין אים ווייטער ר׳ לויס אַמאָליקן באַלעגאָלע. און ער אַליין פילט זיך אַזוי אין זייער אַנוועזנהייט. מיט אַנדערע איז אים לייכטער. ער עפנט אויף זיין

טייסטער און מ׳מאַכט פאַר אים אַ וואַרע. עס אַרט זיי אַפילו נישט ווען ער כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט פון די גזשיבאָווער באַלעגאַלעס. מיט בערטאַן, און באַזונדערס מיט דעם מיידל, וועלכע ער האַלט איצט אין די אַרעמס, פילט ער זיך נאָך אומדרייסטער ווי אין די צייטן, ווען ער האָט אויפן גזשיבאָוו געטריבן זיינע צוויי פערד. אין יענע צייטן האָט יאַנקל געוווּסט וו ע ר ער איז. ער האָט געוווּסט, אַז ער באַלאַנגט צו די באַלע־גאַלעס, אַזוי ווי זיין טאַטע און זיין זיידע. און ער האָט געהאַט ז י י ן כבוד. ער האָט זיך פון קיינעם נישט געלאָזט שפייען אין דער קאַשע. ער וואָלט דעמאָלט געוווּסט וואָס ער האָט צו ריידן צו סאָניען. ער וואָלט איר דערציילט וועגן זיינע פערד, וועגן די שקצים אויפן שילעץ און וועגן זיין באַלעבאָס ר׳ לוי. דעמאָלט האָט אַפילו בערטאַ ליב געהאַט זיך מיט אים אויסצושמועסן. היינט איז אָבער אַנדערש. ער ווייסט שוין נישט ווּהין ער באַלאַנגט. דאָס באַלעגאַלישע לשון איז ביי אים צוגענומען געוואָרן און קיין אַנדער לשון האָט ער נישט באַקומען. איז ווי רעדט מען צו איר, צו סאָניען?

— אפשר מיטן לשון פון געלט צו איר צו ריידן? — טראַכט יאַנקל
— די לעצטע יאָרן האָבן אים געלערנט, אַז דער כוח פון געלט איז גרויס.

— וועגן וואָס טראַכט איר, הער האַרט? — פילט ער אויף זיך סאָניעס בליק.

— טראַכטן? כ׳טראַכט גאָרנישט — פילט יאַנקל אַ פאַרלוירנקייט
— כ׳מיין, אַז אינגיכן וועל איך האָבן מער צייט און וועל אָפטער קומען...
— קומט, הער האַרט, קומט — שמייכלט צו אים סאָניע.

יאַנקל פילט ווי זיין האַנט גליט פון דעם באַריר פון סאָניעס לייב, וואָס דערגייט צו אים פון הינטער דעם דינעם זייד. ער ווייסט, אַז עט־לעכע מינוט שפּעטער וועט ער מיט איר צוריקגיין צום טישל און דאַן וועט זי אים מער נישט פרעגן ווען ער וועט קומען. זי וועט אים מער צומאָל נישט זען. דער זאַקס האָט אַזאַ געשליפן צינגל און ער קוקט מיט אַזעלכע אויגן אויף סאָניען, אַז זי זעט שוין נישט קיינעם.

ער פילט אַ טיפע שנאה צו דעם זאַקס. און ער באַדויערט וואָס ער קאָן איצט נישט טאָן אַזוי ווי מען טוט אויפן שילעץ ביי דער ווייסל, ווען עמיצער טשעפּעט זיך צו זיין מיידל. מען פרעגט דאָרט נישט קיין סך, נאָר מען דערלאַנגט גלייך אין די ציין. היינט קאָן ער מער אויף אַזאַ

אופן נישט דערליידיקן דעם חשבון. ווער ווייסט, אפשר האָבן זיי, די רייכע מיוחסים, אַנדערע אופנים פאַר אַזעלכע זאַכן, ער, יאַנקל, אָבער, ווייסט נישט פון זיי. און ער שעמט זיך צו פרעגן. פיניע וואָלט אים אויסגעלאַכט, ווייסט יאַנקל, פון אַזאַ פראַגע און אַדעק ווישינסקי וואָלט אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָט און אַלע וואָלטן זיך געהאַלטן ביי די זייטן און אָפּגעחוזקט פון אים.

פונדעסטוועגן איז יאַנקל נאָך נישט גרייט אָפּצוטרעטן דעם וועג פאַר יעדן, וואָס קאָן שיין ריידן. ניין, ער וועט נישט אָפּטרעטן. ער האָט זי, סאָניען, דער ערשטער דערזען אין דעם באַראַק פון מאַיאָר קעמפּקע און ער וועט נישט אָפּטרעטן...

ווען ער ברענגט צוריק סאָניען צום טישל, קוקט ער אַרויספּאָדערנדיק אויף זאַקסן.

ער ווענדעט זיך צו וואַרסקין וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אויף דער בערזע. ער רעדט מיט געניטשאַפט וועגן אַקציעס, ליסטעס, קורסן, וואַלוטעס. ווישינסקי נעמט אויף אַנטייל אין געשעפט־געשפּרעך און וואַרסקי דער באַנקיר זאָגט פון מאָל צו מאָל:

— כ׳מיין, אַז איר האָט רעכט, הער האַרט. איר שאַצט ריכטיק אָפּ די לאַגע...

יאַנקל פילט אויף זיך דעם דערשטוינטן בליק פון פעליקס זאַקסן. ער, יאַנקל, כאַטש אַ באַלעגאָלע און כאָטש ר׳איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אין די שקאָלעס, ווייסט פונדעסטוועגן מער וועגן אַזוינע וויכטיקע זאַכן ווי דער גאַנצער קנאַקער מיט זיין געשליפן צינגל.

יאַנקל דערציילט וועגן די טראַנזאַקציעס, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דער בערזע און ער איז צופרידן צו הערן פון דעם באַנקיר וואַרסקיס מויל אַ לויב.

— איר האָט סטיל, הער האַרט, כ׳האָב גאָרנישט געוווסט...

יאַנקל פאַרשטייט נישט וואָס אַזוינס סטיל איז, ער ווייסט אָבער, אַז עס איז אַ גוטע און פיינע זאַך, ווייל בערטאַ שמייכלט צו אים און זאָגט:

— עס פרייט מיך זייער צו הערן, אַז אונדזער פריינד איז אַזוי דערפאָלגרייך...

פעליקס זאַקס וויל צוריק אַריינגעמען דאָס געשפּרעך אין זיין האַנט.

ער דערמאָנט וואַרסקין, אַז זיי האָבן היינט געזאָלט זיך דורכשמועסן וועגן דער נייער צייטונג, וואָס מען דאַרף אַרויסגעבן און אַזוי ווי ווי־שינסקי איז אויך דאָ...

— ווישינסקי, מיין טייערער פעליקס, — זאָגט אַדעק — האָט אַלע טאַלאַנטן, אָבער נישט די טאַלערס. זעסט, אונדזער פּאַן האַרט...

— דאָס איז ווירקלעך אַן אידייע! — האָט אויסגערופן וואַרסקי — איר פאַרשטייט, פּאַניע האַרט, מען קאָן דאָך נישט לעבן בלויז מיט גוטע געשעפטן. מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן פאַר יידן אויך, און אַ צייטונג, ווי איר ווייסט...

פעליקס זאַקס האָט איבערגענומען דאָס געשפּרעך און ער האָט גע־נומען ברייט ריידן וועגן די שונאי ישראל, וואָס טוען אָן צרות און וועגן די יידעלעך וואָס בייגן אַראָפּ דעם קאָפּ.

יאַנקל האָט געזען, ווי סאָניעס אויגן הענגען ווידער אויפן מויל פון פעליקסן. ער האָט אים אין מיטן ריידן איבערגעריסן און ברוטאַל גע־זאָגט:

— קאָנט איר מיר פיליכט, הער זאַקס, זאָגן קורץ: וויפל דאַרף עס קאָסטן?

— בראַוואָ, יאַנקל... — האָט ווישניסקי זיך פאַרהאַקט — בראַוואָ, פּאַניע האַרט, אַזוי האָב איך ליב, קורץ און שאַרף.

— איר האָט ווירקלעך סטיל אין געשעפט — האָט דער באַנקיר וואַרסקי געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף יאַנקלען — נו, הער האַרט, מירן איצט נישט לאַנגווייליקן די דאַמען מיט ציפערן. גענוג, אַז איר זענט מסכים צו זיין מיין שותף...

— אייער שותף, הער וואַרסקי? — האָט יאַנקל נישט געוווסט ווו צו באַהאַלטן זיין שטוינען.

— נו, געוויס ווילן מיר נישט בלויז אייער געלט, פּאַניע האַרט, — האָט געזאָגט וואַרסקי — און כ׳האָב גערעדט אויך מיט עליאַשן... איז אפשר ריידן מיר זיך גלייך אָפּ אויף מאָרגן, שבת צו נאַכטס, טאַקע ביי מיר אין שטוב. עליאַש וועט אויך זיין, ער איז געקומען נאָך נעכטן פון לאָדזש. געמאַכט, פּאַניע האַרט?

— גוט. — האָט יאַנקל איינגעשטימט — איך וועל קומען.

פעליקס זאַקס האָט נערוועז געבאַמבלט מיט דער האַנט אויפן טישל. ער האָט געציטערט פון שווער באַהערשטן כעס.

— מאַנירן פון אַ גראָבן יונג, אַ געלט־זאַק! — האָט ער געוואָרפן אַ קרומלעכן בליק אויף יאַנקלען. — אַ חוצפה אַזאַ, אים, פעליקסן, אײַ־בערצורײסן אין מיטן רײדן, װי ער װאָלט געװען זײַן שיק־ײנגל!...

װאָס מײנען זײ מיט זיך, די גבירים, די גראָבע יונגען? זײ דאַרפן דאַנקען גאָט, װאָס ער, פעליקס, װיל מיט זײ רײדן, װיל זיצן לעבן זײ. ער, װאָס קאָן מיט זײַנע רײד מיטרײסן די מאַסן. נײן, ער װײסט גאָר נישט, צי ער װעט װעלן אַזאַ פאַרשװין האָבן פאַר אַ שותף. ער װײסט נישט. און דער װאַרסקי איז אױך נישט בעסער. ער איז שױן גרײט צום עסק. און האַלט, צומאָל, נישט פאַר נײטיק מיט אים, מיט פעליקסן זיך פריער דורכצורײדן. ער רופט שױן אויף מאָרגן אין אָװנט אים צו זיך און ער פרעגט מיך נישט, צי איך, פעליקס זאַקס, האָב צײַט... נײן, איך װעל נישט קומען. סאָניע װעט מאָרגן קומען צו דער פאַרזאַמלונג און שפּעטער װיל ער זײַן מיט איר, מיט סאָניען...

ער האָט געװענדעט זײַן בליק צו סאָניען און עס איז אין דעם בליק געװען װאַקלדיקײט און הילפלאָזיקײט. ער האָט געװוּסט, פעליקס, אַז ער װעט אונטערדריקן אין זיך דעם כעס. ער טאָר נישט פאַרלירן װאַרסקין. און ער טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם גראָבן יונג, דעם האַרט. און עליאַש, דער גרויסער עליאַש, װעט זײַן מאָרגן און מיט אים מוז מען זיך אוודאי באַגעגענען, איז װאָס װעט זײַן מיט סאָניען? װאָס װעט זי זאָגן, װען ער װעט נאָך דער פאַרזאַמלונג גלײַך פון איר מוזן אַװעקגײן?

— איך װײס נישט, פּרײַנט װאַרסקי, װען איך װעל קאָנען צוקו־מען — האָט ער געקוקט אױפן טיש — איך האָב מאָרגן אַ פאַרזאַמלונג...

— און נאָך דער פאַרזאַמלונג רינגלען דיך אַרום אַ פאַר טוץ פאַר־ליבטע מײדלעך...

— הער װישינסקי, — האָבן זיך דערהערט דראָענדיקע טענער אין זאַקס קול.

— נו, נו, זײַט נישט באַלײדיקט, אַלע װײסן עס סײַ װי — װי־שינסקי האָט זיך אױסגעדרײט צו בערטאַן און סאָניען — און איר האָט נאָך קײנמאָל נישט געהערט אונדזער גרױסן טריבון? נײן, נײן, דאָס איז נישט דערלאָזבאַר. איך װעל מאָרגן צו אײַך צוקומען און װעל מיט אײַך גײן צו דער קרולעװסקע, יאָ, יאָ, אומבאַדינגט. אַזױ װעט עס זײַן — האָט װישינסקי קײנעם נישט געלאָזט קומען צום װאָרט — און װי

נאָר איר, פעליקס, וועט ענדיקן, וועל איך אייך טאָן אַ כאַפּ און די אָרע־מע מיידלעך וועלן נעבעך בלייבן אַליין...

— ביסט אַן אויסגעצייכנטער סטראַטעג — האָט וואַרסקי געלאַכט

— נאָר אַן אונדזערע צוויי שיינע דאַמען האָסטו פאַרגעסן? — און ער האָט זיך געווענדעט צו בערטאַן און סאָניען:

— עס וועט פאַר מיין פרוי און מיר זיין אַן אמתדיק פאַרגעניגן, ווען איר וועט מאָרגן מיך באַזוכן...

סאָניע האָט אַ לאַך געטאָן:

— איך, ליידער, בין שוין מאָרגן פאַרנומען...

— זאָל ער וואַרטן — האָט ווישינסקי געלאַכט — עס מאַכט נישט אויס, ווען מען לאָזט אַ יונגנמאַן אומזיסט וואַרטן, סאָניעטשקע.

— אַזוי? עס מאַכט נישט אויס? — האָט סאָניע שטיפעריש גע־פרעגט און געקוקט אויף פעליקסן.

— אַז דער יונגערמאַן וועט האָבן שכל — האָט פעליקס גערעדט מיט אַ באַזונדערער אַקצענטירונג — וועט ער וויסן ווו דאָס מיידל צו געפינען.

זיי זענען אַלע אַרויס צוזאַמען אויף דער גאַס. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. זייערע טריט האָבן פרעמד אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט. דאָ און דאָרט האָט זיך געשאָטנט אין דעם האַלב טונקל פון דער איינגעשלאָפענער גאַס אַ מענטשלעך געשטאַלט. ביי אַ פאַרשלאָסן טויער איז געשטאַנען צוגעדריקט צו זיך אַ פּאָרל. זיי זענען אָפּגעשפּרונ־גען פון זיך דערהערנדיק טריט. אין מיטן גאַס האָט אַ פּאָליציי־מאַן זיך געטוליעט אין זיין טונקעלער פעלערינע און פויל געקוקט אין דער הייך, אַ האַלבע לבנה האָט זיך געוויסלט.

בערטאַ מיט ווישינסקין, פון איין זייט, און וואַרסקין פון דער אַנ־דערער זייט, זענען געגאַנגען פאָרויס. הינטער זיי איז געגאַנגען סאָניע. פעליקס זאַקס און יאַנקל זענען שווייגנדיק געגאַנגען ביי איר זייט. זיי האָבן געשוויגן.

— כ׳גיי אונטער אַ וואַך — האָט סאָניע אין זיך געשמייכלט — נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי האָבן זיך נישט איבעריק ליב, די צוויי שומרים...

זי איז געווען צופרידן. זי האָט געפילט אויף זיך זייערע בליקן און זי האָט געוווּסט, אַז יעדער פון זיי וואַרט אויף איר שמייכל.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן פּיניען. זי האָט באַדויערט וואָס ער זעט זי נישט איצט. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל וויסן, אַז זי האָט אויף אים נישט געוואַרט.

— ער וועט עס נאָך וויסן — האָט זי געטראַכט — יאָ, ער וועט עס נאָך וויסן.

בערטאַ האָט אויסגעזען מיד, אַרײַנקומענדיק אין שטוב, און האָט גלײַך געמאַכט איר בעט.

סאָניע איז געלעגן לאַנג אויף איר געלעגער מיט אָפענע אויגן. זי האָט נישט געפילט ווי עס פאַלן לאַנגזאַם צוזאַמען אירע וויעס. פּלוצ־לינג האָט זי דערהערט איבער זיך איר פאָטערס שטים.

— סאָניעטשקע, זעסט די באַלאָנען פלאַטערן איבער דײַן קאָפּ... שטרעק אויס די הענט צו דעם באַלאָן, שנעל, שנעל...

סאָניע האָט אויסגעצויגן בײדע הענט. נאָר זי האָט מער נישט גע־זען דעם באַלאָן און נישט געהערט מער איר פאָטערס שטים.

קאַפּיטל זיבעצן

דער לעצטער טיש בײַ ר׳ לוין

די גרויסע שטיבער פון ר׳ לוי פרענקעלס גבירישער וווינונג זענען העל באַלויכטן. די קרישטאָלענע הענגלײַכטער וואַרפן סנאָפּעס ליכט אויף די אַלטע גבירישע מעבל־שטיק, אויף די ברייטע גראַב־בײַכיקע קרעדענצן, אויף די הויכע פּירטירעוודיקע מאַהאָן־שענק, אויף די טונקל ברוינע גע־שניצטע ספרים־שאַפּעס, אויף די ברייטע פּלושענע סאָפעס און אויף די קלײנע גלאָז־שענקלעך, פון וועלכע עס קוקן אַרויס דינע זילבערנע בשמים־ביקסן, קײלעכדיקע אתרוג־פּושקעס, מיט לײבן באַצירטע חנוכה־לעמפּ און גאַנצע רייען פון זילבערנע בעכערס מיט לאַנגע און שמאָלע העלדזער.

ר׳ לוי האָט אָנגעטאָן זײַן שבת־קאַפּאָטע פון שוואַרצן סאַ־טען דע ליאָן און האָט אויך אַרויסגענומען זײַן הויך טונקל־ברוין שטרײַמל וואָס געדענקט נאָך די אַמאָליקע גוטע צײַטן.

ר׳ לויס ווײַסע באָרד איז ברייט צעקעמט און זײַן אַלט צעקנייטשט פּנים איז ווי ייִנגער געוואָרן. ער קוקט אויף זײַנע דערוואַקסענע און באַ־

באַרדעטע זין, וואָס העלפן דער מאַמען אויסשטעלן די פּירות און די וויינען אויף דעם ברייטן און גרויסן טיש, וואָס איז באַדעקט מיט אַ העל ווייסן טישטוך.

ער שמייכלט צו זיין ווייב דבורהלע, וואָס האָט היינט אַרויסגענו־מען פון דער שאַפע אַלע בריליאַנטן, שפּילקעלעך און אוירינגלעך, בראָש־קעס און האַלדז־בענדער, וואָס פינקלען אַראָפּ פון איר טונקל־בלאָ זיידן קלייד און מישן זיך אויס מיט דעם ליכט פון די קרישטאָלענע זשיראַנ־דאָלן.

— שבת ווי אַמאָל... — זאָגט ר׳ לוי צו זיין ווייב — ווען יונה סאָרוועך וואָלט געלעבט...

— לאָמיר דאַנקען גאָט פאַר דעם...

זיי שטייען ביידע פאַר דעם שבתדיקן טיש, קוקן זיך אַרום און עס דאַכט זיך זיי, אַז זיי געזעגענען זיך מיט דעם וואָס איז אַמאָל געווען, אַז דאָס לעצטע מאָל ווערט אַ רבישער טיש געפּראַוועט אין זיין שטוב.

ר׳ לוי און זיין ווייב דבורהלע, האָבן זיך נישט געריכט, אַז זיי וועלן נאָך זוכה זיין צו פּראַוועןאַ רבישן טיש אין זייערע גרויסע שטיבער. לאַנגע שבתים גייען אַריבער און אין זייערע שטיבער איז שטיל און זעלטן באַווייזט זיך דאָרט אַ מענטש.

— אַזוי איז עס, אַז מען ווערט אַלט און מ׳האָט נישט קיין געלט — פלעגט ר׳ לוי טראַכטן שבת נאָכמיטיק, ווען ער איז געזעסן ביי אַן אָפּע־נעם מדרש.

ער האָט נישט באַדויערט. ער איז שוין אַלט און ער האָט מער נישט קיין כוח. ער וויל מען זאָל אָן אים פאַרגעסן און אויך ער וויל פאַרגעסן. ער גייט שוין אַפילו זעלטן אין דאָזאָר־שטיבל און עס אַרט אים נישט וואָס מען טוט דאָרט נישט פרעגנדיק אים.

איז ווען דער רבי האָט פּלוצלינג צו אים געשיקט אָנזאָגן, אַז ער וויל האַלטן ביי אים שבת, האָט ער, ר׳ לוי, אין דער ערשטער מינוט זיך אַפילו דערשראָקן. זיין ווייב, דבורהלע, אָבער, האָט אים באַרואיקט.

— זיי רואיק, לוי, — האָט זי געזאָגט — עס וועט זיין מיט גאָטס הילף אַ שבת, ווי עס דאַרף צו זיין.

אוודאי וועט עס נישט זיין אַזוי ווי אַמאָל. עס איז מלחמה און עס איז דאָ אַ יעקב און יונה סאָרוועך, וועלכער האָט זיך געפּאַרעט אַמאָל

ביי ר׳ לויס חסידישע שמחות, לעבט אויך נישט מער. קאָן מען מער נישט אָנגרייטן די פישן און פליישן פאַר דעם עולם פון די שטיבלעך. מילא, דער רבי, ווייסט אויך וואָסער צייט היינט איז. צוליב דעם איז ער דאָך געקומען אַהער, מסתמא צוליב די יידישע צרות. איז וואָס זאָל מען טאָן? ווער מען דעם רבישן טיש פּראַוועט נאָך דער שבתדיקער סעודה מיט פּירות און ווייַן.

אַזוי האָט דבורהלע גערעדט צו ר׳ לוין און האָט אים דערמאָנט, אַז ווען זיי זענען נאָך דער מלחמה געווען זומער אין די בעדער, האָט איר די סאַדיגורער רביצין דערציילט, אַז אין זייער הויף פּראַוועט מען פון שטענדיק אָן דעם רבישן טיש, נאָר מיט משקה און פּרוכט.

ר׳ לוי האָט אָנגענומען פאַר גוט דעם תירוץ און איצט דאַכט זיך אים, אַז ער איז עפּעס יינגער געוואָרן, ווי די אַמאָליקע צייטן וואָלטן זיך צוריקגעקערט.

ר׳ לוי גייט אַרויס אין לאַנגן העל באַלויכטענעם קאָרידאָר. ער וויל אַליין מקבל פּנים זיין די געסט.

— גוט שבת, שמואל, גוט שבת, אברהם — גייט ער אַקעגן זיינע ברידער און שוואָגערס, וואָס קומען אָן די ערשטע.

ר׳ לוי קוקט אויף די לאַנגע ווייסע בערד פון זיינע יינגערע ברידער און שוואָגערס און עס איז אים שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי זיי זענען פון יינגלעך פלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַלטע יידן.

אַמאָל האָט ער זיך אַרומגעריסן מיט זיינע ברידער, געהאַט צו טאָן מיט ירושות און מיט דין־תורהס און מיט אַדוואָקאַטן און ער קאָן איצט נישט באַנעמען צוליב וואָס און צוליב וועמען ער האָט זיך מיט זיי גע־קריגט.

די ברידער נעמען אַראָפּ די פאַלטנס, בלייבן שטיין אין די זיידענע זשיפּיצעס און ציען אַפּער פון די קאַפּאָטעס די איינגעקנייטשטע שטריימ־לעך.

ר׳ לוי ווייזט זיי אָן אויף אַ פאַרמאַכטער טיר און זאָגט:

— דער רבי איז אינעווייניק מיט די דייטשע ראַבינערס...

— שוין לאַנג?

— זיי זענען געקומען, די ראַבינערס, באַלד נאָכן עסן.

דאָס געשפּרעך ווערט איבערגעריסן. עס קומען די חסידישע גבירים

פון די שטיבלעך, מיט זייערע זין און איידעמס. די טאַטעס גייען נאָך לאַנ־גע זיידענע זשיפּיצעס און שטריימלעך, נאָר די זין און איידעמס טראָגן שוין קירצערע זשיפּיצלעך און אויפן קאָפּ האָבן זיי בלויז אַ פּלאַטשיק סאַמעטן היטל און זייערע קליינע בערדלעך זעען שוין אויס ווי אַביסל צוגעשוירן. נאָך זיי באַווייזן זיך די רבנים אין די זיידענע כאַלאַטן, מיט זייערע מקורבים און משמשים. זייריידן שטיל און קוקן צו דער פאַר־שלאָסענער טיר, אויף וועלכער ר׳ לוי ווייזט יעדן אָן.

ר׳ לוי פירט זיינע אורחים אַריין אין דער גרויסער עס־שטוב. זיי זאָגן גוט־שבת צו דבורהלע און זי דערקענט אירע אַלטע פריינט פון אַמאָל, די גראַמאַנס און די וועגמייסטערס און די בלאַסעס און די שוואַרצשטיינס און קאַמינערס.

זיי פרעגן זיך וועגן געזונט און זי פרעגט זיי וועגן דעם געזונט פון זייערע פרויען און קינדער און זיי זאָגן זיך איינער דעם אַנדערן יעדעס מאָל דאָס זעלבע:

— געלויבט צו גאָט...

ר׳ לוי גייט צוריק אין קאָרידאָר, צו דערוואַרטן פרישע געסט.

— גוט שבת, ר׳ לוי, — שטויסט ער זיך אָן מיט אַ באַקאַנט פּנים וואָס ער קאָן זיך אָבער נישט דערמאָנען ווו ער האָט עס געזען — איר דערקענט מיך נישט, ר׳ לוי?

— כ׳מיין... — קווענקלט זיך ר׳ לוי.

— דער הויכער משה רופט מען מיך אין שטיבל...

— אַהאַ! משה! — דערפרייט זיך ר׳ לוי, — וואָס הייסט כ׳דערקען נישט? נאָר דו, משה, האָסט שוין אויך באַלד אַ גראָע באָרד, איז דאָך נישט שייך... דער הויכער משה — טוט ר׳ לוי צו זיך אַ שמייכל — געדענקסט די שקאַצישע שטיקלעך וואָס דו האָסט אָנגעטאָן יונה סאָר־ווער, געדענקסט...

— אַ ווילער ייד געווען, יונה — זאָגט דער הויכער משה — כאָטש ער האָט מיך געטריבן פון הינטערן רבינס טיש אַפּער...

— יאָ, יאָ, געווען אַמאָל צייטן, משה, האַ? געדענקט ווי דער רבי האָט געזאָגט וועגן דיר און דיין חבר, וועגן אייער מקום הינטער זיין טיש, געדענקסט אַיאָ? אָבער ווי איז ער, דיין חבר? באַלד, כ׳וועל זיך דערמאָנען זיין נאָמען...

— דער קליינער זעליקל, רופט מען אים — זאָגט אים דער הויכער משה אונטער.

— יאָ, יאָ, דער קליינער זעליקל — שיינען אויף ר' לויס פּאַרלאָ־שענע אויגן — אוי, איז ער געווען אַ מזיק, דער זעליקל!... פאַרוואָס האָסטו אים נישט געברענגט מיט זיך, משה?

— כ'ווייס, אפשר וועט ער קומען — טוט משה אַ זיפץ — כ'ווייס נישט צי ער ווייסט, אַז דער רבי איז דאָ. יאָך האָב ערשט אין דער לעצ־טער מינוט געהערט...

— פאַרשטייסט — רעדט ר' לוי פאַרענטפערנדיק זיך — דער רבי האָט נישט געהייסן מאַכן קיין רעש, ווייסט דאָך, ס'איז מלחמה, איז גלייכער וואָס שטילער, און די דייטשע ראַבינערס זענען אויכעט דאָ...

— וועך דאַרף זיי דאָ? — האָט דער הויכער משה אַ זאָג געטאָן — אומעטום מוזן זיי זיין...

דער הויכער משה איז נישט צופרידן. עפּעס מישן זיי זיך שוין צו־פיל, די דייטשע ראַבינערס, מיט די געשווירענע בערדלעך און קליינע, זיידענע קאַפּלעך אויף די שפּיץ קעפּ. מילא, מען פרעגט אים נישט, משהן, קיין דעה. זאָלן זיי זיך טומלען. אָבער ווי קומען זיי שבת צום רבינס טיש? משה ווייסט אַפילו נישט, צי מ'וועט קאָנען אַרונטערקריכן אונטערן טיש און הערן דעם רבינס תורה, ווי ער טוט שוין זינט יאָרן. די דייטשע ראַבינערס וועלן נישט משיג זיין אַזעלכע ענינים און זיי וועלן נאָך מיינען ווער ווייסט וואָס...

— אַ שאָד, וואָס דער קליינער זעליקל איז נישטאָ — טראַכט דער הויכער משה — מיט אים וואָלט מען זיך געקאָנט מיישב זיין וואָס צו טאָן.

דער הויכער משה דערמאָנט זיך אָן זיין שמועס מיט דעם קליינעם זעליקל וועגן דעם שידוך מיט זיין מירעלע און פיניען.

— אַ שאָד — זאָגט ער צו זיך נאָכאַמאָל — ער, זעליקל, וואָלט שוין געוווּסט ווי זיך אָן עצה צו געבן מיט די ראַבינערס.

משה האָט געקוקט צו דער פאַרמאַכטער טיר, הינטער וועלכער דער רבי זיצט מיט די צוויי דייטשע ראַבינערס און עס איז אים איינגעפאַלן, אַז ווער ווייסט, אפשר זענען זיי, די ראַבינערס, פון די למד־וואָוו־צדיקים. מ'האָט דאָך געהערט אַזעלכע זאַכן און אַז דער רבי זיצט מיט זיי אָפּגע־שלאָסן שבת, פאַרן טיש, איז דאָך די זאַך נישט פשוט...

די טיר האָט זיך ווידער געעפנט. משה האָט אַ קוק געטאָן. עפּעס אַ פאַרשוין מיט אַ געגאַלטער מאָרדע, מיט אַן אויסגעפּוצטער אשה. האַ? וואָס האָבן זיי צו טאָן ביים רבינס טיש?!

משהס שטוינען איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען ער האָט געהערט ווי די אשה זאָגט צו ר׳ לוין:

— גוט שבת, טאַטע, וואָס מאַכט די מאַמע?...

— קומט אַריין צו דער מאַמע, קומט — האָט ר׳ לוי גערעדט — כ׳האָב געמיינט, אַז איר האָט פאַרגעסן, דער רבי האָט זיך אויף דיר געפרעגט, דניאל...

דער הויכער משה איז געבליבן שטיין ווי צוגענאָגלט צו זיין אָרט.

— וואָס הייסט — האָט ער געטראַכט — דער רבי האָט זיך גע־פרעגט גאָר אויף אַזאַ איינעם? כ׳הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס איז ער? אויכעט פון די למד־וואָוו?...

אָנגעשפּאַרט אויף דעם פּלושענעם ווענטל פון דער שמאָלער סאָפע איז געזעסן דער רבי. זיין האַנט האָט ער געהאַלטן אויף דעם טונקל־ברוי־נעם לעדערנעם איינבונד פון דעם פאַרמאַכטן זוהר און די אַנדערע האַנט פאַררוקט אונטער דעם ברייטן גאַרטל, וואָס האָט אַרומגענומען זיין זיי־דענע זשיפּיצע.

ער איז געזעסן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און זיין זייטיקער בליק האָט זיך איבערטראָגן פון די מעשענע קנעפּ פון דעם ראַבינער פרידמאַנס אָפיצירן־מונדיר. צו דעם ווייסן שפּיץ־בערדל פון דעם עלטערן ראַבינער לעווי.

דער ראַבינער לעווי און זיין יינגערער חבר, דער מיליטערישער ראַ־בינער פרידמאַן, זענען געזעסן אַקעגנאיבער אים, אויף הויכע לעדערנע שטולן. אַ קליין, נידעריק טישל, האָט זיי פונאַנדערגעטיילט פון רבין. ווען אָבער דער ראַבינער לעווי האָט גערעדט, האָט ער געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז דאָס קליינע טישל, וואָס איז די מחיצה צווישן אים און דעם רבין, איז אַזאַ ווייטער מרחק, אַז זיינע רייד גייען פאַרלוירן אין חלל און דערגייען נישט צו די אויערן פון דעם „וואונדער־ראַבינער״, ווי מען האָט אין בערלין גערופן די מאָדנע יידן, מיט די ברייטע זיידענע זשיפּיצעס,

וואָס קומען יעדן זומער פון פוילן צו די פּראָפעסאָרן אין בערלין, וועלכע שיקן זיי נאָכדעם אין די בעדער.

ער האָט אַ פאַרצווייפלטן קוק געטאָן אויף זיין יינגערן חבר, דעם ראַבינער פון פראַנקפורט, אין דעם אָפּיצירן־מונדיר, ווי ער וואָלט דער־וואַרט פון אים הילף.

דער ראַבינער פרידמאַן האָט אָפּגעהוסט, ווי ער פלעגט טאָן יעדעס מאָל פאַר זיין פּרעדיקט. ער האָט אַ גלעט געטאָן מיט זיין האַנט זיי שוואַרץ קמץ־בערדל און האָט מיט אַ זינגענדיקער שטים געגומען ריידן, אַריינ־מישנדיק אין זיין פראַנקפורטער דייטש וואָס מער לשון קודשדיקע ווער־טער. אפשר וועלן די לשון קודשדיקע ווערטער פון פּסוק און מדרש קלע־נער מאַכן דעם מרחק צווישן אים און דעם „וווּנדער־ראַבינער“, וועלכער זיצט אַקעגנאיבער אים מיט האַלב פאַרשלאָסענע אויגן און וואַרפט נאָר זעלטן אַריין אַ וואָרט מיט אַזאַ אויסשפּראַך און אַזוי שטיל, אַז עס איז שווער צו דערכאַפּן דעם מיין דערפון.

אַ בלייכער שמייכל שוועבט אַרום דעם רבינס ליפּן, וואָס גייען פאַר־לוירן אין זיין ברייטער באָרד און אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס. פאַרוואָס ריידן זיי אַזוי פיל?

ער וואָלט זיי געוואָלט זאָגן, אַז דאָס וואָרט, דאָס א י י נ צ י ק ע וואָרט, וואָס איז די נ ק ו ד ה, גייט פאַרלוירן, ווערט מטושטש און פאַר־לירט זיין באַדייט אין צופיל רייד. ער ווייסט אָבער נישט צי זיי וועלן אים פאַרשטיין. די חכמי אשכנז האָבן אַמאָל געוווּסט דעם כוח הצמצום. די אייניקלעך האָבן אָבער פאַרגעסן. די גויישע חכמות וואָס זיי האָבן אַזוי פיל געלערנט, האָבן זיי אָן דעם עיקר געמאַכט פאַרגעסן.

ער הערט זיך שוין נישט צו צו זייערע זינגענדיקע פּסוקים. נאָך וואָס? ער זעט דעם מונדיר פון דעם פראַנקפורטער ראַבינער און ער קוקט אויף דעם ווייסן קמץ־בערדל פון דעם דר. לעווי, און ער ווייסט אַלץ. אַזוי, הייסט עס, וועלן אויסזען די יידן דאָ, ר' לוי און די אַנדערע, וואָס וואַרטן דאָרט, אין די אַרומיקע חדרים? אַזוי וועט זיין זייער צורה? נישט היינט און נישט מאָרגן, יאָ, אָבער אַזוי וועט עס זיין, אין צען, צי צוואַנ־ציק, צי פערציק יאָר? האַ? אַזוי?

— און יאָך זאָל מסכים זיין? — נעמט אַוועק דער רבי זיין האַנט פון דעם טונקל־ברוינעם באַנד פון פאַרמאַכטן ספר און גראָבט זי איין אין

זיין געדיכטער באָרד — דאָס איז דאָך דער מיין פון זייערע אַלע רייד?
ער קען זיי נישט פון היינט, די ראַבינערס פון בערלין און פראַנקפורט, און אַנשפּאַך, און פון די אַנדערע שטעט זייערע. יעדן זומער, ווען ער פאָרט אין די בעדער קיין קאַרלסבאַד, טרעפט ער זיי אויף די בענק אין גאָרטן, און שבת ביים דאַווענען, און ביים טרינקען וואַסער פון קוואַל. ער האָט אַפילו ליב מיט זיי צו ריידן, ווען ער גייט מיט זיין גלאָז פון קוואַל. ער ווייסט, אַז זיי וווינען אין שיינע גאַסן, האָבן גרויסע דירות, מיט סאַליעס און מיט משרתים, מיט גרויסע געשעפטן, און זיי געבן אויך צדקה די אָרעמע „לויטע" פון פוילן. יאָ, מ'קאָן נישט זאָגן, זיי גיבן צדקה. זיי שעמען זיך, אמת, מיט די יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס און גרויסע בערד און זיי וואָלטן געוואָלט זיי וואָס שנעלער אַהיימשיקן. זיי לאָזן אַראָפּ די אויגן, ווען אַ גויישע צורה שפּעט אָפּ פון די „פּאָלנישע יודען", אָבער, ווען קיינער זעט נישט, האָבן זיי אַפילו ליב מיט אַזאַ ייד אַ שמועס צו טאָן.

— נאָר ווען קיינער זעט נישט — ברייטערט זיך אויס דער שמייכל אויפן רבינס פּנים — זיי האָבן מורא, נעבעך, פאַר זייערע רייכע סאַליעס און פאַר זייערע גרויסע עסקים און זיי מיינען זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר די גויישע אויגן. אויסצובאַהאַלטן זייער יידישע צורה.

יאָ, ער קען זיי, די ראַבינערס פון יענער זייט, און ער ווייסט, אַז ביי זיך אין שטוב, הינטער פאַרשלאָסענע טירן, פאַרגעסן זיי נישט, אַז זיי זענען אייניקלעך פון די חכמי אשכנז. זיי גייען אויסגעפּוצטע אין שול איבער דער גאַס, אַזוי אַז מען זאָל דעם טלית נישט אָנזען און זיי האָבן ליב שבת ביים טיש אונטערצוברומען זמירות, נאָר דאָס געזאַנג זאָל זיך נישט אַרויסטראָגן אויף דער גאַס...

ער האָט זיי קיינמאָל דאָס נישט געזאָגט, דאָרט אין די בעדער. עס איז אים געווען אַ רחמנות אויף זיי. זיי האָבן געציטערט איבער זייערע רייכע סאַליעס. די שרעק האָט כסדר אַרויסגעשריען פון זייערע אויגן. אַפילו דעמאָלט, ווען זיי האָבן דערציילט ווי גוט זיי לעבן, ווי זיי קומען אָן צו די גרויסע לייט, ווי מען רעדט צו זיי פיין און איידל.

— געלויבט צו גאָט — האָט ער שטענדיק געטראַכט אין די רייכע שטיבער פון די ראַבינערס, צו וועלכע ער איז אַמאָל געקומען טרינקען אַ גלאָז טיי — וואָס מיר האָבן נישט קיין סאַליעס און דאַרפן נישט מורא האָבן זיי צו פאַרלירן...

— און איצט ווילן זיי, אַז מיר זאָלן זיי נאָכטאָן — קוקט דער רבי אויף די מעשענע קנעפּ פון דעם ראַבינער פרידמאַנס מונדיר — און אין צען, צי צוואַנציק, צי פופציק יאָר אַרום, וועט אַזוי זיין די יידישע צורה? אַזוי? און אַזעלכע יידן מיט קמץ־בערדלעך און מיט זעלנערישע מונדירן וועלן קאָנען טראָגן דאָס פּעקל? ווילאַנג, מיינען זיי, די ראַבינערס, וועלן זיי וועלן טראָגן דאָס פּעקל? האָבן זיי, די אייניקלעך פון די חכמי אשכנז, נישט אוועקגעוואָרפן דאָס פּעקל אין מיטן גאַס און איבערגעלאָזן צו די אַנדערע?

— ווי האָט ער געזאָגט, דער קאָצקער? — טראַכט דער רבי — דער ספּאָדיק און די פּיאות זענען גאָרנישט שבגאָרנישט, נאָר ווען אַ ייד האַלט פעסט צו זיין ספּאָדיק און די פּיאות, זעט ער נישט דעם וועג צו די גויים. יאָ, אַזוי האָט ער געזאָגט, און דאָס דאַרף מען היינט געדענקען.

ער דערמאָנט זיך אָן די ערשטע טעג, ווען די דייטשן זענען אָנגעקומען. עטלעכע טעג שפּעטער איז יואלקע פּאָדריאַטשיק געקומען צו אים אַ פאַרסאָפּעטער.

— רבי — האָט ער געזאָגט — עס איז אַ גרויסע סכנה פון די נייע מושלים. אַלע רבנים זענען זיך צונויפגעקומען. מ׳וואַרט בלויז אויף אייך, רבי, פאַר דער טיר וואַרט אַ דראָשקע...

יואלקע פּאָדריאַטשיק, וועלכער איז געווען אַ חשוב ביי די צאַרישע פּאָלקאָווניקעס און האָט גלייך אויך געפונען אַ וועג צו דעם קייזערס גענעראַלער, האָט די רבנים דערציילט, אַז די געפאַר איז גרויס. די נייע מושלים ווילן אַרויסגעבן אַ גזירה, אַז יידן וועלן מוזן אָפּשערן זייערע בערד און פּיאות און מאַכן קירצער זייערע קאַפּאָטעס און נישט טאָרן טראָגן די יידישע היטעלעך מיט די פּלאַטשיקע דענקעס... עס פּאַסט זיי נישט, אַזוי זאָגן די דייטשע אָפיצירן, אַז ביי זיי אין לאַנד זאָלן זיין אַזעלכע יידן. עס מוז זיין אַנדערש, ווי ביי דעם רוסישן צאַר.

— ווען זאָל זיין די גזירה? — האָבן די רבנים געוואָלט וויסן.

— כ׳ווייס נישט — האָט יואלקע פּאָדריאַטשיק געענטפערט — מ׳זאָגט אַ ליאַדע טאָג.

— איידער אַ גזירה פון מלכות — האָבן זיך געהערט דערשראָקענע שטימען — אפשר זאָלן די רבנים אַליין זאָגן דעם עולם פריער דאָס צו טאָן. אפשר וועט מען אַזוי ראַטעווען דאָס יידישקייט...

אין די רייד איז געווען שרעק. די פנימער פון די חסידישע גבירים און שתדלנים זענען געווען בלייך. מיט דעם צאַרס שררות איז געווען שווער אויסצוקומען, אָבער מען האָט זיך צו זיי צוגעוווינט. מען האָט געוווסט ווי אַזוי זיי צו פאַרשטופּן די טריפהנע מיילער. זענען זיי געווען גאָר גרויסע רשעים, איז דער פּרייז געווען אַ העכערער. אָבער פאַר יעדן פון זיי איז געווען אַ פּרייז. דאָס האָט מען געוווסט. דעריבער האָבן זייערע גזירות נישט אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק. מיט די נייע מושלים אָבער ווייסט מען נישט ווי אַזוי צו ריידן. זיי טופּען נישט מיט די פיס און זיי שילטן נישט מיט מיאוסע קללות. זיי ריידן גאָר פיינע רייד. און זיי זאָגן קיינמאָל נישט „זשיד". נאָר אין זייערע קאַלטע וואָסערדיקע אויגן טוט אַמאָל אַ בליץ־אויף אַזאַ פייערל, אַז עס ווערט קאַלט אין אַלע ביינער. אַלע ווייסן וואָס זיי האָבן געטאָן אין דער גרענעץ־שטאָט קאַליש. יידן האָבן זיך דאָרט געפרייט. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די אמתע מחותנים מיטן דייטש. אַ קלייניקייט עפּעס, שכנים פון אַזוי פיל יאָרן. און די שכנים האָבן זיי אַרויסגענומען פון די הייזער מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָבן זיי אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט און אַפילו קיין ווידוי נישט געגעבן קיין צייט צו זאָגן. די חורבות פון זייערע צעשאָסענע הייזער רויכערן נאָך, זאָגט מען. אַזעלכע רשעים! מיט זייערס אַ גזירה שפּילט מען זיך נישט. אַ, ניין. אוודאי, ווען די דורות זענען געווען אַנדערע, האָבן יידן געהאַט כוח זי אַקעגנצושטעלן. די חכמים האָבן אונדז אָנגעזאָגט, אַז אַפילו אויף אַ בענדל פון אַ שוך דאַרף אַ ייד זיך מוסר נפש זיין, ווען די גויים גיבן אַרויס אַ צו־להכעיס גזירה. היינט זענען שוואַכע דורות. נישטאָ מער די אַמאָליקע כוחות. איז אפשר וועלן יידן נישט אויסהאַלטן דעם נסיון? און אויב אַזוי, איז אפשר גלייכער, אַז די גוטע יידן זאָלן זאָרגן, אַז עס זאָל צו קיין נסיון נישט קומען? זיי, די גוטע יידן, די אויגן און די קעפּ פון דער הייליקער עדה, וועלן אַליין הייסן די יידן אויסטאָן דאָס פלאַטשיקע היטעלע און אָנטאָן די גרויסע אומהיימלעכע קאַפּעליושן, זיי זאָלן הייסן קירצער מאַכן די קאַפּאָטעס. און ווען די רשעים וועלן קומען מיט דער גזירה, וועלן זיי נישט האָבן אויף וועמען גוזר צו זיין און נישט קאָנען מער שטעלן די יידן פאַר קיין נסיון... אַזוי האָבן גערעדט די שתדלנים און די רבנים האָבן זיך געשאָקלט אַהין און אַהער.

דער רבי האָט געקוקט אויף די פּנימער פון די ראשי המדברים. יאָ, זיי האָבן מורא פאַר די גזירות פון די נייע מושלים. ער האָט געזען ווי די שרעק שרייט פון זייערע אויגן. נאָר עפּעס איז אים פאַרגעקומען, אַז הינטער דער דאָזיקער שרעק ליגט באַהאַלטן עפּעס אַנדערש. און דאָס עפּעס אַנדערש האָט זיך אַזוי פאַרטאַיעט, האָט זיך פאַרשטעקט אַזוי טיף אין האַרץ, אַז זיי אַליין ווייסן נישט דערפון.

דער רבי טראַגט איבער זיינע מידע אויגן פון איין פּנים צום אַנדערן און מיטאַמאָל פילט ער ווי די אויגן זיינע שליסן זיך צו. ער דערשרעקט זיך פאַר דעם וואָס ער זעט. ער וויל נישט זען מער. ער וויל נישט וויסן, ער איז נישט מחויב אַלץ צו וויסן. איז נישט גענוג, אַז יידן ווילן פאַרהיטן אַ גזירה? אָבער ער קאָן זיך נישט העלפן. ער מוז זען. מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער די פרייד, וואָס באַהאַלט זיך הינטער דער שרעק. יאָ, יאָ, אַזוי איז עס: פרייד. אין אַ ווינקל אין האַרץ האָט זיך פאַרשטעקט די פרייד, זי שעמט זיך, די פרייד, אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. אָבער זי וואַרט אויף דער גזירה. עס איז זיי שוין צו שווער די קאַפּאָטע, זיי שעמען זיך שוין אַליין מיטן היטעלע. זיי ווילן פון דעם אַלעם פּטור ווערן. זיי ווילן זיך לייכטער מאַכן דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס. די טעכטער אין שטוב גייען אין די שקאָלעס און די זין זענען שוין נישט די זעלבע וואָס אַמאָל. מ׳האָט נאָר בלויז מורא אויסצוטאָן דאָס שעם־היטל. היינט איז פאַר זיי שווער די קאַפּאָטע, און מאָרגן? וואָס נאָך וועלן זיי מאָרגן וועלן אַראָפּוואַרפן פון זייערע פּלייצעס?

— היינט זאָגט ער טו אַזוי, און מאָרגן זאָגט ער טו אַזוי — ער קוקט נישט אויף קיינעם, ווען ער רעדט אַרויס די ווערטער — אַזוי, אַזוי איז דער וועג פון יצר הרע.

אין דער שטוב איז געוואָרן שטיל. די שתדלנים מיט די ברייטע צעקעמטע בערד האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

און דער רבי האָט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, גערעדט ווי צו זיך.

— דער טאַטע, זכרונו לברכה, איז נאָך געווען אין קאָצק און ער האָט געהערט ווי דער קאָצקער האָט געזאָגט צום זיידן: זעסט, איטשע מאיר, ווען דער בעל דבר הייסט מיך טאָן אַן עבירה, האָב איך אים אין די טשוועקעס. איך נעם אים אָן ביים קאָלנער און וואַרף אים אַראָפּ פון אַלע טרעפּ. איך האָב מורא פאַר אים, ווען ער קומט צו מיר מיט אַ קאָלפּאַק אויפן קאָפּ און וויל גאָר טאָן טובות צו יידן...

און ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן לאַנגן טיש און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט אויף די פּנימער מער נישט די באַהאַלטענע פרייד. די קנייטשן אויף די הויכע לומדישע שטערנס האָבן זיך געפּאַל־דעוועט, ווי פון טיפער זאָרג.

— כ׳וועל נאָך איבעררײדן מיט די ראַבינערס — האָט דער רבי זיך אויפגעשטעלט.

זיצט ער שוין מיט זיי אַ שעה צייט און ווייסט נאָך אַלץ נישט וואָס און ווען. עס וועט נישט זיין קיין גזירה, זאָגן זיי, דאָס דײַטשע מלכות האָלט נישט פון קיין גזירות.

— איז ווי גייט דאָרט די יידן? — פרעגט דער רבי.

די צוויי ראַבינערס זענען צופרידן מיט דער פראַגע. זיי דערציילן ווי ביי זיי גייט. עס איז ברוך השם דאָ פּרנסה. און נישט בלויז פּרנסה. מ׳פילט זיך פריי און זיכער. אויף דער גאַס דערקענט מען כמעט נישט צווישן אַ ייד און נישט־ייד. די גרעסטע דאָקטוירים זענען יידן, דער קיסר אַליין נעמט זייערע רפואות.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס — דערמאָנט זיך דער רבי אָן דעם פּראָפעסאָר, צו וועלכן ער קומט יעדן זומער קיין בערלין.

— און די גרעסטע באַנקירן — דערציילן ווייטער די ראַבינערס — און פאַבריקאַנטן, דער קייזער פאַרבעט זיי אַפילו צו זיינע שמחות.

— נו, און מכוח יידישקייט?

— מען שטערט נישט קיינעם — ריידן די ראַבינערס — גאָט באַ־היט. און, ווען יידן זאָלן נאָר ווילן... און עס זענען טאַקע דאָ יידן, נישט אַזעלכע גרויסע לומדים, נאָר זיי היטן אָפּ יידישקייט. און ווען די יידן דאָ זאָלן זיך אַזוי פירן, נישט חלילה פון צוואַנג, נאָר פון גוטן ווילן. נאָך וואָס וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן? אין שטוב, אין בית המדרש, קאָן מען זיין אַ ייד...

— יאָ, יאָ, — מורמלט צו זיך דער רבי מיט האַלב פאַרשלאָסענע אויגן.

פלוצלינג דרייט ער זיך אויס צו זיי. זיין בליק ווערט שאַרף און דורכדרינגלעך און זיין שטים איז קלאָר:

— וואָס איז ער, דער דייטש?

די ראַבינערס קוקן איינער אויף דעם אַנדערן. דער ראַבינער פריד־

מאַן, פון פראַנקפורט, דרייט זיך אַן אומרואיקער אויף זיין שטול. דר. לעווי צופּט נערוועז זיין ווייס בערדל, ער קוקט גלייך אין דעם רבינס אויגן און ער זאָגט מיט אַ הייזעריקער שטים:

— ער איז עמלק, רבי.

זיין חבר פון פראַנקפורט קוקט מיט דערשטויננטע אויגן און דר. לעווי חזרט איבער:

— יאָ, דער אמתער עמלק.

— געלויבט צו גאָט — קוקן דעם רבינס אויגן מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אויף דר. לעוויס בלייך פּנים.

— געלויבט צו גאָט, זאָגט איר, רבי? — ווערט דר. לעוויס פּנים נאָך בלייכער.

דעם רבינס פּנים צעשמייכלט זיך נאָך ברייטער און זיין שטים נעמט אַן ווייכע גלעטנדיקע טענער:

— כ׳ווייס נישט, צי מ׳האָט ביי אייך געהערט פון דעם מגיד פון קאָזשעניץ...

— יאָ, יאָ, געהערט — שאָקלט מיטן קאָפּ דער ראַבינער אין אַפּי־צירן־מונדיר — מיין זיידע האָט מיר דערציילט...

— איז ווען נאַפּאָלעאָן איז געקומען אַהער מיט זיינע חיילות — האָט דער רבי אַריינגענומען אין זיינע הענט די באָרד — זענען חסידים געקומען צום קאָזשעניצער מגיד און אים דערציילט, אַז דער קיסר פון פראַנקרייך וויל מבטל מאַכן דעם גלות. דער קאָזשעניצער האָט זיך צע־וויינט און ער האָט מתפלל געווען, אַז יידן זאָלן נישט פאַרלירן דעם טעם פון גלות. אַזוי לאַנג ווי אַ ייד פילט דעם טעם פון גלות, איז ער אַן אונד־זעריקער. גוט וואָס איר דערקענט עמלקן...

דער רבי קוקט אויף דעם בלאָען אָפּיצירן־מונדיר פון פראַנקפורטער ראַבינער. איצט איז ער אים מער נישט פרעמד.

— זיי דערקענען עמלקן — טראַכט דער רבי — און דאָס איז דער עיקר.

איצט אַרט אים שוין נישט וואָס זיי ריידן אַזוי פיל. ער הייבט אויף אַן באַנעמען וואָס זיי ווילן. באַנעמען נישט די רייד זייערע, נאָר זייער אינערלעכן מיין, די פּנימיותדיקע נקודה (פּינטל) וואָס אַרום איר וויקלט זיך דאָס גשמיותדיקע וואָרט, ווי אַ שאָלעכץ. ער פילט איצט דעם אי־

נערלעכן ציטער אין זייערע רייד און ער ווייסט, אַז אויך זיי ווילן היטן די נקודה. זיי ווילן זי נאָר איינוויקלען אין אַן אַנדערן לבוש. דאָס אַלטע שאַלעכץ צעפאַלט, זאָגן זיי, און מען מוז באַצייטנס צוגרייטן דעם נייעם לבוש.

ער האָט זיך שוין געשראָקן, וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו זיי, צו די צוויי ראַבינערס. ער ווייסט, אַז דער עולם קאָן עס נישט באַנעמען. און פון די אַנדערע הויפן שרייבט מען אים אויכעט און מען האָט טענות. ערשט אַנומלט האָט ער באַקומען אַזאַ בריוו, ווו מען וואָרנט אים פאַר דעם נייעם וועג, קעגן וועלכן זיין טאַטע, ווען ער לעבט, וואָלט אויפגע־רודערט די וועלט.

וואָס הייסט עס עפּעס נאָכמאַכן די פּושעים, די ציוניסטלעך און די סיציליסטן? מיט צייטונגען און מיט פאַרטייעס און מיט פּוסטע רייד? ווו איז ביטול תורה? און ווי שטייט ער אָן צו שיקן חסידישע יונגעלייט צו די אַלע פּושעים און מיט זיי איינטענהן? זיין טאַטע, זכרונו לברכה, וואָלט דאָך אויף דעם אַלעם מרעיש עולם געווען?

דער בריוו האָט אים קיין רו נישט געגעבן. צוליב דעם בריוו איז ער געקומען שבת דאָ אַהער, צו ר׳ לוין. ער האָט זיך דערשראָקן נישט פאַר די שרייבער, נאָר פאַר זייער דערמאָנען זיין פאָטער. פונוואַנען האָבן זיי געוווסט, אַז דער געדאַנק וועגן זיין פאָטער גיט אים נישט קיין רו. טיילמאָל בייַנאַכט האָט ער געזען דעם פאָטער שטיין ביי אים צוקאָפּנס און זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט שטילן פאַרוווּרף, מיט דער שטילער הקפּדה, וואָס האָט אים געמאַכט אויפשווידערן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל.

ער האָט זיך געפּרוווט פאַרענטפערן. ער האָט אים דערציילט, אַז עס זענען איצט אַנדערע צייטן, ווי אַמאָל. אַמאָל האָט מען מורא געהאַט פאַר דער גויישער טומאה. איז מען אַנטלאָפן פון איר צו דער תורה, צו חסי־דות, צום רבין, צו דעם עולם אין שטיבל. היינט ווייסט מען נישט וווהין צו אַנטלויפן. יידן אַליין ווייסן שוין נישט וווהין זיי באַלאַנגען. זיי האָבן פאַרלוירן דאָס געדולד. זיי זיינען דוחק דעם קץ. און עס העלפט נישט דאָס שרייען און דאָס בעטן. זיי ריידן וועגן דער גאולה מיט אַ לשון ווי עס וואָלט געווען אַ זאַך וואָס ווענדעט זיך אָן זיי. און אין די שטיבלעך ווערט ליידיקער. און דער קול פון תורה ווערט פאַרשטומט. איז עס

הפקרות? זענען זיי געוואָרן מיד פון דעם פעקל יידישקייט און זיי ווילן עס אַראָפּוואַרפן און אַנטלויפן? וואָלט אַזוי געווען, וואָלט מען געוווּסט וואָס צו טאָן. איז אָבער אַנדערש. זיי נעמען אויף זיך אַן אַ נ ד ע ר פעקל. זיי טראָגן נישט קיין בערד און ווער ווייסט צי זיי דאַווענען גאָר, נאָר קיין ארץ ישראל גייען זיי. און זענען אַפילו גרייט אויף מסירת נפש. און עס קומען צו מיר יונגעלייט און זייערע אויגן פאָדערן פון מיר אַן ענטפער. זיי מוזן האָבן אַן ענטפער. דו הערסט, טאַטע, זיי שטייען פאַר מיין טיר און וואַרטן אויף מיין ענטפער...

אַזוי רעדט ער ביינאַכט צו זיין פאָטער. טיילמאָל בעט ער זיך ביי אים ער זאָל גרינגער מאַכן די לאַסט וואָס איז צו שווער, און טיילמאָל זאָגט ער:

— דו שווייגסט, טאַטע, נו וועל איך נעמען די לייצעס אין האַנט...

ער האָט זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן. אָבער נישט איינמאָל נעמט אים אַרום אַ שרעק און ער ווייסט נישט וווהין דער וואָגן וועט פאַרפאָרן. איצט פילט ער זיך רואיק. ער קוקט אויף די ראַבינערס פון בערלין און פון פראַנקפורט מיט אַ גוטן שמייכל. זיי דערקענען נאָך עמלקן, ער שטעלט זיך אויף און עפנט די טיר. ר׳ לוי שטייט מיט זיין איידעם, דניאל עפשטיין.

— מיין איידעם, רבי, — זאָגט ר׳ לוי.

— כ׳ווייס. — שטעקט אויס דער רבי זיין ווייכע פאַרהאָרטע האַנט צו עפשטיינען — דניאל...

— כ׳מיין, מ׳וועט אַריינגיין צום עולם, לוי...

ער גייט, צוזאַמען מיט די צוויי ראַבינערס, אַריין אין דער גרויסער העל באַלויכטענער עס־שטוב.

די חסידים שטייען אין צוויי רייען ביי דער טיר. דער רבי גייט דורך אין דער מיט.

די חסידים בייגן זיך אַראָפּ, אַז דער רבי זאָל זען זייער פּנים ווען זיי זאָגן אים גוט שבת.

דער רבי גייט מיט אַן איילעוודיקן טריט. ער שטעלט זיך אָפּ ביים הויכן משה.

— וואָס מאַכסטו, משה? — דעם רבינס אויגן קוקן אויף זיין גלאַנ־

ציקער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און אויף זיין נייעם הויכן שטריימל — ווו האָסטו איבערגעלאָזט אונדזער זעליקלען?

— ר׳האָט נישט געוווסט, זעליקל — שטאַמלט דער הויכער משה — יאָך האָב אויך די לעצטע מינוט.

דער רבי נעמט אָן דעם הויכן משה ביים אָרבל און גייט מיט אים צוזאַמען צום טיש.

דער רבי זעצט זיך אין דער מיט פון טיש און ווייזט אָן די ראַבי־נערס זיך צו זעצן לעבן אים.

דער הויכער משה בלייבט שטיין אונטער דעם רבינס שטול און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך.

דער רבי נעמט פון טיש אָן עפּל, דרייט זיך אויס מיט אַ שמייכל צום הויכן משה.

— נאָ, משה, דעם עפּל — זאָגט ער — נאָר הייבט זאָלסטו מיר נישט אַרונטער אונטערן טיש, ווערסט גאַרנישט קריגן...

משה האַלט דעם עפּל אין האַנט און איז נישט דרייסט צו זאָגן, אַז עס איז זיין חזקה צו זיין הינטער דעם רבינס טיש.

— ס׳וועט דיר קיינער נישט צונעמען די חזקה — רעדט דער רבי ווי ער וואָלט געלייענט פון הויכן משהס פּנים זיינע מחשבות — געדענקסט, ווי דו האָסט אַמאָל איבערגעשראָקן ר׳ יצחקלען אונטערן טיש... זיי — ווייזט ער אָן אויף די ראַבינערס — ווייסן שוין גאַרניט קיין חכמות.

דער רבי קוקט אַ לענגערע ווייל אויף משהן און גיט צו:

— און דו אַליין, משה, האָלסט דען נאָך אַלץ פון ליגן אונטערן טיש...

— דער רבי ווייסט אַלץ — דערפילט דער הויכער משה אַ שוואַכקייט אין די קני — ער ווייסט פון מיינע מלחמה־עסקים און, ווער ווייסט, אפשר האָב איך שוין נישט די חזקה...

ר׳ לוי האָט צוגערוקט צום רבין דעם קרישטאַלענעם טעלער, אָנגעפולט מיט פּירות.

דער רבי האָט גענומען אין האַנט אַ פּרי און דערלאַנגט איינעם דעם ראַבינער לעווי, זאָגנדיק:

— איר זענט אונדזער גאַסט...

— דאַנקע שען — האָט דער ראַבינער לעווי זיך פאַרנייגט.

דער רבי האָט דעם צװײטן עפּל געגעבן דעם ראַבינער פרידמאַן פון פראַנקפורט און אויך ער האָט נישט פאַרשטאַנען װאָס עפּעס דער רבי גיט אים אין האַנט אַרײַן אַן עפּל, װאָס שטײט אויפן טיש פאַר אַלע, און געזאָגט:

— דאַנקע שען...

אין די חסידים־שטיבלעך האָט מען שפּעטער װאָכנלאַנג נישט גע־קאָנט פאַרגעסן דעם „דאַנקע שען" פון די צװײ ראַבינערס.

— אַזעלכע יעקעס — האָט מען נאָכדערצײלט און דער עולם האָט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פאַר געלעכטער — װײסן נישט צומאָל פון קײן שירײם און זײ זאָגן גאָר „דאַנקע שען" דעם רבין, געהערט דיבורים! „דאַנקע שען"!

בײַם טיש אָבער האָט דער עולם זיך נישט געמאַכט הערן דעם דאַנ־קע שען. אַלע אָבער האָבן געזען װי אַ שמײכל איז דורכגעלאָפן איבער דעם רבינס פּנים, װען ער האָט יעדן פון די חסידים דערלאַנגט שפּעטער אַ פּרוכט. זײ האָבן זיך איבערגעבײגן איבערן טיש, כדי דעם רבינס הענט זאָלן קאָנען צו זײ דערלאַנגען און זײערע אויגן האָבן געקוקט אויפן רבינס פּנים, מיט דערװאַרטונג, געמישט מיט פּחד.

דר. לעװי האָט געצויגן מיט די אַקסלען. עס איז אים פאַרגעקומען, אַז דאָס טײלן די פּרוכטן װערט בײַ דעם טיש פאַרװאַנדלט אין אַ מיס־טעריע, װאָס יעדער בײַם טיש לעבט איבער.

ער האָט זיך צוגעבײגן צו זײַן שכן, דעם פראַנקפורטער ראַבינער אין דעם אָפיצירן־מונדיר, און שטיל געפרעגט:

— פערשטײען זי דאָס, הער ראַבינער?...

דער ראַבינער פרידמאַן האָט מיט אַ מעסער געשײלט דעם עפּל און מיט דערשטױנטע אויגן געקוקט אַרום זיך.

— װיסן זי, דאָס איס... — נאָר װאָס דאָס איז האָט ער אַלײן נישט געװוסט.

ער האָט נאָר געװוסט, אַז די אַלע װאָס זיצן דאָ בײַם טיש, װוּנדערן זיך נישט, אַז זײ װײסן פאַרװאָס קײנער רירט זי נישט צו צו די פּירות, װאָס מ'האָט אַװעקגעשטעלט בײַם טיש און יעדער װאַרט, אַז דער רבי זאָל דעם עפּל צי פלוים פריער נעמען אין זײַן האַנט.

דניאל עפּשטײן האָט מיט אַ שמײכל געקוקט אויף די צװײ דער־

שטוינטע ראַבינערס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליקע רבישע טישן, וואָס ער האָט בייגעוווינט אין די שטיבער פון ר׳ לויס פאָטער און ער האָט געטראַכט, אַז אויך די חסידים זענען עפּעס אַנדערע געוואָרן. זיי זיצן ביי אַ רבישן טיש מיט צוויי יעקעס, וואָס זאָגן „דאַנקע שען״, ווען דער רבי טיילט שיריים.

דער רבי האָט זיך אַרומגעקוקט, זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם הויף־משורר, יאַנקל טאַלמוד, פון די נאַלעווקעס, און באַלד האָט אַ פריי־לעכער ניגון זיך געטראָגן איבער ר׳ לויס שטיבער.

בערל שמש האָט זיך דערווייל גענומען פאַרען ביים ווייַן. ער האָט מיט אַ לאַנגן פראָפן אַרויסגעצויגן די שמאָלע קאָרקעס פון די ווייַן־פלע־שער און האָט זיי אַוועקגעשטעלט פאַרן רבין, צוזאַמען מיט גאַנצע שע־רענגעס גלעזלעך.

דאָס געזאַנג איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַלעמענס אויגן זענען גע־ווען געווענדעט צום רבין, וואָס איז געזעסן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

ער האָט שווער געעפנט די אויגן, האָט מיט אַ פרעמדן בליק אָפּ־געמאָסטן די מענטשן אַרום דעם טיש, ווי ער וואָלט זיי נישט דערקענט. נאָכדעם האָט ער גענומען אַ גלעזל, האָט עס אַוועקגעשטעלט לעבן דעם ראַבינער לעווי. בערל האָט אים דערלאַנגט אַ פלאַש ווייַן און ער האָט גענומען אָנגיסן דאָס גלעזל, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם דאָקטאָר.

— אָ, הער ראַבינער, איך וועל שוין זעלבסט — האָט דער ראַבינער געפּרוווט אַרויסנעמען די פלאַש פון רבינס האַנט.

אַ חסיד האָט זיך צו אים צוגעבויגן און שאַרף אַ זאָג געטאָן אין אויער:

— נעמט אַוועק די האַנט...

דער ראַבינער לעווי האָט, אַ דערשראָקענער, צוריקגעכאַפּט זיין האַנט און ווען דאָס גלעזל ווייַן איז פאַר אים געשטאַנען אָנגעפילט, האָט ער ווידער אַ זאָג געטאָן:

— בעסטן דאַנק, הער ראַבינער...

בערל שמש האָט דעמאָלט געהאַלטן אין מיטן עפענען אַ פרישע פלאַש ווייַן. האָט ער שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, בערל שמש. ער האָט געפילט, אַז באַלד וועט ער אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער, וואָרום ווי קאָן מען נישט פּלאַצן, ווען מ׳הערט שוין צום צווייטן מאָל

אַזעלכע יעקישע ריידביים רבינס טיש. האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן און זיך צעהוסט און פון גרויס צעטומלעניש האָט די פלאַש זיך אַרויסגע־גליטשט פון זיין האַנט און איז מיט אַ ברעזגערייי צעשפּרונגען.

עטלעכע טראָפּנס פון צעגאָסענעם וויין האָבן פאַרשפּריצט דעם אָפּי־צירן־מונדיר פון פראַנקפורטער ראַבינער. ער איז אַזש רויט געוואָרן און האָט אַפילו פאַרגעסן צו דאַנקען דעם רבין פאַרן וויין.

די חסידים האָבן שפּעטער געזאָגט, אַז דער כעס פון פראַנקפורטער ראַבינער איז געווען ממש אַ נס. ווען זיי הערן צום פערטן מאָל אַ „דאַנקע שעון" וואָלטן זיי מער נישט געקאָנט זיך באַהערשן און דער גאַנצער טיש וואָלט זיך געקאָלערט פאַר געלעכטער.

דער רבי איז שנעל פאַרטיק געוואָרן מיטן וויין און אָנגעהייבן זאָגן תורה.

ער האָט ציטירט פּסוקים און מדרשים, האָט נאָכגעזאָגט ווערטער פון זיין פאָטער און זיידע און אַלע האָבן זיי גערעדט, אַז צו יעדער צייט איז באַשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערער דרך און, אַז די איצטיקע צייט איז גאָר אַ באַזונדערע און דעריבער מוזן אויך זיין באַזונדערע וועגן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און דער עולם האָט זיך צוריקגעצויגן און געמיינט, אַז דער רבי האָט געענדיקט, יאַנקל טאַלמוד האָט שוין אַפילו געעפנט ס'מויל צו נעמען זיך צו אַ נייעם ניגון. פּלוצלינג האָט דער רבי ווידער אַ זאָג געטאָן:

— עס איז היינט אַנדערש ווי ביים טאַטן. עס דאַרף זיין אַנדערש. און ווען מען וועט מיך פרעגן, וועל איך זאָגן, אַז אַזוי דאַרף זיין.

ער האָט אַ קוק געטאָן צו די ראַבינערס און געזאָגט:

— און כ'וויל, אַז דער עולם זאָל וויסן, אַז מ'טוט גאָרנישט אָן מיין הסכמה.

ביים טיש איז געוואָרן שטיל. דער עולם האָט געוווסט, אַז די צוויי יעקעס, וואָס זאָגן „דאַנקע שעון" און ווייסן נישט פון קיין שיריים, וועלן האָבן פון היינט אָן צו זאָגן און אַז מ'וועט זיי האָרכן וואָרום אַז דער רבי הייסט, הערן אויף אַלע קשיות.

דער עולם ביים טיש האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַצינד ווייסט מען כאָטש ווו מען האַלט אין דער וועלט. דער רבי האָט אַראָפּגענומען פון זייערע פּלייצעס די לאַסט, ער האָט אַלץ גענומען אויף זיך. זיי האָבן

אויך געפילט, אַז עס זענען אַנדערע צייטן. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט זיך צו זיי צו אנערקענען. עס ווערט וואָס אַמאָל מער שווערער איינצו־האַלטן דאָס יונגוואַרג אין די שטיבער. זיי בונטעווען זיך, די זין און די טעכטער און די איידעמס. זיי פרעגן קשיות. זיי לויפן ביינאַכט מיט די פיאות פאַרשטעקט אונטער די קליינע היטעלעך, צו הערן די דרשות פון דעם יצחק גרינבוים און קומען צוריק מיט צעפלאַמטע פנימער. צומאָרגנס ריידן זיי ווידערשפעניקע רייד. זיי דערציילן אויסטערלישע מעשיות וועגן יידן וואָס אַקערן פעלדער און פלאַנצן וויינגערטנער אין די מקומות פון חומש און זיי פרעגן פאַרוואָס טאָר מען אין שטיבל וועגן דעם אַלעם נישט וויסן.

און עס געפעלט זיי שוין נישט דאָס פירעכץ אין שטיבל. אויף דעם גרינבוימס אסיפות, זאָגן זיי, ריידן נישט אַלע מיטאַמאָל. איינער רעדט און מ׳פאַרשטייט יעדעס וואָרט. איז פאַרוואָס, פרעגן זיי, איז ביי אונדז נישט אַזוי?

און די חדרים געפעלן זיי שוין אויך נישט. זיי קאָנען זיך שוין באַלד נישט צונויפריידן מיט די אייגענע שוועסטער. יצחק גרינבוים ווייסט עס אויכעט און ער לאַכט פון זיי.

אַזעלכע און נאָך אַנדערע עזותדיקע רייד הערן זיי, די טאַטעס, יעדן טאָג אין שטוב. זיי בייזערן זיך. זיי שרייען אויף די עזות־פנימער. אָבער זיי זענען אַליין צעטומלט. און זיי שרייען נאָך העכער, ווייל זיי פילן, אַז זיי אַליין הייבן שוין אָן פרעגן אַזעלכע קשיות. זיי אַליין וואָלטן געוואָלט כאָטש אַ קוק טאָן אויף די יידן, וואָס פלאַנצן וויינגערטנער און אַקערן פעלדער אין יענעם ווייטן לאַנד, וואָס איז זיי אַזוי נאָענט. זיי אַליין טוט הנאה, ווען דער עזות־פנים, דער גרינבוים זייערער, שטעלט זיך אַוועק צווישן אַ מחנה גויים און זאָגט זיי, אַז ער האָט פאַר זיי נישט קיין מורא. זיי ווייסן, אַז דער גרינבוים איז אַן אפיקורס, אַז ער לייגט, רחמנא ליצלן, נישט קיין תפילין און היט נישט קיין שבת, פונדעסטוועגן וואָלטן זיי געוואָלט שטיין און קוקן אויף אים, ווען ער רעדט אַזעלכע עזותדיקע רייד צו די גויים, כאָטש זיי ווייסן, אַז מען טאָר נישט קוקן אין זיין פנים.

זיי ווייסן דאָס אַלץ, און זיי ווייסן אויך, אַז מען מוז עפּעס טאָן, נאָר פאַר דעם „עפּעס" האָבן זיי מורא.

זיי קוקן אויף דעם רבין מיט צעלויכטענע אויגן. ער נעמט ביי זיי

צו די מורא. ער נעמט אַריין צו זיך אַלע זייערע שרעקן. ער האָט אָוועק־געזעצט לעבן זיך די צוויי יעקישע ראַבינערס און זיי הערן מיט דער־שטוינונג, ווי ער זאָגט צו דעם יעקע מיט דעם אָפּיצירן־מונדיר, מיט דעם פּעך־שוואַרצן קמץ־בערדל:

— זאָגט עפּעס דעם עולם, פראַנקפורטער רב.

די ראָזענשטרויכס און גראַמאַנס און די וועגמייסטערס און די בלאָ־סעס בייגן פאָרויס די קעפּ און זייערע שטריימלעך בילדן אַרום דעם טיש אַ ברוינעם וואַלד. זיי גלייבן נישט זייערע אייגענע אויערן. מילא, אַז דער רבי הייסט גיין אויף די יעקישע אַסיפות, גייען זיי. אַז ער הייסט זיי געבן געלט אויף די אַלע יעקישע זאַכן, גיבן זיי. אָבער שבת, ביים רבינס טיש, זאָל גאָר אַזאַ פּאַרשוין מיט אַ שפּיץ־בערדל און מיט אַ זעל־נערישן מונדיר האָבן די העזה צו עפענען דאָס מויל?! אַזאַ איינעם דאַרף מען דאָך אַרויפציען איבערן טיש, אים צוהאַלטן ביי די הענט און פיס און מיט די גאַרטלען אים אַריינהאַקן אַ משכנתא אַזוי לאַנג, אַז ער זאָל וויסן וואָס הייסט דרך ארץ. אַ, ווען דער רבי איז דאָ נישטאָ, וואָלטן זיי אים דאָ גלייך, אויף ר׳ לויס שבתדיקן טיש, אים געמאַכט, דעם נאַרישן יעקע, די אמתדיקע חסידישע משכנתא.

דער ראַבינער פרידמאַן שטעלט זיך אויף. ער מאַכט זיך גלייך דעם מונדיר. זיינע ברוינע אויגן קוקן אויף דעם ברוינעם שטריימל־וואַלד, וואָס בייגט זיך צו אים. ער איז צופרידן, ער איז זיכער, אַז דער עולם וויל אים הערן. ער ווייסט, אַז אויב ער האָט איצט פּאַר וועמען צו ריידן, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס דער רבי זיצט לעבן אים ביים טיש. ער וויל אָבער, אַז מען זאָל אים הערן צוליב אים אַליין. די דאָזיקע יידן מיט די גרויסע בערד און ברייטע אַטלאַסענע זשיפּיצעס שרעקן אים. ער פילט צו זיי אַ פרעמדקייט און נאָענטקייט צוגלייך. אַמאָל דאַכט זיך אים, אַז זיי זענען ווי קינדער, וועלכע מ׳דאַרף האַלטן ביים האַנט און פאָרזיכטיק פירן איבער דער גאַס. און אַמאָל דאַכט זיך אים, אַז זייערע אויגן קוקן אויף אים מיט באַהאַלטענעם חוזק, געמישט מיט רחמנות און ער פילט זיך צווישן זיי ווי אַ יינגל צווישן זיידעס מיט ווייסע בערד, וואָס שפּילן זיך מיט אים אַ ווייל און באַלד וועלן זיי אים הייסן גיין שלאָפן.

ער קאָן זיי נישט איינבייסן, די דאָזיקע יידן. ער איז געקומען אַהער זיי לערנען און העלפן. ער איז געווען זיכער, אַז ער ווייסט ווי אַזוי און

וואָס זיי צו לערנען. ער האָט צוויי דאָקטאָראַטן באַקומען אין פראַנק־פורט, און אַלע ווייסן, אַז ער איז דער בעסטער רעדנער אין דער גאַנצער שטאָט. ער איז געווען זיכער, אַז עס וועט אים לייכט אָנקומען מיט די דאָזיקע אָרעמע „לויטע", וואָס טייל פון זיי קומען אַמאָל קיין פראַנק־פורט און דעמאָלט מוז מען זיי שאַפן אויף הוצאות אַהיימצופאָרן.

עס איז אָבער געווען שווערער ווי ער האָט גערעכנט. זיי ריידן נישט קיין סך, ווען זיי טרעפן זיך מיט אים און מיט זיין עלטערן פריינד, דעם ראַבינער לעווי. זיי הערן שווייגנדיק זיך צו, שאָקלען צו מיט זייערע בריי־טע בערד און עס דאַכט זיך, אַז מ׳האָט זיי שוין אין האַנט. זיי גליטשן זיך אָבער שטענדיק אומבאַמערקט אַרויס. און זיי שמייכלען דערביי, ווי זיי וואָלטן געוווסט עפּעס אַזוינס, וואָס וועט פאַר אים, דעם ראַבינער פרידמאַן, מיט זיינע צוויי פאַקולטעטן, שטענדיק בלייבן פאַרהוילן.

טיילמאָל דאַכט זיך אים, אַז זיי שפּילן זיך אומישנע מיט אים, אַז זיי ווילן זיך לוסטיק מאַכן איבער אים און ווען ער גייט אַוועק, קרימען זיי אים נאָך.

ער וויל פאָרן אַהיים, צו זיין פראַנקפורט. דאָרט ווייסט ער וואָס ער האָט צו טאָן. דאָ אָבער, צווישן די זיידענע זשיפּיצעס, פילט ער זיך אָפט פאַרלוירן און לעכערלעך. יאָ, ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, שעמט ער זיך אָבער. עס דאַכט זיך אים, אַז זיי, די יידן מיט די גרויסע בערד, ווייסן אַז ער וויל אַנטלויפן, אַז ער האָט מורא פאַר זיי. ער נעמט מיטביידע הענט אָן די קלאַפּעס פון זיין מונדיר. ער מוז היינט צו זיי אַנ־דערש ריידן, ער מוז ביי דעם טיש פאַרגעסן אָן זיינע צוויי פאַקולטעטן, ער מוז ווערן איינער פון זיי. עס מוז זיך אים דאַכטן, אַז אויף אים ליגט נישט דער שטייפער אָפיצירן־מונדיר, נאָר אַ ברייטע אַטלאַסענע זשיפּי־צע העגנט אויף אים, אַרומגענומען מיט אַ גרויסן גאַרטל און אַז אַ הויך שטריימל באַדעקט זיין קאָפּ. יאָ, אַזוי מוז ער פילן. איצט ווייסט ער וואָס עס איז געווען די מחיצה צווישן אים און זיי. ער איז געקומען צו זיי אַ פרעמדער. ער איז געווען דער פּראָפעסאָר פון די בעדער, וואָס איז געקומען מיט פאַרטיקע רעצעפּטן. האָט מען אים באַהאַנדלט ווי אַ פּראָ־פעסאָר, מען האָט צוגענומען די רעצעפּטן און מ׳האָט צומאַרגנס אָן אים פאַרגעסן. איצט ווייסט ער, אַז ער האָט נישט קיין פאַרטיקע רעצעפּטן. ער איז איינער פון זיי און אַזוי וועט ער צו זיי ריידן.

דער עולם ביים טיש האָט אין אָנהייב בלויז געהערט זיין קול און געשמייכלט. נאָר דאָס קול איז נישט אָפּגעטרעטן. עס האָט געבעטן זיך, דאָס קול, און עס האָט געבלאָנדזשעט און געזוכט פאַר זיך אַליין אַ וועג. ער האָט מיט ציטערדיקע פינגער, דער קול, אָנגעקלאַפּט אין פאַרמאַכטע לאָדנס און פאַרשלאָסענע טירן און געבעטן: עפנט, מענטשן, עפנט, כאָטש אַ קליינעם שפּאַלט...

דער עולם ביים טיש האָט זיך צעשאָקלט. אויגן ברענענדיקע האָבן זיך איינגעגאָסן אין דעם טונקל בלייכן פּנים פון דעם רעדנער און די בלייכן זענען געוווען פול מיט מיטגעפיל און ווילן צו העלפן.

און דעמאָלט האָט דער קול זיך צעזונגען. ער האָט אויסגעזונגען אַ געזאַנג פון פרייד. איר האָט מיר געהאָלפן געפינען דעם וועג. אָט לייכט שוין אַ קליין ליכטל. האַלט איין דעם אָטעם. אָט ווערט גרעסער דאָס ליכטל. זעט, זעט, עס ווערט ליכטיקער. נעמט זשע אַרום דאָס ליכטל מיט אייערע ברייטע זיידענע זשיפּיצעס און הויכע שטריימלעך, נעמט זיך אַרום אַלע, ווייל אָט רוקט זיך אָן דער שטורעם. איר הערט זיין בייז געברום. אָ, איך בין פול מיט שרעק פאַר דעם געברום. רוקט זיך צו נענטער, נענטער צו מיר, איך זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן אויף אייך, ווען דער בייזער שטורעם וועט זיך צעטראָגן איבער מיין קאָפּ...

דניאל עפשטיין איז געזעסן צוזאַמען מיט דעם עולם לעבן זיין שווער ר׳ לוי. ער האָט אָבער געהאַט דעם איינדרוק, ווי ער זיצט איינער אַליין אין אַ טונקעלן טעאַטער־זאַל און זייגע אויגן הענגען אויף דער העל באַלייכטענער סצענע. זיין בליק פאַלט אויפן יונגן לענגלעכן פּנים, אויף וועלכן עס שלענגלען זיך געדרייטע לאַנגע פּיאות. יאָ, דאָס איז, דאַכט זיך, דעם רבינס יונגסטער זון. די פולע רויטע ליפּן האָבן אויף דעם בלייכן פּנים אויסגעזען ווי טראָפּנס בלוט. די ליפּן האָבן זיך באַוועגט צו יעדן ציטער אין דעם קול פון דעם ראַבינער אין אָפּיצירן־מונדיר.

דניאל עפשטיין האָט איבערגעטראָגן זיין בליק אויף די אַנדערע טיש־זיצערס. זיי זענען געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיי האָבן זיך באַוויגן אַהין און צוריק מיט זייערע גופים צו דעם קלאַנג פון דעם קול, וואָס האָט זיך אַ מינוט ווי געבייגן אין ווייען, און אַ מינוט געשאַלט פון פרייד.

דער קול איז מיטאמאל אנטשוויגן געווארן, ווי אלע כוחות וואלטן פון אים אויסגעגאנגען.

דער ראבינער האט מיט א טיכל זיך געווישט דעם שטערן. ער האט זיך שווער צוריקגעזעצט אויף זיין ארט.

— יישר כוח, פראנקפורטער רב — האט דער רבי זיך אויפגע־שטעלט פון ארט. דער עולם איז שוין געשטאנען ארום דעם טיש אין דערוואַרטונג.

— איר וועט אפשר אריינגיין אין א צווייטן חדר? — האט ר׳ לוי זיך צוגעבייגן צום רבין.

דער רבי האט נישט געענטפערט. פלוצלינג האט ער א זאג געטאן צו ר׳ לוין:

— ווייסט, לוי, יאך האב דעם זיידן שוין נישט געקענט, דו גע־דענקסט אים, דעם זיידן?

— ווי אין א חלום — האט ר׳ לוי געענטפערט — כ׳בין געווען א קליין יינגל, ווען דער טאטע האט מיך מיטגענומען.

— געדענקסט וואס דער זיידע האט געזאגט, ווען ער האט אנגע־הייבן פירן, לוי?

ר׳ לוי האט געריבצלט דעם שטערן. ער האט עפעס געדענקט, נאר עס איז אזוי שווער זיך צו דערמאנען. דער זכרון דינט אים וואס ווייני־קער די לעצטע צייטן. די אלטע אויגן האבן אויפגעלויכטן און ער האט געזאגט:

— כ׳דערמאן זיך איצט. עס הייסט, יאך אליין האב עס נישט גע־הערט, נאר ר׳ שמחהלע האט מיר שפעטער דערציילט. דער עולם איז אריינגעקומען צו אייער זיידע, און אפגעגעבנדיק מזל טוב, האט ער צו זיי געזאגט: אז עטץ זאגט, אז כ׳בין, בין יאך. דער עולם מאכט דעם רבין. אזוי האט ער געזאגט.

דער רבי האט אנגענומען ר׳ לויס האנט.

— האסט גוט נאכגעזאגט, לוי. דער טאטע האט אויך צו מיר אזוי נאכגעזאגט. און יאך זאג, אז היינטיקע צייטן מוז דער עולם אויף איין טאג נישט פארגעסן, אז ער מאכט דעם רבין.

און ער האט מיט א מיד קול צוגעגעבן:

— אַז דער עולם איז דאָ, איז פֿאַראַן פֿון וועמען צו שעפּן כוח. נעם אַ ניגון, יאַנקל.

אַ פֿריילעך חסידיש געזאַנג האָט זיך מיט פֿרייד אַרויסגעטראָגן אויף דעם איינגעשלאָפֿענעם גזשיבאָוו.

דער רבי איז נישט אַריינגעגאַנגען אין צווייטן חדר. ער האָט זיך אווקגעזעצט ביי דער גרויסער לעדערנער פּאָטער־שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן פֿענצטער. ר׳ לוי איז געשטאַנען לעבן דער שטול, האָט מיט איין האַנט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער שטול און מיט דער צווייטער האַנט אויף דעם אָרעם פֿון זיין איידעם, דניאל עפּשטיין.

— עס טוט מיר הנאה, דניאל, — האָט ער געזאָגט — וואָס דו ביסט געקומען. אַז כ׳זע דיך דאָ, דערמאָן יאָך זיך אין די צייטן פֿון טאַטן. נו, וואָס זאָגסטו? עס וועט נאָך אַמאָל זיין אַזאַ שבתדיקער טיש אין דעם הויז...

דניאל עפּשטיין האָט ר׳ לוין אָנגעוויזן אויף זיינע דריי זין אין שטריימלעך און געזאָגט:

— זינדיקט נישט, ר׳ לוי, אייערע זין פֿראַוזען ווייטער שבתדיקע טישן, מילא, האָט איר בלויז אייערע נישט קיין לייט...

— כ׳האָב דאָס נישט געמיינט, דניאל — האָט ר׳ לוי אים פֿאַרזי־כערט — דו ווייסט אַליין, אַז כ׳האָב עס נישט געמיינט... פֿאַרקערט, דניאל, טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דו ווייסט מער פֿון זיי. יצחק בער און שמחהלע האָבן דאָך פֿון דיר געהאַלטן אַ וועלט, דניאל...

דער עולם ביים טיש האָט זיך אַרומגענומען ביי די הענט.

די צוויי ראַבינערס זענען געשטאַנען אָן אַ זייט און געקוקט אויף דעם חסידישן ריקוד.

— זי וואָרען הויטע וונדערבאַר — האָט דר. לעווי געשמייכלט צו זיין יונגערן פֿריינט.

דר. פֿרידמאַן האָט נישט געהאַט קיין צייט צו ענטפֿערן. דער הוי־כער משה האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דעם טאַנצנדיקן עולם. ער האָט אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף דעם ראַבינער פֿרידמאַנס אַקסל און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אַרומגענומען דעם שוואַרצן ראָק פֿון ראַ־בינער לעווי.

— קומט! — האָט ער זיי אַ צי געטאָן מיט זיך — טאַנצן מיט חסידים!

דאָס ווייסע שפּיץ־בערדל פון דר. לעווי האָט זיך עפּעס אַ הייב געטאָן פון שטוינען.

— לאָססען זי — האָט ער זיך געפּרווּוט באַפרייען פון דעם הויכן משהס פאַרשוויצטער האַנט.

באַלד האָבן זיינע אויגן זיך צעשמייכלט און דער הויכער משה האָט די צוויי ראַבינערס צוגעפירט צום טיש.

דער עולם האָט זיי אַריינגענומען אין רעדל. דר. לעווי האָט געפילט ווי אויף זיינע אַקסלען לייגן זיך שווערע אָרעמס און ער האָט געטראַכט וועגן זיינע פריינד אין בערלינער סעמינאַר.

— וואָס וואָלטן זיי געזאָגט, ווען זיי זעען מיך דאָ? — האָט דער ראַבינער לעווי געשטעלט פאַרזיכטיק טאַנצנדיקע טריט און געקוקט, אַז די שווערע חסידישע שטיוול זאָלן נישט אַרויפפאַלן אויף זיינע שוואַר־צע גלאַנציקע לאַקיר־שיך.

דר. פרידמאַנס אַפּיצירן־מונדיר איז געוואָרן צונויפגעקוועטשט צווישן די פאַרשוויצטע אַטלאַסענע זשיפּיצעס.

— קאַפּוט דער נייער מונדיר — האָט דר. פרידמאַן געוווסט. דאָס מאָל האָט עס אים אָבער נישט געאַרט.

שוין עטלעכע חדשים ווי ער געפינט זיך אין וואַרשע און ער פילט זיך כסדר דאָ פרעמד און איינזאַם. נאָר איצט, דאַכט זיך אים, אַז ער איז צווישן אייגענע. עס איז אים שווער צו כאַפּן דעם אָטעם פון דעם שווייס, וואָס פאַרעוועט אַרויס פון די פאַרשוויצטע לייבער. נאָר אויך דאָס אַרט אים נישט.

ער בייגט זיך אַהין און צוריק אין טאַנץ, ווי זיינע שכנים אין די אַטלאַסענע זשיפּיצעס, און ער זינגט צוזאַמען מיט זיי דעם טאַנץ־ניגון פון יאַנקל טאַלמוד, זינגט וואָס אַמאָל העכער און העכער.

דער הויכער משה פירט דעם טאַנץ. ער פאַרגעסט אָן דער מלחמה און אָן די יעקעס און אָן זיינע נישט כשרע געשעפטן מיט די רייז און אָן זיין טאָכטער מירעלע, וואָס איז שוין אויך פון די היינטיקע און זי וויל נישט קיין חתן פון שטיבל. ער דערמאָנט זיך אָן די אַלטע צייטן, ווען מ׳האָט נישט געהאַט די אַלע זאָרג, ווען ער איז געלעגן מיט דעם

קלײנעם זעליקל אונטערן טיש צופוסנס פון רבין און זײן גאַנץ װעזן איז געװען נאָר אײן געהער.

— לעבעדיקער, לעבעדיקער! — רײסט ער מיט זײנע שכנים — געװאַלד, װי גוט איז צו זײן אַ ייד!...

— װאַרטען זי מאַל... — הערט ער אַ שװער אָטעמען.

דער ראַבינער לעװי סאַפּעט שװער. ער װיל נישט אָפּשטײן פון חסי־דישן טאַנץ און ער קאָן נישט דעריאָגן דעם הױכן משהס אימפּעט.

— איר װעט אײך צוגעװױנען, ראַבינער — נעמט אים דער הױכער משה נאָך פעסטער אַרום — צו חסידים מוז מען זיך צוגעװױנען.

ער קוקט אויף דעם ראַבינער פרידמאַנס צעקנײטשטן מונדיר און זאָגט צו אים:

— איר װעט זען, הער ראַבינער, יאָך װעל אײך נאָך נעמען אונטערן טיש און איר װעט דאָרט הערן דעם רבינס תורה און איר װעט טאַקע קריגן שיריים — כ׳זאָג אײך, ס׳איז מחיה נפשות...

— װאָס, װאָס? — װיל דער ראַבינער פרידמאַן זיך אָפּרוקן פון משהן — איך פערשטײ איהנען ניכט, װאָס הײסט אונטערן טיש?...

— יעקע בלײבט יעקע — שמײכלט דער הױכער משה צו זיך אין די װאָנצעס — אַ גאַנצער קנאַקער מיט זײנע דרשות און דערשרעקט זיך פאַרן װאָרט אונטערן טיש.

עס װערט אים אַ רחמנות אויף די צװײ יעקעס. װאָס זאָלן זײ נעבעך טאָן, אַז זײ זענען געבוירן געװאָרן יעקעס, און האָבן ערשט איצט טועם געװען דעם טעם פון אַ רבישן טיש. אַװדאי איז אויף זײ אַ רחמנות. זײ שלעפּן זיך אַרום אין אַזעלכע גױישע בגדים. און האָבן צו טאָן מיט אַזױ פיל גױים. װער װײסט, אפשר זענען זײ נאָך קײנמאָל נישט געװען אין אַ שטיבל. און יידן זענען זײ דאָך פאָרט. טראָגן קאַפּעלעך אויף די קעפּ און רײדן װעגן יידישקײט. פאָרט יידישע נשמות. דאַרף מען זײ טאַקע מקרב זײן. אָט איז דער רבי זײ מקרב.

דער הױכער משה װיל זײ זאָגן עפּעס גוטעס און ער טוט זיך אַ בײג צו דעם ראַבינער אין מונדיר און זאָגט צו אים:

— איר׳ט זען, הער ראַבינער, מירן אײך מאַכן פאַר אויס יעקע...

קאַפּיטל אַכצן

רעגינקע

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען דניאל עפּשטיין איז אַרויסגעקומען פון ר׳ לויס הויז. לאַניאַ האָט זיך לייכט אָנגעשפּאַרט אָן זיין אָרעם. און זיי זענען שווייגנדיק געגאַנגען.

— דער טאַטע האָט היינט אויסגעזען יינגער — האָט לאַניאַ זיך אָפּגערופן — דער רבי, די חסידים, האָבן אים דערמאָנט אָן די אַמאָליקע יאָרן.

— און מיך האָט דאָס דערמאָנט, אַז עס ענדיקט זיך... — האָט דניאל עפּשטיין צוגעצויגן צו זיך לאַניאַס אָרעם — עס ווערט טרויעריק, ווען אַ זאַך ענדיקט זיך... זיי האָבן געזונגען, געטאַנצט און מיר האָט עס אָנגעקלונגען אין די אויערן ווי זיי זאָגן זיך איינער דעם אַנדערן: זייט געזונט...

— און דו באַדויערסט עס, דניאל? — קוקט אויף אים לאַניאַ — האָסט דאָך אַמאָל געוואָרט, ווען זיי אַלע וועלן אַוועק.

לאַניאַ דערמאָנט זיך דעם שבת מיט אַזוי פיל יאָר צוריק, ווען זי האָט געהאָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו ריידן האַרבע ווערטער מיט איר פאָטער ר׳ לוי און אים זאָגן, אַז זי קאָן נישט פאַרטראָגן זיינע שבתים און זיינע חסידים און אַז זי גייט אַוועק צו אַן אַנדער לעבן. זי איז אין יענעם שבת נישט אַוועק. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר פאָטערס שרעק. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט זי זיך אַרויסגעריסן, אָבער עס איז שוין מער נישט געווען פרייד אין איר אַרויסרייסן זיך. און איצט דאַכט זיך איר, אַז זי בייַנקט נאָך יענע צייטן. און אויך דניאל בייַנקט.

— פאַרוואָס האָסטו נישט געטאַנצט? — זאָגט זי מיט אַ שמייכל צו דניאלן — כ׳בין געשטאַנען מיט דער מאַמע אין טיר און געקוקט אויף זייער חסידישן טאַנץ... זיי האָבן אויסגעזען אַזוי קאָמיש, די צווייי ראַבינערס!... זיי האָבן אויסגעזען ווי קינדער, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט, און זיי קוקן זיך אַרום דערשראָקענע...

— און זעען, אַז פּלוצלינג איז זיי אויף דער גאַמבע אַרויסגעשפּראָצט אַ שפּיץ בערדל...

— ריכטיק — האָט צוגעוואָרפן לאַניאַ — קינדער מיט שפּיץ־בערד־

לעך און אַלטע פּנימער, אַזוי האָבן זיי אויסגעזען, די צוויי ראַבינערס. פונדעסטוועגן האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דו ביסט זיי מקנא, דניאל...

— מקנא? — האָט דניאל ווי זיך אַליין איבערגעפרעגט — כ׳ווייס, אפשר יאָ. פאַרשטייסט, זיי, די יעקעס, זענען אַריין אין טאַנץ, זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף עמיצנס אַקסל. אַז מ׳ווערט מיד, איז גוט צו האָבן אַן אָנלען, לאַניאַ...

— ביסט מיד, דניאל — האָט זי אים אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים.

— כ׳ווייס נישט, צי דאָס איז דער ריכטיקער אויסדרוק... עס איז נישט פיזישע מידקייט. כ׳האָב זיך שוין לאַנג נישט געפילט אַזוי גוט. נאָר וואָס? מ׳פילט זיך עפּעס פאַרלוירן. מ׳ווייסט נישט נאָך וואָס און נאָך ווען... ווען זיי אויבן האָבן געטאַנצט, האָבן זיי נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון רבין, זיי האָבן געוווסט, אַז ער ווייסט און דאָס איז פאַר זיי גענוג...

— און ער ווייסט? — האָט לאַניאַ געפרעגט.

— כ׳קאָן דיר נישט ענטפערן — האָט עפּשטיין זיך פאַרטראַכט — אויב ער ווייסט נישט, טראָגט ער אַ שווערע לאַסט. שטעל דיר פאָר אַ קאַפּיטאַן, וועלכער ווייסט איינער אַליין, אַז די שיף גייט אונטער. פאַר־שטייסט, די שיף מוז אונטערגיין. און קיינער ווייסט נישט. נאָר ער אַליין. און ער הייסט שפּילן די מוזיק. און ער שטייט און קוקט אויף די טאַנצנדיקע מענטשן, ער קוקט אויף זייערע רואיקע פּנימער און ער באַ־האַלט נאָך טיפער אין זיך דעם סוד פון אונטערגאַנג. פאַרשטייסט? דו קאָנסט באַגרייפן זיין ווילן?

— און די שיף מוז אונטערגיין, דניאל?

— כ׳ווייס נישט, לאַניאַ, מעגלעך אַז זי וועט זיך האַלטן ווייטער, די שיף, נאָר איך ווייס נישט נאָך וואָס זי שלעפּט זיך נאָך אַלץ, די שיף? זעסט, די חסידים און די צוויי יעקישע ראַבינערס ווייסן נאָך וואָס די שיף שלעפּט זיך. זיי ווייסן נישט ווו עס איז דער ברעג, צו וועלכן זיי וועלן זיך דערשלאָגן, און זיי ווייסן אויך נישט ווען זיי וועלן זיך דער־שלאָגן. אָבער זיי ווייסן, אַז עס איז דאָ אַ ברעג און אַז עס איז דאָ אַ צייט, ווען די שיף וועט אָנקומען צום ברעג. זיי פילן זיך ווי אַ שטיק המשך. זיי זענען אין ראָד, וואָס דרייט זיך און איך...

— און דו, דניאל?

— איך בין ווי אַ זייטיקער צושויער, וואָס זיצט אין אַ באַקוועמער לאָזשע. כ׳קוק צו דער סצענע. כ׳זע נישט דעם ברעג, צו וועלכן זיי ווילן זיך דערשלאָגן. כ׳ווייס, אַז זייערע באַמיאונגען זענען אומזיסטע. נאָר מיין וויסן גיט מיר נישט קיין פאַרגעניגן. כ׳וואָלט וועלן זיין איינער פון זיי און נישט פילן זיך אין דרויסן...

עפּשטיין איז אַנטשוויגן געוואָרן, ער האָט זיך אַנגעבייגן צו לאַניאַן און זיינע ליפּן האָבן לייכט באַרירט אירע באַקן.

— כ׳ווייס נישט וואָס כ׳וואָלט געטאָן אָן דיר, לאַניאַ. — האָט ער שטיל געזאָגט.

לאַניאַס האַנט האָט פעסטער אַרומגענומען זיין אָרעם, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אונטערהאַלטן.

— ווילאַנג וועל איך נאָך זיין פאַר אים אַ הילף? — האָט לאַניאַ געטראַכט — אַט האַלט איך איצט זיין אָרעם און כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז ער איז ווייט פון מיר...

לאַניאַ שטעלט לאַנגזאַמע טריט, זי קוקט אויף דער אויסגעליידיקטער גאַס מיט די פאַרשלאָפענע הייזער. זי פילט זיך אַפּהענטיק און הילפלאָז. זי האָט שוין נישט קיין כוח צו קעמפן פאַר איר גליק. ווילאַנג איז עס, ווען זי איז מיט דניאלן געגאַנגען איבער די רוישיקע טומלדיקע גאַסן און ער האָט געזען נאָר זי אַליין? זיי האָבן דעמאָלט נישט געדיינקט אָן בערטאָן. זיי זענען געווען פול מיט זיך אַליין. נאָר אַמאָל ביינאַכט האָט זי זיך אַ כאַפּ־אויף געטאָן פון שלאָף, ווי זי וואָלט פּלוצלינג באַהערשט געוואָרן פון פחד. זי האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף אים, אויף זיין רואיקן שלאָף און האָט אַ באַרואיקטע אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן אויסגעוואָרעמטן קישן.

— ווען האָט זי אַרויסגעפילט זיין אומרו? — לאַניאַן דאַכט זיך, אַז זי קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז ער, דניאל, האָט פאַר זיינע אויגן בערטאָס שאָטן.

לאַניאַ בלייבט שטיין אויף אַ מינוט, אין מיטן גאַס.

— וואָס איז? — פרעגט זי עפּשטיין.

— שוין, שוין... — שטעלט לאַניאַ ווייטערדיקע טריט.

איצט ווייסט זי שוין. זי ווייסט, אַז בערטאָס שאָטן איז קיינמאָל פון זיי נישט אָפּגעטראָטן.

אַפּילו אין די מינוטן פון זייער גליק, ווען עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך אַליין פאַרגעסן, איז דער שאָטן פון בערטאַן פון זיי נישט אָפּגעטרעטן. שוין אין דעם פאַרכמורעטן טאָג, ווען זי איז מיט דניאלן געשטאַנען הינטער דער שטרענגער פּאָליציי־וואַך, און זיי האָבן געזען ווי בערטאַ ווערט געפירט אין דעם וואַגאָן, צוזאַמען מיט די אַנ־דערע אַרעסטאַנטן, האָט זי געפילט, אַז ער, דניאל, שטייט לעבן איר, אָבער אין דער אמתן געפינט ער זיך אין דעם וואַגאָן, מיט י ע נ ע ר, מיט בערטאַן...

און אַזוי איז עס געווען אַלע יאָרן. זיי ביידע האָבן זיך דערפון נישט געוואָלט אָפּגעבן קיין רעכענונג. „בערטאַ איז נישטאָ" — יעדן טאָג האָט זי אָן דעם געדענקט און דערביי געפילט, אַז ער נאַרט זיך אַליין. אַז דאָס געדענקען, אַז יענע איז נישטאָ, מאַכט זי, בערטאַן, צוריק לע־בעדיק. ניין, זי האָט זיך נישט געוווּנדערט, ווען בערטאַ איז צוריקגעקו־מען פון סיביר. און אויך, דניאל, האָט זיך נישט געוווּנדערט. אין די טיפענישן פון זייערע הערצער האָבן ביידע געוווּסט, אַז עס וועט אַזוי זיין, עס מוז אַזוי זיין, זי איז געווען גרייט דערויף. יעדעס מאָל, ווען זי האָט געקושט סאַמעקן און רעגינקען, בערטאַס קינדער, יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיי אין אָוונט, פאַרן שלאָפן געוואַשן, האָט זי זיך געגרייט צו דעם טאָג, ווען בערטאַ וועט צוריקקומען. זי איז געווען גרייט זיך נישט אונטערצוגעבן. אָבער זי איז קיין איין מינוט נישט זיכער פון דעם טאָג, ווען בערטאַ איז צוריקגעקומען. און זי ווייסט אַז אויך ער, דניאל, האָט נישט קיין רו זינט יענעם טאָג.

בערטאַ אַליין באַאומרואיקט זיי נישט. לאַניאַ האָט נאָך בערטאַן אַפּילו נאָך נישט געזען. בערטאַ האַלט זיך פונדערווייטנס. אַפּילו אירע קינדער זעט זי זעלטן. און זיי ריידן קיינמאָל נישט וועגן איר. די דאָ־זיקע שטילע רעזיגנאַציע איז נאָך מער דראָענדיק. אַ מאַמע רעזיגנירט נישט, דאָס פילט לאַניאַ. ניין, בערטאַס שווייגן איז נישט רעזיגנאַציע. עס איז דערוואַרטונג, עס איז האָפענונג, שטילע, עקשנותדיקע האָפענונג פון אַ מאַמע. און עס איז גרייטן זיך; עקשנותדיק, אומאויפהערלעך גרייטן זיך...

זיי בלייבן שטיין ביים פאַרמאַכטן טויער פון זייער הויז. דניאל עפּשטיין שליסט אויף דאָס טויער. אַ געדיכטע פינצטערניש קומט זיי

אקעגן. לאניא ווארט נישט ביז איר מאן וועט פארשליסן דאס טויער. זי לויפט שנעל איבער די טרעפ.

— ווארט! — רופט איר נאך עפשטיין — כ׳וועל מאכן ליכט.

— קום, קום, — יאגט אים צו לאניא.

זי טראכט, זאגט זי צו זיך, די „קינדער״, אבער זי מיינט נישט אירע אייגענע קינדער. זי טראכט וועגן זיי, וועגן סאמעק און רעגינקען, וואס געהערן צו איר, צו בערטאן.

אפטמאל האט זי אזא געפיל, לאניא, אז עס איז עפעס געשען מיט בערטאס קינדער. טיילמאל כאפט זי אן א שרעק אין מיטן דער גאס. זי לאכט זיך אויס, זי זידלט זיך. זי שפארט זיך איין נישט אהיימצוגיין. נאר ווען זי קומט צו די טרעפ, לויפט זי האסטיק, ווי זי וואלט מורא געהאט עפעס צו פארשפעטיקן.

זי פאלט אריין אין קארידאר מיט צוגעשפיצטע אויערן. ערשט ווען זי דערהערט די קינדערס געלעכטער, צעלאכט זי זיך פון איר נארישער שרעק.

טיילמאל וועקט זי זיך איבער ביינאכט. זי ליגט שטיל א ווייל.

— ניין — זאגט זי צו זיך — כ׳וועל נישט אראפגיין פון בעט.

נאר זי קאן מער שוין נישט איינשלאפן. שטעלט זי פארזיכטיק אראפ די פיס פון בעט און גייט אריין אין קינדער־צימער.

זי מאכט זיך קוקן צו אירע צוויי קינדער. אבער פריער כאפט זי א בליק צו די בעטלעך פון רעגינקען און סאמעקן.

— זיי זענען דא — אטעמט זי אפ און גייט צוריק אין איר בעט.

— שוין ווייטער געווען אין קינדער־צימער — וועקט זיך עפשטיין טיילמאל איבער.

— זיי דעקן זיך אפ ביינאכט און קאנען זיך פארקילן — פארענטפערט זיך לאניא און דעקט זיך צו מיט דער קאלדרע.

זי ווייסט, אז עס איז נאריש, אבער זי קאן זיך נישט העלפן. דער אומרו איז שטארקער פאר איר ווילן. זי הערט נישט אויף טיף אין הארץ זיך צו שרעקן, אז סאמעק און רעגינקע וועלן פלוצלינג פארשווינדן פון דער שטוב. און דעמאלט... וואס וועט זי דעמאלט טאן? וואס וועט זי דעמאלט ענטפערן בערטאן? וואס וועט זי זאגן דער מאמען, ווען זי וועט מאנען אירע קינדער? און וואס וועט זיין מיט אים, מיט דניאלן?

לאַניאַ שטייט אויף די טרעפּ. זי וואַרט אויף דניאלן. זי הערט זיינע שווערע טריט.

— וואָס גייט ער אַזוי לאַנגזאַם? — איז זי אומגעדולדיק.

— לאַניאַ — נעמט זי דניאל אַרום — דו לויפסט נאָך אַזוי, ווי אַמאָל, דו פאַרגעסט, אַז מען איז שוין נישט אַזוי יונג... טיילמאָל פיל איך זיך שוין אַלט, לאַניאַ... — אין עפּשטיינס שטים פילט זיך אַ מיד־קייט.

— אַלטע יידן נעמען אָבער נישט אַרום קיין ווייבער אויף פינצטערע טרעפּ — טוט אים לאַניאַ אַ גלעט איבערן קאָפּ. — קום, איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אין בעט.

עפּשטיין בלייבט שטיין ביי דער טיר. ער זוכט דאָס שליסל.

— אָט זענען מיר אינדערהיים — מאַכט ער אויף די טיר.

— ער נעמט איר אַראָפּ דעם מאַנטל.

— שפּעטער. שפּעטער, — איז לאַניאַ אומגעדולדיק — כ׳וועל נאָר געבן אַ קוק.

— הערסט דאָך, אַז ס׳איז שטיל — הענגט עפּשטיין אויף זיין מאַנטל — זיי שלאָפן רואיק.

לאַניאַ הערט אים נישט. זי גייט אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין די צוויי קינדער־שטיבער. איר בליק איז נאָך פריער געפאַלן אויף די בעטלעך פון סאַמעקן און רעגינקען. דער בליק האָט זי באַרואיקט.

זי פילט הינטער זיך עפּשטיינס טריט. זי גייט צוערשט צו צו די בעטלעך פון אירע קינדער. זי מאַכט גלייך די קליינע קישעלעך און קאָל־דרעס. זי בלייבט שטיין פאַר סאַמעקס בעטל. ער האָט זיך איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן און פון בעט שטעקט אַרויס זיין פיסל. לאַניאַ לייגט סאַמעקס פיסל צוריק אַריין אין בעט און בלייבט שטיין פאַר רעגינקעס בעטל. דאָס קינד וואַרפט זיך אומרואיק אַהין און צוריק. לאַניאַ בייגט זיך אַראָפּ צום בעטל און איר האַנט באַרירט רעגינקעס שטערן. זי נעמט נישט אַוועק די האַנט פון דעם קינדס שטערן און בלייבט שטיין איבער־געבייגן איבער איר בעטל.

— וואָס איז? — הערט זי הינטער זיך עפּשטיינס שטים.

— זי גליט אינגאַנצן. — רעדט לאַניאַ שטיל.

עפּשטיין בייגט זיך אויך איבער רעגינקעס בעטל.

— עס מאַכט נישט — וויל ער זי באַרואיקן — ביי קינדער טרעפט אָפט היץ. קום, ביסט דאָך מיד. מאָרגן וועט איר בעסער ווערן.

לאָניאַ רירט זיך נישט פון אָרט. זי בייגט זיך נאָך טיפער אַראָפּ צו דעם בעטל. זי הערט רעגינקעס אומרואיקן אָטעם.

לאָניאַ גלייכט זיך לאַנגזאַם אויס.

— גיי שלאָפן, דניאל, — זאָגט זי — איך וועל דאָ איבערוואַרטן.

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן, לאָניאַ — נעמט זי עפּשטיין אָן ביי דער האַנט — דו רעגסט זיך אומזיסט אויף. וועסט זען, מאָרגן וועט רעגינקע אויפשטיין אַ לאַכעדיקע און געזונטע.

לאָניאַס האַנט איז אייז קאַלט. אירע ליפּן באַוועגן זיך און עפּשטיין דערהערט קוים איר שטים.

— כ'האָב מורא, דניאל...

לאָניאַס שרעק שטעקט אָן אויך עפּשטיינען.

— נערוון... — וויל ער זיך באַפרייען פון דער שרעק — כ'זאָג דיר, לאָניאַ, אַז ס'איז גאָרנישט. מאָרגן אינדערפרי וועט מען רופן דעם דאָקטאָר.

— רוף אים שוין. — רעדט לאָניאַ שטיל.

— אין מיטן נאַכט? — רעדט עפּשטיין מיט געבייזער — ער וועט דאָך אונדז האַלטן פאַר משוגעים, דער דאָקטאָר.

זיין געבייזער באַרואיקט נישט לאָניאַן. פון אירע אויגן שרייט שרעק.

— רוף אים, דניאל, רוף... — בייגט זי זיך ווידער איבער רעגינקעס בעטל.

— כ'רוף אים נאָר צוליב דיר — באַמיט זיך עפּשטיין צו זיין רואיק — וועסט זען, ער וועט אונדז אויסזידלען און ער וועט זיין גערעכט.

לאָניאַ ענטפערט נישט. אירע אויגן הענגען איבער רעגינקעס צע־פלאַמט פנימל.

עפּשטיין בלייבט נאָך שטיין אַ ווייל.

— קום, לאָניאַ — זאָגט ער — זעץ זיך צו.

— האָסט אים נאָך נישט גערופן? — באַפרייט זיך לאָניאַ פון זיין האַנט און בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך פאַר דעם קינדערשן בעטל.

עפשטיין גייט אַריין אין דער צווייטער שטוב. זיין האַנט ציטערט, ווען ער נעמט דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

ער וואַרט אַ לענגערע ווייל.

— ר'איז נישטאָ אין דער היים — פילט עפשטיין ווי די שרעק וואַקסט אין זיין אינגעווייד.

עס לויפן פאַרביי עטלעכע מינוט. עפשטיין הערט דעם טעלעפאָן־קלונג, וואָס חזרט זיך איבער מאָנאָטאָן און עקשנותדיק אין אַ ווייטער פינצטערער שטוב.

— ווער איז? — דערקענט עפשטיין דאָקטאָר מירסקיס פאַרשלאָפענע שטים.

— אַנטשולדיקט, דאָקטאָר, דניאל עפשטיין רעדט. יאָ, עפשטיין. מיין פרוי איז זייער אומרואיק. יאָ, ס'קינד, כ'בעט אייך, דאָקטאָר, קומט גלייך...

דער שלאָף איז נאָך געלעגן אין דאָקטאָר מירסקיס אויגן, ווען ער איז אַריינגעקומען. ער האָט, אָן אַ וואָרט אַרויסצוריידן, אַוועקגערוקט לאַניאַן פון קינדס בעטל און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני.

לאַניאַ האָט נישט אַראָפּגענומען אירע צעשראָקענע אויגן פון דעם דאָקטאָרס אויער, וואָס איז געלעגן ווי אָנגעקלעפּט צו רעגינקעס לייב.

— מאַכט הייס וואַסער — האָט דער דאָקטאָר זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט — כ'וועל מאַכן אַן איינשפּריצונג.

לאַניאַ האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דעם דאָקטאָרס פאַרכמורעטער בליק האָט זי צוריקגעהאַלטן. זי האָט אויף די שפּיץ פינגער זיך אַרויסגערוקט פון דער שטוב און נישט געוווסט וואָס זי האָט צו טאָן.

— יאָ, הייס וואַסער — האָט זי זיך דערמאָנט, ווען זי איז געשטאַנען פאַר דער קיך.

דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ראָק, ער האָט פאַרשאַרצט די אַרבל פון זיין העמד און מיט דער לאַנגער שפּיציקער נאָדל זיך פאַרמאָסטן אויף דעם קינדס רויטלעכן אָרעם.

רעגינקע האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געטאָן אַ קרעכץ, ווען די שאַרף פון דער נאָדל האָט זיך איינגעביסן אין איר לייב.

— דאָס איז אַלץ, וואָס כ'קאָן דערווייל טאָן — האָט ער, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, צוריק אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם ראָק.

— דאָקטאָר מירסקי... — האָט עפשטיין אָנגעהויבן.

— ווו איז דער טעלעפאָן? — האָט דער דאָקטאָר אים נישט גע־געבן קיין צייט צו פאַרענדיקן — כ'וועל גלייך אַרויסרופן דעם אַמבו־לאַנס פון שפּיטאָל...

— אָבער, דאָקטאָר — האָט עפשטיין דערפילט עפּעס אַ שטיקעניש אין האַלדז — ביי אונדז אין שטוב...

— איר פאַרגעסט אָן די אַנדערע קינדער — ער האָט מיט אַ שנע־לער האַנט־באַוועגונג אַרומגעכאַפּט לאַניאַס אָרעם און זי אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול — דער טעלעפאָן?

דאָקטאָר מירסקי האָט איבערגענומען די הערשאַפט איבער עפשטיי־נען און לאַניאַן און איבער די דינסטן, וואָס האָבן זיך איבערגעוועקט פון שלאָף און זענען דערשראָקענע געשטאַנען אין דער אָפענער טיר.

דאָקטאָר מירסקי האָט צו זיי אַלע אַרויסגעגעבן קורצע און קלאָרע באַפעלן און זיי אַלע האָבן ווי אויטאָמאַטן געטאָן וואָס ער הייסט.

זיין הערשאַפט האָט זיך אָבער געענדיקט, ווען דער אַמבולאַנס איז אָנגעקומען און צוויי שקצים אין בלאָע פאַרטוכער האָבן אויף אַ שמאָל בעטל גענומען רעגינקען.

לאַניאַ האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם פאַלטאָ און איז זיי נאָכ־געגאַנגען.

— איר וועט דאָ בלייבן — האָט דר. מירסקי פעסט אָנגענומען איר אָרעם — איר מוזט שלאָפן עטלעכע שעה.

לאַניאַ האָט געקוקט אויף אים מיט שטאַרע אויגן. און דער דאָקטאָר מירסקי האָט געפילט, אַז ער גייט איר נאָך אויף די טרעפּ.

עפשטיין האָט געהאָלפן לאַניאַן אַרויפגיין אויף די הויכע טרעפּ־לעך פון ווייסן שפּיטאָל־אַמבולאַנס און נאָך איר איז אויך ער אַריין.

זיי זענען געזעסן איינער לעבן דעם אַנדערן אין דעם פאַרמאַכטן אַמבולאַנס, נישט אַרויסריידנדיק צו זיך קיין וואָרט.

שווייגנדיקע זענען זיי אַריין אין דער גרויסער שפּיטאָל־געביידע.

דניאל עפשטיין האָט געקוקט מיט צעטומלטע אויגן אויף די ווייסע כאַלאַטן פון די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, וואָס זענען מיט שנע־לע טריט פאַר אים פאַרבייגעגאַנגען.

ער האָט געהערט ווי זיי ריידן איינער צום אַנדערן, פרעגן זיך אויפן

געזונט און אויפֿן וועטער, ווי עס וואָלט זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען, אַז מ׳האָט ערשט געבראַכט אַהער זיין רעגינקע, וועמענס קערפּערל גליט ווי אַ שטיק פֿייער.

לעבן אים זענען שטיין געבליבן צוויי יונגע דאָקטוירים. זיי האָבן אים דערקענט און צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. באַלד האָבן זיי באַנייט זייער געשפּרעך. זיי האָבן געלאַכט מיט אַ פֿול געזונט געלעכטער און עפּשטיין האָט געהערט ווי איינע פֿון זיי זאָגט:

— אָ, דאָס איז אַ פֿיינער וויץ...

אַ קראַנקן־שוועסטער האָט צוגעפֿירט לאַניאַן צו אַ טישל. זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ שטול אַקעגן זיך און עפּשטיין האָט, נישט פֿילנדיק וואָס ער טוט, זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול.

די שוועסטער האָט מיט דער האַנט זיך פֿאַרשטעלט דאָס מויל און אַ געגעץ געטאָן.

— איין מאָמענט נאָר, הער עפּשטיין — האָט זי צו אים פֿריינט־לעך געשמייכלט — מיר וועלן נאָך אויספֿילן די פֿאָרמולאַרן.

דער טעלעפֿאָן ביי איר טישל האָט זיך צעקלונגען. די קראַנקן־שוועסטער האָט צוגעשטעלט דאָס טעלעפֿאָן־טרייבל צו איר אויער.

— דאָס ביסטו, יאַנעק? — אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט איבער איר פּנים — יאָ, יאָ, אַן אומרואיקע נאַכט געווען. כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט דעם אָטעם צו כאַפּן. גוט וואָס ס׳איז שוין טאָג, כ׳וועל באַלד זיין פֿריי...

עפּשטיין האָט אַ קוק געטאָן צום פֿענצטער.

— יאָ, עס איז שוין טאָג — איז ער געווען פֿאַרוווּנדערט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נאָרוואָס אַרויס פֿון ר׳ לויס שטוב און הערט נאָך דאָס חסידישע געזאַנג.

— כ׳גיי איצט שלאָפֿן — האָט ער געהערט ווי דאָס מיידל רעדט אַריין מיט אַ צעצויגענער שטים אין טעלעפֿאָן־טרייבל — ניין, היינט ביינאַכט וועל איך זיין פֿריי. אין זומער־טעאַטער, זאָגסטו? מיט פֿאַר־געניגן, כ׳האָב געהערט עס איז אַ פֿיינע קאָמעדיע. דער גאַנצער טעאַ־טער־זאַל הערט נישט אויף צו לאַכן. גוט, גוט, אַכט אַ זייגער, כ׳וועל אויף דיר וואַרטן. נו, און אַצינד סערוווס, יאַנעק, כ׳האָב מער נישט קיין צייט...

זי האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל. דער שמייכל איז נאָך געלעגן אויף איר פּנים. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף עפּשטיינען און טרוקן געזאָגט:

— שוין, פּאַניע עפּשטיין, מירן באַלד זיין פאַרטיק.

זי האָט אים געשטעלט אַ ריי פראַגן. זי האָט געגוי געוואָלט וויסן ווי רעגינקע הייסט און ווו זי איז געבוירן געוואָרן און ווי אַלט זי איז און וועלכן דאָקטאָר זיי האָבן ביז איצט געהאַט.

עפּשטיין האָט נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט און מעכאַניש געענטפערט אויף די געשטעלטע פראַגן.

ער האָט זיך שוין געוואָלט אויפשטעלן, נאָר דאָס מיידל אין דעם ווייסן פאַרטוך האָט אים צוריקגעהאַלטן.

— נאָך איין מאָמענט, פּאַניע עפּשטיין — האָט זי געזאָגט — איר וועט נאָר דאָס אונטערשרייבן.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַק פּאַפּירן. עפּשטיין האָט אויף זיי נישט קיין קוק געטאָן און דאָס מיידל האָט מיט איר מאַניקירטן פינגער אים אָנגעוויזן ווו ער דאַרף אונטערשרייבן.

— איצט וועל איך אייך מער נישט באַלעסטיקן, פּאַניע עפּשטיין — האָט די קראַנקן־שוועסטער געשמייכלט.

עפּשטיין האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט מיט זוכנדיקע אויגן. ער האָט מער נישט געזען דאָס שמאָלע בעטל, אויף וועלכן עס איז געלעגן רעגינקע און נישט די צוויי סאַניטאַרן אין די ווייסע פאַרטוכער און נישט לאַניאַן און נישט דעם דאָקטאָר מירסקי.

ער האָט גענומען וואַנדערן איבער די לאַנגע געדרייטע קאָרידאָרן. ער האָט געקוקט אויף די ווייסע פאַרמאַכטע טירן, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ געדעמפּטער קאַרבאָל־ריח און נישט געוווסט הינטער וועלכער טיר זיי האָבן אָוועקגעטראָגן זיין רעגינקע.

איינע פון די פאַרמאַכטע טירן האָט זיך געעפנט און עס איז אין איר געבליבן שטיין דער דאָקטאָר מירסקי אין אַ ווייסן פאַרטוך.

עפּשטיין האָט אין ערשטן מאָמענט נישט דערקענט דעם דאָקטאָר. אין זיין צעטומלטן בליק האָבן דאָ די אַלע מענטשן אין די ווייסע פאַרטוכער געהאַט איין פּנים.

— פּאַניע עפּשטיין, אָט דאָ — האָט אים מירסקי פאַרהאַלטן.

— ווי מיינט איר, הער דאָקטאָר? — עפּשטיינס אויגן האָבן מורא געהאַט אַרויסצולייענען פון דאָקטאָר פּנים דעם ענטפער.

— מען דאַרף האָפן — האָט דאָקטאָר מירסקי קורץ געזאָגט.

רעגינקע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אין דעם גרויסן ווייסן שפּיטאָל־בעט, איז איר קערפּערל פאַרלוירן געגאַנגען.

זיינע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט לאָניאַס שטאַרן בליק.

— דאַרפסט זאָגן בערטאַן — האָט זי גערעדט צו אים מיט אַ פרעמדן קול.

— יאָ, בערטאַן. — האָט ער מעכאַניש איבערגעחזרט.

עפּשטיין איז נאָך געבליבן שטיין אַ ווייל. דאָקטוירים. קראַנקן־שוועסטער, האָבן זיך געפּאָרעט ביים בעטל. זיי האָבן אים און לאָניאַן אַוועקגערוקט פון בעט, ווי מען רוקט אַוועק עפּעס אַ מעבל־שטיק.

— כ׳על גיין צו בערטאַן — האָט ער שטיל געזאָגט און געפילט אַ טרוקנקייט אין מויל.

— יאָ, — האָבן לאָניאַס אויגן איבער דעם איינגעבייגענעם קאָפּ פון דער קראַנקן־שוועסטער, געקוקט צום בעטל.

עפּשטיין האָט ווידער געוואַנדערט איבער די לאַנגע קאָרידאָרן. דאָק־טאָר מירסקי האָט אים אין קאָרידאָר דעריאָגט. ער איז שוין געווען צו־ריק אָנגעטאָן אין זיין טונקעלן ראָק.

— קומט, עפּשטיין, — האָט ער געזאָגט — איך גיי אויך אין שטאָט אַריין.

מירסקי האָט אים דערציילט, אַז ער האָט אַ זייער שווערן טאָג. מען לאָזט אים נישט צורו, נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט.

ער האָט זיך געכאַפּט, דער דאָקטאָר מירסקי, אַז עפּשטיין האָט איצט נישט אין זין וואָס מען לאָזט אים, מירסקין, נישט צורו, האָט ער אים גענומען באַרואיקן מיט די קאַלט העפלעכע רייד, מיט וועלכע דאָקטוירים ריידן געוויינלעך צו די קרובים פון זייערע קראַנקע.

— מען מוז האָפן, יאָ, האָפן, פאַניע עפּשטיין — ביים עק גאַס האָט ער אים דערלאַנגט די האַנט — כ׳מוז שוין גיין, אָט דאָ, אין דעם הויז, וואַרט אַ פּאַציענט.

עפּשטיין האָט אים מעכאַניש דערלאַנגט די האַנט און נישט אומ־קוקנדיק זיך, ווייטער געגאַנגען.

— מען דאַרף זאָגן בערטאַן, יאָ, מען דאַרף... — עפשטיין האָט גערעדט צו זיך די זעלבע ווערטער, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אַ פרעמדן מענטש איבערצייגן, אַז יענער, דער פרעמדער, זאָל גיין און זאָגן בערטאַן.

ער האָט די גאַנצע צייט געטראַכט אייגנטלעך נישט וועגן עפּעס אַנדערש ווי וועגן דעם, אַז מען דאַרף זאָגן בערטאַן. שוין דעמאָלט, ווען ער האָט גערעדט מיטן דאָקטאָר אויפן טעלעפאָן, האָט ער געפילט, אַז ער דאַרף נאָך עפּעס טאָן. ער האָט נאָך נישט קיין צייט געהאַט צו טראַכטן וואָס אַזוינס ער דאַרף טאָן.

ער איז שטיין געבליבן פאַר דעם הויז ווו בערטאַ האָט געוווינט, ווי עס וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם.

די פיס זענען אים געוואָרן שווער און ער האָט זיי, אַן אויסגעבייגענער, געשלעפט ווי אַן אומדערטרעגלעכע משא איבער די טרעפּ.

בערטאַ אַליין האָט אים געעפנט די טיר. זי איז שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר, אין איינגעוויקלטן שלאָפראָק, און געקוקט אויף עפּשטיינען, ווי זי וואָלט אים נישט דערקענט.

אַ לענגערע ווייל זענען זיי ביידע אַזוי געשטאַנען איינער קעגן נאַדערן. עפשטיין האָט פאַרמאַכט די טיר.

— וואָס איז? רעגינקע? סאַמעק? — בערטאַ האָט געפילט ווי דאָס בלוט אַנטלויפט פון איר לייב.

— רעגינקע. — האָט עפשטיין שווער גערעדט. — דער דאָקטאָר זאָגט, מען דאַרף האָפן.

— ווו איז זי? — האָט בערטאַ נישט געוואָלט הערן וואָס דער דאָקטאָר זאָגט.

— אין שפּיטאָל.

— כ׳וועל באַלד זיין גרייט — איז בערטאַ אַריין אין דער צווייטער שטוב.

אויף אַ שטול לעבן בעט איז געלעגן דאָס זיידענע אָוונט־קלייד, וואָס זי האָט נעכטן געטראָגן אין דער „זילבערנער רויז״. יעדע נאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, הענגט זי אַריין אין שאַנק אירע קליידער. נעכטן אָבער איז זי געווען צו מיד עס צו טאָן. זיי זענען שפּעט ביינאַכט אַהיימגעקומען פון דער „זילבערנער רויז״. און אויף דער גאַס האָט וואַרסקי און אַדעק

און יאַנקל און פעליקס זאַקס נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אַרײַנרײדן אין איר און סאָניען.

אַרײַנקומענדיק אין שטוב האָט זי קוים באַוויזן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קליידער און זי איז גלייך איינגעשלאָפן. זי האָט אַפילו נישט געהערט וואָס סאָניע זאָגט איר וועגן זייער בייעם באַקאַנטן, פעליקס זאַקס.

בערטאַ נעמט דאָס זיידענע אָוונט־קלייד אין האַנט אַרײַן, ווי זי וואָלט עס געוואָלט אַרויפציען אויף זיך. זי האַלט דאָס קלייד אַ ווייל און ווייסט נישט וואָס דערמיט צו טאָן. זי טוט עס באַלד אַ שליידער פון זיך. זי לויפט צו צו דער שאַנק, נעמט אַרויס קליידער, וואַרפט זיי גלייך צוריק. זי קוקט נישט וואָס זי וואַרפט אויף זיך אַרויף, די הענט פּלאָנטערן זיך אין אַרבל.

— שנעלער, שנעלער, — רעדט זי צו זיך — רעגינקע, גאָט מײַנער, רעגינקע!...

זי קומט אַרײַן צוריק צו עפּשטיינען אַן איבערגעטוּענע, קלאַפּט אָן אין אַ פאַרמאַכטער טיר און רופט אַרײַן:

— וואַרט נישט אויף מיר, סאָניע, כ׳גיי אין שפּיטאָל.

סאָניע זאָגט עפּעס מיט אַ פאַרשלאָפענער שטים, אָבער בערטאַ הערט נישט. זי עפנט אויף האַסטיק די טיר צו דער טרעפּ און עפּשטיין גייט שווייגנדיק נאָך איר.

אויף דער גאַס קוקט זיך עפּשטיין אַרום. ער זוכט מיט די אויגן אַ דראָשקע.

— מירן גיין. — שטעלט בערטאַ שנעלע טריט אויפן טראָטואַר.

זי פילט, אַז זי וואָלט נישט געקאָנט אײַנזיצן אין דער דראָשקע. זי וואָלט אין מיטן פאָרן פון איר אַרויסגעשפּרונגען. עס דאַכט זיך איר, אַז נישט בלויז אירע פיס, נאָר אויך אירע הענט, איר קאָפּ, אַלע אירע גלידער פון לייב, לויפן איבער דער גאַס.

עפּשטיין לויפט איר נאָך. ער קאָן נישט צופּאַסן זיין טריט צו אירן און ער בלייבט יעדע ווייל הינטערשטעליק.

דורכגייער קוקן נאָך מיט אַ שמייכל דעם לויפנדיקן פּאָרל. עס דאַכט זיך זיי, אַז בערטאַ וויל אַנטלויפן און דער מאַן יאָגט זיך נאָך איר.

אויף דער שוועל פון אַ שענק שטייט אַן עלטערער גוי אין אָפּגעטראָגענע מלבושים. ער האַלט אַ ליידיק פלעשל בראָנפן אין האַנט און מיט אַ הייזעריקער שטים שרייט ער נאָך עפּשטיינען:

— לאָז זי לויפן... זי וועט אַליין צוריקקומען.

אין אַ טויער שטייען עטלעכע ווייבער און ריידן צו זיך:

— אַזוי זענען זיי אַלע, די מענער, פריער דערגייען זיי די יאָרן און שפּעטער לויפן זיי נאָך דעם ווייב...

— זיי זענען אַלע חזירים, די מענער...

אַ הויז־סטרוזשׂ, מיטן לאַנגן בעזעם אין האַנט, שפּייט אויס און מורמלט:

— כ׳וואָלט איר דערלאַנגט מיטן בעזעם, וואָלט זי שוין נישט גע־לאָפן...

דניאל עפּשטיין זעט נישט די שפּאָטישע בליקן וואָס לויפן אים נאָך. ער וויל איר עפּעס זאָגן, בערטאָן. ער ווייסט, אַז ער דאַרף איר עפּעס זאָגן. ער דאַרף זי באַרואיקן. ער דאַרף איר פאַרזיכערן, אַז רעגינקע וועט געזונט ווערן. יאָ, באַשטימט וועט זי געזונט ווערן. דער דאָקטאָר האָט דאָך נאָרוואָס געזאָגט, אַז מען דאַרף האָפן. עס איז דאָ אַ האָפענונג, בערטאָ, יאָ, עס איז דאָ...

ער שטרעקט אויס די האַנט. ער וויל אָננעמען בערטאָס אָרעם און איר זאָגן וועגן דעם דאָקטאָרס האָפענונג. נאָר די האַנט פאַלט אים אין אָנמאַכט צוריק. ניין, נישט דאָס דאַרף ער איר זאָגן איצט. נישט דאָס. ער האָט ביי איר צוגענומען דאָס קינד און איצט וויל ער זי טרייסטן מיט נאַרישע, מיט אומזיניקע רייד. אַ קראַנק קינד, וואָס גליט פון פיבער גיט ער איר אַצינד צוריק? איצט איז ער געקומען צו איר? איצט?! אַך, בער־טאָ, פאַרשטיי... כ׳האָב אַזוי נישט געוואָלט. ווען דו זאָגסט איין וואָרט, בערטאָ, נישט מער ווי איין וואָרט... כ׳וואָלט זיי נישט פאַרהאַלטן, נישט סאַמעקן און נישט רעגינקען. כ׳בין דאָך גלייך מיט זיי געקומען צו דיר. געדענקסט, ווי כ׳בין מיט זיי געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון האָ־טעל־צימער. יאָ, יאָ, זיי האָבן געקוקט מיט פרעמדע נייגעריקע אויגן צו דיר. דו האָסט געזען זייערע פרעמדע בליקן. כ׳פאַרשטיי, בערטאָ, כ׳פאַר־שטיי אַלץ. אַ מאַמע זעט, ווי אירע קינדער זענען צו איר פרעמד, גלייכ־גילטיק... און כ׳וויל זיך נישט פאַרענטפערן פאַר דיר, בערטאָ. כ׳ווייס, כ׳בין שולדיק. געוויס בין איך שולדיק. אין טיפעניש פון האַרץ האָב איך דאָך געוואָלט, אַז עס זאָל אַזוי זיין. כ׳האָב געוואָלט דיך אויסמעקן. אויס־מעקן, נישט בלויז פון מיין האַרץ, נאָר אויך אויסמעקן פון זייערע, דיינע

קינדערס, הערצער... גיין, בערטאַ, כ׳וויל נישט זאָלסט מיר פאַרגעבן. כ׳ווייס, אַזאַ זאַך טאָר נישט אַ מאַמע מוחל זיין. כ׳על נעמען אויף מיר די שולד, די גאַנצע שולד. נאָר אַצינד, העלף, בערטאַ, העלף דער קליינער רעגינקע, וואָס איר פנימל איז אַזוי קליין געוואָרן אין דעם גרויסן ווייסן שפּיטאָל־בעט. ביסט אַ מאַמע, בערטאַ, און אַ מאַמע מוז העלפן איר קינד. דו, בערטאַ, ביסט איר איינציקע האָפענונג. הער, בערטאַ, די איינציקע האָפענונג...

דאָס אַלץ וויל ער זאָגן, בערטאַן, גייענדיק ביי איר זייט, נאָר פון זיין מויל קומט נישט אַרויס קיין קלאַנג.

ער ווייסט, אַז בערטאַ זעט אים נישט. זי האָט אינגאַנצן אָן אים פאַרגעסן. זי ווייסט נישט, אַז ער גייט ביי איר זייט.

ביים איבערגיין די גאַס, כאַפּט זי עפּשטיין אָן ביי דער האַנט און ציט זי האַסטיק צוריק. אין דער לעצטער מינוט האָט ער זי צוריקגע־האַלטן פון אַריינפאַלן אין אַ דורכפאָרנדיקער פור.

—וואָס? — קוקט אויף אים בערטאַ מיט נישט זעעוודיקע אויגן.

פון אירע צונויפגעפּרעסטע ליפּן רייסט זיך אַרויס אַן אויסגעשריי:

— דאָס ביסטו?!

אַזוי האָט זי אים געזען ביינאַכט, מיט אַזעלכע צעשראָקענע בעטנ־דיקע אויגן.

זי איז געווען זייער מיד, ווען זי איז ביינאַכט צוריקגעקומען מיט סאַניען פון דער „זילבערנער רויז". זי האָט זיך באַלד געלייגט אין בעט און, ווי שטענדיק ווען זי איז געווען מיד, האָט זי נישט געקאָנט איינ־שלאָפן.

זי איז געלעגן אין בעט מיט אָפענע אויגן און געטראַכט וועגן יאַנק־לען און דעם יונגן פעליקס זאַקס. זי האָט געזען ווי זייערע אויגן האָבן געזוכט סאַניען. זי האָט געזען דעם ליידנשאַפטלעכן גלאַנץ אין זייערע אויגן, ווען יעדער פון זיי האָט אַ ווייל, ביים טאַנצן, געהאַלטן אין זיינע אָרעמס דעם וויגנדיקן קערפּער פון דעם מיידל.

און זי האָט זיך דערמאָנט אָן פיניען. פון יאַנקלס האַלבע רייד האָט זי פאַרשטאַנען, אַז פיניע איז אין דער נאַכט שיכור געוואָרן, נישט בלויז פון בראַנפן, נאָר אַז אַ פרויען־לייב האָט אים אַנגעטרונקען מיטן גע־טראַנק פון תאווה און ער האָט אויף אַ ווייל פאַרגעסן אָן סאַניען. אויף

אַ ווייל בלויז פאַרגעסן, האָט בערטאַ געטראַכט, מאָרגן וועט ער צוריק־קומען צו סאָניען.

די אויגן האָבן זיך ביי איר געקלעפּט פון מידקייט און זי האָט גע־טראַכט וועגן סאָניען, וואָס האָט היינט בייַנאַכט געוואָלט זיך אָפּנעמען פאַר פּיניעס באַליידיקונג, ביי זאַקסן און יאַנקלען.

— ווען וועט זי אויסקלייבן, סאָניע? — האָט בערטאַ געטראַכט — אפשר וועט זי זיך מיט זיי אַלע שפּילן?

און מיטאַמאָל זענען פון אירע אויגן פאַרשוווּנדן פּיניע און פעליקס זאַקס און יאַנקל שמייסער. זי האָט מער נישט געזען סאָניען, ווי זי וואָלט זי קיינמאָל נישט געקענט. זי האָט געפילט ווי עמיצער רייסט זי ביי די הענט, ביי די פיס, שרייט צו איר, טרייסלט זי.

זי האָט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך אָפּגעשאָקלט און געזאָגט מיט אַ מידער שטים:

— כ׳בין מיד, לאָז מיך שלאָפן.

נאָר דער עמיצער איז נישט אָפּגעשטאַנען, ער האָט ווייטער זי גע־ריסן ביי די הענט און געשריען און געבעטן זיך.

— שטיי אויף, בערטאַ, שטיי אויף!

זי האָט שווער געעפנט די אויגן און דעמאָלט האָט זי דערזען ווי ער, דניאל עפּשטיין, שטייט איבערגעבייגן איבער איר בעט, מיט אַ צע־טומלט בלייך פּנים און מיט דערשראָקענע אויגן, אָט אַזעלכע, מיט וועל־כע ער קוקט איצט אויף איר אין מיטן גאַס.

— קום! — האָט ער זי געטרייסלט — קום שוין. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל דיך קיינמאָל נישט קאָנען דערוועקן.

— וואָס איז? — איז איר שטים נאָך געווען פאַרשלאָפן.

איר גאַנץ וועזן איז אָבער שוין געווען וואַך און אָנגעצויגן, ווי אַ סטרונע. זי האָט געוווּסט, נישט הערנדיק קיין ענטפער, פאַרוואָס ער איז געקומען נאָך איר, דניאל. סאַמעק רופט זי. די קליינע רעגינקע וואַרט אויף איר.

אַ שטילע פרייד איז אויפגעגאַנגען אין איר. זי האָט זיך דערוואַרט. איר שטיל געבעט איז פון דער ערד צו דער ערד איבערגעגאַנגען צו זיי. איצט וואַרטן זיי אויף איר. איצט רופן זיי זי צו זיך. סאַמעק און רעגינע וועלן באַלד אויסשטרעקן צו איר זייערע הענטלעך.

זי בלייבט ליגן אַ ווייל אומבאַוועגלעך. עס איז איר אַזוי גוט און אַזוי לייכט אויפן האַרץ. זי האָט מורא צו באַוועגן מיט אַ האַנט. נאָך אַ ווייל ליגן אַזוי און אָנטרינקען זיך מיט דער שטילער פרייד.

— ביסט איינגעשלאָפן, בערטאַ — הערט זי איבער זיך עפּשטיינס דערשראָקענע שטים.

ניין, זי איז נישט איינגעשלאָפן. ווי קאָן זי פאַרשלאָפן אַזאַ גרויסע פרייד. זי וועט באַלד אַרויס פון בעט. זי וועט באַלד האַלטן אין אירע אָרעמס די קליינע רעגינקע און וועט גלעטן דאָס קעפּל פון איר סאַמעקן.

בערטאַ האָט אויסגעשטרעקטביידע הענט פאַר זיך. די הענט זענען געבליבן הענגען אין דער פוסטקייט. זי האָט מער נישט געזען דניאלן. עס זענען פאַרשוווּנדן רעגינקע און דער קליינער סאַמעק. אַ מוראדיקע פוסט־קייט האָט זי אַרומגענומען. זי האָט דערהערט הינטער זיך אַ בייז שפּאָ־טיש כיכיקען. זי האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט. נאָר זי האָט קיינעם נישט געזען. דאָס כיכיקען איז ווידער צו איר דערגאַנגען פון הינטער איר פּלייצע.

בערטאַ האָט זיך אויפגעריסן פון בעט. איר לייב איז געווען באַ־דעקט מיט קאַלטן שווייס. אַ פינצטערע שטילקייט האָט זי אַרומגענומען. זי האָט נישט געוווּסט וואָס עס איז מיט איר פאָרגעקומען. זי האָט גאָר־נישט געדענקט. זי האָט נאָר געפילט ווי די ציין קלאַפּן איר פון קאַלטער שרעק. איינגעקאָרטשעט איז זי געבליבן זיצן אין בעט. זי האָט געוווּסט, אַז זי דאַרף אויסשטרעקן די האַנט צו דער וואַנט און מאַכן ליכט. זי האָט אָבער מורא געהאַט צו מאַכן די מינדעסטע באַוועגונג. און זי איז גע־בליבן זיצן איינגעקאָרטשעט און אַ קאַלטער שווידער איז ווי אַ וואָרעם געקראָכן איבער איר לייב.

ווען זי איז אינדערפרי אַ מידע אַרויס פון בעט, האָט זי נישט גע־וווּסט וואָס עס איז מיט איר פאָרגעקומען. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז זי האָט איבערגעלעבט אַ קאָשמאַר. ערשט איצט, לויפנדיק איבער דער גאַס לעבט זי ווידער איבער דעם קאָשמאַר. און זי הערט ווידער דאָס כיכיקען הינטער איר פּלייצע.

זי טוט אַ קוק אויף עפּשטיינען, וואָס גייט ביי איר זייט. הערט ער אויך דאָס שפּאָטישע לאַכן, וואָס יאָגט זי נאָך, וואָס שמייסט זי מיט אַ בייטש אין רוקן?

בערטאַן דאַכט זיך, אַז דאָ אויף דער גאַסט הערט זי נישט בלויז דאָס מוראַדיקע געלעכטער. זי הערט ווי פון צווישן דעם כיכיקען קלאַנגען פון ווערטער.

— האָסט דאָך אַזוי געוואָלט, בערטאַ. האָסט דאָך אויף דעם גע־וואָרט! — זי וויל אַנטלויפן פון די ווערטער, אָבער זיי לויפן שנעלער פאַר איר און שמייסן איר אין פּנים אַריין.

בערטאַ הייבט אָן צו גיין לאַנגזאַמער. זי ווייסט שוין, אַז זי קאָן נישט אַנטלויפן. די מוראַדיקע שטים און דאָס שפּאָטישע געלעכטער קומט נישט פון דרויסן, באַהאַלט זיך נישט הינטער איר פּלייצע. עס קומט פון איר איינגעוויד. עס קומט פון איר ווערזן. עס איז איר אייגענע שטים און עס איז איר אייגן געלעכטער.

— אומזיסט דיין לויפן, בערטאַ — טראַכט זי — פון זיך אַליין קאָן מען נישט אַנטלויפן. זי וויל זיך אָבער נישט אונטערגעבן. זי טאָר זיך נישט אונטערגעבן. זי מוז קעמפן מיט זיך אַליין. עס איז שווער, זייער שווער צו קעמפן מיט זיך אַליין. זי מוז אָבער. זי האָט נישט קיין אַנדערן אויסוועג. זי מוז זיך אַליין באַזיגן. נישט פאַר איר טובה וועגן, נאָר פאַר רעגינקען און פאַר סאַמעקן. צוליב זיי מוז זי פאַרטרייבן דאָס געלעכטער, וואָס יאָגט זי נאָך, צוליב זיי מוז זי פאַריאָגן די מוראַדיקע רייד, וואָס ווילן פון איר נישט אָפּטרעטן.

בערטאַ נעמט צוזאַמען אַלע אירע כוחות. זי רופט צו הילף איר קלאָרן פאַרשטאַנד, וואָס אירע פריינט האָבן אַמאָל געריימט.

— נאַרישקייטן, — רעדט זי צו זיך — וואָסערע נאַרישקייטן עס קומען אַלץ אין קאָפּ, ווען מען איז נישט אויסגעשלאָפן. וואָס הייסט? איך האָב געוואָלט, אַז מיין רעגינקע זאָל קראַנק ווערן? איך?

בערטאַ גייט שווער איבער די שטיינער פון טראָטואַר. זי הערט דעם אָפּקלאַנג פון אירע טריט און עס דאַכט זיך איר, אַז דער דאָזיקער אָפּ־קלאַנג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געלעכטער און אַז זי הערט ווי עמיצער לאַכט איר אַריין אין אויער און זאָגט:

— אַוודאי דו, ווער דען אויב נישט דו!...

בערטאַ בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ און עס דאַכט זיך איר, ווי עס פאַלן קלעפּ אויף איר קאָפּ, ווי דאָס כיכיקען ווערט נאָך דרייסטער, חוצפּה־דיקער.

— אויף וואָס זשע דען האָסטו געוואָרט, אויב נישט אויף אַן אומ־גליק?! אין ערשטן טאָג, ווען דו ביסט אַהערגעקומען, האָסטו געוווּסט, אַז דו ביסט נישט מער ווי אַ שאָטן. נײן, נאָך ווײניקער ווי אַ שאָטן. ביסט אַ מת, וואָס אַלע האָבן געבראַכט צו קבורה און וועלכער קומט פּלוצלינג צוריק צו די לעבעדיקע. האָסט געזען, ווי אַלע האָבן זיך פאַר דיר דער־שראָקן. מתים דאַרפן זײן רואיק און נישט שטערן...

— אָבער איך בין נישט געשטאָרבן — ווערט זיך בערטאָ — אין דער לײמענער כאַטקע, האָב איך נישט אויפגעהערט צו האָפן...

— ווען עס גײט עס אָן, וואָס דו האָסט געהאָפט. ווער ווײסט, אפשר האָפן די מתים אויך. פאַר די אַנדערע, פאַר דײן אַמאָליקן מאַן און פאַר דײנע אַמאָליקע פרײנט ביסטו געווען געשטאָרבן און באַגראָבן.

— אָבער פאַר מײנע קינדער — האָט בערטאָ זיך געטרײסלט. — פאַר סאָמעקן און רעגינקען... פאַר סאָמעקן און רעגינקען ביסטו געווען נאָך מער ווי געשטאָרבן. אַ מת לאָזט איבער נאָך זיך אַן אָנדענק. דו האָסט בײ זײ גאָרנישט איבערגעלאָזט. ביסט געווען אויסגעשטראָכן, האָסט פאַר זײ מער נישט עקזיסטירט. און דו האָסט דאָס אַלץ גוט גע־ווּסט, בערטאָ, פונדעסטוועגן האָסטו געוואַרט. זאָג, אויף וואָס האָסטו געוואַרט, בערטאָ? אויף וואָס?

— איך... איך... — ציטערן בערטאָס ליפּן בלויז פאַר שרעק און קעלט — איך...

— נײן, דו וועסט עס נישט וואַגן צו זאָגן — ווערט דאָס כיכיקען שטאַרקער — וועסט עס נישט וואַגן אויף די ליפּן אַרויסצוברענגען... אָבער אַזוי איז עס פאַרט... דו האָסט אַלץ געוואַרט. יעדע מינוט אָנגעשפּיצט די אויערן צי מען קומט נישט נאָך דיר, האָסט געוואַרט, בערטאָ, אויפן אומגליק, ווען ער, דײן אַמאָליקער מאַן, דניאל עפּשטײן, וועט קומען צו דיר צו לויפן אַזוי ווי מען לויפט אויף קבר־אבות אין אַ צרה...

— ס׳אַ ליגן! אַ ליגן! — האָט דער זעלבסט־דערהאַלטונג אינסטינקט אין בערטאָן געשריען — כ׳בין נישט קײן אַלטע שול־גבאיטע, וואָס גלײבט אין אַזעלכע נאַרישקײטן, וואָס האָט צו טאָן מיט עין הרעס און אָפּשפּרע־כעניש. נײן, כ׳וועל זיך נישט לאָזן אײנרײדן, אַז מיט מײן וואַרטן און מײן האָפן האָב איך געבראַכט דאָס אומגליק, נײן, נײן, ס׳אַ ליגן, ס׳איז אַ שקר בלבול...

— אָט דאָ איז עס — האָט עפּשטיין איר אָנגעוויזן אויף דעם ברייטן שפּיטאָל־טויער.

— אָיאָ — האָט בערטאָ אַ קוק געטאָן אויף עפּשטיינען, ווי זי וואָלט אים איצט צום ערשטן מאָל דערזען.

ביי אַ פאַרמאַכטער טיר זענען זיי געבליבן שטיין.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. לאַניאַ האָט מיט שטאַרע אויגן גע־קוקט אויף בערטאָס בלייך פּנים.

לאַניאַ האָט צום ערשטן מאָל געזען בערטאָן זינט איר צוריקקומען. אָבער זי האָט גערעדט צו איר ווי צו אַ באַקאַנטער, מיט וועלכער מ'האָט זיך נאָרוואָס צעשיידט און ווידער געטראָפן.

— זי איז איינגעשלאָפן, רעגינקע — האָט זי בערטאָן אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן ווייסן שפּיטאָל־בעט, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט.

בערטאָ האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אירע ליפּן זענען געווען איינגעביסן אין זיך, ווי זיי וואָלטן געוואָלט דערשטיקן אַ געשריי, וואָס האָט זיך געריסן.

בערטאָ איז אַ ווייל געשטאַנען אומבאַוועגלעך פאַר דעם גרויסן בעט. איר קאָפּ האָט לאַנגזאַם גענומען אַראָפּנידערן און צוזאַמען מיט איר קאָפּ האָט איר גאַנצער קערפּער גענומען זיך בייגן צו דער ערד צו.

דניאל עפּשטיין האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט וועלן אונ־טערהאַלטן בערטאָס וואַקלענדיקן קערפּער.

לאַניאַ האָט אים צוריקגעהאַלטן ביים אָרעם.

בערטאָס קאָפּ איז געבליבן ליגן אויפן ווייסן קישן פון שפּיטאָל־בעט און אירע הענט האָבן דערפילט די סאַמעט־ווייכע הויט פון רעגינקעס גליענדיק לייב. די העלע צעפּלעך פון רעגינקען זענען געווען פונאַנדער־געלאָזט און זיי האָבן זיך באַהאַפטן מיט דעם פאַס גראָלעכע האָר, וואָס האָט דורכגעשניטן בערטאָס קאָפּ.

בערטאָ איז אַ לאַנגע צייט געבליבן ליגן האַלב אויף דער ערד און האַלב אויף דעם שפּיטאָל־בעט.

זי איז געווען ווי אַ וואַנדערער, וואָס האָט יאָרן געוואָגלט און גע־בלאָנדזשעט און ווען ער איז דערגאַנגען צום ציל, האָט ער נישט מער געהאַט ווי איין באַדערפעניש צו בלייבן ליגן אָט אַזוי, און נישט מער דאַרפן זיך רירן.

לאַניאַס אויגן זענען געווען פול מיט טרערן. זי האָט געשיקט עפּ־שטיינען צו ברענגען בערטאַן. זי האָט געוווּסט, אַז אַזוי דאַרף זיין, אַז מען דאַרף ברענגען די מאַמע צו דעם קראַנקן בעט פון איר קינד. זי האָט זיך אָבער געשראָקן פאַר דער באַגעגעניש. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי, בערטאַ, האָט זי באַזיגט. יאָרן ווי די צוויי פרויען פירן צווישן זיך אַ ביטערן געראַנגל. זיי האָבן זיך נאָר נישט געקענט, זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט וועגן זייער עקזיסטענץ און זיי האָבן זיך שוין פיינט געהאַט.

לאַניאַ דערמאָנט זיך דעם טאָג, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דער־הערט דעם נאָמען בערטאַ און ווען אירע אַ פריינדין איז אינדערפרי צו איר אַריינגעפאַלן און געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיק ביטערן שמייכל:

— האָסט געהערט, לאַניאַ, דניאל עפּשטיין האָט געהייראַט מיט זיינער אַן אָנגעשטעלטער, בערטאַ הייסט זי, עפּעס אַ מיאוסקייט, זאָגט מען...

לאַניאַ האָט גלייכגילטיק אַ צי געטאָן מיטן אַקסל. וואָס גייט איר אָן עפּעס אַ בערטאַ און וואָס אינטערעסירט זי מיט וועמען דניאל עפּ־שטיין האָט חתונה געהאַט... זי, לאַניאַ, האָט דעמאָלט געטרונקען פון פולן בעכער פון איר ערשטער ליידנשאַפט און זי האָט אויך געגלייבט אין איר ליבע צו איר ערשטן מאַן, משהלע לאַנדוי. איז וואָס גייט איר אָן עפּשטיינס חתונה? נאָר אין זיך האָט זי געגליט.

— ער האָט זיך שנעל געטרייסט, דניאל — האָט זי געטראַכט — און אפשר האָט ער מיך די גאַנצע צייט גענאַרט? אפשר האָט זי, ווי הייסט זי, די בערטאַ, נאָך פריער אים געהאַט אין אירע הענט?

זי האָט דעמאָלט נאָך נישט געקענט בערטאַן, אָבער פיינט האָט זי איר שוין געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן. און די שנאה איז געוואַקסן מיט די יאָרן. לאַניאַ האָט געגלייבט, אַז זי, בערטאַ, האָט נאָר איין צוועק: צו צעשטערן איר, לאַניאַס לעבן.

ווען די רוסישע זשאַנדאַרמען האָבן אַוועקגעשיקט בערטאַן קיין סי־ביר, איז לאַניאַ געגאַנגען, צוזאַמען מיט עפּשטיינען, צום באַנהויף. זי האָט מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען, אַז זי איז מער נישטאָ, בערטאַ, אַז זי וועט מער נישט שטעלן זיך צווישן איר און דניאלן.

אָבער ווען בערטאַ איז פאַרשוווּנדן אין דעם אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, האָט לאַניאַ זיך איבערצייגט, אַז זי האָט איבערגעלאָזט איר שאָטן, וואָס וועט זי ווייטער באַגלייטן דאָס גאַנצע לעבן.

און לאַניאַ האָט נאָך מער פיינט באַקומען בערטאַס שאָטן, ווי די לעבעדיקע בערטאַ. מיט דער לעבעדיקער בערטאַ האָט זי געקאָנט קעמפן: זיין שענער, רייצנדיקער, קליגער. אַקעגן אַ שאָטן אָבער, האָט זי זיך גע־פילט אָנמאַכטיק און אומבאַהאָלפן. איז איר פיינטשאַפט צו דעם שאָטן נאָך שטאַרקער געוואָרן.

לאַניאַס ליבע צו עפּשטיינען איז נישט געווען גענוג צו פאַרטרייבן בערטאַס שאָטן פון הויז. האָט זי איר ליבע אויך איבערגעטראָגן צו דער קליינער רעגינקע און צו סאַמעקן און זי האָט געזען, אַז ביי זיי, ביי די קינדער, האָט זיך איר איינגעגעבן צו פאַרטרייבן דעם פאַרהאַסטן שאָטן.

זי, לאַניאַ, האָט געוווסט, אַז זיי, סאַמעק און רעגינקע, פירן איצט פאַר איר די מלחמה מיט בערטאַס שאָטן. ער, דניאל, איר מאַן, קאָן נישט פאַרגעסן. טיילמאָל זעט זי זיין פאַרנעפּלטן בליק און זי ווייסט, אַז ער זעט איצט פאַר זיך דעם שאָטן פון יענער. סאַמעק און רעגינקעס געלעכ־טער פאַרטרייבן דעם נעפּל פון זיינע אויגן. ער שמייכלט צו איר, צו לאַניאַן און זי ווייסט אַז דורך זיי וועט זיך אויך פון זיין האַרץ אַרויס־רייסן דער שאָטן.

מיט בערטאַס צוריקקער האָט לאַניאַ שוין געוווסט, אַז איר מי איז געווען אַן אומזיסטע. איר פיינטשאַפט איז נאָך גרעסער געוואָרן. און זי האָט איבערגעלעבט מינוטן פון פרייד, ווען עפּשטיין האָט געפירט סאַ־מעקן און רעגינקען צו יענער, און זיי, די קינדער, האָבן גלייכגילטיקע און פרעמדע געקוקט אויף בערטאַן...

צום ערשטן מאָל, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פון בערטאַן, האָט לאַניאַ געפילט ווי אין האַרץ קלאַפּט האַסטיק און אומרואיק. זיי האָבן אָבער בערטאַן צומאָל נישט דערמאָנט. זיי זענען געקומען צולויפן צו לאַ־ניאַן און איר געוויזן די מתנות. זיי האָבן זיך געפרייט מיט די מתנות, אָבער וועגן בערטאַן אַליין, איז זיי צומאָל נישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן.

דאָס איז געווען לאַניאַס זיג. נאָר ביינאַכט, ווען רעגינקע איז גע־לעגן אין פיבער און זי, לאַניאַ, האָט געהייסן אַרויסרופן דעם דאָקטאָר מירסקי, האָט זי געפילט, אַז בערטאַס שאָטן נעמט ווידער די אויבער־האַנט. ער קומט צוריק, דער שאָטן, צו זיי, צו רעגינקען און סאַמעקן. און זי, לאַניאַ, ברענגט אים צוריק, דעם שאָטן. זי האָט נישט גע־

קאַנט אַנדערש, לאַניאַ. װען זי האָט דערהערט דעם דאָקטאָרס רייד, אַז מען דאַרף האָפן, האָט זי געפילט, אַז זי מוז איצט אָפּטרעטן דאָס אָרט. זי מוז זיך אַװעקרוקן. איר אָרט מוז פאַרנעמען בערטאַ.

עפּשטיין האָט װעגן דעם נישט געטראַכט. ער האָט דעמאָלט אַפילו בערטאַס שאָטן נישט געהאַט פאַר די אויגן. ער איז געװען צופיל באַזאָרגט פון רעגינקעס פלוצלינגדיקער קרענק צו קאָנען טראַכטן װעגן עפּעס אַנדערש.

לאַניאַ האָט צו אים געזאָגט:

— גיי נאָך בערטאַן...

אפשר האָט אין דער טיפעניש פון איר האַרץ געצאַנקט די האָפענונג, אַז ער, דניאל, װעט איר ענטפערן.

— בערטאַ האָט דאָ גאָרנישט װאָס צו זאָגן, עס איז דיין אָרט דאָ, לאַניאַ...

ער האָט די װערטער נישט געזאָגט. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. עס איז פאַר אים געװען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער דאַרף גיין נאָך בערטאַן.

און לאַניאַ האָט געװוסט, אַז װען בערטאַ װעט דאָ אַהערקומען, װעט זי דאָ בלייבן. אפשר װעט דעמאָלט לאַניאַ װערן דער שאָטן.

לאַניאַ איז געבליבן װאַרטן מיטן דאָקטאָר און דער קראַנקן־שװעסטער. זי איז געשטאַנען איבערגעבייגן איבער דער קראַנקער רעגינקע און געװוסט, אַז באַלד װעט יענע, די צװייטע, זי אַװעקשאַרן פון בעט און צו איר זאָגן:

— גענוג, איצט קאָנסטו גיין...

לאַניאַ האָט זיך געפילט באַזיגט און אויסגעלאַכט. און איר שנאה צו יענער איז געװאָרן נאָך שאַרפער און ברענענדיקער.

זי האָט געהאַלטן אין האַנט רעגינקעס קליין הענטל, נאָר געטראַכט האָט זי װעגן יענער, װאָס װעט באַלד פאַרנעמען איר אָרט, װעגן דעם שאָטן, װאָס איז צוריק לעבעדיק געװאָרן.

לאַניאַ שטייט און קוקט װי בערטאַ ליגט איבערגעבייגן איבער דעם קינדס בעט.

— אפשר אַריינרופן די שװעסטער — רוימט איר איין עפּשטיין.

בערטאַ ליגט אַזוי װי אַלע כוחות װאָלט איר אויסגעגאַנגען.

—לאָז — האַלט אים צוריק לאַניאַ — זי האָט געגוג געוואַרט.

איר קול האָט אין זיך אַזאַ וואַרעמקייט, אַז עפּשטיין קוקט זי אָן אַ דערשטוינטער. ער האָט קיינמאָל מיט לאַניאַן נישט גערעדט וועגן בערטאַן, אָבער ער ווייסט, אַז די שנאה צו איר איז קיינמאָל ביי לאַניאַן אויף קיין מינוט נישט שוואַכער געוואָרן דורך די אַלע יאָרן. לאַניאַס וואַרעמע שטים מאַכט אים שטוינען. ער ווייסט נישט וואָס איז מיט איר פּאַרגעקומען.

לאַניאַ אַליין ווייסט אויך נישט. זי ווייסט נאָר, אַז דער גאַנצער האַס קעגן יענער איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן, ווי נאָר בערטאַ האָט איבער־געטראָטן די שוועל פון שפּיטאָל־חדר. זי זעט נאָר אַ מאַמע, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט צו די פיס פון איר קינד. אַ מאַמע, וואָס האָט לאַנג גע־וואָגלט ביז זי האָט זיך, מיט די לעצטע כוחות, דערשלעפּט צו איר קינדס בעט. און אָט ליגט זי איצט אַ דערשעפּטע און גליקלעכע.

דאָס שותפותדיקע מוטער־געפיל אין יעדער פּרויס האַרץ, איז שטאַר־קער פאַר דער ליידנשאַפט און פאַר דער ליבע צו אַ מאַן און פאַר דער קנאה.

לאַניאַ פילט די ליידן פון אַ מאַמע. אָט האָט זי דערגרייכט איר ציל. אָט האָט זי שוין אין די אָרעמס איר קינד. מיט איר לייב פאַר־שטעלט זי דעם קערפּער פון איר קינד. וועט זי עס נישט באַלד פאַרלירן?

לאַניאַ דערמאָנט זיך די אומרואיקע בליקן פון די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער און זי ווייסט, אַז זיי אַליין גלייבן נישט אין זייערע אייגענע ווערטער, אַז עס איז דאָ אַ האָפענונג.

— אָבער דאָס קאָן נישט זיין! ניין, עס קאָן נישט זיין! — וויל לאַניאַ שרייען — ווער וועט וואַגן זיך צו שפּילן מיט אַ האַרץ פון אַ מאַמע!

זי מוז לעבן, רעגינקע, זי מוז, טראַכט לאַניאַ, אַזאַ גרויזאַמקייט איז דאָך אוממעגלעך, צוריקצוּבערענגען אַ מאַמע צו איר קינד, כדי עס באַלד פון איר צוצונעמען — דאָס איז דאָך אומזין, אכזריותדיקער אומזין...

בערטאַ שטעלט זיך לאַנגזאַם אויף. זי קוקט זיך אַרום מיט פאַרוווּנ־דערטע אויגן, ווי זי וואָלט נישט געוווּסט וואָס זי טוט און ווו זי גע־פינט זיך.

איר בליק פאַרהאַלט זיך אויף לאַניאַס פּנים. בערטאַ זעט ווי לאָ־

ניאַס אויגן זענען פול מיט טרערן.

— זי איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן — רעדט לאָניאַ — אין מיטן דער נאַכט. בייטאָג האָט זי זיך נאָך געשפּילט...

— זי האָט שטענדיק ליב געהאַט זיך צו שפּילן — באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף בערטאַס פּנים.

— זי זינגט איין אירע ליאַלקעס צום שלאָף — האָט לאָניאַ דערציילט — און רעדט צו זיי ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, הייסט זיי זיין העפלעך און גוט און גיין פרי שלאָפן...

— און שפּילן זיך אין פערד? — דערמאָנט זיך אָן עפּעס קענטיק זייער פריילעכעס, בערטאַ, וואָרעם איר פּנים ווערט מיטאַמאָל יינגער — מירן געהאַט אַמאָל אַ באַקאַנטן, יאַנקל, פלעגט זי אויף אים רייטן...

— היינט הייסט זי דאָס טאָן סאַמעק — דערציילט לאָניאַ — ער בונטעוועט זיך. ער זאָגט, אַז ער איז אַ קאַפּיטאַן און אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ קאַפּיטאַן צו זיין גאָר אַ רייט־פערד...

— אַזוי זאָגט ער, סאַמעק? אַ קאַפּיטאַן? — גיסט זיך אַ טרער איבער בערטאַס באַקן.

— יאָ, אַ קאַפּיטאַן — בייגט לאָניאַ אַוועק דעם קאָפּ — ער איז זייער שטאָלץ אויף זיין אַמט. נאָר רעגינקע זאָגט צו אים, אַז די מאַטראָזן זיינען דאַרפן נישט וויסן אַז ער שפּילט זיך אין פערד. זי וועט עס קיינעם נישט אויסזאָגן, זאָגט זי, און סוף כל סוף מאַכט זי שוין אַזוי, אַז סאַמעק זאָל טאָן דאָס וואָס זי וויל... און דאָס זעלבע איז אין דער שול...

— זי לערנט גוט? — פרעגט בערטאַ.

— זי דאַרף נישט לערנען, זאָגט זי, — טוט לאָניאַ אַ שמייכל — זי האָט שוין אַ שטעלע אַלס קעכין אין סאַמעקס שיף, אַזוי האָט זי געזאָגט צו דעם לערער. און אַ קעכין אויף אַ שיף גייט נישט אין שול פאַר קינדער. זי גייט נאָר דאָ אַהער, האָט זי דעם לערער געזאָגט, ווייל זי וויל זיין העפלעך און ווייל מ׳בעט זי, אָבער ווען מ׳וועט איר פאַרדרייען צופיל דעם קאָפּ, וועט זי זיך אַוועקזעצן גלייך אויף דער שיף און אַוועקפאָרן ווייט, ווייט...

זיי זענען ביידע געשטאַנען פאַר רעגינקעס בעט און מיט שמייכלענדיקע אויגן געקוקט צו דעם קליינעם פּנימל פון דעם קינד, וואָס איז געווען איינגעגראָבן אין קישן.

דניאל עפשטיין האָט, מיט נישט גלייבנדיקע אויגן, איבערגעטראָגן זיין בליק פון בערטאָן צו לאַניאַן, און האָט זיי צוגערוקט צוויי שטולן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט און בערטאַ האָט דערציילט ווי די פּיצינקע רעגינקע פלעגט שטיין פאַרן שפּיגל און קוקן אויף דעם נייעם קליידל, וואָס מ׳האָט איר געקויפט.

— כ׳פלעג זי מיטנעמען קויפן — האָט בערטאַ געזאָגט — דאָס איז געווען איר גרעסט פאַרגעניגן... די פאַרקויפערס און פאַרקויפערינס האָבן זי שוין געקענט. טאָמער פלעגט איר עפּעס געפעלן, פלעגט זי אַרויפלייגן דערויף איר הענטל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז מען וועט עס איר צונעמען און זאָגן צום פאַרקויפער: „ביטע, פאַקט עס איין". „מירן עס אָפּשיקן אַהיים" — האָט דער פאַרקויפער צו איר געשמייכלט. „כ׳על עס בעסער אַליין נעמען" — האָט זי צו אים געשמייכלט און זי האָט אַליין דאָס פּעקל געטראָגן מיטביידע הענטלעך.

— איינמאָל — דערמאָנט זיך בערטאַ — האָב איך עפּעס זיך געקווענקלט צו קויפן און געזאָגט, אַז דער פּרייז איז אַ צו הויכער. „דינג זיך נישט — האָט זי צו מיר שטיל געזאָגט — ער וועט ווערן ברוגז און אינגאַנצן נישט וועלן פאַרקויפן, ס׳איז דאָך אַ מציאה" — האָט זי זיך אויסגעדרייט צום פאַרקויפער. — „נישט וואָר?" אַלע אין געשעפט האָבן געלאַכט און יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט אַריינקומען, האָבן די פאַרקויפער און פאַרקויפערינס צו איר געלאַכט: „מיר האָבן היינט פאַר דיר אַ מציאה, רעגינקע" און זי האָט זיי ערנסט געענטפערט: „כ׳על זען".

— כ׳האָב זי איינמאָל אָפּגעוואַרט, ווען זי איז אַרויס פון דער שול צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער און צו איר געזאָגט, אַז מירן גיין קויפן — האָט לאַניאַ דערציילט — די חברטעס זענען נישט געווען צופרידן. זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו אַ שפּיל און רעגינקע האָט צו זיי געזאָגט: „כ׳מוז דאָך זיין ביים אויסקלייבן"...

בערטאַס אויגן זענען געווען פול מיט טרערן און גלייכצייטיק פול מיט גוטן געלעכטער.

לאַניאַ האָט זיך דערמאָנט פאַרשידענע איינצלהייטן פון רעגינקעס לעבן, איר שפּילן,ריידן, פריידן און עגמת נפשן. בערטאַ האָט זיך צוגעהערט און אין איר געדעכעניש זענען אויפגעשווומען לאַנג פאַרגעסענע געשעענישן פון רעגינקעס קינדער־יאָרן, וואָס זענען אַזוי נאַריש און לע־

כערלעך פאַר אַ פרעמדן און אַזוי וויכטיק און טייער פאַר אַ מאַמע.

ביידע פרויען האָבן געקוקט אויף זיך. זיי האָבן ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק זיך פיינט געהאַט, און די שנאה האָבן זיי געפילט מיט אַזאַ שטאַרקייט, אַז זי איז דערגאַנגען צו פיזישן ווייטיק. זיי ווייסן נישט וואָס און ווי אַזוי עס איז געשען. נאָר זיי פילן זיך עפעס ווי באַפרייט פון אַ שווערער, דערדריקנדיקער לאַסט. ווער האָט אַראָפגענומען די לאַסט פון זייערע פלייצעס? זיי גיבן זיך נישט אָפ קיין רעכענונג דערפון און עס איז זיי גוט, וואָס זיי ווילן צומאָל נישט וויסן ווי אַזוי און וואָס עס איז מיט זיי מיטאַמאָל געשען.

איבער בערטאַס פנים קייקלען זיך שטילע טרערן. זי ווייסט נישט פונוואַנען און צוליב וואָס זיי קומען, די טרערן. זי קערט נישט אָפ איר פנים פון לאָניאַן. זי שעמט זיך נישט פאַר איר מיט אירע טרערן. פאַרוואָס זאָל זי זיך שעמען? זיי זיצן דאָך ביידע לעבן רעגינקען און זיי ביידע זעען זי שטיין פאַרן שפיגל און פלעכטן אירע לאָקן.

עפשטיין האַלט זיך מיט ביידע הענט אָן אָן די שטולן וואָס שטייען אַזוי נאָענט איינע צו דער אַנדערער און אויף וועלכע לאָניאַ און בערטאַ זיצע מיט צוגעבייגענע קעפ צו זיך.

זיי האָבן אָן אים פאַרגעסן, ווי ער וואָלט פאַר זיי קיינמאָל נישט עקזיסטירט. זיי זעען בלויז זי, די קליינע רעגינקע, וואָס ליגט אין גרויסן ווייסן שפיטאָל־בעט מיט צוגעמאַכטע אייגעלעך.

עפשטיין פילט, אַז זי, זיין קליין קראַנק טעכטערל, האָט דאָ אויסגעגליכן אַן אַלטן חשבון. ער, דניאל עפשטיין, האָט באַדאַרפט אויסגלייכן דעם חשבון, עס איז געווען זיין זאַך דאָס צו טאָן, אָבער ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי דאָס צו מאַכן און ער האָט דעם חשבון נאָך מער פאַרפלאָנטערט. יאָ, דאָס האָט ער, דניאל עפשטיין, געמאַכט דעם גאַנצן פלאָנטער. ער האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק פון אים, געמאַכט זיך נישט זען און נישט וויסן און געפילט, אַז דער פלאָנטער ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, אַז ער פאַרציט זיך ווי אַ פעטליע איבער זייערע העלדזער. די קליינע רעגינקע, זיין קליינע טעכטערל, האָט איצט די פעטליע אַראָפגענומען פון זייערע העלדזער. פאַרוואָס זי, רעגינקע? וואָס איז זי שולדיק? פאַרוואָס מוז גראָד זי, די קליינע רעגינקע, זיך וואַרפן אין פיבער אין דעם גרויסן שפיטאָל־בעט, אויסצוגלייכן אַ חשבון, אַן אַלטן און אַ

ביטערן, וואָס ער, דניאל עפּשטיין, האָט פאַרפּלאָנטערט? פאַרוואָס זאָלן די קינדער צאָלן פאַר די זינד פון די טאַטעס?

די קליינע רעגינקע האָט אויסגעצויגןביידע הענטלעך פאַר זיך, ווי זי וואָלט עמיצן געוואָלט אָפּשטויסן, אָפּטרייבן פון זיך.

— מאַמע! — האָט זיך פון אירע פאַרטריקנטע ליפּעלעך אַרויסגעריסן אַ שוואַכער, שטילער רוף.

דער רוף האָט די מענטשן אין צימער ווי פאַרשטיינט. דער רוף האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין חלל און איז ערגעץ ווו פאַרפאַלן געוואָרן. אַ קינד רופט די מאַמע. און קיינער ווייסט נישט ווער עס איז די מאַמע. די מאַמע אַליין ווייסט נישט. מ׳טאָר נישט אָפּנאַרן אַ קינד, וואָס רופט אין פיבער די מאַמע, אָבער ווער קאָן זאָגן ווועמען עס זעען איצט די פאַרמאַכטע אויגן פון דעם קינד? זעען זיי איצט בערטאַן? אָדער רופט זי לאָניאַן?

בערטאַ פילט ווי אַ האַנט, אַ וואַרעמע און צאַרטע האַנט פון אַ מאַמע נעמט אַרום איר, בערטאַס, קאָפּ און בייגט אים צו צום קינדס בעט.

מער קאָן זי שוין נישט, בערטאַ. זי פאַלט צו מיט איר לייב צום בעט...

און זי הערט צום צווייטן מאָל אַ שטיל שעפּטשען פון קינדערשע ליפּן:

— מאַמע...

לאָניאַ שטעלט זיך אויף. עפּשטיין נעמט אָן איר אָרעם און ביידע רוקן זיך אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון דעם צימער.

לאָניאַס פּנים איז בלייך, אָבער אין אירע אויגן ליגט רו. ס׳ערשטע מאָל זינט לאַנג, זייער לאַנג, ווי זי דערפילט דעם טעם פון רו. זי האָט דער מאַמע צוריקגעגעבן איר קינד. זי האָט אַפילו נישט געטראַכט וואָס זי טוט. איר האַנט האָט זיך ווי אומבאַוווסטזיניק אויסגעצויגן צו בערטאַס קאָפּ און אים צוגעבייגן צו רעגינקען. אַזוי דאַרף זיין. זי האָט נישט געוווסט, לאָניאַ, צי זי וועט האָבן כּוח דאָס צו טאָן. איצט פילט זי אַזאַ לייכטקייט אין איר גאַנץ וועזן.

זי עפנט אויף שטיל די טיר און, נישט אומדרייענדיק דעם קאָפּ, גייט זי אַרויס, נישט פילנדיק עפּשטיינס קאָנוווּלסיוון דרוק אַרום איר אָרעם.

בערטאָס הענט גלעטן רעגינקעס האָר און זי רעדט שטיל:

— זעסט, רעגינקעלע, זעסט, כ׳בין דאָ, די מאַמע...

עס דאַכט זיך איר, אַז רעגינקע וויל עפענען די אויגן. זי וואַרט מיט ציטערניש און פרייד. וועט זי דערקענען די מאַמע? אָדער וועט זי מיט שרעק פון איר זיך צוריקציען?

רעגינקעס קעפל פאַלט צוריק אויפן קישן. אירע אויגן בלייבן פאַרשלאָסן, נאָר די הענטלעך זענען אויסגעשטרעקט און זיי פאַלן צו צו בערטאָס פנים.

בערטאַ בלייבט האַלב ליגן אומבאַוועגלעך. זי האָט מורא צו רירן מיטן קאָפּ. זי האָט מורא נישט צו פילן מער אויף איר פנים דעם באַריר פון דער קינדערשער האַנט. זי פליסטערט שטיל:

— כ׳בין דאָ, קינד מײַנס... כ׳בין שטענדיק מיט דיר געווען, רעגינקע מײַנע... יאָ, שטענדיק... אויך אויף מײַן שטרוי־זאַק, אין דער ליימענער סיבירער כאַטקע, בין איך מיט דיר געווען, דיר בײַנאַכט מעשיות דערציילט, וועלכע דו האָסט ליב געהאַט און כ׳האָב געוווסט אַלץ, אַלץ, וואָס דו טראַכסט...

רעגינקע וואַרפט זיך אומרויִק פון איין זײַט אויף דער אַנדערער, און בערטאַ נעמט זי אַרום, וויגט זי אײַן מיט אירע רייד.

כ׳ווייס, דו האָסט מיך נישט געזען, האָסט געמיינט די מאַמע האָט אָן דיר פאַרגעסן. נו, זײַ רויִק, קינד מײַנס. ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו אפשר מיך פאַרשטיין און וויסן, אַז מ׳קאָן זײַן ווײַט און דאָך אַזוי נאָענט. ניין, ניין, רעגינקע, מער וועל איך נישט אַוועק, איך וועל מיט דיר זײַן, שטענדיק. וועסט נאָר געזונט ווערן, וועלן מיר גיין קויפן נײַע קליידעלעך און דו וועסט ריידן ווי אַמאָל צו די פאַרקויפערס מיט אַזאַ ערנסט קינדיש פּנימל און זיי וועלן אַלע לאַכן...

רעגינקעס מויל האָט זיך געעפנט מיט אַ קרעכץ.

— כ׳ווייס, ס׳טוט דיר וויי, קינד — האָט זי בערטאַ געוויגט אין די אָרעמס — אָ, עס טוט דיר וויי... זאָג, קינד, וווּ טוט דיר וויי, זאָג דער מאַמען. די מאַמע וועט בײַ דיר צונעמען דעם ווייטיק און זי וועט דיך אײַנשלעפערן מיט אַ מעשהלע. געדענקסט, רעגינקע, די מעשהלעך וואָס די מאַמע האָט דיר אַמאָל דערציילט? כ׳ווייס, כ׳ווייס, דו האָסט ליב מעשהלעך, וואָס הייבן זיך אָן טרויעריק און ענדיקן זיך פריילעך. זעסט,

קינד, כ׳געדענק אַלץ וואָס דו האָסט ליב. כ׳האָב גאָרנישט פאַרגעסן. אַזאַ מעשהלע וועל איך דיר איצט דערציילן. אַ מעשהלע פון אַ מאַמע, וואָס האָט פאַרלוירן איר קינד. זיי נישט טרויעריק, קינד מיינס, די מאַמע האָט שפּעטער זי געפונען און זי איז גליקלעך, די מאַמע...

בערטאַ האָט נישט געפילט די טרערן, וואָס גיסן זיך איבער איר פּנים. זי האָט רעגינקען געוויגט אין אירע אָרעמס. איר מויל האָט שטיל געפּליסטערט די מעשה פון דער מאַמע.

זי האָט איר דערציילט ווי די מאַמע איז געלאָפן איבער פינצטערע גאַסן, אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט ביי דער מאַמע געקלאַפּט. זי איז געלאָפן און האָט נישט געוווסט וווהין זי לויפט. אַ שלעכטער, אַ בייזער מאַן האָט דער מאַמע געוואָלט טאָן שלעכטס און הויכע זשאַנדאַרמען מיט די ביקסן אין די הענט האָבן די מאַמע געפירט. זיי האָבן אירע הענט אין אייזערנע קייטן געשלאָסן און זי געפירט ווייט, ווייט פון אירע קינדער. עס איז געווען שלעכט און קאַלט דער מאַמען דאָרט אינדערוויטנס. אַזוי שלעכט און אַזוי קאַלט איז דער מאַמען געווען, אַז זי האָט שוין אַפילו וויינען נישט געקאָנט... וויין נישט, קינד, וויין נישט. די מאַמע האָט געוווסט, אַז עס איז נאָר אַ שלעכטער חלום. זי האָט געהאַט אַ קליין מיידעלע, די מאַמע, און אַ ייִנגעלע, און זי האָט געוווסט, אַז זי וועט זיי געפינען. זי איז אַרויס צו זיי אַקעגן, די מאַמע, און זי איז געגאַנגען איבער שטעט און דערפער, איבער וועלדער און פעלדער. זי האָט אַזוי פיל מענטשן געזען, די מאַמע, אַזוי פיל מאָדנע מענטשן. כ׳וועל דיר אַמאָל וועגן זיי דערציילן נאָך אַ סך, סך מעשהלעך. נאָר אַצינד וויל איך דיר דערציילן דעם פריילעכן סוף. יאָ, יאָ, קינד מיינס, די מאַמע האָט איר מיידעלע געפונען און זי וועט שוין קיינמאָל, הערסט, רעגינקע, קיינמאָל פון איר מער נישט אַוועק...

בערטאַ האָט פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט רעגינקען אויפן בעט. זי איז געשלאָפן. בערטאַ האָט זי צוגעדעקט מיט דער ווייסער שפּיטאָל־קאָלדרע. זי האָט געקוקט אויפן פּנימל פון איר קינד און ווידערהאָלט:

— שלאָף רואיק, קינד, די מאַמע איז ביי דיר, און זי וועט שוין קיינמאָל דיך נישט לאָזן אַליין...

קאַפּיטל ניינצן

פּיניע קומט צוריק

— כ׳בין געקומען דיך אויסזידלען. — מאַניע גרינגלאַס איז ווי אַ שטורעם אַריינגעפאַלן צו סאָניען אין שטוב — וואָס מייננסטו מיט זיך, דו סיבירער מיידל, דו ווערסט מאַכן אַ מחלוקה צווישן ר׳ לייבוש גרינג־גלאַס און זיין טאָכטער מאַניע?...

מאַניע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, סאָניע, — האָט זי, אויף איר שטייגער, האַסטיק גערעדט, ווי זי וואָלט שטענדיק מורא געהאַט עפּעס צו פאַר־שפּעטיקן — האָסט זיי אַלע ביי אונדז אין שטוב אַ כישוף אָנגעטאָן. זינט דו האָסט זיך אָנגעגעסן מיט דער מאַמעס געבראָטענע לעבערלעך, הערן זיי אַלע נישט אויף צו ריידן, נאָר סאָניע אַהין, און סאָניע אַהער... איך האָב מיר פאַרשטאָפּט די אויערן מער נישט צו הערן דיין נאָמען. איך האָב זיך געקריגט מיט דער מאַמע און זיך צעווערטלט מיטן טאַטן, און אַלץ צוליב דיר. כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן טאַטערישע הערצער, אַזוי זיך צו לאָזן פאַרדרייען דעם קאָפּ פון עפּעס אַ סיבירער מיידל און צו פאַרגעסן אָן זייער איינציקער הייסגעליבטער טאָכטער. און ווייסטו וואָס דער טאַטע האָט מיר געזאָגט?

מאַניע האָט נישט געוואַרט, אַז סאָניע זאָל פּרוּוון טרעפן וואָס איר פאָטער, ר׳ לייבוש גרינגלאַס פון דער פאָנסקע גאַס, האָט געזאָגט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער פּלושענער סאָפע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, האָט מיט כלומרשטער פאַרצווייפלונג פאַרבראָכן די הענט און מיט לאַכנדיקע אויגן טרויעריק אויסגעזונגען:

— עס איז אַ חרפּה אויסצוזאָגן, אָבער וואָס קאָן איך מיר העלפן, אַז מיין אייגענער טאַטע האָט צו מיר געזאָגט, אַז זיין איינציקע טאָכ־טער בין איך טאַקע, אָבער הייס געליבט דווקא נישט. און אַפילו קאַלט געליבט אויך נישט. אָט, ווען זיין טאָכטער וואָלט געווען אַזאַ ווי דאָס סיבירער מיידל, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. פאַרשטייסט דאָך, אַז כ׳האָב נישט געשוויגן, כ׳האָב דיך געמאַכט מיט בלאָטע צוגלייך, כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז דו ביסט מיאוס, אַ שרעק; אַז זיי האָבן נישט קיין אויגן, אַז זיי קאָנען נישט אָפּשאַצן זייער טאָכטער, וואָס יעדן טאָג צעברעכט זי די

הערצער פון די סטודענטן און פראָפעסאָרן צוזאַמען; אַז כ׳זאָל נאָר געבן אַ צייכן וועלן זיי אַלע מיר פאַלן צו די פיס... ר׳ לייבוש גרינגלאַס, מיין אייגענער טאַטע, הייסט עס, האָט זיך גאָר צעלאַכט פון מיינע רייד. „דאָס איז דיין צרה, מאַניעלע״ — האָט ער צו מיר געזאָגט — „וואָס דו גע־פעלסט אַלע״. מען דאַרף געפעלן א יי נ ע ם. אָט ווי דאָס סיבירער מיידל. זי האָט נישט געוואָלט בלייבן אויף קידוש און נישט געוואָלט עסן דיין מאַמעס געפילטע פיש, וואָס האָבן דעם טעם גן עדן. ווייסטו פאַרוואָס? געוויס וואָרט אויף איר דער איינער. זי איז אַ חכמה, דיין סיבירער מיידל. אַזוי האָט ער גערעדט צו מיר, מיין אייגענער טאַטע, אָן יאַדעס...

מאַניע האָט פון איר בייטל אַרויסגענומען אַ פעקל פלאַסקע פאַפי־ראָסן, האָט אויסגעצויגן די פיס אויפן טיש און געזאָגט:

— גיב מיר אַ שוועבעלע, סאָניע.

סאָניע האָט איר צוגעוואָרפן דאָס שאַכטל שוועבעלעך. מאַניע האָט אָנגעצונדן דעם פאַפיראָס און טיף פאַרצויגן.

— איך רייד און רייד — האָט זי געקוקט אויף די וואָלקנדלעך רויך וואָס האָבן זיך געקייקלט פון איר מויל — איך בין שוין הייזעריק פון ריידן און דו שווייגסט נאָך אַלץ, האָסט מיר נאָך אַלץ נישט אויסגעזאָגט דעם סוד ווי אַזוי מען באַקומט אין האַנט אַריין אַזאַ נאַר, וואָס קוקט אויף דיר מיט פאַרליבטע נאַרישע אויגן און שרייבט, ווען קיינער זעט נישט, האַרצרייסנדיקע ליבע־לידער. נו, וואַרט, וואַרט, סאָניע, כ׳וועל דיר נישט שווייגן, כ׳וועל זיך היינט אַ נעם טאָן צו פיניען...

— כ׳שענק אים דיר אינגאַנצן — האָט סאָניע זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע לעבן איר חברטע.

— הם, הם, — האָבן מאַניעס שוואַרצע אויגן זיך צעצונדן מיט קליינע בלישטשענדיקע פייערלעך — אַזוי ברענט זי שוין, די ליבע, אַז איר רייסט זיך שוין ביי די נעז?

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן! — האָט סאָניעס שטים אָנגענומען אַ האַרטן קלאַנג — כ׳האָב אים נישט אין זינען. זאָג בעסער, מאַניע, דו ווילסט היינט אָוונט צוגיין אויף קרולעווסקע?

— האָסט עפּעס אויף קרולעווסקע? — האָט מאַניע אַראָפּגעשאַרט דעם פאַפיראָסן־אַש, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף איר קלייד — ווילסט די אַלטע ליפּע־ביימער דאָרט אָנטרויען דיין ליבע־סוד?

— די ליבעס לאָז איך איבער פאַר דיר — האָט סאָניע געלאַכט — כ'וויל בלויז צוגיין צו דעם פאָרום פון די יונגע.

— צו די ציוניסטלעך ווילסטו גיין? ווי מיין טאַטע, ר' לייבוש גריג־גלאָס רופט זיי — האָבן מאַניעס אויגן פאַרשנדיק געקוקט אויף איר פריינדין — אָ, כ'בין שוין דאָרט געווען. זיי ריידן אַזוי שיין וועגן די שיינע יהודה־בערג, נאָר פאָרן צו די בערג הייסן זיי אַנדערע. אַזוי זאָגט מיין טאַטע, ר' לייבוש; אַליין עפּענען זיי זיך אַ שניט־קראָם אויף דער גענשע גאַס אָדער אַן אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע אויף דער מאַרשאַל־קאָווסקע.

— פעליקס זאַקס וועט דאָרט ריידן — האָט סאָניע זיך באַמיט צו ריידן מיט אַ גלייכגילטיקער שטים — ר'האָט מיך געבעטן צוצוקומען.

— פעליקס זאַקס! — מאַניע האָט פאַר איבערראַשונג אַוועקגע־וואָרפן אויפן טיש דעם האַלבן, נישט אויסגערויכערטן פלאַסקע פּאַפּיראָס און זיך אויפגעשטעלט — און ער, פעליקס זאַקס, האָט דיך געבעטן?!

— יאָ. — האָט סאָניע מיט דער האַנט פאַרשטעלט דאָס מויל און האָט זיך צעגענעצט — מיר האָבן זיך נעכטן, אין דער „זילבערנער רויז" צופעליק געטראָפן. ס'איז געווען דאָרט אַ גאַנצע חברה: אַדעק ווישינסקי, בערטאַ, דער באַנקיר וואַרסקי, יאַקוב האַרט...

— האַ, האַ, סאָניע, — האָט מאַניע פאַררויכערט אַ צווייטן סיגאַ־רעט — גוט צו וויסן, אַז דו האָסט אַזעלכע גבירישע פריינד, מ'וועט קאָנען באַקומען אַ הלוואהלע אַמאָל, איז פעליקס זאַקס אויך דאָרט געווען אַליין?

— כ'ווייס נישט — האָט סאָניע געצויגן מיט די אַקסלען — ער איז צוגעקומען צו אונדזער טישל און געבליבן זיצן. שפּעטער האָבן מיר געטאַנצט...

— אָרעמער פיניע! — האָט מאַניע צעשאָקלט איר קורץ געשוירע־נע שוואַרצע האָר — איצט גלייב איך דיר, אַז פיניע ליגט דיר נישט אין זינען. מיין טאַטע, ר' לייבוש פון דער פאַנסקע גאַס, איז גערעכט. וועסט דערגיין גאָר ווייט, סיבירער מיידל, ביסט געקומען, געזען און שוין טאַנצס־טו מיט פעליקס זאַקסן!...

— אייפערזיכטיק, מאַניע? — האָט סאָניע געשמייכלט — האָסט מיר גאָרנישט דערציילט, אַז דו ביסט פאַרליבט אין פעליקס זאַקסן...

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, סאָניע, — האָט זיך מאָניע צוריק אָוועקגעלייגט אויף דער סאָפע — פעליקס זאַקסן האָב איך ביז היינט נאָך נישט געזען, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז כ׳בין נישט אין אים פאַר־ליבט, פאַרשטייסט, סיבירער מיידל?

— ס׳איז אפשר אַ חרפה אויסצוזאָגן, מאָניע, — האָט סאָניע צו־געמאַכט די אויגן — נאָר עס איז מיר שווערלעך צו פאַרשטיין אַזאַ מין ליבע...

— אַוודאי, אַז מען קומט פון סיביר, האָט מען נישט קיין שכל — האָט מאָניע אַרומגענומען איר פריינדין — דיין גליק, סאָניע, איז וואָס איך בין דאָ ביי דיר און מיט מיין הילף וועסטו אפשר אַמאָל ווערן אַ לייט. פאַרשטייסט, מיין טייערע, היינטיקע צייטן איז פשוט אַ חרפה צו זאָגן, אַז מען איז נישט פאַרליבט אין פעליקס זאַקסן. כ׳קען ווייבלעך, וואָס קושן זיך נאָר מיט זייערע אייגענע מענער — יאָ, יאָ, נישט קיין סך, אָבער אַזעלכע זענען נאָך דאָ אויך — פונדעסטוועגן וועלן זיי דיר שווערן, אַז זיי זענען געלעגן אין די אָרעמס פון פעליקס זאַקסן. און זיי וועלן נישט זאָגן קיין ליגן. אין חלום זענען זיי באַשטימט געלעגן אין זיינע אָרעמס. האָסט דאָך אים געזען נעכטן, סאָניע. ריכטיק, ער איז שיין און זיין שטים גלעט און באַהערשט, און ער ווייסט אויך וואָס ער רעדט. אָבער דאָס אַלץ איז נישט וויכטיק.

— נאָר וואָס איז וויכטיק? — האָט סאָניע אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אַז איר פריינדין זאָל נישט זען דעם אויסדרוק פון אירע אויגן.

— וויכטיק איז, וואָס ער איז אַ לעגענדע. אַ לעגענדע, וואָס גייט אַ לעבעדיקער איבער דער גאַס, אַ לעגענדע אַ באַצויבערנדיקע און אַזאַ מענערישע. איז, ווי קאָן מען נישט צופאַלן צו די הייסע ליפּן פון דער באַצויבערנדיקער לעגענדע?

— ווען ער האָט נעכטן מיט מיר געטאַנצט, האָט ער נישט אויס־געזען ווי אַ לעגענדע — האָט סאָניע זיך דערמאָנט ווי ער האָט זי נעכטן ביים טאַנצן אַביסל צו פעסט צוגעדריקט צו זיך.

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, ער איז אַ ל ע ב ע ד י ק ע לעגענדע — האָט מאָניע געזאָגט — פאַרשטייסט, ער איז נישט געבוירן געוואָרן אויף דער פאַנסקע גאַס, פעליקס זאַקס. דער אַלטער זאַקס, ווען ער איז גע־שטאָרבן, האָט ער אים נישט איבערגעלאָזט קיין פאַרמעגן, זאָגט מען,

אָבער ער האָט פאַר אים געהאַט געעפנט אַלע טירן פון דער גרויסער וועלט. ער האָט געלערנט אין דער סאָרבאָנע און אין אָקספאָרד. ער האָט געקיניגט אין די פּאַריזער אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען, איז געגאַנ־גען אויף יאַגד מיט די ענגלישע לאָרדן און וועגן זײַנע ליבע־אַוואַנטו־רעס איז ערשט נישט לאַנג אַרויס אַ בוך אין פּאַריז. מיט פאַרשטעלטע נעמען, פאַרשטייט זיך. און מיטאַמאָל לאָזט ער איבער די לאָנדאָנער באַ־ראַנעסעס און די פּאַריזער שיינהייטן און קומט אַהער, צוריק צו דער פאַנסקע גאַס און צו דער אָרעמער קראָכמאַלנע, רינגלט זיך אַרום מיט כאַפּטעס יידישע מיידלעך און ייִנגלעך, רעדט צו זיי וועגן די בערג פון ציון, איז אַ וווּנדער, וואָס זיי אַלע גייען אים נאָך ווי שאָטנס?...

— פאַרוואָס איז ער צוריקגעקומען — האָט סאָניע געוואָלט וויסן.

— מ׳זאָגט פאַרשידנס — האָט מאַניע געענטפערט — מ׳זאָגט, עפּעס אַ גרויסע און שווערע אַנטוישונג, אַן אומגליקלעכע ליבע, כ׳ווייס נישט. די לעגענדע איז צוליב די קלאַנגען נאָך רייצנדיקער געוואָרן — און דו, סיבירער מיידל, האָסט אַפילו נישט געוווּסט מיט וועמען דו טאַנצסט?! נו, פרעג איך דיך, איז דאָ גערעכטיקייט אויף דער וועלט? קומט אַזאַ איינע מיט אַ פּאָר בלאָע אויגן פון עפּעס אַ סיבירער האָצי־פּלאַץ און ווייזט אונדז אַלעמען אַ פייג, כאַפּט אונדז אויס פעליקס זאַקסן!...

— גייען מיר, הייסט עס, — זאָגט סאָניע — בערטאַ האָט אויך געזאָלט צוגיין, נאָר זי איז אַוועק אין שפּיטאָל.

— זי איז נישט געזונט?

— ניין — ענטפערט מאַניע — איר קינד איז פּלוצים נישט גע־זונט געוואָרן און כ׳גלייב נישט אַז זי וועט צוריקקומען צו דער צייט.

זי רעדט גלייכגילטיק וועגן דער קראַנקייט פון בערטאַס קינד. מאַלע, וואָס עס מאַכט זיך מיט קינדער. געוויס וועט רעגינקע געזונט ווערן. איבעריקנס, גייט עס איר, סאָניען, ווייניק וואָס אָן. זי האָט רע־גינקען געזען סך הכל אַ צוויי מאָל. איז וואָס איז דאָ צו ריידן וועגן אַ קראַנק קינד אין שפּיטאָל. מאַניעס רייד האָבן פאַרשטאַרקט איר איינ־טערעס צו פעליקס זאַקסן. הם, הם, אַלע יאָגן זיך אַזוי נאָך אים, און ער האָט נאָר געקוקט אויף איר מיט אַזעלכע הייסע און בעטנדיקע אויגן. עס טוט איר שוין באַנג, וואָס זי האָט איינגעלאַדן מאַניען. וועט נישט זיין בעסער אַליין זיך מיט אים צו טרעפן? סאָניע פילט אַ מיטלייד צו

איר פריינדין, מיט איר האָט פעליקס זאַקס נישט געטאַנצט. און, וועלנ־דיק איר פאַרגיטיקן, זאָגט זי:

— נו, מאַניע, הייב זיך אויף און גיי צו צום שפּיגל, מירן באַלד דאַרפן גיין...

— דו ווילסט דעןווירקלעך מיך האָבן? — קוקט אויף איר פאַרשנ־דיק מאַניע — איך אויף דיין אָרט, וואָלט בעסער אַליין געגאַנגען.

סאָניע פילט ווי אויף איר פּנים קומט אַרויס אַ לייכטע רויטקייט. עס דאַכט זיך איר, אַז מאַניע לייענט אַראָפּ די געדאַנקען פון איר פּנים.

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן, מאַניע — זאָגט זי — וואָס דיר פאַלט אַלץ איין.

און זי גיט צו:

— פאַר מיר איז דיין זאַקס נישט קיין לעגענדע, נאָר אַ יונגער מענטש, מיט וועלכן כ׳האָב זיך צופעליק געטראָפן און אַרויסגערעדט עט־לעכע ווערטער, און זיי רואיק, כ׳וועל אים נישט צונעמען ביי אייך, וואָר־שעוועור מיידלעך...

— נו, נו, נאָר אָן שבועות — האָט מאַניע געלאַכט — און צי כ׳זאָל גיין, מוז איך זיך נאָך באַקלערן. וואָס? צוקוקן ווי ער צאַצקעט זיך מיט דיר און אויף מיר וועט ער קוקן ווי אויף אַ לעסטיקן שומר?

— קום, קום — האָט סאָניע געבעטן — וועסט זען ווי נאָר ער וועט דיך דערזען, וועט ער אָן מיר פאַרגעסן...

— הער נאָר, סאָניעלע — זאָגט צו איר מאַניע — פונדעסטוועגן, זיי נאָך נישט אַזוי זיכער מיט דיין פעליקסן. איך וועל מיט דיר גיין און איך וועל שוין פּרווון אים צעוואַרעמען, אָ, סאָניע, דו קענסט נאָך נישט די טאָכטער פון ר׳ לייבוש גרינגלאַס.

ביידע האָבן געלאַכט. מאַניע האָט נאָך געוואָלט אַהיימגיין זיך אי־בערטאָן. נאָר סאָניע האָט זי צוריקגעהאַלטן:

— עס וועט ווערן שפּעט, קום צו דער שאַנק, מ׳וועט ביידע אויס־קלייבן עפּעס פאַר דיר.

זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער שאַנק, האָבן אָנגעוואָרפן שטויסן קליידער און האָבן זיך לאַנג און הייס געאַמפּערט וואָס עס וועט זיי בעסער פּאַסן און מיט וועלכן קלייד זיי וועלן גיכער קאָנען דעראָבערן דאָס האַרץ פון פעליקס זאַקסן.

אַנגעטוענע זענען זיי ביידע צוגעגאַנגען צום שפּיגל און געלאַכט צו זיך אין גלאָז אַריין.

— קום — האָט מאַניע געוויזן דעם גלאָז איר צונג — איך ברען פון אומגעדולד צו באַצויבערן דיין פּעליקסן.

— וואַרט אַ מינוט — האָט סאָניע זיך דערמאָנט אָן בערטאָן — איך וועל נאָר אָנשרייבן עטלעכע ווערטער.

זיי זענען שנעל געלאָפן איבער די טרעפּ און אין דעם טונקעלן טויער זיך אָנגעשטויסן אָן עמיצן.

— אָך! — האָט מאַניע זיך פונאַנדערגעלאַכט, דערקענענדיק פּיניען — איר האָט מיך אַזוי איבערגעשראָקן, הער העכט.

פּיניע האָט ווי נישט געזען מאַניען. זיינע אויגן האָבן שולדיקע געזוכט סאָניעס בליק.

— איך... — האָט פּיניע נישט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיק וואָרט.

— איר האָט פאַרשפּעטיקט, פּאַניע העכט, — האָט מאַניע צו אים געזאָגט — און דערפאַר וועט איר באַשטראָפט צו באַגלייטן צוויי איינזאַמע מיידלעך, וואָס זענען געבליבן אָן אַ קאַוואַליר, ריכטיק, סאָניע?

— געוויס — האָט סאָניע גלייכגילטיק געענטפערט — און אירע אויגן האָבן געקוקט איבער פּיניעס קאָפּ פרעמדע און נישט זעעוודיק, ווי ער וואָלט פאַר איר נישט עקזיסטירט.

זי האָט געמאַכט אַ שריט אין דער ריכטונג צו דער גאַס, זאָגנדיק:

— מיר דאַרפן גיין.

פּיניע איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער.

— זי שיקט מיך אַוועק — האָט פּיניע געפילט ווי דער ווייטיק אין פּאָדערשטן טייל פון קאָפּ ווערט שטאַרקער — כ'האָב פאַרשפּעטיקט...

— הע, הע, צווישן די ביידע איז אַ שוואַרצע קאַץ דורכגעלאָפן — האָט מאַניעס שאַרפער בליק געוואַנדערט פון איינעם צו דער אַנדערער — ער זעט אויס, ווי אַ געשלאָגענער הונט.

— נו, קומט, הער העכט — האָט מאַניע צו אים אַ שמייכל געטאָן און אים געוואָלט זאָגן, אַז נאָך אַ ברוגז מיט אַ מיידל, איז דאָס איבערבעטן זיך נאָך אָנגענעמער.

זיי זענען געגאַנגען איבער דער גאַס און מאַניע האָט גערעדט פאַר אירע צוויי שווייגנדיקע באַגלייטערס. זי האָט זיך דערמאָנט פאַרשידענע

קאַמישע פּאַסירונגען פון דער פּאַנסקע גאַס און זי האָט זיי דערציילט מיט אַזאַ הומאָר, אַז זי האָט סוף כל סוף אַרויסבאַקומען אַ שמייכל און עטלעכע ווערטער פון סאַניען.

פיניע איז דער מיידל פון דער פּאַנסקע גאַס געווען דאַנקבאַר פאַר דעם וואָס דאָס מויל פאַרמאַכט זי ביי איר נישט אויף אַ רגע. ער האָט געקאָנט גיין לעבן סאַניען און שווייגן. ווארעם וואָס קאָן ער איר זאָגן, אַז זי קוקט אויף אים מיט אַזעלכע פרעמדע, גלייכגילטיקע אויגן.

ער ווייסט אַליין נישט ווי לאַנג ער האָט זיך געדרייט אַהין און צו־ריק פאַרן טויער און נישט געוואַגט אַנצוקלאַפּן אַן סאַניעס טיר. וואָס זאָל ער איר זאָגן? ווי אַזוי זאָל ער איר אויפקלערן, פאַרוואָס ער האָט נישט געקאָנט קומען נעכטן אין אָוונט? ער האָט שוין געהאַט אויסגע־קלערט פאַרשידענע תירוצים. ער וועט איר זאָגן, אַז יאַנקל האָט אים פלוצלינג אַוועקגעשיקט אויסער דער שטאָט וועגן אַ זייער וויכטיקן גע־שעפט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט נאָך צוריקקומען באַצייטנס, אָבער מען האָט אים פאַרהאַלטן און ער האָט נישט געהאַט קיין שום מעגלעכ־קייט...

פיניע האָט זיך געמיאוסט מיט זיינע אייגענע ווערטער. גייען זיי צו אַלדי רוחות, יאַנקלס געשעפטן! וואָס האָבן זיי צו טאָן מיט דעם וואָס ער פילט צו סאַניען. ניין, ער וועט איר עפּעס אַנדערש זאָגן. ער וועט איר דערציילן, אַז ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט ער גע־פונען די מאַמע קראַנק, זייער קראַנק. די היינטיקע קרענק קומען דאָך אַזוי אומגעריכט, ווייסט דאָך, סאַניע. איז ער געלאָפן צו דאָקטוירים, אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט... דער קאָפּ האַקט מיר נאָך איצט ווי מיט האַמערס.

פיניע האָט דערפילט אַן עקל צו זיך פון זיינע מחשבות. מיט די דאָזיקע מחשבות ציט ער אַריין זיין אייגענע מאַמע און סאַניען צו זיי דאָרט, צו דעם פריילעכן געזינדל פון מלכהלע דער גרושה. זי, סאַניע, וועט האָבן מיטלייד צו דעם גוטן געטרייען זון, וועלכער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן נעבעך, און געהאַלטן אין איין לויפן פון איין דאָק־טאָר צום צווייטן, צו ראַטעווען זיין הייס געליבטער מאַמע. סאַניע וועט דאָס הערן און אירע אויגן וועלן קוקן אויף אים אַזוי קלאָר און אָפן און

ווער ווייסט, אפשר וועט איר מוחל זיך דערנענטערן צו דעם מידן שטערן פון געטרייען זון?

פיניע האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם געדאַנק. ער וועט זיך קיינ־מאָל נישט קאָנען מוחל זיין און סאָניע וועט עס אים קיינמאָל נישט פאַר־געבן. בעסער איר זאָגן דעם אמת. דערציילן וועגן די דייטשן אפּיצירן, וואָס זענען געקומען אין ביורא און עס איז שווער געווען מיט זיי זיך צונויפצורעדן. אָ, דו קענסט נישט, סאָניע, די יעקעס. אַלץ איז פאַר זיי צו ווייניק. האָט יאַנקל גענומען די אָפיצירן צו מלכהלען, דער פריילעכער גרושה. זי ווייסט שוין ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט די יעקעס. איך האָב נישט געוואָלט גיין, בנאמנות. נישט געוואָלט. מ׳האָט מיך פשוט געשלעפּט. יאַנקל און זיי אַלע האָבן מיר פאַרשטעלט דעם וועג. נו, האָק נישט קיין טשייניק, פּיניע. ווילסט זיך אַליין נאַרן. מ׳האָט דיך גע־שלעפּט, איאָ? און אַליין האָסטו נישט געוואָלט, אַז מ׳זאָל דיך שלעפּן? ווילסט ווייטער, אַז סאָניע זאָל רחמנות האָבן אויף דעם פיינעם גוטן פּיניע, וועלכן שלעכטע מענטשן האָבן נעבעך געשלעפּט? נו, יאָ, סאָניע, פאַרשטייסט, כ׳בין געווען אַביסל נייגעריק. כ׳האָב געהערט פון יאַנקלען און זיינע באַקאַנטע אַזוי פיל זיך אָנדערציילן וועגן דער דאַזיקער מלכה־לע, אַז כ׳האָב געוואָלט כאָטש אַ קוק טאָן. בנאמנות, בלויז אַ קוק טאָן און גלייך אַוועקגיין. אדרבה, זאָל יאַנקל זאָגן, צי כ׳האָב אים נישט גע־זאָגט, אַז כ׳מוז אַוועקגיין, אַז כ׳וועל נאָר זיין דאָרט עטלעכע מינוט. כ׳האָב דאָך געוווסט, אַז כ׳דאַרף זיין ביי דיר. אָט זעסטו, די צוויי בי־לעטן פון דער פילהאַרמאָניע האָב איך נאָך אין טאַש. איך האָב זיך אַזוי געפרייט מיט דעם אָוונט צו זיין מיט דיר...

— האָסט אַזוי געוואָלט זיין מיט סאָניען און דו ביסט מיט אַזאַ חשק געלאָפן צו איר, צו מלכהלען, דו צדיק אין פעלץ! — דאַכט זיך פּיניען, אַז עמיצער שטייט הינטער זיין פּלייצע און כיכיקעט אים אין אויער.

— אויף אַ מינוט נאָר, אויף איין מינוט — בעט זיך פּיניע.

— יאָ, אויף אַ מינוט — לאַכט נאָך העכער דער עמיצער אין אים — שוין אָפן אין פּנים אַריין — אַזוי האָסטו געזאָגט יאַנקלען און זיינע פריינד, אָבער דו אַליין האָסט געוווסט, אַז דו ווילסט זיי נאַרן און נאָך מער ווילסטו זיך אַליין נאַרן.

— אַך, סאָניע, כ׳ווייס נישט צי דו וועסט מיך קענען פאַרשטיין. כ׳האָב זיך טאַקע געוואָלט נאַרן, עס איז געווען עפּעס אין מיר אַזעלכעס, וואָס איז געווען שטאַרקער פון מיר. ווייסט, סאָניע, אַלע יאָרן בין איך געווען אין חסידים־שטיבל. גאַנצע טעג און האַלבע נעכט בין איך געזעסן איבער דער גמרא. און ווען איך בין פון דאָרט אַרויס — יאָ, סאָניע, עס איז אַ לאַנגע געשיכטע, פאַרוואָס כ׳בין פון שטיבל אַוועק — האָב איך זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. פון שטיבל האָבן זיי מיך אַרויסגעטריבן. זיי האָבן געזאָגט, אַז כ׳באַלאַנג מער נישט צו זיי און איך האָב אויך אַזוי געטראַכט. נאָר ווען כ׳בין געקומען אויף דער קאָר־מעליצקע גאַס צו דער פּאַרטיי און אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט אין אוני־ווערזיטעט, האָב איך זיך געפילט פרעמד און איינזאַם. איך האָב געזען ווי בחורים און מיידלעך לאַכן, ווי זיי נעמען זיך אַרום, ווי זיי קושן זיך, און דעמאָלט האָב איך געפילט, אַז כ׳געהער נישט צו זיי. כ׳האָב געוווסט, אַז כ׳באַלאַנג ווייטער צו דעם חסידים־שטיבל. און עס האָט מיר וויי געטאָן. כ׳האָב געוואָלט זיין גלייך צו די אַנדערע. כ׳האָב געוואָלט אַזוי לאַכן ווי זיי, אַזוי ריידן ווי זיי, אַזוי אַרומנעמען אַ מיידל ווי זיי. נאָר כ׳האָב נישט געקאָנט. כ׳ווייס נישט, סאָניע, צי דו וועסט מיך פאַר־שטיין. נאָר טיילמאָל זענען געווען נעכט, ווען מיין לייב האָט געגליט. איך האָב געוואָלט רייסן שטיקער פון מיין לייב און כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל זיך שוין נישט קאָנען דערוואַרטן דעם טאָג.

און דעמאָלט ביסטו, סאָניע, צו אונדז אין שטוב אַריינגעקומען. דו ווייסט נישט, סאָניע, וואָס דיין קומען איז פאַר מיר געווען. דו קאָנסט עס נישט וויסן. עס איז מיר געוואָרן אַזוי לייכט, ווען כ׳האָב געטראַכט, אַז אין אָוונט וועל איך דיך זען, וועל איך הערן דיין שטים, וועל איך קאָנען קוקן אויף דיר. כ׳האָב עס דיר געוואָלט זאָגן, נאָר כ׳האָב נישט געוווסט ווי אַזוי. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט זיך אויסלאַכן פון דעם שטיבל־בחור און עס זענען געווען צייטן, ווען כ׳האָב געטראַכט, אַז כ׳וועל קיינמאָל נישט קאָנען דורכרייסן די שטיבל־גאַרטל, וואָס פּענטעט מיינע הענט און פיס. ביי יאַנקלען אין שטוב האָב איך געהערט אים און זיינע פריינד ריידן וועגן מלכהלען. די רייד האָבן אָנגעצונדן אַ פייער אין מיין אינגעווייד. דו ווייסט נישט, סאָניע, ווי אַזאַ פייער ברענט. דו קאָנסט עס נישט וויסן. כ׳האָב זיך געשראָקן פאַר דעם פייער און כ׳האָב

געגאַרט צו זײַנע פּלאַמען. כ׳האָב געמיינט, אַז פון דעם פייער וועל איך אַרויס אַן איבערגעאַנדערשטער, אַז כ׳וועל דעמאָלט קאָנען זיין נעענטער צו דיר. כ׳נאַר דיך נישט, סאָניע. צוליב דעם האָב איך זיך געלאָזט שלעפּן פון יאַנקלען צו איר, צו מלכהלען. נאָר איצט זע איך, אַז עס איז אַנ־דערש ווי כ׳האָב געמיינט. כ׳בין אַרויס פון דעם פייער אַן איבערגעאַנ־דערשטער. אָבער כ׳בין נאָך ווייטער פון דיר, סאָניע. כ׳ווייס נישט צי כ׳מעג ביי דיר שטיין צי כ׳באַשמוץ דיך נישט מיט דעם, וואָס איך שטיי לעבן דיר...

אַזוי האָט ער, פּיניע, געטראַכט, דרייענדיק זיך אַהין און צוריק פאַרן טויער. ער האָט נישט געקאָנט איבערטרעטן די שוועל פון איר שטוב. ער האָט מורא געהאַט, אַז פון זיין פּנים, פון זיין שטערן, פון זייגע אויגן שרייט אַרויס זיין שאַנד. סאָניע וועט זיך דערשרעקן פאַר אים, זי וועט אַנטלויפן פון אים מיט אַ געשריי פון עקל.

ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס ווי אַלע אַנדערע מענטשן, נאָר ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס וואָס שטאַרבט אָפּ אין אים. ער האָט נישט געוווּסט וואָס, אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער ריח פון טויט טראָגט זיך פון אים. ער האָט פאַר דעם געפיל נישט געקאָנט גע־פינען קיין ווערטער. אָבער עס האָט אים אָנגעפילט מיט שרעק פאַר זיך אַליין. ער האָט נישט געוווּסט אַז אַזוי קאָן אָפּשטאַרבן אַן אַלטע מאָראַל. דורות לאַנגע האָבן די מאָראַל אויסגעהאָדעוועט. זיידעס מיט לאַנגע ווייסע בערד האָבן תעניתים און סיגופים, מיט תורה לערנען און מיט תפילות, מיט ציטערדיקע הענט אַ ציגל צו אַ ציגל געטראָגן און האָבן אויפגעשטעלט מויערן גאַנצע, וואָס האָבן די מאָראַל אויפגעהיט פון יעדן בייזן ווינט. באָבעס מיט גרויסע הייבן אויף די קעפּ, וואָס האָבן פאַרדעקט זייערע שטערנס, האָבן פאַרגאָסן טרערן ביי די אַלטע תחינות און האָבן מיט זייערע ווייסע הענט, ביי ליכט בענטשן, די מאָראַל גע־פלעגט און אויסגעדאַוועט. איז די מאָראַל געוואָרן איינס מיטן גוף און מיטן נפש און מיט דער נשמה. מ׳האָט זי אַפילו נישט געפילט. ווייל ווי אַזוי קאָן מען פילן דאָס, וואָס איז דו אַליין, וואָס איז איין אייגענער אָטעם, דיין וועזן און דיין לעבן. טיילמאָל ברעכט אויס אַ בונט אין האַרץ. מ׳וויל זיך באַפרייען פון דער אַלטער מאָראַל. מ׳וויל אַרויס פון די הויכע מויערן, מ׳וויל אַוועק פון די אַלטע זיידעס מיט די לאַנגע ווייסע בערד.

עס ווערט דערווידער צו קוקן אויף דער אַלטער באָבע, מיט דער גרויסער הייב און שעפּטשענדיקער תחינה־שטים. ער, פּיניע, האָט אַזוי זיך צע־בונטעוועט. ער האָט אָפּגעשוירן באָרד און פּיאות. ער האָט צוגעמאַכט די גמרא. ער האָט זיך געזעצט קנעלן אַנדערע ספרים. ער האָט אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך די אַלטע קאַפּאָטע און דאָס סאַמעטענע היטעלע. ער האָט שוין אַפילו געוועדט גוישע לשונות. די זקנה, וואָס דורות זיידעס און באָבעס האָבן אויסגעהאָדעוועט, האָט שטיל אין זיך געלאַכט און מיט קליינע טריטעלעך איז זי אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט אים באַגלייט אין וואַרשטאַט פון דרוקער אויף די נאַלעווקעס. און איז געווען מיט אים אין די טומלדיקע שטיבער פון דער אַרבעטער־היים אויף דער קאַרמעליצקע גאַס. זי האָט אָפט איינגעדרימלט, די אַלטיטשקע, ווען אַרום איר האָבן יונגע פּנימער געפלאַמט און פון זייערע מיילער האָבן זיך געריסן אַזעלכע מאָדנע ווערטער, ווי רעוואָלוציע און פּראָלעטאַריאַט און בונדיזם און ציוניזם און נאָך אַזעלכע שטייגער לשונות, וואָס די זיידעס האָבן פון זיי נישט געוווּסט. פּיניע האָט די דרימלענדיקע זקנה נישט געזען אין דעם אַרומיקן געטומל. ער האָט געמיינט, אַז ער איז פון איר פּטור געוואָרן. אַז די אַלטע אָפּגעלעבטע (אַזוי האָבן אַלע אַרום אים געזאָגט, אַז זי האָט אָפּגעלעבט, די יידישע מאָראַל און מ׳דאַרף זי מער נישט האָבן), מאָראַל שלעפּט זיך מער נאָך אים נישט נאָך. נאָר די אַלטיטשקע האָט אויך אין דרימל צו זיך געשמייכלט און ווען פּיניע איז אַוועק אויף דער קראָקע־ווער פאָרשטאָט, צו דעם גוישן אוניווערזיטעט, איז זי אויך דאָרט מיט אים געווען. שקצים מיט אַרויפגעשאַרצטע קורצע בעזער, שיקסעס מיט פלאַקסענע האָר, האָבן דאָרט געטומלט, האָבן געזונגען לידער, וואָס האָבן געגרילצט אין דער אַלטיטשקעס אויערן. אָבער זי איז אויך פון דאָרט נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט זיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל און, קיינער האָט זי נישט געזען, די אַלטיטשקע, וואָס אין האַלבן דרימל לאָזט זי נישט אַראָפּ פּיניען פון אויג.

פּיניע האָט פון איר נאָכגיין אים, נישט געוווּסט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז זי, די אַלטיטשקע, איז אַזאַ קונצנמאַכערין, אַז זי פאַרשטעקט זיך אין זיין אייגן האַרץ, ווו עס פעלט אים אַפילו נישט איין אַ זוך צו טאָן. און זי האָט אים ווייטער מיט דראָבנע טריטעלעך נאָכגעדרעפּטשעט. זי איז מיט אים מיטגעגאַנגען פרייטיק, צוזאַמען מיט יאַנקלען און די

יעקישע אָפּיצירן. זי האָט שווער געאָטעמט אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו מלכהלעס שטיבער. פרעמדע, איבלדיקע ריחות האָבן אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים, אָבער זי האָט ווייטער געדרעפּטשעט נאָך פּיניען מיט אירע דראָבנע טריטעלעך.

זי איז נאָך געוואָרן אומרואיק, ווען זי האָט דערהערט דאָס שיכורע געלעכטער און באַלד איז איר אומרו פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּחד. די ריחות פון תאווה האָבן איר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. און די אַלטיטשקע האָט דערפילט, אַז מער קאָן זי שוין נישט מיטמאַכן צוזאַמען מיט פּיניען דעם וועג. האָט זי זיך אויפגעהייבן שטיל פון איר באַהעלטעניש און האָט פאַרזיכטיק געעפנט די טיר צו די טרעפּ און האָט האַסטיק גענומען לויפן אַראָפּ.

קיינער האָט נישט געזען די אַלטיטשקע אַנקומען און נישט איר פּלוצלינגדיקן פאַרשווינדן. פּיניע האָט געלאַכט, שיכור פון בראָנפן און תאווה. ער האָט געפילט אויף זיך מלכהלעס הייסן אָטעם און ער האָט געמיינט, אַז ערשט איצט האָט די נייע, די פרעמדע וועלט, צו וועלכער ער האָט אַזוי געגאַרט, געעפנט פאַר אים איר טויער.

שפּעטער האָט ער נאָר געפילט אַ טומל אין קאָפּ און ערשט איצט דאַכט זיך אים, אַז אַלץ אין אים איז מיטאַמאָל אויסעהוילט און אויסגעליידיקט געוואָרן. ער ווייסט נישט וואָס נאָר עס קומט אים פאָר, אַז עס שטאַרבט עפּעס אין אים, און אַז ער שוועבט אין אַזאַ טויטער פּוסטקייט, וואָס נעמט אים אַרום פון אַלע זייטן.

אַמאָל, ווען ער, פּיניע, איז געזעסן אין שטיבל, האָט ער אין די אָוונטן, ווען קיינער זעט נישט, געכאַפּט אַ קוק אין די קליינע קבלה־ספרימלעך. אַ שוידער איז דאַן דורכגעלאָפן זיין לייב. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט איבער זיין קאָפּ שוועבן די מלאכים און שרפים, און אַ ציטער האָט אים אַרומגענומען, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פילט אויף זיין פּנים דעם קאַלט־גליענדיקן אָטעם פון דער סטרא אחרא. ער האָט מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש געלייענט, ווי די סטרא אחרא קאָן אָפּטייטן די פונקען פון קדושה און ער האָט געלייענט ווי אַזוי צו פאַרטרייבן די סטרא אחרא מיט פאַסטן און רייניקן זיך, מיט שבועות און שמות. היינט אָבער, זענען די אַלע ווערטער וועגן סטרא אחרא און קדושה פאַר פּיניען אַ פּוסטער קלאַנג. ער ווייסט נאָר, אַז עס איז פּוסט

אַרום אים און אין אים. די אַלטע מאָראַל איז אין זיין האַרץ אָפּגעשטאָרבן און קיין אַנדערע אויף איר אָרט האָט ער דערווייל נישט געפונען. גייט ער ביי סאָניעס זייט איבער דער באַלעבטער גאַס און פילט זיך אויסגע־ליידיקט און אָפּגעשטויסן.

ער וואָלט געוואָלט הערן פון סאָניען כאָטש אַ פאָרוואורף. ער וואָלט געוואָלט זען כאָטש בייזקייט אין איר בליק. ערגער איז וואָס זי איז צומאָל נישט בייז. ער גייט לעבן איר און זי זעט אים נישט. ער האָט אויפגעהערט פאַר איר צו עקזיסטירן.

ער ווייסט נישט נאָך וואָס ער גייט לעבן איר. נאָר די פיס שלעפּן זיך מעכאַניש נאָך.

מאַניע קוקט פון אַ זייט אויף פיניען.

— וואָס איז היינט מיט דעם יינג? — טראַכט זי — ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּנים ווי ער וואָלט עמיצן דערמאָרדעט.

— פעליקס זאַקס — טראַכט זי — האָט געהאַט מער גליק פאַר אים און ער ווייסט דאָס.

זי פילט אַ מיטלייד צו אים. זיי זענען שוין דאָ אויף דער קרולעווס־קאַ גאַס. באַלד וועלן זיי צוקומען צו דער געביידע פון דעם פאָרום פון די יונגע.

— איר וועט אַריינגיין מיט אונדז צו דער פאַרזאַמלונג, הער העכט — זאָגט זי צו פיניען.

זי וואַרט נישט אויף פיניעס ענטפער און ווענדעט זיך צו סאָניען:

— מירן אים נישט אָוועקלאָזן, סאָניע, זאָל ער אויך זיך לאַנגווייליקן פון די דרשות, ריכטיק, סאָניע?

מאַניע נעמט אים אונטערן אָרעם און זאַלבעדריט גייען זיי אַריין אין טויער.

(ענדע פון בוך איינס)

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 129

Copyright by
D. Flinker, Tel Aviv, Israel

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 27 de junio de 1957, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Corrientes 1976, Bs. Aires

DAVID FLINKER

NUEVOS TIEMPOS

(NOVELA)

TOMO I

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1957